STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01725

DI GESHIKHTE FUN YUDEN IN POYLEN

Samuel Hirschhorn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. הירשהארן

די געשיכטע
פון יודען אין פוילען

פון פיער-יעהריגען סיים ביז דער וועלט-מלחמה

1788—1914

תרפ"ג—1923

פערלאג „ברידער לעווין-עפשטיין און שותפים", ווארשא

Drukarnia
L. Lewin - Epsteina
Warszawa, Pawia 36

אינהאלט

א בליק אויף דער געשיכטע פון יודען אין פוילען — — — — VII
די יודישע לאגע אין פוילען בעת'ן 4=יעהריגען סיים — — — א
דער קאסציושקא=אויפשטאנד — — — — — — — — יח
די פרייסישע הערשאפט (1795—1806) — — — — — — כח
דאס ווארשאווער פירשטענטום (1807—1813)— — — — — — לב
די קאנגרעס עפאכע. קעניגרייך פוילען — — — — — — מב
ווערטער און מעשים פון דער נייער ווארשאווער רעגירונג — — נא
די געזעלשאפטליכע מיינונג — — — — — — — — נה
דאס אינערליכע יודישע לעבען — — — — — — — נט
דער „יודישער קאמיטעט“ — — — — — — — — סג
די יודישע מאראלישע אויסבעסערונג — — — — — — סט
די השכלה בעוועגונג און איהרע חסרונות — — — — — ער
די ווירטשאפטליכע בעציהונג — — — — — — — — פ
דער ערשטער פוילישער „ציוניסט“ — — — — — — — פז
דער נאוועמבער=אויפשטאנד — — — — — — — — פט
צווישען די פוילישע עמיגראנטען — — — — — — — צא
אין ניקאלאי'ס צייטען — — — — — — — — — קג
„דער פויליש=יודישער קריעג“ — — — — — — — — קט
וועלאפאלסקי'ס רעפארם — — — — — — — — — קיז
דער יאנואר אויפשטאנד — — — — — — — — — קכו
דאס אינערליכע יודישע לעבען — — — — — — — קמח
די ענטוויקלונג פון אנטיסעמיטיזם — — — — — — — קסב
דער פאגראם אין ווארשא — — — — — — — — — קסח
פון פאגראם ביז דער רעוואלוציע — — — — — — — — קפ
די ווירטשאפטליכע לאגע — — — — — — — — — קצח
די רוסישע רעוואלוציע — — — — — — — — — רא
אין דער באיקאט=צייט — — — — — — — — — רלב
דאס אינערליכע יודישע לעבען — — — — — — — רנט
יודען אין דער ארבייטער=בעוועגונג — — — — — — — רצ
קוועלען — — — — — — — — — — — — — — רצח

אַ בליק אויף דער געשיכטע פֿון יודען אין פוילען.

1.

בײַם דורכשניטליכען עולם עקזיסטירען אַזעלכע מיינונגען וועגען דער לאַגע פון די יודען אין פוילען, וואָס האַלטען נישט אויס די מינדעסטע קריטיק. דאָס נעהמט זיך פֿון צווייערליי סבות. פון איין זייט זענען פאַרהאַן געוויסע פוילישע פּאָליטיקער, וואָס ווילען פֿערשטעלען פֿאַר אונזערע אויגען דאָס בילד פֿון דער איצטיגער צייט, פון דער ג ע ג ע נ וו אַ ר ט, וועלכע האָט דאָך גאָר אַ קנאַפּען חן, און דערום בעמיהען זיי זיך פֿאָרצושטעלען אין איבערטריבענע ראָזיגע פאַרבען די פ ע ר ג אַ נ ג ע נ ה יי ט, און זיי פֿאָדערן פֿון די יודען דאַנקבאַרקייט—צי פאַר דער בעריהמטער „גאַסטפֿריינדליכקייט", צי פאַר דער „אונגעוועהנליך - הומאַניטאַרער בעהאַנדלונג" פֿון יודען אין פוילען אין פֿערלויף פֿון די הונדערטער יאָהרען. פון דער אַנדער זייט האָבען מיר די אַסימילאַטאָרען, וועלכע אַגיטירען דערפאַר, אַז דאָס יודענטום זאָל פֿערשווינדען און די יודען זאָלען זיך פֿאָלשטענדיג צונויפגיסען מיט דער פוילישער נאַציאָנאַליטעט, און דערום בעמיהען זיי זיך איינצוריידען די יודען, אַז זייער גאַנץ אומגליק ליעגט אין דעם סעפּאַראַטיזם, דערצו נאָך—נישט אין דעם רעליגיעזען, נאָר אין דעם נאַציאָנאַלען.

סיי די ערשטע (די פוילישע פּאָליטיקער), סיי די אַנדערע (די אַסימילאַטאָרען) שטעלען-פֿאָר די זאַך אַזוי: ווי לאַנג פוילען האָט אַליין בעל-הבית'עוועט מיט זיך, האָט זיך די יודען געלעבט אויסגעצייכענט, די צרות פֿון יודען אין פוילען הויבען זיך אָן צוזאַמען מיט די פּאָליטישע אומגליקען פון פוילען גופא, און אַרויסגעקומען זענען זיי, די יודישע צרות, געגען דעם ווילען פֿון די פּאָליאַקען.

אַלזאָ, אויב מיר ווילען זיך שאַפֿען אַ גענוי בילד פֿון די פויליש-יודישע בעציהונגען פון דער צייט, ווען די פוילישע מלוכה איז געפאַלען, ביז'ן היינטיגען טאָג, מוז מען חאָטש פֿון אויבען-אויף וואַרפֿען אַ בליק אויף דער געשיכטע פֿון יודען אין פוילען זינט יענע צייטען, ווען זיי האָבען זיך אינ'ם דאָזיגען לאַנד בעזעצט.

2.

זינט ווען וואוינען שוין יודען אין פוילען?

אַפילו ווען מען זאָל אַוועקלעגען אָן אַ זייט די אונזיכערע ידיעות, וועלכע ווייזען-אָן אויף יודישע שפורען אין פוילען נאָך אין די צייטען וואָס פאַר די פּיאַסטען, איז אַלענפאַלס היסטאָריש דערוויזען, אַז אַ יודישער ישוב אין פוילען איז געוועזן שוין אין 9-טען יאָהרהונדערט, ווען פוילען האָט נאָך גאָר נישט געהאַט עקזיסטירט אַלס מלוכה. יודען זענען אָנגעקומען קיין פוילען טיילווייז פון מזרח, דערהויפּט אָבער פון מערב, דהיינו — פון דייטשלאַנד אין בעהמען. פון דאָרט האָט מען זיי אַרויסגעטריבען דערפאַר, וואָס די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון דער איינגעבוירענער בעפעלקערונג האָט שוין דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז אין די יודען האָט מען זיך שוין מעהר נישט גענויטיגט און אויפ׳ן גרונד פון דעם האָט געוואַקסען און זיך פערשאַרפט דער האַס, די אונטאָלעראַנץ פון דער קריסטליכער מלוכה צו די „נישט-גלויביגע“ יודען. אָבער אין פוילען, חוץ דעם, וואָס דאָס קריסטענטום איז נאָך דאָ פאַקטיש נישט געוועזן שטאַרק איינגעוואָרצעלט, זענען די יודען עקאָנאָמיש נויטיג געוועזן פאַר דער ענטוויקלונג פון דער מלוכה, וועלכע האָט זיך ערשט געהאַלטען אין בויען. דאָס זענען געוועזן די אמת׳ע סבות. די „הומאַניטעט“ שפּיעלט דאָ נישט די מינדעסטע ראָליע און אומזיסט וויל מען דאָ זוכען „גאַסטפריינדליכקייט“, „הויכע מענשליכקייט“ א. ד. גל. און דאָס פאָלק האָט אויך נישט קיין שייכות צו דער דאָזיגער זאַך, ווייל דאָס פאָלק האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט די מינדעסטע דעה אין אַזעלכע ענינים, זיין ווילען האָט זיך דאָ נישט אויסגעדריקט, נישט מען האָט ביי איהם געבעטען און נישט עס האָט געקאָנט געבען זיין הסכמה, און ממילא פאַלט שוין אָב די טענה וועגען דער „דאַנקבאַרקייט, וואָס מען איז שולדיג דעם פוילישען פאָלק פאַר דער „גאַסטפריינדליכקייט“...

יודען זענען אַריינגעלאָזט געוואָרען קיין פוילען דורך די מלכים, פאַר וועלכע זיי זענען נויטיג געווען צוליעב די פערשיעדענסטע מאָטיווען. דהיינו:

יודען, אַלס אַ פאָלק, וואָס פערנעהמט זיך פון קדמונים-אָן מיט מסחר און וואָס האָט די ברייטעסטע בעציהונגען צוליעב דעם, וואָס עס איז צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, זענען פעהיג געווען צו ענטוויקלען אין לאַנד דעם האַנדעל. אויף יודען, אַלס מענשען פון אַנ׳אַנדער גלויבען, האָט מען געקאָנט אַרויפלעגען שווערע שטייערן און נישט געבען זיי קיין שום רעכט — אַ סך לייכטער און זיכערער, ווי אויף די היימישע קריסטליכע בעפעלקערונג. און טאָמער דאַרף מען אָבנאַרען דאָס אייגענע פאָלק און אַרויסלאָזען מטבעות פון אַ קלענערן ווערטה, איז בעסער פון אַלץ צו בענוצען זיך מיט די יודען אַלס פערמיטלער ביי דער דאָזיגער זאַך, וואָרום שפּעטער וועט מען שוין קאָנען מאַכען, אַז דאָס פאָלק זאָל אויסלאָזען דעם כעס צו זיי, צו די יודען... ענדליך, די יודען, אַלס נישט-קריסטען, קאָנען דורכפיהרען אַזעלכע אָפּעראַציעס,

וועלכע זענען, טאקע גאנץ נוצליך, אבער קריסטען קאנען זיך מיט זיי צוליעב רעליגיעזע מאטיווען נישט פערנעהמען, אדער די הערשענדע שליאכטע מיט איהרע איינריידענישען מאוס'ט־זיך פון זיי.

3.

אט דאס איז דער גרונד פון די „פריווילעגיעס", וואס די יודען האבען אין יאהר 1264 בעקומען פון מלך באלעסלאוו דעם פרומען און אין די צייטען פון קאזימיר דעם גרויסען, פון 1334 ביז 1368, זענען זיי פערברייטערט געווארען (דער וויסליצער סטאטוט). דער יוד ווערט אבגעהיט אלס דעם קעניג'ס אייגענטום, פאר א יודענ'ס א קאפ קאן קאנפיסקירט ווערען דאס פערמעגען, נישט, חלילה, לטובת דער פאמיליע פונ'ם אומגעקומענעם יוד, אדער לטובת דער קהלה, צו וועלכער ער האט אנגעהערט, נאר לטובת דעם הערשער. קיין שום וואיעוואדא טאר נישט פאדערן קיין שטייערן פון יודען — „וואָרום מיר האלטען זיי פאר אונזער אוצר".

איבריגענס, נישט בלויז יודען זענען אין יענע צייטען אנגעקומען קיין פוילען: עס האבען איינגעוואנדערט אויך דייטשען, וועלכע האבען איינגעווארצעלט אין דעם עקאנאמיש־אבגעשטאנענעם פוילען די התחלות פון דארפישער און שטאדטישער ווירטשאפט. אבער פאר דער „גאסטפריינדליכער" מלוכה זענען די דייטשען געווען נישט אזוי בעקוועמער עלעמענט אויף עקספלואטירען, אזוי ווי יודען, וואָרום אלס קריסטען פאדערן זיי רעכט, אין וועלכע מען קאן זיי טאקע נישט אבזאגען אויך, ווייל זיי זענען קינדער פון א מעכטיגער מלוכה און נישט אזוי ווי יודען, אומעטום פערפאלגטע, אהן אנ'אייגענער ערד אונטער די פיס. און דערום האבען טאקע די דייטשען נישט בלויז לייכט ערווארבען רעכט פאר זיך, נאר אלס קריסטליך בירגערטום האבען זיי באלד אנגעהויבען פאדערן רעפרעסיעס פאר די נישט־גלויביגע—פאר די יודען...

און כדי די „נישט־גלויביגע" זאלען נישט זיין לחלוטין אבהענגיג פונ'ם יושר פון די „גלויביגע", האבען די יודען בעקומען אויטאנאמיע פאר זייערע קהלות, און ס'איז געשאפען געווארען דער „קהל". די דאזיגע קהלה־אויטאנאמיע איז געווען פונקט אזוי נויטיג פאר דעם קעניג, ווי פאר די יודען. פון קהל האט דער קעניג גרינגער געקאנט אויסזויגען שטייערן איידער פון יעדען יוד בעזונדער; פון דער אנדער זייט קאן קהל לייכטער זיך פערטיידיגען, ווי יחידים, און דאס איז פאר דעם קעניג גאנץ בעקוועם, ווייל א רואיגירטער, פאגראמירטער יוד איז נישט קיין געשמאק ביינדעל פאר דער מלוכה־קאסע.

א סך גורם געווען דערצו, אז די יודען זאלען בעקומען די קהלה־אויטאנאמיע, האט די בעציהונג פון דער דעמאלדיגער פוילישער מלוכה צו דער בעפעלקער.נג פון אנדערע נאציאנאליטעטען. פוילען איז נישט געווען א מלוכה פון איין נאציאן. פון אנהויב־אן, זינט די פוילישע מלוכה איז ענטשטאנען, האבען די פאליאקען צונויפגעבונדען זייער גורל מיט די ליטווינער, וועלכע זענען געווען פון אנ'אנדער אבשטאמונג, געהאט אנ'אנדער שפראך, אנ'אנדער

גלויבען, אַנדערע זיטען, נאָר פונדעסטוועגען האָבען די פּאָליאַקען קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזען די נויגונג צו פּאָלאָניזירען זיי, אַפּילו דעמאָלט, ווען פּוילען האָט פּאָליטיש נאָך שטאַרקער זיך פאַראייניגט מיט ליטאַ, דורך דער לובלינער אוניע פון יאָהר 1569. אויסער די ליטווינער זענען נאָך געווען תושבים אין פּוילען, ווי מיר האָבען שוין דערמאָהנט, דייטשען, וועלכע האָבען געביל־דעט דעם גרעסטען טייל פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג, און אויך די דייטשען האָט פּוילען גאָר נישט געהאַט בדעה צו שטערען אָבצוהיטען זייערע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אייגנאַרטיגקייטען. אדרבה, די פּוילישע שליאַכטע, די דאָזיגע „טרעגערין פון דער פּוילישער אידעע״, האָט געגעבען די שטעדט מיט דער דייטשער בעפעלקערונג דאָס „מאַגדעבורגער רעכט״ און די נאַציאָנאַלע אָבגעזונדערטקייט פון די דייטשען איז דורכדעם בעוואָרנט געוואָרען... **אויף דעמזעלבען אופן האָט פּוילען זיך בעצויגען אויך צו די יודען.**

די יודען, וואו נור זיי האָבען זיך בעזעצט, האָבען זיי זיך בעמיהט איינצואָרדנען זייער לעבען אַזוי, אַז זיי זאָלען קאָנען אָבהיטען זייער רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אָבגעזונדערטקייט, און דאָרט, וואו דאָס האָט נישט אָנגעטראָפען אויף קיין שטערונגען, זענען די אָבגעזונדערטע אָרגאַניזירטע יודישע קהלות געווען שטאַרק און דויערהאַפטיג. דאָסזעלבע איז אויך געווען אין פּוילען. אין יאָהר 1514 האָט דער מלך זיגמונט דער ערשטער בעשטימט צוויי גענעראַל־פּרעפעקטען יודען, איינעם פאַר פּוילען, דעם צווייטען פאַר ליטאַ, וועלכע האָבען בעדאַרפט איינקאַסירען די שטייערן פון די יודען און האָבען געהאַט דאָס רעכט אַריינצולעגען אין חרם. אָבער די יודען האָבען נישט געוואָלט אָנערקענען דעם כח פון די דאָזיגע „רעגירונגס־רבנים״,— האָט מלך זיגמונט ערלויבט די יודען איינצואָרדנען צוזאַמענפאָהרען פון די יודישע רבנים און ראשי־הקהלות, צו וועלכע עס זענען איבערגעגאַנגען די פונקציעס פון די בעשטימטע גענעראַל־פּרעפעקטען. די דאָזיגע רבנים־צוזאַמענפאָהרען האָבען זיך פערנומען נישט בלויז מיט'ן ענין פון די שטייערן, נאָר אויך מיט דער איינאָרדנונג פונ'ם אינערליכען יודישען לעבען.

4.

אין 14־טען יאָהרהונדערט האָבען די יודען אין פּוילען זיך פערנומען מיט האַנדעל און דערהויפּט מיט אויסבאָרגען געלד. זייערע קליענטען זענען געווען די מלכים, די העכערע בעאַמטע, די שליאַכטע, אַמאָל אויך דער בירגערליכער קלאַס. די סאַמע לעבהאַפטע בעציהונגען האָבען געהאַט מיט יודען די ערד־בעזיצער, וואָרום גרעסערע באַנקירען זענען געווען וועניג צווישען יודען און דאַנעגען איז געווען אַ גרויסע צאָהל קלענערע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען געקאָנט געבען נישט קיין גרויסע הלואות. אגב האָט די שליאַכטע מעהר חשק געהאַט צו באָרגען ביי יודען, ווי ביי דייטשען,—פערשטעהט זיך, נישט צוליעב זייער יודען־פריינדשאַפט אָדער זייער דייטשען־האַס, — נאָר דערפאַר, ווייל די

דייטשען, אלס קריסטען, האבען שוין גענומען קאנקורירען מיט די פריצים און האבען שוין אנגעהויבען שטרעבען צו זייערע רעכט אלס נייער קלאס, אלס בורזשואזיע. אבער די יודען, די דאזיגע „אונגלויביגע", האט מען דאך געקאנט טרעטירען כסדר און אהן א גבול.

דערפאר האט דאס דייטשע בירגערטום אנגעהויבען פונאנדערצובלאזען די שנאה צו יודען. ווארום די יודען זענען געווען זייערע קאנקורענטען אין האנדעל, אין געלד-מסחר און מיט דער צייט אויך אין דער האנדווערקעריי. עס האט זיך אנגעהויבען די אגיטאציע, אז יודען זענען פיינד פון קריסטענטום, בלוט-בלבולים זענען ארויף אויף די סצענע, און דאס רעזולטאט פון דער דאזיגער אגיטאציע זענען געווען — פאגראמען. און פאגראמען, דארף מען שטענדיג געדענקען, האבען א דאפעלטע „מעלה": ערשטענס, ווערט דער צוראבירטער יוד בכלל אונשעדליך געמאכט אלס קאנקורענט און, צווייטענס, ווערט מען אליין נתעשר פון דעם צוראבירטען יודישען פערמעגען.

און נאך א קאטעגאריע שונאים האבען יודען געהאט: די פוילישע גייסטליכקייט, די גלחים. ווארום די מיטעלאלטערליכע בעגריפען האבען געלערנט, אז קיין שום זאך קאן נישט אזוי פערשטארקען דעם גלויבען, ווי א שטראף-צוג געגען די אונגלויביגע. אמת, פון צייט צו צייט האט עמיצער פון די הויכע גלחים פראטעסטירט, סיי געגען דעם בלוט-בלבול, סיי געגען די גוואלט-טהאטען, אבער זעלטען האבען די דאזיגע פראטעסטען געווירקט.

5.

אין 15-טען יאהרהונדערט האט די איינוואנדערונג פון יודען קיין פוילען זיך פערשטארקט. אמת, די אנגעקומענע יודען האבען נישט פערמאגט קיין גרויסע קאפיטאלען; דערפאר אבער האבען זיי פערמאגט גרויסע סוחר'ישע געניטקייט און ערפאהרונג, ווייט-פערשפרייטע בעציהונגען און צוליעב דעם האבען זיי געשפיעלט א גרויסע ראליע אין דער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון פוילען.

אויף דעם פוילישען טראהן זענען אין יענע צייטען געזעסען: דער בייער זוהן פון דער קאטוילישער קירך וולאדיסלאוו יאגעלא, וולאדיסלאוו דער 3-טער, וועלכער האט נישט מאריך ימים געווען אויפ'ן טראהן, קאזימיר דער יאגעלאנער — א קעניג מיט א שוואכען כאראקטער, זיין זוהן יאן אלברעכט — א מלך אהן איבריגע פעהיגקייטען. יאגעלא האט פון איין זייט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דעם יודען-פרעסערישען קלער (גלחים), אבער פון דער אנדער זייט האט ער זיך געגוויטיגט אין די יודען. צוליעב דעם זעהען מיר, אז א געוויסע צאהל יודען האט בעקומען ביי איהם פריווילעגיעס — דאס זענען געווען די סוחרים און ארענדארען פון פאדאטקעס, אבער גלייכצייטיג האט ער פערבאטען די יודען אויסצולייהען געלד אויף שריפטליכע פערפליכטונגען. דער איינפלוס פונ'ם קלער האט זיך נאך מעהר פערשטארקט אין די צייטען פון קאזימיר דעם יאגעלאנער. ווען דער דאזיגער מלך האט בע-

שטעטיגט דעם קאַזימיר-סטאַטוט, האָט דער חרון-אַף פון קלער זיך צופלאַקערט און זיי האָבען אויסגעפיהרט, אַז די יודישע פּריווילעגיעס זאָלען ווערען בטל, אַלס אַ זאַך, וואָס איז „געגען דעם דין פון גאָט און די משפטים פון דער ערד״. זאָבער נאָכגעבענדיג אויף אַ שענדליכען אופן דעם קלער, בענוצט זיך דער קעניג אין דער פּראַקטיק מיט דער פערמיטלונג פון יודען און קוקט דורך די פינגער אויף דער איינוואַנדערונג פון יודען קיין פּוילען, ווייל ער דאַרף די יודען האָבען. דערפאַר האָט זיך יאַן אַלברעכט אויסגעצייכענט מיט זיין אונטאָלעראַנץ: ער האָט בעשטעטיגט דעם סטאַטוט פון בעגרענצונגען פאַר יודען און געשאַפען אין קראָקאָ דאָס ערשטע יודישע געהעטאָ אין פּוילען.

אין דער דאָזיגער גאַנצער צייט — ביז דעם 16-טען יאָהרהונדערט — האָבען די פּריצים, די שליאַכטע, נישט בעצויגען-זיך פיינדליך צו יודען. זיי האָבען פערנומען דערוויל אַ נייטראַלע פּאָזיציע בנוגע יודען, וואָרום דער וואוקס פון דער קריסטליכער בורזשואַזיע האָט אַרויסגערופען אַן'אונצופריעדענהייט ביי די פּריצים: די בירגער האָבען אָנגעהויבען פערשאַפען זיך נחלאות און ווערען גלייך מיט די פּריצים בעלי-בתים איבער דער ערד. אָבער די יודען זענען געווען פאַר די פּריצים אַ שטילער, בעשיידענער עלעמענט, וואָס גיט הלוואות, און חוץ דעם זענען יודען געווען די אָבנעהמער פון זייערע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען. די יודען האָבען געהאַט די מעלה, וואָס זיי האָבען גוט געקענט די פרעמדע מערק; די קריסטליכע סוחרים האָבען זיך נישט געטויגט דערצו, און די יודען האָבען אַלזאָ פערבונדען האַנדעלס-בעציהונגען סיי אין מזרח, סיי אין מערב, וואָס איז געווען אַ גרויסע טובה פאַר פּוילען.

און דערפאַר האָט די שליאַכטע זיך בעצויגען צו יודען מיט „חסד״.

6.

אַלזאָ, טראָץ די בעגרענצונגען זענען דער 15-טער יאָהרהונדערט און די ערשטע העלפט פון 16-טען יאָהרהונדערט געווען אַ תקופה, אין וועלכער דער יודישער האַנדעל האָט שטאַרק געבליהט און געוואַקסען. אָבער דערנאָך האָט דער וואוילשטאַנד פון די יודען אָנגעהויבען זיך וואַקלען—צוערשט אונטער די שטאַרקע קלעפּ פון דער קריסטליכער בורזשואַזיע, און דערנאָך אונטער דעם דרוק פון דער שליאַכטע אַליין, וועלכע האָט אונטער דער צייט זיך געשטאַרקט, בייגעקומען די פערהאַסטע בורזשואַזיע און געבראַכט דערצו, אַז דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון די שטעדט זאָל פאַלען. פּוילען איז געוואָרען אַן'אַריסטאָקראַטישע רעפּובליק, אין וועלכער די מאַכט פון מלך איז אָבגעשוואַכט געוואָרען און ס'איז בערעכטיגט געוואָרען דאָס סיסטעם פון שטאַנדען. צוליעב דעם, וואָס די ממשלה איז פּאַקטיש אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די פּריצים און דער קעניג האָט אָנגעוואָהרען זיין פריהערדיגע שליטה, האָבען די יודען פערלוירען זייער שוץ און אונטערשטיצונג; און צוליעב דעם, וואָס דער סדר פון שטאַנדען האָט זיך בעפעסטיגט, איז דער גורל פון יודען פערערגערט גע-

ווערן, ווייל זיי האָבען נישט אָנגעהערט צו קיין איינעם פֿון די שטאַנדען אין דער מלוכה. דאָס האָט זיך בעלויזט מערקען שוין צום סוף 15-טען און אָנהייב 16-טען יאָהרהונדערטס. נאָך אַדאַנק דער בעציהונג פֿון די טיכטיגע הערשער זיגמונט דער ערשטער, זיגמונט אויגוסט און סטעפֿאַן באַטאָרי, האָבען זיך נאָך די יודען געהאַלטען אויף זייערע אַלטע פּאָזיציעס און מיט דער הילף פֿון די קעניגליכע דעקרעטען און די ענערגישע אַרויסטרעטונגען פֿון די וואָיעוואָדעס האָבען זיי געפֿיהרט אַ קאַמפּף געגען די פֿיינדליכע עלעמענטען.

נאָך דאָס בירגערטום האָט ערקלערט די יודען אַנ'אָפֿענעם קאַמפּף. דערביי האָבען יעדע עטליכע שטעדט זיך פֿעראייניגט אין איין בונד, כּדי צו בעקומען אַ גרעסערע מאַכט. אין דערזעלבער צייט האָט אויך די שליאַכטע אויפֿגעהויבען איהר שטים געגען דעם, וואָס די יודען נוצען-אויס די רעכט פֿון פֿרייען האַנדעל, ווארום די פּריצים האָבען זיך שוין מעהר נישט גענייטיגט אין די יודען אַלס פֿערמיטלער: זיי אַליין האָבען שוין אָנגעהויבען פֿיהרען דעם מסחר מיט די לאַנדווירטשאַפֿטליכע פּראָדוקטען. אין סיים האָט מען אָנגעהויבען אָננעהמען בעשלוסען וועגען בעגרענצען די רעכט פֿון יודען צו האַנדלען אין די דערפֿער און צו נעהמען אין אַרענדע די איינקונפֿטען פֿון דער מלוכה (פּאָדאַטקעס א. ד. גל.). דער יודישער וואוילשטאַנד הויבט-אָן פֿון דעמאָלט אָן צו פֿאַלען, ווארום וואָס פֿאַר פּרנסות איז איבערגעבליבען די יודען אויסער דעם מסחר—קרעדיט-אָפּעראַציעס און האַנדווערקעריי?

נאָך וואָס אָנבעלאַנגט די קרעדיט-אָפּעראַציעס, האָבען שוין יודען נישט געהאַט וואָס צו פֿערבאָרגען, באַלדעם ווי זייער וואוילשטאַנד איז געפֿאַלען. פֿערקעהרט, אַצינד זענען זיי אַליין געצוואונגען געווען אָנצוקומען נאָך הלוואות צו די פּריצים, קסיענדזען, קלויסטערס און פֿערמעגליכע בירגער. דערפֿאַר איז כּסדר געוואַקסען די צאָהל יודישע האַנדווערקער.

אָבער די יודישע בעלי-מלאכות האָבען געמוזט פֿיהרען אַ קאַמפּף מיט די קריסטליכע בעלי-מלאכות, וועלכע זענען אַגב פֿעראייניגט געווען אין צעכען. די יודען האָבען געלעבט בעשיידען און דערום זענען זיי געווען אים-שטאַנד צו פֿערקויפֿען זייערע אויסאַרבייטונגען ביליגער, די קריסטליכע האַנדווערקער דאַגעגען האָבען געהאַט אַלס שוץ זייער קריסטליכקייט. די אינטערעסען פֿון די יודען און פֿון די קונים (וועלכע זוכען געוועהנליך צו קויפֿען וואָס ביליגער) האָט צייטענווייז גענומען אונטער זיין שוץ דער וואָיעוואָדע, — פֿאַר די אינטערעסען פֿון די צעכען האָט זיך אָנגענומען דער קלער.

צוליעב די בעמיהונגען פֿון דעם קריסטליכען בירגערטום איז די יודען פֿערוועהרט געוואָרען צו וואוינען אין די שטעדט, אָדער עס זענען פֿאַר זיי אָנגעוויזען געוואָרען געוויסע גאַסען, וואו זיי מעגען וואוינען — און פֿון דעם האָט זיך געשאַפֿען דאָס געטאָ.

אָבער אַזוי ווי נישט אַלע יודען האָבען געקאָנט אַריין אין דעם בעגרענצטען קוואַרטאַל, וואָס איז פֿאַר זיי בעשטימט געוואָרען, זענען פֿיעל יודען אַריבערגעגאַנגען וואוינען אין די פּריוואַטע מאַיאָנטקעס פֿון די פּריצים

און דאָרט האָבען זיי געגרינדעט נייע שטעדט. דאָרט זענען זיי שוין אָבהענ־גיג געווען בלויז פֿון דער שליאַכטע אַליין און דער מלך האָט ערקלערט דער־ביי מיט אַנ'אָפֿענעם ציניזם, אַז איצט האָט ער שוין נישט די פֿליכט צו שיצען די יודען, ווייל זיי ברייגגען איהם נישט קיין שום נוצען.

געגען די בעמיהונגען פֿון יודען צו בלייבען ביי זייערע רעכט צו פּיה־רען דעם האַנדעל האָט דאָס קריסטליכע בירגערטום זיך בעמיהט צו בעקומען פּריווילעגיעס אויף „נישט צו טאָלערירען די יודען". אין פֿיעל שטעדט האָבען זיי אויסגעפֿיהרט, בעקומען די דאָזיגע פּריווילעגיעס, לויט וועלכע די יודען איז אָדער איינגאַנצען פֿערוועהרט געוואָרען דאָרט צו וואוינען, אָדער זיי איז ער־לויבט געווען זיך אויפֿצוהאַלטען אין שטאָדט בלויז עטליכע טעג—גרעסטענטיילס בעת די סיימען, ד. ה. דעמאָלט, ווען די שליאַכטע, וועלכע איז זיך מאַסענ־וויין צונויפֿגעפֿאָהרען, האָט זיי געדאַרפֿט האָבען.

אין יאָהר 1525 זענען יודען אַרויסגעטריבען געוואָרען פֿון וואַרשא.

7.

מיט'ן טויט פֿונ'ם „לעצטען יאַגעלאָנער", זיגמונט אויגוסט, האָט דער פּוילישער טראָהן אויפֿגעהערט אַריבערצוגעהן בירושה און עס איז איינגעפֿיהרט געוואָרען דער פּרינציפּ, אַז דער מלך זאָל יעדעס מאָל אויסגעקליבען ווערען. דער דאָזיגער אומשטאַנד האָט נאָך מעהר פֿערשטאַרקט דעם איינפֿלוס פֿון דער „שליאַכטע", וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט'ן קלעריקאַליזם און האָט זיך בעצויגען פֿיינדליך צו יודען. די לאַגע פֿון יודען איז אַלזאָ אים אַלגעמיין נאָך טרויעריגער געוואָרען.

דער קעניג זיגמונט דער דריטער, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אונ־טער דעם איינפֿלוס פֿון די יעזואיטען, האָט אַפֿילו בעשטעטיגט די יודישע פּריווילעגיעס, אָבער געגען די שיקאַנען פֿון די יעזואיטען האָט ער גאָרנישט געטהון. די יודען איז פֿערוועהרט געוואָרען אויסצובויען שוהלען.

זיגמונט'ס זוהן, וולאַדיסלאַוו, האָט נישט געהאַט קיין שטענדיגע גלייכע בעציהונג צו יודען: דאָ האָט ער אָנערקענט פֿאַר יודען דאָס רעכט פֿריי צו האַנדלען, דאָ האָט ער נאָכגעגעבען דעם ווילען פֿון די יודען-פֿרעסערישע מאַגיסטראַטען. עס האָט זיך אָנגעהויבען פֿערשפּרייטען דער בלוט-בלבול, עס האָבען אָנגעהויבען אַרויסגעגעבען ווערען יודענפֿרעסערישע פּאַמפֿלעטען, און פֿיעל יודען זענען צוליעב דעם בלבול פֿער'משפּט געוואָרען צום טויט.

אין יענער צייט איז ביי יודען געשאַפֿען געוואָרען אַ נייע פּרנסה: אַרענדע פֿון פּריצ'ישע מאַיאָנטקעס און שיינקען. די פּריצים איז שטאַרק צו דער האַנד געווען די דאָזיגע אַרענדע, וואָרום דאָס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט גאָרנישט צו טהון און האָבען הכנסות און דערביי מאַכען פֿאַר'ן פֿאָלק דעם אָנשטעל, אַז די עקספּלואַטאַטאָרען און די פֿערשפּרייטער פֿון שכרות זענען נישט די פּריצים, נאָר די יודען,—הגם די פּריצים האָבען פֿאַקטיש דעם גרעסטען און פֿעטסטען טייל פֿון די הכנסות צוגענומען פֿאַר זיך און פֿאַר ד

יודישע אַרענדאַרען און שיינקער זענען איבערגעבליבען דאַרע ברעקלעך. אפילו די הויכע גלחים, וועלכע האָבען געוועהנליך געשאָטען אויף יודען מיט שוועבעל און פעך, אַלס אויף די פֿיינד פון קריסטענטום, האָבען זיך גאָר נישט געמאוס'ט פֿון די טובות פון דעם יודישען אַרענדאַר און יודישען שיינקער. און די יודען, וואָס אַלע אַנדערע פרנסות זענען פאַר זיי וואָס ווייטער אַלץ שווערער געוואָרען, האָבען נישט געקאָנט זיין קיין צו-גרויסע איבערקלויבערביים פֿערדיענען זייער ברויט, און זיי זענען געצוואונגען געווען זיך צו נעהמען צו די דאָזיגע טרויעריגע פרנסות. אין דערזעלבער צייט האָבען די יודען אָנגעהויבען אַריבערפֿאָהרען קיין אוקראַינאַ, וואו די פּוילישע פריצים האָבען געהאַט גרויסע מאַיאָנטקעס. אָבגעזעהן פֿון דער אַרענדע, האָבען דאָרט די יודען געגרינדעט נייע שטעדט, זיך פֿערנעהמענדיג מיט האַנדעל, מיט דער אויסאַרבייטונג פון סעליטרע און פּאָטאַש און אויך מיט פיש-פאַנג.

שווער איז געווען דעם יוד צו פֿערדיענען זיין ברויט, וואָרום אין האַנדעל איז ער געווען בעגרענצט. בלויז בעת די ירידים האָט ער געמעגט פֿערקויפען זיין סחורה — און דאָס אויך ביי גרויסע שוועריגקייטען; טאָמער האָט ער נישט בעוויזען אויסצובריינגען אויפ'ן יריד די גאַנצע סחורה, איז דאָס געווען פֿאַר איהם דאָס גרעסטע אומגליק, — איהם איז אויסגעקומען צו בלייבען רואינירט. און דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצען. דען לויט דער טאַקסע, וואָס די סיים-קאָמיסיע האָט איינגעפיהרט, האָט אַ פּאָליאַק געמעגט פֿערדיענען פון זיין סחורה זיעבען פּראָצענט, אַן'אויסלענדער — פיגף פּראָצענט, און אַ יוד — בלויז דריי פּראָצענט. די דאָזיגע טאַקסע האָט אינגאַנצען חרוב געמאַכט דאָס יודישע עקאָנאָמישע לעבען און דערום האָבען די יודען געפּרובט זיך נעהמען צו אַנדערע פּרנסות. עס איז כסדר געוואַקסען דער פּראָצענט פֿון יודישע בעלי-מלאכות, הגם דער יוד האָט געדאַרפט בייקומען אונגעוועהנליכע שוועריגקייטען, כדי צו ווערען אַ בעל-מלאכה. די צעכען האָבען קיין יודען נישט אָנגענומען, און פֿערנעהמען זיך מיט האַנדוועריקעריי, נישט געהערענדיג צו קיין צעך, איז געווען שטרענג פֿערבאָטען.

8.

דער סוף פֿון די פֿערציגער יאָהרען און דער אָנהויב פון די פֿופציגער יאָהרען פֿון 17-טען יאָהרהונדערט האָבען געבראַכט אַ סדרה מפלות פֿאַר דער פּוילישער מלוכה: דער קאָזאַקען-אויפשטאַנד אונטער חמיעלניצקי'ס אָנפיהרונג, די מלחמות מיט דער מאָסקווער מלוכה און מיט שוועדען.

אין די דאָזיגע שווערע צייטען האָבען די יודען אין פּוילען איבערגעלעבט די טרויעריגסטע מאָמענטען, אַזעלכע גזרות און הריגות, וועלכע דערמאָהנען מיט זייערע שרעקליכקייטען די צייטען פון די קרייץ-צוגען. דער דאָזיגער פּעריאָד (פֿון 1648 ביז 1658) איז בעוואוסט אין דער פּוילישער געשיכטע אונטער'ן נאָמען: „דאָס יאָהרצעהנדליג פֿון פּאָגראָמען". אין אוקראַינאַ איז דאָס פֿאָלק אויפגעשטאַנען געגען זיינע אונטערדריקער, די פּוילישע פאַנען — און דערביי

האָט דער דאָזיגער קאַמפף, צוליעב די נאַציאָנאַלע פערשיעדענהייטען, אָנגענומען סיי אַ דעמאָקראַטישען, סיי אַ נאַציאָנאַלען האַראַקטער. און מערקווירדיג! ביים אוקראַינישען פויער איז אויסגעקומען, אַז דער יוד איז נישט בלויז אַ געוועהר פון דעם פּאַנ׳ס עקספּלואַטאַציע, נאָר אויך אַ געוועהר פונ׳ם פּוילישען דרוק — דערזעלבער יוד, וועלכער איז אונטערדריקט געווען סיי דורך דער שליאַכטע, סיי דורך דער פּוילישער מלוכה, איז עס געווען דער פּוילישער אונטערדריקער פון דעם אוקראַינער פויער... דערצו נאָך האָט דער יוד, אַלס נישט קיין קריסט, אַרויסגערופען אַ שנאה צו זיך צוליעב זיין רעליגיע סיי ביים פּאָליאַק, סיי ביים אוקראַינער. און דאָס האָט דער פּוילישער שליאַכטע געגעבען אָפּט די מעגליכקייט אָבצוווענדען פון זיך דעם גאַנצען צאָרן פון די קאָזאַקען און זייער דורשט צו נקמה און צו העצען זיי בלויז אויף די יודען.

חוץ אַלעם האָבען די יודען אין אוקראַינאַ געהאַט זייער געוועהנליכען פיינד—דאָס קריסטליכע בירגערטום, וועלכעס האָט זיך אויך בעטייליגט אין די אויפשטאַנדען און האָט, אָהן שום צווייפעל, געשפּיעלט אין זיי אַ הערשענדע ראָליע אַלס אַ מעהר אינטעליגענטער און געשיקטער עלעמענט. דער פויער, דער קאָזאַק, האָט אַלזאָ געשלאָגען דעם יוד אויך דערפאַר, וואָס ער, דער יוד, קאָנקורירט מיט אַ פרעמד בירגערטום. דער פויער האָט נישט פערשטאַנען, אַז דער יוד, פערקויפענדיג ביליגער זיין סחורה אַלס סוחר אָדער אַלס בעל-מלאכה, ראַטעוועט ער דערמיט איהם, דעם פויער גופא, פון אַ צו-גרויסער עקספּלואַטאַציע.

גלייכצייטיג אין פּוילען גופא האָבען די פּאָליאַקען חושד געווען די יודען, אַז זיי סימפּאַטיזירען מיט די שוועדען, און זיי האָבען פּאָגראָמירט די אומ-גליקליכע יודישע בעפעלקערונג נישט ערגער פאַר די קאָזאַקען.

די לאַגע פון די יודען איז געוואָרען אַזוי שרעקליך, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ יודישע עמיגראַציע צוריק—פון מזרח קיין מערב.

9.

וועט פּוילען איז אַ ביסעל צו-זיך געקומען נאָך די מפּלות איהרע, האָט מען אָנגעהויבען קלערען וועגען גורל פון די יודען, וועלכע זענען געווען פּאָלשטענדיג רואינירט. די מלכים: יאַן קאַזימיר (ביז׳ן יאָהר 1669), מיכאַל וויסניעוועצקי (פון 1669 ביז 1873) און יאַן סאָביעסקי (פון 1673 ביז 1699) האָבען זיך בעמיהט צו פערלייכטערן דעם טרויעריגען צושטאַנד פון די יודען און זיי האָבען אָנערקענט פאַר זיי געוויסע פּריווילעגיעס. אָבער פון דער אַנדער זייט האָבען די סיימען בעגרענצט די רעכט פון יודען און דאָס האָט צוזאַמען מיט דער קלעריקאַלער אַגיטאַציע און די שפּיצלעך פון דעם קריסטליכען בירגערטום געמאַכט צו-נישט די דעקרעטען פון די מלכים.

די אַנאַרכיע, וואָס האָט געהערשט אין פּוילען אין די צייטען פון די אויגוסטען, האָט אויך געווירקט שטאַרק צום שלעכטען אויף די לאַגע פון די יודען. אויף די יודען, וועלכע זענען שוין פריהער גענוג פעראָרימט און

פֿעראומגליקט געוואָרען, האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען פֿרישע רעפּרעסיעס, וועלכע האָבען געשטאַמט אָדער פֿון דעם עגאָאיסטישען בירגערטום און פֿון דער שליאַכטע, אָדער פֿון די פֿאַנאַטישע גלחים, וועלכע האָבען זיך דערמיט אויסגעצייכענט מיט אַ ספּעציעלער אונטאָלעראַנץ געגען אַנדערש-גלויביגע בכלל און געגען יודען בפרט.

אַלזאָ, ערב יענער עפּאָכע, זינט וועלכער מיר הויבען-אָן צו געבען אַ געגויע בעשרייבונג, זענען שוין די יודען נישט בלויז דערפֿיהרט געווען צו אַ צושטאַנד פֿון דלות און נויט, נאָר זיי האָבען נאָך געהאַט צו בעצאָהלען ריזיגע חובות, וועלכע זענען געלעגען ווי אַ שווערע משא אויף די קהלות. די דאָזיגע חובות זענען געשאַפֿען געוואָרען טאַקע צוליעב די צרות און דער רעכטלאָזיגקייט פֿון די יודען. דער חורבן פֿון זייער האָב-און-גוטס דורך רויבערייען און אונטערצינדונגען, די אָנשטעקענדע קראַנקהייטען, דער יקרות אויף לעבענס-מיטלען, דער קריזיס אין האַנדעל און אינדוסטריע, די שווערע קאָנטריבוציעס און די הויכע שטייערן האָבען געצוואונגען די יודען אויסצובאָרגען געלד סיי ביי וועלטליכע פּערזאָנען, סיי ביי גלח'ישע אינסטיטוציעס און פֿערזעצען ביי זיי די גהלאות פֿון קהל. און אויסער די פֿאָרמעלע שטייערן האָבען נאָך די יודען געהאַט צו צאָהלען שטענדיגען שוחד, לאַפּובקע, פֿערשיעדענע בעאַמטע, מאַגנאַטען, פּריצים, דעם בירגערטום, דער גייסטליכקייט און אַפֿילו די נידריגע עפּעטליכע משרתים, ענדליך די סטודענטען—כדי מען זאָל זיי וועניגער דריקען און מען זאָל זיי נישט שיקאַנירען. כדי צו קאָנען אויספֿיהרען די דאָזיגע אַלע פֿליכטען, זענען די יודישע אָרגאַניזאַציעס געצוואונגען געווען צוריפֿצולעגען אויף די קהלות שווערע שטייערן און נאָך אַלעם דעם איז עס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אַלע סומען, וואָס מען האָט אויסגעצויגען פֿון די קהלות, האָבען נישט געקלעקט אויף צו דעקען די גאַנצע סומע פֿון די שטייערן, נאָר קוים אויף צו צאָהלען פּראָצענט פֿון די חובות.

10.

די אינערליכע אָרגאַניזאַציע פֿון די יודען—ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט—איז ענטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער אויסערליכער לאַגע און אויך מיט זייערע טראַדיציעס. די מלכים, וועלכע האָבען געהאַלטען די יודען פֿאַר זייער אייגענטום, פֿאַר זייערע שקלאַפֿען, איז געווען בעקוועמער צו האָבען צו טהון מיט אַזעלכע אָרגאַנען, וועלכע זאָלען זיין פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דער איינקונפֿט פֿון די שטייערן און איבערהויפּט פֿאַר דעם גאַנצען כלל יודען אין אַלע הינזיכטען. דעסגלייכען איז אויך די יודען געגאַנגען דערין, זיי זאָלען קאָנען לעבען ווי אַ כלל, ווארום דאָס האָט זיך געפּאַסט צו די טראַדיציעס פֿון זייער פֿערגאַנגענהייט און עס איז אויך געלעגען אין די אינטערעסען פֿון זייער געגענוואַרט. אַזוי-אַרום איז געשאַפֿען געוואָרען דער „קהל".

אין עקאָנאָמישער הינזיכט האָט דער „קהל" פֿון איין זייט געשיצט דעם

יודישען האנדעל און די יודישע האַנדווערקעריי געגען די מאָנאָפּאָליסטישע פּרעטענזיעס פון די קריסטליכע קאָנקורענטען, און פון דער אַנדער זייט האָט ער רעגולירט די אַרבייט פון די יודען און געשיצט די מאַטעריעלע אינטערעסען פון די איינצעלנע מיטגליעדער פון דער קהלה געגען נייע יודישע איינוואַנדערער, וועלכע זענען אַראָבגעקומען וואוינען אין דעמזעלבען אָרט. אין רעליגיעזער הינזיכט האָט דער קהל בעוואָרנט דאָס רעכט צו שטעלען שוהלען, צו האָבען בתי-מדרשים, מנינים, צו עפענען בית-עלמינ'ס. אַלס אָרגאַן פון דער זעלבסט-פערוואַלטונג, האָט דער קהל בעוואָרנט די מיטגליעדער פון דער קהלה, אַז משפט'ן זאָלען זיי זיך אין אַ יודישען בית-דין און זאָלען נישט דאַרפען אָנקומען צו קריסטליכע געריכטען. פאַר יודען איז דאָס געווען אַ גליק, ווען מען נעהמט אין אַכט די שנאה פון דער איינגעבוירענער בעפעלקערונג צו יודען. דער קהל האָט אויך געהאַט די השגחה איבער די אָרימע-לייט און קראַנקע (דערהויפּט דורך דער הילף פון חברות), ער האָט זיך פערנומען מיט דער איינאָרדנונג פון חדרים און מיט דעם ריכטיגען צוטיילען די שטייערן פאַר דער מלוכה, סיי די אַלגעמיין-יודישע, סיי די אָרטיגע.

אָבער נישט אין אַלע צייטען האָט די יודישע זעלבסט-פערוואַלטונג ערפילט איהר מיסיע, ווי עס דאַרף צו זיין. די מיטגליעדער פון דער יודישער קהלה זענען, ווי דער שטייגער, ווייט נישט קיין איינהייטליכע מאַסע אין געזעלשאַפטליכער הינזיכט; אויך אין די ראַהמען פון דער יודישער קהלה עקזיסטירט די פערטיילונג אויף פערשיעדענע קלאַסען. צוזאַמען מיט די רייכע אַרענדאַרען און סוחרים האָבען אָנגעהערט צו דער קהלה די וועניג-בעמיטעלטע און אָרימע בעלי-מלאכות און הענדלער, און ממילא האָט אויך אין קולטורע-לער הינזיכט זיך אַרויסגעוויזען אַנ'אונגלייכהייט. אין דער קהלה זענען געווען די גרעסטע לומדים און יודעי-תורה צוזאַמען מיט עם-הארצים, הגם דאָס קענען לעזען און שרייבען האָט מען שוין דעמאָלט געהאַלטען אַלס אַ פליכט-זאַך פאַר יעדען יוד.

אין דער קהלה זענען, אַלזאָ, ווי צווישען יעדער בעפעלקערונג, גע-שאַפען געוואָרען העכערע און נידריגערע קלאַסען, אַריסטאָקראַטיע, „פני" און המון, מאַסע. די ערשטע זענען געווען אין קהל דער העכסטער, הערשענדער שטאַנד, די אַנדערע זענען געווען די בעהערשטע, די, וואָס האָבען נישט קיין דעה און מוזען נור פאָלגען. הגם אין פּרינציפּ האָבען געמעגט זאָגען אַ דעה, געהאַט שטים-רעכט, די אַלע פולבערעכטיגטע מיטגליעדער פון דער קהלה, ד. ה. די שטענדיגע איינוואוינער פון דער קהלה (וואָרום די ניי-צוגעקומענע האָבען בעקומען דאָס דאָזיגע רעכט ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבען כסדר אָב-געוואוינט אין דער קהלה אַ געוויסע צאָהל יאָהרען), וועלכע האָבען געצאָהלט אַ בעשטימטען מינימום שטייערן,—פונדעסטוועגען איז די מאַכט פאַקטיש אַריינ-געפאַלען אין די הענד פון דער אַריסטאָקראַטיע, די „פני" — לומדים און גבירים.

די שטרעבונג פון די הערשענדע קלאַסען, פון די „פני", פעסט צו

האַלטען זייער פּאַקטישע געוועלטיגונג איבער דער מאַסע וויזט זיך אַרויס ערשט אין אָנהויב פון 18-טען יאָהרהונדערט. אין דער העלפט פון'ם יאָהרהונדערט, ערב די צוטיילונגען, ווערען די קלאַסען-בעציהונגען אַזוי פערשאַרפט, אַז אין משך פון עטליכע צעהנדליגג יאָהרען ווערט דאָס לעבען פון די יודישע גמינעס פערוואַנדעלט אין אַנ'אונגאויפהערליכען קאַמף צווישען די אָנהעגגער און געגנער פון קהל. דער קאַמף ווערט נאָך קאָמפּליצירט מחמת דער צו-שפּאַלטונג אין דער קהל-אַריסטאָקראַטיע גופא, אַ צושפּאַלטונג אויפ'ן באָדען פון דער שטרעבונג מצד דער וועלטליכער יעראַרכיע צו דער בעגרענצונג פון דער רבנישער יעראַרכיע.

11

אַ חוץ די קהלה עקזיסטירט נאָך אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע בינדעט צונויף אַ גאַנצע ריִיה פון די קהלות: דאָס זענען די ועדים (סינאָדען). פאַר פוילען עקזיסטירט אַ קרוין-ועד, פאַר ליטא אַ ליטווישער ועד. דער ועד טראָגט דער ערשטער אין פערשיעדענערליי פעריאָדען פערשיעדענע נעמען: דער ועד פון דריי, פון פיער און אַפילו פון פינף, אָבהענגיג פון דער צאָהל פּראָווינצען, וואָס אין איהם געהען אַריין (גרויס-פוילען, קליין-פוילען א. אַז. וו.) אונאָבהענגיג פון פיסקאַלישער טעטיגקייט, רעגולירט דער ועד דאָס גייסטיגע און עקאָנאָמישע לעבען פון'ם גאַנצען פוילישען יודענטום; צווישען דעם צענטראַלען ועד און דער קהלה עקזיסטירט אויך אַ מיטלסטער אָרגאַן — ועד-הגליל, אָדער סיימיק, וועלכער פעראייניגט אונטער זיין הערשאַפט אַ גאַנצע ריִיה נאָהנט-ליגענדע קהלות.

די געוועלטיגונג פון דעם וועלטליך-גייסטליכען העכערען יודישען קלאַס ברענגט צו אַזעלכע רעזולטאַטען, ווי די הערשאַפט פון יעדער אַנדערער אַריסטאָקראַטיע און קלער. אָנהויבענדיג פון 18-טען יאָהרהונדערט שטעהן זיך אויפ'ן אַדרעס פון ועד אָנקלאַגעס וועגען מיסברויכען. ביי אַנ'אונאָבהענגיגען קיום פון די יודען, וואָלט דערדאָזיגער פולשטענדיג-באַרמהאַלער קאַמף פון די אונטער-דריקטע קלאַסען מיט די פּריווילעגירטע געבראַכט צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון די יודישע אינסטיטוציעס, צוליעב דעם אָבער וואָס די יודען זענען אָב-העננגיג פון די פוילישע רעגירענדע ספערען האָבען די אין עצם גערעכטע בעשולדיגונגען פון די אָרימע קלאַסען אין רעזולטאַט געבראַכט צו דער פער-שמעלערונג פון דער יודישער זעלבסטפערוואַלטונג.

אינ'ם קליינעם וועלטעל פון'ם פוילישען יודענטום שאַפט זיך אַ סיטואַציע, וואָס איז ענליך צו דער, וועלכע הויבט אָן צו עקזיסטירען אין דער גרעסערער אַלגעמיין-מלוכה'שער וועלט. דאָרט האָבען די אינערליכע

סכסוכים דערפיהרט צו דער אַריינמישונג פון די שכנ׳ישע מלוכות, וועלכע האָבען נור אויסגעקוקט, ווי אַזוי צו מינערן די פוילישע רעכט; דאָ האָט די פוילישע רעגירונג „איינגעשטילט״ די יודישע מחלוקת׳ן דורך דער בעגרענצונג פון דער יודישער זעלבסט־פערוואַלטונג. אין יאָהר 1764 זענען די ועדים קאַסירט געוואָרען און איינגיכען האָט אין די פוילישע קרייזען איבערהויפט זיך אָנגעהויבען אַן אַגיטאַציע געגען דער עקזיסטענץ פון אָבגעזונדערטע יודישע אָרגאַניזאַציעס.

12.

דער קלאַסען־קאַמפף, וואָס איז ענטשטאַנען צווישען די יודען, האָט אויך אָנגענומען, ווי יעדער קלאַסען־קאַמפף אין יענע צייטען, די פאָרם פון אַ רעליגיעזען קאַמפף. אויף דער סצענע איז אַרויף דער חסידיזם, וועלכער האָט פערקערפערט אין אַ רעליגיעזער אידעע די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען אינ׳ם קהלה־לעבען געגען די יודישע הערשענדע קרייזען. געגען דעם סדר, אַז נור די לומדים און נגידים קאָנען פערנעהמען דעם אויבען־אָן און דער פשוט׳ער עולם שטעהט אויף אַ נידריגער מדרגה און טאָר נישט זאָגען קיין דעה, טרעט־אַרויס די מאָראַלישע אַגיטאַציע, אַז יעדער יוד איז גלייך חשוב פאַר׳ן רבונו־של־עולם, אַז פאַר גאָט זענען אַלע גלייך, סיי דער גרויסער למדן, סיי דער פשוט׳ער יוד, סיי דער גביר און סיי דער אָרימאַן, אַז יעדער יוד קאָן דערגרייכען צו דער מדרגה פון שלמות, אפילו ווען ער איז נישט דער למדן און דער עושר. די דאָזיגע אַגיטאַציע, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעזען עקסטאַז, איז געווען פאַלשטענדיג צוגעפאַסט צו דער געזעלשאַפטליכער אונצופריעדענהייט און צו דער גייסטיגער שטימונג פון די יודישע מאַסען, און צוליעב דעם האָט זי נאָך מעהר פערשאַרפט די בעציהונגען צווישען די קלאַסען. דער חסידיזם איז אַלזאָ געווען דער פּראָטעסט־לאָזונג געגען דער טעאָקראַטישער און פּלוטאָקראַטישער אָרדנונג אין יודישען לעבען (געגען דער הערשאַפט פון די רבנים מיט זייערע קרייזען און די גבירים) און, פערשטעהט זיך, אַז ער האָט אַרויסגערופען אַ שאַרפען ווידערשטאַנד מצד די, וואָס זייער עקזיסטענץ האָט זיך געשטיצט אויף דער דאָזיגער אָרדנונג.

13.

די מאַסגעבענדע קרייזען פון דער פוילישער געזעלשאַפט האָבען בנוגע יודען אייגענטליך נישט אַרויסגעשטעלט קיין שום פאָדערונגען, וועלכע זאָלען האָבען געשטרעבט צו דעם, אַז די יודען זאָלען בעגעהן אַ נאַציאָנאַלע זעלבסט־פערניכטונג, זאָלען אויפהערען צו עקזיסטירען אַלס בעזונדער פאַלק.

קיין „נאַציאָנאַל־שטאַט״ (אַ מלוכה, וואָס בעשטעהט בלויז פון איין נאַציאָן) איז פוילען קיינמאָל נישט געווען און דעמאָלט, ווען זי וואָלט שוין יאָ געהאַט די מעגליכקייט עס צו ווערען, איז זי שוין נישט געווען קיין אונאָבהענגיגע

מלוכה. צוזאַמען מיט די פּאָליאַקען — ווי ס׳איז שוין פֿריהער דערמאָהנט געוואָרען—זענען געבליבען ביי זייער נאַציאָנאַלער אָבגעזונדערטקייט די ליטווינער, דייטשען און אוקראַינער, און פּוילען האָט געגען דעם גאָרנישט געהאַט. און זי האָט טאַקע גאָרנישט געהאַט אויך געגען די נאַציאָנאַלע אָבגעזונדערטקייט פֿון די יודען. ווי מיר האָבען שוין געזעהן, האָט אין פּוילען קיין אַנטיסעמיטיזם נישט געפֿעהלט: אַלע פּוילישע שיכטען זענען געווען דערמיט דורכגעדרונגען. אָבער האַראַקטעריסטיש איז, אַז ביי דעם גאַנצען האַס צו יודען האָט קיינער אין דער אַלטער פּוילישער מלוכה נישט אויפגעוואָרפֿען זיי דעם „סעפּאַראַטיזם”, די שאַפֿונג פֿון אַ „מלוכה אין אַ מלוכה”, וואָרום די אינערליכע אויטאָנאָמיע איז געווען פֿאַר די פּאָליאַקען אַ זאַך, וואָס איז געווען פֿאַר זיי העכסט פֿערשטענדליך. פֿאַר די פּאָליאַקען איז פּאָלשטענדיג פֿרעמד געווען דער געדאַנק צוזיפֿצודריקען דעם גאַנצען מישמאַש פֿון די נאַציאָנאַליטעטען אין דער מלוכה אין איין פּוילישע נאַציאָנאַליטעט. קיין זאַך איז דער פּוילישער שליאַכטע נישט געווען אַזוי פֿרעמד, ווי די שטרעבונג צו אַסימילירען די יודען, כדי זיי זאָלען דערפֿאַר בעקומען גלייכבערעכטיגונג.

אָבער פּוילען איז אַ קריסטליכע מלוכה, אָדער בעסער געזאָגט: אַ קאַטוילישע, און אַלס אַזעלכע האָט זי נישט געקאָנט בעטראַכטען דעם „נישט־גלוביגען” יוד אַלס אַ גלייכען מיט דער פּוילישער בעפֿעלקערונג. אַלזאָ, די איינציגע פּרעטענזיע, וואָס פּוילען האָט געהאַט צו יודען, איז געווען בלויז די, וואָס זיי זענען נישט קיין קריסטען; אָבער אויך דערין זעהט מען נישט, אַז די הערשענדע פּוילישע קלאַסען זאָלען האָבען געהאַנדעלט קאָנסעקווענט. וואָרום ווען עס איז ענטשטאַנען די סעקטע פֿון די פֿראַנקיסטען אונטער׳ן איינפֿלוס פֿון די רדיפֿות און גזרות, און דער סוף איז געווען, אַז די אָנהענגער פֿון דער סעקטע האָבען זיך אָנגעהויבען מאַסענווייז אויסצו׳שמד׳ן, האָט דער קאַטוילישער קלער געמאַכט פֿאַר די פֿראַנקיסטען פֿערשיעדענע שטערונגען און ער האָט אפֿילו גע׳רודפֿ׳ט משומדים, מיט דער טענה, אַז ער גלויבט זיי נישט, אַז ער איז זיי חושד אין אַפּיקורסות.

געוויסע אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען מצד די פּאָליאַקען טרעטען־אַרויס ערשט שפּעטער, שוין נאָכ׳ן פֿאַלען פֿון דער פּוילישער מלוכה. אָבער דעמאָלט טראָגען זיי אַ דייטליכען אָדער שוואַך־פֿערמאַסקירטען חאַראַקטער פֿון אַ שמד־אַגיטאַציע. אגב האָבען דעמאָלט אַגיטירט פֿאַר דער אַסימילאַציע פֿון יודען, כדי זיי זאָלען בעקומען געוויסע בירגערליכע רעכט, בלויז איינצעלנע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אים אַלגעמיין געהאַט גאָר אַ קליינע ווירקונג און אויף דער בעהאַנדלונג פֿון די יודען דורך די מאַסגעבענדע פֿאַקטאָרען האָבען זיי קיין שום איינפֿלוס נישט געהאַט.

14.

קיין שום אויסגאַנג פֿון דער לאַגע האָבען די יודען אין פּוילען נישט געהאַט.

אַלס מענשען פֿון אַנ'אַנדער גלויבען און אַלס אַ מינדערהייט, זענען זיי אָבגעהאַנגען פֿונ'ם חסד פֿון די הערשענדע קרייזען אין לאַנד. נישט בלויז פֿאַר דער צוטיילונג פון פוילען, נאָר נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער זענען בלויז זייער שוואַכקייט און שוצלאָזיגקייט געווען די סבּה פֿון די רדיפות געגען זיי. כּדי צו פערענטפערן די אונטערדריקונג פון די יודען, האָט מען שטענדיג געהאַט תּרוצים, וואָס איינער איז געווען דער היפּך פֿונ'ם צווייטען. האָבען זיך די יודען געהאַלטען בעזונדער, האָט מען זיי פֿאָרגעוואָרפען זייער סעפּאַראַטיזם, האָבען זיי ווידער געקלעפּט צו די איינגעבוירענע מיטבירגער, האָט מען זיי בעשולדיגט, וואָס זיי „שטופּען זיך"; דאָ האָט מען זיי פאָרגעוואָרפען, וואָס זיי זענען רעאַקציאָנער, דאָ ווידער—וואָס זיי זענען פּראָגרעסיוו; האָבען זיי זיך פֿערנומען מיט „נישט-פּראָדוקטיווע" פּרנסות, האָט מען זיי פֿאָרגעוואָרפען, אַז זיי זענען ליידיג-געהער און עקספּלואַטאַטאָרען, — האָבען זיי זיך גענומען צו „פּראָדוקטיווער" אַרבייט, האָט מען געהאַט צו זיי טענות, וואָס זיי נעהמען-צו פּרנסה ביי דער איינגעבוירענער בעפֿעלקערונג.

דעם איינציגען שוץ,—אמת, גאָר אַ קנאַפּען,—האָבען די יודען געפֿונען אינ'ם געפֿיהל פֿון זייער רעליגיעז-נאַציאָנאַלער אַחדות, וואָס איז פֿערקערפּערט געווען אין די זעלבּסט-פערוואַלטונגס-אָרגאַניזאַציעס. אָבער עס האָבען זיך אָנגעהויבען פערשפּרייטען די צבוע'ישע פּראַזען, אַז די רעכטלאָזיגקייט פֿון די יודען איז בלויז אַ שטראָף פֿאַר זייער „סעפּאַראַטיזם", דערפֿאַר וואָס זיי שאַפֿען אַ „נאַציאָן אין אַ נאַציאָן" אָדער גאָר אַ „מלוכה אין א מלוכה". געווען אפשר פּאָליאַקען, וועלכע האָבען טאַקע דערין עהרליך געגלויבט, אָבער דער לאָזונג: „רעכט פֿאַר אַסימילאַציע" האָט נישט געהאַט קיין שום נוצען פֿאַר יודען, אדרבה, ער האָט נור געקאָנט זיין שעדליך, ווי באַלד די הערשענדע מעהרהייט פֿון די פּאָליאַקען האָט דעם לאָזונג נישט אָנערקענט.

די יודען ווידער, האָבענדיג אמונה אין דעם דאָזיגען לאָזונג, האָבען דערווייל נישט בלויז נישט געשטעלט זיך געגען די פּראָבּעס חרוב צו מאַכען זייער איינציגע שוץ-פעסטונג—די קהלה'שע זעלבּסט-פערוואַלטונג, נאָר זיי אַליין האָבען נאָך צוגעהאָלפען צום חורבן — דורכדעם, וואָס זיי האָבען זיך געווענדט נאָך הילף פֿון דרויסען און דורך די אינערליכע מחלוקת'ן. אָבער וואָס איז געווען דער סוף?

די יודישע זעלבּסט-פערוואַלטונג, וועלכע איז כּסדר צונומען געוואָרען, איז סוף-כּל-סוף דערפֿיהרט געוואָרען צום צושטאַנד פון כּמעט אַ פֿאָלשטענדיגער פֿערניכטונג, און קיין שום רעכט האָבען די יודען אָנשטאָט דער פערניכטעטער זעלבּסט-פערוואַלטונג נישט בעקומען. און האָט מען זיי אַמאָל אָנערקענט די אָדער יענע הנחות, זענען זיי געבליבען אויפ'ן פּאַפּיר. אַמאָל, אונטער'ן איינפֿלוס פֿון גרויסע היסטאָרישע איבערקעהרענישען, איז ווירקליך אויף אַ ווײַלע אַריין אין לעבען אַ טיילווייזע גלייכבערעכטיגונג; די יודען האָבען אָבער בעצאָהלט דערפֿאַר מיט שווערע קרבּנות און דאָס רעזולטאַט איז געווען, אַז עס האָבען זיך נאָך מעהר צוריסען די שוואַכע פֿעדים פֿון נאַציאָנאַלער אחדות,

אָבער באַלד נאָכ'ן ליכטיגען חלום איז אָנגעקומען די טרויעריגע ערוואַכונג. נאָך דער קורץ-דויערנדער „ברידערשאַפט" איז געקומען אַ לאַנגער מעת-לעת פון רעאַקציע, אין פערלויף פון וועלכער די יודען, אַלס אַבגעשוואַכטע, זענען נאָך געווען מעהר שוצלאָז צוליב די קלעפּ, וועלכע זענען אויף זיי געפאַלען.

ערשט אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען הויבט זיך אָן צווישען די יודען אַנ'אויסגלייכטערונג. פערשטעהט זיך, אַז דאָס שענקען רעכט אונטערן תנאי פון נאַציאָנאַלער אַפּלייקענונג קאָן האָבען אַנ'אָרט אויסשליסליך נאָר דאָרט, וואו יודען שטעלען מיט זיך פאָר אַנ'אונבעדייטענדע מינדערהייט, צוליב וועלכער עס לוינט נישט צו פערגוואַלטיגען די פּרינציפּען פון גלייכהייט און טאָלעראַנץ, וועלכע זענען פערפליכטענד פאַר אַלע איינוואוינער. דאָרט אָבער, וואו יודען שטעלען מיט זיך פאָר, ווי אין פוילען, אַ בעדייטענדען טייל פון דער בעפעלקערונג, וואו זיי וואוינען אין קאָמפּאַקטע מאַסען, וואו זיי שטעלען נאָך דערצו מיט זיך פאָר אַממעהרסטען די שטאָדטישע בעפעלקערונג, וועלכע שפּילען אַ בעדייטענדע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּאָליטישע ראָלע, דאַרף מען זיך דאָס רעכט אויסקעמפּפען, און דאָס וועט אַמווענינגסטענס קאָנען דערגרייכט ווערען דורך דאָס צוקלאַפּען די יודישע סאָלידאַריטעט, דורך דעזאָרגאַניזאַציע און אַטאָמיזירונג. עס איז אויך פערשטענדליך, אַז ווער עס וויל באמת אַנערקענען יודען גלייכבערעכטיגונג אין פוילען, מוז מסכים זיין צוצוטיילען זיי נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג, ווייל אָהן דעם לעצטען וואָלט די בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב.

די געשיכטע פון די יודען אין פוילען לאָזט זיך צוטיילען אויף דריי פעריאָדען. אין דעם אַמאָליגען פוילען האָבען יודען בעזעסען נאַציאָנאַלע רעכט, זיי האָבען אָבער נישט געהאַט קיין בירגערליכע רעכט. נאָך אַ לאַנגען פעריאָד פון קאַמפּפען פאַר פּאָליטישע רעכט פון איין זייט, און נאָך דער צושטערונג פון די זעלבסטפערוואַלטונג-אינסטיטוציעס פון דער צווייטער זייט, ערשט דאַן האָט ווילאָפּאָלסקי'ס סטאַטוט פון יאָהר 1862 געגעבען יודען געוויסע בירגערליכע רעכט, ער האָט זיי אָבער בערויבט די נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס ערשטע, ווי דאָס צווייטע, האָט נישט געפיהרט צום ציעל. פון דעמדאָזיגען טעזיס און אַנטיטעזיס מוז אַלזאָ אַדורכגעפיהרט ווערען אַ סינטעז. דאָס פריעדליכע צוזאַמענלעבען צווישען פּאָליאַקען און יודען איז נאָר מעגליך אויפ'ן גרונד פון אָנערקענען די יודען אין פוילען סיי בירגערליכע, סיי אויך נאַציאָנאַלע רעכט. אָט דאָס איז דער רעזולטאַט וועלכער בעקומט זיך אונבעדינגט נאָך אַ טיפערען בעקענען זיך מיט דער געשיכטע פון יודען אין פוילען.

די יודישע לאַגע אין פּוילען בעת'ן 4־יעהריגען סיים.

א.

די אונגליקען, וואָס זענען געקומען אויף פּוילען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערשטער צעטיילונג פון איהרע געביעטען צווישען די שכנות'דיגע מלוכות, האָבען אַרויסגערופען אַ בעוועגונג, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק אויפצולעבען די פּוילישע מדינה אין קולטורעלער און פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכער הינזיכט. אין דערהאָזיגער בעוועגונג האָבען זיך בעטייליגט די בעסטע מלוכה־לייט. צווישען די אַלע רעפאָרמען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג, האָט זיך אויך געפונען די יודען־פראַגע. די רעפאָרמען, וועלכע מען האָט געפלאַנט בנוגע יודען, האָבען געטראָגען אַ צווייפאַכיגען כאַראַקטער: אַ פּאָזיטיווען און אַ נעגאַטיווען. פון איין זייט האָט מען געוואָלט מבטל מאַכען די „יודישע אָבגעזונדערטקייט", ד. ה., מען האָט געוואָלט צונעהמען ביי יודען די אויטאָנאָמיע, וועלכע זיי האָבען דעמאָלט געהאַט אויפ'ן רעליגיעז־נאַציאָנאַלען געביעט, און פון דער צווייטער זייט האָט מען זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק צו געבען יודען בירגערליכע רעכט.

צום ערשטען טייל פון אָט דעם פּראָגראַם איז מען צוגעטראָטען תיכף, אָהן לאַנגע שהיות. קודם־כל האָט מען איבערגעאַנדערשט דאָס סיסטעם פון אויפמאָהנען פּאָדאַטקעס ביי יודען. אָנשטאָט דעם פריהערדיגען סדר, לויט וועלכען מען פלעגט נעהמען די אַלגעמיינע סומע פּאָדאַטקעס פון די „ועדים" *), וועלכע פלעגען שוין לויט'ן אייגענעם איינזעהן אַרויפלעגען די שטייערן אויף די איינצעלנע פּראָווינצען און קהלות, האָט מען ערשט איינגעפיהרט אַ גלייכען פּערזאָנען־אָבצאָהל צו צוויי גולדען פון יעדען פּערזאָן, אַ מאַנסביל, צי אַ פרוי, וואָס זענען עלטער פון אַ יאָהר. דיזאָזיגע רעפאָרם האָט געהאַט דעם צוועק צו פערגרעסערן די איינקונפט פונ'ם „קאָפּ־שטייער", וואָס איז, — ווי מען האָט זיך אָפט געקלאָגט אין די סיימען, — אַריינגעקומען צו־ווייניג ווערדיליג דער ווירקליכער צאָהל יודען. חוץ־דעם האָט דיזאָזיגע רעפאָרם געגעבען די מעגליכקייט אָבצושאַפען אינגאַנצען די צענטראַלע „ועדים" און די „ועדי־הגלילות" (קריי

---

*) אָנהויבענדיג פון דער צווייטער העלפט פון 16־טען יאָהרהונדערט פלעגען אין פּוילען זיך צונויפקומען פון צייט צו צייט די פאָרשטעהער פון די יודישע געמיינדעס, כדי צו בעטראַכטען די פראַגען, וואָס האָבען געהאַט אַן אַלגעמיין־יודישען אינטערעס. פון די צו־זאַמענפאָהרען האָבען זיך מיט־דער־צייט אויסגעבילדעט די יודישע סיימען, אָדער „ועדים", וואָס האָבען פערשפּרייט זייער מאַכט אויף דער גאַנצער פּויליש־יודישער טעריטאָריע.

עורים), און אינאיינעם דערמיט אָבגענומען ביי די קהלות זייערע פונקציעס און פּריוויליעגיעס צו מאָרגען און קאָנפיסקירען דאָס פערמעגען פון זייערע מיטגליעדער.

אַ סך שווערער איז עס אָבער צוגעגאַנגען מיט'ן צווייטען טייל רעפאָרמען. דער סיים פון די יאָהרען 1773—1775 האָט געהעכערט דעם קאָפּ־שטייער פון יודען ביז דריי גולדען פון אַ פּערזאָן, און האָט אויך אָנגעהויבען מאַכען אייניגע פּראָבעס פון אינערליכע רעפאָרמען. מיט'ן צוועק צוצוציהען יודען צו ערד־אַרבייט, האָט מען צוגעזאָגט געוויסע הנחות פאַר יודען — ערד־אַרבייטער. נאָכדעם האָט מען געמאַכט געוויסע שריט צו „רעגולירען" די יודישע חתונות; מען האָט געפאָדערט צו פערפליכטען די חתנים, זיי זאָלען נישט מסדר־קדושין־זיין ביי אַזעלכע יודען, וואָס בעשעפטיגען זיך נישט מיט אַזאַ אַרבייט, וואָס איז לויט'ן געזעץ ערלויבט, ווי: מלאכה, האַנדעל, ערד־אַרבייט, און וואָס קאָנען זיך נישט ערנעהרען פון אַן אַנדער בעשעפטיגונג. איבריגענס, זענען די דאָזיגע פאָדערונגען נישט דורכגעפיהרט געוואָרען אין דער פּראַקטיק.

ב.

אין יאָהר 1778 האָט דער געוועזענער קאַנצלער, אַנדרושיי זאַמאָיסקי, וואָס איז געוועזען איינער פון די וויכטיגסטע פערטרעטער פון דער נייער בעוועגונג, פאָרגעלעגט אַ פּראָיעקט פון נייע געזעצען, וואָס האָבען געזאָלט פערבעסערן די לאַגע פון די געדריקטע שיכטען. גלייכצייטיג האָט ער אויך צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט פון רעפאָרמען בנוגע יודען. דער לעצטער איז געוועזען צונויפגעשטעלט אין'ם אַלט־פּריצ'ישען גייסט, און האָט מעהר געציעלט צו „בעפרייען פוילען פון יודען, אַלס צו צווינגען יודען זיך צו אַסימילירען מיט'ן פוילישען פאָלק". לויט'ן אינהאַלט פון דער קאָנסטיטוציע פון 1768, זאָגט דער פּראָיעקט, אַז יודען מעגען וואוינען אין די שטעדט, לויט די אָבמאַכונגען, וואָס ווערען מיט זיי געשלאָסען, אָבער נור אין אַ בעזונדערען קוואַרטאַל; יודען מעגען, לויט'ן פּראָיעקט, וואוינען אויך אין די דערפער. אָבער דערזעלבער פּראָיעקט זאָגט ווייטער, אַז די דאָזיגע הנחות זענען נוגע נור יענע יודען, וועלכע „האָבען עפּיס אַ בעשעפטיגונג פון וואַנען צו לעבען און זיי ברענגען נוצען דער מדינה", און נור אַזעלכע יודען האָבען אויך דאָס רעכט חתונה צו האָבען.

לויט'ן דאָזיגען פּראָיעקט, איז יעדער יוד מחויב זיך צו שטעלען פאַר דער געהעריגער מאַכט און בעווייזען, אַז אַלס הענדלער פערמאָגט ער נישט־ווייניגער ווי טויזענד גולדען קאַפּיטאַל, אָדער אַז ער קען אַ מלאכה, ער איז אַן אַרענדאַר, אָדער ער בעאַרבייט ערד, און אַזוי ווי ער טאָר נישט בעזיצען קיין ערד־אייגענטום, קאָן ער נעהמען אַ פעלד אין אַרענדע, אָדער אָבדינגען אַ פערוואַקסען שטיק ערד אויף אַרויסצוראָבען די קשאַקעס און די וואָרצלען פון ביימער. דער פּראָיעקט זאָגט ווייטער, אַז אַלע זעקס יאָהר זאָל מען מאַכען אַ גענויע רעוויזיע פון אַלע יודען אין לאַנד, און די אַלע, וואָס ערפילען די אויבענדערמאָהנטע בעדינגונגען, דאַרפען בעקומען אַ צייגניש, צי אַ לעגיטימאַציאָנס־בילעט, אָהן וואָס זיי טאָרען זיך נישט ריהרען פון אָרט. „דער יוד, וואָס קאָן נישט בעווייזען קיין איינעם פון די דערמאָהנטע פּונקטען, איז מחויב אַרויסצופאָהרען פון פוילען אין משך פון אַ יאָהר צייט; ווען אָבער ער פערבלייבט, נישט־קוקענדי־

דערויף, ווייטער אין לאנד, ווערט ער דורכ'ן געריכט אריינגעזעצט אין תפיסה, אדער מען בענוצט איהם צו עפענטליכער ארבייט".

ווייטער פערוועהרט דער פראיעקט יודען צו זיין אנגעשטעלטע אין די אמטען פון פינאנץ-וועזען אין דער מלוכה, אין די עקאנאמישע געביעטען, ערלויבט זיי נישט צו ארענדירען אזעלכע מאיאנטקעס, "אין וועלכע זיי קאנען בעקומען די הערשאפט איבער קריסטען", פערוועהרט זיי צו האלטען ביי זיך קריסטליכע בעדיענטע, ליידען געלד אויף משכנות א. א. וו. אמת, דערזעלבער פראיעקט ערלויבט נישט צו טויפען יודישע קינדער אהן דעם הסכם פון זייערע עלטערן, אבער דערפאר פאדערט ער, אז "א יוד אדער א יודישע פרוי, וועלכע האבען זיך געטויפט, טארען בשום-אופן נישט האבען דערנאך קיין בעציהונגען מיט יודען. ווען דער געטויפטער אדער די געטויפטע מוזען זיך אונבעדינגט זעהן און רעדען מיט א יודען, דארפען זיי עס טהון נור אין דער אנוועזענהייט פון א קריסט; ווען נישט, ווערען זיי בעשטראפט: דער געטויפטער — אויף א וואך ארעסט, און דער יוד, וואס רעדט מיט איהם — אויף א חודש". ווייטער פאדערט זאמאיסקי, אז דער יודישער קהל זאל בעצאהלען אלע זיינע חובות, וואס ער איז שולדיג דער מלוכה, און אז מען זאל נישט לאזען די יודישע קהלות מאכען נייע חובות. עטליך זאגט-צו דער פראיעקט פאר יודען די זיכערקייט פון אייגענטום און פערזאן, ווי אויך די אונבערירליכקייט פון שוהלען און בית-עלמינ'ס.

ג.

אנ'אנדער כאראקטער טראגען די פראיעקטען פון אייניגע מעהר-פראגרעסיווע פובליציסטען און מלוכה-לייט, וועלכע געהען-ארויס פון שטאנדפונקט פונ'ם ענגלישען געלעהרטען דזשאן לאק, אז דעם מענשענס נשמה איז אזוי ווי א ווייסער טאוועל, אויף וועלכען די ארומיגע סביבה קאן שרייבען וואס זי וויל, און קאן זי ערציהען לויט איהר פערלאנג. שטעהענדיג אויף אט דעם שטאנדפונקט, האבען דיזאזיגע רעפארמיסטען געוואלט "ערציהען" די יודען און איבעראנדערישען זייער לעבען לויט'ן מוסטער פון די פויליש-קריסטליכע אידעאלען און מנהגים. בראש פון דעראזיגער ריכטונג זענען געשטאנען דער פינסקער דעפוטאט מאטשיי טאפאר-בוטרימאוויטש און טאדעאוש טשאצקי. ארויסגעבענדיג נאלאמאל, אין יאהר 1789, די בראשורע פון אנ'אנאנימען אויטאר, וואס איז שוין געוועזען ערשיענען אינ'ם יאהר 1782, אונטער'ן טיטעל "ווי אזוי איינצוארדנען די יודען אין פוילען", בעטראכט בוטרימאוויטש דעם געגענווערטיגען צושטאנד פונ'ם פוילישען יודענטום פון דרייפאכיגען שטאנדפונקט: פון רעליגיעזען, געזעצליכען און ערציהערישען. ער איז מודה, אז די יודישע רעליגיע האט מאראלישע יסודות און ענטהאלט נישט קיין שום שעדליכעס פאר דער געזעלשאפט, אבער דאך לענט ער פאר, אז מען זאל פערקלענערן די צאהל יודישע יום-טובים, וועלכע ברענגען, לויט זיין מיינונג, דערצו, אז ביי יודען זאל זיך פערגרעסערן דער חשק ארומצוגעהן פוסט-און-פאס און נישט וועלען טהון קיין שום ארבייט. אויסערדעם פערשאפען אט די דאזיגע פיעל יום-טובים אנ' "אונבעקוועמליכקייט פאר דער בעפעלקערונג". ער לענט אויך פאר, מען זאל פערוועהרען אריינפיהרען קיין פוילען אתרוגים, ווייל דורכדעם

פיהרען יודען אַרויס געלד פון פוילען קיין אויסלאַנד, און אויסערדעם בענוצען זיך
די גבאים און די קהל=פיהרער מיט די אתרוגים, כדי אַרויסצופּרעסען ביי די אָרימערע
יודען גרעסערע סומען געלד, וועלכע זיי צעטיילען דערנאָך צווישען זיך. צום סוף
דריקט=אויס בוטרימאָוויטש זיין פערלאַנג, מען זאָל מבטל מאַכען די „אָבגעזונדערט=
קייט פון מאכלים און כלים ביי יודען", ווייל דאָס ברענגט הערצו, אַז יודען זאָלען זיין
אָבגעשלאָסען און אָבגעטיילט פון קריסטען. ער זאָגט=אַרויס זיין מיינונג, אַז כדי צו
פערניכטען די אַלע „פעהלערן" בנוגע יודען, איז נישטאָ קיין בעסערע עצה, ווי צו
בעשטימען אַ קאָמיסיע פון די סיים=מיטגליעדער, און צו רעקאָמענדירען די יודען, זיי
זאָלען אויך אויסוועהלען פון זיך איינינע מנהיגים, כדי צו בעטראַכטען און אָננעהמען
די נויטיגע מיטלען אויף צו שליסען אַ דויערהאַפטען אָבמאַך (קאָנטראַקט) צווישען
די צוויי פעלקער, וועלכע האָבען ביז=אַהער געקעמפט צווישען זיך אין איין לאַנד".

דער אויטאָר פון דער בראָשורע מאַכט פאָרוואורפען די גרויס=געבער פונ'ם לאַנד,
דערפאַר, וואָס „זיי האָבען נישט אַריינגערעכענט די יודען אין איינעם פון די דריי
שטאַנדען, אויף וועלכע ס'האָבען זיך געטיילט די פוילישע בירגער: אַדעל=שטאַנד,
מעשטשאַנעס און פויערים, פאַרוואָס די געזעצען פון לאַנד האָבען שטענדיג גערעכענט
די יודען פאַר אַ פרעמד, אָבגעזונדערט פאָלק, מען האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף
וואַנדערער, מען האָט זיי נישט געגעבען דעם טיטעל „בירגער", מען האָט אויף זיי
אַרויפגעוואָרפען בעזונדערע שטייערן, זייער רעליגיע האָט געדיענט אַלס סבה צו רדיפות,
אונטערדריקונגען און פעראַכטונג. טהוענדיג דאָס אַלץ, — זאָגט דער אויטאָר ווייטער, —
האָט מען געוואָלט, אַז דער יוד זאָל מיט הכנעה טראָגען אויף זיך די קייטען און זאָל
נאָך קושען די האַנד, וועלכע האָט איהם אין דיזאָזיגע קייטען געשמידט. מען האָט
געוואָלט, אַז דער יוד זאָל זיין נוצליך פאַר'ן לאַנד, וואָס איז פאַר איהם נישט געווען
קיין פאָטערלאַנד, אַז ער זאָל זיין געטריי און איבערגעגעבען יענעם, וואָס דריקט איהם
אָהן אויפהער. דער יוד האָט זיך נישט געוואָלט אָבגעבען מיט ערד=אַרבייט, ווייל ער
האָט נישט געוואָלט איבערבייטען איין אָרימקייט אויף די צווייטע: ער איז ביז=אַהער
אַרומגעגאַנגען לעדיג און איז, אמת, געווען אָרים, אָבער נישט קיינעמס אַ קנעכט. דאָס
געזעץ האָט איהם פערווערט צו בעזיצען ערד=אייגענטום, אָבער ווערען אַ פויער און
אַרבייטען פאַר אַ פרעמדען און נישט פאַר זיך — דאָס האָט ער נישט געוואָלט. ער
האָט שטאַרק געוואָלט זיך בעשעפטיגען מיט האַנדעל און אינדוסטריע, נאָר די שטעדט
האָבען איהם אָדער איגנאָרירט, נישט צוגעלאָזט דערצו, אָדער זיי האָבען איהם נור ער=
לויבט צו זיין אַנ'איבערקויפער, אַ שאַכער. מען האָט דעם יודען פערוועהרט זיך צו
פערפאָלקאָמען אין מלאכה און קונסט, מען האָט פערמאַכט פאַר איהם די צעכען און
מאַגיסטראַטען. זייענדיג געדריקט פון אַלע זייטען און זוכענדיג פאָרט אַ מיטעל ווי=
אַזוי צו דערהאַלטען דאָס לעבען, איז דער יוד געצוואונגען געווען אויסצו'פועל'ן פער=
שיעדענע הנחות ביי די שטעדט. צווישען יודען און מעשטשאַנעס זענען שטענדיג גע=
שלאָסען געוואָרען פערשיעדענע אָבמאַכען, וואָס זענען נישט געווען דויערהאַפט און
זענען אויך קיינמאָל נישט ערפילט געוואָרען ווי געהעריג. ס'האָבען זיך אַלעמאָל גע=
פונען בעזיצער פאַר דעם אָדער יענעם צד, ס'האָבען זיך געבילדעט פאַרטייען, און
דער רעזולטאַט פלעגט זיין, אַז ביידע צדדים פלעגען קעמפען איינער מיט'ן צווייטען,

פלעגען איינער דעם צווייטען אויסמאַטערן, דער האַנדעל פלעגט אונטערגעהן, און צוזאַמען דערמיט — אויך אונזערע שטעדט".

איבערגעהענדיג צו דער אויטאָנאָמיע, וועלכע איז געבליבען ביי יודען און וואָס האָט זיי ערלויבט זיך צו בענוצען מיט די אייגענע געזעצען און מנהגים, בעדויערט דער אויטאָר, וואָס צוליעב דעם „האָט זיך געבילדעט אַ מין בעזונדערע מלוכה אין דער מדינה, און אַזוי ווי די יודישע געזעצען און מנהגים זענען זיך סותר מיט אַלע אונזערע געזעצען און מנהגים, מוז, נאַטירליך, דערפון אַרויסקומען אַ מישמאַש, מוז עס אַרויסרופען אונצוטרוי, פעראַכטונג און איין טייל בעפעלקערונג געגען צווייטען. קריסטען האָבען געהאַלטען, אַז ס'איז אַ יושר צו דריקען און האַסען אַ יודען, און פון דער צווייטער זייט האָט דער יוד געהאַלטען פאַר ריכטיג אָבצונאַרען אַ קריסט און איהם צו האַסען". צוליעב דעם אַלעמען לעגט דער אויטאָר פאָר, מען זאָל יודען פעררעכענען אין איינעם פון די בירגער-שטאַנדען, און אַנשטאָט ביזהעריגע וואַנדערער זאָל מען זיי מאַכען פאַר בירגער אינ'ם לאַנד, אין וועלכען זיי זענען ביז דאַן געוועזען ניט מעהר ווי געסט; ער פערלאַנגט, מען זאָל זיי אַריינעהמען אין שטאַנד פון מעשטשאַנעס און מען זאָל זיי געבען גלייכע רעכט מיט די קריסטען. אַלס פועל-יוצא דערפון דאַרף מען מבטל מאַכען אַלע בעזונדערע געזעצען, וועלכע מען האָט ביזאַהער אַרויסגעגעבען פאַר יודען, מען דאַרף איבערלאָזען דאָס יודישע קהל-געריכט, אָבער מיט'ן בעדינג, אַז אין איהם זאָלען זיך אויך בעטייליגען קריסטליכע אַסעסאָרען. אויסערדעם, דאַרפען אַלע שריפטליכע אורטיילען און בעווייזען פון די דאָזיגע געריכטען געשריבען ווערען אויף פויליש. דער אויטאָר טרעט אויך אַרויס געגען דעם קאָפּ-שטייער, וואָס מען האָט אַרויפגעלעגט אויף יודען, וואָס איז זעהר בעליידיגענד פאַר זיי, ווייל ער זעהט-אויס ווי אַ בעזונדער אָבצאָהל, וואָס איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף זייער רעליגיע. כדי ביסלעכווייז אַרויסצושטופּען די שפּראַך, וועלכע יודען געברויכען צווישען זיך, לעגט דער אויטאָר פאָר, אַז ניט נור די געריכטס-דאָקומענטען, נאָר יעדע פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ, אַלערליי קאָנטראַקטען, סוחר'ישע התחייבות'ן זאָלען זיין געשריבען ניט אַנדערש ווי אויף דער לאַנדס-שפּראַך. דערצו דאַרף מען אויך פערמאַכען די יודישע דרוקערייען אין לאַנד, מ'דאַרף פערווערען ברענגען יודישע ספרים און ביכער פון אויסלאַנד, און אַנשטאָט דעם זאָל מען זיי געבען די מעגליכקייט איבערצוזעצען און דרוקען אויף פויליש אַלע מיני ספרים און ביכער, וואָס זיי וועלען פערלאַנגען. דער אויטאָר שטעלט זיך אויך אָב אויף דער נויטיגקייט צו פערווערען די בעזונדערע אַרט יודישע קליידונג. ענדליך לעגט ער נאָך צו, אַז מען דאַרף ביסלעכווייז אָנהויבען צוציהען יודען צו מיליטער-דיענסט. „אַט דיזעלבע רעליגיע, וועלכע זיי האָבען איצט, האָט זיי ניט געשטערט אַמאָליגע צייטען צו פיהרען פעלקער. אויב דער יוד איז איצט אַ פחדן און אַ שוואַכער, איז דאָס אונזער שולד. ווען מיר וועלען נור איבעראַנדערשען די געזעצען און זיין ערציהונג, וועט דער יוד זיין אַזעלכער, ווי מיר פערלאַנגען".

בנוגע דער יודישער ערציהונג דריקט-זיך-אויס דער אויטאָר מיט די ווערטער: „די יודען האָבען ניט קיין שום מעגליכקייט זיך צו בילדען און זיך צו פערפיינערן, מען האָט זיי אויסגעשלאָסען פון די עפענטליכע שולען, מען דולדעט זיי ניט אין

קיין שום געזעלשאַפט, אַזוי ווייט, אַז צווישען יודען און אונז שטעהט, דאַכט־זיך, אַ הויכע וואַנד. דער יוד פעראַכטעט יעדען מין קענטניש, ווייל בילדענדיג זיין פאַמיליע, וואָלט ער נאָכמעהר אַרויסגעזעהן זיין עלענדען צושטאַנד אין'ם לאַנד; בעקומענדיג בילדונג, וואָלט ער נאָך געוועזען מעהר אומגליקליך, ווי איצט. ער בעמיהט זיך נור צו פערפאָלקאָמען אין דעם שטודיום פון זיין אייגענער רעליגיע. דיזאָזיגע רעליגיע זאָגט איהם צו, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען ער וועט זיין דער הערשער איבער דער גאַנצער וועלט. ער האָפט כסדר אויף יענער גליקליכער צייט, און דיזאָזיגע האָפנונג מאַכט איהם פערגעסען די צרות פון דער געגענוואַרט. וויסענדיג ווייטער, אַז מעהר וויסענשאַפט און בילדונג וועט נישט פערבעסערן זיין לאַגע, געפינט ער פאַר אַנגענעהמער צו האַלטען זיך ביי זיין אָבגענאַרטער האָפנונג. ער האָט מורא זי צו פערליערען, און ער וואַרט געדולדיג ביז מען וועט איהם אַ רוף טהון צוריק צום „ארץ זבת חלב ודבש".

בוטרימאָוויטש'עס פראָיעקט איז אַמעהרסטען כאַראַקטעריסטיש פאַר די רעמאָלטיגע פוילישע ראַדיקאַלען, פאַר יענע פון זיי, וועלכע זענען געוועזען פריינדליך געשטימט צו יודען. די איבריגע פראָיעקטען זענען געוועזען מעהר אָדער ווייניגער עהנליך צו בוטרימאָוויטש'עס, אַרויסשטעלענדיג דעם גרונד־מאָטיוו: עקסטע אַסימילאַציע, וואָס האָט געוואָלט אַרומנעהמען נישט נור די נאַציאָנאַלע פאָרמען, נאָר אויך, אין אַ געוויסער מאָס, די רעליגיע. דאָס דאָט, לויט די פראָיעקטען, געדאַרפט פערווירקליכט ווערען דורך געזעצגעבערישע פאָליציי־אישע מיטלען. בנוגע דאָס רעפאָרמירען די יודישע מנהגים, זענען אַנדערע פוילישע פובליציסטען געגאַנגען נאָך ווייטער, ווי בוטרימאָוויטש. וואָס אָנבעלאַנגט ווידער די יודישע רעכט, זענען אייניגע געוועזען ווייניגער, אַנדערע — מ ע ה ר פרייגעביג, דער ראַדיקאַל הוגאָ קאָללאָנטאַי, אַשטייגער, האָט געפאָדערט, מען זאָל יודען געבען גלייכע רעכט מיט דער איבריגער בעפעלקערונג; גלייכצייטיג דערמיט האָט ער געפאָדערט, מען זאָל איבעראַנדערשען די לעבענס־פאָרמען פון דער יודישער מאַסע, און איז אַוש דערגאַנגען צו דער פאָדערונג, מען זאָל פערווערען יודען צו טראָגען בערד און פאות; אויסערדעם האָט ער אויך געפאָדערט, מען זאָל מבטל מאַכען דעם יודישען „קהל".

ד.

אין'ם פיער־יעהריגען סיים, אָדער אַנדערש גערופען: דער גרויסער סיים, וואָס איז געזעסען פון 1788 ביז 1792, איז די יודישע פראַגע געשטעלט געוואָרען אויף דער טאָג־אָרדנונג אַדאַנק די בעמיהונגען פון בוטרימאָוויטש און פון קאַשטעליאַן יאַצעק יעזשערסקי, וועלכער איז געוועזען איינער פון די בעקאַנטעסטע אָנהענגער פון ראַדיקאַלע רעפאָרמען. דעם 22־סטען יוני 1790 האָט דער סיים בעשטימט אַ דעפוטאַציע (קאָמיסיע), וואָס האָט געוואָלט צונויפשטעלען אַ פראָיעקט פון רעפאָרמען בנוגע יודען. אַלס פאָרזיצענדער פון דער דעפוטאַציע איז בעשטימט געוואָרען דער אויבען־דערמאָהנטער יעזשערסקי. דערדאָזיגער פראָגרעסיווער קאַשטעליאַן איז געוועזען מעהר מערקאַנטיליסט ווי הומאַניסט, ס'הייסט, ער האָט מעהר גענומען אין אַכט די אינטערעסען פון האַנדעל און אינדוסטריע, ווי די ריין־הומאַנישע פרינציפען. ער האָט פערשטאַנען,

אז דאס לאנד קאן זיך גוט ענטוויקלען נור דאן, ווען עס וועלען רעגולירט ווערען די ווירטשאפטליכע בעציהונגען אין דער מדינה, און דערום האט ער געהאלטען, אז קודם כל איז נויטיג צו פערענטפערן די יודישע פראגע. לויט זיין מיינונג, זענען יודען געווען די איינציגע, וועלכע זענען געווען פעהיג צו פיהרען גרויסע עקספארט-געשעפטען, ארויספיהרען פון פוילען פראדוקטען קיין אויסלאנד און אריינפיהרען דערפאר גרויסע סומען געלד אין לאנד. אויף איינער פון די זיצונגען אין סיים האט ער צווישען אנדערען געזאגט: „איך רעכען די יודען פאר פוילישע, נוצליכע בירגער, וויל איך קען נישט אין פוילען קיין אנדערע סוחרים, אויסער יודען. ביי מיר הייסט א סוחר נור דער, וואס פיהרט-ארויס קיין אויסלאנד די פראדוקטען פון לאנד, און נישט יענער, וואס ברענגט-אריין אהער גאלאנטעריי פון אויסלאנד און פיהרט-ארויס פון דאנען געלד. ווען מען וועט ווי געהעריג פערענטפערן די יודישע פראגע, וועלען זיך פערגרעסערן די הכנסות פון דער רעגירונג און די געלד-צירקולאציע אינ'ם לאנד וועט דערגרייכען עטליכע צעהנדליג מיליאן".

צווישען די פיעל פראיעקטען, וואס זענען צוגעשטעלט געווארען דער אויבען-דערמאהנטער דעפוטאציע, האט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט דער פראיעקט פון טאדעאוש טשאצקי, פארזיצענדער פון דער פינאנץ-קאמיסיע. דער גרונד-מאטיוו פון אט דעם פראיעקט איז געווען פאלגענדער: ביז-אהער האט די רעגירונג נור טאלערירט די יודען, פון-איצט-אן מוז מען זיי פערעכענען פאר בירגער; אבער צוזאמען דערמיט דארף די רעגירונג פאדערן, אז די יודען זאלען זיך אויסבילדען לויט דער פאדערונג פון דער מלוכה; אויסער ווי מיט זייער רעליגיע טארען זיך די יודען מיט קיין זאך נישט אונטערשיידען פון קריסטען; יודען מעגען זיך בעשעפטיגען מיט אלץ, אויסער מיט'ן האנדעל פון משקאות, וואס מוז ביי זיי אבגענומען ווערען. מען דארף אויך ארויסגעבען בעזונדערע פארשריפטען וועגען יודישע חתונות, בעשטימען די מינימאלע עלטער, ווען א יוד מעג חתונה האבען, כדי עס זאלען נישט געשלאסען ווערען שדוכים ביי צו-יונגע קינדער. מען דארף אויך נישט ערלויבען חתונה-האבען אזעלכע, וואס פערנעהמען זיך נישט מיט נוצליכע בעשעפטיגונגען *).

דאס שלים-שלים-מזל פון דער יודען-פראגע דעמאלט איז בעשטאנען דערין, וואס געשטימט געגען יודען זענען געווען נישט נור אזעלכע, וואס האבען סימפאטיזירט מיט'ן אלט-פריצ'ישען רעזשים, נאר אויך עטליכע פון די ראדיקאלען און רעפארמאטארען. אלס טיפישען פערטרעטער פון די לעצטע דארף מען בעצייכענען דעם ראדיקאלען כומר סטאניסלאוו סטאשיץ, וועלכער האט געגען יודען ענטוויקעלט זעהר א ליידענשאפטליכע אגיטאציע, זאגענדיג אויף זיי, אז „דאס זענען הייזשעריקען אויף אונזער לאנד, הייזשעריקען, וואס קומען אי זומער, אי ווינטער, וואס פערפעסטען די לופט און וואס צעטראגען אומעטום פוילקייט און פוילעניש. צווישען ארבייטזאמע פעלקער

---

*) פאקטיש האט עס נור געבראכט דערצו, אז די יודען, מורא-האבענדיג, אז דאס געזעץ זאל איינגיכען אנגענומען ווערען (ווייל וועלכען ס'וואלט פערוועהרט געווארען חתונה-האבען יונגעלייט אונטער 18 יאהר און מיידלעך אונטער 15), האבען זיך געאיילט פיהרען צו דער חופה אכט-יעהריגע קינדער.

קאָנען זיי זיך גישט האַלטען, און נור דאָרט, וואו עס הערשט אָבגעשטאַנענקייט און אַ חשק צום לערנען, דאָרט בלייבען זיי זיצען און פרובּירען זיך אָהן אַ שיעור".

אַ בעזונדער אונגליק פאַר יודען איז געווען דאָס, וואָס די מעשטשאַנעס, וועלכע האָבען דעמאָלט אָנגעהויבען אַרויסטרעטען אויף דער סצענע און פאַר וועמענס גלייכבערעכטיגונג ס'זענען געשטאַנען אַלע פוילישע ראַדיקאַלען, — אָט דיזיגע מעשטשאַנעס זענען געווען זעהר נישט-גינסטיג געשטימט לטובת די יודען, ווייל זיי האָבען געקוקט אויף זיי, ווי אויף געפעהרליכע קאָנקורענטען.

יודען אין פוילען האָבען דעמאָלט געבילדעט אַ צו-גרויסע מאַכט, מען זאָל זיי קאָנען געבען מיט איין מאָל גלייכבערעכטיגונג, נישט-איבעררייסענדיג לחלוטין מיט די פאָראורטיילען פון דער פערגאַנגענהייט. אָפיציעל האָט די צאָהל יודען אין פוילען און ליטאַ דערגרייכט ביז 617.000 נפשות; נאָר טשאַצקי איז גאַנץ גערעכט, ווען ער בעווייזט אויפ'ן גרונד פון פערשידענע השערות, אַז די אמת'ע צאָהל יודען איז דעמאָלט געווען נישט-ווייניגער ווי 900.000 נפשות. די רעגירונג האָט נישט געוואוסט גענוי די צאָהל, ווייל אַ סך יודען האָבען זיך בעהאַלטען בעת דער אָפיציעלער רעוויזיע, כדי נישט צו דאַרפען צאָהלען דעם קאָפּ-שטייער. דאָס שטימט אויך מיט בוטרימאָוויטש'עס פערזיכערונג, וועלכער, אַלס מיטגליעד פון דער „יודישער דעפוטאַציע" ביים פיערשעהריגען סיים, זאָגט אויך, אַז יודען אין פוילען בילדען אַנ'אַכטעל פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג, וואָס האָט דאַן אויסגעמאַכט 8.790.000 נפשות. דער האַנדעל האָט זיך געפונען אין יודישע הענד לויט דער פראָפּאָרציע: דריי פיערטעל פון גאַנצען עקספּאָרט און נור איין צעהנטעל פון אימפּאָרט. דער יודישער סוחר פלעגט אויסגעבען אויף זיין ערנעהרונג אַ העלפט פון דעם, וואָס דער קריסטליכער סוחר פלעגט אויף זיך אויסגעבען, און דערום פלעגט דער יוד קאָנען פערקויפען זיין סחורה אַ סך ביליגער, ווי דער קריסט. אין דער פראָווינץ, ווידער, אויסער גרוים-פוילען, איז אַ העלפט פון אַלע בעלי-מלאכות בעשטאַנען פון יודען. איבערהויפּט זענען געווען ביי יודען שוסטער, שניידער, רימער, יובעלירען, טשעסלאַרעס, מולאַרעס, שערער; אין גאַנצען לאַנד זענען נור געווען 14 יודישע פאַמיליעס, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ערד-אַרבייט. אַ צוועלפטער טייל פון דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג האָט נישט געהאַט קיין בעשטימטע בעשעפטיגונג, און אַ זעכציגסטער טייל איז בעשטאַנען פון בעטלער.

ה.

אין דער צייט, ווען די פוילישע רעפאָרמאַטאָרען, וועלכע זענען געווען גינסטיג געשטימט צו יודען, האָבען זיך געבראָכען דעם קאָפּ, ווי-אַזוי „אויסצובעסערן" די יודען, כדי זיי צו דערנעהנטערן צום אידעאַל, וואָס איז געווען ביי זיי דער דורכשניטליכער טיפּ פון אַ פּאָליאַק אַ קאַטאָליק, האָבען די אַנטיסעמיטען זיך נישט בענוגענט מיט בראָשורען, נאָר זיי האָבען אַרויסגעפיהרט צום קאַמף געגען יודען די וואַרשאָווער גאַס. געגען אַלע פּאַנטאַזיעס וועגען רעפאָרמען און גלייכבערעכטיגונג אין דער צוקונפט האָ-

בען זיי ארויסגערופען אין דער געגענווארט א פאגראם, אדער, ווי מען פלעגט עס דע־מאלט רופען — א „טומעל", אונרוהען.

דאס איז פארגעקומען אויף אזא אופן. אין גרונד גענומען האבען יודען נישט געטארט וואוינען אין ווארשא, אבער אין דער ווירקליכקייט האבען זיי יא דארט גע־וואוינט, אויף־וויפיעל עס איז זיי געלונגען מיט „לאפובקע" צו פערניטיגען די אדער יענע מאכט; דאס איז נישט אנגעקומען גרינג, נישט צוליעב דעם, ווייל די מאכט האט נישט געוואלט נעהמען קיין שוחד, נאר אייטפאך צוליעב דעם, ווייל די מעשטשאנעס פון זייער זייט פלעגען אויך געבען „לאפובקע", כדי מען זאל די יודען ארויסיאגען *).
אבער יודען האבען געהאט א געזעצליכע „פריווילעגיע" צו וואוינען אין ווארשא די גאנצע צייט, ווען ס'זעטען פארגעקומען זיצונגען פון סיים. בעגרייפליך דערמיט, וואס דער גרויסער סיים האט אבגעהאלטען לאנגע סעסיעס, זענען יודען אנגעקומען אין דער הויפט־שטאדט אין א גרעסערער צאהל, ווי פריהער. אט דער צופלוס פון יודען קיין ווארשא און געוויס אויך די קלאגען, וואס זענען פערשפרייט געווארען וועגען א כלומר'שטער גלייכבערעכטיגונג פאר יודען, האבען צערודערט די „אמת'ע בעלי־בתים", פאר וועלכע עס האבען זיך געהאלטען די מעשטשאנעס, נישט־קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי אליין זענען אויך אין א געוויסען גראד געווען פרעמדע, און טיילווייז זענען זיי נאך שפעטער געקומען קיין פוילען אלס יודען.

אין מערץ 1790 האבען די קירזשנער־ און שניידער־צעכען ארומגערינגעלט דעם ראטהויז אין אלט־ווארשא, שרייענדיג אויפ'ן קול און דראהענדיג, אז אויב דער מא־גיסטראט וועט נישט אויס'פועל'ן ביים סיים תיכף ארויסצוטרייבען די יודען פון ווארשא, וועלען זיי גרייט אלע יודען ביז איינעם אויסצוקוילען, ווייל די יודען „נעהמען ביי זיי צו דאס ברויט". און אט די־זעלבע פערוואלטונגס־ארגאנען פון סיים, וועלכע האבען, דאכט זיך, געקלערט, ווי־אזוי צו בעגליקען די יודען, האבען בעפוהלען תיכף ארויסצוטרייבען פון די שטאדט די יודישע בעלי־מלאכות און גאסען־הענדלער, „וואס לעבען פון שא־בערייי", און איבערלאזען נור יענע סוחרים און אינדוסטריעלער, „וואס בעזיצען אנשטענ־דיגע קראמען און מאגאזינען".

ווען נאך דעמאזיגען ערשטען טומעל איז א ביסעל שטילער געווארען, און די ארויסגעטריבענע יודען פון ווארשא האבען אין עטליכע וואכען ארום אנגעהויבען צוריק־קומען אין שטאדט אריין, האט זיך פערלאפען אזא מין צופאל: א געוויסער שניידער, פאקס, האט בעגעגענט אויפ'ן גאס א יודען, וואס האט געטראגען א שניידערישע ארבייט. פאקס האט געוואלט ביים יודען ארויסרייסען די ארבייט, נאר דער יוד האט זיך ארויסבעקומען פון זיינע הענד און איז אנטלאפען. פאקס האט צונויפגערופען זיינע פועלים, שניידער־יונגען, און האט זיך געלאזט זוכען דעם יודען. ס'איז געקומען צו א געשלעג צווישען זיי און יודען; די לעצטע האבען זיך פערטיידיגט ווי ווייט זיי האבען

*) ווי מען זאל זעה פון א געוויסען דאקומענט, האבען גענומען „לאפובקע" נישט נור דער קרוין מארשאלעק, דער קאנצלער און די שטאדט־בעאמטע, נאר מען האט אפילו גע־געבען א טאפ וויין דעם גלח, וואס האט געדארפט פרעדיגען געגען די יודען, „כדי די פא־ער זאלען זיי נישט בעשיצען". (נוסבוים: „סקיצען פון יודישען לעבען, ז. 9.)

געקאנט, נאר צו די שנײדער איז צוגעשטאנען א „כאליאסטרע גאסען־יונגען“, מען האט אנגעהויבען בײ יודען צו ראבירען די געוועלבער, הײזער, שאפעס און קופערטם. די בעסערע זאכען האט מען צעכאפט, די מעדער־ביליגערע, אדער אזעלכע זאכען, וואס מען האט נישט געקאנט מיטנעהמען מיט־זיך, האט מען פערניכטעט אויפ'ן ארט אדער אריינגעווארפען אין די ברונעס אריין. ס'האט זיך געמוזט אריינמישען די שטאדטוואך, און דערנאך אויך דאס מיליטער. דערבײ האט מען זיך געשראקען פאר נאך גרעסערע אונרוהען און דעריבער האט מען גערעכענט צו פערוועהרען דעם „אדפוסט“, וואס האט געדארפט איננכען פארקומען אין ביעליאני, ווײל אויף דעם „אדפוסט“ פלעגען זיך געוועהנליך צונויפקומען טויזענדער מענשען פון ווארשא. מען האט אויך געפלאנעוועט צו פערוועהרען די גרויסע עפענטליכע פראצעסיע אין „באזשע טשאלא“ (דעם 7־טען יוני), אין וועלכער ס'פלעגען תמיד אנטײל נעהמען די ווארשאווער צעכען און די סוחר'ישע פערפאנדען מיט זײערע פאהנען. מען האט אויך געוואלט אומעטום פונאנדערשטעלען ראטעס סאלדאטען, אכטונג צו געבען אויף דער ארדנונג.

מען האט זיך אבער געשווינד בערעכענט און בעשלאסען נישט צו פערוועהרען — נישט דעם „אדפוסט“, נישט די פראצעסיע, נישט דאס צוזאמענפאהרען־זיך פון דער בעפעלקערונג קײן ביעליאני, נאר אנשטאט דעם האט מען בעפוילען — צו כאפען די יודען, וועלכע געהען־ארום אין די גאסען מיט סחורות אדער מיט אנ'ארבײט, אײנצוזעצען זײ אין ארעסט, און נאכדעם ווי מען וועט זײ אבשמײסען, זאל מען זײ ארויסיאגען פון שטאדט.

מען דארף משער זײן, אז די דאזיגע לעקציע האט קלאר און שארף איבערצײגט די יודען, אויף־וויפיעל עס האבען א ווערט די אלע בעווײזען פון יענע, וועלכע האבען גע'טענה'ט, אז יודען דארפען שטרעבען צו פערגלײכען זיך אין אלע מנהגים און מאראלישע זיטען מיט די בירגער פונ'ם לאנד.

דער גרויסער סיים, וואס האט געדארפט צווישען אנדערע ענינים זיך אויך בעשעפטיגען מיט דער רעפארם פון יודישען לעבען, האט זיך אין דערדאזיגער היזיכט געפונען אונטער פערשיעדענע השפעות, וואס האבען זיך אײנע די אנדערע סותר געװען, פון אײן זײט — די פרײזיניגע אנזיכטען פון די בוטרימאוויטש'עס, טשאצקי'ס, יעזשערסקי'ס, און פון דער צווײטער — די יודען־פרעסערישע ווערטער פון די סטאשיץ'עס און זאמאיסקי'ס, ווי אויך די מעשים פונ'ם המון, וואס זענען געוועזען געװענדט געגען יודען און אויף וואס די מעשטשאנעס מיט זײערע בעשיצער האבען געקוקט מיט צופריעדענהײט. מען האט געדארפט זיך אויף עפיס בעשליסען. און ווירקליך האט מען אנגענומען א בעשלוס, וואס איז געוועזען נישט גינסטיג פאר יודען.

די אויבען־דערמאנטע דעפוטאציע, אדער קאמיסיע, איז געוועזען פערפליכטעט צוצושטעלען אין א חודש ארום איהר פראיעקט, וואס האט געזאלט זײן אויסגעארבײט אויפ'ן גרונד פונ'ם מאטעריאל, וואס איז שוין געוועזען אונטער דער האנד, נעמליך: די פראיעקטען, וואס זענען שוין צונויפגעשטעלט געווארען פריהער וועגען דערזעלבער

פּראַגע, און צווישען זיי אויך דער פּראָיעקט פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע. אויסערדעם האָט מען דערדאָזיגער דעפּוטאַציע געמאַכט דעם אויפטראָג, זיך צו רעכענען מיט די מיינונגען פון די געבילדעטע יודען און מיט די פאָדערונגען פון דער פּוילישער גע-זעלשאַפט.

אָבער איידער דער פאָרשלאָג פון דער דעפּוטאַציע האָט בעוויזען אַרויסצוקומען אויף דער טאָג-אָרדנונג פונ'ם סיים, האָט שוין דער לעצטער געהאַט די מעגליכקייט זיך אַרויסצוזאָגען אין דער יודען-פראַגע, — געמליך, בשעת מען האָט בעהאַנדעלט די געזעצען און תקנות בנוגע די שטעדט. דעם סיימס בעשלוס האָט געקלונגען גאַנץ בעשטימט און קאַטעגאָריש: רעכענען זיך פאַר שטאָדט-בירגער קאָנען נור פערזאָנען פון קריסטליכען גלויבען. אַזוי-אַרום זענען יודען אויסגעשלאָסען געוואָרען פונ'ם רעכט צו וואוינען אין די שטעדט.

די קאָנסטיטוציע פון 3-טען מאַי געהט אויך פאַרביי מיט אַ שווייג די יודען-פראַגע, הגם דערדאָזיגער אַקט האָט בעצייכענט אַ נצחון פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי, און נישט-קוקענדיג אויף דעם, וואָס אַלע איבעריגע שיכטען פון דער בעפעלקערונג זענען יאָ אַרומגענומען געוואָרען דורך דער קאָנסטיטוציע, די מעשטשאַנעס האָבען בעקומען גע-וויסע פּאָליטישע רעכט, די פּויערים האָט מען צוגעזאָגט געזעצליכען שוץ אויפ'ן פאַל, ווען די פּריצים וועלען מיט'ן גוטען ווילען אָנערקענען פאַר זיי געוויסע פרייהייטען, און אַפילו פאַר גאַנץ פרעמדע פערזאָנען, וועלכע קומען קיין פּוילען פון אַנדערע לענדער, האָט די קאָנסטיטוציע צוגעזאָגט אַלערליי הנחות און האָט זיי ערלויבט זיך צו בעשעפטי-גען אונגעשטערט מיט זייער פאַך.

נישט נור אונמיטעלבאַר האָט מען נישט אָנערקענט פאַר יודען קיין שום הנחה, נאָר אַפילו פון קיין איין פּונקט פון דער קאָנסטיטוציע האָט מען נישט געקאָנט דרינגען עפּיס לטובת-די יודען. אַזוי, צום ביישפּיעל, האָט דער ערשטער פּאַראַגראַף פון דער קאָנסטיטוציע בעשטימט, אַז די הערשענדע רעליגיע אין לאַנד איז די קאַטוילישע, אָבער עס ווערט דאָרט ווייטער געזאָגט: „אַזוי ווי דיזאָזיגע הייליגע אמונה בעפעהלט אונז צו ליעבען אונזערע נאָהענטע, מוזען מיר זעהן, אַז אַלע מענשען, פון וועלכען גלויבען זיי זאָלען נישט זיין, זאָלען קאָנען פריי אָפּהיטען זייער רעליגיע און זייערע מנהגים, און מיר מוזען שיצען דיזאָזיגע פרייהייט אין אַלע פּוילישע לענדער, לויט די געזעצען פונ'ם לאַנד".

דערדאָזיגער פּאַראַגראַף, אויף-וויפיעל ער האָט בכלל געהאַט אַ ממשות'דיגען ווערט, האָט געקאָנט האָבען אַ שייכות נור צו די דיסידענטען. אויף יודען האָט ער זיך נישט געקאָנט בעציהען און ער האָט נישט געקאָנט זיי בעסער מאַכען, ווייל סיי-ווי האָט מען זיי קיינמאָל נישט געהאַט פערווערט צו אָפּהיטען זייער גלויבען. פער-קעהרט, די פּוילישע רעפאָרמאַטאָרען, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, האָבען יאָ געוואָלט אין אַ געוויסער הינזיכט בעגרענצען די יודישע רעליגיע און אָנשטאָט דעם געבען יודען בירגער-רעכט. אַזוי ווי יודען זענען ווייטער נישט פערריכענט געוואָרען אין איינעם פון די שטאַנדען, ווי בוטרימאָוויטש האָט געפאָדערט, איז ממילא זיי גאָרנישט אַרויס-געקומען פון די הנחות, וועלכע מען האָט געגעבען דעם אָדער יענעם שטאַנד.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פּאַראַגראַף, וואָס רעדט וועגען די פרעמדע, וועלכע

קומען פון אַנדערע לענדער קיין פוילען. דאָרט ווערט געזאָגט: „וועלענדיג, אַז די בעפעלקערונג פונ'ם לאַנד זאָל זיך פערמעהרען, פראָקלאַמירען מיר פאָלקאָמע פריי־הייט פאַר אַלע פּערזאָנען, וועלכע קומען קיין פוילען, סיי פאַר די, וואָס קומען אַהער צום ערשטען מאָל, סיי פאַר די, וואָס האָבען אַמאָל פערלאָזט דאָסדאָזיגע לאַנד און ווילען זיך ערשט אומקעהרען אין זייער היים, אַזוי ווייט, אַז יעדער מענש, וואָס קומט־אָן, אַהער קעהרט־זיך־אום צוריק אין די געביעטען פון דער פוילישער מלוכה, פון וועלכער זייט ס'איז, ווי נור ער בעטרעט מיט זיינע פיס די פוילישע ערד, איז ער פאָלקאָם בערעכטיגט צו בעשעפטיגען זיך מיט זיין פאַך, ווי און וואו ער וויל; ער האָט רעכט צו שליסען אָבמאַכען אויף וואוין־ערטער, אויף באַרטשטשיגע און ציגזען, ווי און ווילאַנג עס ווערט אָבגעמאַכט; ער האָט רעכט זיך צו בעזעצען אין שטעדט, צי אין דערפער...״

פון דעמדאָזיגען פונקט איז צו זעהן, אַז די שנאה צו יודען האָט נישט געשטאַמט פון דעם, וואָס יודען זענען נישט פאָליאַקען, אָדער פון דעם, וואָס זיי זענען געווען צו־פיעל. פערקעהרט, פוילען האָט זיך דעמאָלט גענויטיגט אין אַ פרישער בעפעלקערונג, וואָס זאָל זיך בעשעפטיגען מיט האַנדעל און מלאכה, אָבער אַלס בירגער האָט מען דאַן גערעכענט נור אַ קריסט, אָהן אונטערשייד, צי ער איז אַ געבאָרענער פאָליאַק, צי אַ ניי־געקומענער פון אַ פרעמדען לאַנד. מיר זעהען אויך, אַז אַפילו די בעסטע פאָליאַקען, וואָס האָבען פראָפּאַגאַנדירט די אידעע פון יודישער אַסימילאַציע פאַר'ן פרייז פון גלייכבערעכטיגונג, האָבען אונטער'ן בעגריף אַסימילאַציע פערשטאַנען די דערנעהנטערונג מעהר צו דער קריסטליכער רעליגיע, ווי צו דער פוילישער נאַציע, וויל דער בעגריף פון נאַציאָנאַליטעט, אַזוי ווי עפּיס אַ זאַך, וואָס איז נישט פערבונדען מיט רעליגיע, איז נאָך דעמאָלט געווען אונבעקאַנט, בעזונדערס אין פוילען.

די פראַגע האָט זיך אַלזאָ פאַר יודען געשטעלט אַזוי: די פאָליאַקען־פראָגרע־סיסטען (איבריגענס, אויך נישט אַלע) האָבען ביסליכווייז געוואָלט דערנעהנטערן די יודען צום קריסטענטום, און גלייכצייטיג געבען זיי דערפאַר אויך מענשליכע רעכט, דאַגעגען די קאָנסערוואַטיווען האָבען אַפילו פאַר ד ע ם פרייז אויך נישט געוואָלט צולאָזען די „אונגלויביגע״ צו בעקומען בירגער־רעכט *).

ז.

אַזוי צי אַזוי, נאָר די קאָנסטיטוציע פון 3־טען מאַי, וועלכע האָט אין פוילישען לעבען אַריינגעטראָגען פיעל פרישעס אינ'ם פראָגרעסיווען זין, האָט דאָך איבערגע־

*) איבריגענס, האָבען זיך די געטויפטע יודען אויך נישט גוט געפיהלט. איינגע פוילישע פובליציסטען, וואָס האָבען בעהאַנדעלט די יודישע פראַגע, האָבען אויך בעריהרט די „נעאָפיטען״, ד. ה. די גע'שמד'טע פראַנקיסטען, וועלכע זענען אריין אין דער שליאַכטע און אין דער פוילישער מעשטשאַנסטווא, נאָר זיי האָבען זיך דאָרט געפיהלט פרעמד, און זענען אין דער אמת'ן געשטאַנען אין מיטען, צווישען דער קריסטליכער און יודישער געזעל־שאַפט. די פוילישע אויטאָרען ערקלערען פאַר ריכטיג די פעראַכטונג, וואָס די פוילישע גע־זעלשאַפט האָט געפיהלט צו די צוויי־פּנים'דיגע נעאָפיטען, וואָס האָבען זיך נאָך געהאַלטען ביי זייערע סעקטאַנטישע נייגונגען, פלעגען פאָהרען צו זייער רבי'ן, פ ר אַ נ ק, קיין אויסלאַנד־אָדער פלעגען איהם שיקען געלד.

לאָזט די יודען אין אַ פערשקלאַפּטען צושטאַנד, וואָס האָט געפּאַסט פאַר'ן גייסט פון „אַלט-פּוילען". דער אונערמידליכער בוטרימאָוויטש האָט פונדעסטוועגען זיך נישט מיאש געוועזען. דעם 24-סטען מאַי 1791 האָט ער ווידער געפאָדערט, מען זאָל בעטראַכטען די יודען-פראַגע; נאָר נאָכדעם ווי איינער פון די מיטגליעדער פון דער דעפּוטאַציע פאַר יודישע אַנגעלעגענהייטען, דער בראַצלאַווער דעפּוטאַט, כאָלאָניעווסקי, האָט געהאַלטען אַ רעדע געגען דעם פראָיעקט פון דערוועלכער דעפּוטאַציע, וואָס האָט געפאָדערט צו פערברייטערן די יודישע רעכט, — האָט דער סיים בעשלאָסען אָבצולעגען די יודען-פראַגע אויף שפּעטער. אין הערבסט 1719, נישט-קוקענדיג אויף דעם, וואָס די פּאָליטישע אַטמאָספערע האָט שוין געשמעקט מיט געוויטער, איז בוטרימאָוויטש ווידער אַרויסגעטראָטען און דערמאָהנט דעם סיים וועגען דעם אונגליקליכען פאָלק, „וואָס קאָן זיך אַליין קיין עצה נישט געבען, און ווייס אפילו נישט, מיט וואָס מען קאָן פערבעסערן זיין לאַגע". אין דערוועלבער סעסיע (דעם 30-סטען דעצעמבער) איז אויך אַרויסגעטראָטען יאַצעק יעזשערסקי מיט אַ הייסער רעדע לטובת די יודען, אָנרופענדיג זיי מיט'ן נאָמען „נוצליכע בירגער" און נישט „בירגער, וואָס קאָנען ערשט ווערען נוצליך". דער סיים האָט זיך אָבגערופען. די קאָמיסיע, אונטער'ן פאָרזיץ פון קאָלאָנטאַי, איז ווידער צוגעטראָטען צום בעטראַכטען די יודען-פראַגע, אָבער דיזעלבע קאָמיסיע האָט בעשלאָסען, אַז די רעפאָרם פון יודישען לעבען קאָן ערשט געמאַכט ווערען נאָכדעם, ווי די יודען וועלען איינצאָהלען אַלע קהל'שע חובות, וואָס קומט פון זיי, און דעריבער האָט קודם-כל די פינאַנץ-קאָמיסיע זיך פערנומען מיט'ן אויסרעכענען די סומע חובות.

דאָס אויפקשטעלען די פראַגע אויף אַזאַ באָדען האָט געמאַכט צו-נישט דעם גאַנצען גרונד-מאָטיוו, וואָס האָט כלומר'שט געוואָלט פערבעסערן די לאַגע פון יודען. אַנשטאָט הנחות, האָט מען מכבד געוועזען די יודען מיט'ן אויפמאָהנען ביי זיי אַלטע שטייערן, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען פאַר אַ רייה יאָהרען, אַדאַנק דעם, וואָס אויף יודען האָט מען פון-תמיד-אָן אַרויפגעלעגט שווערע אָבצאָהלען און שטייערן (און אפילו נישט-שטענדיג לעגאַלע), לויט'ן אַלטען סיסטעם, געגען וועלכען דער סיים האָט ערשט געקעמפט. דער רעוואָלוציאָנערער סיים איז געווען, אַז דער גרויסער, לעצטער פוילישער סיים האָט נישט געלעזט די יודען-פראַגע *).

אין מערב-אייראָפּאַ האָבען שוין דעמאָלט געהילכט די לאָזונגען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פונ'ם יאָהר 1789, די לאָזונגען פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט", וואָס זייער ווידער-קול האָט אָבגעקלונגען אויך אויף דעם פיער-יעהריגען סיים. נאָר בעת אין פראַנקרייך און אין אַנדערע מערב-אייראָפּעאישע לענדער האָט מען שוין אָנגעהויבען דיזעלבע לאָזונגען צופּאַסען אין אַ געוויסער מאָס אויך בנוגע יודען, האָט מען אין פוילען זיך נאָך געהאַלטען אין דערהאָזיגער היגזיכט ביים אַלטען

*) טיילווייז איז די יודען-פראַגע געוואָרען רעגולירט דורך דעם בעשלוס פון דעפּאָליציייאישער קאָמיסיע אין יאָהר 1792, אַלס ענטפער אויף דער יודישער פּעטיציע. ס'איז ערלויבט געוואָרען יודען צו האַלטען קריסטליכע דיענערשאַפט און אויך האָט מען זיי גאַראַנטירט פון אַ ווילקירליכען העכערן די שטייערן, וואָס די שטעדט פלעגען אויף זיי אַרויפלעגען-

רעזשים. נאָך ערגער, אָוועקגעהמענדיג ביי יודען זייערע אַלטע נאַציאָנאַלע פּריווילעגיעס, האָט מען זיי קיין נייע בירגער־רעכט דאָך נישט געגעבען.

פערליערענדיג די האָפנונג אויפ׳ן נצחון פון דער גערעכטיגקייט, האָבען די יודען בעשלאָסען זיך צו בענוצען מיט׳ן אַלטען, אָבער ווירקזאַמען מיטעל: זיי האָבען גע־פּרובט ווירקען אויף דער רעגירונג און אויפ׳ן סיים דורך דער פערמיטלונג פון׳ם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, אויסנוצענדיג דערביי זייערע הויף־בעציהונגען. די יודישע עסקנים האָבען אָבגעהאַלטען אַ געהיימע זיצונג, אויף וועלכער מען האָט אויסגעקליבען דריי בעפאָלמעכטיגטע, מיט׳ן צוועק, זיי זאָלען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט׳ן קעניג וועגען פערבעסערן די יודישע לאַגע. דאָס איז געווען ענדע יאָהר 1791 און אָנהויב 1792. די בעפאָלמעכטיגטע האָבען אָנגעהויבען צו ווירקען מיט דער פערמיטלונג פון׳ם קעניגליכען סעקרעטאַר פּיאַטאָלי. באַלד דערויף זענען זיי אויפגענומען געוואָרען פון קעניג אויף אַ בעזונדערער אוידיענץ, מיט אַ געוויסען פּאַראַד: דער קעניג האָט זיי בעגריסט, זיצענדיג אויפ׳ן טראָהן. די יודען האָבען געבעטען, מען זאָל זיי געבען בירגער־רעכט, מען זאָל זיי ערלויבען ערווערבען אונבעוועגליכע גיטער אין שטעדט, מען זאָל איבערלאָזען די אויטאָנאָמיע פון די יודישע געמיינדעס און אַז די יודישע קהלות זאָלען נישט זיין אָבהענגיג פון די מאַגיסטראַטען. פאַר דעם אַלעמען האָבען די יודען צוגעזאָגט דעם קעניג אַ בעפריעדיגונג אויף אַ סומע פון צוואַנציג מיליאָן גולדען, אויך צו בעצאָהלען זיינע פּריוואַטע חובות. אין דערדאָזיגער אָנגעלעגענהייט זענען געווען פערטרויט אויך אייניגע רעדעל־פיהרער פון סיים, און צווישען זיי אויך דער ראַדיקאַל הוגאָ קאָלאָנטאַי. דער קעניג, איבערצייגט דורך אַזעלכע „ממשות׳דיגע“ בעווייזען פון׳ם יודישען פּאַטריאָטיזם, האָט זיך משתדל געווען דורכצופיהרען דורך דער דעפּוטאַציע און דורכ׳ן סיים די גוטיגע רעפאָרמען לטובת יודען, אָבער אויך די־דאָזיגע שתדלנות פון׳ם קעניג אַליין האָט גאָרנישט געהאָלפען.

אַלענפאַלס האָט סטאַניסלאַוו אויגוסט בערייכערט די פּוילישע אַרכיווען מיט נאָך אַ פּראָיעקט פון רעפאָרמען, וועלכער פערדיענט אויפמערקזאַמקייט פון פערשיעדענע שטאַנדפּונקטען. דערדאָזיגער פּראָיעקט איז נישט מבטל דעם „קהל“; פערקעהרט, ער לאָזט איבער די געמיינדעס דעם אויטאָנאָמען טעטיגקייטס־געביעט, וואָס פּאַסט פאַר זיי, לויט׳ן כאַראַקטער פון די דעמאָלטיגע בעציהונגען; ער נאָרמירט נור די אינערליכע פערוואַלטונג זייערע, בעשטימענדיג די וואַהל־אָרדנונג און בעפעהלענדיג די פאָרשטעהער פון די געמיינדעס, זיי זאָלען זיך בענוצען מיט דער פּוילישער שפּראַך אין אַלע אָנגעלעגענהייטען פון׳ם כלל און אין די חשבונות פון דער געמיינדע. אויסערדעם, דאַרפען די געמיינדע־פאָרשטעהער נאָך בעקומען אַ בעזונדערע אינסטרוקציע פון דער פּאָליציי־קאָמיסיע. די מאַגיסטראַטען, די נידריגע געריכטען און די איבעריגע בעאַמטע דאַרפען זיך מיט זיי בעגעהן קאָרעקט, מיט אַ געוויסער אַכטונג. וואָס אָנבעלאַנגט די געריכטס־ענינים, פאַלען די יודען אַרונטער אונטער דיזעלבע נידריגע געריכטען ווי די קריסטען, דאָס הייסט — די וואָיט־געריכטען. אָבער דער פּראָיעקט פערגעסט נישט פונדעסטוועגען, אַז „אין די קלענערע שטעדטלעך, וואו ס׳זענען שטאַרק די פּאָראָרטייליען און וואו די מעשטשאַנעס זענען גאָר נישט ווי געהעריג ערצויגען, בעמערקט זיך אין אַלע קלאַסען אַ שנאה צו יודען, און דעריבער בעגעהט מען זיך מיט זיי אַמאָל נישט

לויט גערעכטיגקייט". צוליעב דעם לעגט-פאר דער פראיעקט, אז אין אזעלכע שטאדטישע געריכטען זאל „זיצען לכל-הפחות איין אסעסאר פון דער יודישער בעפעלקערונג, כדי ער זאל קאנען פערהיטען פון אונגערעכטע בעציהונגען צו יודען און זאל האבען אנ׳ענטשיידענדע שטימע אין יודישע פראצעסען".

ווייטער בעקומען יודען, לויט דעמזעלבען פראיעקט, די ברייטעסטע רעכט צום פערדינען זייער חיונה, נעמליך — עס ווערט זיי ערלויבט צו פיהרען געשעפטע „נישט נור אין די ערטער, וואו זיי האנדלען איצט, נאר אפילו אין די שטעדט, וואו ס׳זענען געמאכט אויסנאהמען געגען יודען". אויסער דעם האנדעל וויל דער פראיעקט מאכען יודען פאר ערד-ארבייטער. עס ווערט אין איהם געזאגט: „מען וואלט געדארפט צוציהען יודען צו ערדווירטשאפט, בעשטימענדיג א מין בעלוינונג, אדער א געוויסע פריווילעגיע פאר יענע, וואס וועלען זיך בעזעצען אין דערפער און בעארבייטען די ערד". דער פראיעקט לעגט אויך ארויף אויף יודען מיליטער-פליכט, רעכענענדיג זיך מיט זייערע רעליגיעזע פליכטען און מנהגים.

בעזונדערס אינטערעסאנט איז יענער טייל פונ׳ם פראיעקט, וועלכער בעהאנדעלט די פראגען וועגען „בילדונג". ביי יעדער געמיינדע אדער סינאגאגע דארף געגרינדעט ווערען א פוילישע שול לויט׳ן מוסטער, וואס די ערציהונגס-קאמיסיע וועט בעשטימען. כדי די יודען זאלען זיך נישט קאנען אויסדרעהען פון דערדאזיגער שול, לעגט-פאר דער פראיעקט, אז „אין יענע שטעדט, וואו ס׳וועט עקזיסטירען אזא שול, זאל קיין שום יודיש יונגעל נישט צוגעלאזט ווערען צום שטודיום פון תלמוד, כל-זמן ער וועט נישט ברענגען א צייגניש פונ׳ם לעהרער פון דער פוילישער שול, אז ער האט בעזוכט די שול און האט געהאט א נוצען פון די למודים, וואס ווערען דארט געלערנט". עס ווערט דארט ווייטער פארגעלעגט, אז „קיין שום יוד זאל נישט טארען חתונה האבען, אויב ער שטעלט נישט צו א צייגניש, אז ער האט זיך איינגעאיבט אין דער פוילישער שפראך און שריפט ביי זיך אין דער היים, אדער אין א׳עפענטליכער שול".

וואס אנבעלאנגט דאס אויסבילדען יודישע לעהרער, ווערט דארט ווייטער געזאגט: „כדי יענע יודען, וואס ווילען ווערען לעהרער, זאלען קאנען זיך פערפאלקאמען און אויסבילדען אינ׳ם דאזיגען פאך, לויט די פארשריפטען פון דער ערציהונגס-קאמיסיע, — ווערט צוליעב דעם צוועק געגרינדעט א גימנאזיום פאר לעהרער ביי דער קראקויער אוניווערזיטעט. די הוצאות אויף איינארדנען דידאזיגע שול פאר לעהרער זאלען גענומען ווערען פון א בעזונדער אבצאהל אין בעטרעף פון פיער פוילישע גילדען א יאהר פון יעדער פאמיליע".

ח.

דער פראיעקט, וואס איז צוגעשטעלט געווארען אין נאמען פון קעניג סטאניסלאוו אויגוסט, איז, ווי מען זעהט, געווען א קאמפראמיס צווישען די פאדערונגען פון די פוילישע ראדיקאלען, וואס האבען געוואלט אינגאנצען אונטערברענגען דאס אבגעזונדערטע נאציאנאלע און רעליגיעזע לעבען ביי יודען, און צווישען די שטרעבונגען פון די יודען אליין, וואס האבען פערלאנגט פאר זיך רעכטליכע הנחות אהן

שום שאַדען פאַר זייער רעליגיע. דערצו נאָך האָבען זיי געוואָלט האָבען די אויטאָ־נאָמע גאַראַנטיעס, וועלכע זענען דעמאָלט געווען דורכאויס נויטיג, כדי מען זאָל נישט דאַרפען אויסשטעהן אַלערליי נגישות פון דער איבעריגער בעפעלקערונג. וואָס איז, אין גרעסטען טייל, געווען גענייגט צו פּראָוואָצירען. בכלל איז צו זעהן פון די פאַקטען, אַז די יודען האָבען אויסגעצייכענט געוואוסט, וועלכע רעפאָרמען עס זענען פאַר זיי געוואונשען, נישט־קוקענדיג אויף דעם, וואָס די פוילישע ראַדיקאַלען האָבען גע־מיינה'ט, אַז יודען אַליין ווייסען נישט, וואָס ס'איז פאַר זיי נויטיג, און אַז נור זיי אַליין כלומר'שט זאָרגען פאַר זייער טובה וועגען. די געשיכטע האָט אונז איבערגעלאָזט צוויי יודישע מיינונגען פון יענער צייט: איין מיינונג שטאַמט פון אַ קאָנסערוואַטיווען יודען, און די צווייטע — פון אַ פּראָגרעסיסט.

בעגעגען דעם כאַר פוילישע ראַדיקאַלען, וואָס האָבען געשטרעבט מעשווינד און גרינדליך איבערצואַנדערשען דאָס יודישע לעבען דורך פּאָליציאישע מיטלען, איז אַרויסגעטראָטען דער בעלמער רב, הערש יוזעפאָוויטש, וועלכער האָט פערעפענטליכט אַ ביכעל מיט'ן נאָמען: „געדאַנקען וועגען דעם אופן, ווי אַזוי צו רעפאָרמירען די פוילישע יודען פאַר נוצליכע בירגער אין לאַנד". אַנערקענענדיג דעם גוטען ווילען פון בוטרימאָוויטש'ן צו טהון גוטס פאַר יודען, דריקט דער רב אויס זיין פערוואונדע־רונג צוליעב דעם, וואָס אַפילו געבילדעטע פּאָליאַקען בעשולדיגען אַלע יודען אין כלל צוליעב עבירות פון איינצעלנע, בעת דאָס יודענטום אין אַלגעמיין בעזיצט אַ סך מעלות און ברענגט נוצען דער מדינה. דער מחבר פון דעם דערמאָנטען ווערק פּראָטעסטירט געגען דעם פּראָיעקט מבטל צו מאַכען די „קהל"־אָרדנונג, געגען דעם, וואָס מען וויל זיך אַריינמישען אין די רעליגיעזע ענינים פון יודען, און בכלל געגען דעם פּראָיעקט פון אַסימילאַציע, וועלכער וועט, לויט זיין מיינונג, „ברענגען דאָס יודענטום צום אונ־טערגעהן". אַלס אַ פרומער רב, וויל ער נישט נאָכגעבען אַפילו אין דער פראַגע וועגען יודישער קליידונג, בעהויפּטענדיג מיט אַ געוויסער איראָניע, אַז „וויבאַלד יודען וועלען געהאַלטען פאַר שעדליך, איז בעסער, זיי זאָלען טראָגען אַ בעזונדערע קליידונג, כדי עס זאָל זיין לייכטער זיי צו דערקענען און אונטערשיידען צווישען זיי און קריסטען".

די צווייטע יודישע שטימע איז געווען דער פאַרשלאַג פונ'ם קעניגליכען מעקלער אַברהם הירשאָוויטש, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרען דעם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט אין דערזעלבער צייט, ווען ס'זענען פאָרגעקומען די סעסיעס פונ'ם פיער־יעהריגען סיים. דער אויטאָר פון דעם פאַרשלאַג לעגט־פאָר די מיטלען פון די פּאַטענטירטע פוילישע רעפאָרמאַטאָרען: מען זאָל יודען צוציהען צו מלאכות און ערד־אַרבייט (אין די אוקראַינישע סטעפּעס); מען זאָל פערווערען חתונות אין פריהצייטיגען עלטער. בנוגע דער רעפאָרם פון קליידונג, לעגט ער פאָר, מען זאָל קודם־כל פערוועהרען דעם איבעריגען לוקסוס אין קליידונג — זיידענס, אַטלאַס, סאַמעט און צירונג, ווייל דאָס יאָגעניש נאָך אַזעלכע פוצעכצען רואינירט די מענשען פון מיטעלען קלאַס. לויט הירשאָוויטש'עס מיינונג, דאַרף מען בעשטימען רבנים נור אין די גרויסע שטעדט, אָבער נישט אין די קליינע שטעדטלעך, ווייל דאָרט קויפען די רבנים זייער שטעל־רבנות ביי די פריצים פון די שטעדטלעך, און דערנאָך לעגען זיי אַרויף גרויסע אָפּ־צאָהלונגען אויף דער געמיינדע. וואָס אָנבעלאַנגט די קהלות, מוז די רעגירונג מאַכען

אין זייער אנ'אָרדנונג, ווייל די יודען אַליין קאָנען נישט פאַר זיך בעשטימען די נעהעריגע תקנות, באשר זיי רייסען זיך שטענדיג צווישען זיך און קאָנען נישט קומען צו קיין שלום. אין אָט דעם פראָיעקט ווערט ווייטער אויסגעדריקט פאָלקאָמע גרייטקייט צו אונטערגעבען זיך דעם ווילען פון דער רעגירונג בנוגע „דאָס אויסוואָרצלען די פאָר־אורטיילען און פאַלשע בעגריפען ביי דעם פערפלאָנדזשעטען יודישען פאָלק“.

אין יענער צייט האָבען נאָך די פוילישע יודען נישט געהאַט קיין ווירקליך-גע־בילדעטע אינטעליגענץ, און אַלס פראָגרעסיווע יודען האָבען זיך גערעכענט יענע, וועל־כע האָבען פערנומען שטעלעס ביים הויף אַלס צושטעלער און מעקלער. צום דאָזיגען טיפ פראָגרעסיסטען האָט אָנגעהערט הירשאָוויטש. ס'האָט אַליין דעמאָלט זיך נישט געקאָנט הערען די שטים פונ'ם פרייען יוד, וועלכער זאָל אַ זאָג טהון צו די פוילישע רעפאָרמאַטאָרען: אויב איהר ווילט, אַז יודען זאָלען ווערען „נוצליך פאַר דער מלוכה“, מוזט איהר פריהער פון אַלץ זאָרגען דערפאַר, אַז די מלוכה זאָל ווערען נוצליך פאַר יודען אין דערזעלבער מאָס, ווי זי איז נוצליך און גינסטיג פאַר די איבעריגע איינ־וואוינער. פרייהייט און בירגערליכע גלייכהייט זענען די איינציגע מיטלען צו פערדריכ־טען דאָס, וואָס יאָהרהונדערטער פון פערשקלאַפטקייט און פינסטערניש האָבען פער־קריפעלט.

די פוילישע רעפאָרמאַטאָרען, וועלכע זענען געווען געטריי די פּרינציפּען פון „געבילדעטען אַבסאָלוטיזם“, האָבען זיך נאָך נישט געהאַט דעמאָלט אויסגעהויבען צו אָנערקענען דעם איינפאַכען אמת, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין פּאַריז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע: „עס קאָן נישט זיין קיין האַלבע פרייהייט, אזוי ווי עס קאָן נישט זיין קיין האַלבע גערעכטיגקייט“.

דער קאסציושקא-אויפשטאנד.

א.

די טעג פון פוילען זענען שוין געווען געצעהלטע. די רוסישע קייזערין יעקאטערינא II, וועלכע איז ביז דעמאלט געווען פערנומען מיט דער טערקישער מלחמה, האט זיך גלייכגילטיג צוגעקוקט צו דער נייער ווירטשאפט אין פוילען, וואס האט געשטרעבט צו אונאבהענגיגקייט, און ערשט אין אנהויב 1792, ווען ס'איז געשלאסען געווארען דער שלום-אבמאך מיט טערקיי, האט זי זיך וויעדער פעראינטערעסירט מיט דער פוילען-פראגע; זי האט געוואלט בנייען די אמאליגע רעגירונגס-פארמען און אנגעהויבען פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט פרייסען. גלייכצייטיג האבען די פוילישע קאנסערוואטיווע עלעמענטען, וואס זענען געווען פריינדליך געשטימט צו רוסלאנד, — דאס לאנד, וואס פלעגט תמיד דערשטיקען יעדע נייע רעפארמען אין פוילען, — זיך פעראייניגט אין דער „טארנאוויצער קאנפעדעראציע", כדי מבטל-צו-מאכען די קאנסטיטוציע פון 3-טען מאי און צוריקקעהרען די אמאליגע „פרייהייט". די דאזיגע קאנפעדעראציע איז מבטל די וויכטיגסטע בעשלוסען פון דעם 4-יעהריגען סיים, פראעקטירט אלס נייע רעגירונגס-פארם די רעפובליקאנישע, וואס זאל אייגענטליך פערוואנדעלט ווערען אין אן אליגארכישע מלוכה. צווישען די אנהענגער פון דער קאנסטיטוציע פון'ם 3-טען מאי און די „טארגאוויצער" איז דערום אויסגעבראכען אן אינערליכער, היימישער קריעג. דערווייל האט דאס פרייסישע מיליטער פערנומען די מערב-פראווינצען פון דער רעפובליק, און דעם 23-סטען יאנואר 1793 ענטשטעהט דער צעטיילונגס-בונד צווישען פרייסען און רוסלאנד. צוליעב דער דאזיגער צווייטער צעטיילונג פון פוילען איז פון דער אמאליגער ברייטער רעפובליק געבליבען בלויז א גאנץ קליינער טייל, וועלכען רוסלאנד קעהרט-אום אויפ'ן גראדנער סיים די רעגירונגס-פארם פון יאהר 1775, און פוילען בעקומט דעם אונאויפהערענדען ראט (פערמאנענט-ראט); דערביי האלט רוסלאנד איהרע גארניזאנען אין די וויכטיגסטע פונקטען פון לאנד און בעפעהלט צו בעגרענצען דאס פוילישע מיליטער ביז 15 טויזענד מאן. דער דאזיגער מצב ברענגט דערצו, אז אין קראקוי, ווארשא און ווילנא ווערט געבארען דער לאזונג צו אן אויפשטאנד, אונטער דער אנפיהרונג פון טאדעאוש קאסציושקא.

ב.

זייענדיג אבגעריסען פון פאליטישען לעבען, האבען די יודען פונדעסטוועגען דא און דארט ארויסגעוויזען זייערע סימפאטיעס צו די קעמפער פאר דער נייער קאנסטיטוציע; די יודישע שניידער אין ווילנא נעהמען אויף זיך אומזיסט צוצושטעלען 200 מונדירען פאר דער פרייהייטס-ארמעע; די יודישע קהלות אין סאכאטשעוו און פולאוו

בעטייליגען זיך אין די פּאַטריאָטישע געלד-זאַמלונגען; די בערדיטשעווער יודען נעהמען אַנטייל אין דער סוחרים-דעלעגאַציע, וואָס איז אַרויס מקבל-פנים-זיין דעם אַנפיהרער פון דער פוילישער אַרמעע, פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, און זענען מנדב נייע אינסטרומענטען פאַר דעם מיליטערישען אָרקעסטער. נישט-ווייניג געליטען פון די קריעגס-אָפּעראַציעס האָבען דאַן אויך די יודישע קהלות אין וואָלין און פּאָדאָליען. די אָסטראָגער קהלה לעבט-איבער אין 1792 אַ באָמבאַרדירונג אויף דער שטאָדט מצד דעם רוסישען מיליטער.

קאָסציושקאָ, דער אָנפיהרער פונ'ם אויפשטאַנד, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אין דער אַטמאָספערע פון צוויי וועלט-רעוואָלוציעס, די אַמעריקאַנישע און פראַנצויזישע, האָט געהאַט אַ פיעל העכערען בעגריף וועגען פּאָליטישער און בירגערליכער פרייהייט, ווי יענע אַלע פרייהייטס-קעמפער פונ'ם אַדעל-פוילען; קאָסציושקאָ האָט פערשטאַנען, אַז עס קאָן נישט עקזיסטירען קיין פרייע מלוכה, כּל-זמן מען שאַפט נישט אָב די שקלאַפעריי פון פויערטום און די בירגער פון לאַנד זענען נישט גלייכבערעכטיגט. ווען-נישט-ווען האָבען זיך דיזאָזיגע דעמאָקראַטישע שטרעבונגען פון קאָסציושקאָ געלאָזט מערקען בשעת'ן קאַמף צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד, און — די אונטערדריקטע שיכטען פון פאָלק האָבען דערפיהלט, אַז עס שפּיעלט זיך דאָ אָב עפּיס מעהר, ווי אַנ'אַדעל-רעוואָלוציע.

דער פרייהייטס-ענטוזיאַזם האָט אויך אַרומגענומען געוויסע שיכטען פון דער יודישער געזעלשאַפט. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען בשעת די רוסען האָבען אינ'ם יאָהר 1794, אין משך פון זומער און הערבסט, כסדר בעלאַגערט די שטאָדט וואַרשאָ און די גאַנצע בעפעלקערונג איז אויפגעפאָדערט געוואָרען צו פערטיידיגען די פוילישע רעזידענץ. דיזעלבע יודען, וואָס זענען ערשט-נישט-לאַנג געווען אונטערגעוואָרפען פערשידענע גאַסען-אָנפאַלען און זענען לויט אַ בעפעהל פון דער פוילישער מאַכט אומ'ברחמנות'דיג געטריעבען געוואָרען פון וואַרשאָ, — האָבען זיך איצט, אין אַנ'עת-צרה, אין אַ צייט פון געפאַהר, געשטעלט אין די טראַנשייען ביי דער זייט פון זייערע בעדריקער און צוזאַמען מיט זיי גריבער געגראָבען און שוץ-וואַלען געשאָטען, כדי די שטאָדט צו פערטיידיגען. דער היסטאָריקער טשאַצקי דערצעהלט: „די יודען האָבען זיך נישט געשראָקען פאַר'ן טויט. אויסגעמישט צווישען מיליטער און פאָלק, האָבען די יודען בעוויזען, אַז זיי שרעקען זיך נישט פאַר קיין שום געפאַהר און די פראַגע פונ'ם פאָטערלאַנד איז זיי ליעב". אַנ'אַנדער מחבר, דערמאָהנענדיג יענע געשעהנישען, שרייבט: „אפילו די הויפּט-שטאָדט פון קעניגרייך פוילען אַליין, צוגעבענדיג, ווי אַזוי די יודען האָבען זיך פערטיידיגט אין די רייהען פון מיליטער, וועט נישט קאָנען אָבלייקענען די העלדישקייט פונ'ם דאָזיגען סאָלדאַט און זיין צוגעבונדענקייט צו דער אַלגעמיינער זאַך".

ג.

צווישען די יודען, וואָס האָבען פערטיידיגט וואַרשאָ, ווערט דאַן געבאָרען דער געדאַנק צו בילדען אַ בעזונדערען יודישען לעגיאָן, וואָס בראש פון איהם שטעלט זיך בערעק יאָסעלעוויטש. געבאָרען אין דעם קליינעם זשמודער שטעדטעל קרעטינגע (אינ'ם יאָהר 1765), האָט בערעק יאָסעלעוויטש דורכגעמאַכט דעם גאַנצען ענויספולען וועג פון אַן אָרימען יודישען בחור, וואָס הויבט־אָן פון חדר און מאַכט זיין „קאַריערע", דערגעהענדיג ביז צו דער פּראָפעסיע פון אַ מעקלער ביי פּריצים. זיין אויסערגעוועהנליכער ערפאָלג הויבט־זיך־אָן ערשט דאַן, ווען ער בעקומט אַ שטעל ביי דעם בעקאַנטען „מעכטיגען" ווילנער ביסקופּ מאַסאַלסקי; בערעק'ם שעף פלעגט אָפט פערברענגען אין אויסלאַנד, הויפּטזעכליך אין פּאַריז, וואוהין ער פלעגט אויך מיטנעהמען זיין קלוגען מעקלער. דאָרט האָט זיך דער יונגער בערעק אויסגעלערנט פראַנצויזיש און האָט זיך מן־הצד צוגעקוקט צום לעבען אין די פּאַריזער סאַלאָנען, אין וועלכע זיין שעף פלעגט קומען. דאָ האָט בערעק יאָסעלעוויטש דערזעהן פאַר זיך אַ גאַנץ נייע וועלט, האָט דערפיהלט דעם פרישען ריח, וואָס האָט דאַן געשוועבט אין דער לופט פון דער פראַנצויזישער רעזידענץ ערב דער גרויסער רעוואָלוציע. די שטורמישע צייטען, אָנגעזאַפּט מיט'ן ריח פון רעוואָלוציאָנערען פולווער, האָבען אויף איהם געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג און אויפגעוועקט אין איהם די דרעמלענדיגע שטרעבונגען פון זיין נשמה.

בשעת דעם 4־יעהריגען סיים פערלאָזט בערעק זיין פּאָסטען ביי מאַסאַלסקי'ן און בעזעצט זיך מיט זיין יונג ווייבעל רבקה, אַ פרומע אַלטפרענקישע יודענע, אין פּראַגע (נעבען וואַרשאָ); ווי עס ווייזט־אויס, האָבען זיי געוואוינט אין גאָלענדזינאָווער געגענד, וואו דער סטאַטוט פון יאָהר 1775 ערלויבט יודען זיך צו בעזעצען אונגעשטערט. דאָ ווערט אויך געבאָרען, אין 1789, זיין בכור און בן־יחיד יוזעף, און שפּעטער — זיין טאָכטער לאה. אויפ'ן ברעג פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָדט בעקומט בערעק די מעגליכקייט נאָכצופאָרשען די גאַנצע רעפאָרמאַטישע בעוועגונג פון יענער צייט, די בעוועגונג, וואָס פּרעגט מיט־זיך קלענערע אָדער גרעסערע הנחות פאַר אַלע איינוואוינער פון פּוילען און לאָזט־איבער די יודען, ווי פריהער, אין קנעכטשאַפט און גלות.

נישט־קוקענדיג דערויף, ווערען דאָ, אין־דער־נאָהנט פון וואַרשאָ, וואו די אַטמאָספערע איז פול מיט פּאַטריאָטישער התלהבות, צייטיג אין יאָסעלעוויטש'עס נשמה יענע נעבעלהאַפטע איינדרוקען, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעזאַפּט בעת'ן פערברענגען אין דער סביבה פון פּריצים און בעת זיינע נסיעות קיין אויסלאַנד. דאָס ערשיינען פונ'ם העלד קאָסציושקאָ און דעם שונא'ס בעלאַגערן וואַרשאָ האָבען זיינע אונדייטליכע וואונשען געגעבען אַ רעאַלע פאָרם: מען דאַרף קעמפען פאַר דער פרייהייט פון פאָטערלאַנד, פאַר'ן אַרויסראַטעווען פון יעדער סכנה די הויפּט־שטאָדט, וואו דעם שונא'ס האַנד האָט גלייכצייטיג פערשלאָסען און געשטיקט די פּאָליאַקען, ווי די יודען; מען דאַרף דערווייזען, אַז אויך די שטיף־קינדער פון פאָטערלאַנד קאָנען קעמפען אין די רייהען פון זיינע זיהן און פערדיענען אַ בעסערע בעהאַנדלונג.

ד.

אין סעפטעמבער 1794, ווען אַרום וואַרשאָ שפּיעלען־זיך־אָב די פּערבּיסענסטע שלאַכטען, דערלאַנגט בערעק יאָסעלעוויטש אַ ביטע צום הויפּט־קאָמאַנדיר קאָסציושקאָ, ער זאָל איהם ערלויבען צו אָרגאַניזירען אַ בעזונדער פּאָלק פון לייכטע רייטער, וואָס זאָל בעשטעהן פון פרייוויליגע יודישע סאָלדאַטען. קאָסציושקאָ ערפילט די בקשה און מיט פרייד איז ער וועגען דעם מודיע אין זיין ספּעציעלען בעפעהל פון 17־טען סעפּטעמבער; דאָרט ווערט די פּאַטריאָטישע התלהבות פון די יודישע איניציאַטאָרען זעהר שטאַרק געלויבט. אין קאָסציושקאָ'ס דעמאָלטיגען ספּעציעלען בעפעהל ווערט געזאָגט:

„אויף דער פּוילישער ערד געפינט זיך נישט קיין איינציגער איינוואוינער, וואָס זאָל אינ'ם אויפשטאַנד פון פאָלק נישט זעהן זיין פרייהייט און גליק, און זאָל זיך מיט אַלע כחות נישט בעמיהען מיטצווירקען צו זיין פערווירקליכונג. דורכגעדרונגען מיט דיזאָזיגע געפיהלען, האָבען די יודען בערעק יאָסעלעוויטש און יוזעף אַראָנאָוויטש, געדענקענדיג די ערד, אויף וועלכער זיי זענען געבאָרען, און געדענקענדיג, אַז צוזאַמען מיט'ן בעפרייען די דאָזיגע ערד, וועלען אויך זיי צוגלייך מיט אַלע אַנדערע קאָנען געניסען פון איהרע פריכטען, — מיר פּאָרגעלעגט זייער גרייטקייט און ווילען צו פאָרמירען אַ יודישען פּאָלק פון לייכטע רייטער".

קאָסציושקאָ'ס ענטוזיאַזם צו די יודען דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז זייער צושטעהן צום אויפשטאַנד בעטראַכט ער אַלס בעווייז פון גערעכטיגקייט פאַר דעם עצם ענין. קאָסציושקאָ זאָגט: „קיין שום זאַך קאָן נישט אַזוי איבערצייגען די אונטערדריקטסטע פעלקער אין דער הייליגקייט פון אונזער פראַגע און אין דער גערעכטיגקייט פון דער איצטיגער רעוואָלוציע, ווי דער פאַקט, וואָס מענשען, וועלכע טיילען־זיך־אָב פון אונז צוליעב זייער רעליגיע און מנהגים, ברענגען פון אייגענעם גוטען ווילען אַלס קרבן זייער לעבען, כדי צו שטיצען אונזער אויפשטאַנד".

לויט קאָסציושקאָ'ס מיינונג, האָבען יודען אין אַנדערע מלחמות זיך נישט געוואָלט בעטייליגען, ווייל „דאָס יודישע פאָלק, זייענדיג צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָט פון יענעם טאָג אָן, ווען עס האָט זיין אייגען לאַנד פערלאָזט, נישט געוואָלט האָבען קיין חלק אין יענע בלוטיגע סצענעס, וואָס די גרויזאַמע דעספּאָטען האָבען אָבגעשפּיעלט אויפ'ן ערד־טעאַטער". „ערשט אינ'ם איצטיגען יאָהר, 1794, אין די טעג פון 17־טען און 18־טען אַפּריל, ווען וואַרשאָ האָט געפיהרט אַ בלוטיגען קאַמף מיט די אָנגעקומענע מאָסקאַלען, האָבען די יודישע איינוואוינער פון דער דאָזיגער שטאָדט זיך געכאַפּט צום געוועהר, האָבען זיך העלדיש געשלאָגען מיט'ן שונא און אַזוי־אַרום בעוויזען דער וועלט, אַז דאָרט, וואו די מענשליכקייט קאָן געניסען, זענען זיי גרייט מיט זייער אייגען לעבען צו ריזיקירען".

בערעק יאָסעלעוויטש ווערט בעשטימט אַלס שעף פון דעם יודישען פּאָלק. ער הויבּט־אָן צו ווערבירען פרייוויליגע סאָלדאַטען פאַר זיין פּאָלק, זאַמעלט געלד־מיטלען, כדי צו בעזאָרגען זיין מיליטער מיט אַלעם נויטיגען. דעם 1־טען אָקטאָבער

בעוויזט זיך אינ'ם רעגירונגס-בלאט („גאזעטא רזשאנדאווא") פאלגענדער אויפרוף פון בערעק'ן צו זיינע ברידער, אנגעשריבען אויף פויליש, אבער לויט'ן אלט-העברעאישען סטיל. דער אויפרוף זאגט בקיצור:

„הערט, איהר, קינדער פון שבט ישראל! ביי וועמען אין הארצען ס'איז אויסגעקריצט דער נאמען פונ'ם אייביגען און אלמעכטיגען גאט און האט דעם רצון צו העלפען אינ'ם קאמף פאר'ן פאטערלאנד, וואס מיר אלע זיינען פערבליכטעט, — איז איצט געקומען די צייט, צו פערווענדען דערויף אונזערע כחות... די ליעבע צו אייער פאטערלאנד רופט אייך, זיך אנצונעהמען מיט פריש בלוט, וואס איז אין משך פון לאנגע דורות אויסגעצאפט געווארען פון אייך דורך די גיפטיגע שלאנגען. זעהט נור, וויפיעל פערמעגליכע פריצים, קינדער פונ'ם אדעל און זעהר גרויסע קאפ-מענשען עס זיינען פאראן, וואס ווילען זייער לעבען מקריב זיין... און פארוואס זאלען מיר, די אונטערדריקטע, זיך צום געוועהר נישט נעהמען, בשעת מיר זיינען די געפלאגטסטע צווישען אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט!... פארוואס זאלען מיר נישט ארבייטען, כדי צו בעקומען די פרייהייט, וואס איז אונז אזוי זיכער און הארציג פערשפראכען געווארען, צוגלייך מיט אלע מענשען אויף דער וועלט? אבער קודם-כל מוז מען עס פערדינען... אלזא, געטרייע ברידער, לא'מיר קעמפען פאר'ן פאטערלאנד ביז צום לעצטען טראפען בלוט; און אויב מיר וועלען זיך עס נישט דערווארטען, וועלען דאך אונזערע קינדער געזיכערט און פריי לעבען און זיך מעהר נישט וואלגערן, ווי די חיות רעות... שטעהט אויף צום קאמף, ווי די לייבען און לעמפערטען!"

ד.

בערעק יאסעלעוויטש'עס שפראך איז געווען א פשוט'ע און בעדארצטען זיינע פאליטישע אנשוואונגען — גאאיזוועו. אויפפאדערנדיג די יודען צום קאמף אויף דער זייט פון די „פערמעגליכע פריצים", פערגעסט ער, אז די פרייהייט פאר יודען וואלט נישט בעוועזען געזיכערט דורך דער פרייהייט פון די „פריצים", צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען זעהר ווייניג הומאניסטען פון קאסציושקא'ס שניט. בערעק אבער האט געלעבט אין א צייט, ווען די מערב-יודען האבען געשטרעבט צו בעווייזען זייער „בירגערשאפט", כדי אזוי-ארום צו בעקומען זייערע רעכט. מען האט דעמאלט נישט פערשטאנען, אז ערשט נאכדעם ווי מען בעקומט רעכט, וואס קומט יעדען איינעם אלס טייל פון דער מענשהייט, דעמאלט ערשט מעגען די מלוכות פאדערן „בירגערשאפט" פון זייערע איינוואוינער. בערעק האט, ווייזט-אויס, געהאט פאר זיינע אויגען דאס בילד פון די יודען, וועלכע האבען אינ'ם יאהר 1789 געדיענט אין דער נאציאנאלער גווארדיע. די פוילישע יודען האבען דאן לכתחילה מותר-געווען אויף זייער בירגערשאפט, פערטיידיגענדיג מיט זייער בלוט די הויפט-שטאדט, וואו זיי האבען געמענט פערברענגען העכסטענס ביז 5 טעג, לויט א ספעציעל-אויסגעקויפטען אויפהאלטס-בילעט. אזוי האט געהאט פעראָרדענט דער מארשאלעק לובאמירסקי.

אדאנק זיין ענטוזיאזם, האט בערעק צוגעצויגען פיעל פרייווילליגע יודישע סאל-

דאַמען. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט זיין פאָלק שוין געצעהלט 500 מאַן. אויף „די ערשטע בעדערפנישען פונ׳ם צוזאַמענגעזאַמעלטען פאָלק" בעקומט בערעק דעם 5-טען אָקטאָבער 3000 פוילישע גולדען און באַנקנאָטען פון מלוכה-אוצר, וואָס האָבען אַלס קורסירענדע מטבעות געהאַט שטאַרק פערלאָרען זייער ווערט. דאָס געלד האָט אויסגעצאָהלט די נאַציאָנאַלע גענעראַל-קאַסע, און תיכף נעהמט זיך בערעק צו אָרגאַניזירען זיין קאַוואַלעריע, הגם דאָס געשיהט ביי זעהר שוואַכע מאַטעריעלע בעדינגונגען, צוליעב דער קליינער מלוכה-שטיצע. פון דעם קליינעם מאָס, וואָס די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג אַסיגנירט, און פון די פריוויליגע נדבות, וואָס פליסען-איין הויפטזעכליך פון יודען, בעוואָפענט ער אין איילעניש זיין יודישען לעגיאָן, וואָס זעהט-אויס, ווי אַ פערד-שיידענאַרטיגע נאַציאָנאַלע מיליציע. אָבער דאָס געפיהל פון מיליטערישער התחייבות איז געווען שטאַרק צווישען בערעק׳ס סאָלדאַטען, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט צום ערשטען מאָל געפרובט האַלטען געוועהר אין האַנד.

זיין העלדישקייט און מסירת-נפש האָט דער יודישער לעגיאָן דאָקומענטירט דעם 4-טען דעצעמבער, אינ׳ם טאָג, ווען פראַגאַ איז בלוטיג געשטורמט געוואָרען דורכ׳ן רוסישען מיליטער אונטער סובאָראָוו׳ס אָנפיהרונג. צווישען די 15 טויזענד פאָליאַקען, וואָס זענען אומגעקומען אויף די שוץ-וואַלען פון פראַגאַ, אויף די גאַסען פון וואַרשאַ און אין די כוואַליעס פון ווייכסעל, האָט זיך אויך געפונען בערעק יאָסעלעוויטש׳עס פאָלק. אַ בעדייטענדער טייל פון דעם יודישען פאָלק האָט די נשמות אויסגעהויכט אויף די פאָרטיפיקאַציעס, פאַלענדיג ווי העלדען דורך די רוסישע קוילען און באַגנעטען. כמעט דער גאַנצער יודישער לעגיאָן איז אויסגעראָט געוואָרען -- אַ היבשע טויט-נתינה האָט ער געלעגט אויפ׳ן מזבח פון פוילען׳ס בעפרייאונג...

אפילו אין 36 יאָהר אַרום נאָך דעמאָלטיגען היסטאָרישען געשעהעניש האָט דער דעפוטאַט פון דער פראַנצויזישער געזעצגעבערישער פאַלאַטע, ס אַ ל וו ע ר ט, וועלענדיג אָבוואַרפען די אַנטיסעמיטישע אויספיהרונגען פון ד ע מ אַ נ ט י נ י, זיך מיט שטאָלץ בערופען אויף דעמאָליגען העלדישען מאָמענט אין דער געשיכטע. ער זאָגט: „נאָך קאָסציושקאָ׳ס מפּלה האָבען די פוילישע פאַטריאָטען געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונגען אין וואַרשאַ. די פאָר-שטאָדט פראַגאַ, וואָס איז פערטיידיגט געוואָרען דורך אַ יודישען פאָלק, האָט מען גענומען אין שטורם; אַלץ האָט דאָס שווערד צוגענומען. צומאָרגענס האָט מען אויף די פאָרטיפיקאַציעס געפונען אין איינעם שלאָף דעם גאַנצען יודישען פאָלק. קיין איינציגער סאָלדאַט איז נישט אַנטלאָפען, ווען דער טויט האָט איהם גערופען..."

דעם פאָלקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען אונבעשעדיגט: צוזאַמען מיט׳ן גענעראַל זאַיאָנטשעק, קאָסציושקאָ׳ס חבר, אַנטלויפט ער קיין אויסלאַנד; אַריינפאַלענדיג נאָך פריהער אין רוסישער געפאַנגענשאַפט, זייענדיג אַרעסטירט אין עסטרייך, בעוויזט יאָסעלעוויטש, נאָך אַ געוויסער צייט, אויך פון דאָרטען זיך אַרויסצודרעהען און ער געפינט זיך דערנאָך אין פראַנקרייך צווישען די פוילישע עמיגראַנטען, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אינ׳ם אויפשטאַנד.

די אָנשטרענגונגען מצד די פּאָליאַקען און די יודען, וואָס האָבען זיי מיטגע־האָלפען, האָבען צו גאָרנישט געפירט. דער רעזולטאַט פון דעם נישט־איינגעגעבענעם אויפשטאַנד איז געווען דאָס, וואָס די פּרייסען האָבען פערנומען קראַקוי, די רוסען האָבען בעהערשט ליטא, פערנומען ווילנא, און דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמעע, סובאָראָוו, האָט נאָכ׳ן בלוטיגען שטורמען פּראַגא, איבער׳ן ווייכסעל, דעם 8־טען דעצעמבער 1794 איינגענומען די שטאָדט וואַרשא.

די פּרייסישע הערשאַפט (1795—1806).

א.

נאָכ'ן פאַרנעהמען וואַרשאַ ווערט, לויט די אָבמאַכען פון דעם 3-טען יאַנואַר און דעם 24-טען אָקטאָבער 1795, דורכגעפיהרט די דריטע צעטיילונג פון דער פוילישער רעפובליק. דערביי בעקומט פרייסען דאָס גאַנצע לאַנד אין מערב-זייט פון די טייכען פּ י ל י צ אַ, ב ו ג און נ י ע מ אַ ן, צוזאַמען מיט וואַרשאַ; עסטרייך בעקומט דאָס גאַנצע לאַנד אין ראַיאָן פון פּ י ל י צ אַ און ב ו ג, צוזאַמען מיט קראָקאָ, דעם איבריגען שטח, צוזאַמען מיט ווילנא, בעקומט רוסלאַנד. אויף אַזאַ אופן איז די פוילישע מלוכה אינגאַנצען אַראָב פון דער אייראָפּעאישער לאַנד-קאַרטע.

די יודען-פראַגע אין פרייסען איז שוין דעמאָלט אַרויס פון איהר פערגליווערטען צושטאַנד. פון איין זייט האָבען דערצו מיטגעווירקט די לאָזונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דאָס, וואָס די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג אין פאַריז האָט אין יאָהר 1789 אַנערקענט יודען אַלס „ווירקליכע בירגער", און פון דער צווייטער זייט האָט פרייסען גופא שוין פערמאָגט אַ היבשע יודישע אינטעליגענץ, וואָס האָט ענערגיש געפאָדערט בירגערליכע רעכט. די פרייסישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט איינגעהן אויף גרינדליכע רעפאָרמען און איז צוגעטראָטען איינפיהרען טיילווייזע ענדערונגען, צוזאָגענדיג, אַז מיט-דער-צייט וועלען יודען ביסלעכווייז בעקומען פולע גלייכבערעכטיגונג. לויט'ן בעפעהל פון קעניג פרידריך ווילהעלם II, ווערט דורך אַ רעגירונגס-קאָמיסיע אויסגעאַרבייט אַ פראָיעקט צו פערבעסערן די יודישע לאַגע. לויט'ן דאָזיגען פראָיעקט בעקומען יודען, אמת, געוויסע הנחות; דאָס איינטיילען יודען אויף „טאָלערירטע" און „פראָטעשירטע" בלייבט אָבער כמעט, ווי פריהער. פאַר די הנחות, וואָס יודען בעקומען, פאָדערט דער רעגירונגס-פראָיעקט, אַז די יודען זאָלען זיך גערמאַניזירען: אין עפענטליכען לעבען זענען זיי מחויב צו רעדען דייטש און אין די שולען דאַרף מען האַלטען דייטשע לעהרער. חוץ-דעם ערלויבט נישט דער פראָיעקט, זיי זאָלען זיך רופען „י ו ד ע ן", נור „מאָזאַאיסטען" (בני-דת-משה), אָדער „דעאיסטען" (פריידענקער). וועגען דעם האָבען זיך משתדל געווען די געבילדעטע יודען, וואָס האָבען זיך גערופען „בערלינער". דערזעלבער פראָיעקט האָט אויך צוגעגעבען, אַז אין אַ 60—70 יאָהר אַרום, ווען די יודען וועלען זיך אָבזאָגען פון זייערע רעליגיעזע אייגענשאַפטען, וואָס טיילען זיי אָב פון די קריסטען, און וועלען זיך האַלטען בלויז ביי יענע מנהגים, וואָס זענען אומשעדליך און גלייכגילטיג פאַר דער מלוכה, — דאַן ערשט וועט מען קאָנען אָבשאַפען די איבריגע בעגרענצונגען, וואָס זענען לעת-עתה אונבעדינגט נויטיג.

די יודישע אינטעליגענץ אין פרייסען איז נישט געבליבען צופריעדען מיט אַזוינע קליינע רעפאָרמען און האָט אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע, מיט דוד פרידלענדער (משה

מענדעלזאָהן׳ס א תלמיד) בראש, וועלכע פאָדערט פאַר יודען פולע גלייכבערעכטיגונג. אין דער פעטיציע ווערט מיט שטאָלץ אונטערגעשטריכען, אַז אין פאַל, ווען די גאַנצע רעפאָרם זאָל בעשטעהן בלויז פון די צוגעזאָגטע הנחות אינ׳ם רעגירונגס-פראָיעקט, ווילען די יודען שוין גלייכער בלייבען ביים אַלטען...

ב.

גאָב׳ן פערנעהמען פוילען הויבט מען אָן איינצופיהרען, מיט געוויסע ענדערונגען, די עקזיסטירענדע רעפאָרמען פון פרייסען אויך פאַר די יודען אין די ניי-בעזעצטע פוילישע פראָווינץ-שטעדט. צו אָט דעם צוועק ווערט אויסגעאַרבייט אַ ספעציעלער רעגולאַמין. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, אַז די רעפאָרמען, וואָס האָבען נישט צופריעדענגעשטעלט די יודישע אינטעליגענץ אין פרייסען, וועלכע האָט געשטרעבט צו אַ פולער גלייכבערעכטיגונג, — זענען פאַר די פוילישע יודען געווען די העכסטע מדרגה פון ליבעראַליזם און טאָלעראַנץ, ווייל טראָץ דעם גוטען ווילען פון אַזעלכע איינציגע רעפאָרמאַטאָרען און דעמאָקראַטען, ווי אַ בוטרימאָוויטש, טשאַצקי, יעזשערסקי און קאָסציושקאָ, האָבען די יודען נאָך אַלץ געלעבט כמעט אין מיטעלאַלטערליכער קנעכטשאַפט און אומזיסט זענען געווען די האָפנונגען צו בעקומען בעסערע מענטשליכע לעבענס-בעדינגונגען מצד די מלוכה-מענער פון דעם אונאָבהענגיגען פוילען.

באַלד, ווי די פרייסען פערנעהמען וואַרשא מיט די איבריגע פוילישע לאַנד-טיילען, טרעט-צו די רעגירונג צו רעפאָרמירען די יודען-פראַגע. ס׳איז שווער פעסט-צושטעלען, צי בלויז די ריינע גערעכטיגקייט אָדער דער חשק צו געווינען פאַר זיך די סימפּאַטיע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין נייעם לאַנד האָבען געצוואונגען די פרייסישע רעגירונג תיכף אָבצושאַפען אַלע דעקרעטען און פריווילעגיעס, וואָס וואַרשא האָט געהאַט בירושה פון די פוילישע רעגירונגען אויף צו בעגרעניצען די יודען. מעגליך, אַז די סבה דערצו איז געווען סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע. דערווייל אָבער ווערען גלייך בעזייטיגט אַלע בעדריקונגען, וואָס מען האָט אָנגעווענדט בנוגע יודען, און זיי בעקומען די מעגליכקייט זיך פריי צו בעזעצען אין וואַרשא. דערביי ווערען אַרויסגעגעבען איינציגע געזעצען און תקנות, לויט וועלכע די יודען דאַרפען צאָהלען געוויסע שטייערן, דערונטער אויך: אַ „פראָטעקציאָנס-" און „קאָנסומציאָנס-שטייער".

אין וואַרשא ווערט דורכגעפיהרט אַ סטאַטיסטיק פון דער יודישער בעפעלקערונג, וואָס בעווייזט, אַז דעם 17-טען יאַנואַר 1797 האָבען זיך אין וואַרשא געפונען 3892 מענער און 2905 פרויען, צוזאַמען אַלזאָ 6797 יודישע נפשות. לויט אַ קייזער-ליכען דעקרעט פון 17-טען אַפּריל 1797, ווערט פעראָרדענט, אַז יעדער יוד זאָל צו זיין יודישען נאָמען צוגעבען אויך אַ פאַמיליען-נאָמען, וואָס ער מעג זיך אַליין אויסקלייבען. אין דער׳אמת׳ן אָבער איז דערהאַזיגער בעפעהל געווען נישט מעהר, ווי אַ פאָרמעלע סאַנקציאָנירונג פון אַ זאַך, וואָס האָט פאַקטיש שוין עקזיסטירט, וואָרום די יודען האָבען דעמאָלט שוין געטראָגען עטוואָס עהנליכעס צו פאַמיליען-נעמען. אין פּריוואַטען לעבען האָט מען יעדען, חוץ ביים אמת׳ן נאָמען, גערופען אויך

ביים נאָמען פון זיין געבורטס־שטאָדט, אָדער אויפ'ן ווייבס נאָמען, אַזוי, למשל, זיינען געשאַפען געוואָרען אַזעלכע פאַמיליען־נעמען, ווי: ר' מענדעלע ראַווער, ר' זלמן פוזנער, ר' מאיר צירעלע'ס, ר' ברוך פייגעלע'ס א. ד. גל. דער פאַקט, וואָס דער גרעסטער טייל פוילישע יודען טראָגט דייטשע פאַמיליען־נעמען, ערקלערט זיך דערמיט, וואָס פון איין זייט האָבען די יודען אין טעגליכען לעבען גערעדט אויף „יודיש־דייטש", און פון דער אַנדערער זייט — האָבען די פרייסישע מאַגיסטראַט־ראַטען גערן מיטגעווירקט, אַז יודען זאָלען זיך געבען דייטשע פאַמיליען־נעמען.

ענדליך האָבען די יודען פרייער אָבגעאָטעמט, זיך אָנגעהויבען פערנעהמען מיט רוהיגער אַרבייט, זאָרגענדיג גלייכצייטיג פאַר'ן צַלטעגליכען ברויט און פאַר די גייסטיגע בעדערפנישען. עס ווערען געגרינדעט צוויי יודישע קהלות, אין וואַרשא און פראַגא, מען עפענט אַ שפיטאָל, אַ בית־עלמין, אַ סינאַגאָגע און עס ווערט איינגעאָרדענט אַ יודישע געמיינדע.

אין דערזעלבער צייט איז די גייע מאַכט מבטל די בתי־דינים, וועלכע האָבען געמשפּט אַלע פראָצעסען צווישען יודען, און עס ווערט אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז יודען דאַרפען, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע איינוואוינער פון שטאָדט, זיך משפט'ן דורך די מאַגיסטראַטורען פון לאַנד. כדי שטאַרקער צו פערהיטען די געמיינדע פון געוואַלט־טהאַטען און עוולות מצד דער קהלה, ווערט דעם 17־טען אַפּריל 1797 פעראָרדענט, אַז אין פאַל, ווען די רבנים, גייסטליכע, קהלה־פאָרשטעהער און אַנדערע יוריסטען וועלען אויף עמיצען אַרויפלעגען אַ גרויסען, אָדער אַ קליינעם חרם, וועלען בעשטימען עפענטליכע, צי געהיימע שטראָפען דורכ'ן בית־דין, אָדער וועלען אַנגעהמען וואַסערע־עס־איז צוואַנגס־מיטלען, — ווערען זיי דאָס ערשטע מאָל בעשטראָפט צו בעצאָהלען 50 טאָלער, און דאָס צווייטע מאָל — צו פערליערען זייערע שטעלעס און אַרויסגע־טריבען צו ווערען פון לאַנד.

ג.

די גוטע בעהאַנדלונג פון די יודען אין וואַרשא מצד דער נייער רעגירונג האָט געבראַכט דערצו, אַז פון אַלע עקען לאַנד האָבען יודען אָנגעהויבען קומען און בעזעצען זיך אין וואַרשא. דער פוילישער בעפעלקערונג האָט עס נישט געשמעקט; זייער אונצופריעדענהייט האָט אויף אַזוי-פיעל געווירקט, אַז דעם 7-טען מערץ 1798 ווערט דורך אַ קאַבינעט-רעסקריפט בעשלאָסען אויפ'ס נייע צו דערווייטערן די יודען פון וואַרשא, נאָר בעהמענדיג אין אַכט, אַז ווען מען זאָל דערווייטערן פון שטאָדט אַזאַ פעדייטענדען האַנדעלס- און אינדוסטריע-קלאַס, וואָלט די שטאָדט-קאַסע געקאָנט האָבען דערפון אַ יעהרליכען דעפיציט פון 192,000 פוילישע גולדען און דערביי וואָלטען איבערהויפט געליטען די עקאָנאָמישע פערהעלטנישען פון שטאָדט, — איז דעם 21-טען דעצעמבער 1799 אַרויסגעגעבען געוואָרען פאָלגענדע פעראָרדנונג:

1) נישט אַלע יודען דאַרפען אַרויסגעשיקט ווערען פון וואַרשא;

2) די יודען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין וואַרשא נאָכ'ן יאָהר 1799, דאַרפען אויסקויפען דעם „טאָג-צעטעל" — און די יודען, וואָס האַלטען-זיך-אויף אין וואַרשא צייטווייליג, דאַרפען אָבצאָהלען טעגליך צו איין פוילישען גולדען.

3) די יודען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין וואַרשא נאָכ'ן 9-טען יאַנואַר 1796, אָדער די „זועקס-און-נײַנציגער" — ווי מען האָט זיי גערופען, מעגען פערבלייבען אין שטאָדט און דאַרפען אָנשטאָט די פריהערדיגע פאַראַטקעס, וואָס פלעגען ביי זיי אויפגעמאָהנט ווערען אויף פערשיעדענע אופנים, אַריינטראָגען אין דער עקאָנאָמישער קאַסע פון וואַרשא פאָלגענדע סומעס:

א) 35 טויזענד טאָלער, אָדער 210 טויזענד פוילישע גולדען אַלס נ אַ ה - ר ו נ ג ס - ש ט ײַ ע ר. דעמדאָזיגען שטייער זענען די יודען מחויב צו פערטיילען צווישען זיך, דורך דער פערמיטלונג פון קהל, לויט'ן פערמעגען פון יעדען בעזונדער.

ב) פאַר דער ערלויבניש זיך צו בענוצען מיט דיזעלבע רעכט, וואָס די קריסטליכע בעפעלקערונג, דאַרפען די יודען צאָהלען דעם ט אָ ל ע ר אַ נ ץ - ש ט ײַ ע ר, נאָר מיט אַ דריטעל מעהר ווי די קריסטען, וועלכע האָבען געצאָהלט 5 פראָצ. לויט'ן פאַראַטעק פאַר'ן גענוסען פון די שטאָדטישע רעכט.

דאָס אויפמאָהנען דידאָזיגע שטייערן איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם קהל. דאָס גיט דעהדאָזיגער יודישער רעפרעזענטאַנץ דעם כאַראַקטער פון אַ מאַכט און זי בעקומט אַזוי-אַרום אַ גרעסערע חשיבות ביי דער יודישער בעפעלקערונג.

וועלענדיג פערלייכטערן דאָס אויפמאָהנען דעם נאַהרונגס-שטייער, בעשליסט שפעטער די „עקאָנאָמישע קריגס-קאַמער" איינצופיהרען אַן אָבצאָהל פון כשר-פלייש און פון שעכטען עופות. דעהדאָזיגער אָבצאָהל ווערט אָבגעגעבען אין אַרענדע. דערביי בעקומט קהל די ערלויבניש אַריינצולעגען אין חרם יענע מענשען, וואָס וועלען משפיע זיין, אַז דידאָזיגע „קאָראָבקע"-הכנסות זאָלען פערקלענערט ווערען.

בכלל האָבען יודען אונטער פרייסישער הערשאַפט געלעבט, פערהעלטנישמעסיג, גוט. זיי האָבען זיך געקאָנט פריי אויסקלויבען וועלכע פראָפעסיעס זיי האָבען געוואָלט, און צו זייערע קהלה-איינריכטונגען האָט מען זיך בעצויגען מיט אַכטונג. לויט די

רעמאלטיגע פערהעלטנישען אין פוילען, האט עס דער ארטיגער בעפעלקערונג, וועלכע איז נישט געוועהנט געווען, אז יודען זאלען בעהאנדעלט ווערען מענשליך, זעהר געקרענקט. איהר פיינדליכע בעציהונג האט זיך אויסגעדריקט אין׳ם פאגראם, וואס איז אויסגעבראכען אין יאהר 1804, בשעת א פראצעסיע. דאס איז געווען דעם 14-טען יוני, אין׳ם „גרינעם דאנערשטאג“. ווען די פראצעסיע איז געגאנגען פון קאשציאל סוו. אנדזשעיא, נעבען גאלובסקא, דורך סענאטארסקא (נומער 471, אותיות א. און ב.), זענען עטליכע דאך-שינדלען ארונטערגעפאלען אויף דער חופה, אונטער וועלכער עס האט זיך געפונען דער גלח, וואס האט געפיהרט די פראצעסיע. עטליכע פעריזאן האבען אבער גע׳טענה׳ט, אז זיי האבען אליין געזעהן פאלען שטיינער. אזוי ווי די גאלובסקא-גאס איז צום גרעסטען טייל בעוואוינט געווען דורך יודען, וואס זענען געלעגען בעהאלטען אין זייערע הייזער, אדער האבען זיך צוגעקוקט צו דער פראצעסיע דורך די שפארעס פון די פלויטען און טויערן, — איז דערום תיכף געווארען א גוואלט, אז דאס האבען יודען מיט א כיוון געווארפען שטיינער אויף דער פראצעסיע. דער המון האט זיך אריינגעריסען אין יענע הויפען, אנגעהויבען שלאגען די יודען און אויסהאקען אין זייערע דירות די פענסטער, טהירען און אויוועגס. דאס אנגעקומענע מיליטער האט אפילו איינגעשטילט דעם אנפאל; אבער צומארגענס פארטאג האט אויסגעבראכען נאך א שארפערער פאגראם. דער המון האט זיך געווארפען אויף די יודישע קראמען אויפ׳ן פאטשעיאוו, אין די הויפען פון יאבלאנאווסקי׳ס פאלאץ (היינטיגער ראטהויז), אין כאדער׳ס הויז (די פוליארען-געביידע נעבען גרויסען טעאטער), צעראבירט די סחורות, פערניכטעט די זאכען, געריסען די דעכער א. א. וו., ביז דעם אראנגעבראכטען מיליטער און דער ציוויל-מאכט איז געלונגען איינצושטילען דעם המון און די שולדיגע זענען ווי געהעריג בעשטראפט געווארען („גאזעטא ווארשאווסקא“, יאהר 1805, ביילאגע צום נומער 53).

מעהר זענען אזעלכע געשעהענישען פאר די צייטען פון דער פרייסישער הערשאפט אין ווארשא נישט פארגעקומען.

ד.

די התקרבות צווישען פוילען און פרייסען אין מלוכה׳שער הינזיכט האט אויך געווירקט אויף דאס אינערליכע לעבען פון די פוילישע יודען. צום ערשטען מאל האט זיך בעוויזען אין פוילען דער טיפ פון דעם „מאדערנעם יוד“, וואס איז בעוואוסט אונטער׳ן נאמען „בערלינער“ אדער „דייטש“. די דאזיגע יודען האבען געטראגען אונטער-געהאקטע רעקלעך, זיך געשארען די פאות, ראזירט די בערד, זיך מקיל-געווען אין יודישע דינים און מנהגים און גערעדט ריין דייטש; מעהר פון אלץ האבען זיי פערגעטערט דעם נאמען משה מענדעלזאהן. תחילת איז דאס געווען אן אויבערפלעכליכע בילדונג, וואס ווירקט מעהר אויף דאס אויסערליכע, איידער אויפ׳ן מוח און הארץ. ערשט אין דער שפעטערדיגער עפאכע האט דאס „בערלינערטום“ אפגעטראטען דעם ארט פאר דער „השכלה“. באלד דערויף איז אין ווארשא ערשיענען א קליין ווערק, וואס איז געווען א מין ליטערארישע נאכאהמונג פון יודיש-פרייסישען מוסטער. אין

יאָהר 1796 ווערט אין ווארשא אַרויסגעגעבּען דורך מענדעלזאָהנ'ס אַ חסיד, יעקב קלמנזאָהן, אַ קליינע בראָשור אויף פראַנצויזיש (שפּעטער איבּערזעצט אויך אויף פּויליש), אונטער'ן נאָמען: „בּעמערקונגען איבּער דעם איצטיקען(!) צושטאַנד פון די פּוילישע יודען און זייער אויסבּילדונג". די דאָזיגע בּראָשור איז געווידמעט דעם דעמאָלטיגען פּרייסישען מיניסטער הוימאַוו, וועלכער האָט איינגעפיהרט די רעפאָרמען אין יענע טיילען פּוילען, וועלכע פּרייסען האָט געהאַט בּעזעצט. דאָס איז אַ בּעריכט וועגען דער דעמאָלטיגער לאַגע פון די יודען און אַ פּראָיעקט צו ענדערן זייער מצב. לויט'ן דערמאָהנטען רעצעפּט, זעהט קלמנזאָהן דאָס גאַנצע אונגליק פון די יודען דערין, וואָס זיי זענען אָבּגעזונדערט, און זייער גאַנץ גליק — אין אַסימילירען זיך מיט די אַרומיגע פעלקער. ער עצה'ט אָבּצושאַפען דעם חרם און די ספּעציעל־יודישע מלבּושים, איינפיהרען צוואַנגס־בּילדונג, בּעשטימען די עלטער, ווען מען זאָל מעגען חתונה־האָבּען, איבּערזעצען די תפילות, כדי צו בּעפרייען די מאַסען פון אונטער דער שליטה פון די רבּנים, וואָס פערשפּרייטען פינסטערניש, און ענדליך פאָדערט ער, מען זאָל פערבּאָרגען שערען, אָדער ראַזירען די בּערד, ווייל „משה רבּינו האָט גישט געקאָנט פּערוועהרען אַזאַ אינסטרומענט, וואָס איז ערפונדען געוואָרען ערשט מיט מעהר פון 3000 יאָהר שפּעטער".

קלמנזאָהן, קאָן מען זאָגען, איז דער טאַטע פון די פּוילישע אַסימילאַטאָרען, וועלכע זענען אַ סך שפּעטער אויך נישט־ווייט אַוועק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז רעפאָרמירען די יודען קאָן מען בּלויז דורך פּאָליציאישע מיטלען, וואָס ווערען אָנגעוואָרפען פון־דרויסען.

כדי אַלויטיג צו כאַראַקטעריזירען די דערמאָהנטע עפּאָכע, דאַרף מען נאָך בּרענגען די מיינונג פון דעם היסטאָריקער שמעון אַשכּנזי, וועלכער בּעטראַכט די אַלע הנחות, וואָס די יודען האָבּען בּעקומען אין פּוילען דורך אַ נישט־פּוילישער מאַכט, פונ'ם שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסען פונ'ם פּוילישען נאַציאָנאַליזם. און הגם אַשכּנזי לייקענט נישט דעם פאַקט, אַז בּעת דער פּרייסישער הערשאַפט איז די יודען געגאַנגען בּעסער, פונדעסטוועגען ערקלערט ער דעם דאָזיגען ענין אויף אַזאַ אופן:

„צווישען דער היגער שטאָדטישער בּעפעלקערונג זענען פּראָטעזשירט געוואָרען בּלויז די יודען, אָבּער נישט דורך געבּען זיי, אויפ'ן גרונד פון אַ געזעץ, גלייכבּערעכטיגונג, נאָר דורך אַ ווילקירליכער פּריווילעגיע (?), אַלס אַנ'איינגעוואַנדערטען עלעמענט, וואָס איז פעהיג בּאַלד צו גערמאַניזירען זיך און וועלכען מ'האָט מיט אַ כּיוון געוואָלט אונטערשיידען און גלייכצייטיג צעקריגען מיט דער איינגעבּאָרענער פּוילישער געזעלשאַפט; זייענדיג אָבּגעריסען דורך אַזאַ קלוג מיטעל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, אָנשטאָט איהר צו דינען און מיט איהר זיך צונויפצושמעלצען, וועט דער דאָזיגער (יודישער) עלעמענט זיין שטענדיג גרייט אַריינצודרינגען ווי אַ קלין, אַריינגערוקט אין איהר סאַמע האַרץ, וואָס איז דורכאויס נוצליך פאַר די פונאַנדערטיילונגס־כּוונות און די אַפּיטיטע פּרייסישע פּאָליטיק. אַזאַ פעלק־צייכען טראָגט טאַקי בּיז'ן היינטיגען טאָג די יודישע בּעפעלקערונג אין גרויס־פּוילענער פּירשטענטום".

(„צוויי יאָהרהונדערט", זייט 213–214).

פאַרוואָס די פּוילישע רעגירונגען האָבען זיך ניט בעמיהט אַליין די יודען צו גלייכבערעכטיגען, כדי צו מאַכען איבעריג יעדע פרעמדע אַריינמישונג פון גערעכטיגקייט — דערויף גיט אַשכּנזי קיין ענטפער ניט.

דאָס וואַרשאָווער פירשטענטום (1807—1813).

א.

די פוילישע מלוכה, וואָס איז אין יאָהר 1795 פאָלשטענדיג חרוב געוואָרען, ווערט פלוצלונג טיילווייז צוריק אויפגעלעבט. דאָס קומט-פאָר אין יאָהר 1807, ווען פראַנקרייך בעזיעגט די פרייסען ביי דער י ע נ אַ , נאַפּאָלעאָן נעהמט-איין יענע ערד-טיילען, וואָס די פרייסען האָבען געהאַט פערנומען אין פוילען, און בילדעט אַ גרויס וואַרשאָווער פירשטענטום מיט וואַרשאָ אַלס הויפט-שטאָדט. די פּאָליאַקען הויבען-אָן פיהרען אין אַ געוויסער מאָס אַן אומאָבהענגיגע עקזיסטענץ אונטער דער אויבער-הערשאַפט פון זאַקסישען קעניג פרידריך אויגוסט, וועלכער געפינט זיך אין דרעזדען. לויט דער קאָנסטיטוציע, וואָס נאַפּאָלעאָן שענקט דעם פירשטענטום, געהערט די געזעצגעבערישע מאַכט צום סיים. דער קעניג בעשטימט די פעראַנטוואָרטליכע מיניסטאָרען, וואָס בילדען, אינאיינעם מיט פיער רעפערענדאַרען, דעם מלוכה-ראַט.

די קאָנסטיטוציע פראָקלאַמירט אַלע בירגער אַלס גלייכע פאַר'ן געזעץ, און נאַפּאָלעאָנ'ס קאָדעקס, וואָס ווערט איינגעפיהרט אין פירשטענטום, אָנערקענט אויך פאַר אַלע איינוואוינער דיזעלבע רעכט. טעאָרעטיש גענומען, וואָלטען אָט די געזעצגעבערישע אַקטען געדאַרפט אויך בעשטימען די גלייכבערעכטיגונג פון יודען, אין דער פראַקטיק אָבער איז פאַר יודען אַלץ געבליבען, ווי געווען.

די פּאָליאַקען, וועלכע האָבען נור-וואָס איבערגעלעבט די פאַנאַנדערנעמונג פון זייער פאָטערלאַנד און זענען געווען ערנידריגט אין נאַציאָנאַלער הינזיכט, האָבען פונדעסטוועגען, בעקומענדיג אויפ'ס ניי אַ געוויסע פּאָליטישע אומאָבהענגיגקייט, זיך גישט בעמיהט צו ענדערן זייערע בעציהונגען צו יודען, וועלכע האָבען אינאיינעם מיט זיי געליטען און אינאיינעם געקעמפט. פערקעהרט, מען נוצט-אויס די פרייהייט, כדי אויף די יודען אַרויפצולעגען נאָך שווערערע קייטען. אין יענע פייערליכע טעג פון פוילענס אויפלעבונג האָבען זיך די מענשען, וואָס הויבען-אָן רעגירען אין לאַנד, נישט נור זיך נישט בעמיהט צו בעפרייען דעם געזעלשאַפטליכען געדאַנק צו זיין אונטערגעוואָרפען די קלייגליכע אינטערעסען פון יעדען שטאַנד און דערפיהרען איהם אַפילו ביז צו דער מדרגה פון אַ מלוכה-אויפגאַבע, נאָר זיי אַליין רופען-אַרויס אין דער פוילישער בעפעלקערונג די אינסטינקטען פון ענאַזים.

אַלע, אָהן אויסנאַהם, פערנעהמען זיך מיט רודפ'ן יודען. אויף דעמאָזיגען וועג ווערט אַרויפגעפיהרט אפילו דער קעניג. די נייע מלוכה-מענער פון דעם בענייטען פוילען, וואָס זענען בערופען געוואָרען צו פערשפרייטען און פפלעגען דעם מלוכה-געדאַנק, אָבצוהיטען דאָס געזעץ, וועמענס אויטאָריטעט ס'איז אין דעם אַמאָליגען פוילען אַזוי שטאַרק געפאַלען און האָט אין אַ געוויסען זין מיטגעווירקט צו פוילענס ירידה, — אָט

די מלוכה־מענער גופא האָבען, װעלענדיג פֿערפֿאָלגען די יודען, עובר געװעהן אויף די געזעצען פֿון דער מלוכה, מיט אַ פֿיעבערהאַפֿטער איילעניש דויבען זיי אָן דורכפֿיהרען פֿערענצונגס־געזעצען פֿאַר יודען, פֿערגעסענדיג זאָגאַר דערין, אַז דער פּױלישער מלוכה דראָהען נאָך פֿערשיעדענע פּאָליטישע איבעראַשונגען.

ה

אין די צייטען פֿון דער פּרייסישער הערשאַפֿט האָבען די פּױלישע יודען געמאַכט אַ בעדייטענדען שריט פֿאָרױס אויפֿ'ן װעג צו עמאַנציפּאַציע. אונאָבהעניגג פֿון די געװיסע פּאַקטישע רעכט, װאָס זיי האָבען בעקומען, האָבען זיי זיך פֿון די דײַטשע יודען אָבגעלערנט צו קעמפּפֿען פֿאַר זייערע רעכט; אויסערדעם האָט דער איינפֿלוס פֿון די דײַטשע יודען אויך גייסטיג דערהויבען אַ געװיסען טייל פֿון די פּױלישע יודען. די אידעען פֿון משה מענדעלזאָהן און זיינע תלמידים, ביי אַ מלוכה'שער געמיינזאַמקייט צווישען פּױלען און פּרייסען, האָבען אויך געהאַט אַ װירקונג אויפֿ'ן פּױלישען יודענטום. קיין פּױלען האָט אויך געמוזט דערגרייכען אַן אָבקלאַנג פֿון דעם קאַמפּף, װאָס די פֿראַנצויזישע יודען האָבען געפֿיהרט פֿאַר אַ פֿולער גלייכבערעכטיגונג. דעריבער טאַקי מוז די רעגירונג פֿונ'ם פֿירשטענטום אין פֿריהלינג פֿון יאָהר 1908 זיך פֿערנעהמען מיט דער יודען־פֿראַגע צוליעב דעם, װאָס די יודען זענען זיך משתדל צו בעקומען בירגער־רעכט און עס שטעהען־פֿאַר װאַהלען צום סיים. די יודישע אינטעליגענץ איז דאַן געװעהן דורכגעדרונגען מיט די בעסטע האָפֿנונגען פֿאַר דער צוקונפֿט; דערמאָיגען בטחון האָט אין זיי געשטאַרקט, פֿון איין זייט, די שכינה פֿון נאַפּאָלעאָנ'ען, װעלכען מען האָט בעטראַכט אַלס שעפֿער פֿון דער פֿראַנצויזישער רעװאָלוציע, און פֿון דער אַנדערער — די פֿערדיענסטען פֿון יודען פֿאַר פּױלען, בשעת'ן קאַמפּף פֿאַר איהר בעפֿרייאונג.

באַלד האָט זיך די יודישע אינטעליגענץ געמוזט ענטוישען אין זייערע ערװאַרטונגען. די מלוכה־מענער פֿונ'ם װאַרשאַװער פֿירשטענטום האָבען ביי נאַפּאָלעאָנ'ען אויסגעבאַרגט בלויז זיין לעצטען „שאַנד־דעקרעט", װעלכען זיי װענדען־אָן אין פּױלען אויפֿ'ן רעאַקציאָנערסטען אופֿן. װי בעקאַנט, האָט נאַפּאָלעאָן, נאָכדעם װי די רעװאָלוציע האָט די פֿראַנצויזישע יודען געגעבען פֿולע גלייכבערעכטיגונג, געװאָלט נאָכאַמאָל רעװידירען די יודען־פֿראַגע; צו דעם צװעק האָט ער צוזאַמענגערופֿען פֿריהער די פֿאָרשטעהער פֿון דער יודישער אינטעליגענץ („נאָטאַבלען"), און שפּעטער — די רבנים (סנהדרין), כדי זיך איבערצייגען, צי די „קאָנסטיטוציע פֿון יודישען פֿאָלק" שטערט נישט די יודען צו זיין גוטע פֿראַנצויזישע בירגער. דער ענטפֿער, װאָס נאַפּאָלעאָן האָט בעקומען, איז געװעהן װי אַמבעפֿריעדיגסטען, נאָר װען די רעאַקציאָנערע אַנשויאונגען האָבען ביי איהם גענומען די איבערהאַנד, בעשליסט נאַפּאָלעאָן צו בערענצען אַ טייל יודען (הויפּטזעכליך — די עלזאַסער) אין זייערע רעכט אויף 10 יאָהר, ד. ה. אויף אַזוי לאַנג, ביז „זיי װעלען װערען אמת־גוטע פֿראַנצויזען".

אין דערמאָיגען בעפֿעהל, װעלכער האָט אין דער געשיכטע בעקומען דעם נאָמען „שאַנד־דעקרעט", האָט זיך די װאַרשאַװער רעגירונג אָנגעכאַפּט, װי אָן אַ רעטונג.

ריעט, און פּאָרגעלעגט דעם קעניג איהם אָנצווועטערן בנוגע די פּוילישע יהודן. דער פּוילישער מלוכה-ראַט האָט דאַן געדרוגגען אַזוי: „הגם נאַפּאָלעאָנ'ס בעשטימונגען זיינען נישט קיין געזעץ פאַר'ן פּירשטענטום, דינגען זיי פונדעסטוועגן פאַר אונז אַלס שטיץ-פּונקט, כדי אָנצוהויבען איבעראַנדערשען אונזערע יודען; דאָס איז פאַר אונז אַ נויטווענדיגע און וויכטיגע פראַגע. אַ טרויעריגע צוקונפט וואָלט געדראָהט דעם וואַרשאָווער פּירשטענטום, ווען דאָס פאָלק ישראל זאָל מיט-אַמאָל אָנהויבען מעניסען פון די בירגערליכע רעכט; נישט בלויז זיין הלבשה, דאָס אויסערליכע אויסזעהן און אַרט לעבען שיידען איהם אָב פון די איבריגע בירגער, נאָר דאָס, וואָס עס ענטזאָגט זיך פערזעגליך צו דינען דעם פאָטערלאַנד, הערהאַלט זיין נאַציאָנאַלען גייסט, פלאַנצט-איין אין די קינדער פּרינציפּען, וואָס זיינען שעדליך פאַר'ן לאַנד, פערנעהמט זיך הויפּטזעכליך מיט וואָכעריי און אָפט אויך מיט קאָנטראַבאַנד; צוליעב דעם, וואָס די יודען ענטזאָגען זיך פון לאַנדווירטשאַפט, ווערען זיי פאַר אונז וואָס אַמאָל אַלץ אַ גרעסערע משא; די נישט-גרויסע צאָהל יודען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט אינדוסטריע, שאַדען פון איין זייט דעם מסחר, ווייל זיי טרייבען דעם צו-קליינעם האַנדעל, און פון דער אַנדערער זייט ווידער — ווייל זיי פערנעהמען זיך מיט מעקלעריי, אַדאַנק וואָס זיי פירען אַ לעדיג-געהעריש לעבען און אַנשטאָט צו פערגרעסערן דאָס נאַציאָנאַלע פערמעגען, פערדאַרבען זיי עס, געניסענדיג פון די פרוכטען פון פרעמדער אַרבייט".

כדי צו בעקומען דעריוף נאַפּאָלעאָנ'ס הסכמה, פערשטענדיגט זיך די וואַרשאָווער רעגירונג מיט אידרע אַגענטען אין פראַנקרייך און מיט דעם פראַנצויזישען מיניסטער ש אַ מ פּ אַ נ י — אַ שונא-ישראל. אַז מען האָט זיך אין דרעזדען און אין וואַרשאָ דערוואוסט וועגען דער פריינדליכער בעציהונג פון נאַפּאָלעאָנ'ען צום דאָזיגען פּאָרשלאַג, גיט-אַרויס דער וואַרשאָווער פּירשט דעם 17-טען אָקטאָבער 1808 פאָלגענדען דעקרעט:

„פאַר די איינוואוינער פון אונזער וואַרשאָווער פּירשטענטום, וואָס גלויבען אין דת-משה, ווערט פערבאָטען ביז דער צוקונפט זיך צו בענוצען מיט פּאָליטישע רעכט אויף אַ משך פון 10 יאָהר, מיט דעם בטחון, אַז דורך דער צייט וועלען זיי בעוויזען אויסצוראָטען פון זיך יענע אייגענשאַפטען, וועלכע אונטערשיידען זיי אַזוי שטאַרק פון אַלע אַנדערע. דעראָזיגער כלל וועט אונז פונדעסטוועגען נישט אָבהאַלטען צו ערלויבען איינצעלנע פערזאָנען פון דער אֻמונה, צו געניסען פאַר דעם בעשטימטען טערמין פון די פּאָליטישע רעכט, קוים וועלען זיי אויף אַזאַ הויכען חסד פון אונזער זייט פערדינען, ערפילענדיג די בעדינגונגען, וועלכע וועלען ווערען בעפוילען אין אַ ספּעציעלער פעראָרדנונג בנוגע די גלויביגע אין דת-משה, מיר בעאויפטראַגען אונזערע מיניסטאָרען ממלא-צו-זיין דעמדאָזיגען סטאַטוט אונזערען דעקרעט, וואו מען וועט דאַרפען".

ג.

נאָך אַרטיג, אין אַ מאָדערנעם פראַנצויזישען סטיל האָט די וואַרשאַווער רעגירונג אזוי=אַרום אָוועקגענומען ביי די „בני=דת=משה" יענע בירגערליכע רעכט, וואָס די קאָנסטיטוציע האָט זיי געגעבען. כדי צו בעשיינען דעם סטיל, געברויכט מען דעם אויסדרוק „פּאָליטישע רעכט", ווערענד אין דער ווירקליכקייט האָט מען ביי די יודען אָוועקגענומען זייערע וויכטיגסטע בירגערליכע רעכט. אין נאָוועמבער 1808 האָט יודען פערבאָטען צו קויפען פערמעגענס, וואָס געהערען בירושה צום אַדעל; עס ווערען צוריק איינגעפיהרט די ערנידריגענדע בעגרענצונגען בנוגע וואוינען אין וואַרשאַ: לויט אַ דעקרעט פון 16=טען מערץ 1809 ווערט יודען פאָרגעשריבען אין משך פון אַ האַלב יאָהר צו פערלאָזען די וואַרשאַווער הויפּט=גאַסען; אַן אויסנאַהם מאַכט מען בלויז פאַר יחידים, ווי: באַנקירען, גרויסע סוחרים, דאָקטוירים און אַרטיסטען. מיט איין וואָרט — אין בעצוג צו יודען איז די אויפלעבונג פון פוילען בעשטאַנען דערין, וואָס מ'האָט זיך אומגעקעהרט צו די ערנידריגענדסטע אַלט=פוילישע פערארדנונגען, צו דער „אידיליע" פונ'ם אַדעל, וועלכע איז געהאַט צייטווייליג צעשטערט געוואָרען דורכ'ן נייעם הערשער אין לאַנד.

צווישען די יודען אין וואַרשאַ האָט אויסגעבראָכען אַן אויפגערעגטע שטימונג. ווי מיר האָבען דערמאָהנט, האָט שוין דאַן עקזיסטירט אַ בעדייטענדע גרופּע פּראָגרעסיווע יודען אין וואַרשאַ, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער מאָדערנער בערלינער קולטור און האָבען זיך ענטזאָגט פון די בעזונדערע איינענשאַפטען אין הלבשה און אויסזעהן, פאַר וועלכע מ'האָט ביי יודען אָוועקגענומען זייערע רעכט. געשטיצט אויפ'ן צווייטען אַרטיקעל פונ'ם בעגרענצונגס=דעקרעט, וועלכער פערשפּרעכט צו מאַכען אויסנאַהמען פאַר אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס „וועלען אויסוואָרצלען פון זיך יענע אונטערשיידענדע איינענשאַפטען", — האָט אַזאַ גרופּע יודען (17 פּערזאָן) אין יאַנואַר 1809 ערקלערט דעם דעמאָלטיגען יוסטיץ=מיניסטער, אַז „זיי האָבען זיך פון לאַנג שוין בעמיהט, דורך זייער מאָראַלישער אויפפיהרונג און אייראָפּעאישער קליידונג, זיך צו דערנעהנטערן צו דער איבריגער בעפעלקערונג, און זענען איבערצייגט, אַז איצט האָבען זיי אויפגעהערט צו זיין אונווירדיג אויף צו בעקומען בירגערליכע רעכט".

אויף דער דאָזיגער קנעכטישער דעקלאַראַציע האָט דער יוסטיץ=מיניסטער לובענסקי — איינער פון די „קאָנסטיטוציאָנעלע" מיניסטאָרען, וועלכע האָבען אונטער דער מאַסקע פון ליבעראַליזם, בעוויזען דורכצופיהרען דעספּאָטישע פּרינציפּען, — געענטפערט מיט'ן ברוטאַלען פשט'ל, אַז לויט'ן געזעץ איז די קאָנסטיטוציאָנעלע גלייכהייט נישט נוגע אַלע בירגער, ווייל אַלס אַזעלכער קאָן בעטראַכט ווערען נור דער, וואָס איז טריי דעם קעניג און האַלט נור דאָס לאַנד אַלס זיין פאָטערלאַנד; און — „צי קאָנען דען די, וואָס גלויבען אין דת=משה, בעטראַכטען דאָס לאַנד אַלס זייער פאָטערלאַנד? צי גאַרען זיי דען נישט צוריקצוקעהרען אין דעם לאַנד פון זייערע אָבות? צי פירען זיי זיך נישט אַלס אויסדערוועהלט, אָבגעזונדערט פאָלק? ס'איז נישט גענוג צו ענדערן בלויז די הלבשה".

אויסער די פארשטעהער פון דער „פראק-קולטור“, וועלכע האבען פערלאנגט הנחות נור פאר זיך אליין, האבען זיך דאן אין ווארשא געפונען אנדערע אנהענגער פון דער בערלינער קולטור, וואס האבען געהאלטען פאר זייער חוב אויסצוקעמפען רעכט פאר אלע יודען. דעם 17-טען מערץ 1809 האבען 6 פארשטעהער פון דער יודישער געמיינדע (די ה"ה: מיכאל ראווסקי, מ. פירשטענבערג, יוזעף לאנציטער, פ. געדערבוים, ברוך הערשפעלד און ל. י. בוירעריך) דערלאנגט דעם סענאט פון פירשטענטום א מעמאריאל, אין וועלכען ס'האט זיך געהערט נישט בלויז די שטים פון תחנונים, נאר אויך א געוויסער קלאנג פון אויפרעגונג. דער דאזיגער מעמאריאל לויטעט בקיצור אזוי:

„טויזענדער פון פוילישען פאלק, וואס געהערען צום יודישען גלויבען און האבען מיט דורות לאנג צוריק שוין אין דעם לאנד זיך בעזעצט, ווערען אהן שום חטאים אויסגעטיילט אין דעם פאטערלאנד פון די איבריגע איינוואוינער, צום שאדען פאר דער געזעלשאפט, מיט בעליידיגונג פאר דער מענשהייט, אהן צו וויסען, איבעריגענס, פארוואס זיי ווערען פערארטיילט צו אזעלכע ערניעדריגונגען און שמאכטען נאך אלץ אונטער'ן יאך פון די טאג-טעגליכע אונטערדריקונגען“. נישט-קוקענדיג אויף דעם דורכלויכטענדען גייסט פונ'ם דור און אויף „דער קלוגשאפט פונ'ם גרויסען נאפאלעאנ'ס געזעצען“, נישט-קוקענדיג דערויף, וואס „אלע אונגליקען פון די מלחמות און רעוואלוציעס ווערען אויסגעפאלען אין גורל פון אונזערע אבות, ווי אויך אין אונזער אייגענעם גורל“, בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואס „די יודען זענען אויסגעשטאנען פערשיידענע צרות צוליעב די פאראורטיילען פון אונזערע לאנדסלייט און שונאים“ און „זייער האב-און-גוטס, זייערע נפשות זענען געווען פערארטיילט טאג-טעגליך צעשמעטערט, געפייניגט און געזידעלט צו ווערען“, און איצט — „נישט נור מיר וויסען נישט פון דעם אלעם, וואס דאס פאטערלאנד פערשפרעכט איהרע קינדער, נישט נור מען האט אונז בעזייטיגט צו געניסען פון די בירגערליכע רעכט, נישט נור ס'געפינט זיך נישט קיין מענש, וואס זאל פארשטעלען אונזערע עולות און ליידען פאר'ן סענאט אדער סיים, — נאר צו אונזער טיעפסטען וועהטאג זעהען מיר פאר, דאס אפילו אונזערע קינדער און נאכקומענדע דורות וועלען זיך נישט דערווארטען אויף א בעסערען גורל, ווי זייערע טאטעס“... „פון אלע זייטען ווערען מיר בעווארפען מיט גרעסערע לאסטען, ווי די אנדערע בירגער; וואו מיר קערען און ווענדען, איבעראל בעגעגענען אונז שוועריגקייטען און זלזולים; ס'איז ביי אונז אבגענומען די פרייהייט צו געניסען פון דעם פערמעגען, אז עמ'ץ זאל זיך קאנען איינהאנדלען א שטיקעל ערד, אויפבויען א הייזעל, גרינדען א ווירטשאפט, פריי צו האנדלען און א פאבריק צו פיהרען; דאס אלץ, וואס איז פון גאט און נאטור דעם מענשען ערלויבט, איז אונז אין ווארשא פערבאטען אזוי ווייט, אז ס'ווערט זאגאר פארגעזעהן אונז צו דערווייטערן פון איינציגע הויפט-גאסען אין שטאדט; וואס-זשע קאן מען נאך זאגען וועגען יענע גליקליכע פרייהייטען, וועלכע ווערען דורך יעדען בירגער אם-העכסטען געשאצט, כדי צו געהערען צו די, וואס קלויבען-אויס זייערע בעאמטע, און געוועהלט צו ווערען דורך זיינע מיט-בירגער — קוים ווערט ער אין דער ציוויליער געזעלשאפט בעטראכט אלס טויט בעשעפעניש. בלויז הערפון קאנען די יודען-

פּאָליצייען רדיגען, אַז זיי לעבען צווישען מענשען, וואָס די מעגליכע שטייערן רייסען זייער אָרים שטיקעל ברויט, און פון דעם, וואָס מאַן-איין מאַנ-אוים פילען-אָן די מיט-בירגער זייערע הערצער מיט ביטערנישׂ".

„העררען סענאַטאָרען, צי איז ווירקליך נאָך נישט געקומען דער מאָמענט, אַז מיר זאָלען אויך האָבען אַ חלק אין די חסדים פון גאָטעס? צי וועט מאַכען די ערד, אויף וועלכער אונזערע מאַטעס און זיידעס זענען געבאָרען און האָבען נישט איינמאָל גאַנץ טייער בעצאָהלט פאַר דער מתנה, אויף אייביג שוין בלייבען פרעמד פאַר אונז?"

„מען זאָגט, אַז מיר זענען נישט מעאַייגעט צו אַזעלכע חסדים; ווען ס'זאָל אפילו זיין אַזוי, — וואָס ס'איז נישט, — שוין-וישע וועט דאָך דאָס טויטע בעשטעפעניש אייביג בלייבען טויט, קוים וועט מען דורין נישט אריינהויכען דעם אויפלעבענדען גייסט פון געטען; דער דורשלאָגענער מענש וועט זיך קיינמאָל אליין נישט דער-הויבען, קוים דערשטיקט איהם יעדעס מאָל נאָכאַנאַנד אַ נייע משׂא, קוים וועט איהם די השגחה'דיגע רעגירונג בעטראַכטען אַלס אומווירדיג צו שטייגען העכער. אַנדערע וואַרפען-פאָר, אַז מיר האַלטען זיך נישט ריין, דאָס געשעהט נור צוליעב אָרימקייט, פונקט ווי ביי די, וואָס טראָגען אַנדערע אמונות; נאָר צי דאַרף מען דען פאַר די חטאים פון יחידים בעשטראָפען דעם כלל? דווקא אונז קאָן קיינער נישט דערוויזען קיין שום פערברעכען, דאָס מיר זאָלען בעטראַכט ווערען אַלס שעדליכע צוליעב וואוכער, אָדער אַנדערע עבירות".

„מען האַלט פאַר אַ געוואַלד די הלבשה, וואָס אונזערע אָבות האָבען אַמאָל געטראָגען און מיר טראָגען אויך איצט. קוים אָבער וועט די העכסטע מאַכט בעשטימען אַ פאָרם פון הלבשה (וואָס איז נישט סותר די רעליגיע), וועט דען עמיץ נישט מקריב זיין, אין דעם פאַל, די אמאָליגע מנהגים, אום צו ערפילען דאָס געזעץ?... העררען סענאַטאָרען... מיר ברענגען פאַר אייך די טרעהרען פון אונזערע אָבות, קינדער און קומענדיגע דורות, איהר זאָלט בעוויליגען אונז אריינצונעהמען אונטער אייער השגחה, צו דערטעהנטערן אונזער גליק, געניסענדיג פון די רעכט און פרייהייטען, וואָס דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט געגעבען אַלע איינוואוינער פון דער ערד, און דאָס געליעבטסטע פאַטערלאַנד פערשפּרעכט אירע קינדער. אַז ס'וועלען אונז דערלויבט זיין בירגערליכע רעכט און די אויפזיכט צום האַנדלען, אַז מיר וועלען בעפרייט ווערען פון שאַנד און איבערגעלעגטען שפּאָט, אַז ס'וועט זיין געזיכערט אונזער אויפ-האַלטען-זיך אין וואַרשאַ מיט דער פרייהייט צו בויען און קויפען הייזער און צו וואוינען אויף יעדען אָרט אָהן שום אויסנאַהם פון גאַסען, און שליסליך, — אַז אונטער דער השגחה פון געזעץ, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, וועלען מיר בעקומען אַ גלייכען חלק אין אַלע חסדים".

אויף דערדאָזיגער תחנונים'דיגער און טרעהרען-פולער בקשה, אויף דעם תחנה'דיגען פערדעכטען-זיך צום „פוילישען פאָלק" — האָט דער סענאַט געענטפערט דעם פירשט מיט אַ גרויסען ראַפּאָרט, אין וועלכען ער וואַרט געזאָגט, אַז די יודען אליין זענען שולדיג דערין, וואָס זייערע רעכט זענען פערשמעלט, צוליעב זייערע נישט-ערליכע פערדינסט-מיטלען און צוליעב זייער אַרט לעבען, וואָס שאַדט דעם

וואוילשטאַנד פון דער געזעלשאַפט; ס'איז נויטיג צו רעפאָרמירען דאָס יודישע לעבען, און צו דעם צוועק דאַרף מען אויסקלייבען אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויסאַרבייטען אַ פּראָיעקט פון רעפאָרמען. איבריגענס האָט אַזאַ קאָמיסיע שוין געאַרבייט פון סוף יאָהר 1808 אָן, אונטער'ן פאָרזיץ פונ'ם רעפערענדאַר וואוידע און האָט פאָרגעטראַגען אַ „רעפאָרמע־פּראָיעקט" אינ'ם גייסט פון צוואַנגס־בילדונג און צו פערפוילישען די יודען. דידאָזיגע אַלע קאָמיסיעס זענען אין דער אמת'ן גאָר געווען גישט מעהר, ווי אַן אָנשטענדיג מיטעל די יודען־פראַגע צו בעגראָבען.

ד.

אין יענער צייט, ווען די רעגירונג פונ'ם וואַרשאַווער פירשטענטום האָט אָבגעוואָרפען די בקשה פון יודען מכּוח גלייכבערעכטיגונג, מיט דעם אויסרייד, אַז זיי זענען כּלומר'שט קנאַפּע פּאַטריאָטען, דעמאָלט האָט אין וואַרשא געלעבט און געווירקט דער בולט'סטער סימבאָל פון פוילישען פּאַטריאָטיזם צווישען יודען — דער העלד פון דער רעוואָלוציע אין יאָהר 1794, בערעק יאָסעלעוויטש. נאָך אַ צוועלף־יעהריג אַרומוואַנדערען אין מערב־איירופּאַ, וואו ער בעטייליגט־זיך אין פיעל נאַפּאָלעאָנ'ס מלחמות און אין די רייהען פון דאָמבראָווסקי'ס פוילישע לעגיאָנען, — מיט'ן מאָמענט, ווען ס'ווערט געשאַפען דאָס וואַרשאַווער פירשטענטום, קעהרט בערעק צוריק אין זיין פאַטערלאַנד און בעקומט דעם אַמט פון אַ שעף איבער אַ שוואַדראָן סאָלדאַטען אין דער רעגולערער פוילישער אַרמעע. די חלומות פון דעם אַלטען קעמפער זענען נישט מקוים געוואָרען: אומזיסט האָט זיין „יודישער פּאָלק" מיט זיינע טויטע קערפּערס אין יאָהר 1794 די פּראַגער וואַלען געשיצט, וואָרום שוין אין 12 יאָהר אַרום האָבען נאָך די ברידער פון די געפאַלענע פאַר'ן פאַטערלאַנד געמוזט בעטלען זייערע בירגערליכע רעכט. גאָר בערעק יאָסעלעוויטש האָט שוין נעהאַט פערגעסען זיין אַמאָליגען אויפרוף און ווערט אַן איבערגעגעבענער פּראָפעסיאָנעלער קריגס־מאַן, דורכגעדרונגען מיט'ן ריין־פּוילישען פּאַטריאָטיזם און אונגעהויערער פערזענליכער דרייסטקייט, ציהט עס איהם אויך אוים'ן שוועל פון טויט צו העלדישע מעשים: בשעת דאָס פירשטענטום האַלט מלחמה מיט די עסטרייכער, אין פריהלינג 1809, וואַרפט־זיך בערעק בראש פון זיין שוואַדראָן אינ'ם קאַמף מיט דער פיינדליכער קאַוואַלעריע הינטער קאָצק, וואו ער איז, נאָך אַ גאַנצער רייה העלדישע עפּיזאָדען, געפאַלען דעם 15־טען מאַי אויפ'ן שלאַכט־פעלד.

דער דאַנקבאַרער עולם האָט גלייך צונויפגעזאַמעלט בערעק'ס אברים, מיט די איינענע הענד איהם דעם קבר געגראָבען און זיין גבורה פעראייביגט אין אַ פוילישען שיר. „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" האָט דאַן אָבגעדרוקט אַ קורצען נעקראָלאָג נאָכ'ן פערשטאָרבענעם, שרייבענדיג: „מיט'ן טויט פון אַן אמת'ען גבור איז ער אַוועק פון דער וועלט... ער האָט דער ערשטער צווישען די פּוילישע יודען געעפענט דעם וועג פון כּבוד פאַר זיינע מיט־גלויבינע און פון זיך אַליין געגעבען אַ גרויסאַרטיגען ביישפּיעל פון טאַפּפערקייט". פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי האָט אין זיין ראַפּאָרט צו נאַפּאָלעאָנ'ען קורץ אָנגעמערקט: „אין קאָצק האָבען מיר פערלאָרען דעם פּאָלקאָווניק בערעק,

לויט'ן גלויבען — א יוד". גרויס כבוד דער נשמה פונ'ם קעמפער האט מען אבגעגעבען דעם 22־טען דעצעמבער 1809 אויף א זיצונג אין דער געזעלשאפט „פריינד פון וויסענשאפט", וואו דער פרעזעס פון מלוכה־ראט, גראף סטאניסלאו פאטאצקי, האט געזאגט: „דו ביסט דער ערשטער, וואס האסט מיט דיין טויט די העלדישע ערד בעטריבט און פער'אבל'ט. א, די העלדישער פאדפאלקאווניק בערעק, ליידער האט די אומגעדולד צו בעזיגען דעם שונא מיט א צו־שטארקער קראפט דיין טאפפערקייט אויפגערייצט. קאצק, וועלכע איז שטאלץ געווען מיט דיין לעבען, וועט אויך מיט דיין קבר שטאלצירען. דיינע חברים האבען נקמה־גענומען, גלייך האט דער נצחון זיך נוקם־געווען פאר דיין מערדערישען טויט; מיט וואס אבער וועט מען דעם פאטערלאנד קאנען בעלוינען פאר די גרויסע אבידה? דאס פאטערלאנד געדענקט אויך דיינע אמאליגע וואונדען, וואס האסט פאר'ן לאנד בעקומען, און דיינע קאמפען, וואס דו האסט געפיהרט; טראגט אייביג אין זכרון, אז דו האסט ביי אונז דיין פאלק דער ערשטער געגעבען א ביישפיעל פון אויפלעבענדער העלדישקייט און האסט בעוויזען דאס בילד פון יענע גבורים, וועמענס טויט ציון'ס טעכטער האבען אזוי הייס אמאל בעוויינט".

די דאנקבארקייט פונ'ם פאטערלאנד האט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואס דער ווארשאווער פירשט ערלויבט בערעק'ס אלמנה, וועלכע האט געלעבט אין דחקות און איז נישט געווען בכוח פאר די קארגע עמעריטור צו ערציהען איהרע קינדער, לויט א ספעציעלען דעקרעט זיך צו בעזעצען אויך אויף יענע ווארשאווער גאסען, וואו יודען טארען נישט וואוינען, און „דארט צו האנדלען מיט בראנפען".... קיין שום אנדערע פריווילעגיעס האט מען דערמאלט די יודען אין פוילען נישט געגעבען, אפילו אין אויסנאהמס־פאלען פון אזא ביישפיעללאזער אפפערונג און העלדישקייט

ה.

די בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פון יודען האט געווארפען אן'אימה נישט בלויז אויף די פאליאקען, נאר אגאר די פינסטערע יודישע מאסען, וועלכע זענען געשטאנען אונטער'ן איינפלוס פון חסידות און האבען פערגעטערט די צדיקים, — אויך זיי האט די גלייכבערעכטיגונג שטארק געשראקען. דער אונטערדריקטער און פעראכטעטער יודישער עולם האט, אמת, געשטרעבט, עס זאלען בטל־ווערען די געזעצליכע רדיפות, וועלכע האבען פערסמ'ט און אנגעגליך־געמאכט זיין עקזיסטענץ; זיי האבען געציטערט בלויז פאר די רעזולטאטען פון דערהאויבער „בירגערליכער עמאנציפאציע"; אויס מורא פאר'ן חורבן פון דעם אלטען גייסטיגען ארגאן, פון אונטערגאנג פון דער אויטאנאמישער גמינע און הדר, פאר'ן פאפולאריזירען דעם געדאנק פון קאנפעסיאנלאזיגקייט, און פאר א געצוואונגענעם אדער פרייוויליגען פערפוילישען. די ביישפיעלען פון מערב און די פראיעקטען פון די פוילישע רעפארמאטארען זענען געווען אימשטאנד צו פערשטארקען און בעקרעפטיגען צווישען דער יודישער ארטאדאקסיע דיזאזיגע השגות. אממערסטען פון אלעם האט זיך די

פּאַטריאַרכאַלע מאַסע געשראָקען פאַר'ן מיליטער-דינסט, צו וועלכען זי איז ניט געווען געוועהנט, הגם די רעגירונג פון וואַרשאַווער פירשטענטום האָט זיי דערצו-בעפוילען גראָד דאַן, ווען מ'האָט סאָלדאַטען צו דער שחיטה געפירט לכבוד נאַפּאָלעאָנ'ס נאָמען. די צדיקים ר' ישראל קאָזשעניצער, ר' יעקב-יצחק לובלינער און אַנדערע. צוזאַמען מיט אָנגעזעהענע חסידים האָבען אָנגעהויבען צו פירען איבער'ן לאַנד אַן ענערגישע אַגיטאַציע, כדי אַראָבצונעהמען פון יודען די „דאָפּעלטע גזרה" — גלייכבערעכטיגונג און זעלנערייַ, וועלכע „פירען סוף-כל-סוף צום אונטערגאַנג פון דער יודישער אמונה און נאַציע". דעפּוטאַציעס פון חסידים זענען אַוועק מיט בקשות צום קריעגס-מיניסטער פירשט פּאָניאַטאָווסקי און אַנדערע מיטגליעדער פון דער רעגירונג, צו לאָזען אין קראַפט, בנוגע יודישע ענינים, די אַלט-פּוילישע אָרדנונג. דיזאָזיגע בקשות, וועלכע זענען אָפט געווען געשטיצט אויף גראָבע געלדער, האָבען פּיעל מעהר נושא-חן געווען ביי די פּוילישע מיניסטאָרען, איידער די השתדלות'ן וועגען גלייכע רעכט מצד די פּראָגרעסיווע וואַרשאַווער יודען. איצט האָט שוין די רעגירונג געקאָנט גערעכטפערטיגען איהר שענדליכע פּאָליטיק, בערופענדיג זיך, אַז די פרומע יודען אַליין פערלאַנגען ניט קיין עמאַנציפּאַציע.

נאָכקומענדיג שוין פריהער די וואונשען פון די יודישע אָבסקוראַנטען און פאַנאַטיקער מיט דעם דעקרעט פון יאָהר 1808 וועגען אָפּלעגען די גלייכבערעכטיגונג אויף 10 יאָהר, האָט זיך די רעגירונג פונדעסטוועגען שפעטער אַרומגעזעהן, אַז ס'איז אוממעגליך צו פערלאַנגען קרבנות פון מענשען, וואָס זענען אויסגעשלאָסען פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט, און בעריקזיכטיגט צום סוף די השתדלות פון די חסידים, אַז ס'זאָל יודען ערלויבט זיין, אָנשטאָט די התחייבות צו דיענען אין מיליטער, אָפּצוצאָהלען אַ ספּעציעלען צוגאָב-שטייער. לויט אַ דעקרעט פון 29-טען יאַנואַר 1812 ווערט דיזאָזיגע ענדערונג דורכגעפיהרט אויף אַזאַ אופן, אַז אויף די יודען ווערט אַרויפגעלעגט אַ יעהרליכער שטייער אין דער סומע פון 700-טויזענד פּוילישע גולדען. דאָס פערהיט די פּוילישע יודען פון דער טרויעריגער נויטווענדיגקייט צו דיענען אַלס פלייש פאַר די האַרמאַטען בשעת נאַפּאָלעאָנ'ס בלוטיגע אַוואַנטורעס, גלייכצייטיג אָבער בעקומען די יודען-פרעסער נאָך איין בעווייז אין זייערע הענד צו מורמלען, אַז יודען זענען ניט קיין פּוילישע פּאַטריאָטען.

גראָד אויפ'ן שוועל פון זיין מפּלה, בעת דעם מלחמה-שטורם אין יאָהר 1812, געפינט די רעגירונג פונ'ם וואַרשאַווער פירשטענטום די גינסטיגע צייט צו אַרבייטען זעהר פרוכטבאַר אויפ'ן געביעט פון פערשידענע רעפּרעסיעס בנוגע יודען, זיי צו דערלאַנגען אַ שווערען עקאָנאָמישען קלאַפּ. לויט'ן פּראָשלאַג פון מיניסטער לובייענסקי ווערט דעם 30-טען אָקטאָבער אַרויסגעגעבען אַ פירשטליכער דעקרעט, וואָס פערבאָט יודען אין צוויי חדשים אַרום צו האַנדלען מיט בראָנפען און בכלל — זיך צו פערנעהמען מיט שענקערייַ; דערדאָזיגער פערבאָט ברענגט מיט זיך דעם טרויעריגען רעזולטאַט, וואָס צעהנדליגער יודישע פאַמיליעס פערליערען נאָך איינעם פון די קנאַפּע חיונה-קוועלען, וועלכע זענען פאַר זיי צוגענגליך. דעמאָזיגען שריט בעגרינדעט די רעגירונג געהיים דערמיט, וואָס מען טראָגט זיך-אַרום מיט דער האָפנונג, אַז דער שטח פונ'ם פירשטענטום וועט ווערען פערגרעסערט און אַדאַנק נאַפּאָ-

לעאָנ'ס נצחונות וועט צוריק אויפגעבויט ווערען דאָס אמאָליגע פוילען. די כּונה איז שלוא געווען א פּשוטע: דורך די דאָזיגע רעפּרעסיעס האָט מען פאָרויס געוואָלט ממית'ן די בעדייטענדע יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט געהאַלט ארויסצוּוואַרפען אונטער דער פּוילישער ממשלה.

די האָפנונגען אָבער, וואָס מ'האָט געלייגט אויף נאַפּאָלעאָנ'ס קראַפט, זענען נישט מקוים געוואָרען: דער אָבגאָט האָט באַנקראָטירט. דאָס ווארשאווער פירשטענ-טום, אלס שלעכטע קאָפּיע און בלייכע פאָרזעצונג פון דעם אונאָבהענגיגען פוילען, איז צעפאלען און דער גורל פון לאַנד איז אויפ'ס ניי איבערגעגעבען געוואָרען אין די

די קאָנגרעס־עפּאָכע. קעניגרייך פּוילען.

א.

אין יאָהר 1813 איז כמעט דאָס גאַנצע הערצאָגטום וואַרשאַ אַריבער אין די הענד צו רוסלאַנד, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אונטער דער הערשאַפט פון אַלעקסאַנדער דעם 1־טען. ער האָט אויך איינגעפיהרט אַ נייע פערוואַלטונג אין פּוילען. בראש פון דער וואַרשאַוער פערוואַלטונג האָט זיך געשטעלט מיט׳ן טיטעל „נאַמיעסטניק״ אַ פּאָליאַק, גענעראַל זאַיאָנטשיק, דערזעלבער, וואָס האָט בעת דעם קאָסציושקאָ־אויפשטאַנד געמוזט צוזאַמען מיט בערעק יאָסעלעוויטש׳ען אַנטלויפען קיין אויסלאַנד. אויך די אַנדערע העכערע שטעלעס אין לאַנד האָבען פערנומען פּאָליאַקען. אלס מיטגליעד פון דער וואַרשאַוער רעגירונג איז בעשטימט געוואָרען דער רוסישער מלוכה־מאַן נאָוואָסילצעוו, וועלכער האָט פאָרמעל נישט געהאַט קיין דעציזירענדע רעכט, אָבער דאָך, צוליעב זיין איינפלוס אין פּעטערבורג און צוליעב אַיאָנטשיק׳ס שוואַכקייט, האָט ער געשפּיעלט אין פּוילען אַ גרויסע ראָליע. אַלס אַ באַנד, וואָס פערבינדט „קעניגרייך פּוילען״ (אַזוי האָט מען גערופען פּוילען פון ווינער קאָנגרעס אין (1815), פון וואַנען עס שטאַמט אויך דער נאָמען קאָנגרעסובקאַ („kongresówka“) אין די רוסישע מלוכה, איז געווען בלויז דער קייזער, — די רוסישע רעגירונג אָבער האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט די אַנגעלעגענהייטען פון פּוילען. אויף אַזאַ אופן איז די לאַגע פון די יודען אין קעניגרייך געווען הויפּטזעכליך אָבהענגיג פון דער בעציהונג צו איהר מצד די איינפלוסרייכע קרייזען פון דער פּוילישער געזעלשאַפט אַליין.

אין די וואַרשאַוער רעגירונג האָט פאָרטגעזעצט בנוגע צו די יודען איהר אונפריינדליכע פּאָליטיק, ווי אין די צייטען פון הערצאָגטום. די יודען זיינען הערייבער געווען געצוואונגען אונטערצונעהמען פערטיידיגונגס־שריט ביי אַלעקסאַנדער׳ן, אום צו פערשטעהן די מאָראַלישע זייט פון דיזאָזיגע שריט, וועלכע טראָגען דעם כאַראַקטער פון רופען אַ „פרעמדע אַריינמישונג אין אינערליכע פּוילישע אַנגעלעגענהייטען״, איז נויטיג אָנצוצייכנען כאָטש אין קורצע ווערטער אַ היסטאָרישע בילד פון יענער צייט.

ב.

טראָץ דעם, וואָס אונטער דער הערשאַפט פון די פרייסען איז די יודען געווען פיעל בעסער, ווי אונטער די פריהערדיגע „רעפּאָרמאַטאָרישע״ פּוילישע רעגירונגען, וועהרענד וועלכע די בּורזשאָ־וויטשעס האָבען מאַקי שוין גערעדט, דערפאַר אָבער האָבען די סטאַשיצעס נישט שוין געהאַנדעלט,—האָבען די ידיעות וועגען נאַפּאָליאָנ׳ס

נצחונות ניט געקאָנט ניט אַרויסרופען פרייד-געפיהלען צווישען די יודען. פון דערוויטענס האָט נאַפּאָלעאָן גע'שמ'ט ניט נור אַלס אַנ'אויספיהרער פון די פּרינציפּען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאָר גלייכצייטיג אויך אַלס יודישער וואָהלטעטער, כמעט אַלס אַ „משיח" פאַר יודען. און דער טאָג, וואָס נאַפּאָלעאָן איז אַריין קיין פּוילען, איז דעריבער געווען פאַר די פּוילישע יודען אַ גרויסער יום-טוב; די וואַרשאָווער יודען האָבען זאָגאַר לכבוד איהם פערפאַסט אַ הימן. וואונדערבאַר איז, וואָס בעגייסטערונג פאַר נאַפּאָלעאָנ'ען איז געווען צו בעמערקען אויך אין די קרייזען פון די פרומע יודען און צווישען די חסיד'ישע רביים; דאָס, נאַטירליך, לאָזט זיך געוויס ניט ערקלערען מיט'ן פּאַריזער „סנהדרין", וואָס איז גאַנץ אָפען אַרויסגעטראָטען געגען דער יודישער אָבגעזונדערטקייט און זאָגאַר ניט געשוינט די יודישע רעליגיע. שוין אָבער האָבען זיך די פּוילישע יודען, די פּראָגרעסיווע ווי די קאָנסערוואַטיווען, ענטטוישט אין נאַפּאָלעאָנ'ען. קודם-כל האָבען זיי אַלע באַלד זיך אַרומגעזעהן, אַז נאַפּאָלעאָן האָט ניט בלויז אַרויסגעגעבען אין פראַנקרייך דעם שוין-פאַר דער שאַרפסטער אַנטי-יודישער פּאָליטיק פון דער וואַרשאָווער רעגירונג. אויסער-דעם האָט נאַפּאָלעאָנ'ס הויפּט-געגנער, נעמליך: די רוסישע רעגירונג, וואָס אין איהר בעקאַנטען „שענדליכען דעקרעט", נאָר ער לאָזט זיך אין פּוילען אַליין אויסנוצען רשות האָבען זיך געפונען די הויפּט-נעסטען פון דעם חסיד'יזם אין ליטא און וואָהלין, צווישען וועלכע עס זענען נאָך פריהער, דורך די דייטשע רבנים, פערשפּרייט געוואָרען קלאַנגען וועגען די אפּיקורס'ישע רעפאָרמען פון'ם פּאַריזער „סנהדרין", — בעקומען אין די איהר איבערגעגעבענע חסידים-אָנפיהרער זעהר אַ גוט געוועהר אויפצוזעצען די האַרטיגע יודישע מאַסען, און, דורך זייער פערמיטלונג, אויך די יודען אין פּוילען, אַרויסצוטרעטען אין דער שאַרפסטער אָפּאָזיציע געגען נאַפּאָלעאָנ'ען. דער „משיח" פון נעכטען איז היינט פערוואַנדעלט געוואָרען פאַר די פּוילישע יודען אין אַ „המן". אַדאַנק דעם האָבען זיך די יודען אין ליטא בעת'ן קריג פון 1812 בעצויגען לאָיאַל בנוגע צו רוסלאַנד, און איינצעלנע פון זיי האָבען אויף פערשיעדענע אופנים געדינט דער רוסישער אַרמעע מיט וואָס זיי האָבען געקאָנט און איהר גע-בראַכט נוצען. אַלעקסאַנדער האָט באַלד אָבגעשאַצט די יודישע אויפפיהרונג און ער האָט געהייסען אויסדריקען אַלע יודישע קהלות זיין דאַנק פאַר דעם „זעהר טרייען" דיענסט פון די יודישע דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין דער הויפּט-קוואַרטיר, ערפילענדיג דאָרט פערשיעדענע ווירטשאַפטליכע פונקציעס. און, ווי מען האָט געזאָגט אין פּוילען — זיך פערנומען מיט אויסשפּיאָנירונג.

אונאָבהענגיג פון דעראַזיגער ספּעציעלער אַגיטאַציע, האָבען געווירקט אויף די יודען, אַז זיי זאָלען זיך בעציהען מיט סימפּאַטיע צו אַלעקסאַנדער'ן, די ברייטע און איבערבליטיגע פּלענער, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגען אין די ערשטע יאָהרען פון זיין הערשאַפט בנוגע צו יודען. באַלד ווי ער איז אַרויף אויפ'ן טראָהן, האָט זיך אַלעקסאַנדער I בכלל גענומען צו אַ ברייטער רעפאָרמאַטאָרישער טעטיגקייט אין

לאַנד. צווישען די אויסגאַבען, וואָס ער האָט געוואָלט לעזען, איז אויך געווען די יודען־פראַגע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ כאַאָטישען צושטאַנד אין דער פריהערדיגער תקופה, ווען נאָכ'ן פונאַנדערטיילען פוילען זיינען אַריבער אין רוסישער אונטערטאַנשאַפט גרויסע מאַסען פוילישע יודען. דורך אַ סענאַט־אוקאַז פון 9/22־טען נאָוועמבער 1802 איז באַווימטראַגט געוואָרען צו באַטראַכטען די יודען־פראַגע אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וועלכער האָט פּראָיעקטירט אַדורכצופיהרען אין דערדאָזיגער הינזיכט ברייטע רעפאָרמען אין גייסט פון פּראָגרעס און גערעכטיגקייט. אַלס ריכטליניע פאַר זיין טעטיגקייט האָט דער קאָמיטעט אויסגעקליבען דעם לאָזונג: „וואָס ווייניגער פערבאָטען, וואָס מעהר פרייהייטען". און ווירקליך, זיינען די באַשלוסען פון קאָמיטעט, לויט יענער צייט נאָך, געווען דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון ליבעראַליזם: דאָס נייע געזעץ האָט צוריקגעגעבען די יודען די אַמאָליגע רעכט וועגען רעליגיאָנס־פרייהייט און זעלבסטפערוואַלטונג פון זייערע געמיינדעס; דעם קהל איז נור פערבאָטען געוואָרען די עפענטליכע שטראָף־אויספיהרונג און דער „חרם". אַנשטאָט דעם האָט מען ערלויבט יודען צו באַזוכען די רעגירונגס־שולען, די ניעדריגערע ווי די הויכע, מיט דער באַמערקונג, אַז אויב די יודען וועלען ניט געניסען פון זייער דאָזיגען רעכט, וועלען אויף זייער חשבון איינגעריכטעט ווערען ספּעציעלע יודישע שולען, אין וועלכע עס וועט געלערנט ווערען איינע פון די דריי שפּראַכען: רוסיש, דייטש אָדער פויליש.

דאָס נייע געזעץ האָט דאָגאַר ניט געשיצט די איינגעפיהרטע אין רוסלאַנד „משרתא אסיעדלאָסטי" (תחום־המושב), ווייל לויט איהם איז ערלויבט געוואָרען פאַבריקאַנטען, בעלי־מלאכות און סוחרים צו וואוינען — אמת, „פּראָוויזאָריש" — אין די אינערליכע רוסישע גובערניעס און אין די רעזידענצען. יודען איז ערלויבט געוואָרען צו ערווערבען ערד־איינענטום (אָבער בלויז ניט קיין באַזעצטע, ד. ה. אָהן די פּאַנשציזנע־פּויערן) און צוצונעהמען צו זייער פעאַרבייטונג קריסטליכע אַרבייטער. אין דרום־רוסלאַנד האָט מען, אויף גאַנץ גוטע באַדינגונגען, געגעבען יודען מלוכה־באָדען, און אויף דער פּריצישער ערד זיינען זיי באַפרייט געוואָרען פון דער קאָמפּעטענץ פון די פּריצים־געריכטען.

נאָך דער מלחמה פון 1812 האָט די רעפאָרמאַטאָרישע טעטיגקייט אין דער יודען־פראַגע אויף אַ קורצער צייט אויפגעהערט. אין דער צייט 1813—1816 איז פערעפענטליכט געוואָרען נור איין געזעץ, וואָס ערלויבט יודען, אויפ'ן געביעט פון אַלטען פוילען, אַרויסצוטרעטען אַלס עדות אין געריכט־פּראָצעסען פון קריסטען, און אויך דערמאָלט האָבען די יודען געוואוסט, אַז דער קייזער באַציהט זיך צו זיי מיט באַזונדערער סימפּאַטיע און דאַנקבאַרקייט. פון דער צווייטער זייט האָבען די יודען אַליין מעהר געהאַט אַ געלעגענהייט זיך איבערצייגען, אַז פון די הערשענדע פוילישע קרייזען האָבען זיי קיין גוטס ניט צו ערוואַרטען: די פאַקטען פון פריהער האָבען קלאָר דאָס באַוויזען, און צו די אַלטע זיינען צוגעקומען נייע, אויך ניט־ווייניגער דרויענדע.

ד.

די וואַרשאָווער רעגירונג האָט זיך פוילשטענדיג נישט גערעכענט מיט די נייע בעדינגונגען, וועלכע זענען געשאַפען געוואָרען פאַר דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד. נישט נור, וואָס זי האָט זיך נישט בעמיהט אַדורכצופיהרען קיין שום פערלייכטערונגען, נאַר, פערקעהרט, זי האָט אָנגעהויבען געהן אויפ׳ן וועג פון נייע רעפּרעסיעס. דורך אַ בעשלוס פון 5/18־טען פעברואַר 1816 האָט דער מלוכה־ראַט בעשלאָסען צו פערווירקליכען אין לעבען דעם דעקרעט פון זאַקסישען קעניג פון 20־טען אָקטאָבער 1812, לויט וועלכען מ׳האָט בעדאַרפט אין קורצען צייט אַרויסצוטרייבען די יודען פון די דערפער, ווי אויך צו פערבאָטען זיי אויסאַרבייטען און פערקויפען משקאות, וואָס עס וואָלט געבראַכט צום אונטערגאַנג פון פיעל יודישע פאַמיליעס.

זייענדיג בעדראָהט אין די יסודות פון זייער עקזיסטענץ, האָבען די פוילישע יודען, לויט׳ן ראַט און ביישפּיעל פון זייערע ברידער אין רוסלאַנד, בעשלאָסען צו ווענדען זיך מיט אַ ביטע צום קייזער. זיי האָט דערביי מיטגעהאָלפען נאָוואָסילצעוו, וועלכען עס איז, צוליעב זיינע פּאָליטישע צוועקען, געלעגען אין הערצען צו בעשיצען די יודען, אַז ווערענד די פוילישע מאַכט וויים נור צו בעגרענצען זיי אין זייערע רעכט, בעציהט זיך די רוסישע רעגירונג צו זיי מיט פאָטערליכער זאָרג און וויל זעהן אין די פוילישע יודען בירגער צוגלייך מיט די רוסישע יודען. געשטיצט דורך דער דאָזיגער פּראָטעקציע זענען די ראשי־הקהל פון וואַרשא, מיכאל עטינגער, וואָלף מיכל קאָהן און שכנא ניידינג געקומען קיין פּעטערבורג אין דעם 28־סטען יולי (9־טען אויגוסט) 1814 האָבען זיי פאָרגעשטעלט דעם קייזער זעהר אַ׳אויספיהרליכען מעמאָריאַל וועגען די ליידען פון פוילישען יודענטום.

„אייער קייזערליכע מאַיעסטעט! — ווערט געזאָגט אין מעמאָריאַל. — אין דערזעלבער צייט, וואָס אַלע פעלקער אין אייראָפּא זינגען לויב־ליעדער און בענשען זייער בעפרייער, איז נור מיר אַליין, די אונטערדריקטע און בעזויל׳טע, דערגעדנטערן זיך צום טראָהן מיט זיפצען. מיר בעטען אייער קייזערליכע מאַיעסטעט, אין נאָמען פון 200,000 אונגליקליכע יודען, וועלכע זענען פערצווייפעלט צום הונגער־טויט, צו וואַרפען אויף זיי איינעם פון דיינע גנאָד־פולע בליקען. *אונטער דער פריסישער הערשאַפט האָבען מיר שטענדיג גענאָסען פון אַלע בירגערליכע רעכט.* די קאָנסטיטוציע, וועלכע איז געגעבען געוואָרען דעם וואַרשאָווער גרויס־הערצאָגטום פון 22־סטען יולי 1807, ענטהאַלט גאָרנישט צו אונזער רעה; מיר זענען דאָן געניינט געווען צו טראַכטען, אַז אונזער לאַגע וועט פערבלייבען אָהן ענדערונג. דער קעניגליכער דעקרעט פון 7־טען סעפּטעמבער 1807, בעצייכענענדיג די אַלע נויטיגע פאָדערונגען, אום צו געניסען פון פּאָליטישע רעכט, שליסט אויך נישט אויס די יודען; מיר האָבען דעריבער געקאָנט גלויבען, אַז אַלע בירגער וועלען גלייך זיין פערגענאיבער דעם געזעץ; מיר זענען דאָן געוועזען איבערצייגט, אַז מיר וועלען געניסען פון גלייכהייט. אַלע געזעצען, די אַלטע ווי די נייע, גאַראַנטירען אונז דאָס פרייע געברויכען אונזער גלויבען, מיר האָבען דאָן

קיינמאָל קיין מורא נישט געהאַט, אַז עפּיס וועט אונז שטערען אין דעם. שליסליך האָט דער ווילען פון איינער קייזערליכער מאַיעסטעט אַליין דעצידירט דעם 22־סטען מערץ 1813 דורך דיזאָזיגע דענקווירדיגע ווערטער: „אַז די פּראָוויזאָרישע רעגירונג זאָל זיך קודם־כל פאַרנעהמען מיט פערקלענערן און לייכטער־מאַכען די שטייערן, וועלכע בעלאַסטען די בעפעלקערונג"; דאָס האָט אונז ערלויבט צו האָפען, אַז אויך אויף **אונזער** גורל וועלען פאַלען די ערלייזענדע פאָלגען פון העמדאָזיגען קייזערליכען גנאָד.

„אָבער פּלוצלונג, טראָץ דעם אַלעם, האָט מען פערגרעסערט די שטייערן אויסשליסליך פאַר אונז; אין וואַרשא האָט מען אונז אַרויסגעשטויסען פון אונזערע וואוינערטער; מען האָט זיך ענטזאָגט צו שענקען אונז די אַלטע חובות, וואָס מ'האָט אָנגעקענט פאַר די אַנדערע איינוואוינער; ענדליך, כדי צו מאַכען פולשטענדיג אונזער חורבן, גענומט מען ביי אונז צו דאָס רעכט, פון וועלכען מיר האָבען גענאָסען אין פֿילען אין פערלויף פון עטליכע דורות, — דאָס רעכט אויסצואַרבייטען און צו פערקויפען בראָנפען, ביער און אַנדערע משקאות. מיר פערשטעהען דורכאויס נישט די סיבה, וועלכע עס האָט געבראַכט די אַלטע פוילישע רעגירונג צו דיזאָזיגע פערשאַרפטע מיטלען, **דאָס איינציגע, אויף וואָס מיר בעקלאָגען זיך**. מיר האָבען שטענדיג ערפילט אַלע אונזערע בירגערליכע פליכטען; מיר האָבען שטענדיג גענומען אַנ'אָנטייל אין די בעדערפנישען פון דער מלוכה צוגלייך מיט אַלע אַנדערע; מיר האָבען זאָגאַר צוגעשטעלט אונזערע זיהן צו מיליטער־דיענסט אויש ביז יענער צייט, ווען די רעגירונג האָט געפונען פאַר בעסער צו פערבייטען דאָס אויף אַנ'אָבצאָהל פון 700,000 גילדען יעהרליך. אויב מיר האָבען זיך אמאָל מיט עפּיס אונטערגעשיידט, איז נור **מיט דער צוגעבונדענקייט צו רוסלאַנד, וואָס איינציגע פאַמפלעטען האָבען עס אונז פערעכענט אלס פערברעכען**".

ווייטער רעכענען־אויס די שתדלנים די עוולות בנוגע צו זיי, וועלכע בעשטעהען אינ'ם זעהר שווערען כשר־אָבצאָהל, אינ'ם פערבאָט צו בויען געבעט־הייזער דאָרט, וואו זיי זענען נאָך נישט געווען, אינ'ם נישט־בעפרייען זיי פון די פעראַלטערטע אָבצאָהלען און, ענדליך, אינ'ם פערבאָט אויסצואַרבייטען און פערקויפען משקאות. בנוגע צום לעצטען בערופען זיך די יודען דערויף, אַז די שענקערס, אַלס מעהרסטענטייל עלטערע און מיט משפחות בעלאַסטעטע מענשען, קאָנען נישט מיט־אמאָל געפינען פאַר זיך אַ נייע פרנסה־קוועלע און וועלען דעריבער מוזען ליידען נויט. אויסערדעם בעמערקען זיי, אַז דורכדעם, וואָס די שענקערס וועלען פערגעסערן זייער פּראָדוקציע און זי העכערפיהרען ביז צו דער מדרגה פון די אויסלענדישע משקאות, וועלען זיי מיטווירקען דערצו, אַז דאָס געלד זאָל פערבלייבען אין לאַנד, — און אין דער צייט, ווען דער אַרויספיהר פון תבואה פון לאַנד איז פערבאָטען, וואָלטען די פּראָדוצענטען פון די משקאות מיטגעהאָלפען צו דער אויפלעבונג פון אינערליכען תבואה־האַנדעל. ענדליך בעטען די שתדלנים וועגען „מבטל־מאַכען דעם דעקרעט פון 30־סטען אָקטאָבער 1812" און וועגען אַ בעפעהל, אַז „מיר זאָלען בעהאַנדעלט ווערען צוגלייך מיט די איינוואוינער פון גרויס־הערצאָגטום"...

ה.

אין סעפּטעמבער 1814 האָט אַלעקסאַנדער דער I-טער, פאָהרענדיג פון פּעטערבורג צום ווינער קאָנגרעס, זיך אויפגעהאַלטען אויף זיין דורכרייזע ביי די פירשטען טשאַרטאָריסקי אין פולאַווע. אויסנוצענדיג דיזאָזיגע געלעגענהייט, האָבען די אָרטיגע ראשי-הקהל פון-דאָרטען זיך בעקלאָגט פאַר'ן קייזער אויף זייער גורל. די פּראָוויזאָרישע פּוילישע מאַכט איז דעמאָלט אָבער אַרויסגעטראָטען געגען דעם. אויפ'ן ווינער קאָנגרעס (1815) איז דערווייל געשאַפען געוואָרען דאָס קעניגרייך פּוילען און תיכף נאָכדעם זיינען פערעפענטליכט געוואָרען די גרונד-יסודות פון דער קינפטיגער פּוילישער קאָנסטיטוציע, אונטערגעשריבען דורך אַלעקסאַנדער'ן אין ווין. אין דיזאָזיגע יסודות האָט מען, גלייכצייטיג מיט די וויכטיגסטע לאַנדעס-אַנגעלעגענהייטען, אויך נישט פערגעסען אָן דעם קינפטיגען גורל פון די יודען. אין'ם אַרטיקעל 36 פון זיי ווערט געזאָגט: „פאַר דאָס יודישע פאָלק („פאָלק ישראל") פערבלייבען די ציווילע רעכט, וועלכע זיי האָבען שוין געזיכערט פאַר זיך לויט די איצטיגע געזעצען און פעראָרדנונגען: די בעזונדערע פאָרשריפטען דאַרפען ענטהאַלטען אין זיך די בעדינגונגען, אונטער וועלכע די יודען וועט לייכט זיין צו געניסען אַ ברייטערען אַנטייל אין די געזעלשאַפטליכע רעכט".

ווען נאָך נאַפּאָלעאָנ'ס אַנטלויפען פון דער אינזעל עלבא און זיין נייער מפלה ביי וואַטערלאָ איז אַלעקסאַנדער ווידער (אין יולי 1815) דורכגעפאָהרען אויף זיין רייזע קיין פּאַריז, האָבען די פּוילישע יודען ווידער געשיקט צו איהם אַ דעפּוטאַציע. אין דעם פאָרגעלעגטען מעמאָריאַל האָבען די יודען, זיך בערופענדיג אויפ'ן ביישפּיעל פון פּרייסען, וואו די יודען זיינען שוין פערגלייכט געוואָרען אין זייערע רעכט מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג, ערקלערט, אַז „דער יאָך, אונטער וועלכען זיי קרעכצען, איז אַזוי ערדריקענד", דאָס זיי זעהען זיך געצוואונגען „אַלעראונטערטעניגסט צו בעטען", אַז נאָך איידער די קאָנסטיטוציע וועט איינגעפיהרט ווערען אין לעבען, זאָל מען זיי בעפרייען פון געוויסע לאַסטען, וואָס דריקען זיי בעזונדערס, און, נעמליך, נישט בעשווערען זיי מיט צוגאָב-שטייערן און נישט בעגרענצען זיי ביי דער אויסוואַהל פון אַ וואוין-אָרט אין שטאָדט און אויפ'ן דאָרף...

ו.

פון פּאַריז איז אַלעקסאַנדער געקומען קיין בערלין, און אויך דאָ האָט זיך געפונען אַ יודישע דעפּוטאַציע, וועלכע האָט, אויף דער עצה פון די האָרטיגע יודען, צוגעשטעלט אַ נייעם מעמאָריאַל, דאַסמאָל אַדרעסירט צו נאָוואָסילצעוו'ן, אין וועלכען עס ווערט ווידער אויסגעזאָגט דאָס ביטערע האַרץ אויף די בעדריקונגען און שווערען גורל. חוץ דעם מעמאָריאַל אין נאָמען פון די יודען אין פּוילען בכלל, האָט אַ געוויסע גרופּע געבילדעטע און רייכערע וואַרשאַווער יודען זיך געווענדעט אין זייער אייגענעם נאָמען צו טשאַרטאָריסקי'ן מיט אַ ביטע וועגען אונטערשטיצונג, כדי צו אַנערקענען בירגערליכע רעכט... אויסשליסליך פאַר דיזאָזיגע פּוילישע יודען, וועלכע שיידען-זיך-

אונטער פון די איבעריגע מיט זייער העכערער קולטור. אין זייער מעמאָריאַל *) שטעלען זיך די דאָזיגע שתדלנים הערויף, וואָס אין איצטיגען ציוויליזירטען זאָל פעמיהען זיך די רעגירונגען אַרויסצושלעפּען זייערע אונטערטאַנען פון משה׳ס גלויבען פון דעם אונגליקליכען צושטאַנד, אין וועלכען זיי געפינען זיך, און צו אַסימילירען זיי מיט די פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען, און דערביי נעהמען זיי אונטער מיטלען מיט׳ן צוועק צו לאָזען די יודען צו בעטייליגען זיך אין דער ציוויליזאַציע, כדי זיי זאָלען זיין ראוי צו געניסען די וואָהלטהאַטען פון זייערע הערשער. ברענגענדיג אַלס ביישפּיעל די לאַגע פון די יודען אין פראַנקרייך, אין איטאַליען, כמעט אין גאַנץ דייטשלאַנד, הויפּטזעכליך אָבער אין פּרייסען, שטרייכען די שתדלנים בעזונדערס אונטער, אַז ווען דער הערשער פון פּרייסען האָט הערשט אין פּוילען, — אין דעם לאַנד, וואו זיי וואוינען, — האָט ער אָנגענומען „לייכטע, אָבער נוצליכע" מיטלען, אום צו בילדען די יודען.

ווי מיר זעהען, אַלזאָ, האָבען די אַסימילאַטאָרען דעמאָלט זיך ווידער בעמיהט נישט פאַר די רעכט פון אַ ל ע פּוילישע יודען, נאָר אויסשליסליך כדי צו בעקומען פאַר זיך אַליין פּריווילעגיעס. וואָס אַנבעלאַנגט די פּאָליטישע זייט פון דעראָזיגער שתדלנות, האָט קיין בעדייטונג נישט דער פּונקט, וואָס זיי האָבען זיך געווענדעט צום פּאָליאַק טשאַרטאָריסקי (וועלכער איז איבעריגענס געווען אַ רוסישער מיניסטער און אַן אָנגעזעהענער פאַרשטעהער פון אַ רוסאָפילישער פאַמיליע). אויך זיי האָבען דאָך אַלס ביישפּיעל געבראַכט די וואָהלטהאַטען פון דער פּרייסישער רעגירונג, און פערזענליך זיך אויפ׳ן דעקרעט פון ווארשאווער הערצאָגטום פון 16-טען מערץ 1809 (וואָס מאַכט אַנ׳אויסנאַהם פאַר רייכע און געבילדעטע יודען), האָבען זיי איהם אָנגערופען דעקרעט פון דער זאַקסישער, און נישט פּוילישער רעגירונג. נאָך בולט׳ער האָבען די אַסימילאַטאָרען בעוויזען זייער נישט-רעכענען-זיך מיט דער פּוילישער רעגירונג עטוואָס שפּעטער, ווען זיי האָבען פאַרגעשטעלט דורך זייערע דעלעגאַטען וואָלף און גליקסבערג אַ פּעטיציע אַלעקסאַנדער דעם 1-טען בעת זיין פערבלייבען אין ווארשאַ אין עטליכע טעג אַרום נאָכ׳ן געבען פּוילען די קאָנסטיטוציע, דאָס הייסט, צו יענער צייט, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט נאָך נאַרגישט געהאַט ביכולת עפּיס אויסצוטוהן; זיי האָבען דער פּוילישער רעגירונג אויסגעדריקט אונצוטרוי אויפ׳ן גרונד פון איהר ציז-איצטיגער טעטיגקייט **).

בנוגע זייער שטעלונג צו יודען בכלל, האָבען זיי אין זייער דאָזיגער צווייטער פּעטיציע, אמת, שוין געבעטען וועגען ציווילע רעכט פאַר אַ ל ע יודען, און פּאָליטישע

---

*) דעם מעמאָריאַל האָבען פאָרגעשטעלט אין נאָמען פון העבער צוואַנציג אונטערגעשריבענע דער בוכהענדלער נאַטאַן גליקסבערג און באַנקיר געץ-לעווי.

**) „צווישען די פּערזאָנען, וואָס האָבען זיך אונטערגעשריבען אויף דער נאָמענטליכער שתדלנות-ליסטע (אַסימילאַטאָרען), האָבען זאָגאַר נישט געפעהלט אַזעלכע, — שרייבט אַשכנזי, — וואָס וועגען זייערע געצען קאָן מען מיט בעדויערן פעסטשטעלען מיט דאָקומענטען אין די הענד, אַז בעתין לעצטען מלחמה-שטורם, וואָס איז געקומען אויף דאָס לאַנד אין די יאָהרען 13—1812, האָבען זיי געדינט... נישט דעם לאַנד, נאָר דעם פּיינד". („קוואַרטאַלניק", העפט III, זייט 33).

בלויז פאר די „גוט-ערצויענע”, אָבער קלאָר איז, „אז אין זייער איצטיגען בעזונדערען אָרויסטריט האָבען די פאָרטגעשריטענע יודישע שתדלנים אַלענפאַלס נישט געקאָנט חלומ'ן וועגען דער מעגליכקייט צו פערווירקליכען אַלע אַלגעמיינע וואונשען, וועלכע זיי האָבען אַרויסגעשטעלט אין זייער פעטיציע הויפּטזעכליך כדי צו קאָנען ווייזען זיך פאר אַלע זייערע גלויבענס-ברידער; אָנשטאָט דעם איז זיי קודם-כל געגאַנגען אין אונ-טערשטיצען זייערע אייגענע בעזונדערע וואונשען, און נעמליך: צו בעקומען פאר זיך בעזונדער און נאָמענטליך די פּריווילעגיע פון פּאָליטישע רעכט". (אַשכנזי).

שנעל האָט אַ בעדייטענדער טייל פון דידאָזיגע אַסימילאַטאָרען זיך גענעבען אַן עצה מיט דער הילף פון... שמד, „מאַכענדיג דורכדעם נאָכמעהר גייסטיג אָרים און ערניעדריגענד ביז'ן סוף די אָרימע מאַסען פון פּוילישען יודענטום, נאָכמעהר אָבשטויסענדיג זיי פון פּוילענטום, דורכ'ן געבען אַנ'אייגענטליכע בעדייטונג די בעגריפען יוד-פּאָליאַק און שמד". (אשכנזי).

ווי חיים עס זענען דעמאָלט געווען פון ריכטיג בעגרייפען די זאַך אפילו די בעסטע פּאָליאַקען, קאָן בעווייזען דער פאַקט, אַז אפילו „דער בעסטער פריינד פון די יודען" פּירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי האָט אַרויסגעזאָגט ווען זיי אין נאָמען פון דער קאָמיסיע צו רעגולירען די שטעדט די פאָלגענדע מיינונג:

„די איזראַעליטען זענען נישט קיין נאַטירליכע איינוואוינער אויף אונזער ערד, זיי זענען דורכוואַנדערער, פרעמדלענדישע, פרעמדע; זיי האַלטען זיך זאַרגפעלטיג ביי די מנהגים און כאַראַקטער פון אַ בעזונדער פאָלק. די פּריווילעגיעס און פרייהייטען, וועלכע זיי האָבען בעקומען אין פערשידענע צייטען אין פּוילען, האָט מען זיי גע-געבען נישט פאר וועלכע-עס-איז פערדינסטען אין פאָלק אָדער צוליעב זייער נוצליכ-קייט אין לאַנד, נאָר פאר ממון געלד צי פאר אונטערשטיצונג ביים אויפמאַהנען, און מ'האָט עס שטענדיג בעטראַכט אַלס אויסנאַהם. אַלס אַ פרעמד פאָלק האָבען די יודען קיין רעכט נישט בעטראַכט צו ווערען אַלס בירגער פון לאַנד, און יעדעס מאָל, ווען מען גיט זיי רעכט אָדער פּריווילעגיעס, פון וועלכע עס גענייסען די פּאָליאַקען, איז עס אַ גנאָד אָדער וואָהלטהאַט. און די פּריווילעגיעס, וועלכע מ'האָט זיי צופעליג געגעבען און וועלכע זיי האָבען מיסברויכט, קאָנען נישט בעטראַכט ווערען אַלס קוועלע און פונדאַמענט פאר זייערע רעכט אָדער פּרעטענזיעס" *).

---

*) כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דערזעלבער אַדאַם טשאַרטאָריסקי האָט אַלס רוסישער מיניסטער געקאָנט זיין בנוגע צו יודען אויך זעהר פאָרשריטליך. ענדע 1802 איז אין פּעטערבורג געגרינדעט געוואָרען אַ קאָמיטעט אויסצואַרבייטען רעפאָרמען אין דער יודישער פראַגע; אין קאָמיטעט איז אויך אַריין טשאַרטאָריסקי. דערדאָזיגער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגע-בען דעם בעריהמטען אויפרוף, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען די ווערטער: „די ענדערונגען, וועלכע ווערען אַדורכגעפיהרט דורך דער רעגירונגס-מאַכט, האָבען נישט קיין קיום... בעסער און זיכערער איז צו פיהרען די יודען צו פאָלקאָמענהייט, עפענענדיג נור פאר זיי דעם וועג צו זייער אייגענעם נוצען... וואָס ווייניגער פערבאָטען, וואָס מעהר פרייהייטען... דידאָזיגע

נאָך אַזעלכע ווערטער איז, פאַרשטייט זיך, שווער צו רעכענען אַלס עולה מצד די יודען, וואָס זיי האָבען דעמאָלט נישט געקאָנט זיכער קיין פערשטענדניש פאַר ווייטערע צווילע און פּאָליטישע רעכט ביי די פּאָליאַקען, נאָר זיי האָבען זיך געמוזט ווענדען צו פרעמדע. און ווירקליך האָט נאָוואָסילצעוו צוגעשטעלט אַ ברייטען פּראָיעקט צו רעפאָרמירען די יודישע לאַגע אין פּוילען, און לויט דעם דאָזיגען פּראָיעקט האָבען די פּוילישע יודען געקאָנט גענייסען פון די אַלגעמיינע בירגערליכע רעכט און אינער-ליכער זעלבסטפערוואַלטונג. אָבער די וואַרשאַווער רעגירונג איז דורך דעם מלוכה-ראַט און אויך אַנדערע מיניסטערן און איינצעלנע אַדמיניסטראַטאָרען (צווישען אַנדערע אויך טשאַרטאָריסקי אַליין) אַרויסגעטראָטען שאַרף געגען דאָזיגען פּראָיעקט און פאַר-געשטעלט געגען-פּראָיעקטען, וועלכע האָבען ענטהאַלטען בעגרענצונגען פון די יודישע בירגערליכע רעכט און די אָבשאַפונג פון זייער אינערליכער זעלבסטפערוואַלטונג. קיי-נער פון די דאָזיגע פּראָיעקטען איז נישט בעשטעטיגט געוואָרען, אָבער געוויזען האָבען אַלעמאָלס נאַפּאָלעאָנ'ס געגנער. אין רוסלאַנד איז רעגירונג אָנגעקומען אַ אַלגעמיי-נע רעאַקציע און פון די פּראָיעקטירטע, וואָס אָנערקענטע יודישע רעכט אין רוסלאַנד און פּוילען האָט זיך נאַטירליך אויסגעלאָזט.

אלע אַנזיכטען פערלאַנגען, אז אויך ביי רעפארמירען די יודישע לאַגע זאל מען זיך בענוצען מיט דייכטע און בערוהיגענדע מיטלען, דערוועקען זייער זעלבסט=טעטיגקייט און בעזייטיגען בלויז יענע שטערונגען, וועלכע זענען דירעקט אבהענגיג פון דער רעגירונג און קאָגען דע=ריבער פון זיך אליין נישט בעזייטיגט ווערען.

ווערטער און מעשים פון דער נייער וואַרשאַוער רעגירונג.

א.

נאָכדעם ווי מיר האָבען געשילדערט אין אַלגעמיינע שטריכען די בעציהונג פון דער נייער וואַרשאַוער רעגירונג צו יודען, וועלען מיר איצט פּרובען גענויער צו בע-טראַכטען איהר טעטיגקייט. די אַרבייט אַרום דער יודען-פראַגע האָט זיך אָנגעהויבען אין'ם יאָהר 1815 אין „רעפאָרמען-קאָמיטעט", וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין וואַרשאַ אונטער דער פיהרונג פון אַדאַם טשאַרטאָריסקי. דיזאָזיגע פראַגע איז איבער-געגעבען געוואָרען די קאָמיסיעס, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער איינוואַנ-דערונג פון די פויערן אין שטעדט. עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ פּראָיעקט צו רעפאָרמירען די יודישע לעבענס-בעדינגונגען, און דער פּראָיעקט איז געווען דורכגע-דרונגען מיט'ן גייסט פון „ציוויליזירטער" אַפּוטרופּסות. אין דער טעאָריע האָט דער פּראָיעקט געגעבען די יודען די מענשליכע און בירגערליכע רעכט און אָנערקענט די ריכטיגקייט פון גלייכבערעכטיגונג; נאָר צוליעב דער „פינסטערקייט, נאַרישקייט (זאַ-באָבאָנעס) און מאָראַלישער פערדאָרבענקייט, וועלכע מיר בעגעגענען צווישען די מאַ-סען פון דער יודישער בעפעלקערונג", — האָבען די אויטאָרען פון פּראָיעקט צוגע-געבען, — וואָלט אַ באַלדיגע גלייכבערעכטיגונג געבראַכט בלויז שאָדען, ווייל דאָס וואָלט געגעבען די יודען אַ גרויסע פרייהייט צו זיין טעטיג צום אויסנוצען פון די לאַנדס-אינטערעסען, און דערביי איז דורכאויס נויטיג, אַז פריהער זאָל מען „אויס-בעסערן" די יודישע מאַסען דורך פערבאָטען זיי דעם שעדליכען האַנדעל מיט משקאות און ערציהען זיי צו לאַנדאַרבייט, מבטל-מאַכען די קהל'ס און יעדע געמיינדע-זעלבסט-פערוואַלטונג, פערביטען דאָס סיסטעם פון דער שול-ערציהונג אין אַלגעמיין-וועלט-ליכען גייסט. וואַרפענדיג אַ בליק איפ'ן מערב, וואו די יודען האָבען זיך שוין בעוויזען צו אַסימילירען, האָט די פוילישע קאָמיסיע געוואָלט אויסהערען די מיינונג פונ'ם דע-מאָלטיגען אידעאָלאָג פון דער אַסימילאַציע, דעם בערלינער רעפאָרמאַטאָר דוד פריד-לענדער. אין נאָמען פון דער וואַרשאַוער רעגירונג האָט זיך דאַן געווענדעט מיט אַ בריעף צו פרידלענדער'ן דער קוראַטאָר ביסקופּ מאַלטשעווסקי; און איהם געבעטען, אַז ער זאָל אַלס שילער פון דעם ליכט-פערשפּרייטער צווישען יודען משה מענדעלזאָהן זיך אַרויסזאָגען וועגען די פּראָיעקטירטע רעפאָרמען אין פוילען. צופרידען פון דער [illegible] איינלאַדונג, האָט פרידלענדער אין יאָהר 1816 אָנגעשריבען אַ'אויספיהרליכע „מיינונג וועגען דער אויסבעסערונג פון די יודען אין קעניגרייך פוילען". די פוילישע יודען — האָט פרידלענדער אויסגעפיהרט — זיינען אין קולטורעלער הינזיכט שטאַרק צוריקגעבליבען אין פערגלייך מיט די מערב-יודען; דעם וועג צו בילדונג שטערט זיי

די תלמודישע ערציהונג, די שעדליכע חסידישע לעהרע און די זעלבסטפערוואַלטונג
פון קהל; מיט אַזעלכע אַלעס דאַרף מען קעמפען; מען דאַרף דערנעהנטערן די יודי-
שע צו דער פּוילישער שול, פערדרייטשן די יודישע שפּראַך מיט פּויליש, מיטהעלפען
דער אַסימילאַציע און רעליגיאָנס-רעפאָרמען, אָבער גלייכצייטיג דאַרף די רעגירונג פער-
זיכערן די יודען, אַז זיי וועלען „מיט-דער-צייט בעקומען בירגערליכע רעכט, אויף-
וויפיעל זיי וועלען זיך בעמיהען צו פערפאָלקאָמען זיך אין גייסט פון די נייע תקנות
איבער זיי". הערדאָזיגער קאָנסטיטוציאָנס-געדאַנק, אַז ר ע כ ט דאַרף מען פריהער פער-
דיענען, דער געדאַנק, וועלכער ענטשפּרעכט דעם טעזיכען לאָזונג: „פריהער אויס-
בעסערונג, דערנאָך רעכט", — איז דער פּוילישער רעגירונג זעהר געפעלען געוואָרען.

ב.

אַנפאַנג 1816 איז דערדאָזיגער קאָמיסיע-פּראָיעקט איבערגעגעבען צום נאַ-
מעסטניק זאַיאָנטשיק, און ער האָט זעהר דיזאָזיגע בעדינגונגס-רעפאָרם בעטראַכט
פאַר צופיעל ליבעראַל. זיין מיינונג, וועלכע ער האָט געשיקט צו אַלעקסאַנדער דעם
ערשטען, איז שוין ווירקליך אָנגעזאַפּט מיט שנאה צו יודען. „דאָס מעהרערע-טייל פון
די יודען אין אונזער קעניגרייך פּוילען — שרייבט ער — ווערט ווירקליך בעדראָהענד.
אין'ם יאָהר 1790 האָבען זיי אויסגעמאַכט א דרייצעהנטען טייל (?) פון דער אַלגע-
מיינער בעפעלקערונג, און איצט מאַכען זיי שוין אויס אַ זעכסטען טייל. איינגעזאַלטענע,
מסתפקים-במועט און רידהעוודיג-טשיקטע, לעבען זיי זיך אַדורך מיט וואָס-עס-איז,
אַרויסבעקומענדיג דאָס דורך שווינדעל. אויך די פריהצייטיגע הייראַטען פּראָלפערן
זיי זיך נאָר אָהן א מאָס. אויסמיידענדיג שווערע אַרבייט, אַליין גאָרנישט שאַפענדיג,
לעבען זיי נור אויפ'ן חשבון פון אַרבייטער-קלאַס, מיטהעלפענדיג צו זיין אונטערגאַנג.
זייערע ספּעציעלע אינטערעסען טיילען זיי אויס אין א בעזונדערער מלוכה, די א
פרעמדלענדיש פאָלק, און דעריבער קאָנען זיי נישט ביי זייער איצטיגען צושטאַנד
צושטעלען דער מלוכה נישט קיין גוטע בירגער און נישט קיין ריכטיגע סאָלדאַטען.
אויב מען וועט ענדליך נישט אָננעהמען קיין מיטלען, אויסצונוצען די גוטע אייגענ-
שאַפטען פון די יודען פאַר'ן אַלגעמיינעם וואויל, וועלען זיי שנעל פערמיסטיגען
און אויסטריקענען אַלע קוועלען פון פאָלקס-וואוילשטאַנד, ברענגענדיג מיט זיך די
געפאַהר איבערצוואַקסען און נאַטירליך צו דערשטיקען די קריסטליכע בעפעלקערונג".

אין'ם זעלבען יאָהר איז אַרויסגעטראָטען מיט זיין פּראָיעקט צו לעזען די יודען-
פראַגע נאָוואָסילצעוו *). און געגענזאַץ צום לאָזונג פון דער קאָמיסיע — „פריהער אויס-

*) גיקאָלאַי נאָוואָסילצעוו, זעהר א געבילדעטער מאַן, האָט אין רוסלאַנד געשפּילט אַלס
ליבעראַל און אָנהענגער פון רעפאָרמען. אין פּוילען האָט ער זיך אָבער אַרויסגעוויזען אַלס
פערביסענער פיינד פון די פּאָליאַקען, און דעריבער האָבען די פּוילישע היסטאָריקער ערקלערט
זיינע פּראָגרעסיווע אָנשויאונגען אין דער יודען-פראַגע בלויז דורכ'ן איינפלוס פון שוחד, וואָס
ער זאָל בלומר'שט שטענדיג האָבען בעקומען פון יודען. מיר גלויבען נישט, אַז דאָס זאָל
אין דער ווירקליכקייט אַזוי זיין. עס איז מעגליך, אַז דאָ האָבען געשפּילט א ראָליע אי שוחד
אי פּאַרטייאישע איבערצייגונגען, אָבער ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסען, אַז זיינע אָנשויאונגען
אויף דער יודען-פראַגע זענען ווירקליך געווען פּראָגרעסיווע. א דאָפּעלטע אויפפיהרונגס-ליניע

פעטערבורג, רעדנדיק ריכטיגער — שטעלט נאוואסילצעוו ארויס א מער ליבעראלע הנחה: מען דארף יידען בירגערליכע רעכטע ביי דער גלייכצייטיגער רעפארמירונג פון זייערע לעבענס-באדינגונגען אויפ'ן יסוד פון דער אייראפעאישער קולטור און מאראליש אויס-צוהאדעוועט געמיינדע-זעלבסטפערוואלטונג. נאוואסילצעוו'ס פראיעקט איז אין אנהייב 1817 אנגעקומען אין ווארשעווער מלוכה-ראט, און דארט האט ער געמוזט זיך צוזאמ-שטויסן די שטארקסטע אפאזיציע מצד משווארטשעווסקי'ן, זאיאנטשעק'ן, סטאשיצ'ן און אנדערע פוילישע מלוכה-לייט. באטראכטענדיג דעם פראיעקט, האט די קאמיסיע געגען איהם ארויסגעשטעלט דריי ארגומענטען: 1) מען קען נישט דערלויבען קיין רעפארמירונג פון יידישען לעבען מיט דער הילף פון די יידען אליין; 2) מען טאר נישט דורך ארגאניזירען די יידישע געמיינדעס מיטהעלפען צו דער יידישער נאציאנאלער אבגעזונדערטקייט; 3) א פרישטעהענדע יידישע בירגערליכע און פאליטישע גלייכבערעכטיגונג איז געגען דער פוילישער קאנסטיטוציע, וואס אנערקענט פריווילעגיעס נור פאר די אנהענגער פון דער הערשענדער רעליגיע. אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון מלוכה-ראט האבען די דעבאטען וועגען נאוואסילצעוו'ס פראיעקט געטראגען א ליידענשאפטליכען כאראקטער. מען האט גערופען דעם פראיעקט „פאליטישע צוועלען, פיינדליכע צום איינגעבוירען-נאציאנאלען עלעמענט פון לאנד". „זאלען די יידען פריהער ווערען עכטע פאליאקען — דאס אויסגערופען דער רעפערענט קאזש-מיאן — און ערשט דעמאלט וועט מען זיי קענען באטראכטען פאר בירגער". ווען דער רעפערענט האט אנגעוויזען, אז מען קען נישט באטראכטען אלס בירגער מענשען, וועלכע מען דארף קודם-כל צוגעוואוינען צו „ריינליכקייט" און אויסהיילען „פון צרעת און אנדערע עקליכע קראנקהייטען", האט זאיאנטשעק איבערגעבראכען מיט א געלעכטער און באמערקט: „ריכטיג, די יידישע אונצוכטען וועלען זיך נישט אזוי גיך באפרייען פון די קרעץ". נאך אזא מין קריטיק איז נאוואסילצעוו'ס פראיעקט דורכגעפאלען. דער מלוכה-ראט איז געקומען מעיינעם צו דער מיינונג, אז „צו א גרינדליכער רעפארמירונג פון אינערליכען יידישען לעבען איז נאך נישט געשאפען געווארען די שטאטס-רעכטליכע געלעגענהייט", און האט באשלאסען אבצושטעלען זיך פארלויפיג ביי די פריהערדיגע נורמען, וואס טראגען דורכשניטליך א רעפרעסיווען כאראקטער.

ג.

און פראקטישע „מעשלעך" האבען נישט געלאזט אויף זיך לאנג ווארטען.

דער ווארשעווער רעגירונג האט זיך גאר נישט איינגעשטעלט דורכצופירען די איינציגע רעפארמע: אז מעהרקליכען דאס געזעץ פון 1812 וועגען פערבאטען יידען אויסצושענקען און צו פערקויפען בראנפען. דאס דאזיגע חורבן-ברענגענדע מיטעל האבען יידען איז דורך אלעקסאנדער'ן נישט בעשטעטיגט געווארען ארויף די בע-

---

האט מען געקאנט בעמערקען נישט נור ביי נאוואסילצעוו'ן אליין: אט, למשל, איז סטאשיץ געווען זעהר פראגרעסיוו בנוגע צו פאליאקען, און וואס אנבעלאנגט יידען האט ער זיך גע-האלטען ווי א גרעסטער אנטיסעמיט.

מיזיאָנען פון די אויבענדערמאָנטע יודישע רעפּוטאַטען, און אין יאָהר 1816 האָט דער נאַמעסטניק מבטל געווען, אַז די אויספיהרונג פונ'ם דאָזיגען שווערען געזעץ איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף אַן אונבעשטימטע צייט. אָבער די פּוילישע רעגירונג האָט פערזוכט אין משך פון עטליכע יאָהר איינצופיהרען אין לעבען אַ רייה אַנדערע פערענדערונגס-געזעצען. אין איינציגע שטעדט, וועלכע האָבען נאָך געהאַט פון דער אַלט-פּוילישער פּריווילעגיע „ניט צו דולדען קיין יודען", איז די דאָזיגע מדינה-גע פּריווילעגיע בעשטעטיגט געוואָרען, און די יודען, וועלכע האָבען זיך דאָרט בעזעצט אין דער צייט פון הערצאָגטום, זענען איצט פון דאָרט אַרויסגעשטויסען געוואָרען אָדער איינגעטיילט אין בעזונדערע ראַיאָנען. אין וואַרשא זענען פיעל גאַסען פערשלאָסען געוואָרען פאַר יודען, און פאַר די אַנקומענדיגע פון אַנדערע-ערטער האָט מען איינגעפיהרט אַ בעלאַסטענדיגען אָבצאָהל פאַר דאָס רעכט צו פערבלייבען אין שטאָדט, — אַ „בילעטען-אָבצאָהל", אין אַ סומע פון 15 קאָפּ. פאַר אַ מעת-לעת. יודען האָט מען פערבאָטען צו וואוינען אויף אַ שטח פון 21 ווערסט פון דער עסטרייכישער און פּרייסישער גרענעץ. דערנאָך זענען די וואַרשאַווער געזעצגעבער געווען קאָנסעקווענט און האָבען מעהר ניט געפאָדערט פון די יודען צו דיענען אין מיליטער: אין יאָהר 1817 איז פערעפענטליכט געוואָרען, אַז כל-זמן די יודען געניסען ניט פון בירגערליכע רעכט, ווערען זיי בעפרייט אויך פון פערזענליכען מיליטער-דיענסט אין קעניגרייך פּוילען, און אַנשטאָט דעם האָבען זיי צאָהלען אַ רעקרוטען-אָבצאָהל. אינניכען איז אויך פערווירקליכט געוואָרען די לאַנג-ערשטרעבטע פערקלענערונג פון דער געמיינדע-זעלבסטפערוואַלטונג; אָבער די דאָזיגע רעפאָרם האָט ניט נור געשטאַמט פון די רעגירענדע קרייזען, נאָר זי איז אויך געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעאַקציאָנער געזעלשאַפטליכער און ליטעראַרישער בעוועגונג אין פּוילען.

די געזעלשאפטליכע מיינונג.

א.

ניט נאר די ווארשאווער רעגירונג האט זיך פערנומען מיט איינארדנען די יודען. מיט דער יודען־פראגע האט זיך גאנץ שטארק אינטערעסירט אויך די פוילישע געזעלשאפטליכע מיינונג.

אין דער פוילישער פאליטישער ליטעראטור האט זיך דעמאלט געלאזט בעמערקען א בעוועגונג, יעדער ערנליך צו דער, וועלכע איז ענטשטאנען בעת'ן 4־יעהריגען סיים. עס האבען זיך בעוויזען מעהר בראשורען און צייטונגס־ארטיקלען, אין וועלכע מ'האט אין א ליידענשאפטליכער פארם בעהאנדעלט דעם אנגעווארעמטען טאג־ענין — די יודען־פראגע. דער קסיאנדז סטאשיץ, מיטגליעד פון ווארשאווער רעגירונג (ער איז געווען מיטגליעד פון דער קאמיסיע פאר רעליגיעזע און בילדונגס־ענינים), האט פון־דאס־ניי אנגעהויבען זיינע אנפאלען אויפ'ן יודענטום. אין יאהר 1816 האט ער פערעפענטליכט א ארטיקעל „וועגען די סיבות פון דער יודישער שעדליכקייט", אין וועלכען ער האט ארויסגעבראכט דעם געדאנק, אז די יודען זענען שולדיג אין'ם אונטערגאנג פון פוילען: זיי מעהרען זיך אונגעהויער שנעל און מאכען שוין איצט אויס א גאנצען טייל פון דער בעפעלקערונג; אויב זיי וועלען זיך ווייטער אזוי פרוכפערן, וועט פון פוילען ווערען א יודיש לאנד און וועט ווערען ללעג ולקלס אין גאנץ אייראפא; די יודישע רעליגיע איז פיינדליך דער קאטוילישער: „מיר רופען־אן די יודען „אלט־גלויביגע", און זיי רופען אונז אן „געצענדיענער""; ווייל מען קען דאך זיי פון פוילען ניט ארויסטרייבען, דארף מען זיי אבזונדערן אלס פערשפרייטער פון אנשטעקענדע קראנקהייטען: אין די שטעדט דארפען די יודען וואוינען אין בעזונדערע ראיאָנען, כדי מ'זאל זיי לייכטער קאנען היטען; נאר די פערדיענסטפולע סוחרים און בעלי־מלאכות, וועלכע האבען ערהליך זיך פערנומען מיט זייער בעשעפטיגונג אין פערלויף פון 5 אדער 10 יאהר, האבען דאס רעכט צו וואוינען אויסער די גרענעצען פון'ם גהעטא; נאר אזעלכע פערזאנען, ווי אויך יענע, וועלכע האבען חתונה געהאט מיט קריסטינס, דארף מען ערלויבען צו ערווערבען ערד־אייגענטום. א גהעטא אויף איין עק און א צלם אויפ'ן צווייטען — דערדאזיגער מיטעלאלטערליכער לאזונג איז געווען די ריכטליניע פאר די רעפארמאטארען־פאטריאטען פון סטאשיץ'ס טיפ, וועלכע האבען פאר זיך גענומען אלס מוסטער זאמאיסקי'ס פראיעקט פון'ם 4־יעהריגען סיים.

ב.

בעזונדערס האט זיך די פאלעמיק פונאנדערגעפלאקערט אין יאהר 1818 ערב

אין בעת די זיצונגען פון ערשטען סיים אין ווארשא, עס האָבען זיך דעמאָלט ארויסגעוויזען דריי ריכטונגען: א מעסיגע, א יודען-פרעסערישע און יודען-פריינדליכע. דער פאָרשטעהער פון דער ערשטער ריכטונג איז געווען גענעראל ווינצענטי קראַשינסקי, רעפּרעזענטאַנט פון סיים. אין זיינע „בעמערקונגען וועגען די יודען אין פוילען" נעמט ער ארויס פון פאָלגענדען צווייפאַכען שטאַנדפּונקט: „די שטימע פון גאַנצען פאָלק זאָגט זיך-ארויס נעגען יודען און פאָדערט זייער רעפאָרמירונג", דערביי איז ביי איהם דער בעגריף „רעפאָרם" גלייכבעדייטענד ווי רעפּרעסיע. אויך ער איז ארויסגעטרעטען מיט דער אַלגעמיינער שרעק פאר א יודישען פוילען, אָבער ער לענט-באַר צוזאַמען מיט די רעפּרעסיע-מיטלען אויך ליבעראַלע אויסבעסערונגס-מיטלען: די אונטערשטיצונג פון די גרויסע יודישע קאַפּיטאַליסטען, די צוציהונג פון די יודישע מאַסען צו לאַנדווירטשאַפט און מלאכות, געבען בירגער-רעכט די, וואָס האָבען דערויף פערדיענט. געגען קראַשינסקי'ן איז ארויסגעטראָטען דער אַנאָנימער אויטאָר פון דער בראָשור „א מיטעל געגען יודען", וועלכער איבערצייגט, אז קיין שום רעפאָרמען וועלען ניט אויסבעסערן די יודען, שטעלט דער מחבר פון דער בראָשור די פראַגע: „צי וועגען מיר מחויב צו אָפּפערן דעם וואוילשטאַנד פון דריי מיליאָן פאָליאַקען פאר'ן וואויל פון דריי הונדערט טויזענד יודען, אָדער פערקעהרט?" — און ער ענטפערט זיך אַליין גאַנץ איינפאַך: מען דארף צווינגען די יודען צו פערלאָזען פוילען, מען דארף אויסבעטען ביים קייזער אַלעקסאַנדער דעם 1-טען, דעם „וואוילטעטער פון פוילען", אז ער זאָל דאָסאָזיגע לאַנד בעפרייען פון יודען, וועלכע ער זאָל אוועקשיקען די נישט-בעפעלקערטע סטעפּ-געביטען אין דרום-רוסלאַנד, אָדער גלאַט ערגעץ אונטער די דרי-תושך. 300,000 יודען קאָן מען איינטיילען אין דריי הונדערט פּאַרטיעס און ארויסשיקען זיי אין פערלויף פון איין יאָהר. די מאָנדען אויף ארויסצושיקען און בעזעצען די יודען אויף א נייעם אָרט דארפען געבען די יודען אַליין.

דעראָזיגער ווילדער פּראָיעקט האָט אויפגערעגט דעם עהרלעכיגען אָפיציער-ראַדיקאַל וואַלעריאַן לוקאַשינסקי, דעם קינפטיגען ארעסטאַנט פון שליסעלבורגער פעסטונג. אין זיינע „בעמערקונגען פון א געוויסען אָפיציער איבער דער אָנערקענטער נויטיגקייט איינצואָרדנען די יודען אין אונזער לאַנד" (1818) ענטוויקעלט לוקאַשינסקי דעם געדאַנק, אז די יודען ווערען דעמאָראַליזירט נור דורך די בעדריקונגען און רעכטלאָזיגקייט. זיי זיינען דאָך געווען נוצליך פאר'ן לאַנד אין די אַלטע צייטען פון קאַזימיר'ש דעם גרויסען און זיגמונד דעם אַלטען, ווען מ'האָט זיי אויפריכטיג און ערליך בעהאַנדעלט. דער אויטאָר טרעט-ארויס מיט א פערניכטענדער קריטיק געגען דער צביעות פון דער שליאַכטע, וועלכע וואָרנט-פאר די יודען, אז זיי רואינירן די פּויערן דורכ'ן בראַנפען, וועלכען די יודען פערקויפען אינ'ם שענק-הויז, וואָס זיי נעהמען פונ'ם חעלבען שליאַכציץ אין ארענדע. לוקאַשינסקי איז איבערצייגט, אז די יודען וועלען ווערען גוטע בירגער, אויב מ'וועט זיי צולאָזען צום בירגערליכען לעבען, וואָס איז געגרינדעט אויף די יסודות פון דעמאָקראַטיזם.

אין דעראָזיגער פּאָלעמיק האָבען א געוויסען אַנטייל גענומען די יודען אַליין. א געוויסער רב משה בן-אברהם, אין א בראָשור אונטער'ן נאָמען „די שטימע פון יודישען פאָלק", איז ארויסגעטראָטען צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון דער אָרטאָ-

ראַקסיע. די פּאָליאַקען בעט ער, נישט אַריינצומישען זיך אין די אינערליכע יודישע אַנגעלעגענהייטען. „אויב איהר — שרייבט ער — ווילט אונז נישט רעכענען אַלס בירגער, טאָ גיט אונז אָב כבוד אַלס פּאָטער! קוקט-זיך-איין אין אונזער אָבשטאַמונגס-בוים מיט די צוויינען פּנ״ם „ברית החדשה“, וועט איהר אין אונז געפינען אייערע פאָרצייען“. מען קאָן נישט אויפצווינגען די יודען פּוילישע קולטור. אויף-וויפיעל דער טעראָנק וועגען אַריינטרייבען יודען פון פּוילען זאָל נישט זיין ווילד, ווערט דאָס אונטער-דריקטע פאָלק אַלין בעסער איינשטימען אויף אַ גירוש, איידער צו ענטזאָגען זיך פון גלויבען און מנהגים פון זיינע עלטערן. — די שטימונג פון די פּראָגרעסיווע יודען האָט אויסגעדריקט דער יונגער וואַרשאַווער לערער יעקב טוגענדהאָלד (אין ביכעל „ידובעל“ אָדער „אַ געשפּרעך וועגען יודען“). די יודען, לויט זיין מיינונג, האָבען שוין אָנגע-הויבען שטרעבען צו דער פּוילישער קולטור, און פון דער רעגירונג הענגט עס אָב צו פערשטאַרקען דיזאָזיגע בעוועגונג דורך צולאָזען די, וואָס שטייען זיך-אונטער פון די אַנדערע, צו מלוכה-שטעלען.

ג.

אין דערזעלבער צייט, וואָס אין דער ליטעראַטור האָט געקאָכט די פּאָלעמיק איבער דער יודען-פראַגע, האָט זיך אין די טינסטערע ווינקעלעך פון די נידריגע געזעלשאַפטס-שיכטען אָנגעהויבען צו פערמערקען אַ געפעהרליכע בעוועגונג, וועלכע איז געווען אַרויסגערופען געוואָרען צום לעבען דורך געוויסע פּאָליטיקער פון אויבען. אין פערשיעדענע ערטער אין קעניגרייך — אין מעזריטש, וולאָדאַווע און אַנדערע — האָבען זיך פּלוצלונג בעוויזען „קרבנות פון ריטועלע מאָרדען“, דאָס הייסט, טויטע קערפּער פון קינדער, וואָס זענען ענטדעקט געוואָרען דווקא פּסח-צייט 1815—1816. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ריי״ה געריכטס-פּראָצעסען. אויפ׳ן גרונד פון מסורות דאָס מען געכאַפּט אומשולדיגע מענשען, מען האָט זיי געהאַלטען יאָהרען-לאַנג אין תפיסות און מ׳האָט זיי „אויסגעפּרישט“, אמת — אָהן די אינקוויזיטאָרישע מיטלען פון די אַמאָליגע צייטען, מ׳קאָן נישט זאָגען, מיט וואָס מ׳וואָלט זיך געענדיגט דיזאָזיגע גאַנצע וואַקכאַנאַליע פון נאַרישען אָבערגלויבען אָדער פון בייזוויליגע פּלענער, ווען עס וואָלט זיך נישט דערהערט אַ שטימע פון פעטערבורג. אַדאַנק דער ענערגישער השתדלות פון די „דעפּוטאַטען פון יודישען פאָלק“, זאָנענבערג און זייטע זוברים, וועלכע זענען אונטערגעשטיצט געוואָרען דורך גאַוואָסילצעוו׳ן, האָט דער מיניסטער פאַר גייסטליכע אַנגעלעגענהייטען גאַליצין פעראָרדענט, אַז מען זאָל זיך אין פּוילען האַלטען שטרענג אָן דעם נישט-לאַנג אַרויסגעגעבענעם קייזערליכען אוקאַז (1817), לויט וועלכען עס ווערט פערבאָטען אַריינצושלעפּען ווילקירליך דעם ריטועלען עלעמענט אין געריכטס-פּראָצעסען. אַזוי זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרען צוהונדער-טער אַרעסטירטע און עס איז געמאַכט געוואָרען אַ סוף צו דער פערברעכערישער אַגיטאַציע.

אין וואַרשאַווער סיים אין יאָהר 1818 האָט זיך שטאַרק געלאָזט בעמערקען די שטימונג פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך פריהער אויסגעדריקט

אין דער פּאָליטישער ליטעראַטור: די מערהייט אין סיים איז בעשטאַנען פון אַנטי־יודישע עלעמענטען. אין די בעמערקונגען פון די דעפּוטאַטען צו דעם רעגירונגס־ראַפּאָרט בעגעגענען מיר אָפטע ווענדונגען צו אַלעקסאַנדער דעם 1־טען מיט דער „אונטערטעניגסטער בקשה", אַז דער קייזער זאָל בעפעהלען אַריינצוטראָגען אין דעם פּראָגראַם סיים „אַ פּראָיעקט פון יודישע רעפאָרמען", וואָס זיין ציעל זאָל זיין אָבצוראַטעווען פּוילען „פון דער צו־גרויסער פערמעהרונג פון יענעם פאָלק, וואָס שטעלט שוין איצט פאַר דעם 7־טען טייל פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג און מיט־דער־צייט וועט עס איבערשטייגען מיט זיין צאָהל (?) די קריסטליכע בעפעלקערונג פון לאַנד". אויף דער נאָהענטער צוקונפט איז אָנערקענט געוואָרען פאַר נויטיג דורכצופיהרען אין לעבען דעם פריהער־אָנגעוואָרפענעם דעקרעט וועגען בעזייטיגען יודען פון האַנדעל מיט משקאות און צוציהען זיי צו מיליטער־דיענסט. איבעריגענס, האָט דער סיים נאָר נישט געהאַט נויטיג צו פערנעהמען זיך מיט ספּעציעלע פּראָיעקטען וועגען „איינהאַלטען" די יודען: עס איז גענוג געווען צו סאַנקציאָנירען שווייגענדיג דעם פאָרשלאָג צו פערלענגערן יענעם צעהניעהריגען טערמין, אין פערלויף פון וועלכען די יודען האָבען נאָך בעדאַרפט זיין בעראַובט פון זייערע רעכט. יענעם טערמין, וואָס די רעגירונג פון וואַרשאַווער הערצאָגטום האָט בעשטימט אין יאָהר 1808. דערדאָזיגער טערמין האָט זיך גראָד געענדיגט אין דעם יאָהר, ווען עס האָט אָבגעהאַלטען זיינע זיצונגען דער ערשטער סיים פון קעניגרייך; אָבער נישט דער סיים און נישט דער מלוכה־ראַט („ראַדאַ סטאַנו") האָבען זיך נאָר נישט פערטראַכט ערנסט איבער דער פראַגע, אויב די רעגירונג האָט דאָס רעכט צו פערלענגערן די יודישע רעכטלאָזיגקייט איבער דער בעשטימטער צייט. די פּוילישע פיהרער פון יענער צייט, וועלכע האָבען נור געטראַכט וועגען נייע „מיטלען" געגען די פערהאַסטע יודען, האָט די זאַך אויסגעוויזען צו זיין גאַנץ נאַטירליך און געזעצליך.

דאס אינערליכע יודישע לעבען.

א.

די פּאָליטיק, וועלכע מ'האָט אָנגעווענדעט צו די יודען זינט עס איז געפאַלען די פּוילישע רעפּובליק, האָט שטאַרק געווירקט אויך אויפ'ן אינערליכען יודישען לעבען. טעאָרעטיש האָט מען מיט דערדאָזיגער פּאָליטיק געשטרעבט אַ סוף צו מאַכען צום יודישען סעפּאַראַטיזם און צו געבען יודען גלייכבערעכטיגונג, נאָכדעם ווי זיי וועלען פאָלשטענדיג פּאָלאָניזירט ווערען, אין דער פּראַקטיק אָבער האָט מען אָנגעווענדעט צו יודען נור דעם ערשטען טייל פון פּראָגראַם, וועלכער איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט אַליין ענערגישער חרוב־געמאַכט די יודישע זעלבסטפערוואַלטונג און מ'האָט צוגענומען ביי יודען אמת די נישט־„עדלע“, אָבער דאָך די איינציג־מעגליכע פאַר זיי פרנסה־קוועלען. די פאָלגען דערפון זענען געוועזען די פעראָרימונג פון די יודישע מאַסען, די צעשטערונג פון זייערע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען און זייער פערזינקען אין נויט און פינסטערניש.

בראש פון פּוילישען יודענטום זענען אַליין געשטאַנען די קהל'ס, און זיי צוזאַמען מיט צוויי נעהילף־אינסטיטוציעס, דעם ראַבינאַט און חברה־קדישא, האָבען פערשפּרייט זייער ממשלה איבער די אַלע אָנגעלעגענהייטען, וועלכע זענען נוגע דער יודישער בעפעלקערונג. די איצטיגע קהל'ס זענען אָבער נישט ענהליך געוועזען צו יענע, פון די רעפּובליק־צייטען, ווערענד אין יענע פלעגען געווענליך זיצען פרומע רבנים און אַנדערע אָנגעזעהענע קהל־מיטגליעדער, וועלכע זענען אַלענפאַלס געוועזען איבערגעגעבען די יודישע אינטערעסען און, לויט זייערע דעמאָלטיגע איבערצייגונגען, געאַרבייט ענערגיש און זאָגאַר מיט מסירות־נפש פאַר זייערע ברידער; ווערענד יענע פלעגען דאָך שטעהן אונטער אַ געוויסער קאָנטראָל פון די „ועד־ארבע־הארצות“־צוזאַמענפאָהרען, אויף וועלכע עס פלעגען מוזען זיין אָנוועזענד רעפּרעזענטאַנטען פון גאַנצען פּוילישען יודענטום, — האָבען אין די נייע יודישע קהל־שטיבלעך פערוואַלטעט אונפעראַנטוואָרטליכע מענשען, וועניג איבערגעגעבען די יודישע אינטערעסען, וואָס האָבען בכלל בעהאַנדעלט דיזאָזיגע יודישע אינסטיטוציעס אַלס „אַ זעהר אויסגעצייכענטען אינטערעס, אויף וועלכען מען קען לייכט מאַכען אַ פערמעגען“. דער קהל איז בעשטאַנען פון דריי אַזוי־גערופענע „ראשים“, עלטערע, וואָס יעדע געמיינדע וועהלט־אויס אויף צוויי יאָהר. געוועהנליך איז געוועזען, אַז די איינמאָל אויסגעוועהלטע „ראשים“ זענען פערבליבען אויף זייערע שטעלעס שוין אַ לענגערע צייט. אין די גרעסערע קהלות פלעגען די דריי ראשים צונעהמען צו זיך איינינע געהילפען, אָדער די אַזוי־גערופענע פּאַטענטירטע קהל־לייט. די הויפּט־אויפגאַבע פון קהל איז בעשטאַנען אין דער פערמיטלונג צווישען דער יודישער

בעפעלקערונג און דער רעגירונג אין פינאַנץ־פראַגען, דער קהל האָט פּרוּבירט אויסצוהאַלטן אויף די געמיינדע־מיטגליעדער, אויפגענומען זיי און איינגעצאָהלט דער רעגירונג.

ביים ערפילען זיינע ראָליע פונקציעס איז דער קהל בעגאַנגען פארשיעדענע עוולות: נישט דערלאָזענדיג, אַחוץ דער דראָהונג פון חרם, קיין קאָנקורענץ, פלעגט ער גענומען אין פאַכט פון דער רעגירונג די שטייערן און אויפלעגען זיי אויף דער יודישער בעפעלקערונג נישט לויט דער נאָרמע, נאָר לויט זיין איינענעם איינזעהן, ווילקירליך. און די נידעריגשלאָגענע יודישע מאַסע האָט זיך געגען דעם קיין עצה נישט געקאָנט געבען. ווען די אונערטרעגליכע שטייער־לאַסט פלעגט אַמאָל אַרויסרופען ביי דער יודישער בעפעלקערונג דעם שוואַכסטען פּראָטעסט־אויסדרוק, פלעגען זיך באַלד פעראייניגען די דריי איבערהערשענדע אינסטיטוציעס — דער קהל, ראַבינאַט און חברה־קדישא — און מיט דער הילף פון די שאַרפסטע מיטלען אונטערדריקען די אונצופריעדענהייטס־שטימען באַלד אין אָנהויב. „קהל" פלעגט שוין באַלד געפינען א געהעריגען מאָטיוו אַריינצוואַרפען אין תפיסה אַזעלכע „געפערליכע" לייט, דער ראַבינאַט פלעגט זיי ערקלערען אַלס אפיקורסים און אויסרופען אויף זיי א חרם, און חברה־קדישא פון איהר זייט פלעגט פערשרייבען זייערע נעמען אין „שוואַרצען בוך", וואָס עס האָט בעדייט, אַז נאָך זייער טויט און נאָכ'ן טויט פון זייערע פערוואַנדטע וועט מען פערלאַנגען נאָר דער קבורה אונגעהויערע סומען.

ב.

צו דערזעלבער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבען פינאַנדערצושפּרייטען דער חסידיזם, וועלכער האָט נאָך לאַנגע קאַמפען אָנגעהאַלטען אין פוילען אַנ'עקשנ'ותדיגען ווידער אַיבער'ן מתנגדיזם. און עס דאַרף געזאָגט ווערען, אַז אויב פאַר די העכערע, בעוואוסטזיניגערע קרייזען פון דער יודישער אַריסטאָקראַטיע אין פוילען האָט דער חסידיזם געהאַט אויך זיינע פּאָזיטיווע זייטען, וועגען אָבער פאַר די נידריגערע שיכטען פון די יודען, — וועלכע האָבען דעם גייסט פון חסידיזם נישט פערשטאַנען, נאָר זיין נאַצטען מדות בעגריפען און זיינע אויסערליכע פאָרמען, אין דער אַנבעדערונג צו רביים און צדיקים, אין דעם גלויבען אין מופתים און נסים — זיינע נעגאַטיווע זייטען געווען מעהר ווי די פּאָזיטיווע.

אין וואַרשא גופא האָט זיך דער חסידיזם נישט געקאָנט אַזוי ריהמען מיט זיינע נצחונות. אין דער פּוילישער רעזידענץ האָבען דעמאָלט געלעבט ביז 16,000 יודען, און הגם די מעהרהייט פון זיי איז געווען אָרטאָדאָקסיש געזאָנען, האָט אָבער דאָך די גרויסע שטאָדט, דער צענטער פון דער לאַנדעס־קולטור, געמוזט האָבען אויף זיי א געוויסען איינפלוס. בראש פון דער וואַרשאַווער געמיינדע איז געשטאַנען דער קהל, וואָס האָט פערשפּרייט זיין ממשלה אויך איבער די פּראָווינצער קהלות אין פוילען. און דער צייט האָבען מיט די אָנגעלעגענהייטען פון דער וואַרשאַווער יודישער געמיינדע אָנגעפיהרט די זעקס פּאָלגענדע ראשי־הקהל: משה־אַהרן פירשטענבערג, אייזיק־שמואל און נתן אַהרעלבוים, בער שמאָלעוויטש, שמואל־אליעזר קראָנענבערג און

יוסף עפשטיין. די ערשטע זענען דורך די יודען אַליין אויסגעוועהלט און בעפאָלמעכטיגט געוואָרען און שפּעטער האָט זיי אויך די רעגירונג בעשטעטיגט אַלס יודישע רעפּרעזענטאַנטען. די לעצטע האָבען פון די יודען אַליין קיין מאַנדאַט ניט בעקומען, זיי האָבען נור געהאַט אַ פּאַטענט פון דער פריהערדיגער פּרעפעקטור צו פערוואַלטען מיט די פערשיעדענע אַבטיילונגען פון די קהל׳שע אינסטיטוציעס. אין דער ווירקליכקייט האָבען נור די לעצטע, דאַנק זייערע איינפלוסען, פאַרנומען צו זיך אין די הענד די גאַנצע מאַכט, און די אמת׳ע יודישע פאָרשטעהער, בעטראַכטענדיג זיי אַלס בעפאָלמעכטיגטע מצד דער רעגירונג, האָבען זיי אין אַלעם געפאָלגט. דער סעקרעטאַר פון קהל איז געוועזען שכנא ניידינג. אחוץ בער שמאָלעוויטש האָבען די איבעריגע ראשי־הקהל געהערט צו די מתנגדים, און איינגע פון זיי האָבען זיך אַליין האַטש גערעכענט אַלס מאָדערנע קולטור־מענשען.

אין ווארשא איז צו יענער צייט אויך געווען אַ הייפעל יודישע אינטעליגענץ. זעלבע איז הויפטזעכליך בעשטאַנען פון געוועזענע לעגיאָן־סאָלדאַטען אָדער פון טשינאָווניקעס פון ווארשאַווער הערצאָגטום, ווי אויך פון עטליכע רייכסטע יודישע פאַמיליעס. דעם דאָזיגער קלייניגער קרייז אינטעליגענץ איז אייניגען פערגרעסערט געוואָרען דורך דער רייכער יודישער יוגענד, וואָס פלעגט אָפט, אין האַנדעלס־אַנגעלעגענהייטען, רייזען קיין דייטשלאַנד און דאָרט זיך בעקענט מיט די רעפאָרמאַטאָרישע שטרעבונגען פון מענדעלזאָהנ׳ס שילער. פיעל פון דער יוגענד זענען פערבליבען אין אויסלאַנד צו שטודירען מעדיצין. צווישען זיי איז געווען אַ היבשע צאָהל פעהיגע און ענערגישע שילער, ווי דער יונגער אַנטאָני אייזענבוים, דער שפּעטערדיגער דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שולע, יצחק פלאַטאַו, סאַמועלזאָהן, וואָס זיין פאָטער איז געוועזען הויף־דאָקטאָר ביים קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט, יאַן עפשטיין, יאַן גליקסבערג, און אַנדערע. דיזאָזיגע אינטעליגענץ האָט געלעבט צווישען זיך אין אחדות און שלום, אָפט פלעגען זיי זיך צוזאַמענקומען ביי עטינגער׳ן, וואָס דעם אַליין איז ער געוועזען אַ צ׳אַרטאָראַקס, האָט ער זיך דאָך אינטערעסירט מיט קולטור־פראַגען און זיינע קינדער האָט ער שוין ערצויגען אויפ׳ן מאָדערנעם שטייגער, געגעבענדיג זיי אַ וועלטליכע בילדונג. ביי איהם אין הויז — בעמערקט אַ געשיכטע־שרייבער — פלעגט מען „צוזאַמען לייענען פּראָפאַנע ווערק און איינאָרדנען פערדעכטיגע פאָרלעזונגען, נאָך וועלכע עס פלעגען צוזאַמען פערווייל׳ען מענער און פרויען".

דיזאָזיגע יוגענד, אויסער איהר טעטיגקייט פונאַנדערצושפּרייטען בילדונג צווישען די מאַסען, האָט אויך געפּרובט זיך נעהמען צו קהל־אַנגעלעגענהייטען, ענטדעקען דאָ פערשיעדענע פאַלשקייטען און שווינדלען, אַרויסטרעטענדיג אָפען אויף דער שולה־בימה מיט רעדעס געגען די קהל־פיהרער אָדער פונאַנדערשפּרייטען געגען זיי שאַרפע פּאַמפלעטען. די טעטיגקייט פון דיזאָזיגע פאָרשריטליכע עלעמענטען האָט אָבער בעגעגענט ערנסטע שוועריגקייטען; קעמפענדיג פון איין זייט וועגען רעפאָרמען אין יודענטום און פון דער צווייטער — מיט דער שלעכטער ווירטשאַפט און שווינדלע־

רייען אין קהל, האָבען ווי קיין איינס פון זייערע ציעלען נישט ערייכט, ווייל די יודישע אָרטאָדאָקסיע האָט זיי פאַרגעשטעלט פאַר די ברייטע מאַסען אַלס אפּיקורסים און צו־שטערער פון די יודישע איינריכטונגען, וועלכע פירהען זייער קאַמף מיט די קהל־לייט בלויז דערפאַר, וואָס זיי, די לעצטע, ווילען פערהיטען די יודישע אמונה פון יעדער געפאַהר. דורך דעם אַלעם האָט דאָס דאַמאָליגע הייפעל יודישע אינטעליגענץ נישט פער־לאָזען די האָפנונגען אויף שפּעטער, און נאָר אין דער נאָהנטסטער צוקונפט זעהען זייערע האָפנונגען ווירקליך מקוים געוואָרען.

דער „יודישער קאָמיטעט“.

א.

מיר האָבען שוין געזעהן, וואָס פאַר אַ שטעלונג עס האָט פאַרנומען אין דער יודען-פראַגע די וואַרשאַוער רעגירונג און ווי זי האָט זיך געשראָקען, אַז די יודען קאָנען נאָך אויספרעסען גאַנץ פּוילען. האָט מען זיך שוין אָבער אָנגעהויבען צו פאַרנעהמען מיט דער יודען-פראַגע, האָט מען דאָך שוין נישט געקאָנט בעגנוגענען זיך בלויז מיט רעפּרעסיעס און די פאַרשטייגונג פון די יודישע רעכט איבערצולאָזען אין די הענד פון „פאַרביסענסטען פּוילען-פיינד“, נאָוואָסילצעוו'ן. די וואַרשאַוער רעגירונג האָט זיך דעריבער ענטשלאָסען, אויפצוטהון פאַר די יודען אויך עטוואָס פּאָזיטיוועס. אין רוסלאַנד האָט זיך דעמאָלט פּראַקטיצירט צו שאַפען פאַר די יודישע אַנגעלעגענהייטען רעגירונגס-קאָמיטעטען, צו וועלכע מען פלעגט אויך איינלאַדען אַלס עקספּערטען איינציגע יודען פון די רייכערע און אינטעליגענטערע קרייזען. און אַזוי איז אויך דאָ דורך אַ דעקרעט פון אַלעקסאַנדער I פון 22-סטען מאַי (אַ. ס.) 1825 געשאַפען געוואָרען דער יודישער קאָמיטעט, וועלכער איז פאַראייניגט געוואָרען צו דער רעגירונגס-קאָמיסיע וועגען רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען און עפענטליכער בילדונג. צום דאָזיגען קאָמיטעט האָבען זיך די יודען געדאַרפט ווענדען אין אַלע זייערע אַנגעלעגענהייטען, און אַחוץ-דעם איז די אויפגאַבע פון קאָמיטעט געווען צו רעווידירען אַלע פאַראָרדנונגען און געזעצען, וועלכע מ'האָט ווען-עס-איז אַרויסגעגעבען וועגען יודען, און פאָרשטעלען זיינע פאָרשלאָגען וועגען די נויטיגע ענדערונגען און אויסבעסערונגען. דעם קאָמיטעט צו הילף האָט מען צוגעגעבען אַ בעראַטונגס-קאָלעגיום, וואָס איז בעשטאַנען „פון איין מיטגליעד אַלס שעף און פינף אַנדערע, וואָס מוזען דורכאויס זיין פון יודישען גלויבען“. דער פאָרויסגעזעהענער בודזשעט פון קאָמיטעט אין אַ סומע פון 45,000 גולדען יעהרליך האָט געזאָלט געדעקט ווערען פון דעם אָבצאָהל, וועלכער ווערט אַרויפגעלעגט אויף די יודען, וואָס קומען קיין וואַרשא *).

אין אַ פאַרהעלטניסמעסיג קורצער צייט האָט זיך דער קאָמיטעט קאָנסטיטואירט. אַלס דירעקטאָר איז בעשטימט געוואָרען איגנאַצי זאַלעסקי, אַלס בייזיצער — וואַלעריאַן

*) דער בילעט-אָבצאָהל איז געווען „בעליידיגענד פאַר דער זעלבסטווירדע פון יעדען יוד, וועלכער איז געווען געצוואונגען ביים אַריינפאָהר אין דער רעזידענץ צו בעצאָהלען פאַר זיין אָבשטאַמונג“. נאָכמעהר: דער אָבצאָהל, וואָס האָט אַלץ מעהר דערגרייכט צו אונגעהייערע סומען, איז געוואָרען מיט-דער-צייט אַן אינסטרומענט פון געלד-אויסדריקען און שווינדלען; דורכ'ן אויסמיידען איהם איז פערגרעסערט געוואָרען די צאָהל פון די יודישע „קרימינעלע פערברעכער“, עס זענען דורכדעם איבערפילט געוואָרען די תפיסות מיט יודען און ס'האָט געבראַכט צום שלעפען אונצעהליגע יודישע אַרבייטער אַלס טאָג-צעטעל-פערברעכער אונטער איין קאָנוואָי צוזאַמען מיט די פערברעכער, שלעפער און לעדיג-געהער פון אַנדערע גלויבענס. (נוסבוים; „סקיצען פון יודישען לעבען“, 146).

קאַשינסקי און סטעפאַן וויטוויצקי, ביוראָ־שעף — יאַן איוואַשקעוויטש; ערשטער סעקרעטאַר איז געווען דער אַמאָליגער חסיד און דערנאָך משומד, „וועלטער — ווי מ'האָט איהם געריהמט — אָריענטירט זיך אויסגעצייכענט אין יודישע ענינים", יחזקאל אָדער סטאַניסלאַוו האַגע, צווייטער סעקרעטאַר — יוזעף קאָוונאַצקי. אַלס שעף פון בעראַטונגס־קאָלעגיום איז בעשטימט געוואָרען דער הויפּראַט מילער, און אַלס מיטגליעדער — יעקב בערגסאָן, מיכאל ראַוווסקי־עטינגער, יצחק יאַנאַש, שלמה פּויזנער און הענריק וואָמעלזאָן; אַלס פערטרעטער — שלמה איינער, יוזעף עפּשטיין, חיים האַלבערשטאַם, אברהם שטערן און מעדאַר טעפּליץ, אַלס סעקרעטאַר — יאַן גליקסבערג. ווי מיר זעהען, זענען אין דעמראָזיגען בעראַטונגס־קאָלעגיום געווען פערטראָטען נור וואַרשאָווער יודען; די איבעריגע יודען פון פּראָווינץ זענען אינגאַנצען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון צו בעטייליגען זיך אין איהם. דער יודישער קאָמיטעט האָט דערויף אויפמערקזאַם־געמאַכט דעם מיניסטער און גלייכצייטיג אויסגעאַרבייט א פּראָיעקט פון וואַהלען פון מיטגליעדער־קאָרעספּאָנדענטען, צו צוויי פון יעדער וואָיעוואָדסטוואָ. די פּראָווינציעלער יודען, מעהרסטענטיילס חסידים אָדער אַזוי אָרטאָדאָקסען, וועלכע לכתחילה געווען געגען אויסשיקען זייערע דעלעגאַטען קיין וואַרשאַ — טיילוויזע, ווייל זיי האָבען בעטראַכט די גאַנצע אונטערנעהמונג אַלס א געפעהרליכען אַטענטאַט אויף דער יודישער אמונה, און טיילוויזע, ווייל זיי האָבען זיך געפונען אונטער'ן איינפלוס פון די שטייער־חוכרים, וועלכע האָבען געזעהן אין יעדער רעפאָרם א געפאַהר פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען; ווען אָבער דער מיניסטער האָט געפאָדערט פון אַלע וואָיעוואָדסטוואָ־קאָמיסיעס פאַרצושטעלען איהם קאַנדידאַטען אַלס מיטגליעדער־קאָרעספּאָנדענטען פון קאָמיטעט, האָבען זיך כמעט איבעראַל געפונען די ענטשפּרעכענדע קאַנדידאַטען.

ב.

די ערשטע אַרבייט פון'ם קאָמיטעט איז געווען צונויפצוזאַמלען מאַטעריאַל וועגען די פּוילישע יודען. צו דעמראָזיגען צוועק האָט מען אַרויסגעפאָדערט פון אַלע וואָיעוואָדסטוואָ־קאָמיסיעס אַריינצושיקען אַלע פעראָרדנונגען און פאָרשריפטען בנוגע יודען און אַרויסזאָגען וועגען דעם זייער מיינונג. די אַנטוואָרטען פון די קאָמיסיעס זענען העכסט אינטערעסאַנט, ווייל אין זיי שפּיגלען־זיך־אָפּ די שטרעמונגען, וועלכע האָבען דאַן געהערשט צווישען די פּוילישע יודען. בעזונדערס זענען אין דעראָזיגער הינזיכט כאַראַקטעריסטיש צוויי אַנטוואָרטען: די מאַזאָוועצקער וואָיעוואָדסטוואָ שטעהט דורכאויס אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון דער אַסימילאַציע, און די קראָקויער, הגם זי אַנערקענט אויך די נויטיגקייט פון רעפאָרמען, אָבער — שטרייכט זי אונטער — נישט שאַדענדיג דערביי דער יודישער אמונה און די טראַדיציעס. די מאַזאָוועצקער קאָמיסיע מיינט, אַז מען דאַרף שאַפען א רבנים־שולע, און נור די, וואָס וועלען זי ענדיגען, זאָלען קאָנען פערנעהמען די שטעלע פון א רב, און דורטדעם, האָבענדיג געבילדעטע רבנים, וועט די גאַנצע „יודישע בעפעלקערונג ביסלעכווייז זיך דערנעהנטערן צו דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע"; ווייטער גיט די קאָמיסיע אַן עצה, אַז מ'זאָל שליסען אַלע יודישע חדרים און שולען און צווינגען די יודישע עלטערן צו שיקען זייערע קינדער אין די קריסטליכע שולען, כדי „די יודען זאָלען זיך צוגעוועהנען צום פּויל־

שען ארט לעבען“; דערביי אבער געפינט זי דאך פאר נויטיג צו בעמערקען, אז אום דאס אויבענדערמאהנטע ציעל זאל זיכערער קאנען דערגרייכט ווערען, דארף שטרענג פערבאטען ווערען די קריסטליכע קינדער צו פערפאלגען די יודישע ...*).

די קראקויער קאמיסיע דאגעגען, לויבענדיג די בעמיהונגען פון דער רעגירונג צו פערשפרייטען צווישען יודען קולטור און איינצופלאנצען ביי זיי אין הארצען ליעבע צום פאטערלאנד, בעמערקט אבער גלייכצייטיג, אז מען דארף זיך פיהרען לויט די פרינציפען פון טאלעראנץ, און דעריבער דארף „די בעמיהונג פון דער אפוטרופסישער רעגירונג זיין געווענדעט אבצוהיטען משה'ס גלויבען און זיין גאנצער מאכט צווישען די אנדערע גלויבענס“. זי פראיעקטירט דעריבער צו שאפען א קא־לעגיום פון אינטעליגענטע רבנים, וואס זאלען אפהיטען די ריינקייט פונ'ם יודישען גלויבען און ערציהען און דערמאהנען נייסט די יוגענד, אויך זאלען זיי פון די סעקטעס, וואס האלטען זיך אין מעהרען, אויסקלויבען נור יענע, וועלכע האבען זיך אמווענינגסטען דערווייטערט פון משה'ס ריינעם גלויבען. די קאמיסיע זאגט זיך אויך ארויס געגען די יודישע בעגרענצונגען אויף פערשיעדענע פרנסה־געביעטען, אויסער טיידען אין שענקעריי, אבער אויך דא דארף מען די פראיעקטירטע מיטלען נישט אנווענדען מיט צופיעל איימפעט, וויל דאס קאן פיהרען פיעל יודען צו א צושטאנד פון פאלשטענדיגער רואינירונג און נויט.

אויך די ווילאצלאווקער קאמיסיע פרובט אין איהר אנטווארט פערטיידיגען די אינטערעסען פון די ארימע יודישע מאסען, פארלאנגענדיג, אז די וואהל פון די רבנים זאל מען ארויסנעהמען פון דער קאמפעטענץ פון די קהלות־פערוואלטונגען, וויל אזוי קומט־אויס, אז וועגען דער וואהל פון א רב דעצידירען נור די רייכערע יודען, און זיי האבען דערביי אין זינען, אין נאמען פון דער רעליגיע, ארויסצוציהען פון די ארימערע קלאסען ווי וויט מעגליך מעהר נוצען פאר זיך.

ג.

האפענדיג די אנטווארטען פון די יודען, איז דער קאמיטעט צוגעטראטען צו זיין טעטיגקייט און באלד האט ער זיך בעוויזען אין זיין אמת'ער געשטאלט. זוכענדיג מיטלען צו צווינגען די יודען, אז זיי זאלען ערפילען די פארשריפטען פון ציוויל־שטאנד, האט דער קאמיטעט פארגעשלאגען, אז די קאטוילישע גייסטליכע זאלען ערפילען די פליכטען פון ציוויל־בעאמטע אפילו פאר יודען. דער קאמיטעט האט איינגעפונען, אז דאס וועט זיין זעהר נוצליך פאר דער יודישער בעפעלקערונג פון

*) די שטודירענדע פוילישע יוגענד האט בנוגע צו יודען געהאט שלעכטע געוואוהנ־הייטען. פאר די צייטען פון אויגוסט דעם 3־טען פלעגען די שילער פון די יעזואיטישע שולען איינארדנען אויף יודען אמת'ע יאגדען, ווי אויף ווילדע חיות. „צו בעפאלען און שלאגען יודען אויף דער גאס איז אזוי אריין אין געוועהנהייט, אז די יודען זענען גע־ווען שטארק פארזיכטיג אין די שטונדען, ווען די סטודענטען פלעגען געהן אין שול אדער זיך פון איהר צוריקקעהרען אהיים. אויב מ'האט צופעליג בעמערקט א יודעל דארט, וואו די סטודענטען פלעגען פערברענגען, האט ער געהאט אזא גורל ווי א האז, וואס פאלט־אריין צווישען יאגד־הינד“. דערדאזיגער שענער מנהג, ווייזט־אויס, האט נאך עקזיסטירט, אויב די יודען האבען געפונען פאר נויטיג בעזונדערס זיך דערויף אבצושטעלען.

דער מאָראַלישער זייט, ווײַל די יודען וועלען זיך דורכדעם דערנענטערן מיט דער פּוילישער גײַסטליכקײט; דערבײַ, פֿערשטעהט זיך, האָט דער קאָמיטעט אין זינען געהאַט די דעמאָלט ווידער פּאָפּולערע שטרעבונג פֿון געוויסע קרײַזען אַרונטערצונעהמען וואָס מעהר יודען אונטער די פֿליגלען פֿון דער קאַטוילישער קירך. יעדער כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דערהאָזיגער פּראָיעקט איז אונטערגעשטיצט געוואָרען דורך איינציגע יודען, מיטגליעדער פֿונ'ם בעראַטונגס=קאָלעגיום, נעמליך: סאַמועלסאָן, עפּשטיין און טעפּליץ, זײַענדיג אָנהענגער פֿון דער פֿולשטענדיגער יודישער אַסימילאַציע, וועלכע האָט בעדאַרפֿט געקרוינט ווערען דורך שמד, האָבען ענערגיש דעמדאָזיגען פּראָיעקט אונטערגעשטיצט. אָבער די איבעריגע מיטגליעדער, וועלכע זענען אויך געווען אָנהענגער פֿון דער יודישער „פֿערבירגערליכונג", נאָר נישט פֿערלאָזענדיג דערבײַ דעם גלויבען פֿון זייערע אור=עלטערן, האָבען זיך אַמשאַרפֿסטען געגענגעשטעלט דעמדאָזיגען פֿאָרשלאָג. ענדליך איז דער פּראָיעקט דורכגעפֿאַלען, אָבער בלויז צוליעב דעם, וואָס די גייסטליכע זענען געווען צופֿיעל בעלעסטיגט מיט אַרבייט און האָבען דעריבער נישט געקאָנט נעהמען אויף זיך קיין נײַע פֿליכטען, בעזונדערס נאָך אַזעלכע, וועלכע זיי האָבען בעטראַכט אַלס אַ פּחיתות=הכבוד פֿאַר זייער שטעלונג און מיסיע. מ'האָט צוליעב דעם בעשלאָסען, די אויבענדערמאָהנטע פֿונקציעס איבערצוגעבען נישט קיין גייסטליכע, נאָר בעאַמטע, אָבער אויך קריסטליכע.

עטוואָס פֿאָרשרײַטליכער האָט זיך דער קאָמיטעט בעצויגען צו דער פֿראַגע וועגען בעגרענצען די וואוין=ערטער און בעשטימען פֿאַר די יודען בעזונדערע קוואַרטאַלען אין די שטעדט. דער קאָמיטעט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר מבטל=מאַכען די דאָזיגע בעגרענצונגען, „וועלכע — ווי ער האָט ערקלערט — שאַדען נאָר די אַלגעמיינע ציעלען פֿון מאָראַליש צו רעפֿאָרמירען די יודען; ס'האָט נישט קיין צוועק זיי אָבצוזונדערן, ווען מ'וויל זיי מאַכען פֿאַר בירגער עהנליך ווי אַנדערע איינוואוינער פֿון לאַנד".

די אַלטע און ווידער וויכטיגע פֿאַר יודען פֿראַגע צו פֿערנעהמען זיך מיט שענקערײַ האָט דער קאָמיטעט דירעקט פֿערבונדען מיט דער פֿראַגע וועגען בעשעפֿטיגען יודען מיט לאַנדווירטשאַפֿט. געפֿינענדיג פֿאַר נויטיג צו בעזײַטיגען די יודען פֿון דערדאָזיגער פּראָפֿעסיע (שענקערײַ), האָט דער קאָמיטעט גלײַכצײַטיג, נעהמענדיג אין בעטראַכט, אַז דאָס וואָלט געקאָנט רואינירען „אַנ'ערך דרײַ טויזענד פֿאַמיליעס", אָנערקענט, אַז אום מ'זאָל זיי כאָטש טײלווײַז פֿערזיכערן מיט פּרנסה, דאַרף מען זעהן צו בעשעפֿטיגען זיי מיט לאַנדווירטשאַפֿט. צו דעמדאָזיגען צוועק דאַרף מען ערלויבען יודען אויסצוקלײַבען זיך שטיקער ערד און ערלויבען זיי צו נעהמען צו=הילף קריסטליכע אַרבייטער, ווי אויך בעפֿרײַען זיי פֿון די ספּעציעל יודישע אָבצאָהלען. עס איז לײַכט צו בעגרײַפֿען, אַז די מיטגליעדער פֿון דער קאָמיסיע זענען דאָ גיכער אויסען=געווען צו בעזײַטיגען די יודען פֿון שענקערײַ, ווי צו געוועהנען זיי צו לאַנדווירטשאַפֿטליכער אַרבייט, אַנ'אַרבייט, וועלכע איז דורכאויס פֿרעמד געווען זייער גאַנצען וועזען. און וועגען דער שענקערײַ גופא, ד. ה. וועגען דעם, ווער עס טראָגט די אמת'ע שולד פֿאַר פֿער'שכור'ן דעם פּויער, האָט נאָך מיט 10 יאָהר צוריק פּאַפּאָו'ס רוסישער קאָמיטעט זיך געהאַט אויסגעדריקט אַזוי: „פּל=זמן ביי די ווייס=רוסישע און פּוילישע לאַנדווירטען וועט עקזיסטירען דאָס איצטיגע עקאָנאָמישע סיסטעם, וואָס איז אויפֿ=

געבויט אויף'ן בראַנפען־פערקויף, כל־זמן די שליאַכטע וועט נישט אויפהערען, לאָ'מיר זאָגען, אונטערצושטיצען די שפּרות — ביז דעמאָלט וועט מען די דאָזיגע צרה, וואָס וואַקסט פון יאָהר צו יאָהר, מיט קיין שום מיטלען נישט קאָנען אויסוואָרצלען, און די פּאָלען וועלען זיין אַלץ דיזעלבע, ווער עס זאָל זיך נישט פערנעהמען מיט'ן בראַנפען־פערקויף: אַ יוד אָדער אַ קריסט“.

און דאָס, דאַרפען מיר צוגעבען, האָבען געוויס בעדאַרפט פערשטעהן — און אָפּשר האָבען עס טאַקי פערשטאַנען — אויך די מיטגליעדער פון דעם פּוילישען קאָמיטעט. דער יוד, וואָס שיכּור'ט כלומר'שט אָן דעם פויער, איז מעהרנישט געוועזען אַ פּאַסיוו געוועהר אין די הענד פון שליאַכציץ, וואָס האָט זיין שענק אָבגעגעבען אין אַרענדע און דערפון גענוצט די גרעסטע פּערדינסטען.

ד.

דער אמת דאַרף געזאָגט ווערען, אַז עס האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ פּאָליאַק, וואָס האָט די יודען־פראַגע ווירקליך בעטראַכטען אין זין פון די פּאָליטישע און הומאַניטאַרע לאָזונגען, און ער האָט דערביי נישט געקאַרגט קיין ביטערע פאָרוואורפען זיינע ברידער. דאָס איז געוועזען דער אויך שוין בעקאַנטער וואַלעריאַן לוקאַשינסקי, וועלכער, מיט אַ ליכטיגען בליק פון אַ היסטאָריאָן־פילאָזאָף און מיט דער הייסער בעגייסטערונג פון אַ רעפאָרמאַטאָר און אונערשראָקענעם דעמאָקראַט, האָט בעריהרט דאָס אַנגעוועהטאָגיגע פּראָבלעם; ער האָט זיך נישט געשראָקען צו שטעלען די פּערזאַנענהייט פאַר'ן געריכט און פערוראורטיילען זי, און ער האָט, מיט טרעהרען פון אַ ליידענדען איבער'ן גורל פון לאַנד, געהאָפט אויף אַ בעסערער צוקונפט. די יודישע שעדליכקייט — האָט ער אָפען ערקלערט — האָט איהר מקור אין דער אונאָרדנונג און געלד־גייציגקייט פון דער שליאַכטע און אין די פּאָראורטיילען און מאַנגעל אין אויפקלערונג פון די נידריגערע שיכטען. „איהר זענט געוועזען בעלי־גאוה, — רופט ער אויס צו דער פּריווילעגירטער קאַסטע, — ווילקיהרליך און האָט געשטרעבט אונטערצודריקען דעם פויער און דערצו האָט איהר געפונען אין יודען אַ'ענטשפּרעכענד געצייג און אויסגענוצט זייערע פעהיגקייטען אָבצונאַרען אייערע אונטערטאַנען. אייער געלד־גייציגקייט האָט עס געבראַכט דערצו, אַז די יודען האָבען דערפיהרען זייער כאַראַקטער צו דער העכסטער פּערדאָרבענקייטס־מדרגה, ווייל איהר האָט אין זייערע מעשים געזעהן נוצען פאַר זיך“. אַזעלכע בעציהונגען קאָנען בעזייטיגט ווערען דורך אויסוואָרצלען אויף אייביג אַלע אויסנאַהמען, דורך דורכפיהרען לעבענס־בעדינגונגען פון גלייכע מיט גלייכע, דורך געבען אַלע גלייכע בירגער־רעכט און שטעלען אַלע צו דער אַרבייט אונטער איינע און דיזעלבע פאָהנען. יודען ווערען זעלטען אַנגענומען אין די צעכען, אַפילו אין יובעליר־צעך, מען צווינגט זיי אויסצוואַנדערן און איבערצולאָזען זייער אָרט פאַר פערשיעדענע אויסלענדישע טויגעניכטסען, שווינדלער, לעדיג־געהער — און ז״ז געפינען עס אין פּוילען גוטע לעבענס־בעדינגונגען פאַר זיך און ווערען אַנגענומען אין דער העכערער געזעלשאַפט. לוקאַשינסקי האָט געפאָדערט אויפריכטיגקייט און געלערנט זיינע ברידער, אַז פּאָליטישע אונטאָלעראַנץ איז נאָך שעדליכער פון רעליגיעזער. אין ריהרענדיגע ווערטער האָט ער געשילדערט דעם גורל

פונ'ם וואנדערנדען יודישען פאלק: „א פרעמדס, קעמפט עס דאס גאנצע לעבען מעגען דער קנאה, און נאָכ'ן טויט, ווי א געוויקס, וואס איז איבערגעפלאנצט געוואָרען אין א פרעמדען קלימאט, לאזט עס נאָך זיך גאָרנישט איבער".

צום בעדויערן, זענען לוקאשעווסקי'ס אויפריכטיגע און מענשענפריינדליכע ווערטער געבליבען דעמאָלט ווי א שטים אין דער וויסטע...

די יודישע מאָראַלישע אויסבעסערונג.

א.

די יודען, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, האָבען געהאַט גענוג גרונד און רעכט צו בעציהען זיך מיט פֿולען אומצוטרוי צו דער וואַרשאַווער רעגירונג, דאָך האָט זיך דאָס „יודישען קאָמיטעט" איינגעגעבען צו געווינען דעם צוטרוי פֿון די יודען און מאַכען זיי גלויבען, אַז עס הויבט־זיך־אָן אַ נייע תקופֿה. די יודישע פּראָגרעסיסטען זענען בעגייסטערט געוועזען ענטציקט פֿון די פּאָרשטעהענדיגע רעפֿאָרמען; אַפֿילו די חסידים האָבען זייער בעציהונג געענדערט און זיך אָנגעהויבען ווענדען צום קאָמיטעט אין פּערזענליכע פּרינציפּיעלע פֿראַגען. ניט לאַנג אָבער האָט דערהאַלטען דער צושטאַנד געדויערט, ווייל באַלד האָבען זיך בולט אַרויסגעוויזען די אמת'ע כּוונות פֿונ'ם קאָמיטעט. דאָס איז געשעהן דאַן, ווען דער קאָמיטעט האָט פֿערענדיגט די פֿאָרמעלע זאַכען און האָט זיך גענומען צו דער „מאָראַלישער אויסבעסערונג" פֿון די יודען.

ווי אויף צו־להכעיס די יודען, וועלכע מען האָט געוואָלט „מאָראַליזירען", האָט מען איינגעלאַדען פֿאַר אַ בעראַטונגס־מיטגליעד פֿון קאָמיטעט, פֿאַר אַ מין עקספּערט, דעם בעקאַנטען יודען־פֿיינד לודוויג שיאַריני, פּראָפֿעסאָר פֿון אָריענטאַלישע וויסענשאַפֿטען אין וואַרשאַווער אוניווערזיטעט. שיאַריני, אַ קאַטאָליק לויט זיין גלויבען, האָט זיך אַליין אַרויסגעגעבען אַלס גרויסער קענער פֿון יודאַיזם און זיך אַרומגעטראָגען מיט אַ פּלאַן איבערצוזעצען דעם תּלמוד אויף פֿראַנצויזיש מיט'ן צוועק צו דעמאַסקירען די סודות פֿון יודאַיזם פֿאַר דער קריסטליכער וועלט. אינ'ם יאָהר 1828 האָט שיאַריני פֿאָרגעלעגט דעם קאָמיטעט, צו גרינדען ביי דער וואַרשאַווער אוניווערזיטעט אַ קאַטעדרע פֿון „יודישער אַרכעאָלאָגיע" פֿאַר סטודענטען־קריסטען, כּדי צו בעקענען זיי מיט דער רבנישער ליטעראַטור און צוגרייטען אויף אַזאַ אופֿן קאָמפּעטענטע בעאַמטע אין יודישע אַנגעלעגענהייטען. די וואַרשאַווער רעגירונג האָט אויפ'ן דאָזיגען פּראָיעקט גערן איינגעשטימט, און שיאַריני האָט אָנגעהויבען צו האַלטען לעקציעס וועגען יודאַיזם. אַלס רעזולטאַט פֿון די לעקציעס איז געבאָרען געוואָרען זיין ביכעל „די טעאָריע פֿון יודאַיזם" אין פֿראַנצויזיש (אַרויסגעגעבען אינ'ם יאָהר 1829), וואָס שטעלט מיט זיך פֿאַר אַ פּאַמפֿלעט אויף יודישקייט און יודען פֿונ'ם בעקאַנטען איינענמענגער'ס טיפּ. שיאַריני איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ער האָט ווידערהאָלט דעם בעקאַנטען בלוט־בלבול אויף יודען *).

---

*) וואָס פֿאַר אַ גרויסער „למדן" שיאַריני איז געווען אין יודישע אַנגעלעגענהייטען בעווייזט דער פֿאָלגענדער פֿאַקט, וועלכען ס'האָט שפּעטער דערצעהלט ח. ז. סלאָנימסקי (אברהם שטערנ'ס איידעם) אין „הצפֿירה": שיאַריני האָט זיך בעריהמט, אַז ער קען גרינדליך דעם תּלמוד און די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור און אַז ער וויל דרוקען אַן איבערזעצונג פֿון תּלמוד; ער האָט זיך משתדל געווען ביי דער פּוילישער מאַכט, מ'זאָל זיין דאָזיגע אונטערנעהמונג אונטערשטיצען, וואָס עס איז איהם אין אַ גרויסער מאָס אויך געלונגען, ווייל

אונטער שאַריני'ס איינפלוס האָט דער קאָמיטעט זיין גרויסע שווערע אויפ־גאַבע, — „די מאָראַלישע אויסבעסערונג פון די יודען", — וועלכע האָט געפאָדערט לאַנגע, אונערמידליכע אַרבייטען און אויך גענוג טאַקט און בעדאַכטזאַמקייט, שנעל אויסגעפאַסט אַזוי, אַז מען מוז מיט גוואַלט־מיטלען, תיכף און אָהן שום קאָמפּראָ־מיסען אַפּרייסען די יודען פון תלמוד, אין וועלכען, ווי שאַריני האָט די קאָמיטעטס־מיטגליעדער איינגערעדט, עס שטעקט דער מקור פון מאָראַלישער און געזעלשאַפט־ליכער פערדאָרבענקייט. דער תלמוד, — האָט שאַריני געשריבען, — מיט וועלכען יודען פערנעהמען זיך באַלד פון זייער פריהעסטער יוגענד, איז די הויפּט־סבה פון דער יודישער פערדאָרבענקייט און זייער שעדליכקייט פאַר'ן לאַנד, און אויך די פיעל רבנ'ישע ספרים פערגיפטען דעם יודישען מוח און האַרץ. אום אויסצוראָטען די וואָרצלען פון דערדאָזיגער פערדאָרבענקייט, דאַרף איינגעאָרדענט ווערען נור איין העברע־אישע דרוקעריי אין גאַנץ פוילען אונטער דער דירעקטער השגחה פון דער רעגירונג, און די איבעריגע דרוקערייען זאָל מען פערמאַכען. דערצו האָט ער געגעבען נאָך אַ' עצה: אונאָבהענגיג און נישט־רעכענענדיג זיך מיט'ן תלמוד, דאַרף צוזאַמענגעשטעלט ווערען אַ'אָפיציעלער, פאַר די יודען אין פוילען פערפליכטענדער רעליגיעז־מאָראַלי־שער טראַקטאַט, וואָס זיין גרונד־ריכטונג זאָל זיין צו דערנעהנטערן די יודישע רעליגיע צו דער קאַראַימישער, אָדער — אוועקצושטעלען דעם יודישען גלויבען בלויז אויף דער ביבעל.

ב.

שאַריני'ס עצות האָבען געהאַט זייער ווירקונג, און די רעגירונג האָט מיט דער גאַנצער ענערגיע, דורך דער הילף פון דער צענזור, אָנגעהויבען אַ קאַמף געגען דער יודישער „תלמוד'ישער פינסטערקייט".

פיעל האָבען געצייכענט גאַנץ בעדייטענדע סומעס לטובת דער אויסגאַבע. אברהם שטערן, וואָס איז דעמאָלט געווען מיטגליעד פון דער „וואַרשאָווער געזעלשאַפט פון פריינד פון ווי־סענשאַפטען", האָט אויף אַ פערזאַמלונג פון דערדאָזיגער געזעלשאַפט פאָרגעשלאָגען, אַז איידער מ'וועט אָננעהמען וועלכען־עס־איז בעשלוס וועגען דער אויסגאַבע, זאָל מען איהם ערלויבען, אין אָנוועזענהייט פון אַלע מיטגליעדער, אונטערצוהאַלטען זיך מיט שאַריני'ן איבער די איינצעלהייטען פון זיין אונטערנעהמונג. ווען דער דיספּוט האָט געזאָלט אָנהויבען, האָט שטערן אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש עטליכע מסכתות און זיך געווענדעט צו די פערזאַמעלטע: „אָט, מיינע הערען, ליעגען דאָ פאַר אייך עטליכע כרכים פון תלמוד, איך בעט דעריבער דעם הערר שאַריני, אַז ער זאָל אַזוי פריינדליך זיין און אין איינעם פון זיי, וואָס ער וועט נור אַליין וועלען, איבערלייענען עטליכע שורות, און דערפון וועלען מיר זיך קאָנען מאַכען אַ בעגריף, ווי־אַזוי ער מיינט צו מאַכען די איבערזעצונג". שאַריני איז צעמישט גע־וואָרען, ווייל ער האָט קיין העברעאישע טעקסטען נישט געקענט לייענען, און ער האָט זיך בענומען פערענטפערן, אַז ער האָט גראַד נישט אונטער דער האַנד קיין ווערטערבוך. שטערן האָט דאַן אַלעמען אויפגעוויזען, אַז שאַריני האָט קיין אַהנונג נישט פון דער העברעאישער ליטעראַטור, אַז ער קען אַפילו נישט די העברעאישע שריפט לעזען און די ציטאַטען, וואָס ער האָט געבראַכט אין זיין ווערק, האָט ער אַרויסגענומען ביי אַנדערע אויטאָרען, וועלכע האָבען געהאַט אין דער העברעאישער ליטעראַטור פונקט אַזאַ ידיעה, ווי ער. („איזראַעליטאַ" פון 25־טען יוני, 1880, נום. 25).

טראָץ דעם, וואָס דער אַרטיקעל 16 פֿון דער קאָנסטיטוציע האָט גאַראַנטירט די פֿרייהייט פֿון פּרעסע און דרוקעריי, איז די צענזור דאָך געבליבען עקזיסטירען. בנוגע צו פּוילישע ביכער האָט זיך די צענזור, וועלכע האָט זיך געפֿונען אין די הענד פֿון די קאָנסטיטוציאָנעלע מיניסטאָרען, פֿערצויגען ניט איבעריג שטרענג. גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען די בעציהונג צו יודישע ביכער און דרוק-זאַכען. אין לאַנד אַליין האָבען עקזיסטירט גאַנץ ווייניג דרוקערייען (יודישע, למשל, זענען געווען ניט מעהר פֿון פֿיער), דעריבער האָט מען יודישע ווי פּוילישע ביכער מעהרסטענטיילס געבראַכט פֿון אויסלאַנד. פּוילישע האָט מען אַריינ- און אַרויסגעפֿיהרט פֿולשטענדיג פֿריי, דאַגעגען האָט מען מורא געהאַט, אַז די יודישע ספֿרים ענטהאַלטען אין זיך „לעהרעס, וואָס זענען געגען אַלגעמיינער מאָראַל", און דעריבער האָט מען זיי שטאַרק בודק געווען, איידער זיי זענען ערלויבט געוואָרען צום עפֿענטליכען געברויך. די צענזור פֿון יודישע ספֿרים און צייטונגען האָט געהערט צו דער קאָמיסיע פֿאַר רעליגיעזע און בילדונגס-אַנגעלעגענהייטען. דער קראָקויער סענאַט האָט זיך געווענדעט צום נאַמעסטניק מיט דער ביטע צו בעפֿאָלמעכטיגען דעם רוסישען רעזידענט צו צענזורירען די ביכער, וואָס קומען-אָן פֿון קראָקוי קיין וואַרשאַ און פּראָווינץ, כדי אויסצומיידען די פֿערשיעדענע שוועריגקייטען, וועלכע מוזען ענטשטעהן דורכ'ן צענזורירען אויסלענדישע ביכער אין פּוילען, און צוליעב וואָס עס מוזען אָפֿט איבערגעשיקט ווערען גאַנצע טראַנספּאָרטען הין און צוריק. די קאָמיסיע האָט דערויף איינגעשטימט בלויז בנוגע קריסטליכע ביכער, אָבער בנוגע יודישע האָט זי ניט געהאַט קיין צוטרוי ניט צום רוסישען רעזידענט, ווי אויך ניט צו דער גענוג שטרענגער אויסלענדישער צענזור און דורכאויס געוואָלט אַליין אויסצוראָטען די „נאַרישקייטען", וועלכע ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, „זענען אונגעהויער שעדליך פֿאַר דער מאָראַל און שטעהען אין געגענזאַץ צו די ערלייכטענדע פּלענער פֿון דער רעגירונג". בראש פֿון דער יודישער צענזור איז ווידער אַוועקגעשטעלט געוואָרען דער אויבענדערמאָהנטער לודוויג שאַריני. פֿאַר די צייטען פֿון כט. גראַבאָווסקי איז דיהאָזיגע בעציהונג צו דער יודישער ליטעראַטור נאָך ערגער געוואָרען. עס איז געקומען דערצו, אַז די פּוילישע צענזור האָט שוין ניט געהאַט קיין צוטרוי אפילו צו דער רוסישער צענזור! און ניט ערלויבט אַריינצופֿיהרען קיין יודישע ספֿרים וואָס פֿון רוסלאַנד, ווייל די קאָמיסיע איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז „יודישע ספֿרים בכלל ענטהאַלטען געוועהנליך אַזעלכע אידעען און פּרינציפּען, וואָס זענען דורכגעזאַפּט ניט נור מיט אונטאָלעראַנץ און שנאה, נאָר וואָס מיט אָפֿענער פֿעראַכטונג צו אַלע אַנדערע גלויבענס, און נעמליך: צום קאַטוילישען גלויבען, אידעען און פּרינציפּען געגען די קריסטליכע מאָנאַרכען און רעגירונגען, ווי אויך געגען דער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג", — און אויף דער רוסישער צענזור קאָן זיך די קאָמיסיע ניט פֿערלאָזען, ווייל „עס איז דאָך בעקאַנט, אַז די יודען זענען אָפֿטמאָל פֿעהיג אָבצונאַרען אפֿילו די שטרענגסטע השגחה". און אַלס מאָטיוו ווערט ווייטער אָנגעגעבען: ווייל די רעגירונג דאַרף שטרעבען דערצו, אַז „מיט-דער-צייט זאָלען די יודען האָבען אַלע זייערע ביכער אין דער לאַנדעס-שפּראַך, דען אויב ניט, וועט בלייבען אָהן ערפֿאָלג די שטרעבונג צו דערנעהנטערן זיי און איינשליסען אין דער געמיינשאַפֿטליכער געזעלשאַפֿט, כדי זיי זאָלען ווערען נוצליך פֿאַר'ן לאַנד, אין וועלכען זיי וואוינען". די קאָמיסיע לעגט דעריבער

פאַר, איינצואָרדנען אַ יודישע דרוקעריי אין דער רעזידענץ, נעבען דער צענזור. אַזאַ דרוקעריי — ווערט גאַנץ נאַאיוו ערקלערט — וועט גלייכצייטיג אויך שאַפען פרנסה פאַר די פּוילישע יודען (הגם, דאַרף בעמערקט ווערען, עס וועלען דאָך דורכדעם געשלאָסען ווערען אַנדערע יודישע דרוקערייען) און עס וועט אויך מיטהעלפען צו פערבעסערן דעם דרוקעריי־פאַך און פּאַפּיר־האַנדעל אין לאַנד...

דאָס זענען אָבער געווען בלויז שיינע ווערטער, וואָס זייער אמת'ע בעדייטונג האָט זיך אַרויסגעוויזען אייניגע, ביי דער ערשטער געלעגענהייט, ווען אַ געוויסער יודישער פערלעגער, וואַקס, האָט געוואָלט עפענען אַ יודישע דרוקעריי און האָט זיך געווענדעט מיט אַ ביטע וועגען פערלייכטערן איהם אייניגע צענזורעלע פאָרמאַליטעטען, וואָס מאַכען אוממעגליך זיין עקזיסטענץ. „גראַבאָווסקי האָט זיך דאַן שוין נישט פערדרוסען, ווי אַמאָל, אויף די אַסימילאַציאָנס־שטרעבונגען, נאָר ער האָט איינפאַך געוואָלט דערשטיקען די יודישע ליטעראַטור" *). און אין דערזעלבער צייט האָט יאַן איוואַשקעוויטש, דער שעף פון דער קאַנצעלאַריע פונ'ם יודישען קאָמיטעט, צוגעשטעלט אַ ראַפּאָרט וועגען דער טעטיגקייט פונ'ם קאָמיטעט און דאָרט, צווישען אַנדערן, געפאָדערט, אַז מ'זאָל עפענען אַ יודישע דרוקעריי, מ'זאָל פולשטענדיג פערבאָטען צו דרוקען יודישע רעליגיעזע ספרים, וועלכע העלפען פאַר די יודען נישט־פערפליכטעטער, מ'זאָל אַרויסגעבען ספרים צו בערוהיגען די יודישע רעליגיעזע און מאָראַלישע „איינבילדונג", מ'זאָל פערמאַכען אַלע אַנדערע דרוקערייען און בעשטימען אַ צענזור־קאָמיטעט, וואָס זאָל אָפּהיטען די פּראָיעקטירטע נייע יודישע דרוקעריי.

ג.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען די בעציהונג פון דערזעלבער קאָמיסיע, ווען יודישע פערטרעטער האָבען זיך געווענדעט צו איהר, אַז די זאָל אָפּהיטען יודען פון גזילות און בלבולים, וועלכע ווערען פערשפּרייט דורך דרוק־זאַכען.

דריי אָנגעזעהענע יודען: דאַווידזאָן, פּוזנער און עטינגער האָבען זיך דעם 28־טען מערץ 1830 געווענדעט מיט אַ ביטע צו דער קאָמיסיע, אַז די צענזור זאָל נישט ערלויבען אין דער פּוילישער שפּראַך דאָס ווערקעל „די טעאָריע פון יודאַיזם", וואָס, ווי מיר האָבען שוין דערמאָהנט, ס'האָט אין אָריגינאַל אָנגעשריבען דער איבער־צענזאָר אַליין, ווייל „דער אויטאָר האָט פיינד יודען און זייער רעליגיע, און די בראָשור איז געשריבען פאַר'ן פּראָסטען המון, און זי וועט נאָך דערהיצען מעהר שטערען די געזעלשאַפטליכע רוה. און זי קאָן ברענגען מיט זיך טרויעריגע פאָלגען; אין אַזאַ ערנסטער פראַגע קאָן דער המון נישט זיין קיין ריכטער". די קאָמיסיע האָט אויסגעמיטען אַנצונעהמען וועגען דעם אַ בעשלוס, און ערשט אין מאַי האָט זי אָפּגעשיקט די ביטע אין אַדמיניסטראַציאָנס־ראַט וועלכער האָט פון זיין זייט ערקלערט, אַז די גאַנצע אַנגעלעגענהייט געהערט צו דער קאָמפּעטענץ פון צענזור־קאָמיטעט און דאַרף ערלעדיגט ווערען אויפ'ן געוועהנליכען וועג. אַ עהנליך ווערק איז ערשיענען עטוואָס שפּעטער אונטער'ן נאָמען „די יודישע רשעות לויט'ן תלמוד" מיט'ן צוועק אויפצוקלערען דער קריסטליכע

*) נאַטאַליאַ גאָנשיאָראָווסקאַ: „די יודישע צענזור אין קאָנגרעס־קעניגרייך".

בעפעלקערונג, ווי ווייט דער תלמוד הייסט די יודען פייער האָבען די קריסטען, און דערביי ווערט דאָ, אויפ'ן אַלטען שטיינער, געזעהט ווענען קריסטליך בלוט, וואָס די יודען, לויט די פאָדערונגען פון זייער רעליגיע, געברויכען אויף פסח. אָבער דאָס דאָזיגע ווערק, וואָס האָט שוין צופיעל אויסגעריצט די בעפעלקערונג, איז דורך דער צענזור ענדליך דאָך פערבאָטען געוואָרען...

אָט די אַלע אויסגערעכענטע אומשטענדען האָבען אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אויפרעגונג צווישען די פוילישע יודען. דער מיטגליעד פון בעראַטונגס־קאָלעגיום י. ח. האַלבערשטאַם, אַ מענש מיט בילדונג און פערשטאַנד, האָט אין זיין ענטפער שאַרינ'ן אויסגעדריקט זיין בעדויערן, וואָס צוליעב איהם איז צו־נישט געוואָרען די גאַנצע טעטיגקייט פון קאָמיטעט. און אַזוי איז עס טאַקי געוואָרען אין דער ווירקליכקייט. די האָפנונגען, וועלכע מען האָט אַרויפגעלעגט אויפ'ן קאָמיטעט, זענען נישט פער־ווירקליכט געוואָרען; די רעפאָרמען, וועלכע דער קאָמיטעט האָט פאָרגעשלאָגען, זענען נישט געוואָרען דורכגעפירט. אַנשטאָט דעם האָבען שאַרינ'ס בלבולים מיטגעווירקט צו פערשטאַרקען די אַנטיסעמיטישע בעוועגונג. צווישען דער פוילישער און יודישער בעפעלקערונג איז אין דעם ערב־אויפשטאַנד־פעריאָד ענטשטאַנען אַ כינעזישע וואַנד, וועלכע עס איז געוואָרען אוממעגליך דורכצוברעכען. (דאָס ווערק „די יודישע רשעות לויט'ן תלמוד", וואָס איז דורך שאַניאַווסקי'ס צענזור פערבאָטען געוואָרען, איז בעת דעם אויפשטאַנד פריי ערשיענען אַדאַנק דער פרייהייט פון דרוק). עס וועט קיינעם נישט וואונדערן, וואָס די דאָזיגע בעצירונגען זענען נישט געבליבען אָהן איינפלוס אויף דער פאָליטישער אָריענטירונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין דער רעוואָ־לוציאָנס־און קריעגס־צייט אין יאָהר 1831.

די אויפקלערונגס־(השכלה)־בעוועגונג און איהרע חסרונות.

א.

אין דער יודישער גאס האט געהערשט א פינסטערניש, די יודישע מאסען זענען אונטערדריקט און עקספּלואטירט געוואָרען דורך די קהל־פירער, די רעגירונג האט אפען ארויסגעוויזען איהרע אנטיסעמיטישע נייגונגען — און ביי אזעלכע בעדינגונגען האט, נאטירליך, געהאט א גרויסע אויפגאבע צו ערפילען די נישט גרויסע, אבער דאך בעדייטענדע יודישע אינטעליגענץ. צום בעדויערן, האט זי אבער איהר דאזיגע אויפגאבע נישט פערשטאנען, און נישט נור, וואס זי האט נישט אויפגעהויבען גייסטיג די יודישע מאסען, נאר, פערקעהרט, זי האט נאך געבראכט צו ענטגעגענגעזעצטע רעזולטאטען. פאר יעדען פערשטענדליכען מענשען האט ביי די דאמאלס עקזיסטירענדע פערהעלטניסען און בעדינגונגען בעדארפט קלאר זיין, אז שטרעבענדיג צו פערשפרייטען בילדונג צווישען יודען דארף גלייכצייטיג געשוינט ווערען די הייליגקייט פון דער יודישער רעליגיע, מען האט העריבער בעדארפט אויסמיידען יעדען קאמף אפילו געגען יענע מנהגים און איינרעדענישען, וועלכע האבען מיט דער אייגענטליכער רעליגיע, איהרע פאדערונגען און דינים גאר קיין שייכות נישט, גלויבענדיג, אז די אויפקלערונג אליין וועט די פינסטערניש צעשפרייטען. דאס וואלט פיליכט געווען א לענגערער, אבער דאך א זיכערער וועג. די יודישע אינטעליגענץ האט אבער געוואלט אבראלטען שנעלע נצחונות און זי איז באלד געווארען א רעגירונגס־פארטיי, הגם זי האט גוט געוואוסט, אז די רעגירונג איז נישט גינסטיג געשטימט צו יודען און די יודישע „מאראלישע וויעדער־געבורט" פערשטעהט די נישט־אנדערש, ווי דאס אויסראטען די יודישקייט אדער — קלארער גערעדט — צוצופירען די יודען צום הערשענדען גלויבען.

א חוץ די מיטלען, צו בעקעמפען די יודישקייט, וועלכע מיר האבען שוין פריהער דערמאהנט, האט זיך אין דערזעלבער צייט אליין שטארקער אנגעהויבען ארויסצווייזען די נייגונג פון די מאסגעבענדע קרייזען צו מאכען פון יודען קאטאליקען, און אין דער ריכטונג זענען פערשידענע מיטלען אנגענומען געווארען. די אנרעגונג דערצו האט געגעבען פירשט אדאם טשארטאריסקי, וועלכער קאן דורכאויס נישט גערעכענט ווערען פאר יודען־פיינדליך געשטימט. לויט זיין איניציאטיוו איז אין ווארשא געגרינדעט געווארען א ביבלישע געזעלשאפט מיט'ן צוועק צו פערשפרייטען קריסטענטום צווישען יודען. מען האט געבראכט פון לאנדאן אייניגע אנגעזעהענע מיסיאנערען, וועלכע האבען בעקומען פערשידענע פריווילעגיעס און בעזונדערע רעכט. די יודישע משומדים האט מען אין דער העכערער פוילישער געזעלשאפט אויפגענומען מיט אפענע ארעמס און זיי ארויסגעוויזען בעזונדערען כבוד. ס'איז גענוג צו דערמאהנען די טעכטער פון דער בעריהמטער יהודית יאקובאוויטש, וועלכע, נאכ'ן טויפען זיך,

האָבען התוגה געהאַט מיט דער העכסטער פּוילישער און פּראָצוויזישער אַריסטאָקראַטיע. עהנליך איז אויך בעקאַנט סטאַניסלאַוו (יחזקאל) האַגע, אַ געוועזענער הייסער חסיד פון לובלינער צדיק, וועלכער איז, נאָכ׳ן טויפען זיך, נתעלה געוואָרען, האָט גענאָסען בעזונדערע סימפּאַטיע אין דער פּוילישער געזעלשאַפט און געוואָרען סטאַשיצ׳ס סעקרעטאַר. אַזעלכע בייישפּיעלען וואָלט מען געקאָנט ברענגען זעהר פיעל.

ב.

פיעל יודישע אַסימילאַטאָרען האָבען זיך גישט געשעמט גאַנץ אָפען צו עיקרע-דען, אַז אַסימילאַציע פערשטעהען זיי די פולשטענדיגע יודישע פּאָלאָניזירונג דורך׳ן טויפען זיך. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז אַלע זייערע אונטערנעהמונגען און מעשים האָבען ביי די יודישע ברייטע מאַסען אַרויסגערופען אונטרויען, נאָכמעהר צוליעב דעם, וואָס אפילו יענע אינסטיטוציעס, וואָס זענען אַן און פאַר זיך געווען נויטיג און נוצליך פאַר דער יודישער בעפעלקערונג, האָבען אונטער זייער איינפלוס בעקומען אַזאַ כאַראַקטער, וואָס ענטשפּרעכט דורכאויס נישט זייער אייגענטליכען ציעל. אַזאַ גורל, למשל, האָט געהאַט די ראַבינער-שולע, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען דורכ׳ן יודישען קאָמיטעט אין יאָהר 1826. אָנשטאָט צו שאַפען דורך איהר אַ וויכטיגען אויפקלערונגס-אינסטרומענט, אַ נעסט פון אמת׳ער בילדונג און קולטור, אין וועלכען עס וואָלטען געקאָנט און געמוזט זיך בילדען רבנים-קאַנדידאַטען, לויט׳ן פּראַקטישען פאָרשלאַג פון דער קראַקויער קאָמיסיע, ד. ה., עס זאָלען אהין אַנגענומען ווערען שילער אין אַלגעמיין און גלייכצייטיג מיט דער וועלטליכער בילדונג זאָלען זיי אויך בעקומען אַ גרינדליכע יודישע בילדונג, ווי עס פּאַסט פאַר רבנים, — האָט מען פון דער ראַבינער-שולע געשאַפען אַ פּאָלאָניזירענדע און ואָגאַר אַנטי-יודישע אינסטיטוציע. די אונטעררייכטס-שפּראַך — פּויליש — איז געווען ווענינ פערשטענדליך פאַר׳ן דורכשניטליכען יודען, די לעהרער פון די אַלגעמיינע למודים זענען מעהרסטענטיילס געווען קריסטען. אלס לעהרער פון העברעאיש און ביבעל איז בעשטימט געוואָרען אברהם בוכנער, וועלכער איז בעקאַנט מיט זיין פּאַמפלעט אויפ׳ן תלמוד („די ניכטיגקייט דעס תלמוד׳ס”) און איז פּראָטעשירט געוואָרען דורך שאַרינ׳ן. עס איז קלאָר, אַז דיזאָזיגע ראַבינער-שולע האָט שוין, לויט איהר כאַראַקטער, נישט געקאָנט זיין קיין בילדונגס-אַנשטאַלט פאַר די קינפטיגע רבנים, וועלכע זאָלען ווייטער אין געוויסטען זין ווירקען אויף זייערע געמיינדעס. די שולע איז באָיקאָטירט געוואָרען נישט בלויז פון דער עקסטער אָרטאָדאָקסיע אַליין, נאָר עס האָט זיך ענטזאָגט אַנצונעהמען אין איהר אַ שטעלע אפילו אַזאַ יוד, ווי אברהם שטערן, דער בעקאַנטער מאַטעמאַטיקער, איינער פון די נישט-פיעלע דאַמאָלסדיגע געבילדעטע יודען, וועלכע האָבען אין זיך פעראייניגט די אייראָפּעאישע קולטור מיט טרייהייט צום יודענטום *). אלס דירעקטאָר

---

*) די מאָטיוועו פון זיין אָבזאָג האָט שטערן ערקלערט דער קאָמיסיע פון רעליגיעזע און בילדונגס-אַנגעלעגענהייטען אין אַ בריעף, וואָס וואַרפט אַ געהעריגען שיין אויף דער שולע, וועלכע האָט, לויט שטערנ׳ס אויסדריק, בעדאַרפט דיענען אלס „אינסטיטוט צו שאַפען לעהרער פון אונזער רעליגיע”. שטערן האָט אויך אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט, ווי אַזוי איינצו-

פון דער שולע איז בעשטימט געוואָרען דער טעקסטער אַסימילאַטאָר אַנטאָני איזענבוים, אַנערקענענדיג אין אַ געוויסער מאָס די פערדיענסטען, וואָס דידאָזיגע ראַבינער-שולע האָט געהאַט אויף'ן געביט פון אַלגעמיינער בילדונג, מוז דאָך פעסטגעשטעלט ווערען, אַז קודם-כל איז זי נישט געווען קיין שולע פאַר רבנים, און דווקא דאָס האָט דעמאָלט אַמשטאַרקסטען געפעהלט, ווייל ביים איינפלוס פון רב אויף זיין עדה וואָלטען גע-בילדעטע רבנים אונזעהייער פיעל מיטגעהאָלפען צו פערשפרייטען בילדונג צווישען די ברייטע יודישע מאַסען.

ג.

אַנטאָני איזענבוים האָט דאַן געשאַפען נאָך אַ בילדונגס-אינסטרומענט, דאָס איז די וואָכענשריפט אונטער דעם נאָמען „דאָסטשעזשאַטש נאַדווישלאַנסקי" („דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל") מיט אַ פוילישען און יודישען טעקסט, נעמליך: אין דייטשער שפראַך, נאָר געדרוקט מיט יודישע אותיות, אויף דערדאָזיגער וואָכענשריפט, וועלכע האָט געדאַרפט דיענען „צו פערשפרייטען בילדונג צווישען דער בעפעלקערונג

ריכטען די שולע, אַז זי זאָל ענטשפּרעכען איהר אויפגאַבע. דערווייל אָבער — שרייבט שטערן, — „בעקוקענדיג דאָ צום ערשטען דורכצוליייענען דעם איצטיגען פלאַן פון דער אוי-בענדערמאָהנטער שולע, און דערזעהענדיג דערביי, ווי אַזוי ס'זעהט-אויס די ערשטע איינריכטונג פון דער שולע, סיי בנוגע צו איהר צוזאַמענשטעלונג סיי איהר ריכטונג, בעמערק איך, אַז די אונטערגענומענע איינריכטונג ענטשפּרעכט נישט די ביידע ציעלען, וועלכע בעשטעהען אין אויסבילדען מענשען, וועלכע זאָלען זיין געטריי זייער רעליגיע און דער רעגירונג". ווייטער שרייבט ער: „צי איז נישט גענוג צו דערמאָהנען, אַז פאַר'ן פערעפענטליכען דעם לעהר-פלאַן זענען געווען עטליכע יונגעלייט, קינדער פון בעקאַנטע עלטערן, וועלכע האָבען געוואָלט אַריינטרעטען אַלס געצאָהלטע שילער, און איצט, נאָכ'ן פערעפענטליכען, אפילו נישט אַלס אומזיסט, און עס פעהלט די נויטיגע צאָהל שילער פאַר'ן פאָנד פון דער שולע, און אויב עטליכע האָבען זיך געמעלדעט, זענען עס מעהרסטענטיילס אַזעלכע, וועלכע מען קאָן נישט אָננעהמען אויף אַזאַ מדרגה (אין שולע)... אין אַנדערע לענדער, וואו די יודען שטעהען אויף אַ העכערער מדרגה פון ציוויליזאַציע, האָט די רעגירונג איינגעזעהן, אַז דאָס שנעלע פאָר-ווערטס-געהן און שלעכט אָנגעפיהרטע אויפקלערונג, וואָס צעשטערט די אַבערגלויבענס („זאַ-באַבאָנעס"), שטויסט גלייכצייטיג אַרויס די אמתיע יסודות פון דער רעליגיע, מאָראַל און הויז-ליכע צניעות; שטרעבענדיג דאָס אויסצומיידען, האָט זיך די רעגירונג בעמיהט צו פערשטענ-דיגען זיך און צופאַסען זיך און צוזאַמענרעדען-זיך מיט די אָנגעזעהענסטע יודען, וואָס היטען ביז איצט אָב זייער רעליגיע, און בעשלאָסען צו גרינדען ראַבינער-שולען מיט'ן צוועק צוריק צו פערפעסטיגען די רעליגיע"... ווען אויך ביי אונז וואָלט אַזוי געווען, וואָלט זיך דאָס פאָלק נישט בלויז נישט בעצויגען זיך גלייכגילטיג און נישט-פריינדליך צו דערדאָזיגער שולע, נאָר עס וואָלט אָהן ספק געבראַכט פריוויליג נדבות, ווי עס ווערט געטהון ערגעץ-אַנדערש, אין בערלין, למשל... דורך אַזעלכע מיטלען וואָלט די רעגירונג מיט ערפאָלג געקאָנט דערגרייכען איהרע נוצליכע ציעלען, דאָס גאַנצע לאַנד וואָלט געהאַט נוצען פון דער בילדונג פון אַ בע-דייטענדען טייל איינוואוינער... אָהן גרויסע הוצאות. אַנדערש אָבער קאָנען נישט אפילו די גרעסטע בעמיהונגען, הוצאות און זאָגאַר אויפרופען און בעפעהלען ברענגען קיין גוטע פאָל-גען... איך וויל נישט, אַז איך זאָל אויף מיינע אַלטע יאָהרען... צוקוקען און זיין אַן עדות, אַז דאָס אַלץ געהט-אַריבער אָהן ערפאָלג, דאַגעגען, אַז עס קאָן נאָך מיטהעלפען צו שאַדען און פערדאַרבען די דורות פון מיינע גלויבענס-ברידער, און דאַן צום אַלגעמיינעם שאָדען פון לאַנד. יעדער וועט דאָך אָנערקענען, אַז אַ רעליגיעזע שולע, וואָס איז נישט איינגעריכטעט ווי בעהעריג, מוז אַנשטאַט גוטע פאָלגען ברענגען נור שלעכטע".

פון אַלט-טעסטאַמענטישען גלויבען", דאָס דער אַרויסגעבער בעקומען אַ שטיצע פון דער רעגירונג, און דערביי, נעבען אָפיציעלע ידיעות, האָט די צייטונג געבראַכט „אַ ביסעל ידיעות פון לאַנד, הויפּטזעכליך האַנדעלס-ידיעות, אַרטיקלען וועגען בעזונדערע יודישע פערזענליכקייטען, עקזאָטישע נישט-אַקטועלע ידיעות; דער אַלגעמיינער גייסט פון דער צייטונג איז געווען אַ לאָיאַלער, בירגערליכער, אַסימילאַטאָרישער, און בעזונדערס זענען דאָך אונטערגעשטראָכען געוואָרען די נוצען פון לאַנד און פון דער געזעלשאַפט". אין יאָהר 1823 זענען פון דער צייטונג אַרויס 5 נומערן, אין 1824 — 35. נעהמענדיג אין אַכט די דייטשע און פוילישע שפּראַך, וועלכע זענען ביידע נישט געווען פערשטענדליך פאַר די יודישע מאַסען, דעם צו-בולט אויסגעשפּראָכענעם אָפיציעלען כאַראַקטער פון דער צייטונג און די פּערזאָן פון איהר אַרויסגעבער, וועלכער איז נישט געווען בעליעבט ביי דער יודישער בעפעלקערונג, איז כמעט זיכער, אַז די דאָזיגע צייטונג איז געווען נישט שטאַרק געלייענט געוואָרען דורך יענע, פאַר וועלכע זי איז געווען הויפּטזעכליך בעשטימט. דאָס בעווייזט אויך איהר קורצע עקזיסטענץ.

צו די נוצליכע, אָבער גלייכצייטיג נישט-צוועקמעסיג און נישט-געשיקט דורכגעפיהרטע רעפאָרמען פון יענער צייט געהערט אויך די רעפאָרמירונג פון קהל אויף אַ דאָזאָר-שטוב („דאָזאָר באָזשניטשני"). לויט דער איניציאַטיוו פון דער גרופּע יודישע אינטעליגענטען איז אין יאָהר 1820 אַרויס אַ אַנאָנימע בראָשור אונטער'ן נאָמען „אַ ביטע אָדער זעלבסטפערטיידיגונג פון דער בעפעלקערונג פון אַלט-טעסטאַמענטישען גלויבען", אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז דער מקור פון אַלדאָס-ביזע איז די קהל-אָרגאַניזאַציע, און די ראשי-הקהל, רבנים און חברה קדישא, וועלכע פערוואַלטען אָהן יעדער קאָנטראָל איבער זיך מיט די שטייער-סומען, אונטערדריקען דאָס פאָלק דורך „חרמים" און מיסברויכען אין אַלגעמיין מיט זייער מאַכט; עס איז דעריבער נויטיג אונטערצוברעכען די מאַכט פון קהל (ד. ה., איבערצוגעבען זי אין די הענד פון די שטאָדט-פערוואַלטונגען אָדער זאָגאָר די פּאָליציי-אַנשטאַלטען) און אין די יודישע געמיינדעס וועט אויפבליהען די אָרדנונג און די יודען וועלען באַלד ווערען נוצליכע בירגער פון לאַנד. און, דעם אמת זאָגענדיג, אויב די קריטיק פון קהל-שטוב איז געווען אַ ריכטיגע, האָבען דאָך די יודען, ביי דער דעמאָלט הערשענדער שטימונג, געקאָנט ערוואַרטען פיעל ערגערעס. אָבער די גרונד-געדאַנקען פון דער בראָשור האָבען שטאַרק נושא-חן געווען אין די הערשענדע קרייזען: דאָ האָט מען זיך שוין לאַנג אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק צו פערשמעלערן די קהל-אויטאָנאָמיע, און דאָ האָבען נאָר די „יודען אַליין" וועגען דעם געבעטען. און אַט דורך אַ רייה דעקרעטען פון נאַמיעסטניק און פאַרשריפטען פון דער קאָמיטע פאַר רעליגיעזע און בילדונגס-אַנגעלעגענהייטען זענען אונטערגעגראָבען געוואָרען די יסודות פון דער יודישער געמיינדע, וואָס הגם די פאָרמען איהרע זענען שוין פון לאַנג געווען פערעלטערט, אָבער דער יסוד פון יודישער נאַציאָנאַלער זעלבסטפערוואַלטונג איז געבליבען געזונד און לעבענספעהיג. די אַלע פעראָרדנונגען און פאַרשריפטען זענען סאַנקציאָנירט געוואָרען דורך אַ קייזערליכען אוקאַז פון 20-טען דעצעמבער 1821 (1 יאַנואַר 1822) וועגען מבטל מאַכען דעם „קהל" און פערביטען איהם דורך אַ „דאָזאָר באָזשניטשי", וואָס זיין טעטיגקייטס-קרייז איז גענוי בעגרענצט געוואָרען בלויז אויף

רעליגיעזע און וואוילטעטיגע אַנגעלעגענהייטען *). די דאָזאָר־שטוב איז בעשטאַנען פון אַ רב, זיין געהילף און דריי אויסגעוועהלטע דאָזאָרעס; דאָס וואַהל־רעכט (פון 1830) איז געמאַכט געוואָרען אָבהענגיג פון אַ פערמעגענס־צענז. אין דער ערשטער צייט האָט די מעהרהייט פון די יודישע געמיינדעס, אויפגערעגט צוליעב דער פער־שמעלערונג פון דער יודישער זעלבסטפערוואַלטונג, זיך בעצויגען פיינדליך צו די נייע דאָזאָרעס, די אויסגעוועהלטע האָבען זיך ענטזאַגט פון זייערע מאַנדאַטען, און די מאַכט איז דעריבער אָפטמאָל געווען געצוואונגען אַליין צו נאָמינירען די געמיינדע־פיהרער; אָבער מיט־דער־צייט האָבען זיך די יודען אַנגעהויבען בעפרייעדיגען מיט דער נייער געמיינדע־פערוואַלטונג, ווייל אויב עס איז עפּיס געקומען אַ ענדערונג פון דער פריהערדיגער ביז דער נייער געמיינדע־פערוואַלטונג איז נור אין דער פערקלענערונג פון דער קאָמפּעטענץ; די „אָרדנונג” איז געבליבען כמעט דיזעלבע.

ד.

צו די נייע איינריכטונגען אין הערצאָגיגער עפּאָכע דאַרף אויך צוגערעכנעט ווערען די גרינדונג פון אַ יודישער עלעמענטאַר־שולע (אין יאָהר 1818), לויט דער איניציאַטיווע פון אברהם שטערן און יעקב טוגענדהאָלד. פיעל בעמיהונגען און אַרבייט האָט געדאַרפט אַוועקגעלעגט ווערען, איידער דיזאָזיגע שולען זענען געגרינדעט געוואָרען, און ערשט דעם 29־טען אויגוסט 1820 זענען זיי געעפענט געוואָרען אין

---

*) אָט מיט וואָס פאַר אַ נצחון־טאָן עס האָבען געשריבען די אַסימילאַטאָרען וועגען דער פעראָרדנונג, וואָס פערשמעלערט די יודישע זעלבסטפערוואַלטונג און גיט דערפאַר גאָרנישט: „דער 18־טער יאַנואַר 1822 בעדייט אַ וויכטיגע עפּאָכע פאַר די יודען, וואָס וואוינען אין קעניגרייך פוילען. דאָס מבטל־מאַכען דעם קהל איז איינע פון די גרעסטע וואוילטהאַטען, וועלכע זיי האָבען געקאָנט ערהאַלטען מצד דער רעגירונג. עס זענען שוין מעהר נישטאָ יענע, וועלכע האָבען אונז געהאַלטען אין יאָך פון אונוויסענהייט און פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ רעגירונג אין אַ רעגירונג. מיר וועלען שוין קיין מורא נישט האָבען צו דערנעהנטערן זיך צו די מנהגים פון ציוויליזירטע מענשען, אז קהל־לייט זאָלען פאַר אונז לעגען אַ שטערונג דערצו דורך פער־גרעסערן די שטייערן. עס וועלען שוין אויפהערען די שטערונגען, וואָס האַלטען־אָב פון גרינ־דען שולען, וועלכע בעצוועקען אויסצובילדען און אויפצוקלערען די יוגענד פון משה'ס גלויבען, און דאָס געלד, וואָס ווערט צוזאַמענגעקליבען דורך די קהל־קנעכט, וועט קאָנע בענוצט ווערען אויף אויסצוהאַלטען די שולען. גלויבענס־ברידער! נישט די רעגירונג האָט אונז אונטערדריקט, ניין! דאָס זענען געווען אונזערע אייגענע ברידער, די קהל־לייט זענען דאָס געווען. דער גרויסמוטיגער מאָנארך, בעפרייענדיג אונז פון אַ קנעכטשאַפט ערגער ווי די מצרים'דיגע האָט אונז דערנעהנטערט צו די אַנדערע איינוואוינער, וואָס געפינען זיך אונטער זיין שוץ. פון איצט וועלען מיר, צו רעגולירען אונזערע נויטיגע בעדערפנישען, זיך ווענדען צו יענע צו וועלכע יעדער ערהוויירדיגער בירגער ווענדעט זיך. עס וועט אונז מעהר שוין נישט אָב־שטויסען דער משרת פון טהיר פ'נ'ם זיצונגס־הויז, וואו די קהל־לייט האָבען פונש אָדער וויין אויף אונזער רעכנונג געטרונקען און טאַבאַק גערויכערט. עס וועט שוין נישט שרייען דער שטאָלצער קהל־משרת אויף'ן אָרימען מענש, וואָס קומט בעטען, מ'זאָל איהם פערלענגערן דעם טערמין צו בעצאָהלען דעם שטייער, נאָר דערלאַנגענדיג אַ ביטע צו דער שטאָדט־מאַכט וועט יעדערער צופריעדען אַוועקגעהן”. מען זעהט, דאַכט־זיך, קלאָר דעם רעגירונגס־שטעמפּעל אויף אַזעלכע ווערטער.

דריי הויפט=פונקטען, וואו די צאָהל יודישע איינוואוינער איז געווען בעזונדערס בע= דייטענד. מיט די שולען האָט אָנגעפיהרט אַ בעזונדערע יודישע פערוואַלטונג, אין וועלכער עס זענען אַריין פאָרשטעהער פון דער יודישער אינטעליגענץ, צווישען זיי אויך שטערן און טוגענדהאָלד. ווען אין עטליכע יאָהר אַרום האָט דער דאָזער פון מאַזאָוויעצקער וואָיעוואָדסטווא בעוויזען, לויט דעם אויפטראַג פון דער מאַכט, די דאָ= זיגע שולען צו בעקענען זיך מיט דעם פאָרטשריט פון די שילער, האָט ער זיך איבערציינט, אַז די קינדער לערנען נישט גערן תנ״ך, ווייל צו דעם געגענשטאַנד האָט מען זיך בענוצט מיט וואַיק'ס ביבעל, צו וועלכען די עלטערן האָבען נישט געהאַט קיין צוטרויען (ווי בעקאַנט, ווערען אין דער ביבעל, וואָס איז איבערזעצט דורך קריסטען, געוויסע טעקסטען אין אַ גאַנץ אַנדערן זין אויסגעטייטשט, ווי ביי יודען). דער דאָזער איז דאַמאָלס דעריבער אַרויסגעטרעטען מיט אַ פּראָיעקט, איבערצוזעצען אויף פּויליש מענדעלסאָנ'ס דייטשע ביבעל=איבערזעצונגען און ערקלערונגען, אָבער דאָס איז נישט פערווירקליכט געוואָרען. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַ'איינפלוס אַזעלכע שולען האָבען געקאָנט האָבען אויף דער פאַנאַטיש=פרומער יודישער מאַסע, אַזעלכע שולען, וואו תנ״ך לערנט מען אין דער פּוילישער שפּראַך און דאָס טאָך אין דער איבערזעצונג פון אַ קאַטוילישען קסיאָנדז. עס איז אויך אויס= געקומען צו פיהרען שטענדיגע קאַמפען מיט די יודישע געמיינדעס, ווייל אויף אויס= צוהאַלטען דיזאָזיגע שולען, וועלכע פרומע יודען האָבען געהאַלטען פאַר שענדליכע און אפּיקורסישע, האָט מען געפאָדערט געלד דווקא ביי די יודישע געמיינדעס אַליין.

„די הוצאות אויף אויסצוהאַלטען די עלעמענטאַר שולען, וועלכע טרעפען= אַן יעהרליך 20,000 גולדען, זענען לכתחילה געדעקט געוואָרען דורך די חוכרים פון כשר פלייש, אָבער ווען פון איין זייט האָט דער חוכר נישט גערן געצאָהלט, און דער פאַנאַטישער קהל, פון דער צווייטער זייט, האָט זיך אין אַלגעמיין בעצויגען צו דיזאָזיגע שולען נישט פריינדליך, מורא=האָבענדיג, אַז זיי זאָלען נישט אונטער= גראָבען מיט=דער=צייט די עקזיסטענץ פון די חדרים, איז די אונטערשטיצונג מצד די חוכרים געוואָרען אַלץ אונזיכערער". מ'האָט דעריבער געמוזט דיזאָזיגע סומע אַרויסנעהמען פון רעקרוטען=אָבצאָהל. די רעגירונג האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט דעם פּלאַן דיזאָזיגע שולען צו פערברייטערן און עפענען אַזעלכע אויך אין פּראָווינץ, אָבער אַ חוץ דעם ווידערשטאַנד מצד די חסידים, האָט מען דעם פּלאַן נישט גע= קאָנט אַדורכפיהרען אויך צוליעב'ן מאַנגעל פון קוואַליפיצירטע לעהרער. און אָט אום צו בעזייטיגען דעמדאָזיגען מאַנגעל, האָט מען עס בעשלאָסען צו גרינדען די ראַבינער=שולע, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען: „ראַבינער= און לעהרער=שולע".

וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס האָט געהאַט די ראַבינער=שולע און ווי אַזוי איהרע שילער זענען געווען צוגעגרייט צו דער ראָלע פון פיהרער פון יודישען רעליגיעזען לעבען, איז זיך לייכט צו מאַכען אַ בעגריף דערפון, וואָס פון איהר איז נישט אַרויס כמעט קיין איין=און=איינציגער רב. די יודישע אינטעליגענץ אין פּוילען איז דורכדעם נאָך אַ לאַנגע צייט געווען אָבגעריסען פון יודישען פאָלק, די פאָלשטענדיג אַסימילירטע איבערשטע „שיכטען" און די פינסטערע, פאַנאַטישע און נידערשלאָגענע אונ= טערשטע — דאָס זענען געווען צוויי פרעמדע וועלטען, אונענדליך ווייט איינע פון די אַנדערע.

די ווירטשאפטליכע בעציהונגען.

א.

אין פוילען, וואו מ'האט זיך אין פערלויף פון פיעל דורות פערנומען בלויז מיט לאנדווירטשאפט, האט זיך לאנגזאם אנגעהויבען צו ענטוויקלען די אינדוסטריע. די ערשטע פראבען אין דער הינזיכט קאָנען פערצייכענט ווערען נאך פאר די צייטען פון סטאניסלאוו אויגוסט (1764–96) און זענען אונטערגענומען געווארען אונטער'ן איינפלוס פון אונטערגאנג פון פוילישען אינערליכען און אויסערליכען האנדעל, וואס עס האט זעהר טרויעריג געווירקט אויף די פינאנסען פון לאנד. די נויטיגקייט צו אינדוסטריאליזירען דאס לאנד האט זיך נאך בולט'ער ארויסגעוויזען פאר דער צייט פון דער פרייסישער הערשאפט אין דער עפאכע פון ווארשאווער הערצאָגטום. קודם־כל האט דא געווירקט דאס ביישפיעל פון פרייסען, וואו די רעגירונג האט מיט דער גאנצער ענערגיע פערשפרייט די פאבריק־אינדוסטריע און מיט אלע מיטלען זי אונטערגעשטיצט. אין ווארשאווער הערצאָגטום האט זיך געשפירט די גרעסטע נויט־בעדערפטיגקייט צו געפינען נייע איינקונפטס־קוועלען. דער איינגעפיהרטער נאפאלעאָן־קאָדעקס און די פאָרמעלע אָבשאפונג פון די שטאנד־פריווילעגיעס האבען צוטרייסעלט די יסודות פון דעם אלטען פוילישען ווירטשאפטליכען סיסטעם, און די פיעל בלוטיגע מלחמות האבען מיטגעווירקט צו דער פעראָרימונג פון דער בעפעלקערונג.

די נייע תקופה אין דער פוילישער אינדוסטריע הויבט זיך אָן מיט דער ענטשטעהונג פון קעניגרייך פוילען, ווען די רוהיגערע צייט האט ערלויבט צו פערנעהמען זיך מיט דער בעפרידיגונג פון דער לאנג־ענטשטאנענער און אָנערקענטער בעדערפעניש. צו דעם ציעל האט די ווארשאווער רעגירונג אונטערגעשטיצט די איינוואנדערונג פון אויסלענדישע אונטערנעהמער און ארבייטער, פון וועלכע אין פוילען איז געווען נאך גאנץ ווייניג, און די, וואס זענען יא געווען, האבען זיך מעהרסטענטיילס רעקרוטירט פון די דייטשען, וועלכע זענען אהער אנגעקומען בעת דער פרייסישער הערשאפט. די פון אויסלאנד אנגעקומענע פאבריקאנטען און האנדווערקער האבען דא גענאָסען פון פערשיעדענע הנחות און פריווילעגיעס. א אויסנאהם איז געמאכט געווארען בלויז פאר די אויסלענדישע יודען, וועלכע, ביז עס וועלען ארויסגעגעבען ווערען די פאר זיי פראָיעקטירטע ספעציעלע פאָרשריפטען, מען האט בכלל קיין פוילען נישט אריינגעלאזט.

בנוגע צו דער ראָליע פון די פוילישע יודען אין דער לאנד־אינדוסטריע דארף מען משער זיין, אז צום אנהויב האבען זיי אין איהר גאר קיין אנטהייל נישט גענומען, אבער פון דער צווייטער זייט האט די עקאנאמישע סטרוקטור פון די יודען זיך אנגעהויבען שטארק צו וואקלען, ווי צוליעב אלגעמיינע סבות, פון וועלכע אלע איינ־

האזינער פון לאנד האבען געליטען, אזוי אויך צוליעב די ספעציעל צו די יודען אנ=
געווענדעטע רעפרעסיעס, למשל: דער פערבאט איבערצוגעבען יהודען אין ארענדע
רעגירונגס-גיטער, בעשווערען זיי דאס פערנעהמען-זיך מיט שענקעריי און ארויפלע=
גען אויף זיי בעזונדערס בעלאסטענדע שטייערן, אנשטאט דעם ווייסען מיר, אז
די יודען האבען זיך פערנומען מיט'ן איבקויפען פריצ'ישע גיטער, בענוצענדיג
זיך מיט דעם אומשטאנד, וואס צוליעב דער פעראריימונג פון דער שליאכטא האט
מען געקאנט קויפען ערד גאנץ ביליג. א געוויסער היסטאריקער פון יענער צייט, אפשר
נישט אהן איבערטרייבונג, בעשטעטיגט, אז די פריצ'ישע גיטער געהן-איבער
אין די הענד פון די „יודען און פרייסען" אויף ליצימאציעס פאר א פיערטעל פון
זייער ריכטיגען ווערט. מיר ווייסען אויך, אז די יודען האבען זיך שוין פון לאנג
פערנומען מיט געוויסע מלאכות, אזוי אז — ווי א געשיכטע-שרייבער דריקט זיך
אויס — דאמאלס „זענען יודישע שניידער געווען זאגאר צופיעל".

ב.

די שטעלונג פון דער דאמאלדיגער פוילישער ליטעראטור בנוגע צו יודען
איז געווען א נעגאטיווע: מען האט זיי געמאכט פעראנטווארטליך פאר אלע געזעל=
שאפטליכע צרות און דורכפאלען. די שווערע לאגע פון די פוילישע שטעדט האט
מען ערקלערט דורך דער גרויסער צאהל יודישע איינוואוינער, וועלכע „געהמען-צו
ביי די קריסטען אלע פערדינסטען". העכער איבער דיזאזיגע פאראורטיילען האט
זיך געשטעלט נור דער עקאנאמישער שריפטשטעלער סוראוועצקי, וואס האט אין
יאהר 1810 ארויסגעגעבען א ווערק „וועגען אונטערגאנג פון דער אינדוסטריע אין
די פוילישע שטעדט", אין וועלכען ער ווייזט-אויף די נויטיגקייט פון ווירטשאפטליכע
רעפארמען אין גייסט פון מעסיגען פראטעקציאניזם. ארויסטרעטענדיג געגען יענע,
וואס ווארפען-ארויף די גאנצע שולד אויף יודען, שרייבט ער: „דאס איז נור טייל=
ווייז ריכטיג. די, וואס האלטען זיך ביי אזא מיינונג, פערגעסען, אז זיי נעהמען אן די
פאלגע אלס די אורזאך; אויך אהן יודען וואלטען די פוילישע שטעדט נישט
אויסמיידען זייער גורל. פערקעהרט — מיינט ער — נעהמענדיג אין אכט די טיכטיג=
קייט, שפארזאמקייט און פעהיגקייט פון יודישען פאלק, דארף געזארגט ווערען פאר
אויפהאלטען די יודען אין פוילען; פאר דער דערהאלטונג פון האנדעל און מלאכה
האט דאס לאנד צו פערדאנקען כמעט אויסשליסליך די יודען". סוראוועצקי נעהמט
נישט פארביי אונבעמערקט אויך די נעגאטיווע זייטען פון יודען, נאר ערקלערט זיי
דורך די טרויעריגע היסטארישע בעציהונגען: „די רעגירונג האט אויסגעפרעסט דעם
גאנצען מארך פון די יודען, די שטענדיג אונטערדריקטע, די שטענדיג געצוואונגענע
צו בעצאהלען פאר דער לופט, מיט וועלכער מען ערלויבט זיי צו אטהעמען, שטענ=
דיג ארומגערינגעלט דורך שנאה, רעכטלאז, געשלאגען אהן א מאס, אויסגעשטעלט
אויף די פערשידענע קאפריזען פון לייכטזין און ווילדער נארישקייט, לעבענדיג אין
אנגסט און נויט, — האט דען דאזיגע פאלק ביי אזעלכע בעדינגונגען געקאנט
אויפהיטען זיין געדאנק ביז צו גרויסמוט און געזעלשאפטליכע פליכטען? — צי
האט עס געקאנט ליעב-האבען דאס פאטערלאנד, וואס איז פאר איהם געווארען
א אומ'ברחמנות'דיגע שטיף-מוטער? צי האט עס עהרליך געקאנט אין דעם ווירקליכ=

קיינט צונויפשמעלצען זיך מיט דער בעפעלקערונג, וואס האט בנוגע צו איהם עובר געווען אויף די רעכט פון גאסטפריינדליכקייט ?״

סוראָוועצקי'ס מיינונג וועגען יודען איז געשטאנען אין ענגען צוזאמענהאנג מיט זיינע עקאָנאָמישע מיינונגען וועגען דער ראָליע פון האנדעלס-קלאס. זיין אנאליטישער מוח האט דורכגעדרונגען דעם מהות פון דעם אנקומענדען קאפּיטאליזם, וועלכער מוז ברענגען צו די געגענזייטיגע בעציהונגען און אָנגעהעריגקייט פון די פעלקער, און אין דעם פּראָצעס דאַרף שפּיעלען א בעדייטענדע ראָליע דער האנדעלס-קלאס. דער האנדעל, שרייבט ער, האלט-אויף דאס גלייכגעוויכט צווישען איבערפלוס און מאנגעל פון פּראָדוקטען אויף דער וועלט, ער בעפרייט די בעלי-מלאכות פון הוצאות ביים פערקויפען זייערע אויסארבייטונגען, און דעם קאָנסומענט — ביים איינקויפען. די האנדעלס-פונקציעס ערפילען הויפּטזעכליך די יודען און דעריבער זענען זיי זעהר געוואונשען פאר דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון פּוילען.

ג.

נאָך דער ענטשטעהונג פון קעניגרייך פּוילען, האָבען די יודען אָנגעהויבען צו נעהמען א ענערגישען אַנטהייל אין דער דאַמאָלס שטאַרק-ענטוויקעלטער הויז-אינדוסטריע. ווי בעקאַנט, בעשטעהט די הויז-אינדוסטריע אין דעם, וואס איינצעלנע פערזאנען, מיט דער הילף פון האנדווערק-טעכניק, גרייטען-צו ביי זיך אין דערהיים סחורה פאר מאַסען-פערקויף; דער אבזאַץ ווערט געמאכט מעגליך דאַנק דער פערמיטלונג פון הענדלער, וועלכער ברענגט די בעשטעלונגען און גיט אַמאָל דעם האנדווערקער אויך רויה-מאַטעריאַל און ארבייטס-אינסטרומענטען, נעהמט-אָב די פּראָדוקציע און אָרגאַניזירט דעם פערקויף. און אָט גראָד די יודען האָבען אויסגעפיהרט די אָרגאַניזאַטאָרישע פונקציעס, אַרויסטרעטענדיג אין דער ראָליע פון פערמיטלער, איבערקויפער, צושטעלער און געלד-אויסלייהער.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט די רעגירונג בעקומען אָנקלאַגען פון די געוואנד-פּראָדוצענטען אויף די יודען, וועלכע עקספּלואַטירען זיי כלומר'שט, נעהמען ביי זיי צו דעם גרעסטען טייל פון פערדיענסט, ווי אויך, אז בעקומענדיג בעשטעלונגען פאר דער אַרמעע מיידען די יודען אויס די אָרטיגע פאבריקען און ברענגען די בעפאָדערטע סחורות פון אויסלאנד. די רעגירונג האט דאן ערפילט די פאָדערונגען, מיט וועלכע מ'האט זיך צו איהר געווענדעט. זי האט צוגענומען ביי די יודען די לאנד-בעשטעלונגען און איבערגעגעבען עס דירעקט די פאבריקאנטען, געבענדיג זיי אויף דער רעכנונג א פאָרשוס-געלד, כדי זיי זאָלען האָבען א אומזאַץ-קאפּיטאל. די רעגירונגס-מאכט האט אויף אַזא אופן געוואָלט בעפרייען די קלענערע פּראָדוצענטען פון די יודישע פערמיטלער. די ווירקליכקייט האט זיי אָבער געבראַכט א ענטטוישונג. די קאפּיטאַלען פון דער רעגירונג זענען נישט געווען קיין גרויסע און הלוואות האט מען אַרויסגעגעבען אין אונבעדייטענדע סומעס. די דירעקטע צושטעלונג פון געוואנד האט פערבעסערט די לאַגע פון די פּראָדוצענטען כל-זמן זייער צאָהל איז געווען קליין; מיט דער פערגרעסערונג פון זייער צאָהל האט מען פאר די מיליטערישע בעשטעלונגען שוין נישט געקאָנט געברויכען די גאַנצע פּראָדוקציע פון דער קליי-

אינדוסטריע. פון דער צווייטער זייט, איז צוליעב'ן איינפיהרען פון פרייהייט פון האַנדעל צווישען רוסלאַנד און פוילען געעפענט געוואָרען פאַר דער פוילישער אינדוסטריע אַ נייער אַבזאַץ־מאַרק, וואָס געפינט זיך ווייט פון פראָדוקציאָנס־פּלאַץ. און דער קליינער פראָדוצענט איז ווידער געווען געצוואונגען אָנצוקומען צו יודישע פערמיטלער, ווערענדיג זיי איינגאַנצען אונטערגעוואָרפען.

דער קאַמף געגען געוויסע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע, וועלכע זענען בכלל פאַראַן אין דער קליין־אינדוסטריע, האָט צוליעב דעם אַלזאָ אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ קאַמף געגען די יודען, אַלס די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרען פון דער־האַזיגער אינדוסטריע־פאָרם. די פראָדוצענטען און זייערע בעשיצער האָבען געזעהן דאָס גאַנצע אומגליק פון דיזאָזיגע עקאָנאָמישע באַציהונגען נישט אין דעם, וואָס די קליינע פראָדוצענטען האָבען פערלאָרען זייער זעלבסטשטענדיגקייט, נאָר אין דער יודישער פערמיטלונג, און זיי האָבען געמיינט, אַז דורכ'ן פערבייטען די פיעל קליינע יודישע הענדלער אויף איין גרויסער אונטערנעהמונג וועט פערבעסערט ווערען די לאַגע פון די וועבער. אויך די רעגירונג האָט זיך ביי דער מיינונג געהאַלטען, און דעריבער האָט זי אין דער אַנדערער העלפט פון די צוואַנציגסטע יאָהרען איינגעלאַדען פון אויסלאַנד גרעסערע אונטערנעהמער, צוציהענדיג זיי דורך בעזונדערע הנחות און גרעסערע הלוואות. די שטרעבונג פון דער רעגירונג איז געווען, אַז די פרעמדע קאַפּיטאַליסטען זאָלען אַרויסנעהמען פון די יודישע הענד די אָנפיהרענדע ראָליע אין דער פראָדוקציע, איבערנעהמענדיג אין זייערע אייגענע הענד די יודישע פונקציעס, ווי די פערענדיגונג, די אויסאַרבייטונג, די אַפּרעטור און הורט־האַנדעל.

ד.

אין דער ווירקליכקייט זענען די שוועריגקייטען אין דער פוילישער אינדוסטריע ענטשטאַנען צוליעב'ן מאַנגעל אין ביליגען קרעדיט, וואָס עס האָט געצוואונגען די פראָדוצענטען צו צאָהלען זייערע קרעדיטאָרען אַ זעהר גרויסען פראָצענט פאַר די אויסגעליהענע סומעס, און ווייל דיזאָזיגע „פראָצענטניקעס" זענען הויפּטזעכליך געווען יודען, האָט זיך דעריבער אַלעמען בעזונדערס געוואָרפען אין די אויגען די „יודישע עקספּלואַטאַציע". אַ חוץ דעם זענען, צוליעב דער בעדייטענד פערגרעסערטער נאָכפראַגע, געשטיגען די פרייזען פון וואָל, און ווייל אויך דיזאָזיגע סחורה האָט מען בעקומען צו קויפען ביים יודישען סוחר, איז דעריבער ענטשטאַנען אַ נייע סבה צו רעדען וועגען דער „יודישער עקספּלואַטאַציע". די שטרעבונג צו ברענגען אין אָרדנונג דעם קרעדיט און צו בעפרייען די אינדוסטריעלער פון די יודישע געלד־לייהער, האָט געבראַכט צו דער שאַפונג (אין יאָהר 1828) פון דער „פוילישער באַנק", וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין פוילען און האָט מיט אַמאָל אַראָפּגעזעצט די פּראָצענט־צאָהלונג. דאָך אָבער דיזעלבע פוילישע באַנק, וואָס איהר הויפּט־ציעל איז געווען צו בעפרייען די קליינע פראָדוצענטען פון יודישע הורטאָווניקעס, האָט באַלד נאָכדעם, ווי זי האָט אָנגעהויבען איהר פּראַקטישע טעטיגקייט, זיך הויפּטזעכליך פערנומען מיט אונטערשטיצען

די גרויס-אינדוסטריע, נישט רעכענענדיג זיך דערמיט, וואס די קאנקורענץ פון דער גרויס-אינדוסטריע רואינירט די קלײנע פראדוצענטען פיעל מעהר, ווי די „יודישע עקספלואטאציע".

גלייכצייטיג מיט די אנקלאגען אויף דער יודישער עקספלואטאציע, האט מען אויך בעשולדיגט די יודען, אז זיי שווארצען ארויף אויסלענדישע סחורות, וואס עס פערשאפט א קאנקורענץ דער לאנד-פראדוקציע, אבער ביי נעניער אונטערזוכונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין דער קאנטראבאנדע בעטייליגען זיך נישט נור יודען, אבער אויך בעאמטע און פאליציי.

דער ארבייטער-קלאס איז בעשטאנען הויפטזעכליך פון אײנגעוואנדערטע פון איסלאנד. די רעגירונג און די פאבריקאנטען האבען אבער געשטרעבט צו שאפען א היימישען ארבייטער-קלאס, ווי פון צווישען פאליאקען אזוי אויך פון צווישען יודען. אלס ארבייטער-צוועלען האט מען אין פערשיעדענע ערטער אנגענומען אין די פאבריקען אויך יודען. די פאטריאטען דערצו זענען געווען גאנץ אײנשטימיג: צוליעב דער פערהעלטנישמעסיג הויכער קולטורעלער מדרגה פון די אײנגעוואנדערטע דײטשע ארבײטער, האבען די אונטערנעהמער זיי נישט געקאנט אזוי אומברחמנותדיג עקספלואטירען; די פאבריקאנטען זענען דעריבער געווען שטארק פעראינטערעסירט אין דער שאפונג פון א „היימישען פראלעטאריאט", וועלכער זאל בעשטעהן פון פאליאקען און יודען און מיט וועלכע מען זאל קאנען מאכען, ווי עס וועט זיך וועלען.

דער ערשטער פּוילישער „ציוניסט".

א.

גראָד אין דערזעלבער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען דאָ, האָט פּאַסירט אַ פאַקט פון עפּיזאָדישער בעדייטונג, וואָס וואַרפט אַ שיין אויף די אַרט לעבען פון די ראַמאָלדיגע פּוילישע יודען און די בעציהונג צו זיי מצד דער צענטראַלער מאַכט. אין דעצעמבער 1821 האָט דער אַזוי-גערופענער שוואַרצער פערלוסטראַציאָנס-קאָמיטעט, וואָס האָט פונקציאָנירט אין וואַרשאַ ביים שטאַב-שעף פון גרויספירשט קאָנסטאַנטין, גענעראַל קורוטאַ, און אונטער דער פּאַכמענישער אָנפירונג פון פּאָלקאָווניק שעטמינסקי, וועלכער האָט געאַרבייט טאָג ווי נאַכט ביים עפענען און, ווען מען דאַרף, אויך קאָנפיסקירען פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס קומט אָן אויף דער וואַרשאַווער פּאָסט, ענטדעקט צוויי בריעף אין דער העבּרעאישער שפּראַך, אַדרעסירט פון טערקיי צו אַ יוד אין וואַרשאַ. די בריעף האָט מען געבראַכט אין נאָוואָסילצעוו'ס ביוראָ, דאָרט זענען זיי נישט פּינקטליך און פּילייכט אויך טענדענציעז איבערגעזעצט געוואָרען, און דערביי האָט זייער אינהאַלט אויסגעזעהן אַזוי פערדעכטיג ביים גרויספירשט, אַז ער האָט געפונען פאַר נויטיג אַליין תיכף איבערצושיקען אַ „פערטרויענספאָלע און געהיימע ראַפּאָרט" צום קייזער אַלעקסאַנדער I. אין דער ראַפּאָרט ווערט דערציילט וועגען אַ יוד, וועלכער, „צוזאַמען מיט פיער אַנדערע פערזאָנען פון דערזעלבער נאַציאָנאַליטעט" האָבען אויסגעפירט אַ געוויסע מיסיע אין הייליגען לאַנד; וואַהרשיינליך — ווערט אין דער ראַפּאָרט ווייטער דערציילט — האָט דער „עמיסאַר" ערפילט זיין אויפגאַבע לויט דעם וואונש פון זיינע בעפאָלמעכטיגטע, ווייל ער דריקט-אויס די האָפנונג צוריק אויפצובויען ירושלים און שאַפען דאָרט אַ נייע מלוכה.

ב.

די בריעף, וועלכע האָבען אַרויסגערופען אַזאַ בעאונרוהיגונג אין די העכערע רוסישע קרייזען, זענען געשריבען געוואָרען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך דעם כמעט 70-יעהריגען יוד שלמה פּלאָנסקי, וועלכער האָט געמאָלדען זיין איידעם יוסף וועגען זיין רייזע קיין ארץ-ישראל, וואָס האָט זיך אים גוט איינגעגעבען, און געמאָלדען וועגען זיין שנעלען צוריקקעהרען זיך. אין ערשטען בריעף פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל שרייבט ער, אַז דאַנק דער הימלישער השגחה איז ער ניצול-געוואָרען פון גרויסע לעבענס-געפאַהרען און ער פאָהרט צוריק צוזאַמען מיט אַנדערע, אויפ'ן וועג אָנגעמאַכטע עולי-רגל (אַט דערזעלבער לעצטער אויסדרוק איז דאָס איבערזעצט געוואָרען אַלס „עמיסאַר", שפּיאָן, מרגל). גלייכצייטיג האָט זיך אויסגעוויזען דער מאַכט פער-

דיכטונג דער ביבלישער אויסדרוק: „הזורעים בדמעה, ברנה יקצורו". נאכמעהר דאס אויסגעזעהן פערדעכטיג דעם שווארצען קאבינעט דער צווייטער בריעף, געשיקט פון אדעס, אין וועלכען פלאנסקי, מעלדענדיג, אז ער איז פערהאלטען געווארען אין דער טערקישער רעזידענץ לענגער ווי ער האט גערעכענט, בעט דעם איידעם, ארויסשיקען איהם אויף הוצאות-הדרך 50 דוקאטען, רופט איהם אן „אדון ונשיא" (הערר און פירשט) און דערצעהלט וועגען זיין קומען קיין אדעס צוזאמען מיט פיער אנדערע עולי-רגל, וואס עס איז ווידערער איבערהויפט געווארען „עמיסארען". און אויב די רוסישע מאכט האט נאך פריהער געקאנט האבען א שטיקעל ספק, צי דא האנדעלט זיך וועגען א פאליטישער אונטערנעהמונג, איז זי אין דעם איבערצייגט געווארען נאכ'ן איבערלייענען דעם סוף פון בריעף, וואו פלאנסקי פערזיכערט דעם איידעם ניט מעהר און ניט ווייניגער, אז „די נייעס, וועלכע ער וועט ברענגען (פון הייליגען לאנד), וועלען איבערלעבען די האפנונג און פרייד אין די הערצער פון די פרומע יודען" און „אז די מלוכה פון יודישען פאלק" איז שוין ניט ווייט און די יתנער פון ירושלים און אנדערע איינוואוינער וועלען מיטהעלפען צוריקצואויפצושטעלען ציון".

ווי מען זעהט, איז עס געוועזען א בריעף פון א פרומען יודען, וואס איז געפאהרען קיין ארץ-ישראל געטריבען פון רעליגיעזען עקסטאז, ווי טויזענדער אנדערע, וואס פאהרען עס פון אייביגע צייטען; ער האט געטרייסט זיך און זיינע נאהנטע מיט דער בשורה פון ביאת-המשיח און גאולת-ירושלים. אבער די פארזיכטיגע רוסישע מאכט האט איינגעפונען, אז דא האנדעלט זיך געוויס וועגען א געהיימע פערשווערונג פון די פוילישע און רוסישע יודען מיט'ן צוועק צוריקאויפצובויען די יודישע מלוכה אין ארץ-ישראל מיט דער הילף פון פאדישאך, דעם הערשענדען סולטאן מחמוד II.

ג.

אום צו פערשטעהן, ווי אזוי עס האט בכלל געקאנט ענטשטעהן אזא מין לעכערליכער חשד, דארף מען זיך, ערשטענס, דערמאהנען אן דעם דאמאלסדיגען צושטאנד פון דער אויסערליכער פאליטיק און, צווייטענס, דארף מען אננעהמען, אז דער געדאנק וועגען אויפלעבען ארץ-ישראל איז דאמאלס געוועזען פאפולער צווישען א געוויסען טייל פון דער יודישער אינטעליגענץ, וועגען וואס מען האט געוואוסט אין די מאסגעבענדע קרייזען. די אריענט-פראגע איז דאמאלס געוועזען זעהר פערשארפט, און דערביי האבען רוסישע עמיסארען שטארק געארבייט ארויסצורופען אן אויפשטאנד פון די גריכען אויף די טערקישע טעריטאריעס. עס האט זיך דעריבער אויסגעוויזען אלס וואהרשיינליך, אז די טערקיי קאן זיך, צו איהרע פאליטישע ציעלען, בענוצען מיט די רוסישע יודען, נאכמעהר, ווייל אלעקסאנדער אליין האט זיך ניט ענטזאגט צו בענוצען זיך מיט דער הילף פון יודען, מאכענדיג, ווי בעקאנט, א שטארקען געברויך פון זייער איבערגעגעבענהייט בעת'ן קריעג מיט נאפאלעאנ'ען, ווען דער בעריהמטער חסיד'ישער פיהרער און רבי רב שניאור זלמן פון ליאדי האט אויפגעפאדערט אלע זיינע חסידים צו שטערען מיט אלע מיטלען דעם פיינד

און העלפען די רוסען. מיר געפינען אויך שפּורען, אז א געוויסער טייל יודען, אפילו אינטעליגענטען, וועלכע געוועזען פּאַלעסטינאָפיליש געשטימט און אז מיט דעם געדאַנק וועגען דער אויפלעבונג פון ארץ־ישראל דורך יודען האָבען סימפּאַטיזירט זאָגאַר געוויסע איינפלוסרייכע קריסטען.

מיר ווייסען, אז נאַפּאָלעאָן האָט בעת זיין עקספּעדיציע קיין מצרים זיך גע־ווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די יודען אין אזיע און אפריקא, אז זיי זאָלען זיך שטעלען אונטער זיינע פאָהנען, צוזאָגענדיג זיי אָנשטאָט דער הילף צו עראָבערן פאַר זיי ערדטשוענען ירושלים.

דער בעקאַנטער ענגלישער מיסיאָנער לעווים ווייי, וואס האָט געהאַט אויף אלעק־סאַנדער דעם I אַ גרויסען איינפלוס, איז ארויסגעטראָטען פאַר דער צוריקאויפלעבונג פון יודישען פאָלק און האָט אויסגעוויזען, אז נאָכ'ן געבען די יודען בירגערליכע רעכט און צוציהען זיי דורך פריינדשאַפטליכע מיטלען צום קריסטענטום, וועלען זיי דערנאָך, ביים בעזעצען זיך אין פּאַלעסטינא, ווערען קריסטען. דער דעקאַבריסט פעסטעל האָט געזעהן די לעזונג פון דער יודען־פראַגע אין דעם, וואס די רוסישע רעגירונג וועט זיי העלפען „צו גרינדען אַ בעזונדערע זעלבשטענדיגע מלוכה אין וועלכען=ס'איז טייל פון קליין־אזיע“. דער דעקאַבריסט גלינקא, אבגעבענדיג זיינע ערקלערונגען פאַר דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע וועגען זיין קאָנטשאַפט מיט גריגאָרי פּרץ (אַ זוהן פון אברהם פּרץ, איינער פון די ערשטע געבילדעטע יודען אין רוס־לאַנד, ספּעראַנסקי'ס אַ חבר), האָט, צווישען אַנדערען, דערצעהלט, אז „פּרץ האָט מעהר פיעל גערעדט וועגען דער נויטיגקייט צו גרינדען אַ געזעלשאַפט מיט'ן צוועק צו בעפרייען די יודען, וואס זענען צעשפּרייט איבער רוסלאַנד און זאָגאַר איבער איי־ראָפּא, און צו בעזעצען זיי ערגעץ־וואו אין קרים אָדער אויפ'ן מזרח אלס אַ בעזונדער פאָלק“. אין צוזאַמענהאַנג מיט דידאַזיגע טענדענצען שטעהט געוויס יענע שטעלע אין לעלעוועל'ס „מאַניפעסט“, וואו עס רעדט זיך וועגען דעם, אז די פּאָליאַקען זאָלען מיטהעלפען די יודען צוריק צו בעקומען פּאַלעסטינא.

ד.

דאָס אַלץ האָט געמוזט ברענגען נאַוואָסילצעוו'ן צום איבערנדערמאָהנטען חשד וועגען פלאַנסקי'ס בריעף, הגם עס איז שווער צו גלויבען, אז דערדאָזיגער „יודי־שער פערטיידיגער“ זאָל אַזוי ווייט נישט קענען דאָס לעבען פון דער יודישער אַר־יסטאָקראַטיע און אידה אָריענטאַלישען סיגנון־שרייבען און ער זאָל נישט ווי גערעדיג אינפאָרמירט ווערען אפילו דורך יעקב טוגענדהאָלד, וואס האָט דאַמאָלס פערטראָטען די שטעלע פון יודישען צענזאָר. עס איז נישט אויסגעשלאָסען, אז דער קלוגער נאָ־וואָסילצעוו, וואס האָט קודם־כל ז י ך אין זינען געהאַט, האָט דאָ געוואָלט כאַפּען צוויי האָזען מיט אַמאָל: אַ נאָגראַדע פון קייזער פאַר זיין ענערגישע פליכט־ערפילונג און אַ מתנה פון יודען פאַר „צערייבען“ אַזאַ וויכטיגען ענין; ודעריבער איז ער, צוליעב די אַלע איבען־אויסגערעכענטע אומשטענדען, געווען זיכער, אז אין פעטערבורג וועט מען גלויבען אין אַ געפאַהר מצד אַ „יודישער פערשווערונג“.

עס איז גענוג צו זאָגען, אז פלאַנסקי איז באַלד ביי זיין אָנקומען צו דער גרענעץ

פון ווארשאָ אַרעסטירט געוואָרען און געהאַלטען אונטער דער שטאַרקסטער שמירה, בעהיים, אונטער דער השגחה פון גרויספירשט אַליין, אין פּריזאָל־פּאַלאַץ, וואו מען האָט געוועהנליך געהאַלטען פערשפּאַרט נור די בעריהמטסטע און גרעסטע מלוכה־פערברעכער.

דורך די בריעף, וואָס מ׳האָט צוגענומען ביי פּלאָנסקי׳ן, האָט מען ווירקליך ענטדעקט די שפּורען פון אַ געהיימער יודישער אָרגאַניזאַציע, אָבער אַלענפאַלס נישט קיין געפעהרליכע פאַר דער מלוכה־אָרדנונג און איהר בעשטאַנד. די אָרגאַני־זאַציע איז בעשטאַנען פון פאָרשטעהער פון פערשיעדענע יודישע געמיינדעס אין פּוילען, וואָס האָבען געזאַמעלט פריוויליגע נדבות אויף אונטערצושטיצען די אָרימע איינגעוואַנדערטע יודען אין ירושלים און געוויסע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס. די פּוילישע יודען האָבען אין ירושלים אַליין געהאַט זייער קהלה מיט זייער אייגענעם רב, זיי האָבען אָבער פון לאַנג שוין נישט געהאַט קיין אייגענע אשכנזים־שוהל, וועלכע איז אַמאָל, בעת אונרוהען, צעשטערט געוואָרען און דער סולטאַן האָט נישט ערלויבט די צוריק אויפצובויען. און אַט איצט ענדליך האָבען זיי בעקומען די ערלויבניש צו פערריכטען די שוהל, און דעריבער האָט דער פּוילישער רב אין ירושלים אויפגעפאָדערט, דורך פּלאָנסקי׳ס פערמיטלונג, די פּוילישע יודען, אַז זיי זאָלען קלויבען אויף דעם צוועק נדבות. אין בריעף, וואָס מ׳האָט ביי פּלאָנסקי׳ן ענטדעקט, געפינען זיך אַזעלכע געפעהרליכע אויסדריקען (אין העברעאישען), ווי „אַ דאַנק גאָט, וואָס האָט פאַר זיך אויסגעוועהלט ירושלים", האָט זיך איינגעגעבען אָבצושאַפען די פערבאָטען פון קעניג (סולטאַן) און „אומצוקעהרען די קרוין" — צוריק אויפריכטען די שוהל, — וועלכע עס האָבען פעראונרייניגט די ווילדע און צעשטערט די שונאים; דער רב פאָדערט אויף די פּוילישע יודען, אַז זיי זאָלען זיין „שטאַרק און מוטיג" („חזקו ואמצו") און זיי זאָלען העלפען „אומצוקעהרען די קרוין צו איהר פריהערדיגען הייליגטום" („להחזיר את העטרה לקדושתה").

די אויספאָרשונג פון שטרענג־אַרעסטירטען פּלאָנסקי האָט געדויערט אַ נ׳ערך צוויי חדשים, און די אויספאָרשונגס־מאַכט האָט זיך דערוויַיל דערוואוסט „שרעקליכע" זאַכען: אַז דער „עמיסאַר" פּלאָנסקי איז געפאָדערט קיין ארץ־ישראל דאָרט צו שטאַר־בען, אַז די יודען וועלען אומגעקעהרט ווערען קיין ארץ־ישראל דורך משיח און אַז כדי צו דערנעהנטערן משיח׳ס קומען בענוצען זיך יודען מיט זעהר געפעהרליכע מיט־לען — מיט תפלות. ענדליך — ווי מען רעכענט, נישט אָהן אַ מתנה נאָוואָסילצעוו׳ן דורך דער יודישער געמיינדע — איז קיין מלוכה־פערברעכערישע פערשוועֶרונג צווישען די יודען נישט ענטדעקט געוואָרען, אָבער פּלאָנסקי האָט נישט דערלעבט צו זעהן דעם ליכטיגען שיין פון טאָג, וויַיל ער איז אין געפענגניש געשטאָרבען.

דער נאָוועמבער־אויפשטאַנד.

א.

דער אָנהויב פון דער בעוועגונג, וועלכע האָט דערנאָך געפיהרט צום נאָוועמבער־אויפשטאַנד, קאָן גיכער בעצייכענט ווערען אַלס אַ פּראָטעסט געגען די פערברעכען און מיסברויכען פון דער רוסישער מאַכט אין לאַנד, ווי די שטרעבונג פאָלשטענדיג צו בעפרייען זיך פון דער רוסישער הערשאַפט; די לאָזונגען פון זעלבשטענדיגקייט האָבען זיך געלאָזט הערען ערשט ווי די בעוועגונג איז שוין געווען אין גאַנג. טראָץ דעם, וואָס אַלעקסאַנדער I האָט געגעבען פּוילען אַ קאָנסטיטוציע, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַז אין פּראַקטישען לעבען בלייבט זי אָהן קיין שום ווערט. פּוילען האָט זיך באַלד געקאָנט איבערצייגען, ווי וואַקלדיג און נישט זיכער ס'איז די לאַגע אונטער דער הערשאַפט פון אַ מאָנאַרך, וואָס וואַרפט זיך פון ליבעראַליזם צו רעאַקציע, פון לאַהאַרפּ'ן צו אַרקאַמשעוו'ן, און אונטער דער פערוואַלטונג פון נאַמעסטניק גרויספירשט קאָנסטאַנטין, וואָס געהט שנעל איבער פון נאַאיווער גוטמוטיגקייט צו ווילדען צאָרן. דער איינפלוסרייכער ראַטגעבער פון נאַמיעסטניק, סענאַטאָר נאָוואָסילצעוו, וואָס דער גורל פון פּוילען האָט זיך געפונען נור ביי איהם אין די הענד, האָט זיך ערלויבט צו קרינגשעצען און צו בעליידיגען די נאַציאָנאַלע געפיהלען פון די פּאָליאַקען, ער האָט אַרעסטירט אָהן אַ געריכט און פערשיקט דאָס שענסטע פון דער פּוילישער יוגענד פאַר אַן'אונשולדיגען אויסדרוק פון נאַציאָנאַלען ראָמאַנטיזם. די פּאָליאַקען, וואָס האָבען געדיענט אַלס אָפיצירען אין פּוילישען מיליטער, האָט מען געפּייניגט, נאָכשפּיאָנירט, בעליידיגט און בכלל בעהאַנדעלט מיט דער ווילדעסטער מיסאַכטונג און אַכזריות. פּוילען איז פערפלייצט געוואָרען מיט מאַסען געלד־דורשטיגע און טאַקטלאָזע רוסישע בעאַמטע, וועלכע האָבען דאָ בעל־הבית'עוועט, ווי אין אַ פיינדליכען עראָבערטען לאַנד.

אָבער נישט־רעכענענדיג זיך מיט דעם אַלעם, האָט די פּוילישע אַריסטאָקראַטיע, די טאָן־געבערין אין געזעלשאַפטליכען לעבען, גאָרנישט געטראַכט וועגען אַן'אויפשטאַנד; איהר אונצופרידענהייט האָט זי געוואָלט אַמהעכסטען אויסדריקען אין דער פאָרם פון אַ לעגאַלער אָפּאָזיציע אין סיים. נאָך אַזאַ לאַנגער, שטורמישער צייט האָט די פּוילישע אַריסטאָקראַטיע געדורשט נאָך רוה, און העכער נאָך איז זי צו־שטאַרק צוגעבונדען געווען צו די אַמטען און העכערע שטעלעס, וואָס זי האָט בעקומען פון רוסלאַנד, אַז זי זאָל אַוועקלאָזען דאָס לאַנד־שיף אויף די אונזיכערע כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע, און דערביי האָט זי געהאַט אַ ביישפּיעל פון פראַנקרייך און געוואוסט, אַז ביי אַ רעוואָלוציע זענען אונטערגעוואָרפען אַ געפאַהר נישט נור די רוסישע הערשאַפט, נאָר אויך איהרע אייגענע פּריווילעגיעס, וואָס דעם בעסטען שוץ געפינען זיי אין דער רוסישער מאַכט. די פּוילישע אינדוסטריע, וועלכע האָט פערבונדען איהרע גרויסע

האפנונגען מיט דער עפנונג פון דער רוסישער גרענעץ, האט די קאפיטאליסטישע קרייזען אפגעשראקען פון די זעלבשטענדיגקייטס-שטרעבונגען. און אויך דאס פויערטום איז געשטאנען ווייט פון דער בעוועגונג צוליעב אנ׳אנדער סבה — איהם האט געפעהלט די פאליטישע ענטוויקלונג און פערשטענדניש פאר דער לאגע.

וועלכע שטעלונג האבען די יודען גענומען צום אויפשטאנד? — די ערפאהרונגען פון דער פערגאנגענהייט זענען געווען גאנץ ביטערע. אין זעלבשטענדיגען ווארשאווער הערצאגטום האבען די יודען קיין פיעל נחת נישט געהאט; די העלדענטהאטען פון בערעק יאסעלעוויטש׳ן און זיינע חברים בעת דעם קאסציושקא-אויפשטאנד און ביי אנדערע קאמפען פאר פוילענ׳ס פרייהייט האבען וועניג-וואס געווירקט, אז די בעציהונג צו יודען זאל פערבעסערט ווערען; צוליעב׳ן דרוק פון די אלגעמיינע, ארטיגע מאסגעבענדע לאנד-פאקטארען האבען די יודען נישט אזוי שטארק געשפירט דעם ספעציעלען דרוק מצד די רוסישע מאכט-האבער. פערקעהרט נאך, זיי האבען געוואוסט, אז גיכער קאנען זיי עפיס אויס׳פועל׳ן ביים מאסקאל נאוואסילצעוו, וועלכער האט אמאל בעפרידיגט די יודישע בקשות, אמת — אויף צו-להכעיס די פאליאקען, אדער אלס אנ׳אבצאהל פאר א גוטער „מתנה“. בעזונדערס זענען צופריעדען געווען פון די רוסען די חסידים, ווייל גראד די רוסישע צענטראלע מאכט האט זיי לעגאליזירט און צום בעקאנטען ליאדיער רבי ר׳ שניאור זלמן, פאר זיינע פערדיענסטען בעת דער נאפאלעאן-מלחמה אין יאהר 1812, זיך בעצויגען מיט בעזונדערער סימפאטיע און דאנקבארקייט. עס איז זאגאר פארהאן א מיינונג, אז נאוואסילצעוו האט, לויט דער בקשה פון די חסידים, אויפגעהאלטען אויף עטליכע יאהר די גרינדונג פון דער ראבינער-שולע, וואס איז אזוי פערהאסט געווען ביי די חסידים און זיי האבען זיך דערביי בעמיהט איבערצייגען אויך נאוואסילצעוו׳ן וועגען איהר שעדליכקייט מיט פערשידענע — צווישען זיי אויך „קליינגעלדיגע“ — ארגומענטען *).

אבער טראץ דעם אלעם און זאגאר קעגען די פארויסזאגונגען פון די פאליאקען, אפילו די, וואס זענען נישט געווען געשטימט פיינדליך בנוגע צו יודען **), האבען די פוילישע יודען גענומען אין אויפשטאנד א פערהעלטנישמעסיג בעדייטענדען אנטייל. די פעסימיסטען האבען פערזעהן דעם יודישען כאראקטער-צוג: דעם יודישען

*) דער איינציגער פאזיטיווער מאטיוו, וואס האט געקאנט בעוועגען דעם דורכשניטליכען יוד צו בעטייליגען זיך אין אויפשטאנד, איז געווען דער אוקאז פון דער צענטראלער (רוסישער) רעגירונג פון 1827 וועגען נעהמען רעקרוטען, אויפ׳ן גרונד פון וועלכען ס׳זענען טויזענדער יודישע קינדער אין גאנץ רוסלאנד, נישט אויסשליסענדיג פוילען, אבגעריסען געווארען פון זייערע פאמיליעס און פערווארפען געווארען אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון רוסלאנד. די רוסישע רעקרוטירונג איז געווען נאך שרעקליכער פאר די פוילישע יודען, ווייל פריהער האבען זיי ערפילט זייער מיליטער-דיענסט אין נאטור בלויז אין אויסנאהמס-פאלען (די געזעצען פון 1806, 1812 און 1816 האבען זיי ערלויבט צו פערבייטען זייער מיליטער-דיענסט דורך א געלד-אבצאהל).

**) די רעזידענץ ענטהאלט אין זיך זעהר פערשידענע עלעמענטען. איינוואוינער זענען פארהאן 120.000, פון זיי 80.000 יודען, אלזא כמעט א דריטער טייל פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג איז ביי די איצטיגע בעדינגונגען נישט נור נישט-נויטיג, נאר זאגאר אין פיעל הינזיכטען שעדליך". (מ. מאכנאצקי, „דזיענניק קראיאווי", נומ. 225, 1831).

גלויבען, אַז דער אמת מוז דאָך אַמאָל זיגען, די פּאַראורטייִלען מוזען פערשוואונדען ווערען און אַ זעלבסטאָפּפערנדע ליעבע צום לאַנד מוז דאָך ענדליך אָנערקענט ווערען.

ב.

די פּאַריזער יולי־רעוואָלוציע פון 1830 האָט געפונען אַנ׳אָבקלאַנג אין די פּוילישע אויפגערעגטע הערצער און מוחות: דאָס לאַנג־בעהאַלטענע אויפרייִס־מאַטעריאַל, קומענדיג אין בעריהרונג מיט אַ פייִער פון דרויסען, האָט עקספּלאָדירט. אין דער־נאַכט אויפ׳ן 29־סטען נאָוועמבער האָבען די פייִער־פלאַמען אויפ׳ן סאַלעץ און נאָוואָ־ליפּיע בעלויכטען וואַרשאָ, און די גאַסען זענען באַלד איבערפולט געוואָרען דורך מאַרשירענדע סאָלדאַטען מיט די שילער פון דער אָפיצירען־שולע אין דער שפּיץ, וועלכע זענען שנעל געגאַנגען אין דער ריכטונג צום אַרסענאַל צו פערכאַפּען דאָרט געוועהר. די געשעהענישען זענען געלאָפען מיט אַנ׳אונגעהויערער שנעלקייט. דער 30־סטער נאָוועמבער האָט געבראַכט וואַרשאָ אַ נייִע איבעראַשונג: דער איבערגע־שראָקענער נאַמעסטניק, דער „שרעקליכער״ גרויספירשט קאָנסטאַנטין, האָט זיך אַרויס־געצויגען מיט זיין מיליטער הינטער׳ן שטאָדט, פון וואַנען ער האָט געפיהרט שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטעהער פון אַדמיניסטראַציאָנס־ראַט. נאָך פיעל צעהנדליגער יאָהרען האָט זיך וואַרשאָ מיט־אַמאָל דערשפירט פריי פון אַ פרעמדער הערשאַפט. עס האָבען ווידער אויפגעלעבט די ערינערונגען פון יאָהר 1794.

באַלד צום אָנהויב האָט זיך צווישען די פערשיעדענע פּוילישע קרייִזען געלאָזט בעמערקען אַ שפּאַלטונג, וועלכע איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך די אינטערעסען־פערשיעדענהייטען פון די קרייִזען: די יוגענד און די אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער „פּאַטריאָטישער געזעלשאַפט״, האָט זיך געריסען צום אויפשטאַנד, אָבער — דאָס איז באמת וואונדערבאַר! — וואָס עס האָט זיך טאַקי דערנאָך אַרויסגעוויזען אַלס אַנ׳אומגליק, די אָנפיהרונג מיט דער רעוואָלוציע איז איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון אַזעלכע פערביסענסטע געגנער. די ברייטע עפענטליכקייט האָט וועגען דעם קיין אַהנונג ניט געהאַט; פערקעהרט, געגען דרויסען האָט אימפּאָנירט די פּלומר׳שטע אייניגקייט...

ג.

דער ענטוזיאַזם, וואָס האָט אַרומגענומען וואַרשאָ, איז אַריבער אויך אויף דער יודישער בעפעלקערונג. צום ערשטען איז צוגעשטאַנען צום אויפשטאַנד די אַקאַדע־מישע יוגענד, צווישען וועלכער עס האָבען זיך אויך געפונען די שילער פון דער ראַ־בינער־שולע. אויך יונגע יודען זענען אַריין אין דער אַקאַדעמישער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. דאַן האָט זיך געלאָזט בעמערקען די שטרעבונג, צו שאַפען, לויט׳ן ביי־שפּיעל פון יאָהר 1794, אַ בעזונדער יודישען אויפשטאַנדס־פאָלק, לויט דעם מוסטער און אָרגאַניזאַציע פון בערעק יאָסעלעוויטש׳עס פאָלק. דעם געדאַנק האָבען זיך גענו־מען צו פערווירקליכען בערעק׳ס זוהן, יוזעף, צוזאַמען מיט׳ן שריפטשטעלער הערניש, און זיי האָבען זיך געווענדט מיט אַ ביטע (אונטערגעשריבען דורך הערניש׳ן אַליין)

צום דיקטאַטאָר כלאָפּיצקי. די בּיטע איז געשריבּען אין אַ העכסט-פּאַטריאָטישען טאָן ; הערגיש שרייבּט, אַז ער האַלט דעם איצטיגען מאָמענט פאַר דעם פּאַסענדען „ארויסצווייזען אונזער איבּערגעבּענהייט צו דער נאַציאָנאַלער זאַך", און פערזיכערט, אַז ער וועט אַנהויבּען פון דער יוגענד פון די „שענסטע פאַמיליעס, כדי זי זאָל קאָנען דיענען אַלס בּיישפּיעל דער נידריגערער פאָלקס-שיכטע". אָבּער אַלס ענטפער אויף דערדאָזיגער בּיטע האָט דער אַלמעכטיגער דיקטאַטאָר געמאָלדען אין זיין בּעפעהל פון 11-טען דעצעמבּער, אַז די יודען, נישט-בּעזיצענדיג קיין בּירגערליכע רעכט, קאָנען פערזענליך זיך נישט בּעטייליגען אין דער פערטיידיגונג פון וואַרשאַ, נאָר זיי מוזען אָנשטאָט דעם אַריינטראָגען אַ בּעזונדער אָבּצאָהל. בּיי דער געלעגענהייט האָט דער קריעגס-מיניסטער מאָראַווסקי אַרויסגעזאָגט אין מלוכה-ראַט („ראַדאַ-סטאַנו") דעם מערקווירדיגען געדאַנק: „ווי קאָנען מיר ערלויבּען, אַז דאָס בּלוט פון יודען זאָל זיך אויסמישען מיט דעם שליאַכטישען בּלוט פון די פּאָליאַקען. און וואָס וועט זאָגען איירּאָפּאַ, אַז מיר, אום אויסצוקעמפען אונזער אונאָבּהענגיגקייט, האָבּען זיך נישט בּעקאָנט בּעגעהן אָהן דער יודישער הילף ?"

די יודען האָבּען דאָך אַלץ נישט געהאַלטען זייער אונטערנעהמען פאַר פערשפּיעלט, און אַ בּעזונדערע ענערגיע אין דער הינזיכט האָט אַרויסגעוויזען בּערעק'ס זוהן, כאָטש ער האָט שוין געהאַט אַ געלעגענהייט איבּערצייגען זיך אין דער אונדאַנקבּאַרקייט פון פאַטערלאַנד, וואָס איהרע זיהן האָבּען איהם פערשאַפט פערשיידענע אונאַנגענעהמליכקייטען טראָץ די גרויסע פערדינסטען פון זיין פאָטער און זיינע אייגענע וואונדען, וואָס ער האָט בּעקומען אין קאַמף פאַר פּוילען'ס פריהייט. דעם 21-סטען דעצעמבּער האָט זיך יוזעף בּערקאָוויטש געווענדעט מיט אַ הייסען אויפרוף צו זיינע בּרידער-יודען, וואָס האָט ערטערווייז דערמאָהנט דעם אויפרוף פון זיין פאָטער. ער שטעלט זיך אָבּ אויף פערשיעדענע היסטאָרישע ערינערונגען און פאָדערט אויף די יודען צו פעראייניגונג, אום דערמיט אַרויסצווייזען אונזער געמיינזאַמקייט מיט פּוילען. ער אַליין, דער ליידענדער נאָך פון נאַפּאָלעאָנ'ס צייטען — ער האָט דאַמאָלס בּעקומען זעכצעהן וואונדען — מיט זיין 17-יעהריגען זוהן לעאָן האָבּען זיך די ערשטע געשטעלט צום קאַמף. כלאָפּיצקי, מיטגעריסען מיט'ן רעוואָלוציאָנס-שטראָם, האָט געמוזט נאָכגעבּען דעם גייסט פון דער צייט. עס איז אַלזאָ געשאַפען געוואָרען אַ בּעזונדערע יודישע מיליטערישע אָבּטיילונג, וואָס בּעשטעהט פון קאַוואַלעריע, לכּל-הפּחות איין שוואַדראָן, און אַ פּאָלק ליניען-מיליטער, וועלכע האָבּען געזאָלט אויסבּעהאַלטען ווערען פון פּריוואַטער יודישער אָפּפערווילליגקייט. דידאָזיגע מיליטערישע אָבּטיילונגען האָבּען געזאָלט צוזאַמענגעשטעלט ווערען פון פּוילישע און אויסלענדישע מיליטעריש-געשולטע יודען, און נור אין פאַל ווען די אָבּטיילונגען וועלען נישט קאָנען פערפולט ווערען, זאָל מען צוציהען פרייוויליגע אויך פון אַנ'אַנדער גלויבּען. די מנדבים פון גרעסערע סומען אויף דער אויסשטאַטונג פון יודישען מיליטער האָט מען צוגעזאָגט העכערע ראַנגען. פאַר יענע אָנטיילנעהמער פון יודישען מיליטער, וואָס וועלען ווירקליך שטעהן אין דעם פיינדליכען פייער, איז גאַראַנטירט געוואָרען די פולע בּירגערליכע גלייכבּערעכטיגונג און די דערפון שטאַמענדע פּריווילעגיעס אויף די אלמנות פון די געפאַלענע אין שלאַכט.

נישט וועלענדיג, ווייזט-אויס, אָבּוואַרטען אויף די רעכט, וועלכע די יודען ווע-

לען פֿאַרקומען נאָכ'ן געפֿינען זיך „אין פֿייַנדליכען פֿייַער", אָדער אויף די פּריווילעגיעס פֿאַר די אַלמנות פֿון געהרג'טע, האָבען די אייַנפֿלוסרייַכע און פֿערמעגליכע יודען, וועלכע האָבען די ערשטע אָנגעהויבען שיטען מיט געלד אויף די קריגס-ציעלען, געוואָלט „שמיעדען דעם אייַזען כל-זמן ער איז הייס", און, שטיצענדיג זיך אויף דער קאָנסטיטוציע פֿון וואַרשאַווער הערצאָגטום (וואָס, אגב, איהר גילטיגקייט בנוגע צו יודען איז אָפּגעשטעלט געוואָרען אויף 10 יאָהר לויט'ן דעקרעט פֿון 17-טען דעצעמבער 1808), האָבען זיי געראַטען, מ'זאָל אָנווענדען די גלייַכבערעכטיגונג בנוגע צו יודען לכל-הפּחות אין דער אַקטועלער פֿראַגע, דאָס הייסט, מ'זאָל מבטל-מאַכען דעם פֿערבאָט פֿאַר יודען אָנגענומען צו ווערען אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. „מיר בעטען די הויכע רעגירונג — האָבען זיי געשריבען — זי זאָל בעוויליגען פֿאָרצושטעלען דעם דיקטאַטאָר, אַז מיר ווילען דינען, נישט נאָר מיט אונזער פֿערמעגען, אָבער אויך מיט אונזער פּערזאָן, מיט אונזער לייב, דינען דער פֿאָלקס-זאַך און אַז דאָס ענטזאָגען אונזער ביטע וואָלט פֿערפֿולט אונזערע הערצער מיט גרויס צער, און בייַם לאַנד וואָלט עס צוגענומען די הילף, וואָס אונזער אויפֿריכטיגער ווילען קאָן איהם אָהן צווייפֿעל ברענגען". גלייַכבערעכטיגונג די יודען אין דער הינזיכט איז געגעבען געוואָרען. און לעלעוועל'ן, דעם מיטגליעד פֿון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, האָט זיך געוואָלט אויך אייַנגעוועבען, אויסצוניצען די אָפּשאַצונג פֿונ'ם ספּעציעלען „יודישען אָבצאָהל" פֿאַר'ן אַרייַנפֿאָהרען קיין וואַרשאַ.

אין שטראָם פֿון די געשעהענישען איז אויך אַרייַנגעצויגען געוואָרען די וואַרשאַוער יודישע געמיינדע-פֿערוואַלטונג. דער הויפּט-שטאָב האָט געוואָלט פֿעסטשטעלען, אויב דער „דאָזאָר בוזשניטשי" האָט בעפֿולמעכטיגט בערקאָוויטש'ן, הערניש'ן און האַראָוויצ'ן צו פֿערנעהמען זיך מיט דער אָרגאַניזירונג פֿון יודישע מיליטער-אָבטיילונגען. די יודישע דאָזאָר-שטוב האָט זיך דורכדעם געפֿונען אין ווירקליך אַ שווערער לאַגע. אָפֿיציעל אונטערצושטיצען דעם אויפשטאַנד אין נאָמען פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג האָט זיך די געמיינדע-פֿערוואַלטונג נישט געפֿיהלט בערעכטיגט, בעזונדערס נאָך, נעהמענדיג אין בעטראַכט דעם פֿאַקט, אַז אין דער פֿראַגע האָט צווישען די פּאָליאַקען אַליין נישט געהערשט קיין אחדות. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר דער פֿעראַנטוואָרטליכקייט, טאָמער וועט זיך דער דאָזיגער יודישער פֿאָלק אויפ'ן שלאַכטפֿעלד נישט אויסצייכענען מיט קיין העלדענטהאַטען, וואָס ס'איז פֿאַר יענע יודישע קרייזען, וועלכע האָבען ניכטער געקוקט אויף דער זאַך, געווען גאַנץ צווייפֿעלהאַפֿט. ענדליך האָט זי זיך אויך דערשראָקען פֿאַר די אונגעהייערע קאָסטען, וועלכע וואָלטען געקאָנט ברענגען די פֿעראָרימטע געמיינע צו אַ פֿולשטענדיגען חורבן. פֿיעל יודען האָבען שוין געהאַט פֿערלאָרען זייער פֿערמעגען באַלד בייַם אויסבּרוך פֿון די אונרוהען, דער האַנדעל איז אָפּגעשטאָרבען, די באַנק-געשעפֿטען האָבען אויפֿגעהערט. — און בייַ אַזאַ מאַנגעל פֿון אייַנקונפֿטס-קוועלען האָט די געמיינע נאָך געמוזט טראָגען אויף זיך די לאַסטען פֿון נאָך-אַלץ עקזיסטירענדען כשר-אָבצאָהל, דעם נייַעם רעקרוטען-אָבצאָהל און די פֿליכט צוצושטעלען 1547 פֿעלצען, נישט רעכענענדיג שוין

די אהבעריגנט-נויטיגע „פריוויליגע" נדבות און אבצאהלונגען. חער דאזאר האט דעריבער אויף דער אנפראגע פון שטאב געגעבען א האלב-דיפלאמאטישען ענטפער.

די אנהענגער פון א בעזונדערער יודישער מיליטערישער ארגאניזאציע האט ער אנערקענט אלס „סעפאראטיסטען", און ארויסזאגענדיג זיך נעגען „אבגעזונדערטקייט, וואס בעקרעפטיגט די אמאליגע פאראורטיילען", האט ער שוין גיכער איינגעשטימט צום געדאנק, אז „די יודען זאלען קעמפען אונטער איינע און דיזעלבע פאהנען מיט די פאליאקען, וואס עס וועט מיטווירקען צו דער אייניגונג, און נישט אבזונדערונג צווישען די איינוואוינער פון בעזונדערע גלויבענס". כדי אבער דאס זאל נישט אויסזעהן, ווי א צוריקציהונג פון א נישט-געראטענער אונטערנעהמונג, האט ער געפונען פאר זיין פליכט צו פערזיכערן, אז „אויפ'ן ערשטען וואונק פון דער רעגירונג וועגען די אנגעלעגענהייטען פון ליעבען פאטערלאנד" איז ער גרייט צו פערעפענטליכען אן אויפרוף צו די גלויבענס-ברידער מיט דער אויפפאדערונג אריינצוטרעטען אין די רייהען פון מיליטער און אונטערצושטרייכען די וויכטיגקייט פון דער פליכטס-ערפילונג בנוגע דעם אייגענעם לאנד; ווי אויך צו אסיגנירען פאר יעדען פריוויליגען אויף אויסשטאטונג 150 גולדען.

די פליכטען בנוגע צו די אנהענגער פון דעם אויפשטאנד זענען דורכדעם ערפילט געווארען, נור בערקאוויטש, פערשטעהענדיג דעם אמת'ן זין פון דאזיגען ענטפער, איז נעבליבען פון אידם נישט-צופריעדען. וועלענדיג בעשטימט, נעגען דעם ווילען פון די עלטסטע יודישע געמיינדע-פארשטעהער, אלס שוואדראן-שעף פון ערשטען מאארגן-פאלק, האט ער זיך ווידער געווענדעט צו די יודען מיט אן אויפרוף צו אפפערווילינקייט, צו פעראייניגונג און קאנצענטרירונג אונטער דער פאהן פון פרייהייט און צום פערגעסען די געליטענע אונרעכטען, און דערביי האט געקרוינט מיט'ן נאמען „פאנאטיקער" די אלע, וואס האבען געצווייפעלט אין דער קינפטיגער יודישער פרייהייט. „און דו, יודישע יוגענד, — האט ער געשריבען, — לאז זיך נישט פערפיהרען דורך די אייגערעדענישען פון די פערשיידענע פאנאטיקער, וואס רימען דיר אריין אין אויער, אז מיר וועלען שוין אייביג זיין פערקנעכטעט, אפילו ווען מיר וועלען טראגען צוגלייך מיט זיי אלע לאסטען און שווערע ארבייט. ניין, ברידער! גלויבט נישט זייערע ליגנערישע העצערייען, דערמאהנט זיי נור יענע פאבעל וועגען פוקס, וואס, נישט האבענדיג אליין קיין עק, האט געוואלט אלעמען איינרעדען, אז זיי זאלען אויך זייערע אבשניידען".

בערקאוויטש'עס אויפרוף האט געהאט א ווירקונג, הויפטזעכליך אויף דער יוגענד; צום אלעם ערשטען האבען זיך פערשריבען אין יאסעלעוויטש'עס אבטיילונג די שילער פון דער ראבינער-שולע; די פערמעגליכע יודען האבען אויף זייער אייגענעם חשבון איינגעריכטעט און אויסגעהאלטען א לאזארעט פאר אפיצירען; אין די צייטונגען האבען זיך בעוויזען זעהר פאטריאטישע, אין רירענדע ווערטער געשריבענע, אויפרופען פון די אסימילאטארען, וועלכע, ווי פרעמד עס זאל נישט אויסזעהן, האבען געטראגען א געוויסע ציוניסטישע פארבונג; די אסימילאטארען האבען אין זייערע אויפרופען בעטאנט, אז די פוילישע ערד, וואס האט די יודען אויפגענומען, ערנעהרט זיי און אויף וועלכער עס געפינען זיך די קברים פון די אור-עלטערן, איז א צווייטע ציון. עס האט זיך ענדליך אבגערופען אויך דער ביז-איצט צוריקגעהאלטענער דאזאר;

ערפילענדיג זיין געגעבענע הבטחה, האט ער אויפגעפאדערט די יודען אבצוגעבען די זילבערנע עטרות פון די טליתים. ער האט זיך געווענדעט נישט נור צו די ווארשאווער, נאר אויך צו די יודען אין פראווינץ, אז זיי זאלען זיך בעטייליגען אין דעם קאמף פאר פרייהייט, און דער אויפרוף האט אין פיעל ערטער געפונען אנ'אנקלאנג.

ו.

מעהר ערפאלג ווי יוזעף בערקאוויטש האט געהאט אנטאני אסטראווסקי, דער שעף פון דער נאציאנאלער גווארדיע, וועלכער האט גע'שמ'ט אלס פראגרעסיסט און געגנער פון רעליגיעזע פאראורטיילען. איהם האט זיך ווירקליך איינגעגעבען צו שאפען א געוויסע יודישע מיליטערישע ארגאניזאציע. קודם-כל האט ער אויסגעקעמפט ביי דער רעגירונג די ערלויבניש אריינצונעהמען די יודען אין דער נאציאנאלער גווארדיע, כאטש נור יודען פון א געוויסער קאטעגאריע: הייזער- און גיטער-אייגענטימער, סוחרים, קאפיטאליסטען, דאס הייסט, אזעלכע, וואס זענען שוין אייגענטליך אסימילירט און שטימען-איין אבצוראזירען די בערד, אהן וואס מ'האט אין דער גווארדיע נישט אנגענומען. און ס'האבען זיך ווירקליך געפונען פיעל אזעלכע. צום בעדויערן אבער, האט נישט די איבעריגע אסימילאציע און נישט דאס אויסערליכע „אנשטענדיגע" אויסזעהן, און זאגאר אויך נישט די גראזירטע געמבעס געקאנט בעשיצען די יודישע פאטריאטען פון פערפאלגונגען מצד די פוילישע גווארדיסטען אין דעמדאזיגען אזוי ערנסטען מאמענט פאר'ן פאטערלאנד. דער בעדייטענדער צופלוס פון געבילדעטע יודען אין דער גווארדיע — די יודישע יוגנד, וועלכע האט שטודירט אין די פוילישע בילדונגס-אנשטאלטען — האט, ווי עס בעמערקט א היסטאריקער פון יענער עפאכע, „אויפגעוועקט דעם געמיזעכץ פון קנאה, שטעכווערטלעך, וויצען, האט אויפגעבלאזען די העסליכע ליידענשאפטען פון די ראסען-פאראורטיילען".

דערנאך איז אסטראווסקי צוגעטראטען צו פארמירען שוין א ריין-יודישע מיליטערישע אבטיילונג, און, נעמליך — א בעזונדערע לאקאלע גווארדיע, וועלכע האט בעקומען אזא אויסשטאטונג ווי די נאציאנאלע און איהרע מיטגליעדער האבען גע-האט א „פריווילעגיע" און געמעגט טראגען בערד, אדאנק וואס אין איהר האבען געקאנט אריינטרעטען אויך פרומע יודען. אין דער גווארדיע האט מען אבער פערשריבען נור 850 יודען, און די איבעריגע זענען פערדעכענט געווארען צו דער פערזיכערונגס-וואך, און די איינע ווי די אנדערע האבען גלענצענד ערפילט זייערע פליכטען. „ווען דאס אויג — האט אסטראווסקי געשריבען וועגען דערדאזיגער וואך — פלעגט פאלען אויף דערדאזיגער גרופע פערארימטע, האלב-נאקעטע, איבערגעשראקענע לייט, ווי זיי וואלט שטענדיג פערפאלגט אנ'אינערליכע מאכט, א פאטאליזם, האט מען ביים דאזיגען טרויעריגען בילד נישט געקאנט נישט-האבען קיין פערקלעמט הארץ און נישט פיהלען די געוויסענס-פליכטען ארויסצוהעלפען דעמדאזיגען אין אלע הינזיכטען אנטערדריקטען פערפאלגטען טייל געזעלשאפט אין אונזער לאנד".

ו.

פּראָווינץ-שטעט ווי ווארשא און צוזאַמען... ווערן די בעציהונגען פון די פּאָלען, ווען זיי האָבן געשפּירט די קריעגערישע נאָענטקייט פון די רוסען... דאָרט זענען ניט געוועזן אַזעלכע קאָמאַנדירען — כּמעט איינצעלנע — ווי אָסטראָווסקי, אַ פּאַטריאָטישער יוגענד, ווי הערניק און יוזעף בערקאָוויטש, זייענדיג פון לאַנגע יאָרען בעווייזט פון מיליטער-דינסט, האָבן די קליינשטעדטעלדיגע יודען געשפּירט אינסטינקטיוו אַ פעראַכטונג צו בעוואָפענטע אַרויסטרעטונגען, און — לאָמיר מודה זיין אויפ'ן אמת — נאָך דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגען אויף זייערע פּלייצעס פון די פּוילישע מאַכט-האָבער, איז דער אויפשטאַנד קיין פּאַטריאָטישע בעגייסטערונג אין זייערע הערצער ניט געוועזן אימשטאַנד אַרויסצורופען. זיי האָבן זיך דעריבער פערהאַלטען צו די אַלע אויפשטאַנדס-אַנגעלעגענהייטען פּאַסיוו, וואָס עס האָט געמאַכט נאָך פיינדליכער די שטימונג פון דער פּוילישער געזעלשאַפט בנוגע זיי. מ'האָט אָנגעהויבען צו פערדעכטיגען די יודען אין שפּיאָנעריי, און דאָס האָט אַרויסגערופען שרעקליכע פאָלגען. אַמאָל האָט זיך די קאָמאַנדירען איינגעגעבען צו פערהיטען פון אונרוהען, און זאָגאַר, דורך עטליכע האַרציגע ווערטער, צוציהען די יודען צו בעטייליגען זיך אין אויפשטאַנד. אַזוי, למשל, איז געשעהן אין לובלין, פראַנק יאַן טשינסקי'ן (אַ זוהן פון אַ משומד), וועלכער האָט שפּעטער פערטיידיגט די יודען. אָבער קיין סך טשינסקי'ס זענען ניט געוועזן. די מיליטערישע קאָמאַנדירען זענען הויפּטזעכליך בעשטאַנען פון דער שליאַכטע, און זייער טיפּישער פאָרשטעהער איז בעוועזן גענעראַל סקושינעצקי, וואָס האָט אַ געוויסע צייט פערטראָטען די שטעלע פון הויפּט-קאָמאַנדיר, אַ רעאַקציאָנער און פערביסענער קלעריקאַל. אין דעם קריטישסטען מאָמענט, ווען פון אויפשטאַנד אויף דער ליטאַ איז געוועזן אָפּהענגיג דער גורל פון דער גאַנצער רעוואָלוציע, האָט ער זיך ענטזאָגט אונטערצושטיצען די אָנפיהרונג פון דעם ליטווישען מיליטער דעם ענערגישען און טאַלענטפולען גענעראַל לעווינסקי בלויז צוליעב זיין יודישער אָבשטאַמונג און האָט דאַדורך פיעל געשאַדט די אינטערעסען פון אויפשטאַנד.

די פיהרונג פון געוויסע קאָמאַנדירען פון איינצעלנע אָבטיילונגען האָט געשאַפען אַ ווירקליך טראַגישע לאַגע פאַר די יודען. אונ'ברחמנות'דיג איז מען זיך בעגאַנגען מיט די יודען, וועלכע מ'האָט חושד געווען אין שפּיאָנעריי, מעג עס זיין אָהן קיין גרונד, גלאַט אַזוי. בעזונדערס האָבן אַזוי בעהאַנדעלט די יודען די מיליטערישע אָבטיילונגען אונטער דער קאָמאַנדאָ פון פּושעט'ן און שאָן: אין אַוגוסטאָווער וואָיעוואָדסטוואָ האָבן דיזאָזיגע קאָמאַנדירען געלאָזט הענגען שטילע און אונשולדיגע יודען, און אויף עס האָט זיך געפונען אָפיצירען, וואָס האָבן זיי געוואָלט פערטיידיגען, האָט מען זיי, די אָפיצירען אַליין, געדראָהט מיט די האַרבסטע שטראָפען. אין דער אַטמאָספערע פון אויפרעגונג און געפאַהר האָט יעדער אונבעגרינדעטער קלאַנג אָנגענומען ווילדע, פאַנטאַסטישע פאָרמען, וועלכע האָבן נאַטירליך געבראַכט צו די שווערסטע פאָלגען. אַמטראַגישסטען איז געוועזן דער פאַקט, וואָס די יודען האָבן בעשולדיגט אין שפּיאָנעריי פון איין זייט די פּאָליאַקען, און פון דער אַנדערער — די רוסען. און ווייל אייניגע ערשטער זענען אַריבער פון האַנד צו האַנד, איז די ערשטע אויפגאַבע פון די אָדער יענע

פֿרוּשערבער גערוען אָבצורעכענען זיך מיט די יודען. „יעדעס מאָל — שרייבט איינער פֿון יענער צייט — ווען אַ נייע אָבטיילונג איז אַריין אין שטאָדט, האָט מען אויפ'ן פּלאַץ אויסגעפֿירט עקזעקוציעס: די פּאָליאַקען האָבען געשטראָפֿט קערפּערליך יענע יודען, וועלכע זיי האָבען חושד געווען אין ווייזען דיענסט די רוסען, און די רוסען האָבען געשלאָגען די יודען מיט'ן קנוט, רעכענענדיג, אַז זיי שטיצען-אונטער דעם פּוילישען אויפשטאַנד".

עס איז קלאָר, אַז די באַפעלקערונג, וואָס האָט אַזוי געשפּירט אויף זיך דעם אויפשטאַנד, האָט נישט געקאָנט אַרויסגעבען פֿון זיך אַ גרויסע צאָהל פֿרייוויליגע. אָבער אויך דאָס הייסעל, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ זעלבסטאָפּפֿערונג און האַרטנעקיגקייט אָבגעגעבען דעם אויפשטאַנד, איז איבעריגען בּיטער ענטטוישט געוואָרען: אויפ'ן גרונד פֿון געזעץ פֿונ'ם 30-סטען מאַי 1831 האָט דער סיים בּעוויליגט די יודען פֿון מיליטער-דיענסט. אַרויסלעגענדיג אויף זיי צו בּעצאָהלען אַ פֿיגור-מאַן גרויסערען אָב-צאָהל, ווי בּיז-אַהער, און צו... טראָגען אַנדערע קריגס-לאַסטען גלייך מיט דער אַלגע-מיינער בּעפֿעלקערונג. אויף אַזאַ אופֿן האָט מען בּיי זיי צוגענומען די לעצטע האָפֿנונג צו אָנערקענט ווערען אַלס בּירגער, און מען האָט זיי, ווי ס'איז דעמאָלט ריכטיג בּעמערקט געוואָרען, „אויף אָבצוטרייסלען זיך פֿון דער רעוואָלוציע גענומען דעם ערשטען נע-רעכטען גרונד".

פֿון יודען בּערקאָוויטשעס ווייסען אויפֿרוף, אילוסטרירט דורך אַ לעהררייכער [illegible]פּעל, איז פֿאַר די יודען געבליבען בלויז די..... פּאַפּעל.

צווישען די פּוילישע עמיגראַנטען.

א.

דער אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך נישט געשטיצט אויף קיין געזעלשאַפטליכען קלאַס, וואָס אין זיין שפּיץ האָבען זיך געשטעלט זיינע גרעסטע געגנער און וואַגאַר פעררעטער, האָט זיך נישט געקאָנט איינגעבען. די טרויעריגע סעפּטעמבער-טעג, ווען גענעראַל פּאַסקעוויטש האָט מיט בלוט פעראייביגט זיין נאָמען אין דעם אָנדענקען פון די פּאָליאַקען, זענען אויך פערבליבען אַלס טראַגישע ערינערונג, ווי די בלוטיגע נאָוועמבער-טעג פון יאָהר 1794. ווען פאַר פּוילען איז אָנגעקומען יענע פינסטערע צייט, וואָס איז אַריבער אונטער'ן צייכען פון דער פלומר'שטער „אַמנעסטיע", האָט זיך אָנגעהויבען די עמיגראַציע פון די אויפשטאַנדס-טהיילנעהמער קיין אויסלאַנד, הויפּטזעכליך אין טראַדיציאָנעלען איינוואַנדערונגס-לאַנד פון די פּאָליטישע עמיגראַנ-טען — קיין פראַנקרייך. דער צענטער פון דער פּוילישער עמיגראַציע איז געווען פּאַריז, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ פּויליש-פראַנצויזישער קאָמיטעט אונטער לאַפאַיעט'ס פאָרזיץ. דאָ האָט מען אין גיכען געשאַפען דעם הויפּט-אָרגאַן פון דער פּוילישער עמיגראַציע, דעם „קאָמיטעט נאַראָדאָווי", וואָס האָט אין זיך פעראייניגט די דעמאָקראַטישע עלעמענטען פון דער רעוואָלוציע; זיין פרעזעס איז געווען יאָאַכים לעלעוועל.

אָנהויבענדיג ערשט דאָ אַרומצוזעהן זיך וועגען די פעהלערן, וועלכע מ'איז בעגאַנגען בעת דעם אויפשטאַנד, האָט מען זיך אויך ערשט דערמאָהנט אָן דער שלעכטער פּאָליטיק בנוגע צו יודען. אויף איין פערזאַמלונג צו פערטיידיגען די יודען האָט געהאַלטען אַ הייסע רעדע אַ יונגער פּוילישער אָפיציר בעניאַוסקי, אַ מענש מיט אַ לעגענדאַרער פערגאַנגענהייט, אַ געוועזענער קאָזאַק, וואָס האָט בעת דער אָסטראָלענקער שלאַכט פערלאָזען די רייהען פון די רוסען און ערקלערט די פּוילישע קאָמאַנדירען, אַז ער וויל קעמפען צוזאַמען מיט די פּאָליאַקען אין זייער פרייהייטס-קאַמף. אין די עמיגראַנטען-קרייזען זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען וועגען זיין יודישער אַבשטאַמונג. שילדערנדיג אין זיין רעדע דאָס טרויעריגע בילד פון דער יודישער ווירק-ליכקייט, וואָס איז אויך דורך דעם אויפשטאַנד נישט פערבעסערט געוואָרען, האָט בעניאַוסקי אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז די פּוילישע עמיגראַנטען דאַרפען פאַר דער גאַנצער וועלט מאַניפעסטירען זייער בעציהונג צו יודען און אויסשטרעקען צו זיי אַ האַנד ווי צו נאָהענטער אונטערדריקטע ברידער. דער פאָרשלאַג, וואָס איז אויפגענומען געוואָרען מיט בעגייסטערונג דורך דער אַנוועזענדער יוגענד, האָט אָבער בעגעגענט אַ ווידערשטאַנד מצד דעם קאָמיטעט-פרעזעס, לעלעוועל'ן. בעניאַוסקי'ן האָט זיך איינגעגעבען צו ברעכען דעם ווידערשטאַנד דורך אַן אָריגינעלער המצאה: ער האָט פאַרגעשפּרייט אַ קלאַנג, אַז לעלעוועל איז פון יודישער אַבשטאַמונג. די דאָזיגע

המציאה פון איין כלומר׳שטען יוד געגען אַ צווייטען האָט געהאַט איהר גוטע ווירקונג. לעלעוועל האָט באַלד גענומען דעם פּראָנט און האָט זיך זאָגאַר אַליין אונטערגענומען צו רעדאַגירען אַ מאַניפעסט „צום יודישען פאָלק“.

ב.

דער אינהאַלט פון לעלעוועל׳ס מאַניפעסט האָט שיער נישט פעשטעטיגט פעניאַווסקי׳ס קלאַגען: דער מאַניפעסט איז געשריבען אין אַ הויכען ביבלישען סטיל; דער מחבר ווענדעט זיך צו „ישראל׳ס קינדער“ און פערגלייכט זייער גורל מיט׳ן גורל פון פוילישען פאָלק, אַבגעריסען פון זייער פאַטערלאַנד, דאַרפען די יודען פערשטעהן דעם ביטערן גורל פון די פּאָליאַקען אין גלות. דאָס יודישע לעבען „אין דער פרייער און גליקליכער פוילישער רעפּובליק“ שילדערט דער מאַניפעסט אין צו-שענע פאַרבען, אַגשטאָט דעם בעדויערט ער זעהר דעם גורל פון די יודען אין די דריי צעטיילונגס-מלוכות. „ווי אַמאָל די מלכים פון אשור, מצרים און בבל, אַזוי האָבען דריי מעכטיגע אייראָפּעאישע הערשער אונטערדריקט די פּאָליאַקען, און צוגלייך מיט זיי אויך די יודען“. און ווייטער: „אין פּויזען און פרייסיש-פוילען ווינען אויס די רעגירונגס-בעאַמטע דאָס בלוט פון די יודען; אין גאַליציען פערטרייבען די „ווינער פרעה׳ס“ די יודישע רעליגיע; נאָך טרויעריגער איז די לאַגע פון די יודען אונטער דער הערשאַפט פון נבוכדנאצר פון צפון“. די יודען קאָנען ערוואַרטען זייער ערלעזונג נור פון גייעם פוילען. „פוילען וועט איינציגען ווידער אויפשטעהן; זאָלען־זשע די יודען, וואָס וואוינען אויף איהר ערד, געהן האַנד-ביי-האַנד מיט די ברידער-פּאָליאַקען. ווען עס וועט אָנקומען דער טאָג פון נצחון, וועלען די רעטענונגען אויסגעטיילט ווערען. די יודען וועלען בעקומען רעכט: אויב זיי וועלען פערלאַנגען אומצוקעהרען זיך קיין פּאַלעסטינאַ, וועלען די פּאָליאַקען זיי העלפען צו פערווירקליכען זייער דאָזיגען פערלאַנג“... דער „מאַניפעסט“ איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 3-טען נאָוועמבער 1832 און אונטערגעשריבען דורכ׳ן פּרעזעס לעלעוועל און אַלע מיטגליעדער פון „נאַראָדאָווי קאָמיטעט“. אין די פוילישע עמיגראַנטען-קרייזען האָט דער דאָזיגער ביבליש-ציוניסטישער מאַניפעסט, וואָס איז ערצוואונגען געוואָרען דורך פעניאַווסקי׳ן, געמאַכט אַן אונגעהויערן איינדרוק. „צום ערשטען מאָל — שרייבט דאַלענגערסקי — איז אַ בעדייטענדע גרופּע פּאָליאַקען אַרויסגעטראָטען מיט אַ תּערזיכערונג פון אַ בעסערער צוקונפט פאַר יודען. דאָס איז אַ נצחון פון די אידעען פון 19-טען יאָהרהונדערט איבער די מיטעלאַלטערליכע פאָראורטיילען. דאָס איז אַ רוף, וואָס האָט געפונען אַן אָבקלאַנג אין דייטשלאַנד און זיך דערהערט איבער די ברעגען פון ווייכסעל. פון דעם מאָמענט אָן האָט דאָס יודישע פאָלק געפונען זייטע פערטיידיגער“.

ג.

די בעוועגונג פאַר דער יודישער עמאַנסיפּאַציע, וואָס האָט זיך אַזוי ענטוויקעלט אין פעריאָד פון דער עמיגראַציע, איז אוועק אין צוויי ריכטונגען: פאַר איינע איז די

פראגע געווען א פראבלעם הויפטזעכליך פון פאליטישען כאראקטער, א דעמאקראטי-
שער לאזונג; פאר די צווייטע האט די יודישע בעפרייאונג אנגענומען א כאראקטער
פון א וועלט-פראבלעם און געטראגען אויף זיך א מין מיסטישע פארבונג. די ערשטע
ריכטונג האבען פערטראטען פעניאווסקי, יאן טשינסקי, שימאן קאנארסקי, מוריצי
מאכנאצקי און פיעל אנדערע. די צווייטע גרופע, וואס האט זיך צום ערשטען מאל
ענגער פעראייניגט אונטער די לאזונגען פון „מאניפעסט", האט געדאט צו פיהרען
א רייסען קאמף מיט דער רעאקציאנערער און אנטיסעמיטישער פרעסע; די ענער-
גישעסטע טעטיגקייט אין ד י ע ר גרופע האט ארויסגעוויזען יאן טשינסקי, א זאהן פון
יודישע עלטערן, וועלכע האבען זיך געשמדט נאך פאר זיין געבורט. ער איז ארויסגע-
טראטען זאגאר געגען דעם גרויסען מיצקעוויטש, דעם גרעסטען אויטאריטעט פון דער
פוילישער עמיגראציע, וועלכער האט אין זיינע „װ א נ ד ע ר ו נ ג ס - ב י כ ע ר"
אין איינצעלנע ערטער זיך ארויסגעדריקט נישט איבעריג גוט וועגען יודען. אין'ם יאהר
1833 האט טשינסקי פערעפענטליכט אין פראנצויזיש א בראשור „די פראגע פון
די פוילישע יודען", וואס איז אנגעשריבען מיט גרויס בעגייסטערונג. „מיר וועלען בע-
וויזען — שרייבט ער אין דער הקדמה, — אז אויב זיי (די יודען) זענען געווען טי-
פאסיגע צוקוקער פון קאמף, וועגען דערין שולדיג געווען די מענשען, וואס האבען
פערכאפט די מאכט בעת דער רעוואלוציע". נישט-בעגענוגענדיג זיך בלויז מיט דער
פראפאגאנדע אין דער ליטעראטור דורך פערעפענטליכען ספעציעלע ווערק אדער
דורך ארטיקלען אין דער פראנצויזישער פרעסע, האט טשינסקי זיך בעמיהט פראקטיש
צו פערבעסערן די לאגע פון די יודישע עמיגראנטען, וואס זענען געקומען קיין פאריז.
עס האט זיך איהם איינגעגעבען צוצוציהען צו דער זאך אזא איינפלוסרייכע פערזענליכ-
קייט, ווי דעם פירשט אדאם טשארטאריסקי, וועלכער, ווי מיר ווייסען, האט אין זיין
היימאט, אין פוילען אליין, וואו ער האט ווירקליך עפיס געקאנט אויסטוהן פאר די
יודען, גאר נישט איבעריג זיך אינטערעסירט מיט זייער שיקזאל. אבער דא, פון דערווייטע-
נעס, אונטער טשינסקי'ס איינפלוס, האט ער דערשפירט צו יודען סימפאטיע, און
דורך פילאנטראפישער הילף, האט ער אין יאהר 1844 געהאלטען אין פערטיידיגונג
פון די יודישע אינטערעסען אזא רעדע, וואס איהר אפקלאנג האט זיך געלאזט הערען
אין גאנץ אייראפא.

די פעהלערן, וועלכע די אויפשטאנדס-פיהרער זענען בעגאנגען געגענאיבער
די יודען, האבען שארף פערורטיילט אויך מאכנאצקי און אסטראווסקי, און דער
לעצטער, שטיצענדיג זיך אויף זיינע בעאבאכטונגען בנוגע צו די ווארשאווער יודען,
וועלכע האבען מיט זעלבסטאפאפערונג ערפילט וויכטיגע פליכטען אין די ריהען פון דער
נאציאנאלער גווארדיע, האבען אויסגעוויזען, אז די גלייכגילטיגקייט פון די פראווינצי-
יודען איז געווען דער נאטירליכער ענטפער אויף דער בעציהונג צו זיי מצד די מילי-
טערישע ספערען. שימאן קאנארסקי איז געווען אזוי בעגייסטערט איבער דער אידעע
פון א נייעם פויליש-יודישען אויפשטאנד, אז ער האט פערלאזען פאריז מיט צוועק
צו פאהרען אהיים, קיין פוילען, צו אגיטירען צווישען די פויערן און יודען. אין ווילנא
איז ער אבער ארייננעפאלען אין די הענד פון די רוסישע אגענטען. נאך די גרויסע

ענויים און געפענגנישע, האָט ער דאָרט פאַר זיין אידעע געצאָהלט מיט'ן לעבען (1839).

ד.

אין דער צווייטער גרופּע, ווי איבען בעמערקט, האָט די סימפּאַטיע צו יודען אָנגענומען מיסטישע פאָרמען. קאַראָל ראָושיצקי, געפינענדיג זיך אונטער'ן איינפלוס פון בעקאַנטען רעליגיעזען מיסטיקער טאָווינסקי, האָט זיך געוואָרפען אין די אָרעמס פון א יודישען רב, וועלכען ער האָט צופעליג בעגעגענט ביי זיין חבר; אין דעם-דאָזיגען יודישען רב האָט ראָושיצקי געזעהן דעם סימבאָל פון דער אַלטער, העלדישער און שווייגענד-ליידענדער נאַציע. ביי טאָווינסקי'ס אַנהענגער האָט זיך די סימפּאַטיע צו די יודען אויסגעדריקט אַזוי בולט, אַז די פראַנציזען האָבען זיי אָנגעהויבען רופען „די יודען פון נייעם טעסטאַמענט". טאָווינסקי'ס נביאות'דיגע ווערטער, אַז „ישראל איז שוין אָבגעקומען זיין שטראָף", האָבען געווירקט זאָגאַר אויף מיצקעוויטש'ען, וועלכער איז תשעה-באב 1845 אוועק אין א יודישער שוהל און פאַריז און האָט גערעדט פאַר די יודען א הייסע רעדע, וועלענדיג זיי איבער-צייגען, צוצושטעהן צו טאָווינסקי'ס בעוועגונג. מיצקעוויטש'עס רייד האָבען די פאַ-ריזער יודען נאַטירליך נישט איבערצייגט, פונקט ווי טאָווינסקי'ן אַליין האָט זיך נישט איינגעגעבען צו בעווייגען פאַר זיך ראָטשילד'ן. דאָס האָט אָבער נישט אָבגעקיהלט די בעגייסטערטע ליעבע, מיט וועלכער מיצקעוויטש האָט זיך דעמאָלט בעצויגען צו יודען, און באַזונדערס פון פוילישען לעגיאָן, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך מיצקעוויטש'ען, לייענען מיר: „דעם עלטערען ברודער-ישראל'ן — אַכטונג, ברודער-געפיהלען, הילף אויף'ן וועג צום איביגען און צייטווייליגען גליק, גלייכבערעכטיגונג פּאָליטישע און בירגערליכע". ביים אויסברוך פון קרימער קריעג, וואָס האָט ערפילט מיט האָפנונג די הערצער פון די פּויל, וועלכע האָבען געוואַרט אויף אַן איבערקערעניש, האָט מיצקעוויטש זיך געשלאָסען אויף דער העכסט-ראָמאַנטישער אונטער-נעהמונג, צו שאַפען א בעזונדערען יודישען לעגיאָן. גלייכצייטיג מיט מיצקעוויטש'עס רעדעס, האָט זיין אידעע-פריינד אַנטאָני גאָרעצקי בעזונגען די ליידען פון יודישען פאָלק אין ריהרענדע ליעדער, און דער דעמאָקראַטישער טעאָלאָג לאַדוויג קראָלי-קאָווסקי האָט אָנגעוויזען אויף כריסטוס'עס יודישער אָבשטאַמונג, אַלס א צייכען מן-השמים אויף דער ברודערשאַפט צווישען די פעלקער.

ה.

אָבער אויך די אַנטיסעמיטישע און יודען-פרעסערישע פּרעסע האָט נישט גע-שוויגען. אַם שאַרפסטען האָבען געהעצט געגען יודען די עמיגראַנטען-צייטונגען „דזיענניק נאַראָדאָווי" און „נאָווא פּאָלסקאַ", און דער רעדאַקטאָר פון דער לעצטער, וועלכער האָט זאָגאַר מיצקעוויטש'ען אָנגערופען רוסישער שפּיאָן, האָט וועגען די גוואַלדטהעטיגע ארויסטרעטונגען געגען יודען אין קראָקא זיך אַזוי אויסגעדריקט: „די פוילישע מאַסע, וואָס איז בעגאַנגען די טהאַט, האָט עס געטהון צוליעב היילינע

אנגרענונגען". די פּאָלעמיק מיט דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע אויף דער עמיגראַציע האָבען געפֿירט די יודען: דער שוין דערמאָהנטער הערניש, אַדוואָקאַט לודוויג לובּ-ליינער און לעאָן האָלענדערסקי (ביידע פֿערפֿאַסט אין פֿראַנצויזיש איינינע שריפטען איבער פּוילישע יודען), וועלכע האָבען אין אַלגעמיין בעלויכטען די יודען-פֿראַגע אין פּוילען.

נאַטירליך, האָט די ליעבע צו יודען מצד אייניגע פּוילישע — זאָל זיין זאָגאַר איינפלוסרייכע — עמיגראַנטען גאָרנישט געווירקט אויף'ן גורל פֿון די יודען אין לאַנד אַליין; דאָרט האָבען דאָס דעצידירענדע וואָרט געהאַט גאַנץ אַנדערע פֿאַקטאָרען.

אין ניקאלאי'ם צייטען.

א.

אין לאנד איז אלץ געבליבען ווי פריהער, אדער, קלארער גערעדט, האבען די יודיש-פוילישע בעציהונגען צוריק אנגענומען דעמזעלבען כאראקטער, ווי פאר דעם אויפשטאנד. עס איז נאך נישט ענטשווינען געווארען דער גערויש פון געוועהר, און אין ווארשא האבען זיך שוין אנגעהויבען קאמפען וועגען אזעלכע „וויכטיגע זאכען", ווי די הייזער אין די עק-גאסען, וואס געהען-ארויס אין „ערלויבטע" אדער נישט-„ערלויבטע" גאסען פאר יהודים. אין 1832 איז ערקלערט געווארען, אז די יודען, וואס וואוינען אין די הייזער פון די עק-גאסען, זענען מחויב איינצוריכטען זייערע ארויסגאנגס-טהירען צו די „ערלויבטע" גאסען צו; דערפאר אבער מאכט מען נישט קיין איבעריגע חומרות מיט די קראמען אין אזעלכע הייזער, וועלכע ווערען אלע גערעכענט אלס עקזיסטירענדע אויף א ערלויבטער גאס.

עס איז שווער צו זאגען, וואס איז געווען דראמאטישער: צי דאס, וואס די רעכטלאזע יודען האבען אונטערגעשטיצט דעם אויפשטאנד, קעמפענדיג אין די רייהען פון דער „זיכערונגס-וואך", אדער דאס, וואס דידאזיגע נאר-וואס געוועזענע העלדען האבען איצט ווידער געמוזט אויפ'ן אלטען שטייגער אנהויבען שטודירען מיט התמדה דעם פלאן פון דער פוילישער רעזידענץ, כדי צו געדענקען, וועלכע גאסען זענען פאר יודען ערלויבט און וועלכע נישט. דאן האט א גרופע יודען, וואס האט זיך אליין גערופען „דעפוטאטען פון די יודען פון קעניגרייך פוילען", זיך געווענדעט (1832) צום נאמיעסטניק, פאסקעוויטש-עריוואנסקי, מיט א ביטע, צו פערברייטערן זייערע בירגערליכע רעכט און מבטל-מאכען דעם „יודישען קאמיטעט", וואס זיין טעטיגקייט האט אלץ פולט'ער געטראגען אויף זיך שאריני'ס גייסט און ער, דער קאמיטעט, איז דעריבער פערהאסט געווארען נישט בלויז ביי די ארטאדאקסען, נאר אויך ביי די יודישע פראגרעסיסטען, אפילו ביי יענע, וואס זענען געזעסען אין דער „בעראטונגס-קאמיסיע".

פאסקעוויטש האט זיך בעצויגען סימפאטיש צו דער יודישער ביטע און האט צוגעשטעלט דעם קייזער ניקאלאי א ראפארט, אז געוויסע מאטיווען, וועלכע די ביטע-שרייבער ברענגען, פערדיענען אויפמערקזאמקייט, און אין אלגעמיין דארף מען זיך פעראינטערעסירען מיט דער יודישער לאגע, „ווייל פון צווישען די איינוואוינער פון פוילען זענען זיי אמטרייסטען טריי דער געזעצליכער רעגירונג", און כדי זיי נאכמעהר צוציהען צו זיך, דארף די רעגירונג זיי אונטערשטיצען; צו דעם צוועק איז נויטיג צו בעשאפען א קאמיטעט, וואס זאל זיך פערנעהמען מיט בעטראכטען די ביטעס פון יודען. דער קייזער האט מיט פאסקעוויטש'ען אלץ איינגעשטימט און בעמערקט דערצו, אז ער וועט מיט נאך א גרעסערער אונגעדולד אבווארטען די רעזולטאטען פון

דער אַרבּייט פון קאָמיטעט, ווייל נאָך אין די יאָהרען 1829 און 1830, ווען ער איז געווען אין ווארשא, האָט ער אין דער אָנגעלעגענהייט אַרויסגעגעבען פעראָרדנונגען, וועלכע זענען אָבער נאָך נישט דורכגעפיהרט געוואָרען. טראָץ אָבער די אַלע שענע ווערטער איז גאָרנישט אונטערגענומען געוואָרען צו פערלייכטערן די יודישע לאַגע; פערקעהרט נאָך, זיי האָבען דערשפירט אַלץ נייע פערפאָלגונגען אין דער וואוין־פראגע און אויפ'ן עקאָנאָמישען געביעט.

ב.

אנשטאָט דעם זענען די יודען פערגלייכט געוואָרען (1843) מיט דער איבּ־ריגער בעפעלקערונג אין דער שווערסטער פליכט — צו ערפילען דאָס מיליטער־דיענסט אין נאַטור אויפ'ן אָרט פון'ם ספעציעלען שטייער, וואָס זיי האָבען ביז־אַהער געצאָהלט. לכתחלה האָט מען פאַר די פוילישע יודען געוואָלט איינפיהרען די אויסנאַהמס־געזעצען, וועלכע האָבען עקזיסטירט פאַר די יודען אין רוסלאַנד, נאָר דאַנק פּאַסקעוויטש'עס השתדלות איז בעשלאָסען געוואָרען איבּערצולאָזען פאַר די פוילישע יודען די אַלגעמיינע פאָרשריפטען. דאָס איינפיהרען די מיליטער־פליכט אין נאַטור איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם מאָטיוו, וואָס די סומע פון רעקרו־טען־שטייער, וואָס איז איינגעפיהרט שוין פון לאַנג, האָט ערשט מעהר נישט ענטשפּראָכען דער צאָהל יודען, וואָס איז בעדייטענד פערגרעסערט געוואָרען. געהמענדיג אין אַכט דעם טרויעריגען צושטאַנד פון ביודזשעט אין פוילען, האָט מען געוואָלט, אויסער מיליטער־דיענסט אין נאַטור, ווייטער מאַהנען פון די יודען אויך דעם רעקרוטען־שטייער. דער קייזער האָט אָבער דערויף נישט איינגעשטימט; ער האָט ערלויבט צו נעהמען שטייער נאָר פון די, וועלכע, ווערענדיג צוגענומען צום מיליטער־דיענסט, וועלען פערלאַנגען זיך דערפון צו ענטזאָגען. עס איז דעמאָלט ענטשטאַנען דער געדאַנק אַרויסצולאָזען אַ געוויסע צאָהל „פערבייטונגס־צייכנישען" („זאַמעשטשאַטעלנאַיאַ קוויטאַנציאַ"), וואָס האָלען בעפרייען זייערע בעזיצער פון מיליטער, אָבער דער קייזער איז געווען קעגען דעם, אויסדריקענדיג זיך, אַז „דאָס איז ערגליך צו אַ האַנדעל מיט מענשען, אויף וואָס איך האָב אין דער אימפּעריע (רוסלאַנד) קיינמאָל נישט געוואָלט איינשטימען".

אַ געוויסער אומשטאַנד האָט אַם מעהרסטען ערפילט די יודישע הערצער מיט מורא און שרעק — די עלטער פון מיליטער־דיענסט איז בעשטימט געוואָרען פון 12 יאָהר אָן. יודען האָבען דעריבּער מורא געהאַט, אַז הויפּטזעכליך וועט מען נעהמען יונגע קינדער. דורך אַ פּעטיציע, וואָס יודען האָבען דערלאַנגט פּאַסקעוויטש'ען, איז אויסגעווירקט געוואָרען דער בעשלוס, אַז פון יודען וועט מען נעהמען צו מיליטער־דיענסט ערשט פון 20 יאָהר אָן, יונגערע זאָל מען נעהמען ערשט דעמאָלט, ווען די פאַמיליע, נישט וועלענדיג פערליערען איהר שפּייזער, וועט אַליין אָפּגעבען צו מיליטער אַ מינדעריעהריגען. אויף אַזאַ אופן איז די קאַנטאָניסטען־איינריכטונג נישט אָנגעווענדעט געוואָרען בנוגע צו די פּוילישע יודען און די מיליטער־פליכט אין פוילען האָט נישט געבראַכט מיט זיך יענע גרויזאַמקייטען, וואָס האָבען אַזוי פערגיפטעט דאָס לעבען פון די יודען אין רוסלאַנד. די יודען אין פוילען זענען אויך ניצל־געוואָרען פון יענער

מענשליכער רעפארמאציאנע, וועלכע עס האט געפירט אין רוסלאנד דאס אויסשטעלען רעקרוטען דורך די יודישע ארגאניזאציעס. אמת, די דאזיגע קהלות האבען געהאלט איבערגענומען אויף זיך די דאזיגע פונקציעס, אבער פאסקעוויטש האט דערויף גישט אינטערעסירט, רעכענענדיג זיך דערמיט, וואס פון איין זייט וועט דאס ברענגען צו פאלשקייטען און שווינדעלייען אין איינענעם אינטערעס פון געצעהלטע פערזאנען, און פון דער צווייטער – וועלען די פרומע גמינע-הויזער דאס אויסנוצען אלס א קאמפס-מיטעל געגען די פראגרעסיווע יודישע קרייזען.

די „פריזיוואן" זענען אריבער אין ארדנונג, קיין רעקרוטען האבען גישט געשטעלט, דורך וואס די יודען אין פוילען זענען אויך פטור-געווארען פון די „שטראף-רעקרוטען", דאס הייסט, צוצושטעלען פאר יעדען פעהלענדען רעקרוט דריי אנדערע אלס שטראף.

ג.

אלס א בעדעכטונג פון דעם ספעציעלען „כשר"-אבצאהל, וואס מען האט איינגעפיהרט ביי יודען, האט מען זיך בענוצט מיט'ן מאטיוו, וואס די יודען זענען נישט קיין „בידנער". פון דעם מאמענט אבער, ווען מ'האט אנגעהויבען צו נעהמען די יודען צו מיליטער-דיענסט, האט אזא מאטיוו פערלארען יעדען גרונד; דער אבצאהל איז פונדעסטוועגען געבליבען, און מען האט זאגאר אבגעווארפען דעם פארשלאג איהם צו רעפארמירען, כדי צו מאכען איהם וועניגער שעדליך.

אלס פערגיטיגונג פאר דיענען אין מיליטער האט די ווארשאווער רעגירונג געמאכט די יודען נאר איין הנחה. ווען די שטאדט ווארשא האט זיך אנגעהויבען צו פערגרעסערן, איז די יודען פערבאטען געווארען צו וואוינען אין די גאסען, וואס זענען פערצעכענט געווען צו די הויפט-גאסען, די „פרינציפאלע". ענדליך, אלס פערלייכטערונג, נעהמענדיג אין אכט זייער דיענען אין מיליטער און פליכט צו ענדערן זייער קליידונג, האט די רעגירונג אין דער הינזיכט געמאכט א הנחה: אויף געוויסע פערבאטענע גאסען האט מען אויסגעלאזט דריי פריווילעגירטע פאמיליעס. פון איצט-אן ערלויבט צו וואוינען פינף פאמיליעס, אויף די איבעריגע פערבאטענע ווארשאווער גאסען און די הויפט-גאסען און אנדערע שטעדט האבען די פריווילעגירטע יודען געהאט דאס רעכט צו וואוינען איבעראל (1848).

ווען אין 1840 האט מען אין רוסלאנד זיך פערנומען מיט דורכפיהרען גרינד-ליכע רעפארמען אין יודישען לעבען, איז אין גראף קיסעלעוו'ס קאמיטעט אויך איינגע-לאדען געווארען דער מיניסטער־סטאטס-סעקרעטאר פאר פוילישע אנגעלעגענהייטען, י. טורקול, כדי צו ברענגען אין איבעראיינשטימונג די פארשריפטען און געזעצען איבער די יודען אין פוילען מיט יענע יסודות, וועלכע געהען איצט איינגעפיהרט ווערען אין רוסלאנד. אבער אין פוילען איז מען צו קיינע רעפארמען נישט צוגעטראטען.

די פראגע וועגען פערבעסערן די יודישע לאגע אין פוילען האט, ווי אין איבעריגען רוסלאנד, אנגעהויבען ערנסטער צו בעשעפטיגען אין די 40-ער יאהרען זאנג דער השתדלות פון משה מאנטעפיארע, וועלכער האט אויך בעזוכט פוילען

און דאט אין א בעזונדערען מעמאריאל געשילדערט די טרויעריגע לעבענס-בעדינגונגען פון פוילישען יודענטום. בעטענדיג, מ'זאל פערשפרייטען אויך אויף די יודען פון קעניגרייך פוילען דיזעלבע רעפארמען, וועלכע מען האט געריכטעט איינפיהרען פאר די יודען אין גאנץ רוסלאנד, האט מאנטעפיארע אנגעוויזען אויף א גאנצער רייהע ספעציעלע רעכטליכע בעגרענצונגען, וועלכע פאלען צו לאסט אויף די פוילישע יודען. עס זענען דא פאראן פיעל שטעדט, אין וועלכע יודען איז לחלוטין פערבאטען צו וואוינען, אין אנדערע שטעדט וויעדער האבען די יודען דאס רעכט צו וואוינען נור אין געצעהלטע גאסען; זיי טארען נישט וואוינען נעבען די וועגען, ווי אויך אין גרעניץ-פאס, וואס אין אזא לאגע, ווי פוילען, מאכט עס אויס א בעדייטענדען טייל פון טעריטאריום, די יודישע האנדווערקער זענען שטארק בעגרענצט אין זייער ארבייט דורכדעם, וואס זיי טארען זיך נישט בעדינען מיט געזעלען און טאג-ארבייטער, אנקומען אויף דער לעהרע צו קריסטליכע מייסטערס און אליין אנערקענט ווערען פאר מייסטערס. אלס א בעזונדערע לאסט ליעגט אויף דער יודישער בעפעלקערונג דער כשר-אבצאהל פון פלייש און עופות; פאר'ן אריינפאהר קיין ווארשא ווערט אויך אויפגעלעגט פון די יודען א בעזונדער אבצאהל. א יוד קאן נישט ארויסטרעטען אין געריכט אלס עדות געגען א קריסט, און נאך פיעל אזעלכע בעגרענצונגען. אזוי ווי אין דער מלוכה (רוסלאנד), אזוי ווערט אויך אין פוילען פארגעווארפען די יודען, אז זיי ענטזאגען זיך פון פראדוקטיווער ארבייט און פערנעהמען זיך מיט קליין-האנדעל, פיהלען אנ'עקעל צו לאנדווירטשאפטליכער ארבייט און ווילען זיך נישט פערנעהמען מיט מלאכות, בעשעפטיגען זיך מיט קאנטראבאנדע, שיידען זיך אונטער פון דער איבעריגער בעפעלקערונג דורך זייער קליידונג א. א. וו.

מאנטעפיארע האט אויפגעוויזען, אז די בעלי-מלאכות געפינען זיך צווישען יודען אין א גרעסערן פראצענט אין פערגלייך מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג; די יודען פערנעהמען זיך מיט דער שווערסטער ארבייט; עס זענען פאראן צווישען זיי, למשל, פיעל מולארעס, שמיעדען און עהנליכע בעלי-מלאכות. די צאהל יודען, וואס פערנעהמען זיך מיט פראדוקטיווער ארבייט, וואלט זיך אהן צווייפעל פיעל פערגרעסערט, ווען עס וואלטען אבגעשאפט ווערען די רעכטליכע בעגרענצונגען, וועלכע זיי בעגעגענען אויפ'ן וועג צו זוכען ארבייט. ווען אלעקסאנדער'ס רעגירונג האט אויפגעפאדערט די יודען, אז זיי זאלען זיך פערנעהמען מיט ערד-ארבייט, האבען זיי זיך גערן אבגערופען, אבער די מאכט האט נאך זיי געלעגט אין וועג אונגעהייערע שטערונגען. בנוגע ווייטער דער בעזונדערער קליידונג, האט די פוילישע רעגירונג אליין געצוואונגען די יודען דערצו מיט דריי הונדערט יאהר צוריק; אלענפאלס, נישט שטיצענדיג זיך אויף די פארשריפטען פון דער יודישער רעליגיע, וועלען די יודען אליין זיך ביסלעכווייז אבגעוועהנען פון דער דאזיגער קליידונג. מאכענדיג צונישט, צו קיסעליעוו'ס גרויסער צופריעדענהייט, די אלע מאטיווען, וואס זענען ביז-אהער ארויסגעשטעלט געווארען צו בעגרינדען די יודישע בעגרענצונגען, האט מאנטעפיארע געבעטען דעם קייזער, אבצושאפען אט-די אלע בעגרענצונגען און פערפאלגונגען, וואס דערלאזען נישט די יודען צו פערנעהמען זיך מיט עהרליכע און פאר דעם לאנד פרוכטבארע בעשעפטיגונגען.

ד.

מאָנטעפיאָרע'ס מעמאָריאַל איז איבערגעשיקט געוואָרען צום סטאַטס-סעקרעטאַר טורקול, ער זאָל זיך וועגען איהם אַרויסזאָגען. טורקול האָט זיך אין זיין ענטפער אויספיהרליך אָבגעשטעלט אויף די אַלע עקזיסטירענדע אין פוילען רעכטליכע בעגרענצונגען פאַר יודען און האָט זיי בעלויכטען אין זייער היסטאָרישער ענטוויקלונג, אַרויסזאָגענדיג זיך דערביי פאַר פערלייכטערן און זאָגאַר אָבשאַפען דעם גרעסטען טייל פון זיי. ער האָט זאָגאַר מודה-געווען, אַז עס איז נישט לייכט מבטל-מאַכען מאָנטעפיאָרע'ס טענות בנוגע די פאָרוואורפען, וואָס ווערען געמאַכט יודען. „און וואָס אַנבעלאַנגט די ציווילע רעכטע — האָט טורקול געשריבען ווייטער—וועלכע מ'וואָלט בעדאַרפט אַנערקענען יודען, רעכען איך, אַז מ'וואָלט געקאָנט אַרויסגעבען אַ נייעם אוקאַז וועגען אַנערקענען פאַר זיי די דיזאָזיגע רעכטע מיט געוויסע בעגרענצונגען, ווי די רעגירונג וועט געפינען פאַר נויטיג, ווייל די רעגירונג פון קעניגרייך האָט זיך ביז-איצט נאָך קיינמאָל פאָזיטיוו נישט אַרויסגעזאָגט, אַז זי אַנערקענט די יודען פאַר בירגער פון פוילען, ווי עס איז געשעהען אין רוסלאַנד... אין אַלגעמיין שטעלט מיט זיך פאָר די פוילישע געזעצגעבונג אין דער הינזיכט — אויב מען קאָן עס בכלל אָנרופען „געזעצגעבונג" — נישט עפּיס אַנדערש, ווי אַ געמיש פון אַלטפרענקישע, מיטעלאַלטערליכע עסטרייכישע פיסקאַל-פאָרשריפטען, און אויך פרייסישע, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין יאָהר 1798; אָט פון די אַלע קוועלען האָט מען אַרויסגעשעפּט נור די בעגרענצונגען פאַר יודען, נישט רעכענענדיג זיך מיט די אומשטענדען, ביי וועלכע דיזאָזיגע פאָרשריפטען זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען, און נישט מיט דעם, וואָס יעדע רעגירונג האָט דערביי געהאַט אַנדערע אַבזיכטען, וואָס זענען ענטגעגענגעזעצט איינע די אַנדערע".

מאָנטעפיאָרע'ס מעמאָריאַל און די וויכטיגסטע אויסצוגען פון טורקול'ס ענטפער האָט קיסעלעוו פאָרגעשטעלט דעם קייזער מיט אַ ראַפּאָרט (1847). ברענגענדיג טורקול'ס ערקלערונג וועגען כאַראַקטער פון דער פוילישער געזעצגעבונג בנוגע יודען, האָט קיסעלעוו דערביי געמאַכט אויפמערקזאַם דעם קייזער, אַז דעם נאַמיעסטניק איז שוין פאָרגעלעגט געוואָרען, אַנצווענדען צו די יודען פון קעניגרייך, אויף-וויפיעל עס וועט זיין מעגליך, דיזעלביגע מיטלען, וועלכע ווערען איינגעפיהרט אין דער מלוכה, און ער האָט געבעטען צו בעשטעטיגען דיזאָזיגע פאָראָרדנונג. אָבער אויך דאָס האָט נישט געבראַכט צו קיין שום פּראַקטישע רעזולטאַטען.

אויף אַזאַ אופן איז בנוגע צו די יודען אין פוילען נישט אָנגעווענדעט געוואָרען די רעפאָרם אויפ'ן געביעט פון שול-וועזען, ווי ס'איז איינגעפיהרט געוואָרען אין רוסלאַנד. דאָרט האָט מען פאַר די בעדערפנישען פון יודישען שול-וועזען אָנגעהויבען צו פערווענדען דעם בעזונדערען אָבצאָהל פון יודען אַליין, וועהרענד אין פוילען איז דער ספּעציעלער יודישער אָבצאָהל ווייטער אַריין אין דער אַלגעמיינער רעגירונגס-קאַסע.

נאָר איין מיטעל האָט מען אויך דאָ איינגעפיהרט בנוגע צו יודען, ווי דאָרט, אין רוסלאַנד — דאָס איז דער פערבאָט צו טראָגען די ספּעציעלע יודישע הלבשה. אין'ם יאָהר 1851 האָבען די נידריגע מאַכט-פאָרשטעהער בעקומען אַ פאָראָרדנונג, נישט אָבצו-

שטעלען זיך פאר קיין שום מיטלען, אז די יודען זאלען תיכף ענדערן זייער קליידונג, דערביי מעג מען אפילו אנווענדען א „פערזענליכען צוואנג“ אויף יעדערען, דיזעלביגע פעראָרדנונג האט ארויסגערופען א גאנצע ריהע גוואלד-טהאטען מצד דער פאליציי, אבער דאס אלץ האט ניט געווירקט און די יודען זענען ווייטער געבליבען ביי זייערע פריהער-דיגע קליידער.

„דער פּויליש־יודישער קריעג".

א.

אין דער־וועלביגער צייט, וואָס די פּוילישע עמיגראַנטען האָבען פון דערווייטענס אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע פאַר די יודען, די פּראָגרעסיווע ווי די אָרטאָדאָקסישע, די פּאָליטיזירטע ווי די בענקענדע אומצוקערען זיך קיין ארץ־ישראל, האָבען אין לאַנד אַליין די מאַסגעבענדע פּוילישע קרייזען ניט נור ניט געפּרובט „אויסצובעסערן זייערע פעהלערן", נאָר, פערקעהרט, זיי האָבען זיך גענומען מיט נייע כּחות צו פערפאָלגען די יודען, בעניצענדיג זיך דערביי מיט דער הילף פון די רעאַקציאָנערסטע פאַרשטעהער פון דער פּרעסע, רוסישער „ערזיעהונגס־רעגירונג". דעראָזיגער פּעריאָד פון פערשאַרפטע יודישע פערפאָלגונגען האָט זיך שיער ניט געענדיגט מיט א פּאָגראָם; ער וואָלט זיך נאָך ערגער געענדיגט, ווען איהם וואָלטען ניט איבערגעריסען די נייע ערב־אויפשטאַנד־צייטען.

נאָך די שווערע יאָהרען פון פערצווייפלונג און טרויער, וואָס זענען אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם נאַציאָנאַלען דורכפאַל פון יאָהר 1831, האָט זיך אין פּוילען אַרום 1840 אָנגעהויבען צו בעמערקען א גייסטיגע און עקאָנאָמישע בעוועגונג. אויך יודען האָבען אין דיזער בעוועגונג גענומען א שטאַרקען אָנטייל. אדאַנק דעם איינפלוס פון די יודען פון מערב־אייראָפּא פון איין זייט, און פון דער צווייטער — צוליעב די רעפאָרמען אויפ'ן געביעט פון יודישען שול־וועזען, האָט די בילדונג צווישען יודען געמאַכט גרויסע פאָרשריט און אין א פערהעלטניסמעסיג ניט־לאַנגער צייט איז ענטשטאַנען א גאַנץ בעדייטענדע יודישע אינטעליגענץ. די בילדונג, וואָס יודען האָבען בעקומען אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה, האָט דעמאָלט נאָך ניט געהאַט קיין רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצען; פערקעהרט, עס איז אָפיציעל אַפילו גאַנץ קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די אונטעריכט פאַר יודען קען זיין אין דער רוסישער, דייטשער אָדער פּוילישער שפּראַך. אמת, צום אָנהויב, אונטער'ן איינפלוס פון די געבילדעטע דייטשע יודען, ווי אויך צוליעב דעם, וואָס די יודאַיסטישע ליטעראַטור האָט עקזיסטירט נור אין דייטש, האָט די דאָזיגע שפּראַך פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ, אָבער ביסלעכווייז און סיסטעמאַטיש איז זי אין פּוילען אַרויסגעשטויסען געוואָרען דורך פּויליש.

אויפ'ן עקאָנאָמישען געביעט זענען די יודען, אחוץ דעם האַנדעל, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג געפונען אין יודישע הענד, און אחוץ די געלד־געשעפטען, וואָס זענען אויך געווען אויסשליסליך ביי זיי אין די הענד, געוואָרען טעטיג אויך אין דער ספערע פון גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען. אדאַנק דער בילדונג און דער עקאָנאָמישער טעטיגקייט פון די יודען האָט זיך אָנגעהויבען צו שאַפען א געוויסער קאָנטאַקט צווישען דער יודישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ מיט די דאָזיגע פּוילישע ספערען. דער יודישער באַנקיר, אינדוסטריעלער און גרעסערער סוחר קומט אין דירעקטע

בעציהונגען מיט די גרונד־בעזיצער און בעאמטען־קרייזען. דער יודישער בוכהענדלער און פערלעגער הויבט־אן צו האבען אן איינפלוס אויף דער פוילישער ליטעראטור און וויסענשאפט, וועלכע האבען צווישען יודען זאגאר געפונען זייערע מעצענאטען. יודישע דאקטוירים בעקומען א ברייטע קליענטעלע, און איינינע פון זיי בערייכערן די וויסענשאפטליכע ליטעראטור. אזוי איז אויך געווען אויפ'ן געביעט פון שענער ליטעראטור און קונסט. די יודישע בורזשואזיע און אינטעליגענץ האט געהאט צו פערצייכענען ערפאלגען אויך אין די בעציהונגען מיט דער פוילישער אריסטאקראטיע.

גלייכצייטיג מיט'ן יודישען אנטייל אין עקאנאמישען, גייסטיגען און געזעלשאפטליכען לעבען האט זיך אלץ מעהר אנגעהויבען צו פערשפרייטען די אסימילאציאנס־אידעע. מיטגעהאלפען דערצו האט קודם־כל די ראבינער־שול, וואס איהר אדמיניסטראטיווע פערוואלטונג האט זיך געפונען אין די הענד פון פאליאקען, ווי אויך די אגיטאציע פון די שוין פון־פריהער אסימילירטע יודען, וועלכע האבען געפיהרט א קאמף מיט'ן „יודישען אבסקוראנטיזם" און זיך בעמיהט ארויסצורופען ליעבע צו דער פוילישער שפראך. אין דער פוילישער געזעלשאפט אליין זענען געווען היימע אנהענגער פון אסימילאציע. די אייניקלעך פון די פראנקיסטען; אנהענגער פון דער אסימילאציאנס־אידעע האבען זיך אויך געפונען צווישען די געבארענע פאליאקען פון אלערליי פאליטישע ריכטונגען.

אבער עס מוז בעמערקט ווערען, אז צוזאמען מיט'ן וואוקס פון דער אסימילאציע האט זיך אויך פערשטארקט דער אנטיסעמיטיזם. אלץ מעהר זענען ארויפגעשוואומען אזעלכע לייט, וואס האבען געקוקט מיט שרעק אויף דער „יודישער פערפלייצונג". זיי האט געשראקען דאס וואקסענדיגע יודישע רייכטום, אויפגערעגט דער איינפלוס פון דער יודישער פלוטאקראטיע, בעאונרוהיגט דאס יודישע אריינדרינגען אין אלע ספערען פון'ם עפענטליכען לעבען. די פאליאקען האבען אהוץ־דעם מורא געהאט, אז מעהר ווי די פאליאקען וועלען אסימילירען די יודען — וועלען די יודען אסימילירען די פאליאקען, ד. ה., לויט זייער טערמינאלאגיע, די יודען וועלען אנשטעקען די פאליאקען מיט זייערע נעגאטיווע אייגענטימליכקייטען און מיט דער יודישער עטיק, וועלכע איז געגענגעזעצט דער קריסטליכער עטיק. און דער יודישער גלייכבערעכטיגונג האבען זיי געזעהן נישט קיין וועג צו ערווערבען נייע געטרייע בירגער פאר פוילען, נאר די געפאהר פון געבען דעם „פייגדליכען עלעמענט" אין די הענד נייע מיטלען אונטערצודריקען די איינגעבארענע, פוילישע בעפעלקערונג. די דעמאלטיגע אומשטענדען האבען נישט ערלויבט דעם אנטיסעמיטיזם ארויסצוטרעטען אפען, ווייל די צענזור האט דעמאלט, צוגלייך מיט אנדערע ברענענדיגע טאגפראגען, נישט ערלויבט צו בעריהרען אויך די יודען־פראגע. דער אנטיסעמיטיזם האט זיך אויך נישט געקאנט ארויסווייזען אויף עפענטליכע פערזאמלונגען, איינפאך צוליעב דעם, ווייל זיי זענען געווען פערבאטען. צום אנהויב האט דעריבער עקזיסטירט א סאלאן־אנטיסעמיטיזם, ער איז געווען א מין „געזעלשאפטליכע פערוויילונג", א געגענשטאנד פון אונטערהאלטונגען אין קליינע קרייזען, אויף פריוואטע פערזאמלונגען. אבער דאס אויפרייס־מאטעריאל איז געווען צוגעגרייט — איין פונק האט עס געקאנט אונטערצינדען און ברענגען צו א שרעקליכען אויפרייס.

ב.

נישט קאָנענדיג געפינען פאַר זיך אַן אויסדרוק אין דער פובליציסטיק, האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם „איינגעבירגערט" אין אַן אַנדער אַרט ליטעראַטור: אין דער בעלעטריסטיק און זאָגאַר אין טעאַטראַלע און קאָנצערט-רעצענזיעס. מען דאַרף צוגעבען, אַז די דעמאָלטיגע אַנטיסעמיטען זענען נישט געווען עפּיס גלאַט אַזוי נאָסענ-יונגליך, „פעדער-אויסוואורפן" אָדער מענשען אָהן טראַדיציעס, אָהן ערדע-געפיהלען און ליטעראַרישען נאָמען; פערקעהרט, דעם אַנטיסעמיטיזם האָבען געפּרעדיגט די אָנגעזעהענסטע פאָרשטעהער פון דער פּוילישער ליטעראַטור. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז אַלס דייטער אַנטיסעמיט האָט זיך באַלד געלאָזט שפּירען י. י. קראַשעווסקי, וועלכער האָט בעטראַכט די יודען אַלס די פאַרשפּרייטער פון נידריגען קאַפּיטאַליזם, וואָס פערניכטעט און בעפלעקט די שענע אידעאַלען פון שלאַכטישען פּוילען.

„נאָך ערגער נישט — האָט קראַשעווסקי געשריבען אין זיינע „קראַנקהייטען פון דור" — האָט דער מאַטעריעלער פאָרשריט נישט געבראַכט מיט-זיך אויך די ענטוויקלונג און פערשטאַרקונג פון מאָראַל — ברויט וועט זיין, אָבער דאָס האַרץ וועט פערשווינדען... צו וואָס דאַרפען מיר משוגע ווערען, ווי אייפּ'ן מערב... ניין, זייער דאָזיגע וועלט קאָן אונזערע נישט ווערען — אַ מענש דאַרף עפּיס מעהר ווי די אכילה פון בהמות און דעם גראָשען פון אַ יודען... דאָס לאַנד וועט געניסען אין ווירטשאַפט און אינדוסטריע, אָבער מיר וועלען צוליעב אַט-דעם קליינעם פערדיענסט זיך ענטוואָגען פון זיך אַליין און אין הונדערט יאָהר אַרום וועט קיינער אונז נישט קאָנען אונטערשיידען פון יודען, פון דייטשען און פון דער גאַנצער הענדלער-חבריא".

דיזאָזיגע ערצעהלונג האָט געמאַכט אַ דערדריקענדען איינדרוק אויף דער יודישער אינטעליגענץ און זאָגאַר אַרויסגערופען אַ שריפטליכען ענטפער מצד איינעם פון די אַסימילאַטאָרען, הענריק טעפּליץ, וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין בעדויערן, וואָס אַ „פּאָעט און כריסטוס'עס אַ שילער" האָט גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ „פאַרשפּרייטער פון שנאה און פעראַכטונג" צום „יודישען פאָלק, וואָס ליידעט פון אַ טויזענדיאָהריגער טראַגעדיע". אָבער נישט דערהאָזיגער רחמנות-בריעף און נישט די ערקלערונגען פון אַנדערע יודען האָבען קראַשעווסקי'ן נישט געקאָנט איבערצייגען, ווייל אין זיין צווייטער ערצעהלונג („מעטאַמאָרפאָזען") האָט זיך זיין שנאה צו יודען אַרויסגעוויזען נאָך אין אַ בולט'ערער פאָרם.

די „מעטאַמאָרפאָזען" זענען געדרוקט געוואָרען אין דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ", וואָס איז שוין דאַן פון אַ לענגערער צייט אַרויסגעטראָטען געגען יודען. צום אָנהויב, צוליעב „אונאָבהענגיגע סיבות", האָט זי דאָס געקאָנט טהון נור צופעליג, דורך רמזים, אָבער ווען אין סוף 1859 איז די צענזור געוואָרען עטוואָס פרייער, האָט די „גאַזעטאַ" דיזאָזיגע פערהעלטניסמעסיגע פרייהייט באַלד גאַנץ ענערגיש אויסגענוצט אין איהר קאַמף געגען יודען. אָבער נישט בלויז די „גאַזעטאַ" — דערהאָזיגער אָרגאַן פון'ם פּוילישען קאָנסערוואַטיזם האָט שטענדיג אַרויסגעוויזען זיינע אַנטיסעמיטישע טענדענצען — מיט אַן אַרטיקעל געגען יודען איז אויך אַרויסגעטראָטען דער „פּשעג-

לאָטר ושעטשי פּאָלסקיך", וואָס איז ערשינען אין פּאַריז, אַלס צייטונג, וואָס געהט אַרויס אונטער בעדינגונגען פון פאָלשטענדיגער וואָרט-פרייהייט, האָט דער „פּשעגלאָנד" גענאָמען די מעגליכקייט צו שרייבען וועגען אַלץ אָפען און קלאָר און לאָזען פריי זיין אַנטי-יודישען טעמפּעראַמענט. בעמערקענדיג, אַז דעם טרויעריגען מצב פון פוילען „מאַכט נאָך ערגער דער שרעקליכער קרעבס, וואָס פרעסט-אויף דעם אָרגאַניזם פון אונזער פאָלק", ס'הייסט, „דאָס אונערהערט פערמעהרטע יודענטום", בעדויערט דער „פּשעגלאָנד" די גרויסע פערמעהרונג פון יודען און זייער „אונערטרעגליכע ריהרעוו-דיגקייט"; ער מאַכט זיי זאָגאַר דעם פּראָוואָרף, וואָס אויף פערזאַמלונגען, טעאַטער-פאָרשטעלונגען און שפּאַציר-געגנען — „נעמט אומעטום רעגט-אויף די צאָהל מאַקאַ-בייער". מיט זיין אַרויסטריט האָט דער „פּשעגלאָנד" געמאַכט די אַסימילאַטאָרען, וועלכע דער אויטאָר פון אַרטיקעל האָט בעשולדיגט נישט נור, אַז זיי עקספּלואַטירען די שליאַכטע, פערכאַפּען דעם האַנדעל, אינדוסטריע, שטעלעס און אַמטען, נאָר אויך אין דעם, וואָס זיי קומען-אַריין אין פוילישע הייזער, נעהמען-צו ביי די פּאָליאַקען זייערע שוועסטער, טעכטער און זאָגאַר.. זייערע געליבטע.

דער אַרטיקעל פון „פּשעגלאָנד" האָט אַרויסגערופען צוויי אַנטוואָרטען. איינעם, אונטער'ן נאָמען „די יודען אין פוילען", האָט אָבגעדרוקט דער לאָנדאָנער „דעמאָקראַטאַ פּאָלסקאַ", דעם צווייטען האָט אַרויסגעגעבען אין אַ בעזונדערער בראָשור אין פּאַריז יוזעף לובלינער, אַן עמיגראַנט פון יאָהר 1831. לובלינער'ס ענטפער, וואָס האָט בעזונדערס בעטאָנט זיין הייסען פוילישען פּאַטריאָטיזם און זיך געריהמט מיט'ן נאָמען „יוד-פּאָליאַק", איז געווען דורכגעדרונגען מיט וועהמוט און ענטטוישונג, און גלייכצייטיג געווען איבערפולט מיט שאַרפע סאַרקאַסטישע בעמערקונגען:

„אַמאָל — שרייבט ער — האָט מען חוזק געמאַכט פון די יודען, פאַרוואָס זיי ערנעהרען זיך מיט ציבעלע און קנאָבעל, און נור אויף שבת פערגינען זיי זיך קיגעל און פיש; איצט ווייטער מורמעלט מען אויף זיי, פאַרוואָס זיי עסען קוראָפּאַטקעס און פאַזאַנען; אַמאָל האָט מען חוזק געמאַכט, פאַרוואָס זיי געהען אָנגעטהאָן אין שמאַטעס, אַז זיי זענען „לאַפּסערדאַקעס"; איצט וואַרפט מען זיי פאָר — עקיפּאַ-זשען". אַמשטאַרקסטען האָט איהם פערדראָסען, וואָס דער אָנגריף אויף יודען „אין אַ פיינדליכען, ווי אין אַ יעזואיטישען סטיל" האָט זיך בעוויזען אין אָרגאַן פון דער פוילישער דעמאָקראַטיע. דער „פּשעגלאָנד" איז נישט געבליבען שולדיג קיין ענטפער, און דערביי, צוזאַמען מיט די אַלט-בעקאַנטע אַנטיסעמיטישע פראַזען וועגען דער יודישער עקספּלואַטאַציע א. אַ. וו., האָט ער אַרויסגעוויזען זיין פּאַטריאָטיזם און דעמאָקראַטיזם דערמיט, וואָס ער האָט אונטערגעשטראָכען „דעם טרויעריגען, אָבער אַלגעמיין בעקאַנטען פאַקט", אַז די איינגעקומענע און רייך-געוואָרענע וואַרשאַווער יודען זענען פיינדליך געשטימט געגענאיבער דעם פוילישען פאָלק און מיט זיינע פיינד סימפּאַטיזירען זיי; און נור פאַר אַלעמען זאָל קלאָר ווערען, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער צוגעגעבען, אַז דעם פּאָרוואָרף קאָן מען צונישט-מאַכען בלויז דורך טהאַטען פון פּאַטריאָטיזם, דאָס הייסט, דורך נאַציאָנאַלער אַרבייט, דורך געפענגניש, סיביר, דורך פערשיקט ווערען און דורך רואין פון פערמעגען פאַר דער פוילישער זאַך. כאַראַקטעריסטיש און

דעם ענטפער איז דאָס, וואָס דער „פשעגלאָנד" האָט בעזונדערס אָנגעגריפען די אַבי-מילאַטאָרען-פלוטאָקראַטען, „וואָס שפּאַרען צו כבודים ביי פּרעמיע און דינגען טרייע פּרעמדע"; אַנשטאָט דעם האָט ער בעוויזען אַ געוויסע סימפּאַטיע צו די פינסטערע יודישע מאַסען, אָדער, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, צו די „אין נויט פערזונקענע שיכטען פון די פּוילישע יודען".

ג.

די דאָזיגע פּאָלעמיק אין דער אויסלענדישער פּרעסע האָט קיין בעדייטענדען איינפלוס אויף די בעציהונגען אין לאַנד אַליין נישט געקאָנט האָבען, ווייל נור איינצעלנע עקזעמפּלאַרען פון די אויסלענדישע צייטונגען האָבען געקאָנט „דורכגעשמוגעלט" ווערען קיין פּוילען. אַנשטאָט דעם איז די יודען אויסגעקומען פיעל צו ליידען פון די שטענדיג-ווידערהאָלטע אָנגריפען אויף זיי אין דער אָרטיגער פערשפּרייטעסטער צייטונג „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ". די לאַגע פון די יודען אין דער היגזיכט איז געווען נאָך שמערצליכער דורכדעם, וואָס אויף די אַרויסטרעטונגען געגען זיי אין דער אָרטיגער פּרעסע האָבען זיי געקאָנט ענטפערן נור אין אויסלאַנד און דאָס אויך ניכער אין בראָשורען, ווי אין וועלכער-עס-איז פּוילישער צייטונג. און יוזעף לעבליגער, וועלענדיג פערטיידיגען ווייטער די יודען, האָט געמוזט אַרויסגעבען אַ צווייטע בראָשור, אין וועלכער ער האָט זיך אויך געקלאָגט דערויף, וואָס „די פּוילישע איזראַעליטען, נישט האָבענדיג פאַר זיך קיין פריינדליכען אָרגאַן, מוזען שווייגענדיג פערטראָגען די אַלע ולזולים, די אַלע שקרים פון די פערגיפטעטע פעדערס".

צווישען די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" האָט אַמשטאַרקסטען אַרויסגערופען טומעל דער אָנגריף געגען יודען אין אַ רעצענזיע פון אַ קאָנצערט. דעם 26-סטען דעצעמבער 1858 איז אין וואַרשאַ, אין די רעדוט-זאַלען, פאָרגעקומען דער קאָנצערט פון די פריילינס מאַריאַ און ווילהעלמינאַ נערודאַ, פון בערמען. ווערענד אין ווילנאַ האָבען זייערע קאָנצערטען געהאַט אַ גרויסען מאַטעריעלען און מאָראַלישען ערפאָלג, האָט זייער ערשטער אַרויסטריט אין וואַרשאַ געהאַט צו פערצייכנען בלויז אַ מאָראַלישען ערפאָלג, ווייל פּובליקום איז געקומען נישט-פיעל — עס האָבען נעמליך געפעהלט יודען. אַזוי בעמערקט, ערקלערט-זיך די אַבוועזענהייט פון די יודען דערמיט, וואָס זייער ערשטער קאָנצערט איז גראַד אויסגעפאַלען יום-כפור צו כל-נדרי, ווען אפילו די ווייניג-פרומע יודען געהען אין שוהל אַריין. דאָס האָבען, דאַכט-זיך, גאַנץ גוט בעדאַרפט פערשטעהן די דעמאָלטיגע אַנטיסעמיטען אין וואַרשא, וואָס איז אַזויפיעל בעזעצט געווען פון יודען, בעזונדערס נאָך דער רעצענזענט פון דער „גאַז. וואַרש." יוזעף קעניג, וועלכער האָט זעהר וואַהרשיינליך אַליין געשטאַמט פון יודען.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט קעניג — אין געגענזאַץ צום „פשעגלאָנד ושעטשי-פּאָספּאָליטע"(?) — וועלכער האָט פאָרגעוואָרפען די יודען, אַז זיי בעזוכען צופיעל פאָרשטעלונגען און קאָנצערטען — אין זיין רעצענזיע וועגען איבערגעמאַכטען קאָנצערט גע-

מאַכט אויפ'ן אַנדערעס פון די יודען בייסענדיגע בעמערקונגען דערפאַר, וואָס זיי זע־נען ניט געקומען אויפ'ן קאָנצערט:

„פריילין נערודאַ — האָט ער געשריבען — האָט גישט, ווייזט־אויס, קיין חן אין די אויגען פון אַ גרויסער קאַטעגאָריע, וואָס ווערט גערעכנעט און וויל ווער גערעכנעט ווערען פאַר מוזיקאַלישע. עס פעהלט איהר אַן אָדלער־נאָז, דונקעל־ברוינע געזיכטס־פאַרבע, שוואַרצע האָר און אַנדערע אייגענטימליכקייטען פון סעמיטישער אָבשטאַמונג, די רעדט ניט אַרויס דעם „ר“ מיט'ן האַלז, איהר פאַמיליע־נאָמען ענדיגט זיך ניט אויף בערג, בלאַט, קראַנץ, שטערן אָדער עדעלשטיינס, עס פעהלען איהר אַלזאָ די מעלות צו אונטערשטיצונג מצד דעמדאָזיגען געהיימניספוללען פערבאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף גאַנץ אייראָפּאַ, און בעזונדערס אויף אונז, און האַלטענדיג זיך ענג פערבונדען צווישען זיך, שטיצט ער יעדערען פון די זיינע, איז עס אַ באַנקיר, טענאָר, אַ ספּעקולאַנט, אַ פידלער“ א. אַ. וו.

דאָס איז געווען דער פונק, וואָס האָט אונטערגעצונדען דאָס אויפגעזאַמעלטע אויפרייס־מאַטעריאַל. עס איז געוואָרען אַ טומעל צווישען דער יודישער יוגענד, די אויפרעגונג איז אַריבער אויך צו די אַלטע. אַ גרופּע יודישע אינטעליגענטען, נאָך אַ בעראַטונג ביי איגנאַצי נאַטאַנזאָהן, האָט געשיקט צום רעדאַקטאָר פון דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ“ אַ פּראָטעסט־בריעף מיט אַ בעמערקונג, אַז אויב דער רעדאַקטאָר וועט אין פערלויף פון 8 טעג ניט אָבדרוקען די בייגעלעגטע געגען־ערקלערונג, וועלען די אונטערגעשריבענע בעטראַכטען זיין האַלטונג פאַר ניט־ערהוידיג און אַלס אַ פּראָ־דוקט פון בייזען ווילען. דער רעדאַקטאָר לעשנאָווסקי האָט די געגען־ערקלערונג ניט אָבגעדרוקט, און אָנשטאָט דעם איז ער מיט'ן דאָזיגען פּראָטעסט און איינציגע אַנאָנימע בריעף, וועלכע ער האָט אויך בעקומען פון יודען, אַוועק צו מיכאַלאָוו'ן, וועלכער איז געווען בעקאַנט מיט זיין ניט־פריינדליכער בעציהונג צו יודען. מיכאַלאָוו האָט ער־לויבט לעשנאָווסקי'ן, אָבצודרוקען אַ'ענטפער אויפ'ן יודישען פּראָטעסט און פונאַ־דערטיילען עס אין בעזונדערע קאָרעקטור־בויגענס צווישען די נייגעריגע, וואָס קומען אין רעדאַקציע. אין זיין ענטפער האָט לעשנאָווסקי ציטירט דעם אינהאַלט פון יודישען פּראָטעסט און פון די אַנאָנימע בריעף, — וועלכע, ווי ער האָט געמאָלדען, שטאַמען פון יודען, אָבער אין דער ווירקליכקייט איז זייער אָבשטאַמונג געווען גאַנץ פערדעכטיג און צווייפעלהאַפט — און, ניט זייענדיג געשטערט דורך דער צענזור, איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען יודען.

צוויי זאַצען זענען אַממערהסטען כאַראַקטעריסטיש אין דעם ענטפער. אין איין אָרט זאָגט ער: „די פערבאָטען און בעגרענצונגען פערטיידיגען נאָך דאָ און דאָרט די פּאָליאַקען, אָבער דידאָזיגע וואַנט קאָן מיט־דער־צייט אומפאַלען, ווי מוז אומפאַלען, און דאַן וואָס וועט געשעהן?“ דאָס איז געווען אַ קלאָרער וואונק אויף דער יודישער גלייכבערעכטיגונג, וואָס האָט זיך שוין געשפּירט אין דער לופט, אַדאַנק די ליבעראַלע שטרעמונגען אין רוסלאַנד. די צווייטע שטעלע איז כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס פּונקט ווי דער דעמאָקראַטישער „פשעגלאָנד“ האָט אויך די קאָנסערוואַטיווע „גאַז. וואַרש.“, אַרויסטרעטענדיג געגען די אַסימילאַטאָרען, גענומען אין שוץ די אָרימע יודישע מאַסען. זי שרייבט: „דאָס קאָן אויפרעגען (נור)... די רייכע, וועלכע... ניט

וארגענדיג פאר'ן צושטאנד פון דער גרעסערער מעהרהייט פון זייער פאלק, דער ארימער, אויסגעהונגערטער, אבגעריסענער, פינסטערער און אבערגלויבערישער צוליעב זייער שולד, און אויסנוצענדיג זיך מיט איהר, לאזען זיי זי איבער הפקר דעם גורל".

צווישען „פשעגלאנד" און „גאזעטא" איז געווען נור דער אונטערשיעד, וואס וועהרענד די אנטיסעמיטען פונ'ם ערשטען האבען געמאכט פארוואורפען די יודען פאר בעציהען זיך נישט-פריינדליך צו די „רויטע" פוילישע שטרעבונגען, האבען די אנטיסעמיטען פון דער צווייטער געריהמט די רעכטליכע בעגרענצונגען געגען יודען און זענען געגאנגען מיט מסירות אויף יודען צום פארשטעהער פון דער רוסישער „עראבע-רונגס-רעגירונג" מוכאנאוו, און דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז „די פאליציי-מאכט האט זעהר העפליך, אבער גאנץ קאטעגאריש בעפוהלען צו מעלדען די אונטער-געשריבענע אויפ'ן פראטעסט, אז יעדע בעליידיגונג פון דער פערזאן פונ'ם הערר לעש-נאווסקי וועט בעטראכט ווערען אלס א טהאט געגען די בעפעהלען פון דער מאכט". און דער אונטערשיעד צווישען דער לאגע פון די אויבענדערמאהנטע יודישע אינטע-ליגענטען און לעשנאווסקי'ן איז בעשטאנען דערין, וואס ער האט געהאט צו זיין געברויך די פערשפרייטעסטע צייטונג אין לאנד, און דארט האט ער געהאט די מעגליכ-קייט צו בעליידיגען און אויסצוטראכטען אויף יודען, וויפיעל ער אליין האט גע-וואלט, דערצו האט ער נאך ביי די שארפסטע ארויסטרעטונגען בעקומען די ספעציעלע ערלויבניש פונאנדערצוטיילען קארעקטור-בויגענס; אבער די יודען דאגעגען האבען נישט געפונען קיין גאסטפריינדשאפט אין קיין ווארשאווער צייטונג און זייער אנטווארט האבען זיי געקאנט פונאנדערשפרייטען בלויז אין מאנוסקריפטען. אחוץ די אנפאלען אין דער פרעסע האבען זיך זאגאר אין די גאסען בעוויזען נישט-אונטערגעשריבענע פלאקאטען געגען יודען, און די יודען האבען גאנץ ערנסט אנגעהויבען מורא צו הא-בען, אז דער קאמף, וואס האט זיך איצט אנגעהויבען געגען זיי, קאן ברענגען פאר זיי זעהר און זעהר טרויעריגע פאלגען.

לעשנאווסקי האט זיך נישט געוואלט בעגנוגענען מיט דער קאמפאניע אין זיין צייטונג, און נישט וועלענדיג ערלעדיגען די זאך אויף אנ'עהרען-וועג, ווי עס האבען וואהרשיינליך פערלאנגט די בעליידיגטע יודען, האט ער זיך געווענדעט צו דער פאליציי און פערפיהרט געגען די אונטערגעשריבענע אויפ'ן בריעף א פראצעס פאר בעליידיגונג. דאס איז נאך אויך געווען פאר איהם ווייניג: ער האט זיך נאך בעמיהט אבצודרוקען וועגען דעם ענין אנ'ארטיקעל אין „סלאווא", וואס איז ערשיענען צוויי מאל וועכענטליך אין פעטערבורג. און די יודען, אחוץ א קורצען און שוואכען בריעף פון זייערן א צופעליגען פערטיידיגער ב. הערצפעלד, האט זיך נישט איינגעגעבען אבצודרוקען אין „סלאווא" א הכחשה. איגנאצי נאטאנזאן האט זיך ווידער געמוזט בעגנוגענען בלויז מיט א פיעלמאל איבערגעשריבענעם בריעף, אין וועלכען ער בע-קלאגט זיך דערויף, וואס „אונטערדריקט און פערפאלגט, האבען מיר אפילו נישט וואו אבצודרוקען א פערטיידיגונגס-ווארט. פאר אונז איז אומעטום פערמאכט, און פאר ה' לעשנאווסקי'ן אפען"; ווי אויך, וואס די פוילישע פרעסע וויל נישט פערשטעהן, אז „די אויסבעסערונג פון די יודען קאן נישט דורכגעפיהרט ווערען דורך יודען אליין, נאר דערצו מוז צוהעלפען די פרעסע און זאגאר דאס גאנצע לאנד".

אָבער דאָס, וואָס די דעמאָלטיגע פאָרשטעהער פון דער פוילישער געזעלשאַפטליכער מיינונג האָבען נישט געוואָלט אָנערקענען יודען, איז זיי אָנערקענט געוואָרען דורך אַנדערע. עס איז געקומען צו „אַנ׳אַריינמישונג פון פרעמדע״: צו פערטיידיגען די יודען זענען אַרויסגעטראָטען רוסישע צייטונגען („פעטערב. וועדאָמאָסטי״, הערצען׳ס „קאָלאָקאָל״), דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע.

און די „גאַז. וואַרש.״, טרייבענדיג ווייטער איהר אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק, איז אַליין מעהר פערשפּרייט געוואָרען. לעשנאָווסקי האָט אויך אין געריכט אָבגעהאַלטען אַ נצחון, ווייל אַלע אונטערגעשריבענע אויפ׳ן פּראָטעסט האָט דאָס געריכט (וואָס איז בעשטאַנען, ווי באַרטאַשעוויטש שטרייכט־אונטער, פון בלויז פּאָליאַקען) פערה״ משפּט צו דריי חדשים טורמע!

דער אומשטאַנד, וואָס יודען ביי אַזעלכע בעציהונגען זענען פערבליבען אָהן אַ פערטיידיגונג אין דער פּרעסע, האָט בעאונרוהיגט לעאָפּאָלד קראָנענבערג׳ן, וועלכער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן געדאַנק צו גרינדען אַ פּראָגרעסיווע צייטונג און צוציהען אַלס רעדאַקטאָר... קראַשעווסקי׳ן. און אָט דערזעלביגער קראַשעווסקי, וואָס איז נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק געבליבען טויב אויף די ריהרענדיגע, מיט בלוט פון הארצען געשריבענע ווערטער פון הענריק טעפּליץ, האָט זיך פּלוצלונג געלאָזט „איבערציינגען״ דורך קראָנענבערג׳ן, וועלכער, ווי לעשנאָווסקי האָט פערזיכערט, איז געווען דער ווירקליכער רעזשיסער און אָנפיהרער פון גאַנצען סקאַנדאַל מיט׳ן פּראָטעסט, און ער זאָל זיך דאַנאָר האָבען אויסגעדריקט, אַז „אונז וועט ביז דעמאָלט נישט זיין אַזוי גוט, כּל־זמן מ׳וועט נישט אַרויספיהרען דעם לעצטען פּוילישען שליאַכטשיץ אויף סיביר״. ווען לעשנאָווסקי האָט זיך דערוואוסט פון קראָנענבערג׳ס פּלאַן וועגען דער צייטונג, האָט ער געשריבען קראַשעווסקי׳ן (נישט וויסענדיג וועגען זיין קאַנדידאַטור פאַר רעדאַקטאָר אָדער מאַכענדיג זיך, אַז ער ווייס נישט, מיט אַ בעזונדערען כּיוון): „זיי וועלען צוציהען אונטער זייער יודישער פאָהן עטליכע לאָבוסעס און הולטאַיעס — אָבער צי ווייסטו דען, אַז אפילו צווישען נידריגסטען סאָרט פון אונזערע ליטעראַטען האָבען זיך דאָך געפונען מענשען, וואָס האָבען זיי איינפאַך ענטזאָגט״. אַז לעשנאָווסקי איז מיט זיין דאָזיגער בעהויפּטונג נישט־ווייט אַוועק פון אמת, בעווייזען — אַחוץ דער אויבען־געשילדערטער אַלגעמיינער שטימונג פון דער פּוילישער פּרעסע — די פיעל אַנאָנימע בריעף מיט פּאָרוואורפען אין אַ בעליידיגענדען אָדער ווייכען טאָן צו קראַשעווסקי׳ן, אין וועלכע מען האָט פאָרגעוואָרפען, אַז ער האָט זיך פערקויפט צו יודען אָדער פערראַטען די פּוילישע אינטערעסען. איבעריגענס, האָט קראַשעווסקי אין קראָנענבערג׳ס „גאַזעטאַ צאָדזיענאַ״ די יודען־פראַגע נישט בעריהרט און האָט ווייטער געדרוקט אַנ׳ערצעהלונג אין דער יודענפרעסערישער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ״. —

אָבער גאָר אינגיכען האָבען זיך די צייטען גענצליך געענדערט און דער „פּויליש־יודישער קריעג״ איז שנעל פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ „פּויליש־יודישער אידיליע״. דערצו האָט געבראַכט די רעוואָלוציע, וואָס איהר אָנקומען האָט זיך שוין געשפּירט אין דער לופט.

וועלאָפּאָלסקי'ס רעפאָרם.

א.

דער אונגליקליכער קרימ'ער קריעג האָט אין רוסלאַנד בעוויזען בולט פאַר אַלעמען די טרויעריגע פאָלגען פון דער עקזיסטירענדער מלוכה=אָרדנונג, וואָס איז געבויט אויף די יסודות פון עקסטען אַבסאָלוטיזם, פויערן=פערקנעכטונג („פּאָנשצינאַ") און אונטערדריקונג פון יעדער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. דאָס האָט געבראַכט אין רוסלאַנד צום זיעג פון די ליבעראַלע שטרעמונגען, צו וועלכע עס האָט זיך אויך אָנערקענט די רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם 2=טען נאָכ'ן טויט פון ניקאָלאַי'ען דעם 1=טען. מ'האָט אָנגעהויבען פּראָיעקטירען דורכצופיהרען אַ גאַנצע רייהע רעפאָרמען, און צווישען אַנדערע איז אויך געשטעלט געוואָרען אויף דער טאָג=אָרדנונג די פראַגע וועגען יודען אין פּאָליאַקען. אין דער יודען=פראַגע האָט בעניימט זיין טעטיגקייט דער קאָמיטעט אונטער דער אָנפיהרונג פון ליבעראַלען און יודען=פריינדליכען קיסעליעוו. ער און אַנדערע רוסישע מלוכה=לייט זענען אַרויסגעטראָטען געגען אַלטען סיסטעם פון בעהאַנדלען יודען, געפינענדיג, אַז דאָס איז שעדליך פאַר די אַלגעמיינע מלוכה=אינטערעסען, און זיי האָבען דערביי אַרויסגעשטעלט אויך אַ פּאָליטישען אַרגומענט: די טרייהייט צו דער רוסישער רעגירונג, וואָס יודען האָבען אַרויסגעוויזען אין די יאָהרען 1812 און 1831, האָט זיך, אונטער'ן איינדרוק פון די רעפרעסיעס, אָנגעהויבען צו וואַקלען. אויפווייזענדיג אין אַ ראַפּאָרט צום קייזער די שעדליכקייט פון ביז=איצטיגען סיסטעם, האָט קיסעליעוו געפונען פאַר נויטיג, „צו רעווידירען די אַלע עקזיסטירענדע געזעצען און פעראָרדנונגען וועגען יודען מיט'ן צוועק צו פערלייכטערן זיי, ענטשפּרעכענד די אַלגעמיינע אַבזיכטען, צונויפצושמעלצען דאָסדאָזיגע פאָלק מיט דער איינגעבאָרענער בעפעלקערונג, אויף וויפיעל דאָס קאָן ערלויבען דער מאָראַלישער צושטאַנד פון די יודען".

אין אַ פריינדליכען זין פאַר יודען האָבען זיך אַרויסגעזאָגט אויך אַנדערע איינפלוסרייכע פערזאָנען פון דער העכערער רוסישער בעאַמטען=וועלט (לאַנסקאָי, סטראָגאָנאָוו, וואַלועוו, רייטערן, בלודאָוו און אַנדערע). מען האָט אויסגעאַרבייט ליבעראַלע „וואַפּיסקעס", געהאַלטען שיינע רעדעס. אמת, ווען די פּראָיעקטירטע רעפאָרמען האָבען אָנגענומען אַ רעאַלע פאָרם און געשטאַלט, האָבען זיי אויסגעזעהן פיעל בעשיידענער, ווי מ'האָט זיך פריהער פאָרגעשטעלט; אָבער אין די רוסישע בּיוּראָקראַטישע קרייזען איז געשאַפען געוואָרען אַ יודען=פריינדליכע שטימונג, וועלכע איז נאָך שטאַרקער געוואָרען אונטער'ן איינדרוק פון די מעהר פרייע שטימען, מצד די געזעלשאַפטליכע עלעמענטען. אַלס גרונד צום רעפאָרם=פּראָגראַם איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען די אַסימילאַציע: די יודען דאַרפען זיך צונויפגיסען מיט דער איינגעבאָרענער בעפעלקערונג, און די יודישע אינטעליגענץ, וואָס איהר צאָהל איז שוין געווען אַ גאַנץ היבשע, האָט דעם געדאַנקען שטאַרק אונטערגעשטיצט. דידאָזיגע אַסימילאַציע איז איגענטליך געווען רוסיפיקאַציע.

אָבער נור פאַר רוסלאַנד און פיליכט טיילווייז אויך פאַר'ן „צפון־מערב־קאַנט", אָבער בנוגע צו פּוילען איז נישט געווען אויסגעשלאָסען אונטער דעמדאָזיגען בעגריף פּאָלאָניזאַציע. אין פּוילען האָט די רוסישע רעגירונג אין יענער צייט נישט געדאַכט בנוגע צו יודען (ווי, א. פּריגעטנס, אויך נישט בנוגע פּאָליאַקען) קיין שום ענטשלאָסענע רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצען; זי האָט זיך בענוגענט בלויז מיט דער פאָדערונג פון פּאָליטישער „לאָיאַליטעט". וואו־נישט־וואו קאָן מען געפינען אין אַנאָפיציעלען רעגירונגס־דאָקומענט איינציגע ווערטער וועגען בילדען יודען אָדער מאַכען זיי נעהנטער צו דער געזעלשאַפט; אָבער מדאָט זיי געגעבען די פולע פרייהייט אויסצוקלייבען צווישען דער רוסישער, פּוילישער און — דייטשער שפּראַך. די רוסישע מלוכה־לייט האָבען זיך געהאַלטען ביי דער מיינונג, אַז די רעפאָרמען, וועלכע מען רעכענט דורכצופירען אין רוסלאַנד, דאַרפען מיט מעהר גרונד דורכגעפירט ווערען וואָס־גיכער אין פּוילען, ווייל דאָ האָט די רוסישע רעגירונג זיך שטענדיג בעצויגען צו יודען עטוואָס מילדער, מיט'ן צוועק אָבצורייסען זיי פון „שעדליכע" מלוכה־מיינונגען. און נאָכמעהר האָט מען געפונען פאַר נויטיג צו רעכענען זיך מיט די פּוילישע יודען איצט, ווען אין פּוילען האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעמערקען סימנים פון אַן'ערנסטער בעוועגונג, וועלכע זענען אַריבער אויך אויף די יודען.

גלייכצייטיג, לויט'ן גייסט פון די הערשענדע ליבעראַלע שטרעמונגען ווי אויך מיט'ן צוועק אַרויסצורייסען דעם באָדען אונטער די פיס פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַטאָרען, איז בעשלאָסען געוואָרען אין פּעטערבורג צו מאַכען געוויסע הנחות די פּאָליאַקען אין דער ריכטונג פון אויטאָנאָמיע (זעלבסטפערוואַלטונג). און אַט, כדי צו פערווירקליכען דאָסדאָזיגע גאַנצע רעפאָרם־פּראָגראַם, איז געווען נויטיג אַ פּוילישער מלוכה־מאַן, וועלכער, זייענדיג אַליין איבערגעגעבען דער רעגירונג, זאָל האָבען אַן'איינפלוס אין לאַנד און זאָל קאָנען ווירקען אויף דער פּוילישער און יודישער בעפעלקערונג, די זאָל זיך, פאַר'ן פּרייז פון מעסיגע הנחות, צופרידענשטעלען מיט דער רוסישער רעגירונג.

דאָס איז געווען דער יסוד און כאַראַקטער פון וויכטיגען מאַנדאַט, וואָס עס האָט בעקומען גראַף אַלעקסאַנדער וועלאָפּאָלסקי.

ב.

די פּוילישע יודען האָבען אַרויסגעלעגט אויפ'ן נייעם קייזער גרויסע האָפנונגען און זיך בעצויגען צו איהם שוין מיט איבערטריבענער לאָיאַליטעט. תיכף ווי אַלעקסאַנדער דער 2־טער איז אַרויף אויפ'ן טראָן, האָבען זיי ענטוויקעלט אַ טעטיגקייט מיט'ן צוועק צו געווינען די סימפּאַטיעס פונ'ם הערשער און צוציהען זיין אויפמערקזאַמקייט צו זייער שווערער לאַגע, וואָס נויטיגט זיך אין רעפאָרמען. דעם 26־סטען פעברואַר 1837 האָט דער דאָזאָר פון וואַרשאַ און די פאָרשטעדט, אַלס „דער אָרגאַן און פערטרעטונג פון דער גרעסטער יודישער גמינע אין גאַנץ קעניגרייך פּוילען", איבערגעגעבען דעם מיניסטער שטאַאַטס־סעקרעטאַר אַ ביטע, וועלכע ענטהאַלט אַ זעהר אָנגענעהמע־

חניפות'דיגע שטעלע פאַר דער צענטראַלער (פּעטערבורגער) מאַכט, אָבער גלייכצייטיג אַ קאָמפּראָמיטירענדע פאַר די אָרגאַנען פון דער אָרטיגער, לאַנדס-זעלבסטפערוואַלטונג. „אין פערשידענע תקופות — שרייבט דער דאָזאַר — האָבען די אַלערהעכסט הערשענדע בעוועגט זייער גנעדיגסטע אויפמערקזאַמקייט אויף דער לאַגע פון די יודען אין דעם היגען לאַנד, שטרעבענדיג אָדער פולשטענדיג אָבצושאַפען די פאָרשריפטען, וועלכע שטעלען די זעלביגע יודען, אין פערגלייך מיט די איינוואוינער פון אַנדערע גלויבענס, אין אַן אויסנאַהמס-לאַגע בנוגע צו געניסען פון רעכט און פּריווילעגיעס, אָדער צו בעגרענצען די פערפליכטונגס-קראַפט פון דיזאָזיגע פאָרשריפטען ביז צו אַ געוויסען טערמין". איבערגעהענדיג צו ביישפּיעלען פון דערדאָזיגער „גנעדיגסטער אויפמערקזאַמקייט", פערשווייגט דער דאָזאַר אינגאַנצען דאָס זעלבשטענדיגע פוילען און הויבט-אָן פון די דעקרעטען פונ'ם פּרייסישען קעניג פּרידריך ווילהעלם, דערביי ברענגט ער פון דער געזעצגעבונג פונ'ם אונאָבהענגיגען וואַרשאַווער הערצאָגטום נאר יענעם דעקרעט, וואָס שטעלט-אָב די יודישע רעכט אויף צעהן יאָהר, נישט-דערמאָהנענדיג אָבער דעם אינהאַלט אַליין פון דער קאָנסטיטוציע פונ'ם הערצאָגטום, וואָס „איהרע רעכט פערשפּרייטען זייער שוץ און גילטיגקייט אויף אַלע איינוואוינער פון לאַנד אָהן אונטערשיעד פון גלויבען". ווייטער רעכענט-אויס דער דאָזאַר אַלע חסדים און וואוילטאַטען פון די רוסישע קיסרים. ענדליך ווערט געשילדערט אַ בילד פון די וויכטיגסטע בעגרענצונגען, וואָס ליגען צו לאַסט אויף די יודען אין פוילען, און דער דאָזאַר בעט, מ'זאָל זיי אָבשאַפען.

אין געגענזאַץ צו דערדאָזיגער אויספירליך-מאָטיווירטער יודישער פּעטיציע, האָט דער דירעקטאָר פון דער קאָמיסיע פאַר אינערליכע און גייסטיגע אָנגעלעגענהייטען, פּאַול מוכאַנאָוו, וועלכער איז געווען נישט-גוט געשטימט צו יודען, צוגעשטעלט דעם נאַמיעסטניק אַ מעמאָריאַל פ אַ ר איבערלאָזען אין זייער קראַפט די בעגרענצונגען בנוגע צו יודען; דערביי האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אויך טימאָווסקי איז אַ געגנער פון רעפאָרמען פאַר יודען. דער רוסישער און פוילישער אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד איז דורך זיי ביידע געווען פערטראָטען.

אַנדערש אָבער האָט מען זיך בעצויגען צו דער זאַך אין פּעטערבורג. נאָכדעם ווי די יודען-פראַגע אין רוסלאַנד איז געלעגט געוואָרען אין דער ריכטונג פון רעפאָרמען, האָט קיסעלעוו געשטעלט אויף דער טאָג-אָרדנונג די פראַגע פון רעפאָרמען אין פוילען, ווייל שוין נישט איינמאָל איז געפונען געוואָרען פאַר נויטיג צו געבען די יודען אין פוילען די זעלביגע בירגערליכע רעכט, פון וועלכע עס געניסען זייערע ברידער אין רוסלאַנד. עס איז פעראָרדענט געוואָרען אָנצוווייזען די רעפאָרמען, וואָס קאָנען תיכף-ומיד פערווירקליכט ווערען, לויט די אָנגענומענע פּרינציפּען אין רוסלאַנד. דערביי איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען אַ פּאָליטישער מאָטיוו, נעמליך — מ'דאַרף איינגעפינען, אַז נעהמענדיג אין בעטראַכט די צאָהל פון די פוילישע יודען, וואָלט געווען שעדליך פאַר דער מלוכה, צו בעשווערען זיי דורך פערעלטערטע בעגרענצונגען און בעלאַסטענדיגע שטייערן, בעזונדערס נאָך, ווען אין דער שפּיץ פון דערדאָזיגער בעפעלקערונג שטעהט די יודישע אינטעליגענץ, „די איינפלוסרייכע דורך איהר רייכטום און בילדונג", און זי קאָן בעאיינפלוסען

דאָס פּוילישע יודענטום געגען דער רעגירונג. די צענטראַלע רעגירונג אין פּעטערבורג איז דעריבער געניינט געוועזען דורכצופיהרען לטובת די פּוילישע יודען תיכף-ומיד גרינדליכע רעפאָרמען; נאָר דער נאַמעסטניק אין פּוילען, גראַף נאָרטשאַקאָוו, האָט געראַטען דורכצופיהרען די רעפאָרמען ביסלעכווייז, ווי אין רוסלאַנד אַליין, „אין פערהעלטניס צום פאָרשריט אין בילדונג אָדער ציוויליזאַציע, מאָראַלישע אויסבעסערונג און ווענדונג צו נוצליכע בעשעפטיגונגען".

דער שטאַטס-סעקרעטאַר טימאָווסקי איז געגאַנגען נאָך ווייטער און האָט פערלאַנגט, אַז די צענטראַלע רעגירונג זאָל אָנצייכענען נור אין אַלגעמיינע שטריכען די נויטיגע רעפאָרמען, איבערלאָזענדיג זייער פערווירקליכונג דעם נאַמעסטניק, אָבהענגיג פון דער לאַגע אין לאַנד און **וואוילשטאַנד פון די ברייטע** בעפעלקערונגס-שיכטען. אָבער אויף אַזאַ מין „אויטאָנאָמיע" אין דער יודען-פראַגע, וואָס איהר איינציגער צוועק איז בולט געוועזען צו בעגראָבען דעם גאַנצען ענין פון רעפאָרמען, האָט מען אין פּעטערבורג נישט איינגעשטימט. דער פאָרזיצענדער פון יודישען קאָמיטעט האָט דערויף געענטפערט, אַז די אַלע הנחות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען יודען אין איבעריגען רוסלאַנד, מוזען פערשפּרייט ווערען אויך אין פּוילען, און אַז דעם נאַמעסטניק אַליין קאָן מען נישט איבערלאָזען דעם ענדגילטיגען בעשלוס, וועלכע רעכט עס דאַרפען יאָ געגעבען ווערען יודען און וועלכע נישט, ווייל דער בעשלוס אין דער פראַגע געהערט נור דעם קייזער אַליין. צוליעב אַזאַ מיינונגס-פערשידענהייט צווישען פּעטערבורג און וואַרשאַ איז די פראַגע וועגען רעפאָרם דערווייל פערצויגען געוואָרען.

ערשט די אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, וואָס איז אויסגעבראָכען אין לאַנד, און די אָנגעקומענע ידיעות אין פּעטערבורג וועגען דער הערשענדיגער מיינונג אין פּוילען, אַז אין דער פּוילען-פראַגע נעהמט אַלעקסאַנדער II אין וועג פון זיין פאָטער, — ערשט דאָס האָט געווירקט, אַז מען זאָל זיך אָנהויבען צוצואיילען מיט'ן אַדורכפיהרען די רעפאָרמען. אין פּעטערבורג האָט מען דאַן איינגעזעהן, אַז מען מוז בכלל דורכפיהרען די נויטיגע ענדערונגען מיט אַ שנעלערען טעמפּאָ. קודם-כל איז בעזייטיגט געוואָרען פון זיין שטעלע מוכאַנאָוו, וואָס איז געווען פערהאַסט אין אַ גלייכער מאָס פון די פּאָליאַקען, ווי פון די יודען. מען האָט נעדאַרפט געפינען אַ פערטרעטער אויף זיין אָרט, און דאָ האָט מען זיך אָבגעשטעלט אויף וועלאָפּאָלסקי'ן. דעם נאַמעסטניק האָט מען געמעלדעט וועגען וועלאָפּאָלסקי'ן און אויפגעקלערט איהם, אַז די פּאָליאַקען דאַרפען זיך ענטזאָגען פון זייער שטרעבונג וועגען פּאָליטישער זעלבשטענדיגקייט, נאָר, פערקעהרט, זיי דאַרפען זיך בעמיהען דורכצוקומען מיט רוסלאַנד, וואָס עס וועט זיי געבען די מעגליכקייט צו פערבלייבען ביי זייער נאַציאָנאַלער איגענאַרט און פאָרזעצען זייער ענטוויקלונג אין'ם גייסט פון זייערע היסטאָרישע טראַדיציעס. פּונקט האָט דאַן וועלאָפּאָלסקי אַרויסגעשטעלט אַזאַ פּראָגראַם, אויף וועלכען מ'האָט אין דעם מאָמענט אין פּעטערבורג איינגעשטימט. אויך אין דער יודען-פראַגע איז ער געשטאַנען אויף דעמזעלביגען שטאַנדפּונקט, ווי די פּעטערבורגער רעגירונג: פאַר אַ ראַדיקאַלער גרינדליכער רעפאָרם פון די יודישע לעבענס-בעדינגונגען אין פּוילען, און ער האָט, ווי

מיר וועלען ווייטער זעהן, וואָגאַר איינגעשטימט מיט פעטערבורג איבער די פּאָליטישע מאָטיווען פון דער רעפאָרם: אויך ער האָט געזעהן אין דער יודישער רעפאָרם אַ געגען-גיפט געגען דער רעוואָלוציע.

ג.

דעם 27-סטען מערץ 1861 האָט וועלאָפּאָלסקי איבערגענומען די פערוואַלטונג איבער דער ניי-געשאַפענער קאָמיסיע (מיניסטעריום) פון פאָלקס-בילדונג און רעליגיעס. ער האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב, תיכף צו מעלדען די יודען וועגען זיינע אַנשויאונגען, ווען אין עטליכע טעג אַרום, נאָכ'ן איבערנעהמען זיין אַמט, האָט זיך פאַר איהם פאָרגעשטעלט אַ דעלעגאַציע פון דער יודישער געמיינע אין זיין מאַיאָראַט-גוט, אין פינטשעוו, האָט וועלאָפּאָלסקי ענטוויקעלט פאַר איהר אויספיהרליך זיין פּאָליטישען פּראָגראַם. ער וויל — האָט ער ערקלערט — אָבשאַפען אַלע יודישע בעגרענצונגען, ווייל אין איירופּאַ עקזיסטירט נישט פאַר קיינעם קיין שום אויסנאַהמען אין די ציווילע רעכט. ער האַלט זאָגאַר נישט פאַר נויטיג, אַז די יודען זאָלען אַוועקוואַרפען דעם מסחר און זיך איינשפּאַנען אין אַקער-אייזען, ווייל גראָד ערד-אַרבייטער זיינען פאַרהאַן אין לאַנד איבער-גענוג, אָנשטאָט דעם פיהלט זיך אַ מאַנגעל אין מיטעל-שטאַנד, און צו ערפילען דיזאָזיגע פונקציעס האָט די השגחה אַליין אויסגעוועהלט די יודען.

פון ווערטער איז וועלאָפּאָלסקי אַריבער צו מעשים. קודם-כל האָט ער אויסגעווירקט פאַר יודען פּאָליטישע רעכט. לויט'ן געזעץ, וואָס איז דורך איהם אויסגעאַרבייט געוואָרען, וועגען די וואַהלען אין די פּאָוויאַטען און שטאָדט-ראַטען, פון וועלכע עס האָבען געזאָלט צוזאַמענגעשטעלט ווערען די גובערניאַלע ראַטען, קאָנען זיך בעטייליגען אין דער זעלבסטפערוואַלטונג פערזאָנען מיט אַ געוויסען צענז „אָהן אונטערשיעד פון שטאַנד און גלויבען”. די יודען האָבען אַלזאָ צוגלייך מיט אַלע נישט נור זיך געקאָנט בעטייליגען אין די וואַהלען, נאָר זיי האָבען אויך געקאָנט אויסגעוועהלט ווערען אין די גובערניאַלע ראַטען. נאָכדעם ווי דערדאָזיגער פּראָיעקט איז דורכ'ן קייזער בעשטעטיגט געוואָרען (24-סטען מאַי 1861), האָט וועלאָפּאָלסקי אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט וועגען געבען יודען בירגערליכע רעכט. נאָך פערשיעדענע צוזאַמענשטויסען מיט'ן וואַרשאַווער מלוכה-ראַט, האָט זיך וועלאָפּאָלסקי'ן איינגעגעבען צו בעקומען אויך פאַר דעם פּראָיעקט די קייזערליכע סאַנקציאָנירונג. דעם 5-טען יוני 1863 האָט אַלעקסאַנדער II אונטערגעשריבען אַן אוקאַז, וואָס ערלויבט יודען: 1) צו ערווערבען באָדען און אומבעוועגליכקייטען אין די שליאַכטישע גיטער, וואו די פויערן זענען אַריבער פון פּאַנשטשיזנאַ אויף „אָבראָק” אָדער „ציגזש”; 2) בעזעצען זיך פריי אין די פריהער פערבאָטענע שטעדט אָדער שטאָדט-טיילען, נישט-אויסשליסענדיג אויך יענע, וועלכע געפינען זיך אין שטח פון 21 וויאָרסט לענגז-אויס דער פּריסיש-עסטרייכישער גרענעץ; 3) אַרויסטרעטען אַלס עדות אין די געריכטען צוגלייך מיט קריסטען און שווערען לויט אַ נייעם, ווייניגער בעליידיגענדען נוסח. געבענדיג דיזאָזיגע רעכט די יודען אין האָפנונג, אַז זיי וועלען זיך

דורכדעם אסימילירען מיט דער ארטיגער, קריסטליכער בעפעלקערונג, ווערט זיי דורכ'ן זעלביגען אוקאז פערבאטען, צו בענוצען זיך אויך אויף ווייטער מיט דער העברעאישער און „יודיש־דייטשער" שפראך אין ציווילע אנגעלעגענהייטען און שריפטליכע אקטען — ביי קאנטראקטען, צוואות, פערפליכטונגען, האנדעלס־ביכער און זאגאר האנדעלס־קארעספאנדענץ. צום סוף פעראָרדענט דער אוקאז דעם אדמיניסטראציאנס־ראט פון קעניגרייך פוילען, דורכצוזעהן די אלע איבעריגע געזעצען, וואס בעגרענצען די פרייהייט פון האנדעל און האנדווערק פון דער יודישער בעפעלקערונג אדער בעשטימען פאר זיי בעזונדערע שטייערן, און אויסצוארבייטען א פראיעקט, דאס אלץ מבטל צו מאכען. דערדאזיגער פראיעקט, וואס איז מבטל נור א טייל פון די שענדליכע בעגרענצונגען פאר יודען אויפ'ן געביט פון די עלעמענטארסטע רעכט, איז געקרוינט געווארען מיט'ן הויכען נאמען „דער אקט פון גלייכבערעכטיגונג". כאראקטעריסטיש איז, אז דער פונקט, וואס פערבאט די פוילישע יודען צו בענוצען זיך מיט דער יודישער שפראך אין אפיציעלע דאקומענטען, האט, ביים בעטראכטען וועלאפאלסקי'ס פראיעקט אין ווארשאווער מלוכה־ראט, בעגעגענט אן אפאזיציע, און איינינע מיטגלידער פון מלוכה־ראט האבען זאגאר איינגעווענדעט, אז די יודען „האבען דאס רעכט צו שעצען זייער שפראך און נאציאנאלע אייגענארט" און אז דיזאזיגע בעגרענצונג וועט זיין פאר זיי א גרויסע שטערונג.

ד.

אינגיכען זענען אבגעשאפט געווארען אויך די איבעריגע עקזיסטירענדע רעכטליכע בעגרענצונגען פאר יודען. צו דער דורכפיהרונג און ווייטערער ענטוויקלונג פון קייזערליכען אוקאז האט די רעגירונגס־קאמיסיע פאר אינערליכע אנגעלעגענהייטען, מיט דער הסכמה פונ'ם אדמיניסטראציאנס־ראט, ארויסגעגעבען די פאלגענדע פעראָרדנונג:

„1) ביים פערנעהמען זיך מיט האנדווערקעריי דארפען די יודען נישט אונטערגעווארפען ווערען קיין שום אנדערע, ווי פאר די איבעריגע איינוואוינער, פארשריפטען; זיי קאנען דעריבער זיך בעטייליגען אין די וואהלען פון די מיטגלידער פון די „עלטסטע"־פערוואלטונגען אין די האנדווערקער־פעראיינען, ווי אויך פון עקספערטען ביים עקזאמענירען די שילער פאר מייסטער־געהילפען, און די לעצטע — פאר מייסטער; 2) זיי האבען דאס רעכט צו בעטייליגען זיך אין דער סוחרים־פעראייניגונג, וועהלען די פערוואלטונגס־מיטגלידער („עלטסטע") פון דיזאזיגע פערזאמלונגען און אליין אויסגעוועהלט צו ווערען; 3) זיי קאנען זיך בעטייליגען אין די וואהלען און אליין אויסגעוועהלט ווערען אלס ריכטער פון האנדעלס־טריבונאל און אלס אסעסארען (ראטמענער) ביי דער מלוכה־באנק". ווייטער איז בעשלאסען געווארען מבטל צו מאכען נאך איינינע אנדערע בעגרענצונגען. מען האט אבגעשאפט די בעגרענצונג אינ'ם פארמאצעווטען־אוסטאוו, לויט וועלכען מיט דערדאזיגער פראפעסיע קאנען זיך פערנעהמען בלויז קריסטען, און עס איז ערלויבט געווארען יודען בילדען זיך פאר פארמאצעווטען און עפענען אפטייקען. ווייטער איז ערלויבט געווארען יודישע פעלדשערים אריינצוטרעטען אין די פעלדשער־פערזאמלונגען, וועהלען און אליין

אויסגעוועהלט צו ווערען פאַר די „עלטסטע". יודען איז אויך ערלויבט געוואָרען צו זיין מעקלער ביים אָקסען־האַנדעל, וואָס ביז איצט איז עס געווען ערלויבט בלויז קריסטען. ענדליך האָט מען אויך מבטל־געמאַכט דעם „כשר־אָבצאָהל", און, לויט'ן גייסט פון אוקאַז, איז אויך פערשוואונדען געוואָרען דער „טאָג־צעטעל" (פאַר'ן אַריינפאָהר ק.ן וואַרשאָ), וואָס עס האָט געגעבען די מעגליכקייט די יודען פון פראָווינץ צו קומען אונגעשטערט קיין וואַרשא און אויף שטענדיג זיך דאָ צו בעזעצען.

דאָס מבטל־מאַכען דעם כשר־אָבצאָהל האָט אַרויסגערופען אַ געוויסע בעאונרוהיגונג אין דער וואַרשאָווער גמינע, ווייל גלייכצייטיג מיט'ן שליסען דיזאָיגע איינקונפטס־קוועלע פאַר דער מלוכה־קאַסע, האָט אויך די יודישע גמינע נישט בעקומען קיין געלד אויף איהרע אויסגאַבען. מען האָט אָנגעהויבען טראַכטען, פון וועלכער קוועלע זאָל מען בעקומען די נויטיגע סומעס אויף די גמינע־אויסגאַבען, און דיזאָיגע פראַגע איז געווען נאָכמעהר שווער צו לעזען, ווייל די ברייטע פאָלקס־מאַסען האָבען זיך געשפּירט בערעכטיגט נישט צו צאָהלען קיין שום שטייערן. די פיהרער פון דער גמינע האָבען דורכאויס געוואָלט, אויך אויף ווייטער אויפצומאָהנען דעם כשר־אָבצאָהל; געגען דעם האָבען אָבער פּראָטעסטירט אויך די פראָגרעסיסטען, ערקלערענדיג, אַז זיי געברויכען כלל נישט קיין כשר פלייש און מען דאַרף דעריבער ביי זיי דעם כשר־אָבצאָהל נישט אויפמאָהנען. אין דער פראַגע האָט זיך אַריינגעמישט דער וואַרשאָווער שטאָדט־ראַט, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען אַן ערקלערונג, אַז עס קאָן נישט זיין פערפליכטענד צו בענוצען דוקא פלייש פון בהמות, וואָס ווערען געשאָכטען מיט אַ כשר'ען מעסער („חלף"), אַז דער כשר־אָבצאָהל דאַרף בשום־אופן נישט פאַלען צולאַסט אויף די אָרימע קלאַסען און די גמינע האָט נישט קיין רעכט צו נעהמען דעם אָבצאָהל נישט פון די פלייש־קאָנסומענטען און נישט פון די שוחטים. און נור אַלס אַ פּראָוויזאָרישע מיטעל האָט מען ערלויבט דער גמינע אויפצומאָהנען דעם אָבצאָהל פון עופות; אָבער די בעפעלקערונג האָט אויך דעמדאָזיגען אָבצאָהל נישט אָנערקענט, און דער המון, אונטער'ן איינפלוס פון דער אויפגערעגטער שטימונג, וואָס האָט בכלל געהערשט אין לאַנד (1863), האָט איינמאָל פונאַנדערגעטריבען די אויפמאָהנער פונ'ם אָבצאָהל און פערניכטעט די אָפיציעלע רעגיסטערס.

ה.

די צענטראַלע פעטערבורגער רעגירונג, שטרעבענדיג צו בעאיינפלוסען די פוילישע בעפעלקערונג אין אַ גינסטיגען זין פאַר זיך דורך מעסיגע רעפאָרמען, האָט אָבער פאַר דערדאָזיגער מיסיע אויסגעקליבען אַ דורכאויס נישט־פאַסענדע פערזאָן. לויט זיין כאַראַקטער איז וועלאָפּאָלסקי געווען אַ האַרטער, שטאָלצער און אונפריינדליכער מענש, צופיעל גראַדליניג און פעסט, און דיזאָיגע איינענשאַפטען האָבען איהם געמאַכט שנעל נישט־פּאָפּולער. נאָך איבעריכען איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז „פ א ר די פּאָליאַקען קאָן מען נאָך עפּיס טהון, אָבער מ י ט די פּאָליאַקען גאָרנישט". די ווירקליכקייט האָט אָבער געוויזען פונקט פערקעהרט: „פ א ר די פּאָליאַקען קאָן מען אויך גאָרנישט טהון, אויב צו אַרבייטען מ י ט די פּאָליאַקען".

צווישען אַנדערע האָט דעם שטרייט פֿערשאַרפֿט אויך די יודען־פֿראַגע.

די געשיכטע פֿון יודען אין פּוילען האָט שוין ניט איינמאָל בעוויזען, אַז דער הערשענדער קלאַס אין לאַנד האָט ניט געלאָזט אָנערקענען די יודען ניט בלויז קיין פּאָליטישע רעכט, נאָר זאָגאַר אויך בירגערליכע; ניט נור מען האָט ענטזאָגט יודען אין זייערע רעכט, נאָר מ'האָט זיי אויך ניט געוואָלט געבען קיין האָפֿנונג אויף דער צוקונפֿט. די מאָטיווען דערצו זענען געוועזען פֿון רעליגיעזען, ווי פֿון נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. דאָס פּוילישע פֿאָלק איז געוועזען צופֿיעל צונויפֿגעשמאָלצען מיט דעם גלויבען, אַז די דעמאָלטיגע פּאָליאַקען זאָלען אָנערקענען אַלס פּאָליאַק אויך אַ מענש פֿון אַן אַנדערען, ניט־קאַטוילישען און זאָגאַר פֿון ניט־קריסטליכען גלויבען. אין אַלע פּוילישע דאָקומענטען, וואו עס רעדט זיך וועגען יודען, זעהען מיר, אַז די יודישע בעפֿעלקערונג ווערט געגענגעשטעלט דער קריסטליכער: די פּאָליאַקען ווילען בעסער פֿרעמדע אין לאַנד אַריין פֿרעמדלענדישע קריסטען, איידער גלייכבערעכטיגען די איינגעבאָרענע, פּוילישע יודען. אַ בעזונדערס שטאַרקע בעוועגונג וועגען יודען האָט זיך, ווי מיר ווייסען, אָנגעהויבען צו בעמערקען אין דער ערב־אויפֿשטאַנד־צייט. ניט־טראַכטענדיג וועגען מבטל־מאַכען די עקזיסטירענדע מיטעלאַלטערליכע בעגרענצונגען פֿאַר יודען, האָבען די מאַסגעבענדע פּוילישע קרייזען אָנגעהויבען צו בעקעמפֿען די איינציג־איבערגעבליבענע יודישע „פּריווילעגיע”: דאָס רעכט צו ערנעהרען זיך דורך האַנדעל. עס איז ערקלערט געוואָרען די יודען אַן עקאָנאָמישער קאַמף דורך שאַפֿען איינענע האַנדעלס־הייזער אָדער, ווי מ'האָט זיי אָנגערופֿען, „רעקאָמענדירונגס־הייזער”. וועלאָפּאָלסקי איז דאַגעגען געגאַנגען אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג: ניט נור וואָס ער האָט, מיט דער הילף פֿון דער צענטראַלער רעגירונג, מבטל געמאַכט די אַלע דורך די פּאָליאַקען איינגעפֿירטע בעגרענצונגען, נאָר ער האָט איינפֿאַך אָנערקענט פֿאַר די יודען די מיסיע פֿון „מיטעל־שטאַנד”, ער האָט זיי געוואָלט אונטערשטיצען ביים ערפֿילען דיזאָזיגע פֿונקציעס, פֿאַרוואָס ער האָט ערוואַרט פֿון די יודען, אַז זיי וועלען זיך אַסימילירען מיט דער פּוילישער בעפֿעלקערונג.

וועלאָפּאָלסקי איז זאָגאַר געוועזען אַזוי ניט־פֿאָרזיכטיג, אַז ער האָט באַלד געעפֿענט אַלע זיינע קאָרטען. אין אַ געשפּרעך מיט'ן רב מייזעלס האָט ער אידם געזאָגט: „פֿון איצט־אָן האָבען די יודען קיין גרונד ניט אַריינצומישען זיך אין געוויסע ענינים!” דעם אָנפֿיהרער פֿון די אַסימילאַטאָרען, לעאָפּאָלד קראָנענבערג'ן, האָט ער געמאַכט נאָך אַ וועניגער ריטערליכען פֿאָרשלאַג, נעמליך — ער האָט פֿון אידם פֿערלאַנגט, אַז ער זאָל פֿעררעטען און אַרויסגעבען די פֿערזאָנען פֿון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס „טשערוואָנטשי” און „צענטראַלען קאָמיטעט”. אָפּשאַפֿענדיג געוויסע שטייערן פֿאַר יודען, האָט וועלאָפּאָלסקי, כדי צו פֿערשטאָפּען די לעכער פֿון בודזשעט, בעשלאָסען איינצופֿיהרען אַ שטייער פֿון אַלקאָהאָל־געטראַנקען „אָדער — ווי פּשיבאָראָווסקי דריקט־זיך־אויס — ער האָט איבערגעטראָגען די לאַסט פֿון די יודישע פּלייצעס אויף די קריסטליכע”, ווייל, ווי עס זעהט־אויס, האָט די פּוילישע בעפֿעלקערונג דעמאָלט מיט אַבסטינענץ זיך ניט אויסגעצייכענט. עס זענען זאָגאַר פֿאַראַן געוויסע סימנים, אַז וועלאָפּאָלסקי האָט מיט אַ כיוון געוואָלט דערצאָרענען די פּוילישע שליאַכטע דורך זיין בעזונדערער זאָרגפֿעלטיגקייט פֿאַר יודען, ווי אויך

פאַר די פּוילישע פויערן, ווען די פּוילישע אינטעליגענץ האָט געטראָגען צייכען פון „נאַציאָנאַלען טרויער“, און די אונלעגאַלע צייטונגען האָבען צו דעם אויפגעפאָדערט, האָט זיך וועלאָפּאָלסקי׳ס אָפיציעלער אָרגאַן „דזיענניק פּאָווסעכני“ ערלויבט חוזק צו מאַכען דערפון, בעמערקענדיג, אַז „נישט אין איין אָרט, וואו עס לאָזט־זיך נאָך בעמערקען דער טרויער, זאָגען די דאָרפס־איינוואוינער, די פויערן, אַז דאָס טרויערט מען נאָך דער פּאַנשטשיזנע“, און נישט אין איין אָרט וואָלטען אויך די יודען געקאָנט זאָגען, אַז דאָס טרויערט מען נאָך די אָבגעשאַפענע יודישע בעגרענצונגען, אַז „די פויערן האָבען געטראָגען... אין זייערע הערצער... אַ טיעפען טרויער נאָך קאַזימיר דעם גרויסען; עס האָבען נאָך איהם געטרויערט אויך די אין פערלויף פון אַ לאַנגער צייט פערפאָלגטע יודען“. (פּשיבאָראָווסקי: „די געשיכטע פון 6 חדשים“, עמוד 162).

וועלאָפּאָלסקי׳ס אונגעשיקטקייט האָט געבראַכט דערצו, אַז פון איהם האָבען זיך אָבגעווענדעט אפילו די מעסיגסטע עלעמענטען. און עס איז גאַנץ פערשטענדליך, אַז ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז אַלץ מעהר געשטיגען דער איינפלוס פון די אויפשטאַנדס־אָנהענגער, וועלכע, נישט רעכענענדיג זיך מיט די אינערליכע קרעפטען פון ביידע קעמפענדע צדדים — פון דעם שוואַכען און נישט־אָרגאַניזירטען פּוילען מיט דעם מעכטיגען רוסלאַנד און זאָגאַר וואַהרשיינליך מיט די דריי צעטיילונגס־מלוכות — האָבען זיי דאָך בעשלאָסען אַרויסצוטרעטען אין אָפענעם קאַמף אויף לעבען און טויט. די אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע אונצופרידענהייט, וואָס האָט געברויזט און געקאָכט אין־דער־שטיל, האָט ענדליך געפונען איהר אויסדרוק — אין דעם נייעם אויפשטאַנד.

דער יאַנואַר־אויפשטאַנד.

א.

די בעציהונג פון די יודען צו דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך פערענדיגט מיט׳ן אויפשטאַנד פונ׳ם יאָהר 1863, איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אינ׳ם יאָהר 1830. געווירקט דערויף האָבען דריי סיבות:

די חאַראַקטערען און אונ׳רחמנות׳דיגע הערשאַפט פון ניקאָלאַי I האָבען געשפירט אויף זייערע פלייצעס נישט נור די פאָליאַקען, נאָר אויך די יודען. די איצטיגע בעוועגונג האָט שוין נישט געטראָגען, ווי די פריהערדיגע, דעם אויסגע־שפראָכענעם שליאַכטישען כאַראַקטער, נאָר זי איז געווען מעהר דעמאָקראַטיש, און הגם מען קאָן זי נישט אָנרופען פאָלקס־בעוועגונג אין ברייטען זין פון וואָרט, אָבער די הויפט־ראָליע האָבען אין איהר געשפילט די אינטעליגענטיש־בירגערליכע עלע־מענטען. די פוילישע יודען האָבען שוין דעמאָלט געהאַט אַ בעדייטענדע אינטעלי־גענץ, וואָס האָט גערעדט פויליש און איז אין אַלץ געגאַנגען האַנד־ביי־האַנד מיט די פאָליאַקען. קיין רעכט האָט זי, אמת, דורך איהר פוילישקייט זיך דערוויַיל נישט ער־וואָרבען, זי האָט אָבער זיך אַרומגעטראָגען מיט דער האָפנונג, אַז ווען די מאַכט וועט אַריבערגעהן אין די הענד צו די בעסערע פאָליאַקען, וועט די יודישע גלייכבע־רעכטיגונג באַלד ווערען אַ פאַקט.

גראָד אין דערהאָזיגער עפּאָכע האָט אַלץ געשיינט צו בעשטעטיגען, אַז די־דאָזיגע ערוואַרטע צייט וועט באַלד אָנקומען. די אַטמאָספערע אין אייראָפּאַ איז גע־ווען אָנגעפילט מיט פולווער פונ׳ם קאַמף פאַר דער בעפרייאונג פון אונטערדריקטע שיכטען און פעלקער. קיין פוילען האָבען דערגרייכט די שטימען פון די עסקנים־עמיגראַנטען, שטימען, וועלכע האָבען געקלונגען זעהר פריינדליך פאַר יודען און זיי אויפגעפאָדערט צום קאַמף פאַר דער געמיינזאַמער זאַך, ד. ה. פאַר דער אומאָב־הענגיגקייט פון פוילען. דער רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט געשטורעמט איבער רוסלאַנד, און די רוסישע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געזאָלט פעראייניגען מיט די פוילישע אין קאַמף „פאַר אונזער און אייער פרייהייט“. די געפלאַנטע רעוואָלוציע האָט בע־דאַרפט אַרומנעהמען די גאַנצע רוסישע מלוכה, אָדער, ווי עס האָבען פערזיכערט אייניגע ענטוזיאַסטען פון צווישען די עמיגראַנטען, זאָגאַר די גאַנצע מענשהייט.

און גראָד אַ געוויסער אומשטאַנד האָט אויך אויף די יודישע קאָנסערוואַטאָ־רען געווירקט צו בעציהען זיך פריינדליך צו דער רעוואָלוציע. רב אין וואַרשא איז דעמאָלט געווען ר׳ בער מייזעלס, וואָס האָט געקענט געפינען דעם מיטעל־וועג צווי־שען די פּראָגרעסיסטען און קאָנסערוואַטאָרען, און איז דעריבער געווען פון אַלעמען געליעבט, פאַר זיין לומדות געאַכט און פאַר זיין חכמה געשעצט.

פ א ר וואַרשא איז ער געווען רב אין קראָקוי, און דאָרט, ביי געוויסע פּאָליטישע בעדינגונגען, איז ער געוואָרען אַ הייסער פּוילישער פּאַטריאָט. בעזונדערס האָט ער זיין הייסען פּאַטריאָטיזם אַרויסגעוויזען אינ'ם יאָהר 1848; און ווען אין פּוילען איז אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד געגען די פּרייסען, האָט ער געהערט צו יענע גאַליצישע יודען, וואָס האָבען זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די פּויזנער יודען, אַז זיי זאָלען זיך בעטייליגען אין פּוילישען אויפשטאַנד געגען די דייטשען. דער אויפרוף, אגב בעמערקט, האָט נישט געהאַט קיין ערפאָלג, ווייל די פּויזנער יודען, אַדאַנק אַ רייה אומשטענדען, האָבען זיך געשפּירט אַלס לאָיאַלע דייטשען. אין קראָקוי איז מייזעלס אינ'ם יאָהר 1848 אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט און איז צוגעשטאַנען צו דער פּוילישער אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי פון פראַנציישעק סמאָלקאַ. צווישען די קראָקויער יודען האָט מען דעמאָלט דערצעהלט, אַז ווען מ'האָט געפרעגט מייזעלס'ן, ווי קומט עס, וואָס ער, אַן אָרטאָדאָקסישער יוד, האַלט זיך ל י נ ק ס און נישט ר ע כ ט ס, האָט ער געענטפערט: „די יודען האָבען נישט קיין ר ע כ ט".

אונטער'ן איינפלוס פון די בעציהונגען אין קראָקוי, האָט מייזעלס, קומענדיג קיין וואַרשא, אויך געזוכט ר ע כ ט ביי די פּוילישע לינקע. הבטחות און גוטע אויסזיכטען פאַר יודען אין פּוילען האָבען דעמאָלט נישט געפעהלט נישט בלויז מצד די לינקע, נאָר אויך מצד די אַנדערע פּאַרטייען און ריכטונגען. קיין שפּורען פון דער שלאַכטישער גדולות פונ'ם יאָהר 1830 איז ערשט נישט געווען צו בעמערקען. די יודען זענען אונטער דער צייט געוואָרען אין פּוילען אַ צו=גרויסע מאַכט, אַז מ'זאָל זיי קאָנען איגנאָרירען אָדער גרינגשעצען: זיי זענען געווען גרויס אין צאָהל, האָבען געהאַט אַ בעדייטענדע אינטעליגענץ און אַ רייכע בורזשואַזיע. מ'האָט דעריבער פון אַלע זייטען געזוכט צו ערווערבען זייער סימפּאַטיע: די ווייסע, די רויטע און וועלאָפּאָלסקי. אפילו די ביז=איצטיגע אַנטיסעמיטען האָבען פערגעסען זייערע בעליידיגונגען און געענדערט די אַלטע טאַקטיק.

אַט דאָס זענען געווען די סיבות, וואָס האָבען געווירקט אויף די יודען צו אָנערקענען די רעוואָלוציע אויך אַלס זייערע אַנ'אָנגעלעגענהייט און געהן האַנד=ביי=האַנד מיט די פּאָליאַקען.

ב.

די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג האָט געפונען איהר ערשטען אויסדרוק אין פּאָליטישע מאַניפעסטאַציעס, אין וועלכע עס האָבען צוגלייך מיט די פּאָליאַקען גענומען אַנ'אַנטייל אויך יודען. דורך דער אָנפיהרענדער ראָליע פון רב מייזעלס, פּרעדיגער יאַסטראָוו און די פאָרשטעהער פון דער וואַרשאָווער געמיינדע האָבען די אַלע יודישע אַרויסטרעטונגען בעקומען דעם כאַראַקטער פון אַנ'אַלגעמיין=יודישער רעפּרעזענטאַנץ. אין דער מאַניפעסטאַציע פון 25—27 פעברואַר 1861, וואָס האָט זיך פערענדיגט מיט'ן טויט פון די „פינף געפאַלענע", האָבען פיעל יודען געליטען פון די קוילען, ווען דער אָבער=פּאָליציימייסטער טרעפּאָוו האָט אַרויסגעשיקט קאָזאַקען און

זשאַנדאַרמען נעגען די דעמאָנסטרירענדע מאַסען. מייזעלס איז געווען איינער פון דער דעלעגאַציע, וועלכע האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר׳ן נאַמעסטניק גאָרטשאַקאָוו און פון איהם געפאָדערט אַ בעפרידיגונג פאַר דאָס פערגאָסענע בלוט. אין דער דעמאָנסטראַציאָנס־פּראָצעסיע פון דער לויה האָבען זיך נאָך דער טרויער פון די געפאַלענע, נעבען דער קאַטוילישער גייסטליכקייט, אויך געפונען יודישע גייסטליכע מיט מייזעלס׳ן בראָש. פיעל יודען האָבען זיך בעטייליגט אין די אַזכּרות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אין די קאָשציאָלען נאָך די געפאַלענע, מיט פּאַטריאָטישע ליעדער און רעדעס. אַזעלכע טרויער־מאַניפעסטאַציעס האָבען די יודען אויך איינגעאָרדענט אין די שוהלען: מען האָט נאָך די געפאַלענע געמאַכט אַזכּרות מיט פּאַטריאָטישע ליעדער און רעדעס. „פיעל קרבנות (פון די קאָזאַקישע קוילען) — דערצעהלט איינער פון יענער צייט — האָבען געהאַט די יודען און זיי געבראַכט אין איינעם שפּיטאָל אַריין“.

נאָכ׳ן פונאַנדערלאָזען די לאַנדווירטשאַפטליכע געזעלשאַפט (דעם 6־טען אַפּריל 1861) האָט זיך מיט־אַמאָל אויפגעהייער שטאַרק געהויבען אין וואַרשא די רעוואָלוציאָנערע שטימונג. דער גאַנצער מאָרגענדיגער טאָג איז אַריבער אין מאַניפעסטאַציעס, און דערביי האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט בעזונדערס גרויסע מאַסען ביים דערלאַנגען דעם בלומען־קראַנץ וועלאָפּאָלסקי׳ס נעגנער, אַנדזשיי זאַמאָיסקי׳ן. די רעגירונגס־רעפּרעזענטאַנטען האָבען זיך דאָסמאָל געענדיגט אָהן שיסען. ביינאַכט אָבער אויפ׳ן 8־טען אַפּריל איז זיך ביי גאָרטשאַקאָוו׳ן אין פּאַלאַץ צוזאַמענגעקומען דער מיליטערישער ראַט, וואָס האָט בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ בעפעהל דעם מיליטער, צו שיסען אין דער בעפעלקערונג אין פאַל פון נייע מאַניפעסטאַציעס. עס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען ענטשפּרעכענדע פעראָרדנונגען דעם אַדמיניסטראַציאָנס־ראַט, אָבער פערעפענטליכט זענען זיי געוואָרען ערשט דעם 9־טען אַפּריל. און דערווייל האָט דער 8־טער אַפּריל שוין געבראַכט וואַרשא אַ בלוטיגע שחיטה.

די לויה פון געוועזענעם פערשיקטען אין סיביר קסאַווערי סטאָבניצקי, אַ בעקאַנטער פּאַטריאָט און מערטירער פאַר די פרייהייטס־אידעאַלען פון פוילען, האָט געבראַכט צו אַ גרויסער מאַניפעסטאַציע. נאָך סטאָבניצקי׳ס טרויער זענען געגאַנגען יודען ווי פּאָליאַקען. אריינלעגענדיג די טרויער אין קבר און פערענדיגענדיג די געוועהנליכע אין אַזעלכע פאַלען תּפלות, איז די גרויסע לויה־פּראָצעסיע אַוועק פון פּאָוואָנזעק צום יודישען בית־עולם, פעראייניגענדיג זיך אויפ׳ן וועג מיט אַ המון יודען, וואָס האָט געזונגען „באָושע, צאָש פּאָלסקען“ און איז געגאַנגען צום קבר פון אַנטאָני אייזענבוים, דעם לאַנג־פערשטאָרבענעם דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שולע. „ווי איבער׳ן קבר פון אַ סיבירישען פערשיקטען, אַזוי אויך איבער׳ן קבר פון אַ יוד, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבען געאַרבייט צו מאַכען פאַר גוטע בירגער זיינע גלויבענס־ברידער — שרייבט דער מיטגליעד פון דער דעמאָלטיגער פּראָוויזאָרישער רעגירונג אַגאַטאָן גילער — האָט מען געוואָלט עהרען און פערפעסטיגען דעם אַקט פון ברודערשאַפט צווישען יודען און פּאָליאַקען“.

דערווייל האָבען זיך אויפ׳ן שלאָס־פּלאַץ אָנגעהויבען צו זאַמלען מאַסען מאַניפעסטאַנטען. דאָס מיליטער האָט אָנגעהויבען צוטרייבען און שיסען. די, וואָס האָבען

זיך אומגעקערט פון סטאַבניצקי'ס לויה, רעדהערענדיג אַ שיסעריי, האָבען זיך פער-אייניגט מיט די פערזאַמעלטע אויפ'ן שלאָס-פּלאַץ, צום המון, וואָס האָט דעמאָלט געזונגען „שוויענטי באָזשע“, איז אַרויס אַ קאָפּוציגער מיט אַ קרייץ, אָבער די סאָל-דאַטען האָבען אידם אַ צעפּלוטיגטען מיט זייערע קאָלבעס אומגעוואָרפען. דאַן האָט אַ יונג בחור'ל, קאַראָל נאָוואַקאָווסקי, צוזאַמענגענומען פון זיינע פערבלוטיגטע הענד דעם קרייץ, און ווען נאָוואַקאָווסקי'ן האָבען די סאָלדאַטען אָנגעהויבען שלעפּען צום שלאָס, איז דער קרייץ אַריבער אין די הענד פון אַ יוד, אַ געוויסען לאַנדוי, וואָס האָט אידם אויפגעהויבען הויך איבער די קעפּ פון'ם קניעענדיגען און בעטענדיגען פאָלק; אָבער אין אַ ווילע אַרום איז ער געפאַלען פון די רוסישע קוילען.

די ידיעה פון לאַנדוי'ס העלדישען טויט האָט בעוואוינען דעם בעקאַנטען פּויליש-שען דיכטער ציפּריאַן נאָרוויד אָנצושרייבען אַן ערנסטע היסטאָריאָזאָפּישע אָדע אונ-טער'ן נאָמען „די פּוילישע יודען“, אין וועלכער ער בעצייכענט לאַנדוי'ס זעלבסטאָפּפּע-רונג אַלס אַ מאַקאַבעער-טראַט, וואָס האָט זיך אויסגעוואָפענט, ווי דוד, געשטעלט צום קאַמף.

לאַנדוי'ס העלדישער טויט האָט אויך בעגייסטערט אַ צווייטען פּוילישען פּאָעט, קאַראָל באַליצקי, און אין זיין פּאָעמע „דער פּוילישער לאַזונג“ שרייבט ער, צווישען אַנדערן:

אין דער וועלט-געשיכטע, אַ, שוגאים,
איבינגע אייך פעראַכטונג און שאַנד:
ווען דעם קרייץ האָבען געבראָכען די צאַרען, —
פערטיידיגט האָט אידם אַ — יוד!

בכלל האָבען די פיעל לידער און פּאָעטישע שאַפונגען, וואָס זענען געווען גע-ווידמעט לאַנדוי'ס טויט, נאָך בולט'ער אונטערשטראָכען די אחדות צווישען יודען און פּאָליאַקען אינ'ם אויפשטאַנד. דאָס שטרייכען אויך אונטער ראָמאַנאָווסקי'ס געדיכט „ראַבין“, זיגמונט פעליטאָוויטש'עס לידער „די זיהן פון ישראל“ און „דאָס בלוט פון ישראל“ און אַנדערע, יודען געווידמעטע, לידער פון אַנאָנימען.

דאָס גאַנצע יאָהר 1861 איז אַריבער אין וואַרשא אונטער'ן לאָזונג פון פּויליש-יודישער ברודערשאַפט. אויף דער אוכרה נאָך לעלעוועל'ן האָט דער פּרעדיגער יאַסטראָוו געהאַלטען אַ פּאַטריאָטישע רעדע; ראש-השנה האָט מען אין די יודישע שוהלען מתפלל געווען פאַר'ן ערפאָלג פון דעם פּוילישען פרייהייטס-קאַמף און מען האָט געזונגען דעם פּוילישען נאַציאָנאַלען הימן. ווען די קאַטוילישע גייסטליכע, אַלס פּראָטעסט געגען אַריינרייסען-זיך פון'ם רוסישען מיליטער אין די קאָשציאָלען, האָבען געשלאָסען (אין אָקטאָבער) אַלע פּוילישע קאָשציאָלען, האָט דער רב און די יודישע געמיינדע-פאָרשטעהער פעראָרדענט, צו שליסען די יודישע שוהלען. דער נייער רוס-ישער נאַמעסטניק ל י ד ע ר ס האָט דעריבער אַרעסטירט דעם רב מייזעלס, יאַסטראָוו'ן און דעם פּרעזעס פון'ם „דאָזאָר“. דריי חדשים האָט מען זיי געהאַלטען אַרעסטירט אין דער וואַרשאַווער ציטאַדעל, און ערשט דערנאָך בעפריים.

ג.

עס פעררינט בעזונדערס דערמאהנט צו ווערען די פראקלאמאציע צו יודען, וואס איז אין דעם יאהר ארויסגעגעבען געווארען, אהן ספק מיט דער ידיעה פון מייזעלס'ן און אפשר איז זי גאר איינגאנצען דורך איהם צוזאמענגעשטעלט געווארען. די פראקלאמאציע, אחוץ איהר הייסען פאטריאטישען טאן, איז כאראקטעריסטיש אויך דערמיט, וואס א יודישער רב, רעדענדיג „אין נאמען פון גאט, דער גאט פון ישראל“, דערצעהלט די איינפאכע יודען זאכען פון דער אלטער און נאהענטער פערגאנגענהייט, און זאגאר כמעט פון געגענווארט, אזעלכע זאכען, צו וועלכע ער אליין, אלס וועלטליכער מענש, האט זיך מיט קיין גלויבען נישט געקאנט בעציהען. אינטערעסאנט איז אויך, וואס די פראקלאמאציע איז ארויסגעגעבען געווארען לויט דעם אויפטראג פון די „היגע“ ראשי־הקהל (ווארשאווער), וועלכע האבען נאך מיט עטליכע יאהר צוריק געזונגען לויב־ליעדער פאר די וואוילטאטען פון די רוסישע קיסרים, און איצט האבען זיי פאר די אלע יודישע צרות געמאכט פעראנטווארטליך די רוסישע רעגירונג. כדי דאס צו בעווייזען, הויבט די פראקלאמאציע ערשט אן פונ'ם יאהר 1831. „עס זענען אריבער — ווערט אין איהר געזאגט — שוין 30 יאהר, אין פערלויף פון וועלכע עס זענען ארויס העכער הונדערט פעראָרדנונגען בנוגע יודען און כמעט קיין איינע פון זיי האט נישט בעצוועקט צו פערלייכטערן, נאר גיכער צו פערגרעסערן די אונטערדריקונג און ליידען... אונזערע זיהן האט מען גענומען צום מיליטער, און קיין פרייהייט איז נישט געגעבען געווארען“. מיט'ן ביזן צו ווירקען ספעציעל אויף די פרומע יודען, ענטהאלט דער אויפרוף אויך אזא שטעלע: „ווער פון אונז געדענקט נישט די נידערטרעכטיגקייט פון אונזערע בעליידיגער, ווען ס'איז ארויס די פארשריפט וועגען ענדערן די קליידונג, ווי מ'דאט נישט געאכטעט קיין זקנים, נישט געשוינט קיין יונגע, גרויע לייט האט מען געשלעפט איבער די גאסען אבצושערען זיי די בערד, מ'דאט געוואלט עוקר־זיין מן השורש אונזער הייליגע תורה און ארא בפירען אונז פונ'ם וועג פון אונזערע דינים און מצוות“. אין דידאזיגע לעצטע ווערטער האט זיך מייזעלס אלזא ארויסגעוויזען נאך פרימער פון די יודען אין די צייטען פונ'ם ווארשאווער הערצאגטום, וועלכע האבען אליין ערקלערט, אז די קאפאטעס האבען גאר קיין געמיינזאמעס נישט מיט רעליגיע, און אויב דאס איז א מניעה צו בעקומען בירגערליכע רעכט, זענען זיי גרייט פון די קאפאטעס זיך צו ענטזאגען *). און ווייל יודען האבען געוואוסט פון ערפאהרונג, אז מיט בעליידיגען זיי פאר די לאנגע קאפאטעס און פאות פערנעהמען זיך נישט בלויז די רוסען, נאר אויך פוילישע בעאמטע, גיט דעריבער דער אויפרוף צו: „דידאזיגע בעאמטע זענען די ערגסטע פון די פאליאקען, ווייל נור אויסוואורפען און אויסגעלאסענע זענען געווארען די הערשער, און די גוטע פון צווישען זיי, וואס האבען עטוואס

*) „מען ווארפט אונז פאר די קליידונג, וואס אונזערע עלטערן האבען געטראגען און מיר טראגען. אויב די העכסטע מאכט וועט מאכט וועט פארשרייבען א פארם פון קליידונג (וואס עס איז נישט געגען דער רעליגיע), ווער וועט דען אויף אזא אופן נישט אפפערן קיין אלטען מנהג, אבי צו ערפילען די געזעצען“.

ערליכקייט אין הארצען, זענען געשטאנען פון דערווייטענס און נישט געוואלט זיין קיין מיטהעלפער אין דינענסט ביי אזעלכע גרויזאמקייטען און נידערטרעכטיגקייטען". און ווייטער: „א בעווייז איז, פארוואס האט מען פאר׳ן יאהר התקצ״א (1831) נישט געהערט פון אזעלכע שרעקליכע מעשים? — ווייל די רעגירונגס־מאכט האט זיך דערמאלט געפונען אין די הענד פון גוטע לייט, וואס ליבען זייער געבורטס־לאנד און שטרעבען צו ברענגען גוטס פאר זיינע איינוואוינער... *). איבריגענס, האט דערדאזיגער אויפרוף אזוי שיין אידעאליזירט נישט נאר די פוילישע געשיכטע, אפילו אין די רוסישע פערפאלגונגען געגען די יודען האט ער בעשולדיגט בלויז די רשעות פון איינצעלנע רוסען. „ווען גאט האט אונז געשענקט פאר א קעניג — דערצעהלט דער אויפרוף ווייטער — אלעקסאנדער II, א מלך, וואס איז בעקאנט אין גאנץ אייראפא מיט זיין גוטסקייט, גערעכטיגקייט און זארג פאר דאס גליק פון אלע זיינע פעלקער, האבען מיר געהאפט אויף ליכט, איז געקומען א פינסטערניש, מיר האבען געהאפט אויף פרייער אטעמונג, זענען געקומען זיפצען". ווער־זשע איז אייגענטליך שולדיג דערין? דער נאמעסטניק גארטשאקאוו, דער פוילישער שטאטס־סעקרעטאר טימאזוסקי? ניין, דער אויפרוף בעשולדיגט דערין מוכאנאוו׳ן, וועלכער איז אלענפאלס נישט געווען אזא הויכער בעאמטער. ער און זיינע פריינד האבען דאס צעשטערט די גוטע כוונות, וואס דער „גנעדיגער קייזער" האט געהאט בנוגע צו יודען. אפילו לעשנאווסקי, וועלכער, ווי מיר ווייסען שוין, איז נישט געווען קיין אויסנאהם און האט געהאט צו זיך נעטע אידעען־פריינד, ווערט אויך פעררעכענט אין אויפרוף צו מוכאנאוו׳ס מקורבים און פריינד „כדי צו בעאיינפלוסען די דאזיגע פערברעכער, האט זייער חבר לעשנאווסקי געדרוקט אין די צייטונגען אין פערלויף פון צוויי יאהר זלזולים און רשעות געגען אונז, און דורכדעם האט ער אונטערגעהעצט די הערצער פון דאזיגען לאנד, וואגענדיג זיי: שטויסט־ארויס די יודען פון אייערע הייזער, מאכט נישט מיט זיי קיין האנדעלס־געשעפטען, ווייל זיי זענען גנבים פון נשמות און געלד. דעמדאזיגען ביטערען אויסוואורף האט זיך איינגעגעבען צוצונעהמען ביי אונז די בעשעפטיגונג מיט׳ן האנדעל, דאס איינציגע, וואס איז געבליבען צו אונזער דערהאלטונג... צוליעב זיין ווירקונג, האבען די קסיאנדזען געהאלטען פון די בימות (אין די קאשציאלען) פייערליכע געגען אונז דרשות". ווען א געוויסער קסיאנדז האט פונאנדערגעבלאזען דאס פייער פון רעליגיעזער שנאה אין שורעק און די קריסטען האבען דארט ערב־יום־כפור אונטערגע־

---

*) ווי די פאליאקען האבען זיך פאר 1831 און נאך איהם בעצויגען צו יודען בעווייזט בלויז דער פאקט אליין: חוץ די בעגרענצונגען אויסער די שטעדט, זענען די יודען אין די שטעדט גופא געווען אונטערגעווארפען אזעלכע פערפאלגונגען, וועלכע זענען וואגער אין רוסלאנד געווען בעקאנט אלס אויסנאהמע. פון די 453 שטעדט אין פוילען האבען די יודען נאר אין 246 גענאסען פון רעכט פריי צו בעזעצען זיך און צו וואוינען; אין 31 שטעדט האבען עקזיסטירט בעשטימטע קווארטאלען, וואס אויסער זיי, ווי אין ווארשא, האבען געהאט דאס רעכט צו וואוינען נאר פריווילעגירטע יודען, וועלכע ענטשפרעכען געוויסע מאטעריעלע און קולטורעלע בעדינגונגען. אין 90 שטעדט האבען יודען אדער לגמרי נישט געטארט וואוינען אדער נאר אין גאר בעזונדערע טיילען; אין די שטעדט ארום גרענעץ־פאס וואס זייער צאהל איז געווען העכער פון 100, איז דאס נייע בעזעצען־זיך פון יודען געווען לגמרי פערבאטען. (העסען).

שטרען די יודישע שוהל, צעריסען די ספרי-תורה'ס און זיי פערארטייליגט מיט צואה, האט מיכאנאוו געזאגט: „דאס איז דאך נור א יודישער בית-תפלה, צו וואס-זשע איז דער גאנצער געשריי". דיזאזיגע „מיכאנאווישע" גייסטליכע שטעלט דער אויפרוף געגענאיבער די קאטוילישע גייסטליכע איצט, וועלכע זענען דורכגעדרונגען בנוגע צו יודען מיט סבלנות און קריסטליכער ליעבע. דער אויפרוף, דערצעהלענדיג ווייטער, אז אין דער שטאדט-פערוואלטונג זענען איבערגעוועהלט געווארען אויך יודען, בעמערקט דערביי: „ווער וואלט עס געוואלט גלויבען אין אזעלכע קלאגען, אז די שונאים אונזערע זאגען פערוואנדעלט געווארען אין אונזערע גוטע פריינד?" נישט בענוגענדיג זיך מיט שענע ווערטער אליין, ערקלערט דער אויפרוף: „זייט וויסען, אז די העכסטע פוילישע לייט האבען אונז פערזיכערט, אז ווי נור נאט וועט פערלייכטערן זייער אונטערדריקונג... וועלען זיי שליסען זייערע האנדעלס-הייזער, וואס ווערען אנגערופען רעקאמענדאציאנס-הייזער, ווייל ערשט איצט האבען זיי איבערגעעפענט די אויגען און דערזעהן, אז מיכאנאוו און לעשטאווסקי מיט זייערע אנהענגער האבען זיי אנגערעדט דערצו נישט פאר דער טובה-וועגען פון לאנד, נאר כדי צו פערשפרייטען סכסוכים און קנאה צווישען זיינע איינוואוינער". עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז א ביסעל איבערטריבען, ווייל פון דער שטעלע קוקט-אויס, ווי די פאליאקען וואלטען האבען צוגעזאגט די יודען א מאנאפאל אויף האנדעל, וואס עס האט אין דער ווירקליכקייט נישט בעקאנט זיין *). צום סוף פערלאנגט דער אויפרוף פון די יודען נאר אנ'אנשולדיגע און דורכאויס לאיאלע זאך: „אויב מען וועט פון אייך פערלאנגען, אז איהר זאלט אונטערשרייבען א ביטע, אזוי-גערופענער אדרעס, וואס דאס פוילישע פאלק האט אנגעשריבען צום הדרת-ליכטיגסטען קייזער, זאל יעדער פון אייך שנעל און טרייטפערטיג אונטערשרייבען זיין נאמען לויט זיין ארט שרייבען און אויס-שפראך" **).

---

*) דיזאזיגע הבטחה שטעהט אין שארפסטען געגענזאץ מיט דער מיינונג, וואס מייזעלס אליין האט געהאט אין דערדאזיגער פראגע. אין הערבסט 1861 האבען זיך די יודען פון וולאצלאוועק געווענדעט צו מייזעלס'ן און איהם פארגעשטעלט די געפאהר, וועלכע דראהט די יודען פון די שותפות'דיגע און קאאפעראטיווע קראמען, וואס די פוילישע בירגער האבען גראד דעמאלט צום ערשטען אנגעהויבען צו עפענען. דער וולאצלאווקער רב, ר' יוסף קארא, ערקלערענדיג מייזעלס'ן די שלעכטע פאלגען פאר'ן יודישען קליין-האנדעל פון דיזאזיגע נייע אינסטיטוציעס, האט איהם געמעלדעט וועגען די שריט, וועלכע די וולאצלאווקער יודען נעהמען-אן כדי אבצוהאלטען די פאליאקען פון עפענען אזעלכע נייע געשעפטען. מייזעלס האט דאן אבגעראטען פון דיזאזיגע שריט, בעמערקענדיג, אז „דאס אמת'ע ציעל און ווירקליכע שטרעבונג פון די דערמאהנטע הערען איז אלענפאלס נישט דער פערדיענסט פון די סחורות, נאר אנ'אנדערע, בעזונדערע כונה, וואס ליעגט ביי זיי טיעף אין הארצען און נור צוליעב דעם פערנעהמען זיי זיך מיט'ן האנדעל. עס איז דעריבער נישט גוט, אראבצופיהרען זיי פונ'ם אונטערגענומענעם פלאן און בעוועגען זיי צו פערלאזען דעם האנדעל, וואס עס וואלט, לויט זייער מיינונג, געבראכט שאדען זייערע ציעלען". מייזעלס ערקלערט אלזא דא, אז מיט די קאאפעראטיוון האט מען נישט געמיינט צו פיהרען מיט יודען קיין קאמף, נאר זייער צוועק איז געווען אנ'אנדערע, א קאנספיראטיווע.

**) עס איז נישט-איבעריג צו בעמערקען, אז וועגען דעם אינהאלט פון דאזיגען אויפרוף, וואס זיין צוועק איז געווען צו ווירקען אויף די פינסטערע יודישע מאסען, האבען אויך געוואוסט אזעלכע פראגרעסיסטען, ווי לעאפאלד קראנענבערג און מאטיאס ראזען, צום

דאָס איז געווען דער העכסטער „רעוואָלוציאָניזם" פון דעם דורכשניטליכען יוד. איבעריגענס, האָבען צו דער מעסיגער אָפּאָזיציע אויך געהערט די פוילישע שליאַכטע, די רייכע בירגערליכע קרייזען, אַ בעדייטענדער טייל פון די קאַטוילישע גייסטליכע און בכלל די דורכשניטליכע פוילישע געזעלשאַפט. און, וואַהרהאַפטיג, נאָר אַ דאַנק געזעלשאַפטליכער אומגעשיקטקייט אָדער נאָר וועלאָפּאָלסקי'ס פערזענליכע אויפרעגענדע אייגענשאַפטען איז עס געקומען דערצו, אַז ביי אַזאַ פריעדליכער שטימונג פון אַ מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג איז אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציע, פאַר וועלכער דאָס לאַנד האָט אַזוי טייער בעצאָהלט.

ד.

עס וועט אַלענפאַלס נישט זיין קיין טעות פון אונזער זייט צו זאָגען, אַז ערב דעם אויסברוך פון דעם אייגענטליכען אויפשטאַנד איז אין פערגלייך מיט אַנדערע פון די זעלביגע קלאַסען די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג ביים דורכשניטליכען יודען געווען אַמשטאַרקסטען. פונדעסטוועגען איז געווים אַ שטאַרקע נוסחא — אויב נישט נאָך עפּיס ערגערס — די שטעלע, וואָס מיר וועלען דאָ ברענגען, פון אַ וואַרשאַווער בריעף (געשריבען אינ'ם יאָהר 1861) אין עמיגראַנטישען „פש. זש. פּאָלסקיך". דער אויטאָר פונ'ם בריעף דערצעהלט: „מען דערצעהלט, אַז אין פיעל געגענדען גלייכען־אויס די פויערן זייערע קאָסעס. אַז אין אַנדערע ערטער ווידער, אונטערגעהעצט דורך דער רעגירונג, האָבען זיי נישט קיין צוטרוי צו דער שליאַכטע; **אָבער דאָס איז זיכער, אַז איבעראַל איבער די דערפער דערהעהן־זיך־אַרום יודען מיט אַנאויפריכטיגען וואָרט און מיט ברייטוויליגע דיענסטבאַרקייט פאַר אונזער זאַך**". בכלל איז העדר כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטען די שנעלע פראָנט־ענדערונגען בנוגע צו יודען מצד אַ צייטונג, וואָס האָט נאָך ערשט דאָ אַנצווייידייטיג אונטערגעשטיצט דעם אַנטיסעמיטיזם פון „מיכאַנאָוו'ס פריינד". איבעריגענס, איז עס געקומען אַזוי ווייט, אַז דער רב מייזעלס האָט איצט אונטערגעשריבען דעם „אַדרעס פון וואַרשא" צום קייזער צוזאַמען מיט איינעם פון מיכאַנאָוו'ס היציגסטע אַנהענגער און חברים, דעם בעקאַנטען יוזעף קעניג, דער הויפט־שולדיגער פון דער גאַנצער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע אינ'ם יאָהר 1859. אָבער איינצעלנע פערזאָנען פון צווישען די יודען האָבען געווים גענומען אַן אַקטיווערען אַנטייל אין דער פאָרבערייטונגס־אַרבייט צו דעם אויפשטאַנד. אויב מיר זאָלען גלויבען ב. מעדוויג'ען, וועלכער בעזינגט מיט גרויס בעגייסטערונג דעם יודישען אַנטייל אין די פוילישע אויפשטאַנדען, „האָבען די יודען מיט אַ רייכער האַנד אונטערגעשטיצט די קאַסע פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, און קיינער האָט נישט אויסגעמיטען צו בעצאָהלען די קאָנטריבוציע, וואָס מ'האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט; די געוועהר־טראַנספּאָרטען, וואָס זענען געגאַנגען פון מערב,

---

סוף פון עקזעמפּלאַר פונ'ם אויפרוף, וואָס מ'האָט געפונען צווישען די פּאַפּירען נאָך מייזעלס טויט, איז צו בעמערקען אַ פערצייכנונג מיט זיין אייגענער האַנד: „איבערצושיקען איינצעלנע עקזעמפּלאַרען קראָנענבערג'ען און ראָזען'ען".

האָבען געקאָנט אַריינגעבראַכט ווערען אין לאַנד. נור אַדאַנק דער פֿערמיטלונג פֿון ייִדישע סוחרים, וועלכע האָבען מיט לעבענס־געפֿאַהר איבערגענומען און ווייטערגעשיקט די דאָזיגע געפֿעהרליכע סחורה״.

עס איז אונטערליגענט אָבער קיין ספק נישט, אַז די ייִדישע אינטעליגענץ האָט געפֿיהרט אַ בעזונדערס שטאַרקע פּויליש־פּאַטריאָטישע אַגיטאַציע. גראָד אין די יאָהרען 1861–63 האָט דוד נייפֿעלד אַרויסגעגעבען אַ ייִדישע צייטשריפֿט אויף פּויליש אונטער'ן נאָמען דער „מאָרגענשטערן״, וואָס איז געווען דער אָרגאַן פֿון די ייִדען־פּאָליאַקען און „האָט בעקעמפֿט די פֿאָראורטהיילען אויף ביידע זייטען״. אין'ם יאָהר 1851 האָט זיך אין פּוילען צום ערשטען מאָל בעוויזען אויף דער סינאַגאָגע־בימה אין וואַרשא דער פּרעדיגער יאַסטראָוו מיט אַ רעדע אויף פּויליש. (ביז דעמאָלט זענען געהאַלטען געוואָרען דרשות אין די ייִדישע שוהלען: ביי די פֿרומע — אויף ייִדיש, און ביי די פּראָגרעסיווע — אויף דייטש). אין 1860 איז געגרינדעט געוואָרען די „בעזעלשאַפֿט צוציהען ייִדען צו לאַנדווירטשאַפֿט און האַנדווערק״ מיט אַן אויסגעשפּראָכענער פּוילישער און פּאַטריאָטישער טענדענץ. די ייִדען האָבען זיך נישט בעזוימט אויך פֿון דער אַלגעמיינער פּוילישער פּרעסע אין לאַנד. אין קראָנענבערג'ס „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ״ איז דער פּריהערדיגער אַנטיסעמיט קראַשעווסקי, אונטער'ן איינפֿלוס פֿון רייכען ייִדישען באַנקיר, געוואָרען אַ ייִדען־פֿריינד און „ער האָט פֿערוואַנדעלט — ווי אַ היסטאָריקער בעמערקט — די דאָזיגע איינפֿלוסרייכע צייטונג אויף אַ טריבונע, פֿון וועלכער עס האָט געקלונגען די שטימע פֿון שלום און אחדות״. דאָס בירגערטום, וואָס האָט אַזוי גערן אונטערגעשטיצט לעשנאָווסקי'ס „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ״, האָט, אונטער'ן איינפֿלוס פֿון די אומשטענדען און אַגיטאַציע, געמוזט אָנערקענען די וויכטיגקייט און גרויסע בעדייטונג פֿון די אחדות־שטרעמונגען צווישען די ייִדען און פּאָליאַקען. די „בירגערליכע דעלעגאַציע״, אויסגעוועהלט דורך קריסטען און ייִדען, האָט ענערגיש געאַרבייט, צו ערציהען די ייִדען אַלס גוטע בירגער און פּאַטריאָטען אין'ם גייסט פֿון אחדות. אויך די פּוילישע „מעשצאַנעס״ (שטאָדט־איינוואוינער), די דאָזיגע אייביגע געגנער פֿון ייִדען, וואָס האָבען זיך שטענדיג משתדל געווען פֿאַר בעגרענצען די ייִדען אין די שטעדט, האָבען איצט געענדערט זייער בעציהונג. לויט'ן פֿאָרשלאָג פֿון סוחר שלענקער, האָט די וואַרשאָווער סוחרים־געזעלשאַפֿט „אַריינגענומען אין איהר קרייז סוחרים־ייִדען און אַ באַנקיר פֿון ייִדישער אָבשטאַמונג איז בעשטימט געוואָרען פֿאַר זייער עלטסטען״. דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ: ס'איז איינמאַל געשעהן גאָטס וואונדער. די אויסגעשפּראָכענע ייִדען־פֿיינד האָבען פּלוצלונג געמאַכט די ענטדעקונג, אַז די ייִדען זענען גאָר די בעסטע בירגער פֿון פּוילען. דער „פּש. ווש. פּאָלסקיך״ האָט דערנאָך זיך נישט בעגנוגענט בלויז מיט ריהמען די אויפֿריכטיגקייט פֿון די ייִדען, נאָר ער האָט אַגאַר געשריבען: „מיר האָבען אַרומגעקוקט און בעטראַכט אונזערע קרעפֿטען און שטאָף — און פֿיל פֿריהער האָבען מיר זיך איבערצייגט, אַז אין די אונטערדריקונגס־קאַטאַקאָמבען האָט זיך אַלץ ענטוויקעלט, רייף געוואָרען. נאָך אַכט יאָהרהונדערטער לעבען אין פּוילען האָבען די ייִדען פֿערשטאַנען, אַז זיי האָבען רעכט און פֿליכטען פֿאַר דעם דאָזיגען פֿאָטערלאַנד, ווי איהרע אַלע אַנדערע זיהן, אַז זיי זענען פּ אָ ל י אַ ק ע ן פֿון משה'ס גלויבען, אַלס אַן ערבות

פון אזא ברודערשאפט זעהען מיר אומעטום ארום זיך פאליאקען קריסטען און פאליאקען פון משה'ס גלויבען".

עס איז זאגאר געקומען דערצו, אז די שליאכטא, אלס צייכען פון אנערקענונג און ליעבע צו יודען, האט זיי אנגעהויבען שענקען פערשיעדענע שוהל-כלי-קודש. פאר צוויי שוהלען האבען פוילישע פריצים געשענקט מנורות מיט אויפשריפטען: „מיר זענען ברידער צווישען זיך; קינדער פון איין ערד". דאס האט געזאלט דיענען אלס ענטפער אויף דעם ביבלישען אויסדרוק אין יאסטראוו'ס רעדע: „מיר האבען געזוכט אונזערע ברידער".

ה.

די שטימונג פון געגענזייטיגען צוטרוי און דערנעהנטערונג האט זיך אויך איבערגעטראגען אויף דער פראווינץ: „קאליש, — דערצעהלט א געשיכטע-שרייבער פון יענער צייט, — וואס האט ביז נישט-לאנג ענטהאלטען אין זיך צוויפיעל פערשיעדענארטיגע עלעמענטען, האט זיך, ווי דורך דער בעריהרונג פון א מכשפים-שטעקעלע, צונויפגעגאסען אין איין גאנצעס: דער ערד-ארבייטער, שטאדט-איינוואוינער, די יודען, האנדווערקער און אלע האבען זיך אויסגעשטרעקט א ברידערליכע האנד". אין לאדז האבען זיך די קריסטליכע איינוואוינער מאסענווייז פערשריבען אין דער יודישער סוחרים-פעראייניגונג; אין לובלין איז ארגאניזירט געווארען א פעראייניגונג פאר אלע, אהן אונטערשייד פון גלויבען, כדי „די פערשיעדענע קלאסען פון דער בעפעלקערונג זאלען קאנען צוזאמען זיך פערווייל ען, בעגעגענען זיך איינער מיט'ן צווייטען און העלפען זיך געמיינזאם מאראליש און מאטעריעל"; אין כנבאלק איז די אויפנאהמע פון'ם ריכטער סיראקאמליא פערוואנדעלט געווארען אין א „ריהרענדער מאניפעסטאציע פון ברודערשאפט פון די פערשיעדענע שטאנדען און יודישער גלייכבערעכטיגונג"; אין פלאצק האט מען ערלויבט יודען אריינצוקומען אין ארטיגען קלוב, דער צענטר פון געזעלשאפטליכען לעבען פאר דער שטאדט און אומגעגענד; אין ווילנא האט מען געגרינדעט אנ'„אונטערשטיצונגס-הויז" פאר ארימע האנדווערקער פון שטאדט אהן אונטערשייד פון שטאנד, פאך און גלויבען.

אבער אמערהסטען האבען זיך די יודען אויסגעצייכענט מיט'ן געבען בעדייטענדע סומען אויף די צילען פון'ם אויפשטאנד. אונטער'ן איינפלוס פון'ם אויפרוף פון איינינע מיטגליעדער פון דער גמינע-פערוואלטונג (בערנארד קאהן, הערמאן מייער און מאקסימיליאן פאיאנס) האט מען אין ווארשא אינ'ם יאהר 1862 צונויפגעזאמעלט 121000 גולדען לטובת די היימלאזע, און דאס געלד איז איבערגעגעבען געווארען צו צעטיילען דעם קסיאנדז סטעצקי. דוכינסקא גיט אנ'אריגינעלע שילדערונג, ווי אזוי דיזאזיגע נדבות פלעגען אמאל געזאמעלט ווערען, און מיר ברענגען זי דא אויף איהר פעראנטווארטליכקייט. „אין ווארשא — דערצעהלט זי — ווען די אויפשטאנדס-קאסע האט זיך גענויטיגט אין געלד, פלעגט זי זיך ווענדען אין יודישען ראאן, צו די רייכע יודען, און דאס צונויפגעקליבען געלד. די יודען האבען יעדר מורא געהאט פאר דעם

נאַציאָנאַלער רעגירונג — און ווי זיי פלעגען נור דערזעהן פאַר זיך אַ פּאַפּיער מיט'ן שטעמפּעל פון דער רעגירונג, פלעגען זיי תיכף שענקען געלד אויף די בעדערפנישען פונ'ם אויפשטאַנד". אַמטמאָל פלעגען די יודען ערפילען די פליכטען פון געלד-זאַמלער זאָגאַר אין קאָשציאָלען, נעמליך אין בערנאַרדינער-קאָשציאָל, בעת נאָמעס-דיענסטען. די יודען האָבען צוזוימענקליבען פאַר די צוועקען פונ'ם אויפשטאַנד עטליכע טויזענד גולדען.

ו.

אַנדערש שילדערט די שטימונג און געשעהענישען פון יענער צייט דער נאַמעסטניק ל י ד ע ר ס אין זיינע געהיימע מעלדונגען קיין פּעטערבורג. די דאָזיגע מעלדונגען זענען דערמיט נאָך אינטערעסאַנטער, וואָס זייער אויטאָר איז געשטימט נישט-פריינדליך צו יודען ווי צו די פּאָליאַקען. „נישט אָהן בעדייטונג — שרייבט ער — זענען אויך די שטימען פון די יודען אינ'ם היגען וואָכענבלאַט „יוטרזשענקאַ". זיי איז שוין געוואָרען איבערדריסיג די גוואַלט-הערשאַפט פון די פּאָליאַקען, ווייל זיי אַנטירען שוין אָפען פאַר סבלנות נישט נור בנוגע צום גלויבען, נאָר אויך בנוגע צו דער שפּראַך. זיי מעלדען וועגען אַרויסגעבען אַ נייע צייטונג („הצפירה") אין דער העברעאישער שפּראַך, אינ'ם גייסט פון געזונדע רעליגיעזע אָנשויאונגען, און זענען מזהיר, אַז זיי בעטראַכטען דאָס אויפצווינגען זיי פרעמדע געדאַנקען און איבערצייגונגען". און ווירקליך קלינגט עפּיס אונפערשטענדליך די מעלדונג וועגען צוטרעטען אַרויסגעבען אַ צייטונג אין העברעאיש אין דער צייט, ווען דער הויפט-אידעאַל פאַר יודען איז געווען צו דערנעהנטערן זיך צו דער פּוילישער בעפעלקערונג; דער לעצטער זאַץ פון דער אויפגעבראַכטער מעלדונג איז וואַהרשיינליך מרמז אויף די מיסיאָנערישע פערזוכען מצד אייניגע פּאָליאַקען, וועגען וואָס ל י ד ע ר ס דערמאָהנט אייניגע מאָל אין זיינע ראַפּאָרטען *).

אין אַן אַנדער מעלדונג לייענען מיר: „אינ'ם טאָג פון ניי-יאָהר, ביים פאָרשטעלען זיך דעם פערטרעטער פון נאַמעסטניק לידערס, איז נישט געווען אַנוועזענד די רוימיש-קאַטוילישע גייסטליכקייט, אָנשטאָט דעם איז אָבער געווען די עוואַנגעלישע און יודישע". נישט בעסער איז אויך די בעציהונג פון די פּאָליאַקען צו די יודען. דאָ ערשט נישט-לאַנג האָבען זיי זיך געבריזערט מיט די יודען, דאָ נישט-לאַנג האָבען זיי גערופען די יודען אין קאָשציאָל אַריין, מתפלל-צו-זיין דאָרט אין די היטלען אויפ'ן קאָפּ פאַר'ן גליק פון פאָטערלאַנד און זינגען צוזאַמען „באָזשע צאָש פּאָלסקען", און די יודען ווילען זיך שוין נישט אָנרופען „פּאָליאַקען פון משה'ס גלויבען", נאָר זיי

---

*) „די יודען זענען זעהר צופרידען דערפון, וואָס דער אַרציביסקאָפּ פעלינסקי האָט בעזוכט זייער שפּיטאָל. די פּאָליאַקען, גענייגט צו פאַנטאַזירען, זעהען דערין שוין אַן אָנהויב פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ און צוזאַמען דערמיט אַ גוטען סימן פון אַלגעמיינעם יודישען איבערגאַנג צום קריסטענטום". אין איינעם פון די ראַפּאָרטען ווערט געמעלדעט, אַז אין „טשאַס" איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען דער געדאַנק, אַז דורך דער פערמיטלונג פון פּוילען וועלען אַלע יודען איבערגעהן צום קריסטענטום.

פארבלייבען, ווי אמאל, ביים נאמען „פוילישער יוד". און ווירקליך, צי קאנען די יודען ערווארטען עפּיס גוטס פון זייערע כלומר'שטע ברידער, ווען דא שלעפּט מען זיי מיט־געוואלט אין די קאשציאלען, און אין לעמבערג יאגט מען זיי אוועק, אלס שוועלכע, וואס פעראונרייניגען דעם הייליגען ארט מיט זייער אנוועזענהייט". עטוואס שפּעטער בעמערקט לידערס, שרייבענדיג וועגען די יודען: „איצט, ערווארטענדיג גלייכבערעכטיגונג, זענען זיי, ווי עס שיינט אויף־ניכער, נישט גענייגט צו וועלכע־עס־איז פּשרות לטובת דער פוילישער נאציע".

די ראפּארטען פון לידערס'ן ווערען וואס אמאל מעהר סענסאציאנעל. דער־ציטהלענדיג וועגען אן אנאנימער מעלדונג, אין וועלכער די אונטערגעשריבענע „פּאָליאקען" בעקלאגען זיך אויף די רוסישע סאלדאטען, וואס צעברעכען קרייצען מיט שפּלעמאטישע איבשריפטען, בעמערקענדיג, אז צו דער ארבייט איז געבראכט גע־ווארען א יודישער שמיד, שרייבט דער נאמעסטניק: „די יודען, אין זייער ערווארטען די גלייכבערעכטיגונג, וואס איז זיי גאראנטירט געווארען אין „פּראיעקט פון זייער איינ־ריכטונג", זענען זעהר צופרידען פון אזא, ליט וועלכען זייערע גלויבענס־ברידער אין רוסלאנד, וועלכע בעזיצען א בילדונגס־צענז, קאנען אננעמען ווערען אויף מלוכה־שטעלעס. די ברודערשאפט מיט די פּאליאקען שיינט זיי צו זיין אליין מעהר צווייפעל־האפט צוליעב דעם, וואס עס טהוט זיך איצט אין גאליציען, וואו זיי (די פּאליאקען) קראגען זיך, אז דורך זייער אנוועזענהייט אליין פעראונרייניגען די יודען די קאשציא־לען, אזוי אויך דא, וואו צו נאך א גרעסערער פעראונרייניגונג פון קרייץ האט מען ארויסגעפאדערט, ווי ס'איז אויבען דערצעהלט געווארען, א יודישען שמיד, און פונ־דעסטוועגען האבען רעוואלוציאנער יודען, בעת דער אונרוהיגער צייט, געשענקט די פּאָ־ליאקען א קרייץ".

וועגען א זעהר שארפען קאנפליקט צווישען יודען און פּאליאקען, נעהמענדיג אין בעטראכט די נעגענזייטיגע גוטע בעציהונגען, דערצעהלט פאלגענדע מעלדונג: „דא נישט־לאנג, בעת א שרפה אין א שטאָל פון א געוויסען יוד אין שטעדטעל יאנאוו (פּראסנישער פּאוויאט), האבען די פּאליאקען, אונטער דער מאסקע פון געבען הילף די יודען, זיך אריינגעריסען מיט העק אין הויז, צעהאקט אלץ אויף שטיקלעך און צעראבירט די קראם. אין אנדערע ערטער פון שטאדט האבען זיי נישט איינ־מאל אונטערגעלעגט פייער אונטער די יודישע הייזער".

ענדליך שילדערט די וויטער־ציטירטע מעלדונג וועגען דער וואקלדיגער האל־טונג פון די יודען און זייער אונזיכערהייט, וועלכע שטעלונג אנצונעהמען, כדי צופריעדענצושטעלען ביידע צדדים. „ווען די יודען האבען געשלאסען די סינאגאגע, האבען זיי געמעלדעט דעם אבער־פּאליציימייסטער, צוגעבענדיג, אז זיי טהוען דאס צוליעב דעם, כדי מען זאל דארט נישט זינגען קיין פערבאטענע לידער. מען דארף אבער הערין נישט גלויבען, ווייל דאס איז געוויס געווען א מאניפעסטאציע, נאכאה־מענדיג די פּאליאקען, וואס האבען געשלאסען זייערע קאשציאלען. איבעריגענס, האט מען אין די סינאגאגעס פערמאכט בלויז די פראנט־טהירען, אבער די זייטיגע האט מען געלאזט אפען, אזוי אז די סינאגאגעס זענען אייגענטליך אפען און פערמאכט".

נאטירליך, איז דיזאזיגע צוויי־פנימדיגקייט נישט סימפּאטיש, אבער ווען מען דערמאהנט זיך, אז טראָץ די אלע הויכע הבטחות האבען די יודען פארלויפיג פון

קיין צד נאך גארנישט געהאט בעקומען, און רעדליי האבען זיי געהאט א גענוג שטארקען גרונד מורא צו האבען — לויט דער ביז־אהעריגער ערפאהרונג — פאר שווערע פאלגען, ווי פון איינעם אזוי אויך פון צווייטען צד, וועלען מיר פערשטעהן די סבות, פארוואס א טייל יודען האבען זיך בעמיהט אבצוהיטען אויסערליך זייער נייטראליטעט.

און ביי אזא שטימונג און געגענזייטיגע יודיש־פוילישע בעציהונגען איז אויסגעבראכען דער אויפשטאנד.

ז.

טראץ דער אגיטאציע פון די רעוואלוציאנערע עלעמענטען איז די שטימונג צווישען גרעסטען טייל פון דער פוילישער בעפעלקערונג געווען בלויז אן אפאזיציאנעלע, נישט קיין אויסגעשפראכען רעוואלוציאנערע מיט א ציון פון אויפשטאנד געגען רוסלאנד; עס איז גאנץ נאטירליך, אז די יודען האבען געהאט נאך מעהר גרונד צו פערטראכטען זיך איבער דער לאגע און אפילו די הייסעסטע פאטריאטען פון צווישען זיי, וועלכע האבען אין מאמענט פון בעגייסטערונג געלעגט אזויפיעל האפנונגען אויף דער „נייער תקופה" אין די יודיש־פוילישע בעציהונגען, האבען געוויס ביי ניכטער בעטראכטען די לאגע זיך געפרעגט: צי איז דיזאזיגע פלוצלינגע ענדערונג אין דער בעציהונג צו אונז, די ליעבע, נישט קיין איבערגעהענדע ערשיינונג, וועלכע וועט מיט דער צייט פערשוואונדען ווערען, אדער אפשר איז פון א געוויסער זייט אויסגעשפרייט פאר אונז נאר א „נעץ", ווי די פוילישע פויערן אליין האבען עס אנגערופען? אבער וועלאפאלסקי — דורך זיין אונגעשיקטקייט אדער מיט א כיוון ניכער ארויסצורופען דעם אויפשטאנד, כדי שנעלער איהם אונטערצודריקען — האט אלץ געטהון, ארויסצורופען דעם אויפרייס.

און ווירקליך, איז דער אויפשטאנד אויסגעבראכען פריהצייטיג, דאס הייסט, ווען נאך נישט אלץ איז געווען צוגעגרייט ווי געהעריג.

דעם דירעקטען שטויס צום אנהויב פון אויפשטאנד האבען געגעבען צוויי פאקטען: וועלאפאלסקי'ס ענדגילטיגע איבעררייסונג מיט דער פארטיי „ווייסע" און די מעלדונג וועגען נעהמען צו מיליטער־דינסט. „ווהענדיג, אז ער האט נישט פון ערגעץ קיין אונטערשטיצונג, האט וועלאפאלסקי בעשלאסען צו צעקלאפען פאר יעדען פרייז די אויפשטאנדס־ארגאניזאציע און דאן איז איהם געקומען אין קאפ דער אומגליקליכער געדאנק, אבצוגעבען די פוילישע יוגענד „פאר סאלדאטען". העכער 70 טויזענד יונגע־לייט האט מען געזאלט אברייסען פון זייערע פאמיליעס און זייער היימאטסבאדען און פערשיקען אין די ווייטעסטע געגענדען פון מורח־רוסלאנד... צונעהמען צו מיליטער־דינסט האט מען בעשטימט יענע, וועגען וועלכע מ'האט גערעכענט, אז זיי געהערען צו דער אויפשטאנדס־ארגאניזאציע, ווערענד לויט דעם עקזיסטירענדען געזעץ האט וועגען נעהמען עמיצען אין מיליטער נאר בעדארפט בעשטימט ווערען דורך א גורל".

אונאבהענגיג פון דער אלגעמיינער שטימונג פון די יודען, האט די דירעקטע

סבה פון אויסברוך — דער פריזיו — האָן בעדיהרט אין אַ גלייכער מאָס די יודען, ווי די פּאָליאַקען. ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך ערקלערט אַלס נאַציאָנאַלע רעגירונג, האָט ער באַלד אָנגעהויבען צו אַגיטירען צווישען יודען. שוין אין ערשטען אַלגעמיינעם אויפרוף, וואָס באַדערט־אויף אַלע „צום געוועהר“ מיט'ן צוועק צו קעמפען געגען דער פרעמדער רעגירונג, האָט ער פּראָקלאַמירט „אַלע קינדער פון פּוילען, אָהן אונטערשייד פון גלויבען און געבורט, אַבשטאַמונג און שטאַנד“, אַלס פרייע און גלייכע בירגער פון לאַנד. דערנאָך איז פערעפענטליכט געוואָרען אַ ספּעציעלער אויפרוף צו יודען, צוזאַמענגעשטעלט אין פּויליש און העבּרעאיש אונטער'ן נאָמען: „די נאַציאָנאַלע רעגירונג צו די ברידער פּאָליאַקען פון משה'ס גלויבען“. דער אויפרוף האָט פאָרגעלעגט די יודען, צו פערגלייכען די פּאָליטיק אין בעציהונג צו זיי אין דער פערגאַנגענהייט מצד דער פּוילישער און דער „מאָסקווער“ רעגירונג. „פּוילען — ערקלערט דער אויפרוף — האָט אייך קיינמאָל נישט אַרויסגעטריבען אַפילו פון איין אָרט נישט. מאָסקווע אָבער האָט אייך געשליידערט פון איין ווינקעל אין אַנדערען. אין פּוילען זענען נישט געווען קיין פערפאָלגונגען און פאַלשע בעשולדיגונגען פאַר געברויכען מענשליך בלוט, און אין רוסלאַנד ווערט דיזאָזיגע בעשולדיגונג אויפגעפרישט אַפילו אין אונזערע צייטען“. דער אויפרוף ענדיגט זיך מיט פּאַרוליזאַציאָנען אין נביא'ישען סטיל: „און עס וועט זיין אין דער צייט, ווען מיר וועלען מיט גאָטס הילף בעפרייען דאָס לאַנד פון מאָסקווער קנעכטשאַפט, וועלען מיר צוזאַמען גענים פון פרידען; איהר און די קינדער אייערע וועלען גענים פון אַלע בירגערליכע רעכט אָהן בעגרענצונגען, ווייל די נאַציאָנאַלע רעגירונג וועט נישט פרעגען וועגען גלויבען און אַבשטאַמונג, נאָר וועגען געבורטס־אָרט“. מען קאָן נישט זאָגען, אַז דער אויפרוף ענטשפּרעכט דעם היסטאָרישען אמת, אָבער זיינע פייערדיגע ווערטער און קאַטעגאָרישע הבטחות אויף דער צוקונפט האָבען אויף די יודען געוויס געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווערט דעריבער אינטערעסאַנט דער אויפרוף, מיט וועלכען די וואַרשאַווער רבנים האָבען זיך געווענדעט צו דער יודישער בעפעלקערונג אין דעם מאָמענט, ווען דער קאַמף איז שוין געווען גאַנץ פונאַנדערגעפלאַקערט. מיר וועלען דאָ ברענגען איינינע אויסצוגען פון איהם:

„אין נאָמען פון אייביגען גאָט פון ישראל און מיט דער איינשטימונג פון די אָנגעזעהענסטע מיטגליעדער פון אונזער גמינה, לאחינו בני־ישראל, איינוואוינער פון פּוילען, די ידיעות פון די היגע געשעהעניששען פון דער מאָרינעד וואָך האָבען שוין געוויס דערגרייכט צו אייך דורך די צייטונגען אָדער דורך מונדליכע ערצעהלונגען; איהר האָט געזעהן אין זיי די האַנד פון דער געטליכער השגחה, גאָט האָט געזאָגט, און אַזוי איז עס געשעהן! לאָ'מיר־ושע לויבען דעם גאָט פון דער וועלט, וואָס האָט אונז ערשט געגעבען מוט און האָפנונג, אַז ענדליך וועט שלאָגען די שעה פון פרייהייט און בעפרייען פון שווערען יאָך... אַחינו בני־ישראל! מוט און שטאַרקייט! לאָ'מיר אָנגעהמען מיט פולער גרייטקייט די אויסגעשטרעקטע צו אונז ברידערליכע האַנד. מיר האָבען געזעהן די גרעסטע לייט פון לאַנד געהן צוזאַמען מיט אונזערע גייסט־ליכע צו ברענגען צום אָרט פון זייער אייביגער רוה די הייליגע קרבנות, וואָס זייער אונ־שולדיג בלוט האָט געשאָסען ווי אַ טייך איבער די גאַסען פון שטאָדט, און הינטער זיי איז געגאַנגען אַ הונדערט־טויזענדיגער המון פון אַלע גלויבענס, האַנד־ביי־האַנד.

דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון ברודערשאפט און אחדות... מיר בעטען אייך, ברידער, אז איהר זאלט צוזאמען, מיט גרויס פלייס, ארויסווייזען אונזער גאנצע דאנקבארקייט אונזערע לאנדס-לייט, אז איהר זאלט זיי אונטערשטיצען אין זייערע הויכע בעמיהונגען, ווייל זייער גליק איז אויך אונזער גליק. מיר זענען זיכער, אז איהר וועט זיך צוהערען צו אונזער שטימע, אז איהר וועט זיך איבעריכטיג פעראייניגען צום אלגעמיינעם וואויל— און דאס איז דאס איינציגע רעטונגס-מיטעל צו פערבעסערן אונזער לאגע; דער פערשטענדליכער וועט בעגרייפען, אז נור אויף דעם וועג און נישט אויף קיין אנדערען קאן מען ערדייכען דאס גליק פון לאנד. ווייזט זיך אלזא ארויס פאר מוטיג, און גאט וועט אייך קומען צוהילף".

דער מעסיגער טאן פון אויפרוף, און פערגלייך מיט'ן קאמפס-טאן פון דער פראקלאמאציע פון דער נאציאנאלער רעגירונג, איז ווידער אויפפאלענד: עס איז נישטא קיין איין רעוואלוציאנערער זאץ, קיין איין שארף ווארט געגען רוסלאנד. עס איז אלזא קלאר, אז „די אנגעזעהענסטע מיטגליעדער פון דער גמינע" (אלזא נישט דער גאנצער דאזאר) האבען זיך נישט געפיהלט מאראליש בעפולמעכטיגט, אריינצוציהען אפיציעל דאס גאנצע פוילישע יודענטום אין דער רעוואלוציע. זיי האבען וואהרשיינליך געוואלט לאזען, אז איינצעלנע יודישע פערזאנען אדער גרופעס זאלען זיך בעטייליגען אין אויפשטאנד אויף זייער אייגענעם חשבון. און ווירקליך האבען א בעזונדערס שטארקען אנטייל גענומען אין אויפשטאנד די פארשטעהער פון דער יודישער אינטעליגענץ.

אנאפיציעלע יודישע פערטרעטונג פלעגט זיך בעזונדערס בעטייליגען אין מאניפעסטאציעס. יאאכים לעלעוועל'ס טויט אין פאריז האט געמיינען א טיעפען און שמערצליכען אפקלאנג אין דער סינאגאגע אויף דאנילאוויטשאווסקא גאס; דארט האט מען געמאכט אנאזכרה נאכ'ן פיהרער פון דער פוילישער פרייהייטס-בעוועגונג. און אום ראש-השנה, דעם 6-טען סעפטעמבער, האט מען אין שוהל אפגעריכט א ספעציעלען „גאטעס-דיענסט פאר'ן ווערפאלג פון פאטערלאנד". צום ערשטען מאל האבען די ווענד פון א יודישער שוהל דאן דערהערט דעם געזאנג פון „באזשע, צאש פאלסקען".

ח.

א בעדייטענדע ראליע האבען יודען געשפיעלט אין אויפשטאנד אלס אויספיהרער. יודען האבען אפטמאל בעגריכט און איינגענומען די בעטייליגטע אין אויפשטאנד, געמעלדעט זיי וועגען ארט פון פיינד און צושטאנד פון די פיינדליכע קרעפטען. „ערהליכע יודען — דערצעהלט איינער פון די אנגעזעהענסטע טיילנעהמער— זענען שטענדיג געווען פאר אונז א רעטונגס-אנקער, זיי האבען אונז געווארנט וועגען יעדער געפאהר און געגעבען אונז פערשיעדענע עצות" (פענטקאווסקי). די יודען האבען זיך ארויסגעוויזען אויך פאר זייער נוצליך ביים ארגאניזירען די פליהענדע פאסט, די אזוי-גערופענע „פאנטאפעל-פאסט". זיי האבען געמעלדעט די פאליאקען וועגען דער בעוועגונג פון פיינדליכען מיליטער, און יודישע רבנים האבען פערזאמט די יודישע פאקטארס, ארענדאטארס און סוחרים, וועלכע קומען אין בעציהונגען מיט

די פויערן, אז זיי זאלען זיי מעלדען וועגען די פלענער פון די אויפשטאנדס-אנפיהרער און אויפקלערען זיי איבער דער אמת'ער בעדייטונג פון די געשעהענישען. די יודען האבען אויך פונאנדערגעשפרייט צווישען די פויערן די אויפרופען פון די פוילישע פייסטליבע. „דגם די יודען האבען אליין נישט געהאט קיין קלארען בעגריף פון דעם, וואס עס קומט-פאר, האבען זיי דאך אפגעשוואכט דעם איינפלוס פון די רוסען ביים וועלען אריבערציהען די דארפס-איינוואוינער אויף זייער זייט“ (א. גילער).

אין די ראזיגע לעצטע ווערטער ווערט אמבעסטען געשילדערט דער אנטייל פון דער געוועהנליכער יודישער מאסע אינ'ם אויפשטאנד. „ערדליכע יודען“ האבען נישט פיעל פערשטאנען וועגען וואס עס האנדעלט זיך דא, וואהרשיינליך צוליעב דעם, ווייל מ'האט גארנישט געטהון, אז מ'זאל זיי בעציימטענס צוציהען צו זיך דורך פראקטישע שריט און מהאטען און פעראינטערעסירען זיי מיט'ן גורל פון פוילען, און דעריבער האט אלץ, וואס זיי האבען געטהון, הויפטזעכליך געשטאמט פון זייער איינגעבארענער „ערדליכקייט“. און פונדעסטוועגען האט מען אפט געווארפען אויף יודען שווערע בעשולדיגונגען אדער מ'האט זיי נישט געגלויבט, אז זיי האלטען מיט די פאליאקען. אין יולי 1863 האט די נאציאנאלע רעגירונג אין ווארשא פער'משפט צום טויט פינף יודען, וועלכע זענען בעשולדיגט געווארען אין שפיאנעריי לטובת די רוסען. עס איז דאגאר ארויסגעגעבען געווארען אנ'אויפרוף, וואס האט פערבאטען צו זיצען שבעה און זאגען קדיש נאך די פערורטיילטע, און די רעגירונג האט געמאכט פעראנטווארטליך די פארשטעהער פון דער יודישער גמינע, אז דיזאזיגע פעראָרדנונג זאל אָבגעהיט ווערען.

בנוגע די יודישע פערדיענסטען אויפ'ן שלאכט-פעלד אליין פעהלען ביז-איצט גענויע ידיעות צו קאנען געבען א גענוי בילד פון דעם. מ'קאן נור דאס זאגען, אז אין גענענגאנץ צו דעם, ווי עס איז געווען ביי די פריהערדיגע אויפשטאנדען (ביי קאסציושקא און אין נאוועמבער-אויפשטאנד) זענען דאסמאל די יודען ארויסגעטראטען נישט אין אבגעזונדערטע מחנות, ווייל דאס וואלט בעטראכט ווערען אלס „סעפאראטיזם“, און איינצעלנע יודען ווידער האבען זיך נישט אויסגעצייכנעט מיט זייערע קריגערישע פעהיגקייטען אדער מען האט אפשר נישט געהאט צו זיי אזויפיעל צוטרוי, אז זיי זאלען פערנעהמען אין מיליטער אנפיהרענדע פאסטענס לפחות פון דער צווייטער מדרגה. איינצעלנע בעריהמטע יודישע פערזענליכקייטען האבען זיך אלזא נישט אויסגעצייכענט אין די נעשעהענישען פון יאנואר-אויפשטאנד אלס העלדען, ווי, למשל, בערעק יאסעלעוויטש; דאך זענען אבער פערבליבען ידיעות וועגען מחנות איינפאכע, אונבעוואוסטע יודישע קעמפער, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט אונטער דער אנפיהרונג פון פוילישע קאמאנדירען. נאטירליך, האבען ביי אזעלכע בעדינגונגען געקאנט פערבלייבען פאר די שפעטערדיגע דורות נור ווייניג נעמען פון יודען, וועלכע האבען אין די שלאכטען אדער אויף אנ'אנדער אופן בעצאהלט מיט זייער לעבען און פרייהייט פאר זייער אנטייל אינ'ם נישט-איינגעגעבענעם אויפשטאנד — פער'משפט געווארען צו פערשידענע שטראפען, פערשיקט געווארען קיין סיביר אדער געצוואונגען געווארען צו פיהרען א וואנדער-לעבען אין דער פרעמד.

צו די אנגעזעהענסטע אנטיילנעהמער אינ'ם אויפשטאנד געהערט הענריק וואהל, וואס איז פערשיקט געווארען אויף קאטארגע אין סיביר פון 1863 ביז 1871. אינ'ם

יאהר 1910 איז ער געשטארבען אין ווארשא, און ד"ר פאראנאווסקי האט אין א הספד אויף זיין קבר געזאגט: „ווען צום רב יאסטראוו איז געקומען אין דער אויפשטאנדס-עפאכע א דעפוטאציע פון דער פראנקפורטער יודישער געמיינדע איינצולאדען איהם מיט די שענסטע ווערטער צו זיך, האט ער זייער פארשלאג אפגעזאגט. די פערוואונ-דעטע שליחים האבען איהם געוואלט איבערצייגען און אויפקלערען, ווי האבען איהם אנגעוויזען אויף דער הערשענדער נויט אין לאנד, אויף די בלוטיגע פייער-ווילען פון דער רעוואלוציע, אויף די יערגידערונגען און עלענד פון די איינוואוינער, רימענדיג איהם דערביי דאס רייכטום און וואוילשטאנד פון דייטשלאנד. ווער וועט דען דא פערבלייבען? – האבען זיי ענדליך איהם געפרעגט. – „די עדעלמוטיגע" – האט יאסטראוו זיי קורץ געענטפערט. צו די עדעלמוטיגסטע זיהן פון דער פוילישער ערד האט געהערט וו א ה ל. פון זיין אבשטאמונג האט ער זיך אבגעקערט, דורך זיין אפפערן מיט זיך פאר דאס גליק פון פאטערלאנד, דורך די איבערגעטראגענע ליידען פאר איהם, דורך דער קאטארגע און סיביר האט ער זיך געשפירט אלס ביין פון איהרע ביינער און בלוט פון איהר בלוט... ער האט אליין געזעהן אין טרויס יענע תקופה, ווען צום קבר פון זיין קרוב, דעם דירעקטאר פון דער ראבינער-שולע, אנטאני אייזענבוים, זענען געגאנגען מאסען פון אלע גלויבענס צו בעקרעפטיגען דארט די ברודערשאפט אויף אייביג. חער אידעאליסט! ער האט געדענקט, אז דעם קרייץ אויפ'ן שלאס-פלאץ האט פון די הענד פון א קסיאנדז, וואס איז געפאלען דורכגעלעכערט די ברוסט דורך א קויל, איבערגעכאפט א פוילישער יוד, כדי אין א ווילע ארום אויך אומצוקומען".

ט.

אין ליטא האבען נישט סימפאטיזירט מיט'ן אויפשטאנד נישט די יודישע מאסע און נישט די נייעמשטאנענע יודישע אינטעליגענץ: דארט איז די שנאה פון די פוילישע פיהרער צו די יודען פריהער פיעל שטארקער געווען ווי אין פוילען און מ'האט זיך אין דעם נישט געקאנט אזוי לייכט פערגעסען; א חוץ דעם האבען די יודען דארט געלעגט צופיעל האפנונגען אויף דער גלייכבערעכטיגונג, וואס דארף אנקומען פון פעטערבורג. כ'האבען זיך אויך געפונען איינציגע צווישען דער יודישער אינטעליגענץ, וואס האבען פערבונדען זייערע האפנונגען מיט דער רוסיפיצירונג. איבעריגענס, האבען אויסער די גרעניצען פון קעניגרייך פוילען נישט בלויז די יודען, נאר אויך די פוילישע פויערן נישט סימפאטיזירט מיט'ן אויפשטאנד און זיי האבען זאגאר פערראטען דאס פוילישע רעוואלוציאנערע מיליטער צו די רוסען. דער אנגעשראקענער און ניכטערן-דענקענדער פויער האט מעהר געגלויבט אין דער נישט-לאנגער שווערער ווירקליכקייט, ווי אין די חלומות און הבטחות וועגען א שענער צוקונפט. פאר נישט-סימפאטיזירען מיט'ן אויפשטאנד האט מען אין פיעל ערטער אין דער ליטא געדראהט די יודען מיט בלוטיגער נקמה; דא און דארט, ווי אין יאהר 1831, זענען די דראהונגען אויך ערפילט געווארען און מ'האט געהאנגען אדער געשאסען די יודען, וועלכע מ'האט חושד געווען אין סימפאטיזירען מיט דער רוסישער רעגירונג. פון דער צווייטער זייט האט די יודישע

פאַרזיכטיגע האַלטונג בנוגע צום אויפשטאַנד אין ליטאַ ווי דערנאָך, ביים אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד, אָבגעראַטעוועט פון דער בלוטיגער נקמה פון׳ם אונ׳ברחמנות׳דיגען תלין מוראַוויאָוו. אויך אין פוילען האָט נישט דער אויפשטאַנד און נישט זיין אונטערדריקונג נישט געהאַט פאַר די יהודען קיין בעזונדער שווערע פאָלגען. די בעגייסטערונג און אָנטייל פון די פוילישע יודען אין דעם פרייהייטס-קאַמף פאַר פוילען האָט אויף א געוויסער צייט אָבגעשוואַכט דעם אַנטיסעמיטיזם אין דער פוילישער געזעלשאַפט, און דאָס האָט ווידער פערשטאַרקט די שטרעבונג צו פּאָלאָניזירען זיך מצד דער יודישער אינטעליגענץ.

אונדירעקט אָבער האָט דער פוילישער אויפשטאַנד געבראַכט צו טרויעריגע פאָלגען פאַר די יודען אין גאַנץ רוסלאַנד. ערשטענס, האָט דער אויפשטאַנד בכלל פערשטאַרקט די רעאַקציע אין לאַנד, און, צווייטענס, האָט ער געגעבען א יסוד צו דער פערשטאַרקטער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק אין מערב-קאַנט. און דאָס האָט פיעל געשאַדט די יודען אין געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען.

י.

אינטערעסאַנט איז ענדליך אויך די בעציהונג פון די אויסלענדישע יודען צום אויפשטאַנד. די פראַנצויזישע יודען האָבען שטענדיג סימפּאַטיזירט מיט די פּאָליאַקען און האָבען אין הייסע ווערטער אויפגעמונטערט די פוילישע יודען, צו נעהמען אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד. די יודען אין דייטשלאַנד — דורך דער דאַמאָלסדיגער איינציגער דייטש-יודישער צייטשריפט „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס" — זענען לכתחלה שטאַרק צופריעדען געווען פון דעם יודישען אָנטייל אין די וואַרשאַווער מאַניפעסטאַציעס און האָבען אויך געריהמט די פּאָליאַקען, וואָס שטרעקען-אויס א ברידערליכע האַנד די יודען. ווען אָבער די געשעהענישען האָבען אָנגענומען ווידער א שאַרפען כאַראַקטער, און די אונשולדיגע דעמאָנסטראַציעס זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין א בלוטיגער רעוואָלוציע, איז די שטעלונג פון דער אויבענדערמאָהנטער צייטונג צו דער בעוועגונג אין פוילען געוואָרען א נעגאַטיווע. „קיינער — האָט זי דאַן געשריבען — קאָן נישט פערמאַכען די אויגען און נישט זעהן דעם אונגעוועהנליכען טעראָריזם, וואָס איז פערבונדען מיט אַזעלכע מיטלען; יעדער מוז עס פעראורטיילען. ווען דער פוילישער אויפשטאַנד ערלויבט זיך אויף אַזאַ אופן דורכצודרינגען מיט זיינע רעפאָרמעס דאָס איינטימסטע פאַמיליען-לעבען און פערבאָט א מאָטער צו זיצען שבעה און טרויערן נאָך זיין זוהן, גיט ער דערמיט אַרויס אַ׳ערשרעקענדען ביישפּיעל דערפון, וואָס מען קאָן פון איהם ערוואַרטען, ווען ער וועט זיגען". מיט די דאָזיגע ווערטער טרעט די צייטונג אַרויס געגען בעפעהל פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, אַז מ׳זאָל נישט זאָגען קיין קדיש נאָך די יודען, וועלכע ער האָט בעשטראַפט מיט טויט אַלס בעשולדיגטע אין שפּיאָנערי. אין אַן אַנדער אַרטיקעל נעהמט די צייטונג אָן געגען אויפשטאַנד שוין אַן אויסגעשפּראָכען-פיינדליכע שטעלונג, בעמערקענדיג, אַז די פוילישע יודען דאַרפען זעהן זייער רעטונג בלויז אין רוסלאַנד, ווייל דער דורכפאַל פון אויפשטאַנד איז אונפערמיידליך און פון די פּאָליאַקען איז נישטאָ, וואָס צו ערוואַרטען. דער אַרמי-

קעל-שרייבער ברענגט אַלס בײַשפּיל דעם אויפשטאַנד פֿון 1831, ווען די יודען האָבען פון די פּאָליאַקען גאָרנישט בעקומען, און דיקטאַטאָרס זײַן האַלטונג, צו די רוסישע רעגירונג וועט פאַרמיידען דורכצופירען אַנדערע הומאַניטאַרע רעפאָרמען, נישט-וועלענדיג זיך בעשמוצען דורך אַן אַנגערעכטער אויפפירונג. ווי עס ווײַזט-אויס, איז די דאָזיגע ענדערונג און דער בעציהונג צום פּוילישען אויפשטאַנד פאַרגעקומען אונטער'ן איינפלוס פון איבערקערעניש אין דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער מיינונג אין דייטשלאַנד נישט צום גינסטען פון אויפשטאַנד, און דאָס עס האָבען וואַרשויער געשפּילט נישט קיין קליינע ראָליע נאָך פערשטענדליכע פּאָליטישע מאָטיווען.

דאָס אינערליכע יודישע לעבען.

א.

טראָץ די בעדינגונגען, וועלכע זענען בכלל נישט געוועזען גינסטיג פאַר א ברייטער אויפקלערונגס- און בילדונגס-אַרבייט צווישען די יודישע מאַסען, זענען די רייהען פון דער יודישער אינטעליגענץ אַלץ גרעסער געוואָרען. בעת דעם נאָוועמבער-אויפשטאַנד האָבען די יודען, וועלכע האָבען זיך אין'ם אויפשטאַנד בעטייליגט, געטראָגען קורצע „מיליטערישע" קליידער, געשאָרען די באָרד און פאות, און בענוצענדיג זיך מיט דערדאָזיגער געלעגענהייט, האָבען זיי שוין זייער קליידונג נישט געענדערט אויך נאָכ'ן אויפשטאַנד. געקליידעט אייראָפּעאיש, האָבען זיי זיך פריי געקאָנט בעוועגען איבער אַלע הויפּט-גאַסען פון שטאָדט. זיי האָבען פריי שפּאַצירט איבער די שטאָדט-גערטנער און האָבען זאָגאַר געהאַט א צוטריט אין די פּריוויליגירטע קלובען און שענק-הייזער, וואוהין די לאַנג-געקליידעטע יודען איז דער איינגאַנג געוועזען פערבאָטען. דעם ביישפּיעל פון די מענער האָבען נאָכגעטהון די פרויען, און בילעכוויזע האָבען זיי פערביטען די באַנדען און זיידענע טיכלעך, מיט וועלכע זיי האָבען צוגעדעקט די קעפּ, אויף פּאַרוקען; אַנדערע פון זיי האָבען זאָגאַר אָנגעהויבען צו טראָגען מאָדערנע טיכער און הוט.

מיטגעווירקט צו פערשפּרייטען דעם „אייראָפּעאיזם" צווישען יודען אין פּוילען האָבען אין א געוויסער מאָס אויך די יודישע פאַמיליעס, וועלכע זענען געקומען פון אויסלאַנד, הויפּטזעכליך פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבען זיך געקליידעט „דייטש" און געגעבען זייערע קינדער א מאָדערנע ערציהונג. אמת, אויף די יודישע מאַסען האָבען זיי קיין גרויסען איינפלוס נישט געקאָנט האָבען, ווייל זיי האָבען זיך געהאַלטען ווייט פון זיי, און א טייל פון דידאָזיגע פאַמיליעס האָבען זיך גאָר איבערגעטויפט, אָבער אָלענפאַלס האָבען זיי געהאַט א ווירקונג אויף איינצעלנע פערזאָנען פון די רייכערע יודישע הייזער, בעוועגענדיג זיי צו בילדונג. אונטער דעמדאָזיגען איינפלוס האָט זיך די ראַבינער-שולע, וועלכע איז פריהער דורך אַלעמען אויסגעמיידט געוואָרען, בילעכווייז אָנגעהויבען צו פערפילען מיט דער יודישער יוגענד פון פערמעגליכערע פאַמיליעס, און זי האָט זיך מיט דער גאַנצער יוגענדליכער בעגייסטערונג אָבגעגעבען דער וויסענשאַפט, פערגרעסערענדיג דורכדעם מיט-דער-צייט די רייהען פון דער יודישער אינטעליגענץ. און ווייל די רייכע יודען פון די אַזוי-גערופענע פּראָגרעסיסטען זענען געוועזען אין שטענדיגער בעריהרונג מיט די רייכע יודען פון די פרומערע קרייזען, האָבען זיי בילעכווייז מיט-דער-צייט אויך איבערגעציינגט די לעצטע, צו שיקען זייערע קינדער אין דערדאָזיגער לעהר-אַנשטאַלט, וועלכע איז, צוליעב'ן מאַנגעל אין אַנדערע, מעהר ענטשפּרעכענדע לעהר-אַנשטאַלטען, געוועזען די איינציגע בילדונגס-פערשפּרייטערין. און די ראַבינער-שולע אַליין, רעכענענדיג זיך זעהר מיט די רעאַלע לעבענס-

בעדערפניסען, האט זיך בעמיהט צו בעפרייען זיך פון די פריהערדיגע עקסט-אסימילאטארישע טענדענצען און איז געגאנגען אויף געוויסע קאמפראמיסען אין אט דער הינזיכט. מ'האט, למשל, אויך אבגעשאפט די לכתחילה-איינגעפיהרטע אוניפארם, וואס האט דורך איהר עהנליכקייט צו דער קליידונג פון די קאטוילישע גייסטליכע בעליידיגט די רעליגיעזע געפיהלען פון דער גאנצער געמיינדע.

אין 1835 איז געשעהן א צופאל, וואס האט אונדירעקט געווירקט אויף די פרומע יודען צו ענדערן עטוואס זייער בעציהונג צו דער ראבינער-שולע. א זוהן פון א געוויסען יוד, א רעליגיעזען און געאכטעטען צווישען די פרומע, האט בעקומען אין חדר פון זיין מלמד אזוי געשלאגען, אז ער איז אינגיכען געשטארבען. דער ניעדערגעשלאגענער פאטער — וואס צוזאמען מיט זיין פרומקייט איז אויך געוועזען עטוואס אויפגעקלערט און האט אונטערגעהאלטען בעציהונגען מיט דער יודישער אינטעליגענץ — האט, אלס פראטעסט געגען די ארדנונגען אין די „חדרים", אבגעגעבען זיין צווייטען זוהן אין דער ראבינער-שולע. דער בייזפיעל איז געוועזען אנשטעקענד. נאך אין דעמזעלבען יאהר האט מען צווישען די שילער פון דער ראבינער-שולע געקאנט בעמערקען א בעדייטענדע צאהל חדר-קינדער, פון דורכאוים פרומע הייזער, מיט געקרייזעלטע לאנגע פאות און נאך לענגערע גרויע קאפאטקעלעך. עס פערשטעהט זיך, אז די פרומע עלטערן האבען אכטונג געגעבען אויף זייערע קינדער, אז זיי זאלען נישט אראבגעהן פון דרך-הישר, און פיעל זיך פערנומען מיט זייער רעליגיעזער ערציהונג אויסער דער שולע; יעדען אווענד, נאכ'ן אבפארטיגען-זיך מיט די לעקציעס אין שולע, האבען זיי געלערנט תלמוד און אנדערע הייליגע ספרים, יעדען טאג האבען זיי געמוזט געהן אין בית-המדרש צום דאווענען אינדערפריה און פארנאכט, און שבת זענען זיי, לויט'ן אנגענומענעם מנהג, געגאנגען צום רב אדער גלאט אזוי לומדים, צו הערען תורה.

עס קלינגט באמת, ווי א ביטערע איראניע, אז שילער פון א שולע, וואס דער צוועק פון איהר גרינדונג איז געוועזען צו ערציהען רבנים, האבען נאר געמוזט געהן לערנען יודישע למודים ערגעץ-אנדערש; אבער דאך זענען די שילער, ענדיגענדיג די שולע, נישט געוועזען פרעמד פון דער יודיש-רבנ'ישער ליטעראטור. די ראבינער-שולע האט געהאט נאך א מעלה, הגם געגען איהר אייגענעם ווילען. די רייכע יודישע קרייזען האבען די שולע כמעט ווי באיקאטירט, און נישט וועלענדיג פערבלייבען אהן שילער, האט זי געמוזט אויפנעהמען קינדער פון ארימע עלטערן; אין-דערהיים האבען דידאזיגע קינדער געליטען נויט, און דא האבען זיי, חוץ אומזיסטע לעהרע, בעקומען אויך קליידונג און ערנעהרונג. דערדאזיגער אומשטאנד האט נאטירליך שטארק געווירקט, אז עס זאל ענטשטעהן א יודישע אינטעליגענץ אויך פון די ארימע שיכטען.

ב.

די ראבינער-שולע האט פון זיך נישט ארויסגעגעבען קיין רבנים-ערציהער, רבנים-לעהרער, אבער דערפאר האט זי ארויסגעגעבען א בעדייטענדע צאהל לעהרער, שריפטשטעלער, געבילדעטע סוחרים און בכלל פארשטעהער פון פרייע פראפעסיעס. א מיטעלמעסיגע געבילדעטע אינטעליגענץ האבען פון זיך ארויסגעגעבען די עלעמענ-

באר=שולען, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט ענטוויקעלט. אבער אויסער די שולען איז בילדונג פערשפרייט געווארען צווישען יודען דורך פריוואטע לערנען, בעזונדערס נאך צליעב דעם, וואס דער האנדעלס=פאך, מיט וועלכען יודען האבען זיך איבערהויפט בעשעפטיגט, האט זיי געצוואונגען צו בעקומען כאטש וועלכע=עס=איז בילדונג. ס'איז אויך געשאפען געווארען א נייע פראפעסיע, וואס ביים קענען עטוואס לייענען און שרייבען, האט זי געגעבען נישט=שלעכט חיונה: די פראפעסיע פון „פריוואטען שרייבער". שליסענדיג פערשיעדענע געשעפטען, צווישען זיך אליין אדער מיט דער פוילישער בעפעלקערונג, האבען זיך א טייל יודישע סוחרים גענויטיגט אין אזעלכע „שרייבער" אויסצופערטיגען די וועקסלען, פולמאכטען און אבמאכען, בעזונדערס נאך, ווען מ'האט בעדארפט פערפערטיגען די דאקומענטען אין איינער פון די לאנדס=שפראכען, דאס הייסט: אין פויליש, רוסיש אדער דייטש. צו דער מיטעלער אינטעליגענץ האט אויך געהערט דערזאגיגער „פריוואטער שרייבער", געוועהנליך א פרומער יוד, אין א לאנגער קאפאטע, און אמאל אויך א למדן דערצו, וואס איז בלויז געווען אימשטאנד ווי=עס=איז אנצושרייבען עטליכע ווערטער אין א פרעמדער שפראך. דער דאזיגער טיפ „שרייבער" איז פון איין זייט לויט'ן כאראקטער פון זיין פראפעסיע אליין געקומען אין שטענדיגער בעריהרונג מיט דער יודישער מאסע, און פון דער צווייטער — אלס „אינטעליגענט", האט ער אויך געהאט בעציהונגען מיט די געבילדעטע יודישע קרייזען, און ער איז אויף אזא אופן געווארען דער פערמיטלער פון די פארשריטליכע אידעען צווישען דער אינטעליגענץ און דער מאסע, אויף וועלכער ער האט, אלס פרומער יוד, געקאנט האבען א שטארקערע ווירקונג, ווי יענע פראגרעסיסטען=אפיקורסים. דער אויבענדערמאהנטער יוד, וואס האט דער ערשטער געשיקט זיין זוהן אין דער ראבינער=שולע און דערמיט געדיענט אלס ביישפיעל פאר אנדערע פרומע יודען, איז געווען גראד א „פריוואטער שרייבער".

ג.

אונטער'ן איינפלוס פון די אלע אויבענדערמאהנטע פאקטארען האט זיך די יודישע אינטעליגענץ אלץ מעהר פערגרעסערט. די נעגאטיווע זייט פון דערזאגיגער אינטעליגענץ איז אבער געשטאנען דעריין, וואס ערהאלטענדיג איהר בילדונג און איינראפעאישע קולטור פון נישט=יודען, האט זי זיך נישט בעמיהט די דאזיגע קולטור צו פערוואנדלען און צוזאמענשמעלצען מיט'ן יודישען גייסט, נאר ווי פרינציפיעל איהם בעזייטיגט. אמת, זי איז דעמאלט נאך נישט געקומען צו אזא נאציאנאלער זעלבסט=פערלייקענונג, ווי עס איז שפעטער געשעהן. איהר צוזאמענהאנג מיט'ן יודענטום דורך גלויבען, טראדיציע, געוועהנהייטען און בעציהונג מיט דער סביבה איז נאך געווען צו=שטארק, אז מ'זאל עס קענען מיט=אמאל איבערדרייסען. אבער געפעהרליך איז געווען דער פרינציפ אליין, אז „יוד" און „געבילדעטער מענש" — דאס זענען צוויי בעגריפען, וואס איינער שליסט=אויס דעם אנדערן. דער איינפלוס פון דערזאגיגער אינטעליגענץ אויף דער יודישער ארטאדאקסיע האט זיך אין בעסטען פאל געמוזט בעגרענצען נור מיט איינצעלנע, צו די מאסען האט ער קיין צוטריט נישט געקאנט

האָבען; די מאַסע האָט נישט געקאָנט האָבען קיין צוטרוי צו אַזאַ בילדונג, וואָס הייסט אויפהערען צו זיין אַ יוד, און נאָכמעהר צוליעב דעם, וואָס די טאָג־טעגליכע ערפאַהרונגען האָבען די יודישע אָרטאָדאָקסיע געבראַכט צו דער איבערציינונג, אַז די פּוילישע געזעלשאַפט אָדער זי בעציהט זיך צום יודען מיט פעראַכטונג אָדער זי טראַכט וועגען „גליקליך"־מאַכען איהם מיט עולם־הבא דורך אַריבערציהען איהם צום הערשענדיגען גלויבען....

נישט־זייענדיג אימשטאַנד אָדער נישט־פערשטעהענדיג צו ערווערבען דעם צוטרוי פון די יודישע מאַסען דורך ערציהונגס־מיטלען, האָט די דאָזיגע יודישע אינטעליגענץ בעקומען דעם חשק מיט־געוואַלט אויפצוצווינגען בילדונג דער „פינסטערער און אָבערגלויבערישער מאַסע", און ווי עס איז שוין דערמאָהנט געוואָרען, האָט זי זיך געווענדעט נאָך הילף צו דער רעגירונג, דאָס הייסט, זי איז געוואָרען אַן אינסטרומענט אין די הענד פון דער רעגירונג, ערלויבענדיג זיך אויף אַזעלכע טראַטען, וואָס האָבען גאָר קיין געמיינזאַמעס נישט מיט אמת'ער קולטור און בילדונג. די יודישע אָרטאָדאָקסישע מאַסע, וועלכע האָט זיך דעמאָלט געפונען אין ענגע בעציהונגען מיט פערשיעדענע פאָרשטעהער פון דער רעגירונג און פון־דערנאָהנט געקאָנט אָבשאַצען זייערע כוונות בנוגע צו יודען, האָט זיך מיט־אַמאָל דערשראָקען פאַר די נייע וואוילטהאַטען, וואָס מען געהט טהון מיט איהר דורך דער אַסימילאַציע. ווען די יודישע אינטעליגענץ האָט זיך געווענדעט צו דער רעגירונג און אויפגעוויזען, אַז איהרע ציעלען קאָן זי פערווירקליכען דורך פערשפּרייטען בילדונג צווישען דער יודישער מאַסע, האָט דער צווייטער צד, בעקומענדיג ידיעות וועגען דעם, אויפגעוויזען דורך פערשיעדענע אַרגומענטען פונקט דעם היפך דערפון. פון ביידע זייטען האָבען זיך געשאָטען מעלדונגען און ערקלערונגען צו דער רעגירונג, אַזוי אַז זיי האָבען אָפט אויך אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון מסירות און געגענזייטיגע בעשולדיגונגען און — לויט די אומשטענדען, ווי עס האָט בעסער געפּאַסט פאַר דער רעגירונג — האָבען אַמאָל געזיעגט די אינטעליגענטען, אַמאָל די פרומע, די אָרטאָדאָקסען. ביים אויסוועהלען פאָרשטעהער אין די גמינעס און אַנדערע אינסטיטוציעס, האָט יעדער צד אונטערגעשטיצט יענעם קאַנדידאַט, וואָס האָט „פּלייצעס" און פּראָטעקטאָרען ביי דער רעגירונג.

ד.

דער קרייז פון די פאָרשריטליכע יודען, וועלכער איז ענטשטאַנען אין אָנהויב פון די 40־ער יאָהרען, האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל, צו פערבעסערן דעם צושטאַנד פון דער וואַרשאָווער גמינע, ד. ה., בעזייטיגען די עקזיסטירענדע אונאָרדנונגען אין דער חברה־קדישא און אַנדערע אָבטיילונגען פון דער גמינע־ווירטשאַפט, און איינפיהרען אָנשטאָט דעם אַן איראָפּעאישע אָרדנונג. און אום צו ערגרייכען דעמדאָזיגען ציעל, איז מען געקומען צו דער איבערציינונג, אַז בראש פון דער גמינע מוז שטעהן אַזאַ פערזאָן, וועלכע „געהענדיג אַליין אין וועג פון פּראָגרעס, זאָל האָבען דעם מוט דרייסט צו קוקען אין די אויגען דעם פאַנאַטיזם און זאָל זיין פעהיג, צו דער ערגרייכונג פון איהרע ציעלען — צו ברענגען קרבנות פון אייגענעם מאַג". אַלס אַזאַ פערזאָן האָט מען בעטראַכט מאַטיאַס ראָזען, אַ זוהן פון רייכסטען

באנקיר אין ווארשא, וואס אויסער מיט זיין נדבנות, האט ער זיך אויסגעצייכענט „הויפטזעכליך מיט געבען פראטעקציע די אלע, וואס האבען בעדארפט אנקומען צו זיין איינפלוס און מאכט...״ דידאזיגע לעצטע מעלה האט, ווייזט-אויס, געהאט דעם שטארקסטען איינפלוס, און אינ'ם יאהר 1841 איז מאטיאס ראזען אויסגעוועהלט געווארען אלס פארזיצענדער אין דאזאר.

איבערנעהמענדיג זיין אמט, האט ראזען קודם-כל בעשלאסען, צו רעגולירען די אנגעלעגענהייטען פון דער חברה-קדישא — אדער קברות-אדמיניסטראציע — וועלכע האט ביז דעמאלט עקזיסטירט אונאבהענגיג פון דאזאר און בעגאנגען פערשיעדענע פאלשקייטען און שווינדלען. ער האט דאן אויפגעפאדערט די חברה-קדישא, אז מ'זאל איהם צושטעלען א בודזשעט פון הוצאות און הכנסות, און דער בודזשעט, צונויפגעשטעלט צום ערשטען מאל, איז אויפגענומען געווארען אין אלגעמיינעם בודזשעט פון דאזאר. ווייטער האט ער אין 1843 פערלאנגט פון דער חברה-קדישא, אז מ'זאל איהם צושטעלען די רעכנונגען און אנווייזונגען פון קאסטען פאר הלויות און אנדערע וואוילטעטיגע זאכען; עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די צוגעשטעלטע רעכנונגען האט מען נישט געקאנט בעשטעטיגען מיט קיין שום בעווייזען און עס איז נישט געווען קיין מעגליכקייט צו קאנטראלירען די גרעסערע סומען, וועלכע פיגורירען אין די רעכנונגען. אויף אנ'אלגעמיינער זיצונג פון אלע דאזאר-מיטגליעדער, צווישען וועלכע עס האבען זיך אויך געפונען מענשען פון אלטען שניט מיט אלטע טראדיציעס (דעם 21-טען סעפטעמבער 1843), האט מען געמעלדעט די מיטגליעדער פון דער חברה-קדישא, אז פון היינטיגען טאג אן הערט-אויף איהר טעטיגקייט און דער ביזהעריגער איינווענטאר געהט-איבער אין רשות פון דאזאר. גלייכצייטיג האט מען אין דאזאר-שטוב געשאפען א קברות-סעקציע מיט א וואוילטעטיגקייטס-אבטיילונג. און אזוי איז געמאכט געווארען א סוף צו דער אינסטיטוציע, וועלכע האט עקזיסטירט פון 1806 אן — אלזא, 37 יאהר — אנ'אינסטיטוציע, וועלכע האט געהאט חסרונות ביים אויספיהרען איהרע פונקציעס און אין די געלד-חשבונות, אין וואס עס זענען הויפטזעכליך שולדיג געווען איהר שלעכטע ארגאניזאציע און איהרע אנפיהרער, אבער לויט איהר מהות איז זי געווען א נוצליכע. איהר אויפגאבע איז בעשטאנען דערין, וואס די גרופע מענשען, וועלכע האבען זיך פערנומען מיט דער טהרה און קבורה פון די מתים, האט פערלאנגט פון די פאמיליעס פון די מתים א געוויסע סומע אלס בעערדיגונג, לויט זייער מאטעריעלען שטאנד, אבער דאס געלד האבען זיי נישט גענומען פאר זיך, נאר אוועקגעגעבען פאר וואוילטעטיגע אנשטאלטען. קיין הכנסה-שטייער האט נישט עקזיסטירט אויך דעמאלט, פערשיעדענע וואוילטעטיגע אנשטאלטען האט מען בעדארפט אויסהאלטען, און מען קאן דעריבער נישט אזוי פעראורטיילען דאס סיסטעם, צו נעהמען לטובת-הכלל געוויסע סומען ביי פערמעגליכע פאמיליעס אין יענע מאמענטען, ווען דער טויט פון זייער נאהנטען, פאר וועלכען זיי האבען אויך פערלאנגט א שענעם ארט אויפ'ן בית-עולם, האט זיי בעוואויגען צו טראכטען ווענען דער נישטיגקייט פון לעבען בכלל און ווענען נוטס פאר אנדערע, עלענדע מענשען. אלענפאלס האט זיך דאס סיסטעם נישט געענדערט דורכדעם, וואס די אינסטיטוציע איז ארוים פון די הענד פון פינסטערע און געוויסענלאזע אפיטראפסים און אריבער צו די מאדערנע פיהרער פון דער גמינע. ראזען האט פאר זיין רעפארם

אַרויסגעשטעלט איין וויכטיגען אַרגומענט: די מאַגיסטראַט-קאָמיסיע פערלאַנגט עס, און דערמיט האָט ער געזיגט. ווי געזאָגט, איז דער פּרינציפּ צו פערלאַנגען געלד פאַר דער קבורה נאָך לאַנג דערהאַלטען געוואָרען אין דער גמינע, און פערהיטען קהל'שע געלד פון פערשווענדונג האָט מען לייכט געקאָנט דורך אַ קאָנטראָל, ניט פונאַנדערלאָזענדיג דערביי די חברה-קדישא.

ה.

אָנהויבענדיג די רעפאָרמען פון בית-עולם, האָט דער נייער פּרעזעס פון דער גמינע, אַחוץ די בעסערע געלד-רעכנונג און ריכטיגערע קאַסע-השגחה אין דער קברות-סעקציע, זיך אויך פערנומען מיט איינאָרדנען די „עגלות". דער דאָזיגער האָט אין'ם יאָהר 1848 איינגעשטימט איינצופיהרען מאָדערנע, מיט טרויער-צייכען בעפוצטע עגלות, וועלכע זענען געשאַפען געוואָרען דורך פריוויליגע נדבות, וואָס אייזענבוים האָט צונויפגעזאַמעלט. אָבער מיט אַזעלכע עגלות, וואָס דער המון האָט זיך לכתחילה ניט געקאָנט צוגעוועהנען צו זיי, ווייל זיי זענען געווען געגען דער יודישער טראַדיציע, האָבען זיך בענוצט בלויז די פּראָגרעסיסטען; די פרומע יודען בענוצען זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג מיט די בעשיידענערע עגלות.

ס'איז אויך רעאָרגאַניזירט געוואָרען די וואָהלטעטיגקייטס-אַבטהיילונג פון דער גמינע, צו וועלכען צוועק עס איז צוזאַמענגעשטעלט אַ ספּעציעלע אינסטרוקציע, וואָס איז דורך דער מאַכט בעשטעטיגט געוואָרען ערשט אין'ם יאָהר 1851.

דער לעבהאַפטער שטרייט צוליעב די בית-הקברות-אַנגעלעגענהייטען איז שנעל אויפ'ס ניי אויסגעבראָכען. אין 1854 איז געשטאָרבען אַנטאָני אייזענבוים, און זיינע אָנהענגער האָבען געוואָלט שטעלען אויפ'ן קבר פונ'ם פּרעדיגער-פערשטאָרבענעם דירעקטאָר פון ראַבינער-שולע אַ מצבה מיט ענטשפּרעכענדע אויפשריפטען אין דער פּוילישער שפּראַך; מען האָט פאָרויסגעזעהן, אַז עס איז צו ערוואַרטען שטערונגען מצד דער גמינע, אָבער דאָס האָט מען געוואָלט בעזייטיגען מיט דער הילף פונ'ם פּראָגרעס-פערטיידיגער מאַטיאַס ראָזען, וועלכער האָט שוין דעמאָלט זיין אַמט געהאַט פערלאָזען. די פערזאָן, וואָס איז צו יענער צייט געשטאַנען בראש פון דער גמינע, איז ניט געווען אַזוי „פּראָגרעסיוו" צו ערלויבען אויפשריפטען אויף מצבות אין פּויליש און ברעכען מיט דער אַלטער טראַדיציע וועגען אויפשריפטען נור אין העברעאיש. די פראַגע איז בעהאַנדעלט געוואָרען אין דער רעגירונגס-קאָמיסיע פאַר אינערליכע גייסטליכע אַנגעלעגענהייטען און זי האָט בעשלאָסען, אַז ניט נור אויף אייזענבוים'ס מצבה, נאָר אַלע אויפשריפטען אויף יודישע מצבות דאַרפען געמאַכט ווערען אין העברעאיש און פּויליש. ערשט אין'ם יאָהר 1857, ווען דער רב מייזעלס האָט ערקלערט דער מאַכט, אַז פרומע יודען שטעלען צוליעב דעם בכלל קיין מצבות ניט, צוליעב וואָס עס פערקלענערן זיך די הכנסות פון דער גמינע, איז אין דער פראַגע וועגען די אויפשריפטען אויף די מצבות בעשלאָסען געוואָרען, אַז די פאַמיליע פון פערשטאָרבענעם מעג זיך פיהרען, ווי זי אַליין געפינט פאַר נויטיג.

אַנ'ערנסטער שטרייט איז אויך אויסגעבראָכען צוליעב דער פראַגע, ווי אַזוי דער פוהרמאַן דאַרף זיצען אויף דער עגלה. די פּראָגרעסיסטען, שטיצענדיג זיך אויף

„ביישפּיעלען פון אייראָפּאַ“, האָבען פערלאַנגט, אַז דער פּודרמאַן זאָל זיצען אין דער הויך, אויף די „קאָלעס“, וועהרענד די פרומע יודען האָבען געהאַלטען, אַז זיצען מיט'ן רוקען צום מת איז אַ בעליידיגונג פאַר אידם, און דעריבער דאַרף דער פּודרמאַן פון דער ענלה געהן צופוס, האַלטענדיג די לייצעס אין האַנד. אויך אין דער פראַגע האָט מען נישט געקאָנט דורכקומען צווישען זיך, ביידע צדדים האָבען זיך געווענדעט צו דער מאַכט, און זי האָט ענדליך געמאַכט אַ פּשרה, אַז קיין חיוב פאַר אַלעמען זאָל דאָ נישט זיין, נאָר יעדע פאַמיליע האָט דאָס רעכט צו פערלאַנגען, ווי אַזוי דער פּודרמאַן זאָל זיך נוהג זיין, ווי זי אַליין געפינט פאַר נויטיג.

ו.

ווי מיר זעהען, האָבען די פּראָגרעסיסטען און אָרטאָדאָקסען געפיהרט פערביטערטע קאַמפּען צווישען זיך, זוכענדיג איינע געגען די אַנדערע שוץ און שטיצע ביי דער מאַכט, אָבער גראָד דאָ האָט פאַסירט אַ פאַל, ביי וועלכען די ביידע קעמפּפענדע צדדים האָבען זיך פעראייניגט און געאַרבייט געמיינזאַם. ביידע צדדים זענען געגאַנגען צו דער מאַכט און האָבען געבעטען, אַנצונעהמען איינע און דיזעלבע מיטלען. עס האַנדעלט זיך וועגען יודישען טעאַטער. אינ'ם יאָהר 1837 האָט זיך אַ געוויסע יודישע גרופּע געווענדעט צו דער מאַכט און משתדל געווען זיך וועגען אַן ערלויבניש, צו געבען אין וואַרשאַ פאָרשטעלונגען אין יודיש אום פּורים, ווען, לויט'ן אַלטען יודישען מנהג, מען טהוט זיך אָן מאַסקעס און עס ווערען געגעבען פאָרשטעלונגען אויף ביבלישע טעמעס. דער דאָזאָר האָט עס נישט געוואָלט דערלאָזען און דעם 8-טען מערץ האָט ער זיך געווענדעט צום פּאָליציימייסטער מיט אַ ביטע, אין וועלכער ער ערקלערט, אַז וועהרענדיג אויפגעפאָדערט דורכ'ן געעהרטען רב און פיעל אַנדערע אָנגעזעהענע מיטגליעדער פון דער געמיינדע, מוז ער בעטען, אַז מ'זאָל נישט געבען קיין ערלויבניש אויף די פאָרשטעלונגען, „נעהמענדיג אין בעטראַכט דעם אומשטאַנד, אַז אַזעלכע פאָרשטעלונגען, ווי די ערפאַהרונג האָט אונז געלערנט, נישט בלויז, וואָס זיי מאַכען נישט קיין מאָראַלישע ווירקונג אויפ'ן גייסט פון די צוהערער; נאָר זיי שטעלען נאָר מיט זיך פאָר אַן אונאַנשטענדיגע אַבשפּאַטעריי, וואָס העלפט מיט צו דעמאָראַליזאַציע, און דאָס איז לויט די פאָרשריפטען פון דער רעליגיע אַמשטרענגסטען פערבאָטען“.

דער פּאָליציימייסטער האָט אָבער נישט ערפילט די ביטע פון דאָזאָר, און דעם 29-טען מערץ 1839 ווענדעט זיך דער דאָזאָר ווידער אין דערזעלבער אַנגעלעגענהייט שוין צום וויצע-פּרעזידענט פון וואַרשאַ, מאָטיווירענדיג זיין ביטע וועגען נישט-ערלויבען יודישע פאָרשטעלונגען דערמיט, וואָס דער „קאַרנאַוואַל ביי יודען האָט זיך שוין פון לאַנג געענדיגט, און נאָכ'ן טויט פון רב שלמה ליפשיץ איז מען מחויב צו נוהג-זיין זיך עטליכע וואָכען אבלות“. ענדליך ערשט דעם 24-סטען אַפּריל 1840 האָט דער אָבער-פּאָליציימייסטער מודיע געווען דעם דאָזאָר, אַז „צוליעב דעם, וואָס די מיינונג פון זעלבען דאָזאָר, וואָס איז אויפגעשריבען אויף דער ביטע פון יוד דוד העלין... איז נישט געווען גינסטיג, ווייל דער דאָזאָר האָט געשריבען, אַז פאָרשטעלונגען, וועלכע ווערען געגעבען אין אַ נישט-ריינע שפּראַך, האָבען נישט קיין מאָראַלישע

ווירקונג אויפ'ן גייסט פון די צוהערער, נאר זיי שטעלען מיט זיך פאר א אונאנשטענדיגע אבטופאטעריי, וואס העלפט־מיט צו דעמאראליזאציע און נישט קיין שענע מעשים", געפינט ער פאר צוועקמעסיג צו ענטזאגען העליג'ס ביטע, כל־זמן ער וועט נישט בעקומען קיין הסכמה פון דאזאר.

עס איז כאראקטעריסטיש, אז מיט א פראטעסט געגען יודישע פארשטעלונגען טרעט־ארויס דער דאזאר־מיטגליעד אברהם פאפראצקי, א לערער פון א שולע, א פראגרעסיסט, אנטאני אייזענבוים'ס אנ'אייזעם, בעזונדערס נאך, ווען מען ווייסט, אז אין ווארשא פלעגען אין איניגע פריוואטע הייזער פון דער יודישער אינטעליגענץ אפטמאל אויפגעפיהרט ווערען פארשטעלונגען אין העברעאיש, און צווישען די צושויער פלעגען זיך אויך געפינען מיטגליעדער פון דאזאר.

עס איז שווער צו בעגרייפען, וואס האט עס אייגענטליך ארויסגערופען אזא ערבימערטען קאמף מצד די פראגרעסיסטען און ארטאדאקסען געגען יודישען טעאטער. אויב דא האבען נישט געשפיעלט קיין ראליע קיין אויסנאהמס־מאטיווען, וועלכע מ'האט געפונען פאר נויטיג צו פערמאסקירען אין נאמען פון דער רעליגיע (עס איז, צום ביישפיעל, בעקאנט, אז אין ניקאלאי'ס צייטען זענען די ווארשאווער טעאטערן, אדאנק דעם איינפלוס פון זייערע אפיציעלע „בעשיצער", פערוואנדעלט געווארען אין א נעסט פון אויסגעלאסענער דעמאראליזאציע), איז מעגליך, אז וועהרענד די ארטאדאקסען האבען זיך געשראקען פאר אזא „נייעס" אין יודישען לעבען, ווי א טעאטער, האט די פראגרעסיסטען בעזונדערס אבגעשטויסען דער „ושארגאן", צו וועלכען די פוילישע אסימילאטארען בעציהען זיך שוין פון זעהר לאנג מיט פעראכטונג, פערנאכלעסיגענדיג דערמיט דעם נאטירליכסטען און וויכטיגסטען בילדונגס־פאקטאר פאר דער יודישער מאסע.

ז.

די ערשטע יודישע פראגרעסיווע סינאגאגע אין ווארשא איז ענטשטאנען אין ענדע פון 18־טען יאהרהונדערט (וואהרשיינליך, אין דער צייט פון דער פריסישער הערשאפט) דורך אנ'אויסלענדישען יוד, יצחק פלאטוי, וואס האט זיך דא בעזעצט. קויפענדיג א הויז אויף דאנילאוויטשאווסקא גאס נומ. 616, האט פלאטוי דארט איינגע־ריכטעט אויף זיינע קאסטען א סינאגאגע פאר זיין אייגענער גרויסער פאמיליע, פאר זיינע פריינד און בעקאנטע, וועלכע האבען זיך מיט זייער קורצער קליידונג און ריינער דייטשער שפראך אונטערגעשיידט פון די איבעריגע יודען. די ערשטע מתפללים אין דערהאויגער שוהל האבען אלץ מעהר געקריגען צו זיך נייע חברים פון יענעם קלאס יודען, וועלכע זענען מיט זייער אויסערליכען אויסזעהן און ערציהונג פון זייערע קינדער געשטאנען נאהענט צו זיי; די פרומע יודען ווידער, וועלכע האבען צוליעב זייער גרויסער מעהרהייט מיט זיך פארגעשטעלט די אייגענטליכע יודישע ווארשאווער געמיינדע, האבען זיך פון די ערשטע דערווייטערט, די סינאגאגע האבען זיי אנגערופען „דייטשע", און די מתפללים אין איהר — „דייטשען". נאך פלאטוי'ס טויט האבען די מתפללים אפגעזונגען די סינאגאגע פון נייעם הויז־ווירט, און זיי האבען זי אויסגעהאלטען, געמיינזאם אויף זייערע אייגענע קאסטען; די סינאגאגע איז דעריבער געווארען אנ'אייגענע.

טוב פון די מתפללים. אזוי האָט די סינאַגאָגע עקזיסטירט עטליכע צעהנדליג יאָהר, האַלטענדיג זיך ביי די אַלטע יודישע טראַדיציעס און מנהגים, אָהן וועלכע־עס איז רעפאָרמען אין׳ם גאָטעס־דיענסט, און פון די איבעריגע יודישע שוהלען האָט זי זיך אונטערשיידט נור מיט איהר ריינקייט און דער האַלטונג פון די מתפללים בעת׳ן דאַווענען. שפּעטער אָבער האָט זיך אין דער „דייטשער געמיינדע" געלאָזט בעמערקען אַ שטרעבונג צו געוויסע רעפאָרמען. צום סוף פון די 20־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט מען אין בית־מדרש פון דער ראַבּינער־שולע איינגעפיהרט אַ כאָר, און אַנ׳ערציהער אין איינעם פון די רייכסטע יודישע הייזער אין וואַרשאַ, ד״ר גאָלדשמידט, האָט יעדען שבת געהאַלטען אַ רעליגיעזען פאָרטראָג אין אַ פּריוואַטען הויז. ווען מ׳האָט דערנאָך בעשלאָסען איינצואָרדנען אַ גרעסערע סינאַגאָגע אין׳ם זעלבען הויז, וואָס מ׳האָט צו דעם צוועק אָפּגעקויפט, האָט מען איינגעלאַדען דעם ד״ר גאָלדשמידט אַלס פּרעדיגער, און מיט איזענבוים׳ען האָט מען אָפּגעמאַכט אויסצובילדען אַ כאָר. די שעהנע רעדעס פון ד״ר גאָלדשמידט, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין דייטש, האָבען שטאַרק געווירקט אויף די פּראָגרעסיסטען צו פעראינטערעסירען זיך מעהר מיט דער סינאַגאָגע און שענקען פאַר איהר אויפבויאונג גרעסערע סומען, און אין 1843 איז די סינאַגאָגע טאַקי בעדייטענד פערגרעסערט געוואָרען. אין׳ם דאָזיגען צושטאַנד האָט זי עקזיסטירט ביז 1878.

אָבער די פּרעדיגטען אין דער דייטשער שפּראַך האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען אַרויסצורופען אונצופרידענהייט ביי געוויסע פּראָגרעסיסטען, וועלכע האָבען געפאָדערט, אַז מ׳זאָל זיי האַלטען אין פּויליש. עטליכע פאַמיליעס פון די געוועזענע שילער פון דער ראַבּינער־שולע האָבען פון צווישען־זיך געשאַפען אַ קאָמיטעט, זיי האָבען צוזאַמענגעקליבען אַ בעדייטענדע סומע אויף צו בויען אַ נייע סינאַגאָגע מיט פּרעדיגטען אין פּויליש. די ראָליע פון פּרעדיגער האָט אויף זיך איבערגענומען יצחק קראַמשטיק, וועלכער האָט געהאַלטען די ערשטע דרשה אין פּויליש ביים עפענען די נייע סינאַגאָגע אויף נאַלעווקי נומ. 2257, פּסח 1857 (דעם 10־טען מערץ). אזוי איז געשאַפען געוואָרען די נייע פּראָגרעסיווע סינאַגאָגע, וועלכע די יודישע אָרטאָדאָקסיע האָט גערופען מיט׳ן נאָמען די „פּוילישע סינאַגאָגע". פון דער „דייטשער" האָט זי זיך אונטערשיידט, אויסער מיט דער שפּראַך פון די פּרעדיגטען, אויך מיט דעם, וואָס ווערענד דער דייטשער פּרעדיגער האָט אויפגעפאָדערט זיינע צוהערער, צו ערפילען די דינים און מצוות פון דער תורה, צו תשובה, תפלה און צדקה, האָט דער „פּוילישער" הויפּטזעכליך בעטאָנט אין זיינע דרשות די וויכטיגקייט פון דערנעהנטערן־זיך צו די לאַנדעס־איינוואוינער און פון פּראָגרעס. די „פּוילישע" דרשות מיט די ליב־געזאַנגען פאַר׳ן פּראָגרעס האָבען אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אויפרעגונג אין׳ם קאָנסערוואַטיווען יודישען לאַגער, און ס׳איז שיער נישט געקומען צו ערנסטע אַרויסטרעטונגען געגען דער דאָזיגער סינאַגאָגע. דערצו נאָך האָט דער יודישער המון נישט אזוי שטאַרק רעאַגירט געגען דרשות אין אַ שוהל אויף דייטש, געפינענדיג, אַז די דאָזיגע שפּראַך, וואָס איז אזוי נאָהענט צו יודיש, איז נישט אזוי מחלל די הייליגקייט פון אַ מקום קדוש, ווערענד פּויליש איז דאָך דורכאויס אַ פרעמדע שפּראַך. מען האָט דעריבער זיך בעדאַרפט בעוואָרענען פון אַנ׳אַריינמישונג אין די אָנגעלעגענהייטען פון דער סינאַגאָגע מצד דעם

דאָזאָר, וואָס אונטער זיין השגחה האָבען זיך געפונען אַלע יודישע געבעט-הייזער אין ווארשא. אַחוץ-דעם האָט מען אויך געפונען פאַר נויטיג איינצולאַדען אַ פרעדיגער, וואָס צוזאַמען מיט זיין רעדנער-טאַלענט זאָל ער אויך בעזיצען גרינדליכע יודישע קענטניסען. נאָך פיעל השתדלות האָט מען גע'פועל'ט ביי דער מאַכט ביידע זאַכען; אויך אין דער „סינאַגאָגע אויף דער דאַנילאָוויטשאָווסקאַ גאַס" — ווי מ'האָט זי דעמאָלט גערופען — האָט זיך בעלעכטוויז פערגרעסערט די צאָהל פון די פויליש-אַנהענגער, און זיי האָבען זיך פעראייניגט מיט די מתפללים פון דער „פוילישער סינאַגאָגע", און דעריבער האָט מען אויך דאָ לכתחילה איינגעפיהרט די פוילישע שפּראַך אין דער קאַנצעלאַריע, און דערנאָך אויך די פּרעדיגטען אין פויליש. אינ'ם יאָהר 1858 איז ד"ר גאָלדשמידט איינגעלאַדען געוואָרען אַלס פּרעדיגער קיין לייפּציג, און אויף זיין אָרט האָט מען אויפגענומען ד"ר יאַסטראָוו פון פּויזען, וועלכער האָט זיך פערפליכטעט אין קאָנטראַקט אין אַ יאָהר אַרום נאָך זיין אָנקומען צו האַלטען די דרשות אין פויליש, וואָס ער האָט פּינקטליך ערפילט. קראַמשטיק האָט דערווייל ווייטער געהאַלטען זיינע פוילישע דרשות אין דער סינאַגאָגע אויף נאַלעווקי, וועלכע איז נאָך עטליכע יאָהר עקזיסטירען אויף איהר ערשטען אָרט איבערגעטראָגען געוואָרען אין אַ נייער געביידע אויף דערזעלבער גאַס נומ. 2250. דעם 26-סטען סעפּטעמבער 1858 האָט אין דער נור-וואָס אויסגעבויטער סינאַגאָגע אַ מיטגליעד פון קאָמיטעט צו בויען די סינאַגאָגע געפיהרט זיין טאָכטער צו דער חופּה, און קראַמשטיק אַלס אָרטיגער פּרעדיגער האָט, אין דער אַנוועזענהייט פון רב מייזעלס און אַ גרויסען עולם, געהאַלטען פאַר'ן יונגען פּאָר די בענעדיקציאָנס-רעדע צו דער חופּה אין פויליש, און אַ כאָר, מיט דער בעגלייטונג פון אַ פיס-האַרמאָניע, האָט געזונגען דעם חופּה-ניגון. דיזאָזיגע ערשטע איניציאַטיווע צו געבען קדושין אין דער סינאַגאָגע מיט אַ רעדע פון'ם פּרעדיגער אין פויליש האָט באַלד געפונען פיעל נאָכאַהמער.

ה.

מיט'ן צוועק צו שאַפען קינפטיגע פּרעדיגער, אויף וועלכע עס איז געוואָרען אַ נאָכפראַגע אין ווארשא ווי אין פּראָווינץ, האָט אַ גרופּע פּערזאָנען (ר. בערנהאַרד, י. בערנשטיין, ד"ר יאַסטראָוו, ה. נוסבוים און מ. וואָלפסאָן) געגרינדעט אַ פּריוואַטע געזעלשאַפט, וואָס איהר אויפגאַבע איז געווען צו לאָזען בילדען יונגע-לייט, שילער פון די אָרטיגע לעהר-אַנשטאַלטען פאַר פּרעדיגער. דאָס געלד פון אויפגעזאַמעלטען פאָנד האָט מען פערווענדט פאַר עטליכע יונגע-לייט, וואָס נאָכ'ן ענדיגען די ראַבינער-שולע זענען זיי אַריין אין דער אַקאַדעמיע אָדער „שקאָלאַ גלוּבנאַ", צו געבען זיי אַ יודיש-טעאָלאָגישע בילדונג דורכ'ן פערגנסטען תלמוד-לעהרער און קענער פון דער רבנ'ישער ליטעראַטור. פון דער ערשטער גרופּע אויסגעקליבענע קאַנדידאַטען איז צילקאָוו, נאָכ'ן פערברענגען עטליכע יאָהר אין דער הויגער אַקאַדעמיע, אַרויסגעשיקט געוואָרען קיין בערלין, וואו ער האָט געענדיגט די אוניווערזיטעט, און אומקעהרענדיג זיך מיט'ן טיטעל דאָקטאָר קיין ווארשא, האָט ער, נאָך יאַסטראָוו'ן, פערנומען די שטעלע פון פּרעדיגער אין דער סינאַגאָגע אויף דאַנילאָוויטשאָווסקאַ (אינ'ם יאָהר 1863); דער צווייטער, דאַנקעוויטש, האָט פערנומען די שטעלע פון אַ פּרעדיגער אין קראָקע,

אין די איבעריגע האָבען זיך נאָר געווידמעט אַנדערע פּראָפעסיעס. נאָכ'ן אויפשטאַנד פון 1863 איז די פּרעדיגער=בימה אין די ביידע סינאַגאָגעס, צוליעב'ן דערוויטערן יאַסטראָוו'ן און קראַמשטיק'ן, פאַר'יתומ'ט געוואָרען, און הרשות אויף פּויליש זענען לחלוטין פאַרבאָטען געוואָרען. יאַסטראָוו'ס פּערמיעטער אויף דאַנילאָוויטשאָווסקאַ, ד"ר ציליקאָוו, האָט אין פערלויף פון אַ גאַנצער רייהע יאָהרען זיינע פּרעדיגטען געמוזט האַלטען אין דער דייטשער שפּראַך. ערשט פון'ם יאָהר 1878 אָן, מיט'ן חנוכת=הבית פון דער נייער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקאַ, איז די פּוילישע שפּראַך ווידער געוואָרען ערלויבט אין דער סינאַגאָגע.

חוץ די ביידע אויבענדערמאָהנטע סינאַגאָגעס פון די פּראָגרעסיסטען, האָבען איינציגע פון די רייכע אָרטאָדאָקסען אויך אויסגעבויט אין זייערע אייגענע הייזער בעזונדערע שוהלען פאַר זיך און פאַר די איינוואוינער פון דער נאָהנטער געגענד, און זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער ריינקייט, אָרדנונג און געשמאַקפולער איינריכטונג. די איבעריגע שוהלען האָבען זיך אין וואַרשאַ געפונען אין געדונגענע וואוינונגען און מ'האָט מיט זיי געמאַכט געשעפט, נעהמענדיג ביי די אָרימע יודישע מתפללים, וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין אָרט, וואו צו דאַווענען, אַ געוויסען „איינטריטס=אָפּצאָהל".

ט.

דער חסידיזם האָט געפונען אין פּוילען אַליין מעהר אָנהענגער צווישען די ברייטע יודישע מאַסען, נישט נור אין פּראָווינץ, אָבער אויך אין וואַרשאַ. חוץ די „גוטע יודען", וועלכע מיר האָבען שוין דערמאָהנט, זענען אין דער שפּעטערדיגער צייט געוועזען די הויפּט=פיהרער פון חסידיזם אין פּוילען רב יצחק פון וואָרקי (געשט. 1848), רב מענדעלי קאָצקער (געשט. 1859) און רב איטשע=מאיר פון גור=קאַלוואַריע (געשט. 1866).

דער וואָרקער צדיק איז מעהרסטענטיילס געזעסען אין וואַרשאַ צוליעב זיינע אָפטע שתדלנות ביי דער מאַכט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מבטל=מאַכען עפּיס אַ פעראָרדנונג, וועלכע די יודישע אָרטאָדאָקסיע האָט געפונען פאַר שעדליך: ווי דאָס נעהמען צו מיליטער=דיענסט, ענדערן די קליידונג, אָדער אַ פערבאָט פון עפּיס אַ בעשעפטיגונג און אַ פערבאָט צו וואוינען אין וועלכען=עס=איז אָרט. רב מענדעלי קאָצקער איז כמעט שטענדיג געזעסען על התורה והעבודה און זאָגאַר זיך פערנומען מיט חקירה, מיט יודישער פילאָזאָפיע, און אין חסידיזם האָט ער געזעהן אַ יודישע אויפלעבונגס=בעוועגונג פון אַ געוויסער אַרט, וואָס בעפרייט דעם יודישען גייסט פון די איבעריגע הלכה=קייטען. רב איטשע=מאיר אַלטער האָט זיך אויך פיעל פערנומען מיט תורה און זאָגאַר מחבר=געווען איינציגע ספרים. אַלס אַ קלוגער אין וועלטליכע זאַכען, האָט ער שטענדיג געדיענט זיינע חסידים מיט אַן עצה אין זייערע פּריוואַטע און האַנדעלס=אונטערנעהמונגען. ער האָט מעהר פון אַנדערע אַזוי שטאַרק מיטגעווירקט, אַז דער חסידיזם זאָל בעקומען אַזאַ מאַכט און איינפלוס אין וואַרשאַ אַליין. אין 1843 האָט דער ראָזאַר דערלאַנגט אַ ביטע, אַז מ'זאָל איהם בעשטעטיגען אַלס געהילף=רב אין וואַרשאַ, אָבער די רוסישע מאַכט, בעזיצענדיג, ווי עס שיינט, געוויסע בעווייזען, אַז ער

האט סימפאטיזירט מיט'ן אויפשטאנד פון 1831, האט מיט איהר בעשטעטיגונג פערצויגען. א לענגערע צייט האט רב איטשע-מאיר ערפילט די פליכטען פון א געהילף-רב נישט-אפיציעל, און ערשט אינ'ם יאהר 1852 איז ער אין דערדאזיגער שטעלע בעשטעטיגט געווארען. ווען אין ניקאלאי'ס צייטען איז ארויס די פעראָרדנונג וועגען ענדערן די קליידונג, האט מען פאר די יודען פארגעלעגט איינס פון די ביידע: אדער טראגען א מערב-איראפעאישע קליידונג און דאן אויך שערען די באָרד, אדער אנטהון די קליידונג פון די רוסישע סוחרים, און עס וועט נישט זיין קיין חיוב צו שערען די באָרד. נאטירליך, האבען די פרומע יודען געוואלט אויסקלייבען דאס צווייטע, אבער רב איטשע-מאיר האט ויינע אנהענגער געראטען, אנצוטהון זיך איראפעאיש, ערלויבענדיג גלייכצייטיג צו שערען די באָרד, אבי נישט צו טראגען די עכט-רוסישע הלבשה.

י.

ביז'ן טויט פון ערשטען ווארשאווער רב רבי שלמה ליפשיץ, דער בעקאנטער בעל-מחבר פון „חמדת-שלמה", וועלכער האט זיך זיין גאנץ לעבען פערנומען בלויז מיט לערנען און רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, זיך נישט געמישט לחלוטין אין די געזעלשאפטליכע און אנדערע אנגעלעגענהייטען פון דער גמינע און זיך בעצויגען אלץ-איינס צו א חסיד ווי צו א מתנגד, צו א פרומען ווי צו א פראגרעסיסט, האבען די חסידים איבערגעלאזט די געמיינדע-פערוואלטונג אין די הענד פון די מתנגדים. ווען נאך זיין טויט איז פאר א רב אין ווארשא אויסגעוועהלט געווארען רב חיים דאווידזאהן, א געוועזענער ווארשאווער סוחר, א גרויסער למדן און קענער פון דער יודישער ליטעראטור, וואס איז אין זיין יוגענד ערצויגען געווארען אלס מתנגד, — אלזא, אלס געגנער פון חסידים, — האבען די חסידים בעשלאסען אדורכצופיהרען כאטש איינעם פון זיי אלס מיטגליעד אין דאזאר-שטוב. זיי האבען דערביי נישט געקארגט קיין בעמיהונגען און שתדלנות. אלע חסידים-גרופעס האבען זיך פעראייניגט צוזאמען און האבען ענדליך אויסגעווירקט, אז אינ'ם יאהר 1840 איז איינער פון די פארנעהמסטע גערער חסידים, מ. ש. רייך, אויסגעוועהלט געווארען אלס מיטגליעד פונ'ם דאזאר. און אט פון דעמאלט הויבט-זיך-אן דער איינפלוס פון די חסידים אין דאזאר-שטוב, דער איינפלוס, וואס איז מיט יעדען יאהר געשטיגען און מעכטיגער געווארען, מחמת רב איטשע-מאיר פון גור איז, ווי מיר האבען שוין דערמאהנט, אויסגעוועהלט געווארען פאר א געהילף-רב, און אין די שפעטערדיגע יאהרען, ביז 1871, איז די מעהרהייט פון די דאזאר-מיטגליעדער בעשטאנען פון חסידים, אזוי אז די מתנגדים צוזאמען מיט איינעם אדער צוויי פראגרעסיסטען זענען ביי די אבשטימונגען שטענדיג געבליבען אין דער מינדערהייט. דער פארזיצענדער פונ'ם דאזאר, מאטיאס ראזען, ערפילענדיג זיינע פליכטען אין די ערשטע דריי אמטס-יאהרען, איז בעשטימט געווארען אלס פרעזעס אין ראט פון הויפט-היים פאר ארימע און קראנקע, וואס ער האט געגרינדעט, און אין דער פערוואלטונג פון די עלעמענטאר-שולען. ער האט זיך אלזא אין 1844 אנטזאגט פון זיין אמט אלס פארזיצענדער אין גמינע, און נאך איהם זענען געווען פארזיצענדע אזעלכע פערזאנען, וועלכע האבען אפען אדער געהיים סימפאטיזירט מיט די חסידים.

נאכדעם ווי דער רב דאווידזאהן איז געשטארבען, האט די רבנות-שטעלע פערנומען רב בער מייזעלס. א ווייכער בטבע און א ליעבהאבער פון שלום און אחדות, האט ער נישט געוואלט אדער ער איז נישט געווען גענוג דרייסט אריינצוטרעטען אין א קאנפליקט מיט די חסידים; ער האט געלעבט מיט זיי אין אויסערליכען שלום, און אין די לעצטע יאהרען פון זיין רבנות האט ער זאגאר גענאסען זייער סימפאטיע און אכטונג. אין 1866 איז געשטארבען דער לעצטער פון די דריי גרויסע חסידות-זיילען אין פוילען, רב איטשע-מאיר אלטער פון גור, און די חסידים האבען נישט געזעהן אזא פאפולערע און בעדייטענדע פערזענליכקייט, וואס זאל איהם קאָנען פערטרעטען. דערביי האבען זיי בעקומען א גרויסען קלאפ דורך דער בעשטימונג (אין'ם יאהר 1870, נאך מייזעלס טויט) פאר ווארשאווער רב רב יעקב (יעקל) גע-זונדהייט, איינער פון די גרעסטע תלמוד'יסטישע אויטאריטעטען, אבער גלייכצייטיג איינער פון די אָפּענע און פערביסענסטע פייגד פון'ם חסידיזם. די חסידים האבען פערפיהרט געגען איהם א שארפען קאמף, און ווען דאס האט נישט געהאלפען, האבען זיי בעשלאסען אונטערצוגראבען בכלל די שטעלונג פון'ם רב ביי דער מאכט, וועלכע האט איהם בעשטימט (אגב בעמערקט, האט די מאכט, נאכ'ן אויפשטאנד פון 1863, מבטל-געמאכט די פרייע וואהלען פון א רב, און זי האט נור בעשטעטיגט איינעם פון די קאנדידאטען, וואס די גמינע האט פארגעשטעלט, און געזונדהייט האט געמוזט פאר זיין בעשטימונג אויפגענומען ווערען אויף אנ'אודיענץ ביים נאמעסטניק גראף בערג, מיט וועלכען ער האט געהאט א לענגערען געשפרעך).

פון דער צווייטער זייט האבען די חסידים זיך ארומגעזעהן, אז זיי זענען צו-שוואך צו דיסקרעדיטירען דעם פערהאסטען רב ביי דער מאכט, „זיי האבען זיך ארומגעזעהן, אז צו אזא שריט דארף מען האבען די הילף פון געבילדעטע, איינפלוסרייכע מענשען, וואס פערנעהמען אנ'אנגעזעהענע שטעלונג אין דער געזעלשאפט, וואס האבען א צוטריט צו די הויכע מאכט-פארשטעהער פון שטאדט און פערקעהרען מיט די העכערע בעאמטע". (נוסבוים).

י״א.

און אויף אזא ארגינעלען פאדען איז געשאפען געווארען דער בונד צווישען די עקסטרעמסטע יודישע עלעמענטען, די פרומע חסידים, מיט די פראגרעסיסטען, וועלכע זענען ביז-דאן גערעכענט געווארען פאר אפיקורסים, מיט וועלכע מען האט נישט בעדארפט האבען קיין שום בעציהונגען, ווייל זיי זענען אין די אויגען פון די חסידים געווען כמעט אויסגעשלאסען פון כלל-ישראל. ביי די נייע דאזאר-וואהלען אין'ם יאהר 1871 האבען די חסידים ענטוויקעלט א שטארקע אגיטאציע, און ארבייטענדיג געמיינזאם און סיסטעמאטיש, האבען זיי דורכגעפיהרט אזא דאזאר-צוזאמענשטעלונג, וואס איז ביז-איצט אין ווארשא נאך נישט געווען — אין דאזאר-שטוב זענען אריין רייכע און געבילדעטע לייט מיט ד״ר נאטאנזאהן בראש, אלזא אנ'איינהייטליכע צוזאמענשטעלונג פון בלויז פראגרעסיסטען.

עס האט זיך ארויסגעוויזען ריכטיג דאס שפריכווארט: „די עקסטרעמען קומען זיך צוזאמען", און די נייע פערבינדעטע האבען זיך מיטדער-צייט אזוי גוט איינגע-

לעבט צווישען זיך, אַז זיי האָבען געפֿונען אַלין מעהר געמיינזאַמע בערירונגס־פּונקטען: די פּראָגרעססיסטען, איבערגעבענדיג זיך אַלין מעהר דער גרינדליכער פּאָלאָניזירונג, האָבען זיך דערווייטערט פֿון די יודישע מאַססען; און זייער פּראָגראַם איז נישט געלעגען די לאַנגזאַמע און סיסטעמאַטישע בילדונג פֿון דיזאָזיגע מאַססען, און די רעפֿאָרמען, וועלכע זיי האָבען געפֿונען פֿאַר נויטיג איינצופֿיהרען, האָבען מעהרסטענטייל געטראָגען אַן'אויסערליכען כאַראַקטער און אָנגערירט בלויז די „העכערע ספֿערען“. און אויך די חסידים, צוליעב גאַנץ אַנדערע מאָטיווען, זענען געווען געגנער פֿון אַן'אויפֿקלערונגס־טעטיגקייט צווישען די יודישע מאַססען. דורך צוויי בעזונדערע וועגען האָבען די ביידע צדדים געשטרעבט צו איינעם און דעמזעלבען ציעל.

די רעזולטאַטען פֿון דערהאָזיגער פֿעראייניגונג האָבען נישט געלאָזט לאַנג וואַרטען אויף זיך. די שטעלונג פֿון וואַרשאָווער הויפּט־רב האָט — צוליעב דער רעליגיעזיטעט און פֿרומקייט פֿונ'ם גרעסטען טייל פֿון פּוילישען יודענטום — געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג נישט נור פֿאַר וואַרשאָ אַליין, אָבער אויך פֿאַר דער פּראָווינץ, ווי יענעם האָט בעוויזען די טעטיגקייט פֿון רב מייזעלס, וועלכער האָט דורך זיין איינפֿלוס נישט דערלאָזט זאָגאַר צו סתירות און סכסוכים צווישען די חסידים און מתנגדים. אַ פּאַססענדער וואַרשאָווער רב, וואָס וואָלט חוץ זיין גרויסקייט אין תורה געווען בעקאַנט אויך מיט וועלטליכע אַנגעלעגענהייטען און אַלגעמיינער וויסענשאַפֿט, וואָלט בעקאָנט ערפֿילען אַן'אונגעהויער הויכע קולטורעלע אויפֿגאַבע אינ'ם פּוילישען יודענטום. און אויב געזונדהייט איז נישט געווען די פּאַססענדע פּערזאָן אויף דערהאָזיגער שטעלע, האָט מען געקאָנט געפֿינען אַן'אַנדערען אויף זיין אָרט. דער פּראָגרעססיווער דאָזאָר אָבער, וואָס האָט זיך גראָד צו דער צייט אָנגעהויבען צו רופֿען גמינה־פֿערוואַלטונג, האָט זאָגאַר נישט געפּרובט צו מאַכען שלום און אויסצוגלייכען דעם רב מיט די חסידים, נאָר „אָנשטאָט בענוצען מילדע און פֿריעדען־שאַפֿענדיגע מיטלען, — האָט ער איהם בעהאַנדעלט אַלס אַן'אונטערגעוואָרפֿענעם בעאַמטען און איהם בעלאַסטעט מיט אַ שטענדיגער קאָרעספּאָנדענץ“. ס'האָבען זיך אָנגעהויבען גענענזייטיגע סכסוכים און העלפֿען זיך דורך „זייטיגע איינפֿלוסען און פּראָטעקציעס“, און צום סוף, ווען עס האָט זיך געענדיגט דער דריי־יאָהריגער טערמין, אויף וועלכען געזונדהייט איז בעשטימט געוואָרען, האָט די גמינה־פֿערוואַלטונג נישט־נור איהם נישט בעשטימט אויף ווייטער, נאָר זי האָט שוין בכלל קיין הויפּט־רב פֿאַר וואַרשאָ נישט אויסגענומען. נאָך פֿריהער איז דורך דער גמינה־פֿערוואַלטונג געשאַפֿען געוואָרען אַ מין רבנים־קאָלעגיום, דער ראַבינאַט, וועלכער בעשטעהט פֿון אַ געוויסער צאָהל רבנים (מורי־הוראות), אונטער'ן פֿאָרזיץ (אין פֿערלויף פֿון אַ מאָנאַט) פֿונ'ם עלטסטען פֿון זיי, מיט'ן אָנטייל אין די זיצונגען פֿון דער גמינה־פֿערוואַלטונג. פֿאַר'ן ראַבינאַט איז בעשטימט געוואָרען אַ בעזונדערע קאַנצעלאַריע מיט אַן'ענטשפּרעכענדען סעקרעטאַר, צו פֿיהרען די אָפֿיציעלע טעטיגקייט פֿון ראַבינאַט. און כדי איינמאָל אויף אַלעמאָל אַ סוף צו מאַכען מיט דער שטעלע פֿון הויפּט־רב אין וואַרשאָ, האָט זיך „די גמינה־פֿערוואַלטונג געווענדעט מיט אַ שטאַרקער פֿאָרשטעלונג צו דער מאַכט און אויסגעווירקט צו בעפֿרייען געזונדהייט'ען פֿון דער שטעלע פֿון רב“. אויף אַזאַ אופֿן איז דורך די פֿעראייניגטע קרעפֿטען פֿון די חסידים מיט די אַסימילאַטאָרען בעזייטיגט געוואָרען נישט בלויז אַ פֿערהייליגטער דורך דער טראַדיציע, נאָר אויך אין דער געגענוואַרט אַ נויטי־

מער פאקטאר, וואס ס'איז גאר נישט אבצושאצען זיין גרויסע בעדייטונג פאר די יודישע ברייטע מאסען, אויב מען וואלט איהם נור געקאנט אויסנוצען ווי געהעריג. דאס רבנים-קאלעגיום, דער ראבינאט, האט בלויז אנ'אויסערליכען שיין פון דעמאקראטיזם, ווייל אין גרונד גענומען זענען דיזאזיגע רבנים אדער מורי-הוראות, פערליערענדיג יעדען איינפלוס און זעלבשטענדיגקייט, אפהענגיג פונ'ם ווילען פון דער חסידיש-אסימילאטארישער פערוואלטונג און זענען מיט-דער-צייט אראבגעזעצט געווארען ביז צו דער מדרגה פון גמינע-בעאמטע, וואס זייער פליכטען-קרייז איז בעגרענעצט און נישט בעדייטענד. עס פערשטעהט זיך, אז ביי אזעלכע בעדינגונגען איז געווען לייכט צו בעקעמפען די פיהרונג איבער די מאסען פאר אנדערע „פערזאנען", וואס האבען גאנץ אפט נישט קיין ריינעם געוויסען און אויך נישט קיין ריינע הענד...

יב.

אזא סוף האט אינגיכען אויך געהאט די ראבינער-שולע, דאסדאזיגע, ווי מ'האט געקאנט מיינען, ליעבלינגס-קינד פון די פראגרעסיסטען. ווי מיר האבען שוין דערצעהלט, האבען די חסידים שוין פון לאנג זיך אונטער איהר אונטערגעגראבען. נאכ'ן אויפשטאנד פון 1831, ווען די פאליטיק פון דער רעגירונג האט אנגענומען אנ'אויסגעשפראכען-רעאקציאנערען כאראקטער, און די ערשטע געענדיגטע תלמידים פון דער ראבינער-שולע, אנשטאט פערנעהמען די ענטשפרעכענדע רבנים-שטעלעס, זענען געווען געצוואונגען, צוליעב'ן פערדאכט אין רעוואלוציאנערער שטימונג, צו זוכען פאר זיך אנדערע בעשעפטיגונגען, — האט די ארטאדאקסיע אויסגענוצט דיזאזיגע געלעגענהייט און זיי האבען זיך געווענדעט צו דער מאכט מיט אנקלאגען און ביטעס, אז מ'זאל זיך האלטען ביי דער אלטער ארדנונג פון אויסוועהלען רבנים דורך יעדער קהלה, לויט איהר פערלאנג. דער הויפט-דירעקטאר פון דער רעגירונגס-קאמיסיע פאר אינערליכע, גייסטליכע און עפענטליכע בילדונגס-אנגעלעגענהייטען, סטראגאנאוו, האט צוליעב די אויבענדערמאהנטע ביטעס און אנקלאגען אנגעפרעגט וועגען דעם די מיינונג פון יעקב טוגענדהאלד, וואס האט דעמאלט ערפילט די פליכטען פון א יודישען צענזאר. ער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז „מען דארף בעזייטיגען (פון דער ראבינער-שולע) די פראנצויזישע שפראך, וועלכע פערלייכטערט די פלומר'שטע רבנים צו בעקענען זיך מיט דער לעהרע פון וואלטער, וואלניי און עהנליכע שריפטשטעלער, אז מען דארף געבען דער שולע א מעהר רעליגיעזען כאראקטער און אז די-יעניגע, וואס ענדיגען די שולע, דארפען דערנאך אין פערלויף פון עטליכע יאהר זיך לערנען צו ערפילען זייערע פליכטען („פראקטיצירען") אונטער דער השגחה פון פונקציאנירענדיגע רבנים, כדי צו בעקומען געוועהנהייט און ערפאהרונג. און כדי ביז יענער צייט זאל מען נישט לאזען די געמיינדעס אהן רבנים, איז נויטיג איינצופיהרען, אז די קאנדידאטען, וועלכע די געמיינדעס לייגען-פאר צום בעשטעטיגען, זאלען פריהער אבגעבען עקזאמען אין דער ראבינער-שולע". טוגענדהאלד'ס „מיינונג" האט דערגרייכט דיזאזיגע צוויי ציעלען, אז די פראנצויזישע שפראך איז בעזייטיגט געווארען פון דער ראבינער-שולע און די גובערניע-פערוואלטונגען האבען בעקומען א פעראָרדנונג,

נישט צו בעשטימען קיין רבנים אָהן ציינגנישען וועגען בעלעגטען עקזאַמען אין דער ראַבינער-שולע.

די ווייטערדיגע כסדר'דיגע אָנקלאַגען פון דער אָרטאָדאָקסיע האָבען געבראַכט דערצו, אַז אין'ם יאָהר 1836 האָט דער ראַט פאַר עפענטליכער בילדונג בעשטימט אַ בעזונדערען קאָמיטעט, אויסצופאָרשען די גאַנצע איינריכטונג פון דער ראַבינער-שולע, און דער קאָמיטעט האָט דערנאָך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז די שולע האָט דעריבער אין פערלויף פון 10 יאָהר נישט אַרויסגעגעבען קיין איין רב, ווייל די יודישע געמיינדעס האָבען נישט צו איהר קיין צוטרוי, און דערפאַר דאַרף מען אין רעליגיעזע הינזיכט אָנפרעגען און צוציהען צו מיטאַרבייטען אַזעלכע יודען, וואָס גענימען אין דערזאָגער בעציהונג דעם צוטרוי פון דער יודישער בעפעלקערונג. אַדאַנק די אַלע שתדלנות און אָנקלאַגען מצד די אָרטאָדאָקסען, זענען פון 1832 די פּראָווינציעלע רבנים בעשטעטיגט געוואָרען דורך דער מאַכט אויף וייערע שטעלעס אויך אָהן אַנ-עקזאַמען אין דער ראַבינער-שולע, און ערשט פון 1850 אָן האָט זיך די מאַכט ענטשלאָסען, דורכאויס ווידער צו פאָדערן אַזעלכע עקזאַמען-ציינגנישען; אָבער פאַר איינענבוים'ס לעבען זענען גראָד נישט געווען קיין וואַקאַנטע רבנים-שטעלעס אויף דער פּראָווינץ. נאָך זיין טויט אין'ם יאָהר 1853 האָט די שטעלע פון אַ „דירעקטאָר-מערטרעטער" אין דער ראַבינער-שולע פערנומען יעקב טוגענדהאָלד, און ער, געפינענדיג פאַר נויטיג איבערצולאָזען די שולע אין דערזעלבער מדרגה, אין וועלכער זי געפינט זיך איצט, האָט גלייכצייטיג פאָרגעלעגט אַ פּראָיעקט, צו שאַפען אַנ'אינסטיטוט אין אַ בעדייטענד קלענערען מאַסשטאַב מיט אַ פולשטענדיג אַנדערען פּראָגראַם אויף אויסצובילדען אין איהם כפעציעל טעאָלאָגען. דעם פּראָיעקט איז נישט בעשערט געווען פערווירקליכט צו ווערען, און די שולע אין איהר ביזאהעריגער געשטאַלט האָט עקזיסטירט אונטער טוגענדהאָלד'ס פיהרונג ביז 1862.

טראָץ איהרע חסרונות איז די שולע דאָך געווען זעהר אַ נוצליכע אַנשטאַלט. און אויב זי האָט נישט געשאַפען קיין רבנים, האָט זי דערפאַר אַרויסגעגעבען פון זיך אַ גאַנצע רייה לעהרער, און בכלל געבילדעטע מענשען, פון וועלכע פיעל האָבען אין זיך פעראייניגט אַלגעמיינע בילדונג און יודישע וויסענשאַפט און דורכדעם מיטגע-ווירקט צו דער ווייטערער פערשפּרייטונג פון קולטור. אָבער דעם חסידיש-אַסימילאַ-טאָרישען בונד איז דיזאָזיגע אַנשטאַלט נישט געווען „צום נוסט", פאַר ביידע צדדים גלייך, הגם יעדער צד האָט זיך געהאַט זיינע בעזונדערע מאָטיווען: די חסידישע אָרטאָדאָקסיע האָט געזעהן אין דער ראַבינער-שולע אַ פערשפּרייטערין פון אפיקורסות, און פאַר די אַסימילאַטאָרען האָט זי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ נעסט פון „כעפאַ-ראַטיזם". „איינצעלנע אָנגעזעהענע פערזאָנען פון די פּראָגרעסיסטישע קרייזען, בעטראַכטענדיג אַ רעליגיעזע שולע פאַר יודען בכלל אַלס אַנ'אַנאַכראָניזם, אַלס אַ וואַנד, וואָס טיילט-אָב די יודען פון צוזאַמענשמעלצען-זיך מיט דער לאַנדס-בעפעלקערונג, און בפרט נאָך אַ שולע פאַר רבנים און לעהרער, וועלכע האָט איהר אויפגאַבע שוין געענדיגט און ענטשפּרעכט נישט מעהר דעם גייסט פון דער צייט, האָבען דורך שטאַרקע שתדלנות און בעמיהונגען אויסגעפועל'ט, פולשטענדיג אונטער-צוברעכען דיזאָזיגע העכער 37 יאָהר עקזיסטירענדע, איינציגע אין קעניגרייך שולע, וואָס האָט געבראַכט אַזויפיעל גוטע פרוכט". (נוספּוים) אין אַ לאַנד, וואו די צלנע-

מיינע וויסענשאַפט און בילדונג איז געווען אַזוי פרעמד די ברייטע יודישע מאַסען, האָט מען אַנערקענט אַ יודישע שולע אַלס אַן „אַנאַכראָניזם“, אַלס אַ... רעליגיעזע אינסטיטוציע.

יד.

אַזאַ גורל, הגם אָהן בעמיהונגען און שתדלנות, האָט אינגיכען געטראָפען אויך די עלעמענטאַר-שולען, וועלכע האָבען זיך לעצטענס בעזונדערס גוט ענטוויקעלט. אין 1841, נאָכ'ן טויט פון אברהם שטערן, איז די השגחה איבער די דאָזיגע שולען אַריבער צו אַ נייער פערוואַלטונג, וואָס אונטער איהר לייטונג זענען אין די שולען איינגעפיהרט געוואָרען בעדייטענדע אויסבעסערונגען. אין 1843 האָט מען איינגעפיהרט אין די שולען די אונטערריכט פון העברעאישער שפּראַך; דער פאָרזיצענדער פון געמיינדע, מאַטיאַס ראָזען, האָט ביי יעדען יעהרליכען עקזאַמען געשענקט פאַר די אָרימערע און בעסערע שילער נייע בעקליידונג; די עלטערן אַליין האָבען גערן געשיקט זייערע קינדער אין די שולען; דער פאָרשריט אין לערנען איז געווען בעדייטענד און אַנזעהענד, און דעם אָרט פון די אַלטע אויסגעדיענטע לעהרער האָבען ביסלעכווייז פערנומען נייע, יונגע קרעפטען, די געוועזענע שילער פון דער ראַבינער-שולע. נאָר אין 1865 האָט מען אָבגעשאַפט די פערוואַלטונג פון די עלעמענטאַר-שולען, און זיי זענען אַריבער אין רשות פון אינספעקטאָר איבער די שטאָדטישע שולען פון אַלע אַנדערע גלויבענס. יודישע עלעמענטאַר-שולען זענען דעמאָלט געווען 8: פון זיי 4 מענליכע און 2 ווייבליכע אין וואַרשא און צוויי אין פּראַגא.

אין העכער צעהן יאָהר אַרום האָבען כמעט די זעלבע „אַנגעזעהענע איינצעלנע פערזאָנען“, וועלכע האָבען עס געבראַכט צו שליסען די ראַבינער-שולע, איינגעזעהן זייער פעהלער; און כדי לפּחות טיילווייז איהם צו פעררעכטען, האָבען זיי געשאַפען אַ פּריוואַטע רעאַל-שולע מיט אונטערריכט פון יודישער רעליגיע און העברעאישער שפּראַך. גלייכצייטיג האָט מען געגרינדעט ביי דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקאַ אַ יודאַ-איסטישע ביבליאָטעק, וואו עס דאַרף און עס ווערט געזאַמעלט די גאַנצע העברעאישע און רבנ'ישע ליטעראַטור, ווי אויך אַלץ, וואָס עס איז אַמאָל געשריבען געוואָרען וועגען יודען און יודישער וויסענשאַפט אין פרעמדע שפּראַכען.

אין 1861 איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע יודישע צייטשריפט אויף פּויליש „יוטשענקאַ“ („מאָרגענשטערן“), אַרויסגעגעבען דורך דניאל נייפעלד. די דאָזיגע צייטשריפט האָט עקזיסטירט ביז 1863, און פון 1865 האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן די „איזראַעליטאַ“, אַרויסגעגעבען דורך שמואל פּעלטין. אין 1862 האָט אַ קליינער קרייז פון יודישע רייכע פּראָגרעסיווע פרויען, לויט דער איניציאַטיווע פון אַמעליאַ נאַטאַנזאָהן, געגרינדעט אַן אומזיסטע שולע-פּריוואַט (אָכראָנקע) פאַר אָרימע יודישע מיידלעך, און שפּעטער האָט זיך די צאָהל פון די יודישע אָכראָנקעס פערגרעסערט און אַריבער אונטער דער השגחה פון דער וואַרשאַווער וואוילטעטיגקייטס-געזעלשאַפט.

אָט דאָס אַלץ האָט מיטגעווירקט דערצו, אַז צום סוף פון דער בעשפּראָכענער עפּאָכע זענען די רייהען פון דער יודישער אינטעליגענץ געווען זעהר גרויס. די דאָזיגע יודישע אינטעליגענץ האָט געפאָדערט די דאַמאָלדיגע אַסימילאַציאָנס-בעשטרעבונגען, און דער האָפנונג, אַז דורך דער צוזאַמענשמעלצונג פון די יודען מיט'ן פּוילישען פאָלק וועט ענדליך געלעזט ווערען די יודען-פראַגע אין פּוילען.

די ענטוויקלונג פון אַנטיסעמיטיזם.

א.

די שטימונג אין פּוילען, נאָכ׳ן דערשטיקען דעם אויפשטאַנד, איז געווען אי- בעראַל אַ נעדריקטע. די בליהענדע יוגענד איז אָדער אומגעקומען אין די שלאַכטען מיט׳ן רוסישען מיליטער, אָדער זי האָט אונמענשליך געליטען ערגעץ ווייט פון פאַטערלאַנד, אויף פערשיקונג אין טיעף רוסלאַנד און סיביר. עס איז אויך פערשוואונדען געוואָרען יעדע האָפנונג, אָבצוראַטעווען און אויפצולעבען דאָס פאַטערלאַנד מיט דער הילף פון אויסלאַנד, ווייל די גאַנצע אייראָפּעאישע דיפּלאָמאַטיע איז געווען געגען די פוילישע פרייהייטס-שטרעבונגען. פיהלענדיג איהר פולשטענדיגע אָהנמאַכט, האָט זיך די פער- צווייפעלטע און מידע פוילישע אינטעליגענץ געפּרובט בעפרייען און אָבגעטרייסעלט פון יעדען פּאָליטישען ראָמאַנטיזם און זיך אָבגעגעבען נור אַזעלכע פראַגען, וועלכע זענען רעאַל מעגליך צו לעזען. אונטער׳ן איינדרוק פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע זענען אויפגעשוואומען נייע פּאָליטישע אַנשויאונגען, וועלכע זענען גלייכצייטיג געווען די אידעאָלאָגיע פון די מאַטעריעלע אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע, וואָס איז איצט געשטאַרקט געוואָרען אין איהר איינפלוס און אַרויסגעטראָטען אויפ׳ן ערשטען פּלאַן. אין דער פריהערדיגער עפּאָכע האָט די נאַציאָנאַל-פוילישע אידעע אויסגעדריקט די קליינע שליאַכטע (די אַזוי-גערופענע „פאַלוואַרק-שליאַכטע"), צוליעב וואָס עס זענען הויפּטזעכליך אויף איהר געפאַלען מיט זייער אונגעהויערער לאַסט די טרויעריגע פאָלגען פון אויפשטאַנד. אויסערדעם האָט די שליאַכטע געטראָפען נאָך אַ גרויסער קלאַפּ. דאָס פויערטום, וואָס איז דורך רוסלאַנד בעפרייט געוואָרען און האָט בעקומען אַליין באָדען, האָט אויפגעהערט איהר צוצושטעלען אַרבייטער, און זייענדיג נישט-פּאַרבערייט צו די נייע בעדינגונגען, האָט זי, די שליאַכטע, אָנגעהויבען צו פערלירען איהר פריהער- דיגען וואוילשטאַנד. זעהענדיג זיך אין אַ גרויסער געפאַהר, האָט זי זיך אָנגעהויבען צו ראַטעווען דורך אַנלייהען, דורך פערנעהמען זיך מיט האַנדעל, אינדוסטריע און פרייע פּראָפעסיעס, דורך איבערוואַנדערן צו דער בורזשואַזיע אָדער שטעלענדיג זיך צו איהר דיענסט, ווערענדיג פון איהר אָבהענגיג.

דיזאָזיגע עקאָנאָמישע איבערקעהרעניש האָט נאָך אויף אַ געוויסער צייט גאַראַנטירט דעם נצחון פון טאָלעראַנץ אין דער יודען-פראַגע. די רואינירטע שליאַכטע מוז אָנקומען צו יודען, זוכען ביי זיי אַנלייהען אָדער שטעלעס. די אויפוואַכענדיגע בורזשואַזיע סימפּאַטיזירט מיט די ליבעראַלע שטרעמונגען און געפינט זיך אין בעריהרונג און איבעראיינשטימונג מיט די יודען, וועלכע שפּיעלען אין האַנדעל און אינדוסטריע די הויפּט-ראָליע. אויך די איבעריגע פוילישע קלאַסען פעראייניגען מיט די יודען די נאָך לעבעדיגע ערינערונגען פון געמיינזאַמען קאַמף און געמיינזאַמע ליידען, איבעריגענס, וואָלט זיך דער אַנטיסעמיטיזם נישט געהאַט אויף וואָס צו

שטיצען ערשט אין פוילען; דער „עמאנציפאציע־אוקאז" האט גלייכגעשטעלט די יודען כמעט אין זייערע אלע רעכט, און איינפיהרען ערשט נייע בעגרענצונגען נעגען יודען איז נישט געווען אין רשות פון די פאליאקען. און די רוסישע רעגירונג, פערקעהרט, ערקלערט זיך נאך אליין — אויב נישט אין בעציהונג צו פאליאקען, איז אלעמאל אין בעציהונג צו יודען — אלס אנהענגערין פון ליבעראלע שטרעמונגען, און פיהרט ווייטער די אנגעהויבענע רעפארם־ארבייט. די יודען אין פוילען, צוגלייך מיט זייערע ברידער אין רוסלאנד, בעקומען דאס רעכט (1866) צו פערנעהמען רעגירונגס־שטעלעס. די יודען פון קעניגרייך פוילען בעקומען אויך דאס רעכט צו בעזעצען זיך פריי אין דער אימפעריע, איבער רוסלאנד, און פערקעהרט (1868).

אבער די דאזיגע גוטע פויליש־יודישע בעציהונגען האלטען זיך, צום בעדויערן, זעהר נישט לאנג.

ב.

די צווייטע העלפט פון אלעקסאנדער'ס (II) הערשאפט האט זיך אויסגעצייכענט מיט צוריקקעהרען־זיך צו דער אמאליגער רעאקציע, און דאס האט זיך תיכף אויסגעדריקט אין דער נייער ווענדונג אין דער יודען־פראגע. אנשטאט דער ביז־איצטיגער פאליטיק פון טיילווייזער און סיסטעמאטישער אויסבעסערונג פון די יודישע עקזיסטענץ־בעדינגונגען, האט מען צוריקגעקעהרט צום אלטען סיסטעם פון „רעווידירען", „בעשעפטיגען זיך" און „אויספארשען" אינעווייניג די יודישע לאגע. אנשטאט דער פראגע: ווי אזוי קאן די מלוכה נוצליך זיין פאר די יודען, אלס א טייל פון איהר געזעלשאפטליכען ארגאניזם, פאר וועלכען זי דארף זארגען, — האט מען זיך נאר איצט געשטעלט די פראגע: צי זענען די יודען א נוצליכער אדער שעדליכער עלעמענט פאר'ן לאנד! און די רעגירונג, כדי צו בערעכטיגען איהר פאליטיק, האט זיך געווענדעט צו די גובערנאטארען מיט אנפראגען וועגען דער יודישער נוצליכער טעטיגקייט אדער שעדליכקייט. און פון זיי האט מען, נאטירליך, בעקומען די אנטווארטען אין דעם גייסט, וואס איז פערלאנגט געווארען, דאס הייסט — זיי האבען אנגע־פסק'ענט, אז יודען זענען א שעדליכער עלעמענט. אויך דער דאמאלסדיגער ווארשאווער נאמיעסטניק גראף בערג האט געגעבען (אין 1871) א נישט־גינסטיגען ענטפער פאר יודען, ערקלערענדיג, אז טראץ די רעכטליכע הנחות, וואס דער אוקאז פון 1862 האט זיי געמאכט, איז די יודישע בעפעלקערונג „פערבליבען ביי איהר פריהערדיגער שטעלונג פון אפגעזונדערטקייט און ביי די שעדליכע זייטען פון איהר טעטיגקייט בנוגע דער געזעלשאפט און מלוכה, און פון די וויכטיגע רעכט, וועלכע זי האט בעקומען געשענקט, האט זי געמאכט א געברויך בלויז צו צוועקען פון אייגענעם נוצען". „אין אלגעמיין — איז ער געקומען צו דער אויספיהרונג — זענען די אלע מיטלען, וואס די רעגירונג האט אנגענומען בנוגע צו יודען, נישט אימשטאנד אבצושוואכען אפילו טיילווייז זייערע איינגעווארצעלטע פינסטערע אנשויאונגען און ווירקען אויף ענדערן צום גוטען זייער ארט לעבען און כאראקטער; זייער טעטיגקייט איז דורכגעדרונגען מיט'ן העסליכסטען עגאאיזם, תלמוד'ישע פאראורטיילען און

פאנאטישער פערזעהנונג צוזאמענצושמעלצען זיך מיט די קריסטען, אויך אלעקסאנדער אליין, פיי זיין רייזע איבער פוילען, האט זיך געשאפען נישט קיין גינסטיגע מיינונג איבער יודען; נישט קענענדיג פילייכט פולשטענדיג די יודען, וואס מיט זייער גורל האט ער זיך א געוויסע צייט אינטערעסירט, אדער אפשר גלויבענדיג, אז באלד אויף מארגען נאך דער „רעפארם" וועלען יודען ווערען פולשטענדיג אנדערע מענשען, איז דער קייזער געווען איבערראשט און ענטטוישט, ווען ער האט געטראפען פאר זיך גרויסע מאסען חסידים אין קאפאטעס און מיט לאנגע פאות. אויפגערעגט דערפון, האט דער קייזער פעמפיהלען שטרענג אבצוהיטען דאס אלטע געזעץ, לויט וועלכען ס'איז פערבאטען צו טראגען די טראדיציאנעלע יודישע קליידונג; די גובערנאטארען האבען זיך דערנאך גענומען מיט דער גאנצער שטרענגקייט „אויסצוראטען די עקעלהאפטע קאפאטעס און פאות". מיט איין ווארט — עס האבען זיך אנגעהויבען צוריקצוקערען די אלטע, גוטע ניקאלאיעווער צייטען.

ג.

נאר אט איז געווארען צו בעמערקען אן ערשיינונג, וואס אויסערליך קומט זי אויס וואונדערבאר, אבער דאך איז זי אין פוילען געווען כמעט א שטענדיגע, אפטמאל ווידערהאלטע, נישט־קוקענדיג דערויף, וואס די רוסישע רעאקציע האט געדריקט און פערפאלגט אין א גלייכער מאס די יודען ווי די פאליאקען, האט זיך די פוילישע געזעלשאפט אנגעכאפט אן דעם רעגירונגס־אנטיסעמיטיזם, זיך אויסגענוצט מיט איהם אויף אונטערצודריקען די יודען; די לאזונגען פון „ארגאנישער ארבייט" און פון „בעפרייערונג פון די איינצעלנע פאר'ן גליק פון גאנצען לאנד", וועלכע האבען נאך דא נאר נישט־לאנג געקלונגען אזוי ליבעראל, האבען פלוצלונג אנגעהויבען צו דינען אלס אינסטרומענט אין קאמף געגען יודען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די כלומר'שט פראגרעסיווע בורזשואזיע קאן זיין נישט־ווייניגער אנטיסעמיטיש, ווי די רעאקציאנערע שליאכטע. פאר דער נייער פראקטיק, וועלכע די פוילישע געזעלשאפט האט געפונען פאר נויטיג אנצווענדען, האט מען שנעל ערפונדען די פאסענדע טעאריע, ארויסגעהענדיג פון שטאנדפונקט, אז די קאנצענטרירונג פון רייכטימער אין די הענד פון די לאנדס־איינוואוינער איז דאס בעסטע מיטעל צו נאציאנאלער אויפלעבונג, האט מען אויפגעוויזען, אז נור א קריסט, ווערענדיג רייך, טראכט וועגען גליק און וואוילשטאנד פון פאטערלאנד, און א יוד, אין געגענזאץ צו איהם, צוליעב מאטיווען, וועלכע ס'איז שווער געווען צו געפינען, העלפט נישט מיט „צו דער ארגאנישער ענטוויקלונג פון די פראדוקטיווע קרעפטען פון לאנד", ווייל די יודען — האט מען געפרובט צוגעבען — שטרעבען בעסער צו האנדעל, ווי צו אינדוסטריע, צו נישט־פראדוקטיווער, ווי צו פראדוקטיווער ארבייט. צווישען די אנדערע פארווארפען האט מען אויך אנגעוויזען אויפ'ן פאנאטיזם פון די יודישע מאסען און אויפ'ן צו־זאמענגעזעמען ענטוויקלונגס־וועג פון דער אסימילאציאנס־אידעע ביי יודען; דער אנטי־סעמיטיזם איז פערהעלטנישמעסיג געווען לכתחילה מילד, נישט אגרעסיוו, אבער מיט־דער־צייט ווערט זיין כאראקטער אלץ שארפער, דראהענדער, און גלייכצייטיג דערמיט

ווערען אויך זיינע אַרגומענטען אַנדערע. מען פרובט שוין נישט וויַרקען און רעדען וועגען דער נויטווענדיגקייט פאַר יודען צו פערנעהמען זיך מיט האַנדווערק, אינדוסטריע און זעגאַר לאַנדווירטשאַפט, נאָר, פערקעהרט, די פּאָליאַקען ווערען ענערגיש איינגעשפּאַרט, אַרויסצושטויסען די יודען פון אַלע געביעטען פון פּראָדוקטיווער בעשעפטיגונג און אַרבייט. וועהרענד פריהער האָבען אפילו די עקסטע אַנטיסעמיטען געפרובט איינטיילען יודען אויף פערשיעדענע גרופּעס, נוצליכע און שעדליכע, אויף גייסטיג פערוואַנדטע מיט די פּאָליאַקען און פיינדליכע, רעדט מען שוין איצט נישט זעגאַר וועגען אַזאַ איינטיילונג, עס ווערט געפּלעגט און ענטוויקעלט די שנאה צו אַלע יודען אָהן אויסנאַהם, צום גאַנצען יודישען מהות, מיט זיינע מעלות און חסרונות.

דיזאָיגע ענטוויקלונגס-עטאַפּען פון אַנטיסעמיטיזם האָבען געפונען זייער בולט'סטען אויסדרוק אין די ווערק פון יאַן יעלענסקי. דער שפּעטערדיגער פיהרער פון די עקסטע אַנטיסעמיטען און רעדאַקטאָר פון דער יודען-פרעסערישער „ראָליא" האָט אין זיין בראָשור „יודען, דייטשען און מיר" (1870) נאָך געלאָזט בעמערקען אַ געוויסע סימפּאַטיע צו די אַסימילירטע יודען. אמת, אויך דאַן טרעט ער שוין אַרויס מיט'ן לאָזונג צו „נאַציאָנאַליזירען דעם האַנדעל און אינדוסטריע"; אויפפאָדערנדיג די פּאָליאַקען איבערצונעהמען אין זייערע אייגענע הענד די פּראָפעסיעס און בעשעפטיגונגען, וואָס געפינען זיך אין די הענד פון „פרעמדע" געזעלשאַפטליכע גרופּען, ד. ה. יודען און דייטשען, דריקט ער אָבער גלייכצייטיג אויס דעם וואונש, אַז די יודען זאָלען זיך בילדען און ווענדען צו פּראָדוקטיווער אַרבייט. „אָנערקענענדיג אין פּרינציפּ — שרייבט ער — אַז די יודען זיינען אונזערע מיטבירגער, קינדער פון איין ערד, ווילען מיר נור אויפוועקען אין אונזער געזעלשאַפט די שטרעבונג אַ סוף צו מאַכען מיט דער יודישער פּריווילעגיע און מאָנאָפּאָל אויף האַנדעל, ווי עס האָט זיך אויסגעבילדעט אין פערלויף פון דורות". מען דאַרף — ערקלערט ער — „נעהמען אונטער'ן שוץ און געמיינזאַם מיט'ן יודישען פּראָגרעסיסטען-קלאַס מיטצוהעלפען צו פערשפּרייטען בילדונג צווישען די פינסטערע שיכטען פון יודען, און גלייכצייטיג געדענקען, אַז די וויכטיגסטע עקאָנאָמישע אונטערנעהמונגען דאַרפען מיר פיהרען מיט אונזערע אייגענע קרעפטען און אויף אונזער אייגענעם חשבון". יעלענסקי בעמערקט ווייטער, אַז דער יודישער פּלוטאָקראַטיע איז ברעמד דער בעגריף וועגען פליכטען געגענאיבער דעם פאָטערלאַנד, דער יודישער מאַסע וואַרפט ער פאָר פינסטערניש, פאַנאַטיזם און פיינדליכע געזינונג צו דער פּוילישער קולטור. דערפאַר אָבער בעטראַכט ער די „מיטעל-פערמעגליכע אינטעליגענץ" אַלס אַ נוצליכען עלעמענט אין יודענטום. דיזעלבע שטעלונג פערנעהמט יעלענסקי אויך אין זיינע אַנדערע ווערק פון דערזעלבער צייט. עס דאַרף נאָך דערצו בעמערקט ווערען, אַז דעמאָלט האָבען יעלענסקי'ס אַרויסטרעטונגען נאָך בעקומען אַ געוויסען ווידערשטאַנד מצד אַנדערע פּוילישע פּובליציסטען. דער „פּושעגלאָנד טיגאָדניאָווי", די „פּראַוודאַ", „קוריער צאָדזיענני", א. שוויענטאָכאָווסקי, באָלעסלאַוו פּרוס, קאַזימיר פּראַוודזיצקי. דער אויטאָר פון דער בראָשור „אונזערע יודען אין האַנדעל און אינדוסטריע פון לאַנד", אויסגאַבע (1875) און פיעל אַנדערע בעמיהען זיך, אַרויסגעהענדיג פון

פערשידענע שטאנדפונקטען, מבטל צו מאכען די אויספיהרונגען און הגהות פון יעלענסקי'ן, וועלכען זיי בעשולדיגען אין פערשארפען די פויליש-יודישע בעציהונגען.

ד.

אבער נאר אין א קורצער צייט איז די צאהל פון די אנגרייפער אויף יודען שטארק פערגרעסערט געווארען, און פערטיידיגער זענען געווען זעהר ווענינ. אלס בעווייז פון דער שטימונג אין יענער צייט קאן דיענען די כאראקטעריסטיק פון דער פוילישער פרעסע, וואס עס גיט די „איזראעליטא" אין א לייט-ארטיקעל (נומער פון 5-טען מערץ) אונטער'ן נאמען „אונזער פרעסע אין דער יודען-פראגע". דערזעלבער ארגאן פון די אסימילירטע יודען האט זיך קיינמאל נישט געאיילט צו מאכען די פאליאקען וועלכע-עס-איז פארוואורפען; פערקעהרט, מיט איבערגעטריבענער, אפט-מאל קאמישער פרייד האט ער אויפגעכאפט יעדעס ווארט פון יודישער פערטיידיגונג אין דער פוילישער פרעסע, און אפילו די בעשולדיגונגען פון די אפענע אנטיסעמיטען איז ער אויך געווען גרייט אויסצוטייטשען אלס א פריינדליכע עצה פאר יודען, אויב עס האט זיך נור געלאזט אזוי אויסטייטשען. און אט וועלכע ביטערע ווערטער מיר לייענען אין דער „איזראעליטא":

„מיר האבען צייטונגען — און זייער צאהל איז, צום בעדויערן, די קלענסטע — וועלכע, נישט-רעכענענדיג זיך פיעל מיט דער מיינונג פון המון, טרעטען אפען ארויס אין נאמען פון די פאדערונגען פון גערעכטיגקייט און אמת-בירגערליכען אינטערעס מיט זייערע טאלעראנץ-פרינציפען, און ענטפערן-אם אויף די אנפאלען געגען די יודישע מיט-בירגער. מיר האבען ווייטער אזעלכע, וואס אליין אפשר בעפרייט פון די פאראורטיילען-קייטען, מאכען זיך אבהענגיג פון'ם וואוילגעפעלען פון פובליקום און ווילען נישט אויפרעגען קיינעם פון די צדדים, ווייל די יודישע אבאנענטען זענען דאך אויך עפיס ווערט; די פראגען, וואס בערירען די יודען, מיידען זיי וואו-נאר-מעגליך אויס און פערהאלטען זיך סיסטעמאטיש מיט א שטיל-שווייגען. מיר האבען אויך אזעלכע צייטונגען, וואס פעראייניגען זייערע פערזענליכע אנטיפאטיעס מיט די פאדערונגען פון דער מעהרהייט פון זייער קליענטעלע, אלזא — מיט די אויסזיכטען אויף מאטעריעלען ערפאלג, טשעפען-צו עפענטליך און ביי יעדער געלעגענהייט יודען לאטעס. מיר האבען ענדליך אויך אזעלכע ארגאנען, וועלכע דיענען אויס-שליסליך די אינטערעסען פון די גרויסע געשלאסענע גרופען, און זייער בעציהונג צו יודען איז, לויט פרינציפ און אויפגאבע, געבויט אויף א פיינדליכען יסוד". מיט איין ווארט — די, וואס בעקעמפען עפענטליך דעם אנטיסעמיטיזם, גערען געגען דעם אלגעמיינעם שטראם, געגען דער געזעלשאפטליכער מיינונג; די, וואס שווייגען, טוען עס רעכענענדיג זיך מיט זייערע יודישע אבאנענטען, און די איבעריגע פרעדיגען שטענדיג און אפען דעם אנטיסעמיטיזם, רעכענענדיג זיך מיט דער מיינונג פון דער מעהרהייט.

דערזעלבער אנטיסעמיטיזם איז נאך אלץ אבער געווען עטוואס צוריקגע-האלטען כל-זמן די רוסישע רעגירונג האט נישט אזוי שטארק געדריקט די יודען.

ד. ה. פלוצן זי האט זיך נאך נישט געשטעלט דעציזירענד אויפ'ן וועג פון פלאנמעסיגע יודען־אונטערדריקונגען. אנדערש האט עס אויסגעזעהן, ווען נאכ'ן טראגישען טויט פון אלעקסאנדער II האט די רעגירונג אנגעהויבען צו פיהרען אנ'אויסדריקליכע, פלאנמעסיגע רעאקציאנערע און אנטיסעמיטישע פאליטיק מיט'ן צוועק אבצוווענדען די אויפמערקזאמקייט פון דער געזעלשאפטליכער מיינונג, דורך פיהרען א ניטענדיגע העצע געגען יודען, פון די ברענענדיגע אינערליכע פראגען. אלס רעזולטאט פון דער פאליטיק זענען געווען די יודישע פאגראמען, וועלכע האבען אויסגעבראכען אינ'ם יאהר 1881 אין גאנץ רוסלאנד. רעמאלט האבען אויך די פוילישע אנטיסעמיטען בעשלאסען, אז ס'איז נישטא פאר וואס זיך צו שעמען; און זיי האבען זיך נישט בלויז בענוצט מיט דער גוטער געלעגענהייט, נאר — וואס עס דארף אמשטארקסטען בעמערקט ווערען — זייערע „אידעען" האבען אבגעהאלטען גרויסע נצחונות אויך אין יענע קרייזען, וועלכע, ווי מ'האט געקאנט מיינען, זענען פריהער ווייט געווען פון אנטיסעמיטיזם.

אמשארפסטען האט זיך עס אויסגעדריקט אין פאגראם, וואס איז אויסגעבראכען אין ווארשא אין סוף 1881, און אין דער שטעלונג פון דער פוילישער פרעסע צו די דאזיגע טרויעריגע געשעהענישען.

דער פּאָגראָם אין וואַרשאַ.

א.

דער מהות און כאַראַקטער פֿון די אַנטי־יודישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד זענען אין רוסלאַנד אַליין, וואָגאר אין דער לעגאַלער פּרעסע, גאַנץ קלאָר און אויספֿירליך בעלויכטען געוואָרען. „די דאָזיגע פּאָגראָמען — האָט געשריבען באַראָן גינזבורג אין זיין מעמאָריאַל צו דער רעגירונג — זענען געקומען אַלס רעזולטאַט פֿון דער קינסטליך־אַרויסגערופֿענער אַנטיסעמיטישער בעוועגונג, וועלכע איז געוואָרען אָרגאַניזירט ביז די קלענסטע איינצעלהייטען און בעזאָרגט מיט אַלע נויטיגע מיטלען מיט'ן צוועק צו דערגרייכען דעם פֿריהער פֿעסטגעשטעלטען ציעל". פֿאַרויס איז בעשטימט געוואָרען דער טאָג, ווען דער פּאָגראָם דאַרף פֿאָרקומען, און דערבײַ זענען צווישען המון פֿער־שפּרייט געוואָרען קלאַנגען, אַז דאָס פֿערמעגען און אפילו דאָס לעבען פֿון אַ יודען געפֿינען זיך ניכט אונטער'ן שוץ פֿון געזעץ, אַז יודען מעג מען ראַבירען. מען האָט פֿאַר'ן המון פֿאָרגעלייענט אַנטיסעמיטישע בלעטלעך, פֿערזיכערענדיג זיי, אַז עס עקזיסטירען קייזערליכע אוקאַזען, וואָס ערלויבען צו שלאָגען יודען, נאָר זיי זענען ניכט פֿערעפֿענטליכט געוואָרען, ווייל די מאַכט איז אונטערגעקויפֿט דורך די יודען. בעת די פּאָגראָמען האָט דער המון ראַבירט און פֿערניכטעט בײַ דער פֿולשטענדיגער גלייכגילטיגקייט פֿון די אָפֿיציעלע אָרדנונגס־היטער. דאָס מיליטער האָט צוגעקוקט און זיך פֿערהאַלטען פּאַסיוו, אָבוואַרטענדיג מיט אַ כיוון אַ בעפֿעהל צו יעדען ראַבירונגס־פֿאַל בעזונדער, און דאָס האָט געשטאַרקט די זיכערקייט פֿון די פּאָגראָמשציקעס, אַז די אַנטי־יודישע אונרוהען זענען דורך דער רעגירונג ערלויבט. ווען די יודען פֿלעגען זיך ווענדען נאָך הילף צו דער מאַכט, פֿלעגען זיי בעקומען אַן'עצה", צו זיין פֿאָרזיכטיג, היטען זיך פֿון די פּאָגראָמשציקעס, אָבער קיין שוץ־מיטלען האָט די מאַכט ניכט אָנגענומען. פֿערקעהרט נאָך, יענע יודען, וואָס האָבען זיך געוואָלט אַליין פֿערטיידיגען, זענען אַרעסטירט און בעשטראָפֿט געוואָרען. (י. העסען, „געשיכטע פֿון יודען אין רוסלאַנד", פּעטערבורג, 1914, ז. 8–327).

מען האָט אַלזאָ בעדאַרפֿט משער זיין, אַז דיזעלבע געהיימע האַנד פֿיהרט־אָן אויך מיט'ן וואַרשאַווער פּאָגראָם. און בעדעסטוועגען האָט די וואַרשאַווער פּרעסע, אַנשטאָט צו געבען דאָס צו פֿערשטעהן דעם היגען פּובליקום צווישען די שורות, דורך אַ רמז, אָדער דורך נאָר שווייגען, זיך פֿערהאַלטען פּונקט פֿערקעהרט. זי האָט געטהון אַלץ, וואָס זי איז נאָר געווען ביכולת, אָבצולייקענען די דאָזיגע השערה און די זאַך אַזוי פֿאָרגעשטעלט, אַז דער פּאָגראָם זאָל דורכאויס אויסזעהן ווי „אַן'אויסברוך פֿון פֿאָלקס־צאָרן", דאָס הייסט, פֿאָרשטעלען די זאַך אַזוי, ווי עס האָבען דאָס געוואָלט יענע, וועלכע זענען דירעקט אין די פּאָגראָמען געווען שולדיג. עס דאַרף דערבײַ דערמאָהנט ווערען, אַז אויף־וויפֿיעל די טעגליכע פּרעסע, די אַזוי־גערופֿענע „אידענ־

לאַיע״ — טראָץ איהר זאָגען מוסר יודען — האָט בכלל אַרויפגעוואָרפען די שולד אויף אַ „באַנדע אויסוואורפען״ א. אַ. וו., האָט די עקסט־פּראָגרעסיווע „פּראַוודאַ״ דורך איהר רעדאַקטאָר א. שווענטאָכאָווסקי (וואָס פלעגט שרייבען אונטער׳ן פּסעוודאָנים: „אַפּאָסטאָל פון אמת״) שטאַרק פּאָלעמיזירט מיט דערהאָזיגער מיינונג און געזעהן אין פּאָגראָם דעם רעזולטאַט פון אַ טיעפען קאָנפליקט צווישען דער פּוילישער און יודישער געזעלשאַפט. נאָר — לאָ׳מיר דערצעהלען די פאַקטען, ווי אַזוי זיי זענען געשעהן.

ב.

דער אויסברוך און ענטוויקלונג פון פּאָגראָם, אויף־וויפיעל מען האָט געקאָנט דעמאָלט שרייבען אונטער דער השגחה פון דער צענזור, ווערט אין דער פּרעסע אַזוי געשילדערט: „אין קאָשציאָל פון הייליגען קרייץ, בעת אַ פייערליכען נאָמעס־דיענסט, האָט זיך פּלוצלונג דערשפּירט נישט־גוט אַ געוויסע פרוי, עס האָבען זיך צוליעב דעם דערהערט געשרייען און ס׳איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל: דער המון האָט זיך געוואָרפען מאַסענוויז צו דער טיר, צום קאָרידאָר, צום גאַנעק — און דאָ, אין דער שרעקליכער ענגשאַפט, האָבען געפונען זייער טויט דורך דערשטיקט־ווערען העכער צוואַנציג פּערזאָן, און אַזויפיעל זענען מעהר אָדער ווייניגער פערוואונדעט געוואָרען. צוזעהעריג דאָס בילד, האָבען זיך צווישען המון אויף דער גאַס דערהערט געשרייען: די יודען האָבען עס געמאַכט! אַ יודישער גנב, מיט׳ן צוועק אויסצונוצען זיך און פערשוואונדען ווערען, האָט אויסגעשריען: עס ברענט! — און מען האָט אָנגעהויבען בעפאַלען די יודישע דורכגעהער. פּלוצלונג האָבען זיך געבילדעט גרופּען, וואָס זענען זיך פונאַנדערגעלאָפען איבער די פערשיעדענע טיילען פון שטאָדט, האָבען אָנגעהויבען בעפאַלען און פערניכטען יודישע קראָמען. די מאַכט האָט פון איהר זייט אַלץ געטהון, צו מאַכען אַ סוף צו דיזאָזיגע ווילקירליכע מעשים (?). אַנ׳ערך 2600 העצער און אָרדנונגס־שטערער, וואָס זענען בעשטאַנען מעהרסטענטהיילס פון יונגוואַרג, בעקאַנטע אין פּאָליציי אַלס גנבים, זיצען אין אַרעסט און וואַרטען־אָב פון געריכט די פערדיענטע שטראָף — און היינט איז אין שטאָדט צוריקגעשטעלט די אָרדנונג... די גענוי־געפיהרטע אויספאָרשונג האָט ביז איצט שוין פעסטגעשטעלט, אַז די מהומה אין קאָשציאָל איז אַרויסגערופען געוואָרען דורכ׳ן פער׳חלש׳ען פון אַ פרוי, און נישט צוליעב דער צעמישונג, וואָס זאָל ווערען אַרויסגערופען דורך גנבים... דער וואַרשאַווער אָבער־פּאָליציימייסטער גענעראַל־מאַיאָר ביטורלין איז אין אַ פונאַנדערגעקלעבטען אויפרוף, „צו די איינוואוינער פון דער שטאָדט וואַרשאַ״, מודיע, אַז צוריקקעהרענדיג זיך פון אורלויב (געוועהנליך, פלעגט שוין אַזוי טרעפען, אַז די אָנגעזעהענע אָדער בעסערע רעגירונגס־פאַרשטעהער און אַדמיניסטראַטאָרען האָבען „צופעליג״ בעת די פּאָגראָמען, פערבראַכט ערגעץ הינטער דער שטאָדט, וואו זיי האָבען בעדאַרפט היטען די אָרדנונג), פאָדערט ער פון די „אַלע פערנונפטיג־דענקענדיגע בירגער, אונטערצו־נעהמען אַלע בעמיהונגען אין אויפקלערען די אומפערשטענדיגע, אָבצוהאַלטען די

פערפירדטע, ווי אויך מיט זייער מאָראַלישען איינפלוס און ווירקונג אַ סוף צו מאַכען צו די איצטיגע געשעהענישען".

„דער שויפּלאַץ פאַר די מעשים פון צעווילדעוועטען המון איז געווען גענוג גרויס. מיט קליינע אויסנאַהמען, האָט ער אַרומגענומען אַלע ראַיאָנען פון שטאָדט. די באַנדע האָט אין פערלויף פון צוויי מעת־לעת, פון ז אַזייגער ווינטאָג (דעם 25־סטען דעצעמבער 1881) ביז נאָכמיטאָג דינסטאָג, פערניכטעט ביז׳ן לעצטען דאָס פערהאָרעוועטע ביסעל פערמעגען פון די אָרימע יודישע פאַמיליעס לויט׳ן סדר נאָך אויף די גאַסען (דאָ גערעדט אַ רשימה פון כמעט אַלע וואַרשאָווער גאַסען, די, אין וועלכע יודען וואוינען אין געדיכטע מאַסען, ווי אויך יענע, אויף וועלכע יודען האָבען דערמאָלט געוואוינט אַלס אויסנאַהם). אין איינציגע געגענדען, ווי אויף פלאַץ וויטקאָווסקי, האָט זיך די בעפאַלענע יודישע בעפעלקערונג געפרובט ווערען, אָבער זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבען דער שטאַרקערער איבערמאַכט אין צאָהל. מעהר ערפאָלג האָט געהאַט די זעלבסטהילף צו איינענער פערטיידיגונג אויף נאַלעווקי און אויף גזשיבאָוו, בעזונדערס אויף דער ערשטער פון די ביידע גאַסען, פון וואַנען די היגער האָבען געמוזט אַנטלויפען פאַר דער גרעסערער צאָהל בעפאַלענע, וואָס האָבען זיך אַליין פערטיידיגט (בנוגע צו דער זעלבסטפערטיידיגונג אויף נאַלעווקי איז אין זכרון פון די וואַרשאָווער יודען פערבליבען אַן׳ערצעהלונג וועגען פריסמאַוו אַנדזשאַוראָוו, וועלכער — אונבעוואוסט פאַרוואָס: צי גלאַט פון אַנשטענדיקייטס־וועגען, צי ווייל ער האָט בעקומען פון די כוליגאַנעס „אין באַק" אָדער פון די יודען „אין האַנד" — האָט ערלויבט די יודען צו פערטיידיגען זיך, און די פּאַראָמשציקעס, גוט אָנגעלערנט, האָבען געמוזט פערלאָזען מיט חרפה דאָס שלאַכט־פעלד). די „פאַבריק־בעפעלקערונג" און אַרבייטער האָבען אין די גאַסען־אונרוהען קיין אַנטייל נישט גענומען און האָבען זיך געפונען אויף ריבאַק, דאָבען די אַלע דאָרט אַרבייטענדיגע קאַטוילישע פלייש־העקער אַזוי ענערגיש און העלדיש געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם צעווילדעוועטען המון, אַז דיזאָזיגע אַריינמישונג האָט אין פיעל פאַלען וואונדער בעוויזען..."

„די צאָהל פאַמיליעס, וואָס האָט געליטען פון די רויבערייען, בעטרעפט אַן׳ערך 1000, און דאָס זיינען מעהרסטענטייל אָרימעלייט, וואָס לעבען פון דער אַרבייט פון זייערע הענד אָדער פון׳ם קליינעם פערקויף פון לעבענס־מיטעל, און זיי האָבען בוכ־שטעבליך זייער גאַנץ אָרים פערמעגען, אפילו דעם אָנצוג, וואָס זיי האָבען אויף זיך געטראָגען, פערלאָרען. אין די צעראַבירטע הייזער, צווישען די צעשמעטערטע ווערק־צייג און אַרבייטס־אינסטרומענטען, שטיקער מעבעל, פלים א. אַ. וו., זיצען פיעל מיט זייערע פאַמיליעס פון קליינוואַרג אָהן אַ שטיקעל ברויט, נישט־האָבענדיג אפילו אויף וואָס דעם קאָפּ אַנידערצולעגען, ווייל זייער אָרים בעטגעוואַנד האָט דער ווינד צע־שטרייט אונטער די פיס פון די דורכגעהער אָדער פונאַנדערגעטראָגען אויף אַלע זייטען......"

די „איזראַעליטאַ" רעכענט אויך אויס די פאַמיליע־נעמען פון קריסטען, וועלכע זיינען „מיט וואָרט און טהאַט אַרויסגעטראָטען" ביי די גאַסען־אונרוהען געגען דעם המון: פרעזידענט געגעראַל סטאַרינקיעוויטש, ד״ר פערקאָווסקי, ד״ר פריטשע, סטאַניסלאַוו לעשצינסקי, פּראָפ. פלעקיעוויטש, פלעבאַנסקי (סאַפּיאָרען־אָפיציער), מישעלסקי און

דערצעהלט מען, אז כדי אונטערצושטיצען די זעלבסט־פערטיידיגונג, האט ער נעראַדער מיטארבייטער פון „קוריער ווארשאווסקי" פיליפאווסקי, וועגען סטארינקיעוויטש'ען מען די יודען און נישט־יודען אויסצוקלויבען פאר זיך דעם לאזונג: „פרעווידענט", כדי אונטערצושיידען צווישען די פאגראמשציקעס און די פערטיידיגער, רעכענענדיג געווים, אז לויט דעם לאזונג וועט די פאליציי דערקענען, וועמען צו געבען הילף. עס איז אבער געשעהן פונקט דער היפך: די, וואס האבען אנגערופען דעם „לאזונג", זענען דורך דער פאליציי ארעסטירט און בעשטראפט געווארען (פונקט לויט'ן רוסישען מוסטער).

ג.

ווי אזוי־זשע האט זיך וועהרענד דערדאזיגער טראגעדיע פערהאלטען די פוילישע פרעסע? — „די גאנצע טעגליכע פרעסע — פערזיכערט „איזראעליטא" — מיט'ן אויסנאהם בלויז פון איין ארגאן, וואס פערטעידיגט די לאזונגען פון דער צייט און זעהט אין די שענדליכע פאר אונזער שטאדט און פאלק געשעהנישען אן'אונבעדייטענדען פאקט, ווייל געליטען פון זיי האבען נור יודען, — האט אויסגעדריקט איהר אויפרעגונג געגען דעם און אויפגעפאדערט צו ארגאניזירען הילף". ווי עס ווייזט אבער אויס, האט די האלטונג פון דער פרעסע נאכ'ן פאגראם, און בעזונדערס איהר האלטונג אין פערלויף פון א רייה יאהרען פאר'ן פאגראם, נישט בעפריידיגט אפילו דערמאזיגען צניעות'דיג־געדולדיגען אסימילאטארישען ארגאן, ווייל אט וואס עס שרייבט די „איזראעליטא" אונטער'ן איינדרוק פון ערשטען מאמענט: „פון דער מהומה, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורכ'ן צופאל אין קאשציאל, איז געפאלען א פונק אין געשטאלט פון א שטומער, דורך קיינעם נישט קאנטראלירטער ידיעה, אז א יוד האט געבראכט דאס אונגליק, און דערדאזיגער פונק איז גענוג, אז ער זאל אין איין אויגענבליק אויפרייצען דעם המון, אויפהעצען איהם צו ווארפען זיך אין ווילדען צארן אויף רוהיגע וואוינונגען, אום דאס ארימע פערמעגען פון הונדערטער ארימע פאמיליעס צו פערניכטען און דאס צו פערוואנדלען אין א בארג אש. וואס פאר א זודיגער באדען מוז עס זיין, ווען איין בלאנדזשענדיגער פונק, וואס איז אריינגעשליידערט געווארען צופעליג אדער בייזוויליג, האט געקאנט ברענגען צו אזא שרפה".

פון א גאנץ אנדערען שטאנדפונקט איז נישט צופרידען געוועזען מיט דער האלטונג פון דער ווארשאווער פרעסע די „פראוודא", ווייל „דער קעניג פון פוילישען פראגרעס" און „אפאסטאל פון אמת" שווענטאכאווסקי האט אזוי געשריבען:

„דער „קוריער צאדזיענני" האט געגעבען א סיגנאל אונזער צייטונגס־ארקעסטער, צו פערענדיגען די פייערליכע סימפאניע פון די ערפינדונגען איבער די שולדיגע אין די גאסען־אונרוהען, און מיר גיבען איהם צום צווייטען מאל א סיגנאל, אנהויבען א גרינדליכע אונטערזוכונג פון דער זאך. ווייל גלאט שטראפען אין דער וועלט אריין די שולדיגע, זאגען זיי מוכר, איז שוין היינט איבעריג צוליעב דער שטראף, וואס זיי בעקומען יעדערער פערזענליך, און דעם קנס, וואס איז פון דורות לאנג פערפלאנטערט געווארען, וועט עס אפילו אין זיין אמוועניגסטען פערהעדטען ארט נישט אויפבינדען.

גלויבט, איהר רחמנות'דיגע און איבערעגטע הערצען, און דעם אונצווייפעל=
האפטען אמת, — אנדערש וועט מען מיט'ן גאנצען הארצען דארפען מקנא=זיין אזער
נאאיוויטעט. ווען איך זעה די לויטערע געזיכטער פון די בידער פּנ'ם אלטען און
נייעם טעסטאמענט (יודען און קריסטען), וואס מיט איין האנד בעהעשען זיי דעם
שאטען אויף דער וואנד, און מיט דער אנדערער ווישען זיי דורך פאנקטאטען די
טרעהרען פון די געליטענע, טראכט איך מיר: פאַרוואס קאן איך עס נישט צו גלויבען
גלייך מיט זיי, אז „א קליין הייפעל אויסוואורפען", וואס האט זיך אבגעבריהט אויף
הייסען, וועט איצט בלאזען אויף קאלטען? פאַרוואס בין איך נישט איבערצייגט, אז
מיר „האבען צוגעקוקט א מאמענטאל=פאריבערגעהענדיגע עלעמענטען=צאנקערייי"?
הימלען, פערפארבט מיין בליק ראָזענפארביג, מיט האפנונג, אדער לערנט מיך אויס
צו זאגען ליגען, בערויבט פון דיזאָזיגע אייגענשאפטען, וועל איך שטענדיג שרייען:
העכער, איהר פערטיידיגער און פיהרער פון די יודישע אינטערעסען! נור דאָרט
אליין קאָנט איהר געפינען די לעזונג פון דער אונגליקליכער יודען=פראגע, וועלכע איהר
וועט נישט פערענטפערן נישט מיט דער שולע פון ה' דיקשטיין און נישט מיט דער
וואכענשריפט פון ה' פעלטין, נישט מיט דער איבערזעצונג פון דער פרעסע, ווי אויך
נישט דורך זאמלונג פון טויזענטער רובל. כל=זמן ה' פרוס, „שטענדיג די פראגע
אפען", וועט האבען דאס רעכט צו שרייבען, אז „דער יודישער פראלע=
טאריאט גאָרט=אָב אונזער פאלק, עקספּלואטירט
איהם, דעמאָראליזירט, פע'גנב'עט, בעליידיגט זיין גע=
העהר (שמיעה) דורכ'ן זשארגאָן, און זיין עהרענווירדיג=
קייט — דורך דער ציגיישער גאוה"; כל=זמן אלע, וואס ליעבען דעם
אמת, נישט=וועלענדיג זיך לאזען פערפיהרען נור דורך ווערטער, ווי א „הארמאָניע,
וואס איז מיט קיין זאך נישט פערדונקעלט געוואָרען", און „ליעבע", וועלכע איז אין דער
ווירקליכקייט בלויז אנ'ערפינדונג פון נארישער סענטימענטאליטעט; כל=זמן דיזאָזיגע
„הארמאָניע" און „ליעבע" וועלען עקזיסטירען נור אדאנק די פעראָרדנונגען פון דער
פאליציי און אנוועזענהייט פון מיליטער; כל=זמן עס וועלען לעבען איינער נעבען אנ=
דערען צוויי דורכאויס פערשידענע און איינער דעם אנדערען פיינדליכע עטנאָלאָגישע
סאָרטען, — כל זמן דאס אלץ וועט זיין, קאָנען זיך אזעלכע רעציטעבער=געשעהענישען
איבער'חזר'ן יעדען מאָמענט, ווען אונזער וואכזאמקייט וועט איינגעשלאָפען ווערען,
און נישט=שטענדיג זיך איבכאפען, אנשטאָט צו פרובען אויף א פאלשען וועג צו
ערקלערען די קריזען פון די אנטיילנעהמער אין די אונרוהען אלס אנגעהעריגע צו
א „קליינער חבריא" און צו א „באנדע רויבער", איז גלייכער צו פער=
שטעהן און שלום צו מאכען מיט'ן געדאנק, אז דאס
פייגע האט ארומגעכאפּט ברייטערע קרייזען פון דער
קריסטליכער בעפעלקערונג. עס איז גלייכער צו האבען הינטער זיך
די שטיצע פון דער נייעסטער ערפאהרונג, שטעלען זיך פאר דער העכסטער מאכט
און זאגען: מיר זענען מתפלל פאר צוזאגם=בילדונג און פאר גלייך=מאכען די יודען
מיט די, צווישען וועלכע זיי וואוינען; מיר בעטען וועגען א געזעצליכער אב=
שאפונג פון די אלטע יודישע אינסטיטוציעס, וואס האלטען=אונטער די אבגעזונדערטקייט
צווישען דער בעפעלקערונג; מיר בעטען אונטערצוווארפען די ערציהונג פון דער

יודישער יוגענד אונטער דעם אלגעמיינעם בילדונגס-פלאן; מיר בעטען וועגען דראקאנישע געזעצען געגען איצטיגען סעפאראטיזם. ווער דארף דאס בעטען? די געבילדעטע יודען, די פארשטעהער פון דער יודישער געמיינע! אפילו דער העכסט-אונגינסטיגער רעזולטאט פון דיזאיגע בעמיהונגען וואלט דאך נישט געוועזען אימשטאנד אויסצומעקען זייער שפור און זכרון פון דער געזעלשאפט. מיר וואלטען דאן געקאנט זאגען אבען: וואס ווילט איהר פון די לייט? זיי קאנען נישט זיין אנדערש, ווי זיי זענען, צום בעדויערן, קאנען מיר היינט דאס נישט זאגען...

„א קיטר איז דער, וואס מיינט, אז די סיבות פון די אנטיסעמיטישע אונרוהען ליגען בלויז אין חשק צום רויבען; זיי שטאמען פון די עקאנאמישע בעציהונגען, פון די עטנאלאגישע געגענזאצען, נישט-רעדענדיג שוין וועגען די רעליגיעזע... אויב היינט, ווען די פינסטערע מאסען זענען אזוי אויפגערעגט איינע געגען די אנדערע, זענען גרייט אויפצופרעסען איינע די אנדערע, שרייבען מיר, אז דאס איז בלויז א „מאמענטאל-פאריבערגעהענדיגע צאנקעריי" און עס גענוגט א שיט צו טהון מיט געלד-זאמלונגען און אלין וועט אויף איביג זיין אין ארדנונג; אויב מיר ענטציקען זיך פון די ערצעהלונגען פון נארישע בבא-מעשיות — זאל-זשע אונז דער גורל הלוואי אפהיטען נאך פון א גרעסערען שטורם, ווייל אליין פערשטעהען מיר נישט, ווי-אזוי זיך צו ראטעווען; איך האב צוטרוי צו די ארגאנען פאר עפענטליכער רוה און זיכערהייט, אז זיי וועלען איינהאלטען אין צוים די איצטיגע בעוועגונג, אבער איך האב נישט קיין צוטרוי צו די בעציהונגען, וועלכע וועלען פערבלייבען דיזעלבע און וועלכע מיר וועלען איבערגעבען בירושה די קומענדיגע דורות, וועלכע וועלען נישט געדענקען נישט די שטראפען פאר די אונרוהען און נישט די מוסר-זאגעכץ פון די צייטונגען. די קינדער-וויגעלעך פון אונזער המון וועלען מיר נישט אויסבעטען מיט דער מאקלאטור פון די לעגענדעס וועגען די „אויסוואורפען" און צו זייער קינדער-געבעט וועלען מיר נישט צוגעבען קיין „ליעבע" פאר יודען; פון-וואנען אלזא שעפען מיר די זיכערקייט, אז אויך זיי וועלען נישט פערזוכען צו שאפען „א מאמענטאל-פאריבערגעהענדיגע עלעמענטען-צאנקעריי"? הלוואי זאלען מיר כאטש קאנען גאראנטירען פאר די, וואס הערען זיך צו אונז צו, אבער מיר קאנען דאך נישט גאראנטירען פאר די, וואס הערען אונז נישט". („פראוודא", דעם 7-טען יאנואר 1882).

כדי צו געבען א בעגריף וועגען דעם, וואס עס האט געשריבען די ווארשאווער פרעסע, נאך די ערשטע ארטיקלען פון מיטגעפיהל צו יודען אין איפרעגונג געגען די פאגראמשציקעס, וועלען מיר דא ברענגען אייניגע שטעלען פון אן ארטיקעל אין „ניווא", דער ארגאן פון די יונג-קאנסערוואטיווען:

„....דער ברענענדיגער צושטאנד פון דער יודען-פראגע ערפאדערט די שטארקסטע איינווירקונג אויף די יודען אליין... היינט פערדיענט זעהר א קליינער פראצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג מיט דער ארבייט פון זיינע הענד אויף ערנעהרונג. די גרעסטע מעהרהייט עקספלואטירט נור די ארבייט פון אנדערע, בערייכערענדיג-זיך מיט וואוכעריי און פערמיטלונג... אזא אנארמאלע בעציהונג מוז אונגינסטיג ווירקען אויף די פרייזען פון די אלע לעבענס-מיטעל. אויב מיר וועלען נאך דערביי נעהמען אין בעטראכט, אז אונזער לאנד בעזיצט נישט קיין איבעריגע ארבייטס-קרעפטען, וועלען מיר

טויזען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס אַנווענדען הונדערטער טויזענדער יודישע הענד צו פּראָדוקטיווער אַרבייט וואָלט געווען פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסען אַ געוויסע וואוילטהאַט. אָבער אום דאָס צו דערגרייכען, וואָלט מען בעדאַרפט צעקלאַפּען און אונטערברעכען ביז'ן גרונד דעם יודישען סעפּאַראַטיזם, וואָס מאַכט פון יודישען שטאַם אַ בעזונדערע קאַסטע, וואָס האַלט אויף די אַנגעהעריגע צו איהר אינדיווידומען אין פערכישופ'טען קרייז פון שטענדיג איינע און דיזעלבע בעשעפטיגונגען, וואָס זענען ווי פון אייביג אָן פערהייליגט דורך דער טראַדיציע. מבטל צו מאַכען די קהל-אויטאָנאָמיע און שליסען די חדרים, אין וועלכע עס ווערט געשאַפען און אויסגעאַרבייט דער סעפּאַראַטיסטישער גייסט פון דעם יודישען פּשוט'ן המון, — אָט דאָס איז אַ בעדינג „סינע קווא נאָן" (אָהן וועלכען עס קאָן נישט זיין) אונטערצוברעכען דעם אַנטאַגאָניזם צווישען די יודען און נישט-יודען".

און די „ניווא", אין איבעראיינשטימונג מיט שווענטאָכאָווסקי'ן, אָבער אין פיעל שאַרפערע ווערטער פון איהם, שרייבט ווייטער, אַז „אויב די פערהאַרבענקייט און לייכטזיניגקייט פון דער גמינע איז געווען די סיבה פון יענע אונגעזעצליכקייטען (אונ-רוהען), וואָלט נישט קיין קלענערע לייכטזיניגקייט געווען צו מיינען, אַז דער גייסט פון האַס צו יודען גאַנץ נישט אויפ'ן דעק פון דער געזעלשאַפט; נור פאַלשקייט און צביעות קאָנען דאָס אַבלייקענען".

אַנדערע צייטונגען אָדער זיי האָבען זיך ערלויבט צו מאַכען ציניש̈ע וויצען אָדער זיי האָבען אויסגענוצט דעם פּאָגראָם פאַר אַ פּאַסענדע געלעגענהייט, אָבצורע-כענען זיך איצט זייערע פּאַרטיי-חשבונות. „דער „קוריער צאַדזיענני" — שרייבט די „איזראַעליטא" — האָט חוזק-געמאַכט איבער די בעדאַרצטע בעשרייבונגען פון די ריהרענדיגע סצענעס ביים געבען הילף די צוראַבירטע יודען. דער „פּשעגלאָנד קאַטאָ-ליצקי", פערגעסענדיג, אַז דער פּאָגראָם האָט זיך גראָד אָנגעהויבען ביים אַרויסגעהן פון קאָשציאָל, האָט זיך בעמיהט פאָרצושטעלען די אונרוהען, אַלס אַן אַרבייט פון גאָטלאָזע לייט, וואָס געהען נישט אין קאָשציאָל. זיי זענען דאָס די אָנפיהרער פון די אַוואַנטורעס, זיי — יענע מאַסען, וואָס זענען שוין פון לאַנג געווען אויפגעבראַכט צוליעב דער אונ'ברחמנות'דיגער פערשיעדענאַרטיגער עקספּלואַטאַציע מצד די יודען, זיי האָבען אַנדערע מיטגעצויגען מיט-זיך און געבראַכט אויף דער שטאָדט די שאַנדע פון גוואַלד-טהאַטען".

„סלאָווא" בעשולדיגט אין פּאָגראָם די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען דעמאָלט געשפּיעלט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט אַ בעדייטענדע ראָליע, ווייל פּונקט אינ'ם יאָהר 1881 איז ענטשטאַנען די פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", און, ווי עס ווייזט-אויס, איז דער אויבענדערמאָהנטער ווידערשטאַנד מצד די אַרבייטער געגען די פּאָגראָמשטשי-קעס געווען אַ רעזולטאַט פון דער אויפקלערונגס-אַרבייט, וואָס עס האָט געפיהרט די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, און צווישען איהר אויך נישט-וועניג יודען. די „פּראַוו-דאַ" איז אַרויסגעטראָטען געגען דערהאָויגער מיינונג פון „סלאָווא" און האָט פון איהר חוזק-געמאַכט.

ווי מיר זעהען, האָט די וואַרשאַווער פּרעסע, אָהן אונטערשיעד פון ריכטונג,

נאָך גוט געדיענט דער רוסישער רעאַקציע, פאָרשטעלענדיג דעם וואַרשאַווער פּאָגראָם אַלס „אַן אויסברוך פון פאָלקס־צאָרן" אָדער אַלס אַן אַרבייט פון די — סאָציאַליסטען.

ד.

און דאָס איז געשעהן נישט בלויז אין דער צייט, ווען טויזענדער יודען האָבען געטראָגען אויף זיך די יסורים פון פּאָגראָם, נאָר אויך אין דערזעלבער צייט, ווען אויף די פּלייצעס פון הונדערטער פּאָליאַקען זענען נאָך נישט פערהיילט געוואָרען די וואונדען פון די נאַהייקעס פון מוראַוויאָוו'ן און זיינע מיטהעלפער און ווען אין דייטשלאַנד האָט זיך דערהערט דער געשריי פון „אויסראָטען". אַזאַ בעציהונג האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגען אפילו די עניוות'דיגע „איזראַעליטאַ" און אין אַרטיקעל פון א. י. קאָהן האָט זי — הגם מיט גרויס צוריקגעהאַלטענקייט — אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר ווערטער פון ביטערען אמת.

אָפּדרוקענדיג אַ בריעף פון אַ געוויסער קריסטין פרוי וו., וועלכע פערגיסט אויך שרעהען איבער דאָס יודישע אונגליק, און זעהט די גאַנצע צרה אין יודישען „סעפּאַראַטיזם" און די רפואה אין „רעפאָרמען", ווי מבטל־מאַכען די חדרים און אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס העלפען־מיט דער יודישער אָבגעזונדערטקייט, שרייבט די „איזראַעליטאַ": „די געעהרטע אויטאָרין ווי איבעריגענס כמעט די גאַנצע אַלגעמיינע פּרעסע, דיסקוטירענדיג איבער די מיטלען צו פערהיטען אויף דער צוקונפט פון אונרוהען, בעטאָנט הויפּטזעכליך שטאַרק די נויטווענדיגקייט פון רעפאָרמען צווישען די נידריגע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג, מבטל צו מאַכען די חדרים און אויסראָטען אַלץ, וואָס האַלט־אויטער די אָבגעזונדערטקייט, ווייל „ווען נישט דיזאָזיגע אָבגעזונדערטקייט, וואָלטען נישט געדאַרט קיין אָרט די גוואַלד־טהאַטען אויף די גאַסען". די „איזראַעליטאַ" האָט גאָרנישט געגען רעפאָרמען, אָבער זי רעכענט, אַז נישט די יודישע חטאים האָבען אַרויסגערופען די רויבערייען און אונרוהען. עס האָט זיי נישט אַרויסגערופען אויך יענע אַזוי בערימט־געוואָרענע עקספּלואַטאַציע מצד די יודען, יענע אונטערדריקונג מצד די פּראָצענטניקעס אויף די אַרבייטער־קלאַסען. אַלס בעסטער בעווייז הערצו קאָן דינען דער אומשטאַנד, וואָס דער האַנדווערקער־קלאַס, פאַר וועלכען דאָס הויפּט־אונגליק זענען די פּראָצענטניקעס און יודישע פּאַקטאָרען, האָט אין די אונרוהען גאָר קיין אַנטייל נישט גענומען, און חוץ דעם — דער פאַקט, אַז מען איז בעפאַלען און ראַבירט נישט די יודען עקספּלואַטאַטאָרען, נישט די פּראָצענטניקעס, די רייך־געוואָרענע הענדלער, אָדער פערמיטלער, נור — די אָרימעלייט, די קרעמער, אַרבייטער א. אַ. וו., וועלכע, זייענדיג אַ קורצע ווייליע קרבנות פון גוואַלד־טהאַטען, האָבען מיט־אַמאָל אַלץ פערלאָרען. די וויכטיגסטע סיבה דערפון, וואָס דער ערגסטער טייל פון דער בעפעלקערונג — לאָמיר איהם אָנרופען אַ „באַנדע רויבער", אַ „המון יונגוואַרג" אָדער אַנדערש — האָט זיך געלאָזט פערפיהרען דורך אַן'אַלאַרמירענדיגען קלאַנג, איז, לויט אונזער מיינונג, דער בעגריף, וואָס איז איינגעזויגען מיט דער מוטערס מילך, וואָס טראָגט־זיך־אַרום אין דער אַטמאָספערע נישט בלויז אין די נידריגע קריסטליכע קרייזען, דער בעגריף, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין די קורצע ווערטער: „דער יוד איז אַ פיינד פון קריסט, דער יוד איז די סיבה פון

די אַלע מפּלות, וואָס טרעפען די קריסטען"• נישט די יודען האָבען אַלזאָ אַ פּליכט, נאָר די קריסטען. זאָלען זיי ערקלערען דעם פּראָסטען המון, אַז אַ מענש, וואָס איז לעכערליך דורך זיינע חסרונות, וואָס גלויבט אַנדערש און לעבט אַנדערש, הערט פונדעסטוועגען נישט אויף צו זיין אַ מ ע נ ש, און דערזעלבער המון, אפילו ביי זיין גרעסטער פערביטערקייט געגען יודען, דאַרף נישט איבערטרעטען די גרעניצען, וואו עס ענדיגט זיך דער מענש און עס הויבט-זיך-אָן די חיה. וועגען דערהאַזיגער אויפגאַבע פון דער קריסטליכער אינטעליגענץ, וועגען דעם, אַז אַ בייספּיעל דאַרף געגעבען ווערען פון אויבען און אַז מען קאָן נישט פאָדערן, אַז די נידריגסטע פאָלקס-שיכטען זאָלען שוינען דאָס אייגענטום און לעבען פון יענע, וועלכע מ'האָט זיי פון אייביג אָן געלערנט צו בעטראַכטען אַלס „גאָטלאָזע פערשאָלטענע", — וועגען דעם אַלעם מאַכען זיך פערגעסען די אַלע, וואָס שרייבען אויך ביי אונז וועגען דער יודען-פראַגע" („איזראַעליטאַ", נומ. 2, 1882).

ד.

אויף-וויפיעל בעת די אונרוהען אַליין איז פאַר די שולדיגע אַלץ אַריבער אונבעשטראָפט, אויף-אַזויפיעל האָבען זיי שפּעטער געמוזט שווער אָבקומען פאַר זייער פערברעכען, ווייל ווי עס ווייזט-אויס איז דאָ אין פוילען די רוסישע רעגירונגס-פאַרשטעהער דערנאָך ספּעציעל געגאַנגען אין דעם, צו בעשטראָפען אַמשטרענגסטען די שולדיגע אין די אונרוהען, כדי צוצונעהמען ביי זיי דעם חשק צו וועלען איבער'חזר'ן זייער עקספּערימענט, אָבער שוין נאָר אין אַנ'אַנדער ריכטונג. און אָט וואָס עס שרייבט וועגען דעם די „פּראַוודאַ", פערטיידיגענדיג כסדר איהר שטאַנדפּונקט, אַז דאָ האַנדעלט זיך נישט בלויז וועגען אַ „באַנדע רויבער".

דערמאָהנענדיג די יודישע היזיקות, וועלכע האָבען דערגרייכט ביז אַ מיליאָן רובל, שרייבט דער „אַפּאָסטאָל פון אמת": „ערנסטער אָבער — כאָטש פון יודען ניט-אָבהענגיג — שטעלען זיך פאַר די היזיקות פון די קריסטען: ביז דרייסיג פערזאָן דערשטיקטע, עטליכע און-צוואַנציג פערוואונדעטע, צוויי טויזענד אַרעסטירטע און ערוואַרטענדע שטראָף, וועלכע דראָהט נישט-איינעם מיט צעברעכען זיין גאַנץ לעבען — דאָס איז דער רעזולטאַט, אַזאַ טרויעריגער מאָראַליש און עמפּפינדליכער מאַטעריעל, וואָס צוליעב דעם וואָלטען וואהרשיינליך צוריקגעצויגען זייערע אונפאָרזיכטיגע ווערטער סיי יענער ליטעראַט, וואָס האָט געראַטען צו בענוצען זיך מיט קוילען, סיי יענע צייטונג, וועלכע האָט געפאָדערט מיליטערישע געריכטען. צוויי טויזענד אַרעסטירטע פערזאָנען, הונדערטער בעשטראָפטע, וואָס וועלען פיליכט פון זייער שטראָף אַרויסגעהן ערגער, ווי זיי זענען געווען פ אַ ר זייער שולד — דאָס איז אַ קלאָפּ, איבער וועלכען עס איז שווער איבערצוגעהן מיט אַ לייכט האַרץ צו דער טאָג-אָרדנונג, בעזונדערס נאָך, וואָס דער אָבגרונד, וואָס האָט געזאָלט אָבטיילען דאָס „קליינע הייפעל שווינדלער" פון דער „געזונדער מאַסע פון אונזערע ברייטע פאָלקס-שיכטען", ווי מיר האָבען באַלד פאַרויסגעזאָגט, הויבט-זיך-אָן אויסצופילען. צווישען די 287 אָנגעקלאָגטע, וועלכע מ'האָט, צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ, איבערגעפיהרט פון וואַרשא קיין מאָדלין, געפינען זיך פרויען, דערוואַקסענע מענער און אַלטע

ליט. ענגליכע האט מען ארײנגעזעצט אין אזוואגראד און אין ברעסט־ליטאווסק, א בעדײטענדער פראצענט פון דער מאסע וועט לויט'ן ארמײל גײען אין די טורמעס אריין אדער אויף פערשיקונג, און וויפיעל וועלען אין דעם פראצענט זײן אזעלכע, וועלכע זענען צום ערשטען מאל פערפיהרט געווארען און ווען נישט די פעדערפליכע אינטערהעצונג, וואלטען זײ דורכגעמאכט זײער לעבען ערהליך? טרויעריג. די פער־שפרײטער פון דער לעגענדע וועגען א „קלײן היפעל" האבען אין איהם בעמערקט הויפטזעכליך „דער פאליצײ בעקאנטע גנבים". עס איז לײכט געוועזען צו טרעפען, אז די דאזיגע פויגעלעך זענען נישט אזוי נאאיוו, זײ זאלען זיך לאזען פאנגען".

איבעריגענס, די לעגענדע „וועגען א קלײן הײפעל אויסוואורפען" איז מבטל נישט בלויז שוועטאכאווסקי, נאר אויך — ווי מיר האבען שוין געזעהן — א. י. קאהן פון „איזראעליטא", הגם נישט אין אזעלכע קלארע ווערטער.

די פאגראם־שטימונג האט נאך געדויערט גענוג לאנג. מען האט פסדר מורא געהאט פאר נײע ארויסטרעטונגען געגען יודען, נאכמעהר צוליעב דעם, וואס דא און דארט האבען זיך געלאזט בעמערקען בעאונרוהיגענדע סימפטאמען. אין ווארשא האט מען אין א געוויסען טאג אויסגעשלאגען די שויבען אין דער סינאגאגע אויף טלאמאצקא און אנגעקלעבט א צעטעל: „די סינאגאגע — צום פערדינגען, די יודען — צום אויס־קוילענען". אזוינס האט אויך געהערשט אויף דער פראווינץ און אין א געוויסען שטעדטעל איז זאגאר געקומען צו א צוזאמענשטויס אויף דער גאס, וואס האט זיך שיער נישט געענדיגט מיט א פאגראם.

ו.

בײ די שווערע מאטעריעלע און פיזישע שאדענס, וואס יודען האבען געהאט פון פאגראם, און די מאראלישע ערנידערונג, וואס די יודען האבען געשפירט צוליעב דער געשילדערטער בעציהונג צו די טרויעריגע געשעהענישען מצד דער פוילישער פרעסע, האט אלס געוויסע בעפרידיגונג געדיענט פאר זײ די גרינדונג פונ'ם „קאמי־טעט צו שטיצען די געליטענע פון די לעצטע אונרוהען", וועלכער האט צוזאמענגע־קליבען א גענוג בעדײטענדע סומע. אמת — א בעדײטענדע נור פערהעלטניסמעסיג, ווײל זי האט דורכאויס נישט ענטשפראכען די ווירקליכע היזיקות, וואס די יודען האבען געליטען.

און עס מוז בעצײכענט ווערען, אז אין פוילען האט זיך געפונען אײנער, וואס איז ארויסגעטראטען געגען אזא עלעמענטאר־מענשליכער פליכט, ווי שטיצען די קרבנות פון פאגראם, און האט פערלאנגט, אז דער קאמיטעט זאל אויפהערען צו עקזיסטירען: עריקס יאכאוויטש, דער זוהן פון בעקאנטען לעגענדע־שרײבער כמא־ניסלאוו יאכאוויטש, האט פערעפענטליכט אין „קוריער פאראנני" אן אפענעם בריעף צום אויבענדערמאהנטען קאמיטעט, און איהם געראטען אויפהערען צו זאמלען ווײטער נדבות, ווײל די יודען וועלען געוויס אויסנוצען ווי ווײט מעגליך בעסער זײער לאגע און וועלען זיך בעמיהען ארויסצובעקומען פון קאמיטעט צווײמאל אזויפיעל, וויפיעל זײ האבען פערלארען. יאכאוויטש קאן נישט פערשטעהן, פארוואס האט מען לטובת די געליטענע יודען צונויפגעזאמעלט אין פערלויף פון א קורצער צײט אזא בעדײ־

טענדע סומע, וועהרענד אויף צו בויען א קאשציאל אין אירקוטסק האט מען צונויפגעזאמעלט בלויז אנ׳ערך פון צוואנציג טויזענד רובל, און פאר א דענקמאל מיצקעוויטש׳ען איז צונויפגעזאמעלט געווארען א פערהעלטניסמעסיג קליינע סומע.

דער פרעזידענט סטארינקעוויטש האט אבער געגעבען יאבאוויטש׳ען א געהעריגען ענטפער, וועלכער בעווייזט גלייכצייטיג אויך, ווי שטארק יודען האבען געליטען פון פאגראם.

„אויב איהר פערלאנגט — האט, צווישען אנדערען, געשריבען דער מענשענפריינדליכער ווארשאווער פרעזידענט — אז די יודען, נעכטען נאך רייכע, און היינט בערויבט זייער לעצט שטיקעל ברויט, זאלען בעקומען נור דאס שטיקעל ברויט און נישט מעהר, אויב איך רעגט־אויף יעדער וואונש צוצושטעלען פאר די אונגליקליכע מיטעל צום לעבען, אויב דערצו נאך איצט, ווען זיי געפינען זיך אין אונגעהויערער נויט, דערמאהנט איהר זיך אן די הזיקות, וואס זיי האבען כלומר׳שט פערשאפט אייערע נאהנטע, בעווייזט עס, אז פאר אייך איז נישט עקזיסטירט דער פאקט בכלל, וואס מען האט יודען גערויבט, און בלויז דאס, וואס מען האט יודען גערויבט צופיעל אונ׳ברחמנות׳דיג. יעדערער, ווער עס רעדט איצט, ביים אונגליק, וואס עס האט די יודען געטראפען, וועגען זייערע חסרונות און שעדליכע נייגונגען, דער פראקלאמירט דערמיט אליין זיין איינקייט מיט יענע פערברעכער און רויבער, וואס האבען פערניכטעט דאס יודישע פערמעגען" („ראזסוויעט", נ. 3, 1882).

ז.

אין דערזעלבער צייט זענען די יודען אנגעגריפען געווארען דורכ׳ן גרויסען פוילישען מאלער־קינסטלער יאן מאטייקא. געשעהן איז עס אין קראקוי, אבער ס׳האט געפונען א שטארקען אפקלאנג אין ווארשא. אלס דירעקטאר פון דער שולע פאר שענע קונסט, אין קראקוי, האט זיך מאטייקא געווענדעט צו די יודען מיט די ווערטער: „אוועק פון דעם לאנד, טראגט זיך ארויס אהין, וואו עס איז נישטא קיין גלויבען און קיין פאטערלאנד". און צו זיין שילער גאטליב האט ער געזאגט: „די האסט נישט געוויינט אויף אונזערע קברים, דו וויינסט נאך איבער די קברים פון ירושלים". די קראקויער יודען זענען ארויסגעטראטען מיט א פראטעסט, און איינער פון זיי, איבעשיץ, האט זיך אין בעזונדערס שארפע ווערטער אויסגעדריקט וועגען קינסטלער, צוליעב וואס מאטייקא האט פערפירט געגען איהם א געריכטליכען פראצעס און אלס אדוואקאט האט ער איינגעלאדען דעם בעקאנטען יודען־פרעסער, מאבנאצקי, וואס האט זיך ערלויבט אין זיין רעדע צו מאכען איבער׳ן יודישען כלל אנטיסעמיטישע בעמערקונגען פון ערגסטען מין. ווען מען איז וועגען מאטייקא׳ס ווערטער געווארען־געווארען אין ווארשא, האט דער יודישער אסימילאטאר דוד ראזענבלום (ערפעטער זיך נעטויפט) זיך געווענדעט צום קינסטלער מיט אנ׳אפענעם בריעף, אבגעדרוקט אין „קוריער צאדזיענני", אין אנ׳עהרענפולען און זעהר א פאזיטיבען טאן. „א שאנדע די — שרייבט ער — וואס האבען דיך געשטויסען דערצו, צו זאגען ווערטער, וועלכע פאסטען נישט פאר דיר, געבענדיג דערמיט די אלגעמיינע שונאים א מאטיוו צו ערנידריגען דיך אין אונזערע אויגען און אין די אויגען פון דער נאנצער

וועלט". אויף דעם בריעף האט מאטייקא נעענטפערט אין דער ווארשאווער... „ראליא" אין אנאגנעווענדליך בעליידיגענדען טאן, ארויסטרעטענדיג נעגען דער „אבשפאמענדיגער חוצפה פון די יודען („העבראיטשיקעס"), וואס בעטראכטען אונז אלס ארומגעהענדיגע מתים".

דער אפיציעלער ארגאן פון דער קאטוילישער גייסטליכקייט האט אין צוזאמענהאנג מיט'ן טיסא-עסלאר-פראצעס (וועגען ריטועלען מארד) וואגאר געפרובט צו בערעכטיגען דעם בלוט-בלבול. ער האט איינגעפונען, אז דעם מארד זענען די יודען בעגאנגען און דגם מען קאן ניט זאגען, אז דאס גאנצע יודישע פאלק זאל האלטען פון אזעלכע מנהגים, אבער עס איז מעגליך, אז צווישען יודען געפינען זיך אזעלכע, וואס געברויכען קריסטליך בלוט צו ריטועלע צוועקען.

די איינציגע ערלייכטערונג און הילענדער באלזאם אין דער צייט פון אנפאלען און בעליידיגונגען פון אלע זייטען איז פאר יודען געוועזען עליזא ארזשעשקאווא'ס ווערק „וועגען יודען און דער יודען-פראגע", וואס זי האט אנגעשריבען אין צוזאמענהאנג מיט'ן ווארשאווער פאגראם און דער שפעטערדיגער אונרוהיגער שטימונג. בעמערקענדיג, אז מען קאן איצט שוין ניט אזוי בעהאנדלען די יודען, ווי אמאל די שפאניער די מאורען, „וויל וויפיעל מאל וועלכע-עס-איז שפאניער דריקען-אונטער און פייניגען וועלכע-עס-איז מאורען, שניידען די מאורען דערפון אב שלעכט, אבער די שפאניער בעדייטענד פיעל ערגער" — רעכענט זי דערנאך אויס די מיטלען צו לעזען די יודען-פראגע, שטעהענדיג דערביי אויפ'ן שטאנדפונקט פון אסימילאציע: זי פאדערט, אז די יודען זאלען פערלאזען זייער אפגעזונדערטקייט און די אינטעליגענץ זאל ווירקען אויף די „פינסטערע מאסען". צווישען אנדערען פערלאנגט זי אויך פון די יודישע אינטעליגענטע קרייזען צו ענטזאגען זיך פון זייער נייגונג צו דייטשלאנד און איינלעבען זיך מעהר מיט דער ארטיגער קולטור.

דאס זענען געווען פאר יענער צייט זעהר שענע עצות, אבער בנוגע זייער רעאלער אויספיהרבארקייט האט די „איזראעליטא" געשטעלט די פראגע: „אבער צי מיר, די אזוי-גערופענע אינטעליגענטען, וואס בויען ניט פאר זיך קיין סוכות אין פרעמדע הויפען און פערנעהמען זיך ניט מיט קיין האנדעל, ספעקולאציעס און וואכעריי, — צי אונז וועט מען מעהר גערן, צי בעציהט מען זיך צו אונז אין דער וועלט, וואו מען פאדערט צו רעפארמירען די לעבענס-ארט פון אונזערע פאנאטישע קלאסען, מיט בעסערע געפיהלען?". אויף דערדאזיגער פראגע האט די פוילישע ווירקליכקייט געענטפערט מיט א קאטעגארישען: „ניין!"

פון פאָגראָם ביז דער רעוואָלוציע.

א.

די טרויעריגע פאָגראָם־געשעהעניש האָבען נישט געווירקט אויף די פוילישע אַנטיסעמיטען אָבצושטעלען זיך און פערטראַכטען איבער די פאָלגען פון זייער אַרבייט. נישט די יודישע קרבנות און נישט די שווער־בעשטראָפטע דירעקטע אָנטייל־נעהמער אין פאָגראָם האָבען ביי זיי קיין חרטה־געפיהלען נישט אַרויסגערופען. פערקעהרט נאָך: די אונבעשטראָפטקייט פון די אמת׳ע, גייסטיגע שולדיגע אין פאָגראָם, די פרעסע־פרייהייט און די פולשטענדיגע ששוצלאָזיגקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג האָבען פערשטאַרקט די אַפעטיטען פון די אַנטיסעמיטען און זיי בעוואויגען צו נעהמען זיך צו אַ נאָך ענערגישערער „אַרבייט“. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נאָכ׳ן פאָגראָם בעדייטענד פערשטאַרקט און אַרומגענומען ברייטערע געזעלשאַפטליכע קרייזען.

אין 1883 האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן יעלענסקי׳ס „ראָליאַ“, וועלכע איז באַלד געוואָרען דער אָרגאַן פון׳ם קעמפענדיגען אַנטיסעמיטיזם צוגלייך דערמיט אויך פון קלעריקאַליזם און רעאַקציע. יעלענסקי טיילט שוין איצט נישט איין די יודען אין נוצליכע און שעדליכע, ער פרובט שוין נישט צוציהען זיי צו פראָדוקטיווער אַרבייט, נאָר ער בעפאַלט אַלע גלייך, נישט אַרויסשטעלענדיג קיין פאָזיטיווע פאָדערונגען, נישט־ערקלערענדיג, וואָס דאַרפען די יודען אייגענטליך טהון, ווי־אַזוי לעבען און אויפפיהרען זיך, אַז ער זאָל צו זיי קיין טענות נישט האָבען. „מען דאַרף — זאָגט ער — קודם־כל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרויסוואַרפען פון געדאַנק און זכרון די אונגליקליכע פראַגע: „וואָס זאָל מען טהון מיט די יודען?“ און אָנשטאָט דעם שטעלען אַן אַנדערע: „וואָס און ווי־אַזוי זאָל מען טהון צו דער אייגענער פערטיידיגונג?“.. ווען מיר וועלען פאַר דער פערטיידיגונג טהון אַלץ, וואָס עס איז אין אונזער יכולת — און אין אונזער יכולת ליעגט קודם־כל צו כאַליאַריזירען זיך צו איין קלאָר־אַרויסגעשטעלטען ציעל — וועלען די פאַקטען אַליין טהון זייערס, זיי אַליין וועלען די פראַגע לעזען.. היילינ איז די פליכט פון זעלבסטפערטיידיגונג, וואָס בעשטעהט קודם־כל אין דער סיסטעמאַטישער איבעררייסונג פון אַלע בעציהונגען מיט׳ן עלעמענט, וואָס פערדאַרבט מאָראַליש און מאַטעריעל אונזער געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם“. איבערייגענס, איז יעלענסקי נור געוועזען אויפריכטיגער און אָפענהערציגער פון אַנדערע, ווייל די אַנדערע האָבען בלויז אין זייער צביעות געמאַכט די יודען פאַרוואורפען פאַר אויסמיידען פראָדוקטיווע אַרבייט, אָבער ווען די יודען האָבען זיך געוואָלט נעהמען צו אַזאַ אינבעדינגט פראָדוקטיווער אַרבייט, ווי לאַנדווירטשאַפט, ווענען דיזעלבינע מוסר־זאָגער בעפאַלען די יודען דערפאַר, וואָס זיי ווילען פערכאַפען אין זייערע הענד אַזעלכע בון־אייבינ־אָן פוילישע פאָזיציעס („פלאַצובקעס“), אָדער זיי האָבען פאָרויסגעזאָגט,

אז די יודען וועלען זיך מיט ערד-ארבייט כלומר'שט נישט פערנעהמען. ווען די פאריזער „אליאנס“ („כל ישראל חברים“) האט צונויפגעזאמעלט פונדושען מיט'ן צוועק צו קויפען ערד פאר די יודען אין גאליציען און בעשעפטיגען דארט יודען מיט לאנדווירטשאפט, האט זיך אין דער פוילישער פרעסע אנגעהויבען א געשריי, אז „די יודען טהוען עס נור כדי צו פירען ווייטער און שנעלער זייער אנגעהויבענע ארבייט אויסצוקויפען די פוילישע ערד פאר'ן אויסדערוועהלטען פאלק און פערוואנדלען אונזער לאנד אין אנ'אמת'ן פאלעסטינא“ („ניווא“, 1886).

ב.

אנ'אמת'ער אנטיסעמיטישער שטורם האט אויסגעבראכען אין פוילען אין 1886, ווען דער ווארשאווער בערזע-קאמיטעט האט פארגעשטעלט א מעמאריאל אין דער יודען-פראגע. אין הערבסט 1885 איז אין ווארשא בעשטימט געווארען א קאמיסיע, וואהרשיינליך מיט'ן צוועק אויסצופארשען און פעסטצושטעלען, אויב און אויף וויפיעל ס'איז ווינשענסווערט איינצופיהרען אויך אין פוילען די בעוואוסטע בעגרענצונגען, וואס זענען דעם 3-טען מאי 1882 (איגנאטיעוו'ס „צייטווייליגע געזעצען“) איינגעפיהרט געווארען אין רוסלאנד. האבענדיג מיט רעכט מורא, אז דיזאזיגע „מאי-געזעצען“ וועלען רואינירען די יודען אין פוילען, ווי דאס איז געשעהן אין רוסלאנד, האבען יאן בלאך און הענריק נאטאנזאהן, אלס די פארשטעהער פון בערזע-קאמיטעט, צוזאמענגעשטעלט אנ'אויספיהרליכע „זאפיסקע“, אין וועלכער זיי האבען אויפגעוויזען, אז די יודען זענען אין לאנד א נוצליכער עלעמענט, בעזונדערס אויפ'ן געביעט פון האנדעל און אינדוסטריע, נאכמעהר צוליעב דעם, וואס „דער איינגעבארענער ארטיגער עלעמענט“ — דאס הייסט, די פאליאקען — איז צו דיזאזיגע בעשעפטיגונגען נאך נישט ווי געהעריג פארבערייטעט. די „ניווא“ איז געגען דעם ארויסגעטראטען מיט א קאמף-ארטיקעל אונטער'ן נאמען: „נישט אהין איז דער וועג“. „דער מעמאריאל — האט זי געשריבען — דערמאהנט כמעט אויף יעדער זייט וועגען דער פולשטענדיגער אונפעהיגקייט פון דעם „איינגעבארענעם ארטיגען עלעמענט“, וואס ווערט געשטעלט אונטער'ן שאנד-סלופ פון אונטויגליכקייט, אונבעהאלפענקייט, פוילקייט, גראבקייט פון געוועהנהייטען א. א. וו. נישט איינמאל געברויכט דער מעמאריאל דעם בעגריף „יודישע בעפעלקערונג“ גלייכבעדייטענד צום בעגריף פון דער „בעפעלקערונג, וואס איז איבערגעגעבען דעם האנדעל און אינדוסטריע“... ער רעדט וועגען „איינגעבארענעם ארטיגען עלעמענט“ און וועגען „יודישען עלעמענט“, ווי ער וואלט געשטאנען אויפ'ן ראסען-שטאנדפונקט“. ווייטער מעלדעט די „ניווא“: „דאס רוב פון די פוילישע צייטונגען, אין ווארשא און אויף דער פראווינץ, האט געדרוקט וועגען דערמאהנטען דאקומענט מעהר-ווייניגער אויספיהרליכע ארטיקלען, אין וועלכע זיי זענען איינשטימיג ארויסגעטראטען געגען דעם „אנפאל פון ווינקעל, וואס איז געמאכט געווארען אויף אונזער געזעלשאפט“. צו „פערטיידיגען“ דעם מעמאריאל איז ארויסגעטראטען בלויז דער „קוריער צאדזיענני“ („קוריער ווארשאווסקי“, ווי מ'האט איהם דעמאלט גערופען, ווייל זיינע אייגענטימער

זענען געווען די אָרגעלבראַנד'ס). די צייטונג האָט געשריבן, אַז אייגענטליך איז גאָר נישט נויטיג דעם מעמאָריאַל צו פערטיידיגען, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ מיינונג פון אַן'עקספּערט פאַר'ן געריכט, אַ פערטיידיגונג פון אַן'אַדוואָקאַט פאַר די געריכטס-שטאַכעטען, אָבער בשום-אופן נישט קיין וויסענשאַפטליך ווערק, און נור אינ'ם לעצטען פאַל וואָלט ער נאַטירליך מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן'אונגעוועהנליך נישט-געלונגענע שאַפונג מיט אַ בולט'ער איינזייטיגקייט און שרייענדיגע חסרונות. נאָך ערגער האָט אויסגעזעהן דער אַרטיקעל אין „קראַי“, וועלכען מ'האָט אויך גערעכענט פאַר אַ „פערטיידיגונגס“-אַרטיקעל. די דאָזיגע צייטונג, וועלכע איז דעמאָלט בעטראַכט געוואָרען אַלס יודענפריינדליכע און האָט פערטיידיגט אין פּרינציפּ די יודישע גלייכבערעכטיגונג, האָט לטובת דעם מעמאָריאַל געבראַכט אַזאַ אַרגומענט: „זעלטען ווען עס זענען פאָרגעקומען פאַלען, אין וועלכע די פּראָבע זאָל געקרוינט-ווערען מיט ערפאָלג: אַ סעמיט, אַ געטויפטער צי נישט-געטויפטער, הערט נישט אויף צו זיין אַ סעמיט; די ראַסען-קייקעלעך ווערען נישט פונאַנדערגעלאָזען אין דעם טייג, וואָס שליינגט זיי איין: פערקעהרט, זיי הערען נישט אויף ווייטען צו ווירקען אויף דער פונאַנדערפאַלונג פון אָרגאַניזם, זיי הערען נישט אויף צו זיין פרעמדע קערפּער אין דאָזיגען אָרגאַניזם.... די אַנטיסעמיטישע בעוועגונג, וואָס איהר עקזיסטענץ-בערעכטיגונג פערשטעהען מיר פולשטענדיג, האָט אונז געבראַכט א. אַ. וו. ...די אַסימילאַציע, אָנהויבענדיג פון אויבען, האָט געמאַכט פאָרשריט, וועלכע דריקען זיך-אויס אין דער פּאָלאָניזירונג פון די יודען, פיליכט מעהר אַ לפנים'דיגע, ווי אַ ווירקליכע, פיליכט בלויז אין רעדען און אין אויסערליכער האַלטונג....“ רעדענדיג וועגען יודישען פּאָגראָם אינ'ם יאָהר 1881, דריקט זיך דער „קראַי“ אויס אַזוי: „די געשעהענישען האָבען געהאַט דעם רעזולטאַט, וואָס זיי האָבען אַריינגעבראַכט אַ געזונדע אָבקיהלונג אין די אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען, זיי האָבען פערזאָגט דער אַרישער בעפעלקערונג צו שטעהן אויף דער וואַך נישט בלויז צוליעב די מאַטעריעלע, נאָר אויך צוליעב די מאָראַלישע פאָלגען פונ'ם ברודערן-זיך, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צום פעריודישט-ווערען אין דער הינזיכט פון פערגעטערן דאָס גאָלדענע קאַלב, נישט אויסקלויבונג פון קיין טעטיגקייטס-מיטלען און יענעם מאַנגעל פון דער אידעאַליזירונגס-פעהיגקייט, וועלכע איז די אייגענשאַפט פון דער (יודישער) ראַסע“. ענדליך, רעדענדיג וועגען דער גלייכבערעכטיגונג אין פּוילען, שרייבט דער „קראַי“: „אַ פּאָליאַק פון משה'ס גלויבען — דאָס איז געוועזן אַן'אידעאַל, צו וועלכען עס האָט געשטרעבט אין 1862 דער בעסטער, אינטעליגענטערער טייל פון די יודען, אָבער דאָך איז עס געוועזען די מינדערהייט. די מעהרהייט האָט זיך דערווייטערט און דערווייטערט זיך אויך איצט פון די גוים“.

די בעציהונג פון די יודען גופא צום מעמאָריאַל איז געוועזען הויכסט-כאַראַקטעריסטיש. קודם-כל האָבען זיי אַליין איהם נישט פערעפענטליכט און דערנאָך, ווען די „ניוואַ“ האָט איהם אָבגעדרוקט אין גרעסערע אויסצוגען, האָט ער אויסגעזעהן, ווי אַ געהיימער דאָקומענט, וואָס איז דעמאַסקירט-געוואָרען דורך די פּאָליאַקען. הענריק נאַטאַנזאָהן, וואָס האָט געדאַרפט צוזאַמענשטעלען דעם מעמאָריאַל, האָט אָבגעדרוקט אין די צייטונגען אַ הכחשה, ערקלערענדיג, אַז די „ניוואַ“ האָט טענדענציעז איבערגעזעצט און פערקירצט די „זאַפּיסקע“, אָבער איהר אינהאַלט איז דאָך דורך איהם נישט

פערלייקענט-געוואָרען; די „איזראַעליטא" האָט אינגאַנצען געשוויגען, פון וואָס מען האָט געקאָנט זעהן, אַז אין די אַסימילאַטאָרישע קרייזען איז מען נישט-איבעריג געווען צופרידען פונ'ם מעטאַריאַל, צי מחמת זיין אינהאַלט בכלל, צי מצד איינצעלנע נישט-געלונגענע אויסדרוקען, צי דערפאַר, וואָס די יודען ווערען אין איהם בעהאַנדעלט נישט אַלס רעליגיע, נאָר אַלס אַ ביזונדערע נאַציע. אין זייער בעגייסטערונג האָבען די אויטאָרען פונ'ם מעטאַריאַל פערגעסען אויף אַ ווײַלע, אַז אַ פוילישער יוד טאָר זיך נישט האַלטען פאַר אַ יוד „לויט דער נאַציאָנאַליטעט", און האָבען אַרויסגעזאָגט דעם בעהאַלטענעם סוד, אַז די יודען זענען אַ פאָלק....

ג.

די נאַאיווע אַסימילאַטאָרען האָבען נישט געוואוסט דאָס איינע, אַז אויך אָהן דיעמהאָזיגען „לאַפּסוס" האָט מען שוין אין פוילען ווענינ געגלויבט אין דער אַסימילאַציע. נישט בלויז די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע, נאָר אויך די פּראָגרעסיווע האָט אָנגעהויבען הערין אַלץ מעהר צו צווייפלען און האָט כסדר געפּרענט ביי דער וואַרשאַווער „איזראַעליטא", פאַרוואָס, זייענדיג אַן אָרגאַן פון יודען-פּאָליאַקען, אינטערעסירט זי זיך תמיד מיט'ן גורל פון די פּראָנצויזישע, דייטשע און אַנדערע „גלויבענס-חברים", בעת קיין שום פּאָליאַק-קאַטאָליק האָט זיך קיינמאָל נישט געקימערט וועגען דעם גורל פון די פראַנצויזישע אָדער דייטשע קאַטאָליקען; פערקעהרט, ער האָט שטענדיג געהאַט אַ געלעגענהייט צו מאַכען זיי פאָרוואורפען, אַלס מיטגליעדער פון אַ פאָלק, וואָס איז נישט געדעכט בנוגע די פּאָליאַקען. דערהאָזיגער שטענדיגער קאָנטאַקט מיט די „גלויבענס-חברים" איז געווען נאָך אַ גרעסערער דיסאָנאַנס דורכדעם, וואָס די אַסימילאַטאָרען, וועלכע די פּאָליאַקען האָבען געקאָנט בעאָבאַכטען אין לעבען, זענען געווען כסדר בלויז מענשען יעקסט-פּראָגרעסיווע, לחלוטין גלייכגילטיגע צו רעליגיעזע פראַגען; עס איז אַלזאָ געווען קלאָר, אַז דיהאָזיגע קאָנפעסיאָנסלאָזע מענשען האָט קיין שום אַנדערע זאַך נישט געקאָנט בינדען מיט אַנדערע יודען, חוץ די געמיינזאַמע נאַציאָנאַליטעט. צוליעב דעם האָבען די פּראָגרעסיווע פּאָליאַקען, אויף וויפיעל זיי האָבען בכלל נישט פערשוויגען די יודישע פראַגע, אַרויסגעזאָגט זייער וואָרט פון אונגלויבען בנוגע דער אַסימילאַציע און האָבען אָנגעוויזען, אַז זי קאָן אפשר פאָרקומען אַזוי ווי אין יענע צייטען, ווען מ'האָט נאָך נישט געוואוסט אין פוילען פון קיין רעליגיעזער טאָלעראַנץ, ס'הייסט — דורך שמד. אין דערהאָזיגער הינזיכט איז כאַראַקטעריסטיש אַ'אַרטיקעל פונ'ם בעקאַנטען פוילישען שריפטשטעלער, אַדאָלף דיגאַשינסקי. „די יודישע פראַגע — מיינט ער — קאָן נישט אין אונזערע צייטען געלעזט ווערען אין פוילען מיט ערדע.... איינס איז זיכער, אַז עהרליכע בירגער, וואָס האָרען פאַר'ן געזעלשאַפטליכען וואוילשטאַנד, דאַרפען ערנסט טראַכטען וועגען אָפּמעקען די איינגעוואָרטעלטע שטריכען (וואָס שיידען זיי אָב פון אַנדערע). און ווייל מיר קאָנען דאָך קיין יודען נישט ווערען, דאַרפען דעריבער די יודען, לכל-הפּחות דער מאָראַליש און אינטעלעקטועל בעסערער טייל פון זיי, פערוואַנדעלט ווערען אין פּאָליאַקען. די פאָרם בעדייט דאָ אויך עטוואָס — דער קר"ץ און דאָס ענדערן זייערע פאַמיליע-נעמען וואָלט געווען

דער אָנהויב. די אַלטע רעליגיע איז פֿילייכט ווערד אַ שענע, אָבער דאָס איז אַ רעליגיע, וואָס קאָן זיך נישט צוזאַמענקלעפּען מיט דער אמת'ער, בריימער ציוויליזאַציע, און יעדער געבילדעטער יוד רעדט וועגען זיין רעליגיע גוטס העכסטענס מיט צביעות אָדער רעכענענדיג זיך מיט זייטיגע בעציהונגען. איבעריגענס, מיינען מיר נישט, אַז דאָס זאָל זיין מצד די יודען ווערד אַ גרויסער קרבן, ווייל יעדע רעליגיעזע טראַדיציע האָט אויף אַזויפֿיעל אַ בעדייטונג פֿאַר אַ מענשליכער געמיינשאַפֿט, אויף=וויפֿיעל זי איז צוזאַמענגעבונדען און צונויפֿגעקלאָכטען מיט דער טראַדיציע פֿון דער ערד, וועלכע דידאָזיגע מענשען=מאַסע בעזיצט. די יודישע רעליגיע אַלס אַזעלכע שטעהט אין וועג און בילדעט מיט זיך אַ שטערונג פֿאַר די בריימע געזעלשאַפֿטליכע אינטערעסען, די רייסט=אָב פֿון זיי איינצעלנע פּערזאָנען. בעסער וואָלט שוין דאָ געווען דער מאַנגעל פֿון רעליגיע, די קאָנפֿעסיאָנסלאָזיגקייט. די פּערזאָנען, וואָס זענען אָנהענגער פֿון צוויי פֿערשיעדענע רעליגיעס, מוזען שוין דורכדעם אַליין געפֿינען זיך מיט זיך אַליין אין אַ שטענדיגען אינערליכען קאָנפֿליקט. דאָס שיינט דאָ צו זיין זיכער, אַז די יודישע רעליגיע איז איינער פֿון די הויפּט=פּונקטען פֿונ'ם געגענזאַץ — און דעריבער, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען וועלכער=עס=איז רעפֿאָרם, מוז מען קודם=כל אַרויסגעהן פֿון דעמדאָזיגען פּונקט" („ווענדראָוויעץ", 1886).

דידאָזיגע ווערטער, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט מיטעל=אַלטערליכער רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ, דאַרפֿען אונז נישט בעזונדערס וואונדערן. אין דער אַסימילאַציע פֿון די יודישע מאַסען האָבען די פּאָליאַקען, ווי מיר זעהען, שוין שטאַרק געצווייפֿעלט, די יודישע אינטעליגענץ האָט שוין צופֿיעל אויף יעדען שריט און טריט אונטערגעשטריכען איהר קאָנפֿעסיאָנסלאָזיגקייט, און דער שמד וואָלט פֿאַר איהר געווען נישט קיין גרעסערע צביעות, ווי דאָס פֿערבלייבען אין יודענטום. נאָכמעהר צוליעב דעם, וואָס די פֿולשטענדיגע פּאָלאָניזירונג האָט אייגענטליך געדאַרפֿט פֿיהרען צום קרייז, ווייל די אונטערדריקטע פּוילישע נאַציאָנאַליטעט האָט צו יענער צייט געפֿונען איהר בעסטען און שטאַרקסטען איינדרוק אין'ם קאַטאָליציזם, אין'ם קאָשציאָל אין פּוילען. און דערצו נאָך האָבען די העכערע אַסימילירטע יודישע קרייזען אין פּוילען געפֿונען אַ צוטריט צו דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, אויסגענומען=געוואָרען אין איהר בלויז דורכ'ן איבערגעהן צום קאַטאָליציזם. אָבער אויך דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען פֿאַר נישט קיין לייכטע זאַך. פֿון דעם מאָמענט אָן, וואָס די צאָהל שמד=פֿעלען האָט זיך עטוואָס אָנגעהויבען צו פֿערגרעסערן, האָבען די פּוילישע קאָנסערוואַטיווע קרייזען, וואָס זייער איינפֿלוס אויף דער מעהרהייט פֿון פּוילישען פֿאָלק איז געווען דעצידירענד, אָנגעהויבען צו שטעלען שטערונגען די יודען אויך אויף ד ע ם וועג. וועגען דעם דערצעהלט אַ כאַראַקטעריסטישע קאָרעספּאָנדענץ אין'ם פּלומר'שט יודען=פֿריינדליכען „קראַי" פֿון וואַרשא: „פֿיעל פֿון צווישען די יודען, וואָס געהען זיך טויפֿען, ווערען בעוואויגען דערצו דורך דער איבערצייגונג פֿון חער העכערער קריסטליך=רעליגיעזער עטיק איבער דער יודישער, און גלייכצייטיג דורך זייער וואונש צו פֿערבינדען זיך דורך נאָך אַ באַנד מעהר מיט דער בעפֿעלקערונג, וואָס אַלס איהרע מיטגליעדער שפּירען זיי זיך. ווערענדיג בעוואויגען דורך דידאָזיגע צוויי מאָטיווען, האָבען אייניגע פֿון די געטויפֿטע קודם=כל געקלאַפּט אין די טהירען ביי די ק אַ ט וי לי ש ע גייסט=ליכע, אָבער זיי זענען אַזוי אָבגעשראָקען געוואָרען דורך חער אויפֿנאַהמע, דאָס זיי

האבען זיך געווענדעט צו פראטעסטאנטישע — און דא קאנען זיי גאר נישט אבריהמען די פריינדליכקייט, זיכקייט, איבערגעגעבענקייט און טאקט. זיי האבען זיך דאן געפיהרט, (ווי א געטויפטער. אליין האט דערצעהלט) לויט׳ן עוואנגעלישען כלל: „פון זייערע פרוכטען וועט איהר זיי אליין דערקענען“, און זיי זענען געבליבען מיטגליעדער פון דער פראטעסטאנטישער קירכע“ („קרא“, 1887). נישט-בעסער האט זיך געלעבט צווישען די פאליאקען יענע יודען, וועלכע עס האט זיך, נאך לאנגע יסורים, שוין איינגעגעבען אנצוקומען אין דער קאטוילישער געמיינדע. די ליידען פון די געטויפטע און זייער פאלשע לאגע מאלט אין בולט׳ע פארבען מאריאן גאוואלעוויטש אין זיין ערצעהלונג „מעכעסי“ („די געטויפטע יודען“). צום גליק, זענען די שמד-פאלען אלס קרבן דער אסימילאציאנס-אילוזיע, צוליעב פערשיעדענע סבות (נישט וועלען איבער-רייסען מיט דער יודישער פאמיליע און די שוועריגקייטען מצד די קאטוילישע גייסטליכע) נישט געווען אזעלכע אפטע; ווען נישט — וואלטען זיך די יודען געקאנט גאנץ שנעל איבערציינגען, אז אויך דער מאסען-שמד ברענגט נאך נישט מיט זיך די לעזונג פון דער יודען-פראגע אין פוילען. און די אסימילאטארען, טראץ די אונצוויי-דייטיגע קלעפ, וואס זיי האבען בעקומען סיי פון די פוילישע קאנסערוואטיווען, סיי פון די פראגרעסיסטען, האבען זיך דעריבער נאך אלץ ארומגעטראגען מיט דער פאלשער האפנונג, אז מיט-דער-צייט וועט זיי זיך דאך איינגעבען איבערצוציינגען און אויסצו-בעטלען פאר זיך דעם נאמען און די שטעלונג פון „פאליאקען פון משה׳ס גלויבען“. מיט אזעלכע איבערציינונגס-ארגומענטען און אזעלכע בקשות איז דעמאלט געווען איבערפולט די „איזראעליטא“, וואס איז אלץ מיט ווייניגער ערנסט בעהאנדעלט-געווארען דורך די פאליאקען און אויך אלץ ווייניגער געלייענט-געווארען דורך די יודען.

ד.

נאך א גרעסערער קלאפ פאר דער אסימילאציע איז געווען די „לעקציע“, וואס זיי האבען בעקומען פון א זייט, פון וועלכער זיי האבען זיך אמווייניגסטען געקאנט ריכטען דערויף. סוף 1886 האט אנגעהויבען ארויסצוגעהן אין ווארשא א פאלקס-(לודאווא-) דעמאקראטישער ארגאן „גלאס“, וואס זיין פראגראם איז, אין די לעגאלע ראהמען, געווען נאהענט צו דער בעקאנטער רוסישער פאלקסטימליכער ריכטונג („נאראד-ניטשעסטווא“), אגיטירט פאר׳ן לאזונג „געהן אין פאלק“ און בעקעמפט דעם פאלי-טישען אינדיפערענטיזם, וואס איז געפרעדיגט-געווארען דורך דער „פאזיטיוויסטישער ריכטונג“ אין ווארשא. און אט אין דער דאזיגער צייטונג האט זיך אין׳ם יאהר 1891 בעוויזען זשעמינסקי׳ס אנ׳ארטיקעל אונטער׳ן נאמען „וואס איז ישראל?“, אין וועלכען ער איז מבטל די גאנצע אידעאלאגיע פון דער אסימילאציע, אלס א זעהר שעדליכער חלום.

דער דעמאקראטישער „גלאס“ האט גלייכצייטיג געפרעדיגט אנ׳אייגענארטיגען אנטיסעמיטיזם, ווייל ער האט איהם צונויפגעבונדען מיט סאציאליזם. שטעהענדיג אויפ׳ן שטאנדפונקט פון געשיכטליכער מאטעריאליסטישער אויפפאסונג און פארויס-זאגענדיג דעם נצחון פון קאמוניזם, האט די צייטונג ערקלערט, אז ראדיקאל וועט די יודען-פראגע געלעזט ווערען נור נאכדעם, ווי עס וועלען פערווירקליכט ווערען די

קאַמיניקטישע אידעאַלען, און ווייל דערויף וועט מען דאַרפען וואַרטען „לכל-הפחות נאָך 50 יאָהר״, דעריבער דאַרף פאָרלויפיג דאָס פוילישע פאָלק אָרגאַניזירען זיין זעלבסטפערטיידיגונג געגען די יודען דורך אונטערשטיצען די אינדיווידואַליסטישע פאָרמען פון אייגענעם האַנדעל און אינדוסטריע, וואָס עס וועט גלייכצייטיג אויך מיט-העלפען דעם שנעלערען נצחון פון סאָציאַליזם. אין געגענזאַץ צו די מאַרקסיסטען פון מערב, וועלכע בעטראַכטען דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ פאַלשע, אומגעענדערטע פאָרם פון עקאָנאָמישען קאַמף, אַ פאָרם, וואָס מאַסקירט דעם קאַמף פון קליין-בירגערטום מיט׳ן קאַפּיטאַל, האַלט דער „גלאָס״, אַז אין פוילען, וואו די יודען שטעלען מיט זיך גראָד פאָר הויפטזעכליך דעם קליין-בירגערליכען קלאַס, איז די יודען-פראַגע אַמ-ווייניגסטען אַן עקאָנאָמישע פראַגע; ער גלויבט אויך נישט, אַז דער יודישער סוחר זאָל מעהר עקספּלואַטירען ווי דער פוילישער סוחר: ווייל דער האַנדעל שטיצט זיך דאָך בכלל אויף דעם, אַז מען זאָל ווי אַמביליגסטען קויפען און ווי אַמטייערסטען פערקויפען. די יודען-פראַגע איז דאָ אין פוילען אַ נאַציאָנאַלע פראַגע. די אַסימילאַציע האַלט דער „גלאָס״ נישט בלויז פאַר אונאויספיהרבאַר, נאָך אויך פאַר שעדליך. דער יוד קאָן קיינמאָל נישט ווערען אַ דייטש אָדער אַ פראַנצויז, ווייל ער וועט שטענדיג מעהר זאָרגען פאַר די אינטערעסען פון זיין שטאַם, ווי פאַר׳ן גליק פון דער אָדער יענער מלוכה, בעזונדערס נאָך, ווייל די יודען זענען געניינט צו „וואָלענראַדיזם״ (פעררעט). די יודען בעזיצען בולט׳ע אייגענשאַפטען פון אַ בעזונדער פאָלק, און דעריבער מעגען זיי שטעלען פאָדערונגען וועגען נאַציאָנאַלע רעכט, אָבער דורך דער פערווירקליכונג פון די נאַציאָנאַלע רעכט דאָ אויפ׳ן אָרט וואָלט ענטשטאַנען אַ צו-שאַרפער קאָנפליקט צווישען זיי מיט די פאָליאַקען. און דעריבער מוז איין פאָלק פון די, ביזהע פון-דאַנען עמיגרירען, און עס איז דאָך קלאָר, אַז דאָס דאַרפען טהון די יודען, און נישט דער-פאַר, ווייל די פאָליאַקען בעזיצען דאָ עפּיס מעהר היסטאָרישע רעכט (אין וועלכע דער „גלאָס״ גלויבט נישט), נאָר קודם-כל דערפאַר, ווייל עס איז דאָך לייכטער אויס-צוואַנדערן 3 מיליאָן, ווי 6 מיליאָן (?), און אויך דערפאַר, ווייל די פאָליאַקען זענען דאָ אַ פאָלק, וואָס איז אַלענפאַלס מעהר צוגעוואַקסען מיט׳ן לאַנד. אַרויסצופיהרען פון דאַנען 2 מיליאָן יודען און איינצואָרדנען זיי ערגיץ-אַנדערש בעטראַכט דער „גלאָס״ פאַר דורכאוים נישט אַזאַ שווערע זאַך, און ער פאָדערט-אויף דעריבער די יודישע נבירים צו „שאַפען פאַר יודען אַ גרויסע פּאָפּולערע ליטעראַטור אויף אַלע געביעטען פון קונסט און וויסענשאַפט״, אין דער העברעאישער שפּראַך אָדער אין יודיש („זשאַרגאָן״), פון וואָס די יודישע פאַנקירען וועלען זאָגאַר מאַכען אַ גוט געשעפט, און דאָס וועט פאַרברייטען די יודישע מאַכונג צו פּראָדוקטיווער אַרבייט און פער-לייכטערן די אויסוואַנדערונג. אָבער ביי אַלעם דעם האַלט דער „גלאָס״ דאָך, אַז איינצעלנע יודען קאָנען זיך אַסימילירען. ווי עס ווייזט אָפּער אויס, איז דאָס נור טעאָרעטיש געזאָגט, ווייל רעדענדיג ביי אַ געוויסער געלעגענהייט וועגען די פּראָ-קיסטען, בעמערקט דער „גלאָס״, אַז „כאָטש זיי האָבען אָנגענומען דאָס קריסטענטום מיט אַ האַנדערט יאָהר צוריק פון איצטיגען יאָהרהונדערט, זענען זיי אָבער פערבליבען אין אַנ׳ענגען צוזאַמענבונד מיט יודען״. בכלל אין פּראַקטיק אַגיטירט דער „גלאָס״ פאַר נאַציאָנאַ-ליזירען חעם האַנדעל און שעמט זיך נישט אָפּט צו בענוצען זיך מיט אַנטיסעמיטישע אַרגומענטען אין סטיל פון „ראָליאַ״, הויפטזעכליך אין זיין פּאָלעמיק מיט דער

„איזראַעליטאַ", וועלכע ער רופט וויציג אַן „דער קאָנפעסיאָנעלער אָרגאַן פון אונזערע קאָנפעסיאָנאַלאָוע" (1891).

די שטעלונג פון „גלאָס" האָט אויפגערעגט די „איזראַעליטאַ", וועלכע, אָבּ־שטעלענדיג זיך אויפ'ן עמיגראַציאָנס־פּראָיעקט אַלס אַ לעזונג פון דער יודען־פראַגע, שרייבּט: „וואָס גיט עס וועמען־ס'איז אַ רעכט אַרויסצוטרעטען מיט גלות־פּאָסטולאַטען בנוגע צו אַ טייל פון לאַנדס־איינוואוינער, וואָס כאָטש זיי שטעלען מיט זיך פאָר אין צאָהל אַ מינדערהייט און שיידען־זיך־אונטער מיט זייער גלויבען און אַרט לעבען פון די איבעריגע, אָבער דאָך בּעשטעהען זיי פון מענשען, וואָס האָבען נישט קיין קלענערע רעכט צו קוקען אויף זיך אַלס אויף שטענדיגע, פון־דורות־לאַנג איינוואוינער פון דעם לאַנד".

ד.

נאָך פיעל פרוהער, נעמליך: אין'ם יאָהר 1880, האָבען די אַסימילאַטאָרען בּעקומען אַנ'אונגעריכטען קלאַפּ גאָר פון אַנ'אַנדער זייט. דער בּעקאַנטער פּוילישער פּראָגרעסיווער פּובּליציסט אַלעקסאַנדער טשווענטאָכאָווסקי האָט, אין זיין אויפריכטיגקייט, דערפיהרט דעם פון אַלעמען אָנערקענטען געדאַנק בּיז זיין לאָגישער קאָנסעקווענץ. וויל נאָר אָפען אָדער מיט אַ האַלבּ מויל האָבען שוין אַלע אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז יודען שטעלען מיט זיך נישט פאָר בּלויז אַ רעליגיעזע גרופּע, נאָר אַ נאַציאָנאַליטעט. האָט טשווענטאָכאָווסקי דערפון געמאַכט דעם געהעריגען בּעשלוס, אַז מ'דאַרף זיי אָנערקענען נאַציאָנאַלע רעכט טאַקי דאָ אין פּוילען. אין זיין בּראָשור אונטער'ן נאָמען „אַ שטודיום וועגען יודען" לייענען מיר: „ווערט דען אונזער אויפפיהרונג בּנוגע צו יודען דיקטירט דורך פריינדליכער גערעכטיגקייט, קאָן די רעדען פיהרען צו דער צונויפשמעלצונג פון די בּיידע פעלקער? איך גלויבּ נישט, אַז מיר זאָלען קאָנען ערוואַרטען אַזאַ ערהליכען אויסגאַנג: די דורך דורות־לאַנג פערוויזענע לעבענס־קראַפט פון פאָלק ישראל ערלויבּט נישט צו גלויבּען אין דער פעראייניגונג פון די יודען מיט די פעלקער, צווישען וועלכע זיי וואוינען. אין אונזער דור אַפילו, וועלכער רופט זיך אין זיין אונבּערעכטיגטער בּערידומעריי די עפּאָכע פון קראַפט, שטאָהל און רעאַלער פּאָליטיק, איז אַנ'אמת'ע טרייכט צו זעהן אַ פאָלק, וואָס שטעלט שוין אַ פאָר טויזענד יאָהר אַ ווידערשטאַנד דער קראַפט, שטאָהל און רעאַלער פּאָליטיק".

ווייטער ווייזט־אויף דער אויטאָר, אַז אַ צוזאַמענשמעלצונג פון יודען מיט פּאָליאַקען וואָלט נישט געוועזען נוצליך פאַר בּיידע צדדים, ווייל פון דעם געמיש וואָלט ענטשטעהן אַ ניי פאָלק, וואָס בּעזיצט נישט די מעלות, נאָר די חסרונות פון בּיידע. אָנשטאָט דעם האָט יעדעס פאָלק זיין היסטאָרישע אויפגאַבּע און דעריבּער דאַרף מען נישט פאָדערן, אַז דאָס פאָלק ישראל זאָל איבּערייסען זיין עקזיסטענץ. אויבּ אַ פריינדליכע און גערעכטע בּעציהונג צו יודען איז נישט אימשטאַנד צו בּרענגען צו זייער דענאַציאָנאַליזאַציע, זעהט נישט דער אויטאָר קיין סיבּה דערצו, פאַרוואָס זאָלען מענשען פון פערשידענעם גלויבּען און פערשידענער אָבּשטאַמונג נישט קאָנען לעבּען צווישען זיך אין פריינדליכע בּעציהונגען נישט בּלויז אויפ'ן גרונד פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ, נאָר אויך פון נאַציאָנאַלער, ווי מיר זעהען עס אין דער שווייץ, וואו דריי בּעזונדערע

נאציעס, דייטשען, פראנצויזען און איטאליענער, שאפען אן אינהייטליכע מלוכה.

עס איז זיך לייכט פארצושטעלען, וואס פאר א שטורם אזעלכע ווערטער האבען ארויסגערופען אין אסימילאטארישען לאגער. די „איזראעליטא" האט זיך נאר נישט געקאנט בערוהיגען פון איבערענונג, ווייל אזעלכע מיינונגען האטען אומגעווארפען די גאנצע טעאריע פון דער אסימילאציע נישט בלויז אין די אויגען פון די פאליאקען, וועלכע האבען שוין אהן דעם אויך נישט־איבעריג שטארק געגלויבט אין איהר, נאר אויך אין די אויגען פון די יודען גופא. די עמפפינדליכקייט פון די אסימילאטארען ביים דערמאהנען די יודישע אייגענארט איז דעמאלט געוועזען אזוי גרויס, אז ווען קלעמענס יונאשא האט איבערגעזעצט די „קליאטשע" פון מענדעלי מוכר־ספרים, איז די „איזראעליטא" אויך דערפון נישט געוועזען צופרידען צוליעב דעם, וואס עס האט דאך צו נישט געמאכט די בעהויפטונג פון דער יודישער אסימילירטער אינטעליגענץ, אז יודיש איז עפיס א „זשארגאן", אויף וועלכען מען קאן קיין ליטערארישע ווערק נאר נישט אנשרייבען.

ו.

אין די יודישע מאסען, ס'הייסט די גרעסטע מעהרהייט פון פוילישען יודענטום, און די קלענערע גרופען פון די רייכע און אינטעליגענטען, איז אין פוילען געוועזען נאך א קאטעגאריע יודען, וואס האט בעוויזען א ווידערשטאנד דער אסימילאציע: די אזוי־גערופענע „ליטוואקעס". שוין פון־לאנג האבען די יודען פון רוסלאנד אנגעהויבען איינצוואנדערן קיין פוילען. פאר ניקאלאי'ס צייטען זענען אהער אנגעקומען נור איינצעלנע פערזאנען צו האנדעלס־ציעלען אדער כדי אויסצווייכען פונ'ם זעהר שווער'ן מיליטער־דינסט אין רוסלאנד, וואס איז אין פוילען לכתחילה געוועזען לחלוטין נישט־פערפליכטענד און דערנאך — לייכטער ווי אין רוסלאנד. אבער דאס זענען בלויז געוועזען איינצעלנע פערזאנען, וואס האבען זיך אהער „דורכגעשווארצט". די איינוואנדערונגס־פרייהייט קיין פוילען האבען די רוסישע יודען ערשט בעקומען נאך דער ווייטערער אנטוויקלונג פון עמאנציפאציאנס־איכאז אין ערשט דעמאלט האבען זיי אנגעהויבען צו קומען אהער אין א גרעסערער צאהל. אבער די מאסען־איינוואנדערונג פון די „ליטוואקעס" קיין פוילען האט זיך ערשט ווירקליך אנגעהויבען אנפאנגס די אכציגער יאהרען צוליעב די רעפרעסיעס אין רוסלאנד. אין עקאנאמישער הינזיכט האבען די רוסישע יודען געשפיעלט אין פוילען א זעהר וויכטיגע פאזיטיווע ראליע, ווייל זיי האבען עס געשאפען די האנדעלס־בעציהונגען צווישען פוילען און רוסלאנד, זיי האבען אנטוויקעלט די אינדוסטריע און עקספארט־האנדעל. דאס איז פאר'ן לאנד און זיין אנטוויקלונג געוועזען אן אומגעהייער־גרויסע וואוילטהאט, דער איינציגער אויסגאנג פון דער שווערער לאגע, אין דער צייט, ווען צוליעב דער „פויערן־פאליטיק" פון דער רעגירונג איז די שליאכטע געווארען רואינירט, און ווען צוליעב דער אלגעמיינער פאליטיק זענען די פאליאקען ווי די יודען בעזייטיגט געווארען פון אלע עפענטליכע אמטען און אלע לאנדס־איינוואוינער זענען געווארען געצוואונגען צו ציהען זייער ערנעהרונג בלויז פון האנדעל און אינדוסטריע. אבער אין פוילען — ווי, איבעריגענס, אין א געוויסער מאס אויך אין יעדען אנדערן לאנד בנוגע צו די איינגעוואנדערטע —

האט מען נישט געקאנט און נישט געוואלט פערשטעהן די נוצען, וואס עס ברענגט דעם לאנד דער „פרעמדער" עלעמענט: אין די רוסישע יודען האט די „איינגעבארענע בעפעלקערונג" געזעהן נור אויזבאמארען, וואס פערכאפען אין זייערע הענד אלע פרנסות און בעשעפטיגונגען אין לאנד, וועלכע געהערען בלויז די פאליאקען. מען האט פערגעסען אן דעם, אז אהן די פרעמדע האבען אזעלכע פרנסות און בעשעפטיגונגען, ביי וועלכע עס פערדינען גאנץ גוט אויך די היימישע, דא לגמרי נישט עקזיסטירט; מען האט אויך נישט בענומען אין בעטראכט, אז דער, וואס פערנעהמט זיך מיט'ן עקספארט פון סחורות, פערדינט פון דער פרעמד, און נישט פון לאנד. די אידעאלאגען פון שאוויניזם שטעלען שטענדיג פאר א פרעמדען אלס אן'עקספלואטאטאר, וועלכער — ווי זיי דריקען זיך אויס אין פוילען — „עסענדיג פויליש ברויט, פערהאסט גלייכצייטיג אונזער פאלק". דאס איז דער יסוד, דער גרונד-געדאנק פון די אנטיסעמיטישע און אנטי-ליטוואקישע שטרעמונגען אין לאנד. די בעוועגונג געגען די ליטוואקעס-יודען איז אויך דעריבער געווען נאך שטארקער, וואס אונטער איהר מאסקע האט מען געקאנט אויסדריקען די שנאה צו די יודען בכלל, דאס, וואס מען האט עפענטליך נישט געקאנט טהון. און הגם די ליטווישע יודען האבען זיך מיט-דער-צייט איינגעלעבט אין לאנד, נישט-ווייניגער פון די פוילישע יודען, און האבען פון זיך ארויסגעגעבען נישט קיין קלענערען פראצענט אסימילאטארען ווי יענע 1) און בכלל שיידען זיי זיך העכסטענס אין צווייטען דור שוין מיט גארנישט אונטער פון די פוילישע יודען, — פונדעסטוועגען אבער, וויל אין לאנד זענען אלץ מעהר אנגעקומען נייע „ליטוואקעס", וואס האבען גערעדט אויף א נוסח אדער צעבראכענעם רוסיש, איז צו די אלע פארוואורפען פון עקאנאמישען כאראקטער, וועלכע זענען געמאכט געווארען די יודען אין פוילען בכלל און די „ליטוואקעס" בפרט, צוגעקומען נאך א נייער, שווערער פארוואורף פון „רוסיפיצירונג". אין דער בעשפראכענער עפאכע בעוויזט זיך די שנאה צו די ליטוואקעס פארלויפיג בלויז אין פריוואטען לעבען, אבער אין דער פרעסע, וואהרשיינליך אונטער'ן דרוק פון דער רוסישער צענזור, איז זי נאך נישט געווען צו בעמערקען.

ז.

אלענפאלס איז צו די אלע ארגומענטען פון די אנטיסעמיטען, וואס האבען געפרעדיגט די פערטיידיגונג פון די פוילישע אינטערעסען, פאר די יודען, צוגעקומען נאך איינער: די אונבעדינגטע נויטווענדיגקייט צו פערטיידיגען זיך פאר יודען אלס א דענאציאנאליזירענדען עלעמענט, וועלכער העלפט-מיט דער רעגירונג צו רוסיפיצירען דאס לאנד. די אנטיסעמיטישע אגיטאטארען איז שווער געווען דורכצופיהרען א גרענעץ צווישען רוסישע און פוילישע יודען, דאס איז, נאטירליך, אויך נישט געווען אין זייערע אינטערעסען, און דער המון אליין איז אויך נישט געווען אימ-

---

1) אלס „ליטוואק", למשל, איז גערעכענט געווארען איינער פון די הויפט-ווילען פון דער אסימילאציע, דער רעדאקטאר פון „איזראעליטא", שמואל פעלטין (געב. אין מאריאמפאל, סובאלקער גוב.). מ'דערצעהלט, אז זיין שוויגער-פאטער ש. גלאטשטערן פלעגט איהם רופען „מיין ליטוואק".

שטאַנד צו מאַכען אַנ'אונטערשיעד צווישען די אין יענע יודען, און אויף אַזאַ אופן איז דער פערפאָלגונגס-לאָזונג ממילא געווען געווענדעט געגען גאַנצען יודישען כלל אָהן אונטערשיעד. יודען האָט מען אָנגעהויבען באָיקאָטירען אין עפענטליכען לעבען, אין געזעלשאַפטליכען און עקאָנאָמישען. אין געזעלשאַפטליכען לעבען האָט מען אויסגעמיטען יעדען קאָנטאַקט מיט יודען, אין פערשידענע עפענטליכע אָרגאַניזאַציעס האָט מען זיך אָבגעהיט צוצולאָזען יודען צו אַנ'אָנפיהרענדיגער ראָליע אָדער מען האָט זיי פערבאַלאָטירט אַלס קאַנדידאַטען פאַר מיטגליעדער, מיט-דער-צייט זענען געשאַפען געוואָרען אַליין מעהר אינסטיטוציעס, וואָס לויט זייערע סטאַטוטען נעהמען זיי נישט אָן קיין יודען אַלס מיטגליעדער; דער לאָזונג „קויפט נישט ביי יודען" האָט געפונען אַליין מעהר אָנהענגער. ווען עס איז געשאַפען געוואָרען אַנ'אינסטיטוציע, וועלכע האָט עפענטליך צו זיך יודען נישט אַריינגעלאָזט, האָט, אמת, די פּראָגרעסיווע פרעסע געגען דעם פּראָטעסטירט, אָבער זי האָט עס געטהון בלויז צוליעב'ן פּרינציפּ, מיט אַ האַלב מויל, — ווייל מיט אַ טאָג שפּעטער האָט זיך די פּרעסע פּעראינטערעסירט מיט דערדאָזיגער אינסטיטוציע נישט-ווענינער, ווי מיט אַנדערע, און דורכדעם פּאַקטיש זי אַקצעפּטירט און אָנערקענט איהר עקזיסטענץ-בערעכטיגונג. אָפטער אָבער זענען יודען באָיקאָטירט געוואָרען אין דער שטיל, ביי אַ געהיימער אָבשטימונג, וואָס פאַר זיי איז עס געוואָרען נאָך שמערצליכער, ווייל ווען זיי וואָלטען געגאַנגען שאַפען נעבען דער פּוילישער אינסטיטוציע, וועלכע באָיקאָטירט זיי דאָך פּאַקטיש, אַנ'ענליכע יודישע אינסטיטוציע, וואָלטען זיי געמוזט אויסהערען אויף זייער אַדרעס די בעשולדיגונג אין סעפּאַראַטיזם. איבעריגענס, איז צו יענער צייט נישט אַזוי לייכט געווען צו בעקומען אַנ'ערלויבניש אויף אַ געזעלשאַפטליכער אינסטיטוציע, בעזונדערס נאָך פאַר יודען, און נאָכמעהר, ווען אַנ'ענליכע אינסטיטוציע האָט שוין עקזיסטירט, וואָס איהרע סטאַטוטען ענטהאַלטען נישט אָפיציעל קיין בעגרענצונגען פאַר יודען. איינצעלנע פון דער יודישער אינטעליגענץ האָט זיך ווי-עס-איז איינגעגעבען אויף אַ חעניג ערווידריגען אופן „דורכצושטופּען זיך" אין אַ וועלכער-עס-איז אינסטיטוציע, אָבער די יודישע אינטעליגענץ בכלל איז געבליבען נישט-אָרגאַניזירט, צעוואָרפען און ממילא שוין אונפעהיג צו וועלכער-עס-איז טהאַט.

ח.

אויסער דער לעגאַלער, אָפענער פּרעסע, האָט אויף דער געזעלשאַפטליכער מיינונג אין פּוילען געהאַט אַ געוויסען איינפלוס אויך די אונלעגאַלע, געהיימע ליטעראַטור. נאָך אַ לאַנגער הפסקה, וועלכע האָט געדויערט פון 1863 אָן, האָט זיך אין די 90-ער יאָהרען אין פּוילען אָנגעהויבען צו בעמערקען אַ פּאָליטישע בעוועגונג. די אונלעגאַלע טעטיגקייט פון דער פּוילישער אינטעליגענץ איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: אין נאַציאָנאַלער און סאָציאַליסטישער. אין 1887 איז געגרינדעט געוואָרען די „פּוילישע ליגע" (Liga Polska), וועלכע איז מיט-דער-צייט (1897) פערוואַנדעלט געוואָרען אין דער נאַראָדאָווא-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. צום אָנהויב געווען פּראָגרעסיוו און זאָגאַר מיט אַ סאָציאַליסטישער פאַרבונג, הויבט זי אָן באַלד צו פערשפּרייטען דעם נאַציאָנאַלען עגאָאיזם, וואָס געהט אָפּט אַריבער אין שאָוויניזם און אונ-

טאָלעראַנץ. די ליגיסטען פערשפּרייטען צווישען די פּוילישע מאַסען ווייערע אויסגאַבען (ווי דעם „פּאָליאַק" און אַנד.), וואָס זענען דורכגעזאַפּט מיט קלעריקאַליזם און שנאה נישט בלויז צו די רוסען און דייטשען (אַלס צו עראָבערער), נאָר אויך צו ריטענער, ליטווינער, און קודם-כל צו יודען. צום אָנהויב פּרובט די „ליגע" געבען דעם אַנטיסעמיטיזם „קולטורעלע" פאָרמען, נישט-פאָהערנדיג פון דער רעגירונג קיין רעכטליכע בעגרענצונגען פאַר יודען, וואָס עס וואָלט אייגענטליך גאָר נישט געווען מעגליך פאַר דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט אַ קאַמף מיט דערזעלביגער רעגירונג; די נאָכפאָלגערין פון דער „ליגע", די נאַראָדאָווא-דעמאָקראַטיע, האָט גאָר אין פּרינציפּ אָנערקענט די רעכט פון יודען צו פאָלאָניזירען זיך. זי האָט אייגעטיילט די יודען אין צוויי לאַגערן: דער ערשטער לאַגער, וואָס שמעלצט-זיך-צוזאַמען מיט'ן פאָלק, האָט דיזעלבע רעכט, וואָס דאָס פּוילישע פאָלק; דעם צווייטען, וואָס אָנערקענט נישט זיין אָנגעהעריגקייט צום פּוילישען פאָלק, קאָנען די פּאָליאַקען בעטראַכטען בלויז אַלס פרעמדע. אָבער דאָס איז נור געווען אין דער טעאָריע, אין דער פּראַקטיק האָט די ענדעקישע („נ. ד." נאַראָדאָווא-דעמאָקראַטישע) פּרעסע געפּרעדיגט דעם אַנטיסעמיטיזם אין זיינע העסליכע פאָרמען. ראָמאַן דמאָווסקי, וואָס האָט אין דער ענטוויקלונג פון דער נאַראָדאָווא-דעמאָקראַטיע געשפּיעלט אַ בעזונדערס וויכטיגע ראָליע און אין זיין ווערק „געדאַנקען פון אַ מאָדערנעם פּאָליאַק" האָט ער אויסגעטיילט דאָס פּוילישע יודענטום פון פּוילישען פאָלק אַלס אַ פרעמדען עלעמענט, ערקלערט דעם איינפלוס פון די יודען אויף דער פּוילישער געזעלשאַפטליכער מיינונג דורך דער ריקזיכטסלאָזיגקייט פון יודישען כאַראַקטער. אין דער מעגליכקייט פון דער אַסימילאַציע גלויבט ער נישט. „זיי (די יודען) — שרייבט ער — בעזיצען אַ צו-בולט'ע, צו-אויסקריסטאַליזירטע אינדיווידואַליטעט, געשאַפען דורך צעהנדליגער דורות ציוויליזירטען לעבען, אַז זיי זאָלען זיך לאָזען אין אַ גרעסערער צאָהל פערשמעלצען דורך אַזאַ יונג פאָלק, ווי אונזער, וואָס פאָרמירט ערשט זיין כאַראַקטער; גיכער וואָלטען זיי זיין פעהיג די מעהרהייט (פון אונזער פאָלק) גייסטיג, און טיילווייז אויך פיזיש, צו אַסימילירען מיט זיך". אַביציעל האָט די פּאַרטיי פאָרמולירט איהר בעציהונג צו יודען אין די ווערטער: „דעם יודישען עלעמענט, וואָס האָט נישט קיין אייגענע טעריטאָריע, נאָר וואוינט אין אַ גרעסערען אָדער קלענערען פּראָצענט-טייל צווישען דעם פּוילישען, אויפ'ן גאַנצען שטח פון לאַנד, אָנערקענט נישט די פּאַרטיי פאַר אַ פּאָליטישע נאַציאָנאַליטעט, איז נעגען אַלע זיינע פּאָליטיש-אָרגאַניזאַציאָנס-שטרעבונגען און לויט איהם איבער די אויסנאַהל אונטערצוגעבען זיך אָדער נישט דער קולטורעלער אַסימילאַציע, פאָדערט אונבעדינגטע אָבהענגיגקייט פון די פּוילישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען". נעהמענדיג אין בעטראַכט די פערשיעדענאַרטיגקייט פון די עלעמענטען, וועלכע שטעלען מיט זיך צוזאַמען דאָס יודענטום, און זייער פערשיעדענע בעציהונג צו די פּוילישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, טיילט דאָס ענדעקישע פּראָגראַם דאָס יודענטום אין דריי קאַטעגאָריעס, און יעדע פון זיי ווערט בעהאַנדעלט בעזונדער, ענטשפּרעכענד צו איהר בעציהונג צו פּוילען: 1) די שעדליכע פאַר'ן פּוילענטום יודען זענען די, וואָס שטיצען-אונטער אַ פרעמדע שפּראַך, אַ פרעמדע קולטור אָדער די „פיינדליכע אונז עלעמענטען"; אַזעלכע יודען ערקלערט די פּאַרטיי אַנ'ערביטערטען, אומ'ברחמנות'דיגען קאַמף, און פאָדערט אַרויסצושטויסען זיי פון די אַלע געזעלשאַפטליכע און עקאָנאָמישע

פּאָזיציעס, װאָס זײ פֿערנעהמען; 2) נײטראַלע יודען — צו זײ בעציהט זיך די פּאַרטײ מיט סבלנות, פֿאָדערנדיג נור, אַז א) עס זאָל אונטערגעבראַכט װערען דער אוננאָרמאַלער צושטאַנד פֿון דער יודישער הערשאַפֿט אין געװיסע עקאָנאָמישע געביעטען און ב) מען זאָל בעזײטיגען דעם שעדליכען יודישען אײנפֿלוס דאָרט, װאו ער איז בעדײַטענד. 3) ענדליך זענען פֿאַראַן יודען — זײער צאָהל איז גאַנץ װעניג — װעלכע זענען פֿאָלשטענדיג גרײט אונטערצושטיצען די אונטערנעהמונגען און די טעטיגקײט פֿון דער פּאַרטײ אומעטום, אפילו דאָרט, װאו עס האַנדעלט זיך װעגען בעגרענצען די געזעלשאַפֿטליכע ראָליע פֿון יודענטום; אַזעלכע יודען קאָנען אָהן קײן אָפּהאַלט און בעגרענצונג אַרײַנגערעכענט װערען אין פּױלישען כלל און בעטראַכט װערען אַלס עדינליכע צו די פּאָליאַקען, לויט זײערע רעכט און פֿליכט. עס איז זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז אונטער דעהדאָזיגער מטושטש'דיגער פֿראַזעאָלאָגיע שטעקט בעהאַלטען אַ גאַנץ קלאָר אַנטיסעמיטיש פּראָגראַם, װײַל פּראַקטיש האָט מען קײנעם נישט געמײנט צו פֿערעכענען צום קלײנעם הײפֿעל פֿון דער דריטער קאַטעגאָריע, פֿאַר װעלכער די פּאַרטײ אָנערקענט דאָס רעכט צו פֿיהרען צוגלײַך מיט איהר דעם קאַמף געגען יודען, נאָר אַלע זענען גיכער אָנערקענט געװאָרען אַלס אָנגעהעריגע צו דער ערשטער קאַטעגאָריע, מיט װעלכער יעדער פּאָליאַק איז מחויב צו פֿיהרען דעם אוב־ברחמנות'דיגען קאַמף. אויף אַזאַ אופֿן איז צום ערשטען מאָל געשאַפֿען געװאָרען אין פּױלען אַן אָרגאַניזירטע פּאַרטײ, װאָס האָט אָפֿיציעל אַרײַנגענומען אין איהר פּראָגראַם דעם פּונקט צו פֿיהרען אַ קאַמף מיט יודען, אַ פּאַרטײ, װעלכע האָט מיט־דער־צײַט דערגרײכט אַ געװאַלטיגע מאַכט און אײנפֿלוס.

דערװײַל אָבער האָבען דעם שטאַרקסטען אײנפֿלוס אין לאַנד געהאַט די אָנהענגער פֿון יעלענסקי'ן, דעם רעדאַקטאָר פֿון „ראָליא", װעלכער האָט לעצטענס שױן אױפֿגעהערט צו טײלען יודען אויף גרופּעס און זײַן האַס צו אַלע יודען אָהן אױסנאַהם האָט דערגרײכט דעם קולמינאַציאָנס־פּונקט. דערדאָזיגער האַס האָט נישט געשױנט זאָגאַר די אַסימילירטע יודישע אינטעליגענץ, װעלכער מען האָט בעזונדערס פֿאָרגעװאָרפֿען איהר „קאָנפֿעסיאָנסלאָזיגקײט", װאָס דינט אַלס שלעכטער בײשפּיעל פֿאַר פּאָליאַקען און גראָבט־אונטער „די יסודות פֿון פּױליש־קאַטױלישען לעבען". באָיקאָט אויפ'ן עקאָנאָמישען געביעט, אין'ם געזעלשאַפֿטליכען לעבען, אָפּהיטען אַלע־דאָס פּױלישע פֿון בעריהרונג מיט יודען — דאָס זענען געװאָרען די יסודות פֿון אַ פּראָגראַם, אַנשטאָט די פֿריהערדיגע פּראָיעקטען װעגען געמײנזאַמער ערציהונג פֿון פּאָליאַקען און יודען, װעגען פּערשפּרײטען צװישען יודען בילדונג און פּראָדוקטיװע בעשעפֿטיגונג מיט'ן צװעק מעגליך צו מאַכען אַ קולטורעלע דערנעהנטערונג צװישען אַלע טײלען פֿון דער בעפֿעלקערונג.

די אײנציגע פּאָליטישע ריכטונג, װעלכע האָט אונבעדינגט אָנערקענט פֿאַר יודען די פֿאָלשטענדיגע גלײַכבערעכטיגונג, איז פֿערבליבען נור דער סאָציאַליזם, װעלכער איז ענטשטאַנען אין פּױלען אין די 80־ער יאָהרען און האָט ערב דער רוסישער רעװאָלוציע בעקומען אַ געװיסען אײנפֿלוס; אָבער דערבײַ שטעהען אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען — דער „פּראָלעטאַריאַט", „פּױלישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײ" („פּ. פּ. ס.") און די „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿון קעניגרײַך פּױלען און ליטא" („ס. ד. פּ. ל.") אויפ'ן שטאַנדפּונקט פֿון דער אַסימילאַציע. נישט־אָבליקענענדיג די אַלע

פערדינסטען פון דיזאזיגע פארטייען אין דער ענטוויקלונג פונ'ם קלאסען-בעוואוסטזיין צווישען די ארבייטער, אין דער פערשפרייטונג פון בילדונג צווישען זיי און אין קאמף מיט'ן קלעריקאליזם און פאראורטיילען — איז אין דער יודען-פראגע זייער איינפלוס נישט געווען בעדייטענד. די בעציהונג פון דער מעהרהייט פאליאקען צו דער יודען-פראגע איז געווען בעאיינפלוסט פון דער שטעלונג פון די בעזיצענדע קלאסען, און דא האט גראד געהערשט דער אנטיסעמיטיזם, דער עקסטרעמער אדער עטוואס געמעסיגטער. אבער דער פאקט אליין, אז עס עקזיסטירען פארטייען, וואס לויט זייער וועלט-אנשויאונג דארפען זיי בעקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם, האט צוגעצויגען צו זיי א בעדייטענדע צאהל יודען. דערמיט ערקלערט זיך אויך די ערשיינונג, ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען, וואס אלס סאציאליסטישע טהוער אין פוילען בעמערקען מיר גאנץ אפט יודען זאגאר פון אלע קלאסען, וואס דער סאציאליזם בעקעמפט זיי לויט זיין פראגראם.

ט.

די אויבען-געשילדערטע שטימונג אין פוילען האט געמוזט האבען איהר ווירקונג אויף דער שטעלונג, וואס די פוילישע געזעלשאפטליכע מיינונג האט פערנומען בנוגע צו די נאציאנאלע שטרעמונגען, וואס האבען ביסלעכווייז ארומגענומען דאס פוילישע יודענטום. אויף דער „חבת-ציון", די פאלעסטינישע בעוועגונג, וואס האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען פון אנהויב 80-ער יאהרען און האט צווישען די יודען אין פוילען געפונען פערהעלטניסמעסיג נישט קיין סך אנהענגער, האט די פוילישע פרעסע כמעט גאר נישט רעאגירט. מיט דער יודישער נאציאנאלער בעוועגונג האבען זיך די פאליאקען פעראינטערעסירט ערשט פון אנהויב פאליטישען, הערצלישען ציוניזם (1895), אדער — גענויער געזאגט — ערשט נאכ'ן אלרוסישען ציוניסטישען צוזאמענפאהר אין מינסק (1902). דערהערענדיג וועגען אזא בעוועגונג, האבען זיך די פוילישע אנטיסעמיטען לכתחלה דערפרייט און זאגאר די בעוועגונג געריהמט: זיי האבען געחלומ'ט וועגען א פערווירקליכונג דורכ'ן ציוניזם פון זייער אלטען טרוים — די יודישע אויסוואנדערונג פון פוילען. פריהער האט מען אליין געטראכט, וואוהין אייגענטליך זאל מען די פערהאסטע יודען ארויסשיקען פון פוילען, און איצט האבען זיי בעקומען אן ענטפער: קיין פאלעסטינא! אבער עטוואס שפעטער האבען די אנטיסעמיטען געענדערט זייער טאקטיק, ערקלערענדיג, אז די יודען מיינען גאר נישט אויסצוואנדערן פון פוילען, און דער ציוניזם איז עפעס א נייע יודישע ערפינדונג — גאט וויס, צו וועלכע געפעהרליכע ציעלען.

די פראגרעסיסטען, וואס האבען זיך מעהרסטענטיילס שוין פון א לענגערער צייט בעצויגען גאנץ גלייכגילטיג צו דער יודען-פראגע, האבען גאר נישט בעמערקט דעם ענטוויקלונגס-גאנג פון דער יודישער געזעלשאפט פון יענעם מאמענט, זינט מ'האט אויפגעהויבען די אסימילאציאנס-פאהן, ביז איצט; זיי זענען נאך דעריבער אלץ געבליבען ביים אנגענומענעם טעות, אז יודען טיילען זיך אויף פראגרעסיווע אסימילאטארען און פינסטערע מאסען, און מעהר קיין ריכטונגען און שטרעמונגען זענען ביי יודען נישטא. דערוויסענדיג זיך, אז דער ציוניזם שטרעבט נישט צו אסימילאציע, איז

ער אלזא ממילא געשטעמפעלט געווארען דורך זיי אלס רעאקציאנערע בעוועגונג, וועלכע מען דארף בעקעמפען. דאס ווארט „ציוניזם“ אליין האט אויסגעזעהן אין זייערע אויגען צו זיין פערדעכטיג, וואס איז בכח צו פערפינסטערן די מוחות פון די ברייטע מאסען און נאכמעהר דערווייטערן זיי פון אסימילאציע. ענדליך האט מען אבער גענומען בעטראכטען דעם ציוניזם בלויז פונ'ם שטאנדפונקט פון די פוילישע אינטערעסען און מען איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ער איז אהן ספק א שעדליכע בעוועגונג, ווייל די יודען רעכענען נישט צו עמיגרירען און זיי וועלען העריבער בלייבען דא אין פוילען א „מלוכה אין א מלוכה“. נור דער ראדיקאלער „גלאס“ האט אין אן ארטיקעל אונטער'ן נאמען „ציוניזם“ בעגריסט די נייע יודישע בעוועגונג, וועלכע דארף אונטערשטיצט ווערען דורך די אינטעליגענטע יודען. אויך די סאציאליסטישע פארטייען האבען בעקעמפט דעם ציוניזם אלס א „בירגערליכע“ בעוועגונג, וואס פערדונקעלט דאס קלאסען־בעוואוסטזיין און פיהרט־אראב דעם פראלעטאריאט פון סאציאליזם, די איינציגע בעוועגונג, וואס דארף ברענגען א לעזונג צו אלע פראבלעמען, און ממילא אויך צו דער יודען־פראגע. פערארטיילט די יודישע נאציאנאלע בעוועגונג האט אויך די פ. פ. ס., יענע פארטיי, וואס פערדאלט זיך אין דער פוילען־פראגע זעהר פאטריאטיש און האט גערופען צו קאמף פאר דער זעלבשטענדיגקייט פון פוילען, נאר נישט מורא־האבענדיג, אפשר קאן אויך דאס פערדונקלען דאס קלאסען־בעוואוסטזיין. דיזאגע סאציאליסטישע פארטיי האט אלזא אין נאציאנאלע פראגען צוויי מאסען: פאר זיך אן אנדערע, און פאר יודען אן אנדערע, און דאס רופט מען אן אנטיסעמיטיזם.

די ווירטשאפטליכע לאגע.

א.

דער וואוקס פון אנטיסעמיטיזם אין פוילען פון איין זייט און די ענטוויקלונג פון די יודישע נאציאנאלע שטרעבונגען פון דער צווייטער זענען אויך ארויסגערופען געווארען דורך די עקאנאמישע בעציהונגען, וועלכע זענען אין לאנד געשאפען געווארען.

די בעטיילונג פון די פויערן מיט ערד, וואס די רוסישע רעגירונג האט דורכגעפירט, האט גרינדליך געענדערט די דארפס־בעציהונגען. מיט איין מאל זענען ביז 700,000 פויערן געווארען ערד־בעזיצער, בעפרייט פון „פאנשטשיזנע" און צינש, דורך וואס ס'איז אויפגעשטאנען א נייע גרויסע מחנה פון געברויכער אויף אינדוסטריע־ארטיקלען. די אינדוסטריע האט זיך אויך ענטוויקעלט אונגעהייער שנעל און אין פערלויף פון 10 יאהר פון איהר ענטשטעהונג האט זיך כמעט פערדאפעלט די אויסארבייטונג אין די פאבריקען און ווערקשטאטען אין פוילען, און דער שטייערן־וואוקס האט בעצוואונגען איינצופיהרען א געלד־ווירטשאפט. די גרויסע ענטוויקלונג פון פוילען צוליעב דער אינדוסטריע, וועלכע האט בעשעפטיגט מאסען ארבייטער־הענד און געשאפען אזעלכע מעכטיגע אינדוסטריע־צענטרען, ווי לאדז, דאמבראווער ראיאן און ווארשא, האט געמאכט נאך גרעסערע און שנעלערע פארשריט, ווען אדאנק די ענדערונגען אין דער געזעצגעבונג וועגען בערג־אינדוסטריע איז פערלייכטערט געווארען דאס זוכען שטיין־קוילען און אייזען־שיכטען. אויסער דער אינדוסטריע האט זיך אונגעוועהנליך ענטוויקעלט אויך דער האנדעל: דער יעהרליכער אריינפיהר קיין פוילען פון אויסלענדישע סחורות האט זיך פערדאפעלט אין פערלויף פון פיער יאהר.

אין די 80־ער יאהרען זענען געשאפען געווארען געוויסע ענדערונגען אינ'ם ווייטערען ענטוויקלונגס־גאנג פון דער אינדוסטריע: די רוסישע רעגירונג האט זיך, צוליעב'ן קריעג מיט דער טערקיי, גענויטיגט אין געלד, און דעריבער אויפגעהויבן דעם צאל אויף אויסלענדישע סחורות, מאטעריאלען און האלב־פאבריקאטען. אדאנק דעם האבען די פוילישע פאבריקאנטען, געפינענדיג זיך אויסער דער אויסלענדישער קאנקורענץ, געקאנט ערווערבען פאר זיך די רוסישע אבזאץ־מערק. דערדאזיגער אומשטאנד האט צוגעצויגען אין לאנד אריין בעדייטענדע קאפיטאלען פון אויסלאנד. זעהענדיג פאר זיך די גוטע אויסזיכטען אויף ערפאלג און רעכענענדיג זיך נאך דערביי מיט דער ביליגקייט פון ארבייטס־קראפט, זענען געקומען קיין פוילען פראנצויזען, בעלגיער און ענגלענדער און האבען אויפגעשטעלט דא גרויסע פאבריקען, אין וועלכע מ'האט אויסגעארבייט סחורות אויף עקספארט קיין רוסלאנד. נאך פאר דעם האבען איבערגעטראגען זייערע פאבריקען קיין פוילען אייניגע דייטשע קאפיטאליסטען, וואס האבען

שוין לאנג פערוואָרפֿען רוסלאַנד און פּוילען מיט זייערע פֿאַבריקאַטען, און איצט האָבען זיי געוואָלט זיך בעפֿרייען פֿון דוֹיכען צאָל.

די ענטוויקלונג פֿון דער גרויס-אינדוסטריע אין פּוילען האָט געמוזט האָבען איהר איינפֿלוס אויך אין נאַציאָנאַלער הינזיכט: דאָס האָט געמוזט ברענגען דערצו, אַז די רייכסטע שיכטע פֿון די גרויס-אינדוסטריעלער האָט געשאַפֿען אין לאַנד אַ מעהר קאָסמאָפּאָליטישע שטימונג. נישט בלויז, וואָס די פֿאַבריקאַנטען און אינדוסטריעלער אַליין זענען געווען פּרעמדע — זיי זענען נאָך כּלל נישט געווען געצוואונגען צו רעכענען זיך מיט דער אָרטיגער בעפֿעלקערונג אַלס קאָנסומענטען, ווייל זייערע פֿאַבריקען זענען געווען אויסגערעכענט נור אויף'ן מאַסען-עקספּאָרט קיין רוסלאַנד און אויף רעגירונגס-בעשטעלונגען. די פֿאַבריקאַנטען, אין וועלכע דאָס לאַנד אַליין האָט זיך גענויטיגט, האָט מען אינגאַנצען נישט אויסגעאַרבייט, אַלס אַזעלכע, וואָס גיבען אַ קליין פֿערדיענסט. מען האָט זיך בלויז צוגעפּאַסט צו די פֿאָדערונגען פֿון רוסישען מאַרק. דערביי האָט מען זיך געמוזט רעכענען מיט דער שוואַך-ענטוויקעלטער אייזען-באַהן-נעץ אין פּוילען, וואָס האָט שווער-געמאַכט דעם עקספּאָרט אין גרעסערע מאַסען.

די בעפֿרייאונג פֿון די פּויערן און די אונטערדריקונג פֿון אויפֿשטאַנד האָבען אויך מיטגעווירקט דערצו, אַז אַ בעדייטענדע צאָהל פֿון דער שליאַכטע איז פֿעראָרימט געוואָרען דורך די רעפּרעסיעס, קאָנטריבוציעס און פֿערלירען דעם אומזיסטען ערד-אַרבייטער — און נישט-זייענדיג אימשטאַנד צוגעוועהנען זיך צו דער ווירטשאַפֿט ביי די נייע פֿערהעלטניסען אויף'ן דאָרף, האָבען זיי פֿערלאָרען זייערע נחלאות. די אַנגע-העריגע צו דערדאָזיגער שליאַכטע האָבען זיך בעזעצט אין די שטעדט, וואו זיי האָבען געזוכט פֿערדינסט-קוועלען אין דער אינדוסטריע, האַנדעל און דורך שטעלעס, הויפּט-זעכליך אין פּריוואַטע אונטערנעהמונגען, ווייל אין דער רעגירונגס-אַדמיניסטראַציע זענען נור די נידריגערע שטעלעס געווען צוגענגליך פֿאַר די פּאָליאַקען, און אפילו דאָ זענען די פּאָליאַקען אַלץ מעהר באָיקאָטירט געוואָרען.

די קאָנקורענץ צווישען יודען און פּאָליאַקען איז דעריבער געשטיגען נאָכמעהר ווי פֿאַר'ן אויפֿשטאַנד, און דאָס האָט נאַטירליך נאָכמעהר געשטאַרקט דעם אַנטי-סעמיטיזם.

ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָט אַ בעדייטענדער טייל פֿון דער יודישער בעפֿעל-קערונג קיין גרונד און עקאָנאָמישען אינטערעס נישט געהאַט אין דער אַסימילאַציע. פֿיעל יודען האָבען זיך אַליין בעטייליגט אין דער גרויס-אינדוסטריע, וועלכע איז געווען אויסגערעכענט אויף'ן רוסישען מאַרק, אָדער זענען געווען טעטיג אַלס אַגענטען, ליפֿעראַנטען און מיטאַרבייטער אין דער אינדוסטריע. בכלל האָט די פּוילישע גרויס-אינדוסטריע פֿיעל געדאַרפֿט צו פֿערדאַנקען די פֿון רוסלאַנד אַנגעקומענע יודען, ווייל קענענדיג גוט דעם רוסישען מאַרק, האָבען זיי אַליין אויפֿגעשטעלט פֿאַבריקען אָדער מיטגעהאָלפֿען צו בעאַרבייטען דעם רוסישען מאַרק אַלס סוחרים און רייזענדער.

אויף'ן היגען מאַרק אַליין איז געווען אָנגעוויזען בלויז אַ טייל יודען, בעזונדערס פֿון די קליין-בירגערליכע קרייזען, ווי: קרעמער, מעקלער און אַז. וו. און געגען זיי האָט עס געפֿיהרט מיט דער גאַנצער ערביטערונג זיין קאַמף דער פּוילישער אַנטיסע-מיטיזם, אין וועלכען — צוליעב די אויבען-דערמאָהנטע מאָטיווען — די פּויליש-נאַציאָ-

נאַלע בעוועגונג האָט געקאָנט געפינען איהר בולט'סטען אויסדרוק. די יודען האָבען דעריבער דורכדעם בעקומען דעם איינדרוק, אַז די „פּוילישע אידעע" דריקט זיך אויס בלויז אין אַנטיסעמיטיזם, און פון דער צווייטער זייט האָבען אויך די פּאָליאַקען אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז זייער איינציגע, נאַציאָנאַלע אויפגאַבע איז, צו בעקעמפען די יודען.

און די אַסימילאַציע האָט פערלאָרען יעדען רעאַלען באָדען אונטער די פיס. דער יודישער קאַפּיטאַליסט איז געוואָרען מעהר קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט, פערבלייבענדיג ביי זיין פּוילישקייט אויף-אַזויפיעל, אויף וויפיעל דאָס האָבען געפאָדערט זיינע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען מיט דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז, איבעריגענס, אויך געווען גאַנץ גלייכגילטיג אין נאַציאָנאַלער הינזיכט. דאָס יודישע קליין-בירגערטום איז טיילוויז געווען אָבהענגיג פון רוסישען מאַרק, טיילוויז געווען געצוואונגען צו זעלבסטפערטיידיגונג געגען פּוילישען אַנטיסעמיטיזם, צוליעב וואָס זיי האָבען געמוזט זוכען שוץ אין דער נאָהנטערער פעראייניגונג און סאָלידאַריטעט מיט'ן יודישען כלל און ממילא פערשטאַרקט דורכדעם דאָס יודיש-נאַציאָנאַלע געפיהל. דאָס פּוילישע בירגערטום, פערשטאַרקט דורך די אָנגעהעריגע פון דער פעראָרימטער שליאַכטע און דורך די אַנטזאַגטע בעאַמטע פון פּוילישער אָבשטאַמונג, איז, ווי דער שטייגער, געגאַנגען אויף ד ע ם וועג, אויף וועלכען מ'קאָן ערוואַרטען אַמווייניגסטען ווידערשטאַנד, און האָט געזוכט צו בעקומען אַ שטיקעל „ברויט פאַר די אייגענע" דורך צונעהמען עס ביי די יודען.

עקאָנאָמיש האָט די אַסימילאַציע די יודען גאָרניט געקאָנט העלפען, ווייל דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט פערפאָלגט אָהן אונטערשייד די יודען-פּאָליאַקען, ווי די יודען-נאַציאָנאַליסטען. דער יוד, וועלכער איז געווען אָנגעוויזען אויפ'ן איבעריגען מאַרק, האָט געזעהן דעם יסוד פון זיין עקזיסטענץ אין בעסער און ביליגער בעדיענען דעם קליענט — וואָס איז איהם פערלייכטערט געוואָרען דורך אָרגאַניזירונג, — און אין אויפזוכען יודישע קליענטען, וואָס עס האָט ווידער מיטגעווירקט צו פערשטאַרקען די יודיש-נאַציאָנאַלע אחדות. און גלייכצייטיג איז דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם, טראָץ זיין טומעל און העצע-כאַראַקטער, געווען אין גרונד אָהנמעכטיג צו גרעסערע, לעבענספעהיגע אונטערנעהמונגען.

די יודען, אָנגעקומענע פון רוסלאַנד, האָבען אין עקאָנאָמישער הינזיכט אין דער נאַציאָנאַל-יודישער בעוועגונג ערפילט די אויפגאַבע, וואָס דורכ'ן עפענען און אָנווייזען די פּוילישע יודען דעם וועג צו די רוסישע אָבזאַץ-מערק, האָבען זיי די לעצטע געמאַכט אומאָבהענגיג פון דער אָרטיגער פּוילישער בעפעלקערונג און דורכדעם אַליין פערגרעסערט די רייהען פון די יודען אין פּוילען, וואָס זענען געווען אימשטאַנד אומגעשטערט אָבצוהיטען זייער נאַציאָנאַלע אייגענאַרט.

ביי די אויבען-געשילדערטע בעדינגונגען וואָלט די יודישע נאַציאָנאַלע בעוועגונג ענטשטאַנען אין פּוילען אויך אָהן די רוסישע יודען, אָבער זי וואָלט דעמאָלט געהאַט עטוואָס אַנדערע פאָרמען: נישט-בעזיצענדיג אין לאַנד קיין שום וואָילשטאַנד-יסודות, וואָלט די יודישע נאַציאָנאַלע בעוועגונג געמוזט שטרעבען צו אויסוואַנדערונג, זוכענדיג איהר איינציגען אויסדרוק אין ציוניסטישען אידעאַל, ווערענד געפינענדיג

פאר זיך ערנעהרונגס-קוועלען אין לאנד אליין, האבען די נאציאנאלע יודען אנגעהויבען פאדערן נאציאנאל-קולטורעלע רעכט דא אויף אנ'ארט. אין דער ריכטונג האט פארטגעזעצט זיין וויטערע ענטוויקלונג דער ציוניזם, און עס איז ענטשטאנען א יודיש-נאציאנאלע בעוועגונג אויך אויסער איהם.

ב.

וועגען דער עקאנאמישער בעדייטונג פון די פוילישע יודען פאר'ן לאנד דערצעהלט אם בולט'סטען דער אויבען-ציטירטער מעמאריאל פון דער ווארשאווער בערזע, וואס בעשטעהט אין קורצען פון פאלגענדען אינהאלט:

טראץ דעם, וואס דער קייזערליכער אוקאז פון 24-סטען מאי (5-טען יוני) 1862 (דער אזוי-גערופענער וועלאפאלסקי'ס סטאטוט) איז פערהעלטניסמעסיג נישט-לאנג אריינגעטראטען אין זיין געזעצליכער קראפט — שרייבען די אויטארען פון מעמאריאל — האט זיך דער איינפלוס פון אויבענדערמאהנטען געזעצגעבערישען אקט שטארק געלאזט שפירען דורך דער שנעלער ענטוויקלונג פון האנדעל און אינדוסטריע און אויף אנדערע געביטען פון עפענטליכער טעטיגקייט. די יודישע בעפעלקערונג שטעלט מיט זיך פאר קוים 1/7 פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג פון לאנד, אין וועלכען דער האנדעל און אינדוסטריע זענען בכלל, אחוץ לאנדווירטשאפט, געווען זעהר שוואך ענטוויקעלט... גלייכצייטיג מיט דער שנעלער ענטוויקלונג פון האנדעל און אינדוסטריע האט זיך אויפגעהויבען דער וואוילשטאנד, שנעל זענען אויפגעוואקסען די שטעדט און ס'האט זיך פערגרעסערט אין זיי די בעפעלקערונג, און דער ווערט פון די אומבעוועגליכע גיטער איז געשטיגען צוליעב די פערגרעסערטע הכנסות פון זיי. גלייכצייטיג האט זיך אויך אויפגעהויבען דער מאראלישער צושטאנד פון גאנצען האנדעלס-קלאס. דאס געבען יודען רעכט צו וואוינען שטענדיג אין די שטעדט און דערפער אהן שום בעגרענצונגען, ווי אויך דאס רעכט צו ערווערבען אלס אייגענטום נחלאות אין די שטעדט און די דערפער, האט די יודען מעגליך-געמאכט צו פערגרעסערן זייער האנדעלס-אומזאץ און פערווענדען זייערע קאפיטאלען אויף אינדוסטריעלער פראדוקציע. דאס האט פון 1862 אן געבראכט צו ביז-אהער נאך נישט-געוועזענער ענטוויקלונג פון די האנדעלס-בעציהונגען פון פוילען מיט רוסלאנד, ווי אויך מיט אנדערע לענדער. אין ווארשא און אין פראווינץ זענען ענטשטאנען פיעל פינאנציעלע אינסטיטוציעס, געשטיצט הויפטזעכליך אויף יודישע קאפיטאלען אדער יודישער פערמיטלונג. די קרעדיט-בעציהונגען האבען דערגרייכט א ביז-איצט נאך נישט-געוועזענע מדרגה, און קאפיטאלען זענען געווארען צוגענגליכער און ביליגער. די מעהרהייט פון די ניי-ענטשטאנענע פאבריקען און אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען, אויב מיר וועלען נישט רעכענען די דייטשען, האט צו פערדאנקען זייער עקזיסטענץ די יודען אדער דער יודישער פערמיטלונג. אדאנק די יודען זענען אויפגעשטעלט געווארען פיעל גרויסע געביידעס אין די שטעדט. די דארפישע נחלאות זענען אין א קלענערער צאהל איבערגעגאנגען אלס אייגענטום צו יודען; אבער וואו דאס איז געשעהן, ווערען די דורך

די יודען געקויפֿטע גיטער געפֿיהרט און בעאַרבייט דורך זיי אַליין און זעהר גוט, ראַציאָנעל. דאָס רעכט פֿון יודען צו קויפֿען ערד ברענגט אויך נוצען פֿאַר די קריסטען, ווייל האָבענדיג די מעגליכקייט צו פֿערזיכערן זיין חוב אויף היפּאָטעק, קאָן דער יוד אַוועקלייהען זיינע געלדער אויף אַ ביליגערען פּראָצענט.

די יודען, בעפֿרייט פֿון די בעגרענצונגען, זענען געוואָרען אויך מאָראַלישער און האָבען ענטוויקעלט אין זיך דאָס געפֿיהל פֿון פּערזענליכער זעלבסטאַכטונג. די נעגאַטיווע זייט פֿון געזעץ בעשטעהט אין דעם, וואָס פֿון די געשעפֿטליכע פּאַפּירען, וואָס ווערען געשריבען אין דער יודישער שפּראַך, איז אָבגענומען געוואָרען די בעדייטונג פֿון געריכטס-דאָקומענטען. און ס'איז כאָטש גוט, וואָס דער קאַסאַציאָנס-דעפּאַרטאַמענט פֿון רעגירענדען סענאַט האָט נאָכ'ן יאָהר 1876 צוריק אָנערקענט די געזעצליכע קראַפֿט פֿאַר די אונטערשריפֿטען אין יודיש און פֿאַר די האַנדעלס-ביכער, וואָס זענען אין דערזעלבער שפּראַך געשריבען.

ווייטער שטעלט-זיך-אָב דער מעמאָריאַל אויספֿיהרליך אויף דעם, וואָס פֿאַר אַ גרויסע ראָליע יודען שפּיעלען אין עקאָנאָמישען לעבען פֿון לאַנד. דער האַנדעל, הורט און דעטאַיל, ליגט מעהרסטענטיילס אין זייערע הענד, אַ גרויסען איינפֿלוס האָבען זיי אויך אויפֿ'ן געלד-מאַרק; די באַנק-געשעפֿטען אין לאַנד זענען הויפּטזעכליך אין זייערע הענד, די פּריוואַטע באַנק-הייזער זענען זייער אייגענטום, און די עפֿענטליכע באַנק-הייזער, נישט נור וואָס זיי בעדיענען זיך מיט פֿיעל יודישע קאַפּיטאַלען, נאָר זענען טיילוויז אויך דורך יודען איינגעאָרדענט געוואָרען... דאָסדאָזיגע לאָזט זיך זאָגען אויך וועגען די עקספּעדיציאָנס-, קאָמיסיאָנס- און אַגענטור-געשעפֿטען. איינע פֿון די יודישע הויפּט-בעשעפֿטיגונגען אויפֿ'ן דאָרף איז די פּאַכטעריי, וועלכע איז נוצליך פֿאַר'ן שטאָדט-איינוואוינער, ווי פֿאַר'ן פּויער. דער פּאַכטער איז געוואָרען אַ נויטיגער טייל, אַן אונבעדינגטער אָרגאַן אין דאָרף-לעבען, וואָס קאָן דורך קיינעם נישט פֿערטרעטען ווערען. מיט'ן פּויער לעבט דער פּאַכטער אין די בעסטע בעציהונגען, אויפֿגעבויט אויף אַ געגענזייטיגער פֿערשטענדיגונג און נוצען. אונבעגרינדעט זענען די אָנקלאַגען אויף די יודישע מעקלער, אַז זיי זענען פּאַראַזיטען; די הילף פֿון פֿערמיטלער איז אונבעדינגט נויטיג, און זיין אַרבייט איז נישט בלויז פּראָדוקטיוו, נאָר גלייכצייטיג אויך נוצליך פֿאַר ביידע צדדים.

אַ שטאַרקען איינפֿלוס אויפֿ'ן עקאָנאָמישען לעבען אין לאַנד דאַרף אויך אָנערקענט ווערען פֿאַר די יודישע פֿוהרמאַנעס און אייגענטימער פֿון די טראַנספּאָרט-אונטערנעהמונגען. די הויפּט-מעלה פֿון יודישען פֿוהרמאַן אין פֿערגלייך מיט אַנדערע, און וואָס צווינגט דעם סוחר אָדער פֿאַבריקאַנט צו בענוצען זיך גערנער מיט איהם, איז זיין ניכטערקייט, וואָס עס גיט די זיכערקייט, אַז ער וועט גוט אָבהיטען און אין קיין פֿאַל נישט לאָזען געהן פֿערלאָרען די סחורה, וואָס איז איהם אָנפֿערטרויט געוואָרען צום איבערפֿיהרען.

אנקלאגען און פארוואורפען לאזען זיך געוועהנליך הערען אויפ'ן אדרעס פון די יודישע פראצענטניקעס און שענקערס. אבער דעם מקור פון דיזאיגע ביידע פראפעסיעס דארף מען זוכען אין דער ארימקייט און נאכלעסיגקייט פון דעם היגען המון, ווי אויך אין זיין דעמאראליזירונג, וואס עס האט געשאפען ביי איהם א נייגונג צו שפירט-געטראנקען אלס דער איינציגער פערגניגען. כל-זמן די עקאנאמישע און מאראלע בעדינגונגען וועלען נישט אויפהערען מיטצוהעלפען דער ענטוויקלונג פון לייכט-זיניגען לעבען און שכרות, וועט זיך שטענדיג געפינען עמיצער — אליין איינס, א יוד צי א קריסט — וועלכער וועט וועלען אויסנוצען דעמזאיגען צושטאנד אלס א מיטעל רייך צו ווערען.

אין דער אינדוסטריע שפיעלען נישט די יודען אזא דאמינירענדיגע ראליע, ווי אין האנדעל, ווייל דא הערשען די דייטשען, און לעצטענס נעהמט זיך צו אינדוסטריע אויך דער ארטיגער עלעמענט; אבער אויך דא ענטוויקלען די יודען א בעדייטענדע טעטיגקייט. אין דער צוקער-, וועבעריי- און שפינעריי-אינדוסטריע האבען די יודען פיעל און אנגעזעהענע פארשטעהער, און די פאבריקאציע פון פאפיער, געוואנד, אייזען, די בערג-, וואנד- און מיהל-אינדוסטריע, ווי אויך שפירט-טרייבעריי ווערען אין זייער גרעסטען טייל דורך יודען געפיהרט.

א קלענערן פערהעלטניסמעסיג אנטייל נעהמען יודען אין דער האנדווערקעריי, אגב עם זענען פאראן מלאכות, וועלכע זענען ספעציעל פערטראטען דורך יודען, ווי: גלעזעריי, בלעכעריי, הויז-מאלעריי, היטעל-אויסארבייטונג, פאדים-אויסארבייטונג, יובעלירעריי און זייגערמאכעריי; ס'זענען פאראן פיעל יודען שניידער, שוסטער און סטאלער; די האנדשוה-אויסארבייטונג, ווי אויך קאמאשען-שטעפעריי, האבען זיי איינגעריכטעט פאבריק-ארטיג און דערפיהרט עס ביז צו דער העכסטער ענטוויקלונגס-מדרגה. אין טובאלקער גובערניע פערנעהמען זיך יודען אויך מיט אנדערע מלאכות; ס'איז דארט פאראן א גרויסע צאהל יודישע שמיעדען און מולארעס. און אויב פונדעסט-וועגען פערנעהמען זיך יודען אליין וועניג מיט האנד-ווערק און זייער פראדוקציע לאזט פיעל ווינשען, זי שטעהט נישט אויף דער געהעריגער הויך, שטאמט עס דערפון, וואס מען נעהמט זיי נישט אריין אין די צעכען, און דעריבער קאנען זיי נישט בעקומען קיין סיסטעמאטישע פאך-בילדונג.

אין די שטעדט פערדינגען זיך יודען צו יעדער ארט טעגליכער לוין-ארבייט, נישט-אויסגעשלאסען די שווערסטע און אם-ערגסטען בעצאהלטע. אויסער די שטעדט זעהט מען זיי אפט ביי ברוקירער-ארבייט אדער האקען שטיינער, און עס בלייבט נור איבער צו בעדויערן, וואס ביז איצט, צוליעב די סיבות, וועלכע זענען פון זיי נישט-אבהענגיג, זעהט מען זיי נישט בעשעפטיגט ביי לאנדווירטשאפטליכער ארבייט...

די רוסישע רעוואָלוציע.

א.

דער יאַפּאַנישער קריעג האָט נאָכאַמאָל קלאָר פאַר אַלע אַרויסגעוויזען דעם פּאָל־שטענדיגען באַנקראָט פון דער אַלטער רעגירונגס־אָרדנונג אין רוסלאַנד. עס האָט זיך איבער׳ן גאַנצען גרויסען לאַנד אָנגעהויבען אַן אָפּאָזיציאָנעלע בעוועגונג, וואָס האָט אין די יאָהרען 1905/6 אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ רעוואָלוציע. דיזאָזיגע בעוועגונג האָט אויך אַרומגענומען דאָס קעניגרייך פּוילען, אָבער די בעדינגונגען דאָ זיינען געווען אַנדערע, ווי דאָרט. אין רוסלאַנד האָבען זיך בעטייליגט אין דער רעוואָלוציע די פאַרשטעהער פון גרונד־בעזיץ, בורזשואַזיע, פּראָלעטאַריאַט און אינטעליגענץ; די לעצטע האָט געהערט אָדער צו די ערשטע צוויי קלאַסען אָדער צום דריטען, אָדער, ענדליך, איהר קלאַסען־אָנגעהעריגקייט איז געווען אונבעשטימט. הויך די אַלגעמיינע סיבות, ווי די פערהעלטניסמעסיג קליינע צאָהל פון די אָנטיילנעהמער אין דער רעוואָלוציע, די שלעכטע אָרגאַניזירונג און בכלל די שוועריגקייט אַרויסצורופען אַ רעוואָלוציע אויפ׳ן גאַנצען שטח פון אַזאַ ריעזען־לאַנד ווי רוסלאַנד, האָט אַ גאַנץ ספּעציעלער אומשטאַנד מיטגעווירקט צום דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע דעמאָלט: ווערענד די רוסישע בירגערליכע ליבעראַלען האָבען געפאָדערט בלויז קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמען, האָבען די אַרבייטער־פאַרשטעהער געשטרעבט דורכצופיהרען מיט איינמאָל אויך אַ סאָציאַלע איבערקעהרעניש, און, נישט־רעכענענדיג זיך מיט די ביישפּיעלען פון דער גאַנצער וועלט, איבערשפּרינגען איבער דער סטאַדיע פון אַ בירגערליכער קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכה, און איבערגעהן מיט אַמאָל פון אַן׳אויטאָקראַטיע צו קאָמוניזם. זייער שטאַנדפּונקט איז געווען, אַז פאַר די אַרבייטער איז אַ מאָנאַרכיש־קאָנסטיטוציאָנעלע און זאָגאַר אַ רעפּובליקאַנישע אָרדנונג מיט נאָרנישט בעסער ווי אַ מאָנאַרכיסטיש־זעלבסטהערשענדע. דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, וואָס אַנשטאָט צו געהן האַנד־ביי־האַנד און קעמפען מיט געמיינזאַמע קרעפטען געגען דער אַלטער אָרדנונג, זיינען אויסגעבראָכען מכסוכים צווישען די פיהרער פון דער רעוואָלוציע גופא, און דער פּראָלעטאַריאַט האָט געשטעלט דער עקזיסטירענדער אָרדנונג אַזעלכע פאָדערונגען, וואָס זיינען פאַר איהר געווען גלייכבעדייטענד, ווי אַ זעלבסטמאָרד. די רעגירונג האָט זיך אויסגענוצט מיט דער צעשפּאַלטונג און אונטערדריקט ביידע אָפּאָזיציאָנעלע ריכטונגען, איבערלאָזענדיג פּאַקטיש אַליץ צוריק ביים אַלטען. זאָגאַר די קאָנסטיטוציע, וואָס זי האָט געגעבען, איז געבליבען אין דער ווירקליכקייט אַ טויט אות, אָהן אַ לעבעדיגען [illegible]...

ב.

אין פוילען איז דער צושטאנד געווען א גאנץ אנדערער. גרינדליכע רעפארמען אין געזעלשאפטליכען לעבען האט דא געפאדערט בלויז דער פראלעטאריאט, אדער, ריכטיגער געזאגט, זיינע סאציאליסטישע פיהרער, און אפשר נאך א קליינע גרופע פוילישע אינטעליגענטען, אהן קלאסען־דיפערענצירונג — דער אזוי־גערופענער „פוילישער פראגרעס".

די פוילישע גרונד־בעזיצער זענען דורכאויס קאנסערוואטיוו און זייער קלאסען־עגאאיזם האט זיי געלערנט, אז ביי דעמאקראטישע רעפארמען לטובת דעם פוירטום וועט זייער לאגע נור ערגער־ווערען. די פוילישע גרויס־בורזשואזיע — דאס הייסט איי־גענטליך די דייטשע, יודישע און פוילישע — האט, ארויסגעהענדיג פונ'ם שטאנדפונקט פון זייערע קלאסען־אינטערעסען, אויסגעצייכענט פערשטאנען, וואס זיי קאנען ערווארטען אפילו פון טיילווייזע נצחונות פון פראלעטאריאט; זיי האבען דעריבער נאר נישט פערלאנגט קיין גרויסע רעפארמען, אויסער אזעלכע, וואס קאנען זיי פערלייכטערן צו פיהרען זייערע געשעפטען. כמעט דיזעלביגע שטרעבונגען האט אויך געהאט דאס קליינבירגערטום אין פוילען. אנשטאט דעם האבען אלע שיכטען פון פוילישען פאלק ארויסגעשטעלט גרויסע פאדערונגען אויפ'ן נאציאנאלען געביעט, האפענדיג אויף זעלבשטענדיגקייט, אדער, לכל־הפחות, אויף א ברייטער זעלבסטפערוואלטונג.

אין דערזעלביגער צייט, וואס אין פוילען זענען די שטרעבונגען פון דער גאנצער פוילישער בעפעלקערונג געגאנגען אין דער נאציאנאלער ריכטונג און די שטרעבונגען פון די בעזיצענדע קלאסען אויסשליסליך אין דער ריכטונג, איז אין רוסלאנד די לאגע געווען אן אנדערע. די רוסישע אינטעליגענץ, אהן אונטערשיעד פון קלאסען, אלס אן אינטעליגענץ פון א פאלק, וואס אין נאציאנאלער הינזיכט איז זי אזוי בעפרידיגט, אז אין נאמען פון פראגרעס מוז זי זאגאר שטענדיג פיהרען א קאמף מיט'ן אגרעסיווען רעגירונגס־פאטריאטיזם, איז צום אנהויב אין נאציאנאלער הינזיכט געווען גאנץ גלייכגילטיג. פאר די בעזונדערע נאציאנאליטעטען אין רוסלאנד האט זי גערן אנערקענט די ברייטעסטע זעלבסטפערוואלטונג פון נאציאנאלע רעכט נור מיט'ן בעדינג, אז זיי זאלען זיך נישט אפרייסען פון רוסלאנד, וואס עס האבען פערלאנגט זאגאר די רוסישע סאציאליסטען, ארויסשטעלענדיג פאר דער פאדערונג דעם מאטיוו, אז דורכדעם וועט דער סאציאליזם איבער גאנץ רוסלאנד, אין אלע זיינע טיילען, גיכער אבהאלטען דעם געוואונשטען נצחון. און די רוסען, נישט־קאנענדיג, זעלבסטפערשטענדליך, זיך שטעלען אויפ'ן שטאנדפונקט פון היסטארישע רעכט, האבען אנערקענט די „נאטירליכע רעכט" פאר אלע „איננארצעס", נישט־איינטיילענדיג זיי אין פריווילעגירטע און פערפאלגטע, אין אזעלכע, וואס האבען דערצו קיין רעכט נישט און מוזען זיך דעריבער אסימילירען. די נאטירליכע רעכט זעטען אנערקענט געווארען פאר אלע אהן אויסנאהם. און קיין אויסנאהם איז אין דער הינזיכט נישט געמאכט געווארען אויך פאר יודען.

ג.

דערדאזיגער צושטאנד ערקלערט די שטעלונג, וואס די יודען האבען פערנומען אין דער רעוואלוציע אין רוסלאנד בכלל און אין פוילען בפרט. פון „וועלאפאלסקי׳ס כמאטוט” האט זיך פאר די פוילישע יודען אין פראקטישען לעבען כמעט שוין גאר נישט אבגעשטעלט: ער איז דורך פערשידענע בעגרענצונגס-געזעצען, דורך געהיימע און אפענע צירקולארען און ענדליך דורכ׳ן פוילישען אנטיסעמיטיזם, אזוי אנוליר׳ט געווארען, אז דער פוילישער יוד האט זיך געפונען אין דערזעלביגער רעכטליכער לאגע, ווי ער איז געווען אין פוילען פאר׳ן אקט. יודען האבען אלזא קודם-כל געשטרעבט צו בעקומען דורך דער רעוואלוציע זייער בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג, און דערדאזיגער פאסטולאט איז מעהר-ווייניגער געווען דער אידעאל פון די אלע יודען אין דער גרויסער רוסישער מלוכה. אין נאציאנאלער בעציהונג האבען די יודען, אמת, נישט פארגעשטעלט מיט זיך קיין איינהייטליכען עלעמענט, ווייל צווישען זיי זענען געווען אסימילאטארען און נאציאנאליסטען, אבער אין עצם האט דער יוד, אהן אונטערשיעד, צו וועלכער ריכטונג ער זאל נישט געהערען, געשפירט, אז דא האנדעלט זיך וועגען אויסקעמפען רעכט פאר יודען, וואס עס איז נישט איינס און דאסזעלבע ווי דער קאמף פאר די רעכט פון פוילען. א בעדייטענדער טייל פון נאציאנאל-בעוואוסטזיניגע יודען האט דערביי אויך פערשטאנען, אז נישט-אויסקעמפענדיג נאציאנאלע רעכט, וואלט די בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג געבליבען בלויז אלס פוסטע פראזע, אהן אינהאלט און ממשות. אבער די פוילישע פארטייען, נישט-אויסגעשלאסען די סאציאליסטישע, זענען אליין געשטאנען אויפ׳ן שטאנדפונקט פון דער אסימילאציע, נישט-בעגרייפענדיג די פארגעקומענע איבערקעהרעניש אין די יודישע מוחות און הערצער. מיט אן׳אונפערשטענדליכער בלינדקייט האבען די פאליאקען, אטערקענענדיג פאר אלע אנדערע נאציאנאלע מינדערהייטען, ווי ליטווינער, רוטענער, ווייס-רוסען און אנדערע, דאס רעכט אויף נאציאנאלער זעלבסטבעשטימונג, פערלאנגט פון די יודען צו פיהרען דעם קאמף צוזאמען מיט זיי נור פאר די ריין-פוילישע אינטערעסען, און יעדע דערמאהנונג פון יודען בנוגע זייערע אייגענע נאציאנאלע רעכט איז דורך זיי בעטראכט געווארען אלס פערראט פון די פוילישע אינטערעסען.

צווישען די פאליאקען און די יודען איז דורכדעם באלד געשאפען געווארען א טיעפער אבגרונד, וועלכער האט דערנאך געבראכט צו שארפע קאנפליקטען, וואס האבען זיך בעזונדערס בולט ארויסגעוויזען אין דעם מאמענט, ווען די טאן-געבער אין דער עפענטליכער מיינונג אין לאנד איז געווארען דאס בירגערטום. די מעהרהייט יודען האט געוואלט אויסקעמפען אן׳אלגעמיין-ליבעראלע ארדנונג אין גאנץ רוסלאנד, וואס וואלט די יודען גאראנטירט זייערע בירגערליכע און טיילווייז אויך נאציאנאל-קולטורעלע רעכט, און די מעהרהייט פאליאקען האט געטרוימט בלויז וועגען א זעלבסטפערוואלטונג פאר די פאליאקען, און די איבעריגע געזעלשאפטליכע רעפארמען האט זי אבגעלעגט אויף שפעטער, ווען זי וועט די ענטשיידונג איבער איהר גורל בעקומען אין איהרע אייגענע הענד.

ד.

לכתחלה זענען געשאַפען געוואָרען גאַנץ פריינדליכע פויליש-יודישע בעציהונגען. ביים אויסברוך פון דער פרייהייטס-בעוועגונג איבער׳ן גאַנצען לאַנד, האָבען די דעמאָקראַטישע עלעמענטען בעקומען די אויבערהאַנד. קיינער האָט נישט געפרעגט דעם צווייטען וועגען אויספיהרליכע פּראָגראַמען, נאָר די איינציגע אַלעמען פעראייניגענדע שטרעבונג איז געווען דער קאַמף מיט׳ן אויטאָקראַטיזם. די פּוילישע דעמאָקראַטיע איז געגאַנגען האַנד-ביי-האַנד מיט דער יודישער, און די ביידע — מיט דער רוסישער. די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע איז אָבגעשטויסען געוואָרען אויפ׳ן הינטערשטען פּלאַן, און צוזאַמען דערמיט זענען, אין אַלגעמיינעם פרייהייטס-רוף, דערשטיקט געוואָרען די אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. די אידעען פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט" און דער גלויבען אין דער נאָהענטער ענטשטעהונג פון אַ נייער עפּאָכע האָבען בעגייסטערט די גאַנצע בעפעלקערונג פון פּוילען, אָהן אונטערשיעד פון גלויבען און נאַציאָנאַליטעט. מיט דער בעוועגונג האָבען אָנגעפיהרט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, עס האָבען זיך אָרגאַניזירט די פּוילישע, ווי די יודישע מאַסען. פּ. פּ. ס. און ס.-ד. ק. ל.: (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פּוילען און ליטא) האָבען געצעהלט אין זייערע רייהען נישט-ווייניג יודען און אַרויסגעגעבען זייער פּאַרטיי-ליטעראַטור אויף פּויליש, ווי אויף יודיש. די מאַניפעסטאַציעס צוליעב דער קאָנסטיטוציע פון 30-סטען (17-טען) אָקטאָבער 1905 מיט צעהנדליגער טויזענדער אָנטיילנעהמער, פּאָליאַקען און יודען, וועלכע זענען אַריבער אין אַן אַטמאָספערע פון ענטוזיאַזם און איינינקייט, — דאָס איז געווען דער העכסטער פּונקט פון דער פּויליש-יודישער ברודערשאַפט.

אָבער די קאָנסטיטוציאָנעלע „האָניג-טעג" האָבען לאַנג נישט געדויערט. אין וואַרשא האָט זיך דער ערשטער טאָג פון דער קאָנסטיטוציע-פייערונג פערענדיגט מיט אַ שרעקליכער שחיטה אויף טעאַטער-פּלאַץ, ווען אין אָוענד זענען געפאַלען אונצעהליגע קרבנות פון פּובליקום, וואָס האָט געפּרובט, טיילווייז לויט דער אייגענער איניציאַטיווע, טיילווייז אונטער׳ן איינפלוס פון פּראָוואָקאַטאָרען, צו בעפרייען מיט כח די אַרעסטירטע פון ראַטהויז. אין גאַנץ רוסלאַנד זענען באַלד אויסגעבראָכען פּאָגראָמען, וואָס האָבען געטראָגען דעם בולט׳ן כאַראַקטער פון אַן אָרגאַניזירטער קאָנטר-רעוואָלוציע. פון ערשטען אויגענבליק איז געווען צו בעמערקען, אַז די רעאַקציאָנערע קרייזען אין רוסלאַנד ווילען פאַר יעדען פּרייז דערשטיקען די רעוואָלוציע און צוריקשטעלען די אַלטע אָרדנונג. די נ.-ד.׳קעס (נאַראָדאָווע דעמאָקראַטען) אין פּוילען האָבען דאָס דערשפּירט און איינגעזעהן, אַז איצט הויבט זיך ענדליך אָן זייער צייט. די אָנפיהרער פון דערדאָזיגער פּאַרטיי האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן געדאַנק, אַרויסצובעקומען פון דער רוסישער רעגירונג, אַלס פּרייז פאַר אונטערדריקען די רעוואָלוציע, געוויסע הנחות אויפ׳ן נאַציאָנאַלען געביעט, און אַזאַ „מין געשעפט" איז פאַר זיי געווען נאָכמעהר צו דער האַנד, ווייל זיי אַליין זענען געגנער פון דער רעוואָלוציע; דערביי האָבען זיי געהאָפט אויף דער אונטערשטיצונג מצד די מאַסען פון דער שליאַכטע, פון בירגערטום און דעם נישט-בעוואוסטזיניגען המון.

ה.

זייער נייעם טעטיגקייטס-פלאן האבען די נ.-ד.'קעס בעשלאסען אנהויבען דורך זייער אלט-אויסגעפרובירטען מיטעל פון קאמף מיט יודען. דאס איז געווארען נאך לייכטער דורכדעם, וואס הגם דער פוילישער אנטיסעמיטיזם האט אויך ביז-אהער געהאט גענוג פרייהייט און זיין פראפאגאנדע, אבער דאך האבען די אלטע צענזור-בעדינגונגען אין א געוויסער מאס פערשטעלט איהם דעם וועג. ווי עס זאל נישט זיין, איז דאך ביז-אהער נישט געוועזען פון די לייכטע זאכען צו רופען אפען צו גוואלד-מהאטען נעגען יודען, צו פיהרען די אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע אין א פראקלא-מאציע- און מיטינג-סטיל דורך רעדעס אויף פערזאמלונגען אדער דורך פונאנדער-קלעבען און פונאנדערטיילען אויפרופען אויף די גאסען. די „פרייהייט פון ווארט", איינגעפיהרט דורך דער קאנסטיטוציע, האט דאס אלץ איצט מעגליך-געמאכט. און אויב עס איז ביז-איצט אונמעגליך געוועזען צו פיהרען אזוי אפען די אגיטאציע נעגען די „ליטוואקעס" ספעציעל אלס נעגען די רוסישע יודען, נעגען א רוסיפיצירענדיגען עלעמענט, איז ערשט געשאפען געווארען די געלעגענהייט צו בענוצען זיך אין קאמף נעגען די יודען אויך מיט דער אנטי-רוסישער שטימונג פון דער פוילישער געזעלשאפט.

די נ.-ד.'קעס האבען זיך אלזא גענומען צו דער ארבייט. אנגעהויבען האט מען גאנץ בעשיידען. נאך אין די טעג פון אלגעמיינעם ענטוזיאזם זענען אין פיעל פוילישע שטעדט איינגעארדענט געווארען רעליגיעז-קאטוילישע פראצעסיעס מיט היילינע בילדער און קרייצען, מיט נאציאנאל-פוילישע עמבלעמען, פראצעסיעס, וועלכע האבען גע-זאלט דיענען אלס נאציאנאלער פראטעסט נעגען קאסמאפאליטיזם, הגם אלע האבען אויסגעצייכענט געוואוסט, אז קיינע פון די סאציאליסטישע פארטייען איז נישט נעגען די פוילישע נאציאנאלע אידעאלען. און, פערקעהרט נאך, איינינע פון זיי האבען ארויסגעשטעלט און קעמפען פאר דער פערווירקליכונג פון א פויליש-נאציאנאלען פראגראם, א פיעל בריימערען, ווי די בורזשואזיע פאדערט. און צוזאמען מיט'ן וואוקס פון דער רעאקציע האבען די נ.-ד.'קעס אלץ שארפער ערקלערט קריג די רעוואלוציאנערע-סאציאליסטישע פארטייען, און כדי זיי צו דיסקרעדיטירען האבען זיי פונאנדערגעבלאזען אין די פינסטערע פוילישע מאסען די שוין לאנג פערזייהטע שנאה צו יודען, גלייכשטעלענדיג פאר זיי דעם „סאציאליזם" מיט „יודישקייט". מען האט פערשפרייט צווישען המון פאלשע קלאנגען, אז „די יודען און זייערע קנעכט, די סאציאליסטען, האבען אנגערופען דעם ווייסען אדלער — דעם פוילישען הערב — „ווייסע גאנז" און האבען זיך אויסגעדריקט, אז פוילען איז א פגר". ביי אזא שטימונג האבען די אויסגעבראכענע פאגראמען אין רוסלאנד נאכמעהר שטארק בעאונרוהיגט די פוילישע יודען און געפאדערט פון זיי גרויסע פארזיכטיגקייט, בעזונדערס נאך צוליעב דעם, וואס עס האבען נישט געפעהלט קיין פראוואקאטארען, וועלכע האבען זייער גאנצע ענערגיע אנגעווענדעט ארויסצורופען אויך אין פוילען פאגראמען. צו קיין ערנסטע אונרוהען נעגען יודען (נישט-רעכענענדיג די קליינע ארויסטרעטונגען אין אסטראוועץ און טשענסטאכאוו) איז אבער אין פוילען נישט געקומען. ווי אזוי דאס האט געקאנט געשעהן — איז געבליבען אונערפארשט. דעם גרונד צו שרעק האט

געגעבן דער פאקט, אז אויב אין רוסלאנד, וואו עס האט כמעט נישט עקזיסטירט קיין געזעלשאפטליכע אנטיסעמיטישע אגיטאציע אין ברייטערען זין פון ווארט, האט עס געקאנט קומען צו אזעלכע פאגראמען, איז דאך נאך מיט מעהר בעשטימטקייט געווען צו ערווארטען, אז זיי וועלען אויסברעכען דא, וואו די פאגראם-שטימונג ווערט געשאפען דורך א שטארקער פארטיי. מעגליך, אז דאס דארף צוגעשריבען ווערען די אייגענשאפטען פון די פוילישע מאסען און נישט די גוטע כוונות פון די אנטיסעמי-טישע רעדעל-פיהרער; מעגליך, אז די אנפיהרענדע נ.-ד.'קישע קרייזען האבען גע-האלטען פאר איבעריג ארויסצורופען אן אנטיסעמיטישע שטימונג דורך פאגראמען דארט, וואו די שטימונג איז שוין סיי-ווי-סיי געווען דאמינירענד; מעגליך, אז מ'האט מורא געהאט פאר א געגען-ארויסטריט פון די נאך אלץ שטארקע פראלעטארישע פארטייען, און, ענדליך, איז אויך מעגליך, אז אין די פוילישע אנטיסעמיטישע קרייזען האט מען עס בעטראכט פאר שעדליך צו קאמפראמיטירען דורך צו-ברוטאלע ארויס-טרעטונגען די בעוועגונג, וועלכע האט זיך געשטעלט ברייטע אויפגאבען און געוואלט אימפאנירען דורך דער אנווענדונג פון פלומר'שט „קולטורעלע" קאמפס-מיטלען. ווי עס זאל נישט זיין, דארף פערצייכענט ווערען, אז עס האבען זיך בעוויזען אין פער-שיעדענע ערטער אנטיסעמיטישע פראקלאמאציעס מיט ערקלערונגען, אז אייגענטליך דארף געפיהרט ווערען דער קאמף מיט יודען, אלס שונאים פון פוילישען פאלק, און'ברחמנות'דיג, נישט-אויסקלייבענדיג קיין מיטלען, אבער מ'דארף זיך אבהיטען פון פאגראמען, וועלכע עס ווילען ארויסרופען די „מאסקאלעס" (רוסען) מיט'ן צוועק צו קאמפראמיטירען די פאליאקען און דערנאך זיך מיט זיי בלוטיג דערפאר אבערכענען. אייניגע פאליאקען, בעזונדערס פון די ראדיקאלע קרייזען, האבען זיך בעטייליגט אין דער דורך יודען ארגאניזירטער „זעלבסטשוץ", וואס עס דארף פערצייכענט ווערען בלויז אלס אן אקט פון גוטען ווילען, אין דער ווירקליכקייט אבער האט די זעלבסטשוץ קיין ממשות'דיגע בעדייטונג נישט געהאט, ווייל די פאליציי האט אומעטום שטארק נאכגעשפירט, ענטוואפענט און שטארק בעשטראפט איהרע מיטגליעדער, וועלכע האבען נישט געהאט די געלעגענהייט ארויסצווייזען זייער טעטיגקייט... בלויז אין שעדלעץ איז פארגעקומען א גרעסערער פאגראם, אבער ער איז געווען ארגאניזירט און דורכגעפיהרט דורכ'ן רוסישען מיליטער, אהן דעם אנטייל פון די פא-ליאקען. (1905).

ו.

אבער אחוץ פאגראמען האט די נאראדאווע דעמאקראטיע אליין געטהון, צו פערשפרייטען צווישען פאלק די פערביסענסטע שנאה צו יודען, נישט-אבשטעלענדיג זיך פאר קיין שום מיטלען. אונטער'ן לאזונג פון קאמף מיט יודען האבען די נ.-ד.'קעס געפיהרט זייער פארטיי-קאמף מיט אנדערע פאליטישע ריכטונגען אין לאנד, וועלכע זיי האבען, אלס „יודישע לויט זייער גייסט", ענטזאגט דאס רעכט צוגערעכענט ווערען צום פוילישען פאלק. די פוילישע פראגרעסיסטען, ראדיקאלען און סאציאליסטען —

אַלע צוזאַמען זענען דורך דער נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע פּראָקלאַמירט און צונויפֿגעוואָרפֿען געוואָרען אין איין „יודישע מאַסע", וואָס בעציהט זיך פּלומר'שט פֿיינדליך צו די פּוילישע נאַציאָנאַלע אידעאַלען און צו דער פּוילישער קולטור.

די פֿערשאַרפֿונג פֿון די פּויליש-יודישע בעציהונגען האָט זיך בעזונדערס אַרויסגעוויזען בעת די וואַהלען צו דער ערשטער דומע. אַדאַנק דער אַגיטאַציע פֿון די נ.-ד.'קעס און דער קאַטוילישער גייסטליכקייט האָט דעמאָלט די אַנטי-יודישע שטימונג אַמשטאַרקסטען אַרומגענומען די ברייטע מאַסען פֿון פּוילישען פֿאָלק. די נ.-ד.'קעס זענען דאַן געשטאַנען אין וואַהל-קאַמף מיט'ן „פּראָגרעסיווען בלאָק", פֿאַר וועלכען עס האָבען געשטימט די יודען. צו פֿערשטאַרקען די שנאה צו יודען האָט אין אַ געוויסער מאָס אויך מיטגעווירקט די פּוילישע פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געשפּילט די הויפּט-ראָליע אין דער „פּראָגרעסיווער פֿעראייניגונג". שטרעבענדיג זיך לייכט ערוועַרבען איינפֿלוס און מאַכט, וואָס זי האָט נישט געקאָנט בעקומען דורך דער זעהר קליינער צאָהל פֿון אירע פּוילישע אָנהענגער, האָט זי געמוזט אָנקומען צו יודישע שטימען, בעמיהענדיג זיך פֿאָרצושטעלען אַלע פּוילישע יודען אַלס פֿאָליאַקען. אָבער די פּוילישע יודען האָט מען בשום-אופֿן קיין רעכט נישט געדאַט צוצורעכענען צו דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט: אויף די יודישע בירגערליכע קרייזען האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גרויסען איינפֿלוס דער ציוניזם און בכלל די יודישע נאַציאָנאַלע שטרעמונגען, אויפ'ן יודישען פּראָלעטאַריאַט — דער „בונד" און די ציוניסטישע אַרבייטער-ריכטונגען; די קאָנסערוואַטיווע יודען, לויט זייער גאַנצען מהות אָבגעזונדערט און אָבגעטיילט פֿון אַנדערע, האָבען נאָכמעהר פֿאַר „פֿאָליאַקען" נישט געקאָנט גערעכענט ווערען; דער גרעסטער טייל פֿון דער איבעריגער יודישער אינטעליגענץ האָט געהערט צו פֿערשיעדענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: צו די פּ.-ד.'קעס (פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטען) האָט אַלזאָ געקאָנט געהערען בלויז אַ קליינע יודישע גרופּע, די אַזוי-גערופֿענע אַסימילאַטאָרען. אָבער די זעלביגע אַסימילאַטאָרען, אויסנוצענדיג זיך מיט'ן פּאָליטישען אונבעוואוסטזיין פֿון די יודישע מאַסען, וואָס עס שטאַמט פֿון דער יודישער אייביגער רעכטלאָזיגקייט, האָבען זיי זיך כ'שדך-געווען, — אָדער, בעסער געזאָגט — איינפֿאַך „אַוועקגעשענקט" די פּוילישע פּ.-ד.'קעס, נישט פֿערלאַנגענדיג גאָרנישט דערפֿאַר. די פּוילישע פּ.-ד.'קעס, ווי די יודישע אַסימילאַטאָרען האָבען אויסגעצייכענט געוואוסט, אַז דורך געבען יודען בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג אָהן רעכט פֿון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט וועַרען אין דער ווירקליכקייט די יודישע רעכט לגמרי נישט גאַראַנטירט, ווייל יודען האָבען דאָך שוין ביז-איצט געהאַט אין פּוילען בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג דורך „וועלאָפּאָלסקי'ס כטאַטוט", אָבער, צוליעב דער בעציהונג פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט און פֿון דער רוסישער רעגירונג, איז עס געבליבען בלויז אויפ'ן פּאַפּיר.

די וויכטיגקייט פֿון די נאַציאָנאַלע רעכט — כאָטש בלויז אַלס מיטעל צו גאַראַנטירען דורכדעם דעם ווערט פֿון דער בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג — האָבען די פּ.-ד.'קעס גוט פֿערשטאַנען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פֿאָליאַקען, און זיי האָבען עס גאַנץ קלאָר און בעגרינדעט אויסגעדריקט אין זייער פּראָגראַם: „די איינפֿאַכע גלייכבערעכטיגונג, געהמענדיג אין בעטראַכט די אַלגעמיינע רוסישע קאָנ-

סטיטוציע, וועט נישט נור אונז נישט געבען קיין גאראנטיע פון דער נאציאנאלער זייט נאר זאגאר אונז ערנסט בעדראהען אין דער הינזיכט. צוזאמען מיט דער רעגירונג האלט דאן, ווען זי וואלט נור וועלען, אונז געקאנט אונטערדריקען און פייניגען אויך די רוסישע געזעלשאפט; אנשטאט דער ווילקירליכער לאסט פון די רעגירונגס בעאמטע, וואלט אונז דאן צעריבען די מאשין פון דער פארלאמענטארישער מעהרהייט, — אנשטאט דעם געזעצלאזען טויט, וואלט מען אונז פערשאפט א געזעצליכען לויט די אלע כללים פון א קאנסטיטוציאנעלען מארד, וואס פון איין זייט לאזט ער נישט קיין פערטיידיגונג, און פון דער צווייטער — רופט ער נישט ארויס קיין אבשוי". און נאציאנאלע רעכט האבען די פ.=ד.'קעס געפאדערט פאר די פאליאקען נישט בלויז אין קעניגרייך פוילען אליין, ווייל אט=וואס עס ערקלערט איין פונקט פון זייער פראגראם: „די פאליאקען אין די קאנטען, וואו זיי שטעלען=פאר איינע פון די נאציאנאליטעטען, נעמליך אין ליטא און רוס, ווערט אנערקענט פולע בירגערליכע און נאציאנאלע רעכט אהן קיין שום אדמיניסטראטיווע אדער געזעצליכע בעגרענצונגען". דעמדאזיגען פונקט ערקלערט די פאלגענדע „בעמערקונג": „די ספעציעלע זיכערונג פון די פוילישע רעכט אין דידאזיגע קאנטען ווערט בעגרינדעט נישט בלויז היסטאריש, נאר אויך פ א ק ט י ש — זיי שטעלען דארט פאר גרויסע קאמפאקטע מאסען, וואס זיי לעבען דארט לויט זייער אייגענער קולטור". נאציאנאלע רעכט האבען די פ. ד.'קעס אויך אנערקענט פאר די ליטווינער און רוטענער, וואס וואוינען אין פוילען, ערקלערענדיג, אז „אין די פאוויאטען מיט א ליטווישער אדער רוטענישער בעפעלקערונג וועט די ארטיגע שפראך, נעבען דער פוילישער, פערנעהמען אן אפיציעלען ארט", מיט איין ווארט — אלעמען, חוץ די יודען, וועלכע מען האט געוואלט בעגליקען מיט „גלייכבערעכטיגונג", פעראורטיילענדיג זיי אויף **אזא אופן** צו צוואנגס=אסימילאציע און פאקטיש — צו רעכטלאזיגקייט.

דורכפיהרענדיג אזא פאליטישע „מאכינאציע" בנוגע צו יודען, האבען די פ. ד.'קעס אזא עהנליכע מאכינאציע געוואלט דורכפיהרען אויך בנוגע צו פאליאקען. טראץ דעם, וואס זיי האבען געוואוסט, אז זייער גאנצע ארמעע בעשטעהט פון יודען, וועלכע זענען ערווארבען געווארען צוליעב זייער נישט=פערשטעהן זיך אין פאליטישע פראגען אדער דורך נישט=איבעריג שענע און פאליטיש=ריינע מיטלען פון די אסימילאטארישע מאכט=האבער, האבען זיך די פ.=ד.'קעס דאך פארגעשטעלט אלס בלויז א פוילישע פראגרעסיווע ארמעע. זיי האבען דורכדעם שטארק מיטגעהאלפען דער נאראדאווע דעמאקראטיע, אז זי זאל קאנען מיט מעהר ערפאלג פיהרען די אנטיסעמיטישע אגיטאציע. אויפ'ן דעמאגאגישען פייער פון די נ.=ד.'קעס האבען דידאזיגע פראגרעסיסטען צוגעגאסען אייל.

ז.

אין די פאר=וואהל=אויפרופען און פערזאמלונגען האבען די נ.=ד.'קעס געפיהרט די שארפסטע אנטיסעמיטישע אגיטאציע, כמעט נישט=בעסער פון די פארשטעהער פון דער רוסישער „שווארצער מאה". פאר פאליאקען האט מען די יודען נישט געוואלט

אַנערקענען, אָבער פון דער צווייטער זייט איז מען געוואָרען ביז דער העכסטער מדרגה אויפגערעגט, ווען עס האָט זיך געלאָזט הערען אַ יודישע שטימע וועגען שיקען אַ יודישען דעפוטאַט פון וואַרשא — איינעם פון די צוויי דעפוטאַטען, וואָס וואַרשא האָט געהאַט צו שיקען — אין דומע. מען האָט עס בעטראַכט אַלס אַ חרפה פאַר פּאָליאַקען, צו טראַכטען גאָר וועגען שיקען אַ יודישען דעפוטאַט פונ'ם „האַרץ פון פּוילען", פון וואַרשא. דער בעקאַנטער דראַמאַטורג י. אַ. קיסילעווסקי האָט פערעפענטליכט אַנ'אויפרוף צו די וועהלער, געשריבען אין שאַרפסטען אַנטיסעמיטישען טאָן, און דער גרייז-גרויער פּוילישער שריפטשטעלער באָלעסלאַוו פּרוס, אַנערקענענדיג אין פּרינציפּ דאָס רעכט פון די יודען צו שיקען אַנ'איינענעם דעפוטאַט, האָט אָבער אויסגערעכענט, אַז לויט דער צאָהל פון זייערע איינוואוינער אין וואַרשא קומט-אויס אויפ'ן חלק פון די יודען 3/4 אָדער פינף זעקסטעל פון אַ דעפוטאַט, און דעריבער, האָט ער אויסגעפירט, קאָנען די יודען נישט האָבען קיין פּרעטענזיעס אויף אַנ'איינענעם דעפוטאַט. אין פּראָווינץ איז די וואַהל-קאַמפּאַניע געפירט געוואָרען נאָך אין אַ היציגערער אַטמאָספערע פון האַס און אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען. עס האָבען זיך בעוויזען בראָשורען און אויפרופען, וועלכע האָבען ענטהאַלטען אַזעלכע שטעלען, ווי: „נידער מיט די פיינד פון פאָטערלאַנד! געהט צו די וואַהלען אין נאָמען פון די נאַציאָנאַלע לאָזונגען!", אָדער: „שלאָגט נישט די יודען, אָבער גיט זיך זיי נישט אונטער!" בעת די וואַהלען זענען אין וואַרשא געטיילט געוואָרען אויפרופען מיט אַזאַ אינהאַלט: „פּאָליאַקען, לאָ'מיר שווערען, אַז אין פאַל פון אַ יודישען נצחון, וועלען מיר נישט קויפען ביי זיי קיין סחורות אפילו פאַר אַ גראָשען. קיין פּאָגראָמען ווילען מיר נישט, אָבער פאַר דער חוצפה וועלען מיר זיין אימשטאַנד צו בעשטראָפען לויט די פערדיענסטען". דאָסדאָזיגע שטענדיגע דערמאָהנען פּאָגראָמען מיט'ן צוגאָב, אַז מען דאַרף זיי נישט מאַכען, האָבען די פּוילישע אַנטיסעמיטען זיך אויסגעלערנט ביי די רוסישע שוואַרצע-מאה'ניקעס, וועלכע פלעגען אויך, כדי אָבצוהיטען אויסערליך דעם שיין פון לעגאַלע פאָרמען, געוועהנליך בעטאָנען, אַז זיי ווילען נישט מאַכען קיין פּאָגראָמען, גלויבענדיג דערביי, אַז זייער אוידיטאָריע וועט פערשטעהן, אין וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ. די נ.-ד.'קעס האָבען זיך אויסגענוצט מיט דער איצטיגער געלעגענהייט, אַרויסצורופען ביי די נישט-בעוואוסטזיניגע מאַסען די שנאה, וואָס זיי שפּירען צו דער רוסישער רעגירונג, וועלכע איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף די רוסען בכלל, אויף די „מאָסקאַלעס". צו דעם צוועק האָט מען אַרויסגעגעבען אַנ'אויפרוף מיט אַזאַ אינהאַלט: „בירגער ברידער! מיר בעקומען אַ ידיעה, אַז די יודען האָבען זיך פעראייניגט מיט די מאָסקאַלעס, כדי געמיינזאַם אַדורכצופירען די וואַהלען. צי קאָנען מיר עס ערלויבען, אַז אונזער רעזידענץ זאָל רעפּרעזענטירט ווערען דורך פרעמדע עלעמענטען, וועלכע זענען פיינדליך געשטימט פאַר די אינטערעסען פון דער פּוילישער געזעלשאַפט? ברידער, נור געהענדיג אין געשלאָסענע רייהען, נור שטימענדיג פאַר דער נאַראָדאָווער ליסטע קאָנען מיר מנצח-זיין דעמאָזיגען חוצפה'דיגען בונד. לאָ'מיר זיך אַלזאָ שטעלען ווי איין מאַן צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון פאָטערלאַנד און נאַציאָנאַלער עהרע, וואָס די גרעסטע ערנידערונג איהרע וואָלט געווען אָבגעבען די רעפּרעזענטאַנץ פון וואַרשא אין די הענד פון די שערעשעווסקי'ס און פּראָסקוריאַקאָווס. לאָ'מיר אַלע

שטימען פאר דער נאראדאווער ליסטע!" — שוין נישט־יעדענדיג דערפון, וואס, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, איז די בעהויפטונג וועגען א יעראייניגונג צווישען די יודען מיט די רוסען א לינגעריש־פראוואקאטארישע, איז אויך כאראקטעריסטיש, נאכמעהר — עס קלינגט ווי א בלוטיגע איראניע דאס צונויפפארען, און צייטען פון פאגראמען און באלד נאך זיי, די יודען שערעשעווסקי מיט דעם בעקאנטען רוסישען רעכטען פראסקוריאקאוו. בכלל, איז געווען כאראקטעריסטיש דאס אנפאלען פון די נ.־ד.־קעס אויף די רוסען, ווען זיי האבען עס געפונען פאר נויטיג פאר זייערע ציעלען, הגם אין דערעלביגער צייט האבען זיי געפונען פאר מעגליך, צו בעטייליגען זיך אין רוסישע צוזאמענפאהרען און דארט האלטען דרשות מיט הויכע פראזען וועגען די „ברידער סלאוויאנער". און נאך וועניגער האבען געהאט דאס רעכט צו בעפאלען די רעכטע רוסען די נ.־ד.־קעס, וואס זייער פיהרער ראמאן דמאווסקי איז געפאהרען קיין פעטערבורג און זיך בעמיהט צו שליסען יד־אחת מיט דער רעאקציע, צוזאגענדיג פון זיין זייט מיטצוהעלפען אונטערצודריקען די פרייהייטס־בעוועגונג!...

ח.

א טרויעריגע ראליע האבען אויך געשפיעלט די פוילישע פראגרעסיסטען. איינע פון זייערע פארשטעהער, איזא מאשצענסקא, האט איינפאך פערלאנגט פון יודען דאנקבארקייט דערפאר, וואס די פאליאקען האבען נישט געמאכט קיין פאגראמען, אדער — ווי זי האט זיך אויסגעדריקט — „צוליעב דעם אויסגעצייכענטען עקזאמען פון הומאניזם און פאליטישער רייפקייט, וואס די פוילישע געזעלשאפט האט בעלעגט נישט בלויז אין לעצטען יאהר, נאר אין די לעצטע צעהנדליגער יאהרען". די דאנקבארקייט האט בעדארפט בעשטעהן דערין, אז די יודען זאלען אונבעדינגט אקצעפטירען דידאזיגע צוויי תנאים: „אין פוילישען לאנד א פוילישע פערוואלטונג — די ברייטעסטע פאליטישע אויטאנאמיע" און „דאס קעניגרייך פוילען, טראץ דעם גענוג בעדייטענדען פראצענט פון יודישע איינוואוינער, איז א פויליש לאנד און וועט אלס אזא נישט אויפהערען צו זיין". און וויל קיין יודישע ריכטונג אדער פארטיי איז נישט געווען נעגען א פוילישער אויטאנאמיע, האט זיך דער פארוואורף פון דערדאזיגער פוילישער פראגרעסיווער שריפטשטעלערין נעגען „יודישען שטאנדפונקט" געקאנט בעציהען בלויז אויף דער יודישער פאדערונג פון רעכט פון א נאציאנאלער מינדערהייט. אין איהרען אנ'ארטיקעל, — וואס דער יודישער ארגאן „גלאס זשידאווסקי" האט ריכטיג בעמערקט, אז זיין נאמען האט בעדארפט זיין „דאנקבארקייט אדער א פאגראם", — פאדערט זי, אז די יודען זאלען זיך פון זייער דאזיגער פאדערונג ענטזאגען.

ט.

די שטעלונג פון די יודען־נאציאנאליסטען אין דער פוילען־פראגע האט אמבעסטען אויסגעדריקט דער בעקאנטער שריפטשטעלער און ציוניסטען־פיהרער נחום

פּאָקלאָוו אין אַן אַרטיקעל „אונזער בעציהונג צום פּוילישען פֿאָלק", אין וועלכען ער האָט ארויסגעזאָגט די פֿאָלגענדע געדאַנקען:

„.... עס איז אַ שרעקליכער טעות געוועזען, אַז מיר אַלס נאַציאָנאַלע יודען שטעהען פֿיינדליך געגען די פּוילישע נאַציאָן... איצט איז געקומען די צייט ארויסצוזאָגען מיט פֿולע דבורים, אַז דוקא נאַציאָנאַל-יודען האָבען מעהר געפֿיהל פֿאַר אַ אַנדער נאַציאָנאַליטעט, ווי אַסימילאַטאָרען, און מעהר ווי אַנדערע גרויסע, גליקליכע נאַציאָנען!.. רוב נאַציאָנאַל-בעפֿרייטע פֿעלקער פֿיהלען נישט דעם טעם-המות פֿון נאַציאָנאַלער גלות. אַט די דאָזיגע, די נאַציאָנאַל-בעפֿריידיגטע פֿעלקער, האָבען זיך אויך געמאַכט אַ „נאַציאָנאַליזם". מיר מוזען דאָס ערקלערען, ווייל פֿיעל, פֿיעל פּלאַטשיקע קעפּלעך זענען פֿאַרהאַן, וואָס מישען-אויס דעם מין נאַציאָנאַליזם מיט אונזער שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיגקייט.

„.... פּוילען האַלטען מיר פֿאַר אַ ליידענדע נאַציאָן... מיר האַלטען דאָס פּוילישע שטרעבען אַלס אַ נאַטירליך שטרעבען צו נאַטור, צו זיך אַליין און פֿאַר זיך אַליין. דעם הונגעריגען פֿערשטעהט נאָר דער הונגעריגער. מיר, יודען, בעזונדערס ציוניסטען, זענען טויט-הונגעריג, טעריטאָריאַל און נאַציאָנאַל. אַ וועלט מיט יאָהרען האָט מען אונז, מיט אייזען און בלוט, מעביר-נחלה געווען. אָבער די מכּה איז נישט פֿערהיילט געוואָרען. אזוי ווי דער לאַנגער ביטערער גלות האָט זיך אָנגעהויבען, אַזוי האָט ער זיך נישט אויסגעלאָזט. ער דויערט אין פֿאָגראָמען; ער פֿערפֿלייצט די וועלט מיט ימים פֿון אונזער בלוט! מיר מוזען צוריק קריגען אונזער אַלטע, אייגענע נחלה. דאָס איז דער פּאָליטישער ציוניזם.

„.... מיר זענען אָנהענגער פֿון דעם סיסטעם, אַז די מעהרהייט, צוליעב איהר גוטס און שלום און ברידערשאַפֿט, מוז זיך גרופּירען אין פֿעלקער, און אַז פֿעלקער ברויכען צו האָבען פֿרייהייט און זעלבסטבעשטימונג. מיר זענען איבערצייגט, אַז איטליכעס פֿאָלק קאָן אַמבעסטען אויסאיידלען זיין האַראַקטער, פֿערפֿיינערן זיינע מדות, אַרויסגעבען פֿון זיך די שענסטע זאַכען אין קולטור און קונסט, דערגרייכען די העכסטע מדרגה פֿון בילדונג און שענהייט, קונד-שלימות זיין פֿאַר די צוקונפֿטיגע פֿערברידערונג פֿון פֿעלקער, צו וועלכע אַלע שטרעבען, נאָר ווען מען שטערט עס נישט פֿריי זיך איינצוריכטען און צו ווירטשאַפֿטען אין איין אייגען לאַנד, וואו עס איז דער רוב פֿון איינוואָהנערשאַפֿט, און אַם בעסטען און זיכערסטען אין זיין אייגען לאַנד, אין וועלכען ס'האָט איהם געלויכטען פֿון יוגענד אָן דאָס העלסטע לעבענס-ליכט... פֿערשטעהט איהר שוין, פֿאַרוואָס נישט אפֿילו מיר זענען ציוניסטען, נאָר דוקא ווייל מיר זענען מענשען מיט אַ נאַציאָנאַלער אידעע — מוזען מיר אַט אזוי זיך פֿערהאַלטען? אזא פֿערהאַלטען זיך צו אַן אַנדער נאַציאָן איז נישט אַ סימפּאַטיע — מעהר: אַ חיוב, וואָס וואַקסט-אַרויס פֿון אונזערע אייגענע איבערצייגונגען. דאָס איז נישט אַסימילאַציע!

„.... דער אַסימילאַטאָר, דער איינשלינגער, דער איינגעשלונגענער, דער פֿערמישער, דער פֿערמישטער, אויב ער האָט ביי זיך גע'פּועל'ט אָפּצוגעהן פֿון איין נאַציאָן צו דער אַנדערער, איז געמאָלט, אַז ער קאָן אָפּגעהן פֿון דער אַנדערער צו דער דריטער, פֿון דער דריטער צו דער פֿירטער. וואָרום — אַז מען מישט, מישט מען.

דער וואָס האַלט פֿון מישען, פֿרויך דאָך, בכלל, זיך נישט שטאַרק מוסר־נפש צו זײַן אויפ׳ן דערהאַלטען דוקא פֿון אײַן פֿאָלק. בײַ **אונז** איז עס אָבער **פּרינציפּ** און **גערעכטיגקײַט**, בוכשטעבליך דיזעלבע גערעכטיגקײַט, וועלכע מיר פֿערלאַנגען פֿאַר זיך.

„... מיר זענען נישט פּוילישע נאַציאָן, ווי די אַסימילאַטאָרען זאָגען — אָבער אַ חבר׳טע איז אונז די פּוילישע נאַציאָן. און מיר האָבען געזעהן, ווי זי איז געוועזען נעדריקט און געשטיקט און געוואָרגען פֿון אַלטען רעזשים... און דוקא אַלס יודען, אַלס נאַציאָנאַל־יודען, אַלס מעג׳יטען מיט אַ פֿאָלקס־אידעאַל, טרײַ צו אונזער פֿאָהן, אויף וועלכער ס׳פֿלאַמען די ווערטער: „ציון במשפט תפדה“, מוזען מיר האַלטען איבעראַל פֿאַר רעכט, געגען אונטערדריקונג, געגען נאַציאָנען־פֿערניכטונג, געגען גזרת־השמד — רעליגיעז אָדער נאַציאָנאַל — מיט דעם שוואַכערען! מיר מוזען איהם אונטערשטיצען, ער זאָל זיך אויפֿריכטען, ער זאָל זיך בעלעבען — מיט **רעכט**!

„... אײַן זאַך מוזען מיר זאָגען אויפ׳ן הויכען קול, און מיט קלאָרע, שאַרפֿע דבורים: אויב אַ מין נאַראָדאָוואַ דעמאָקראַטיע אָדער אַ אַנדער פּאַרטײַ, קריגענדיג כח, וועט חשק האָבען זיך מיט דעם כח בעדיענען — אונז אײַנצושלינגען, וועלען מיר זיך בוודאי אַוועקשטעלען אין זײַן תאוה־גורגעל, אײַנשלינגען — לאו! אויף קײַן שום אופֿן אין דער וועלט! אם־כן וועלען מיר זיך אפשר דאָ מאַכען ארץ־ישראל? דאָ מוזען מיר פֿעסטשטעלען אונזער שטאַנדפּונקט: **מיר האָבען אונזער טעריטאָריאַל־פּאָליטישען אידעאַל פֿון ריכטיגען אויפֿלעבען אין ארץ־ישראל. דער יוד מוז אויפֿלעבען אַלס נאַציאָן. דאָס וועלען מיר נישט דערגרײַכען אין עמאַנסיפּירטען גלות, אַזוי ווי מיר האָבען עס נישט דערגרײַכט אין דעם אונעמאַנציפּירטען.** דאָס איז בײַ אונז נישט פֿאַנטאַזיע, נאָר איבערצײַגונג, געשיכטליכע איבערצײַגונג. אונזער געשיכטליכע איבערצײַגונג איז, אַז גלות בלײַבט גלות, אײַן פֿעריאָד מעהר צרות, אײַן פֿעריאָד ווייניגער צרות, און ווידער קלעפּ, און ווידער אַביסעל איבערבעטען און דערנאָך ווידער אַרויסטרײַבען, אָדער אויף אַ נײַעם אופֿן: צווינגען צו עמיגרירען! פּוילען וועט אַזוי ווייניג ווערען ארץ־ישראל, ווי דײַטשלאַנד אָדער פֿראַנקרײַך — אין בעסטען פֿאַל.

„... אם־כן ברויכען מיר נאָר נישט צו שטרעבען צו גלײַכבערעכטיגונג? — ס׳איז גלײַך, ווי מען וואָלט געזאָגט פֿון אַ מענש, וואָס שטרעבט צו פֿאָלקאָמענעם וואָהלשטאַנד און גליק און רוהע, אַז ער, ווײַל ער שטרעבט צו פֿאָלקאָמענעם וואָהלשטאַנד און גליק און רוהע, ברויך ער זיך צו לאָזען דערווײַל צו שטיקען און ווערגען און שפּײַען אין פּנים און ראַבעווען און טרעטען מיט די פֿיס און בינדען און אַראָבנעהמען די צורה פֿון אַ מענש. גלײַכבערעכטיגונג איז אונז נויטיג, ווי ליכט, ווי לופֿט, ווי ברויט, ווי וואַסער — צום לעבען, צום עקזיסטירען, צום קאָנען זיך ערנעהרען, צו קאָנען אַרבײַטען, צו קאָנען ערציהען קינדער, עהנליך צו מענשען אויסצוזעהן, צו קאָנען בעשיצען דעם כבוד, וואָס איז טײַערער פֿון לעבען. מיר פֿאָדערן זי, זיך נישט אָבזאָגענדיג אויף אײַן האָר פֿון אונזערע אידעאַלען.

„...וואָס קומט דאָס אײַך? און וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט איהר צו דעם לאַנד?— וועלען די היסטאָרישע פּאַספּאָרטיסטען פֿרעגען. זאָלען זיי מוחל זײַן, אויסהערען אַ קלאָרע תשובה: פֿיעל דורות זענען מיר דאָ; געקעמפּפט און געליטען האָבען מיר דאָ, ווי איבעראַל. מענשען זענען מיר, ווי אַלע, נאַטור־מענשען, מענשען מיט האַרץ, מיט אַ פּאָר אויגען, מיט אַ נשמה — און מענשען קאָנען נישט זײַן, ווי פֿויגעל אין דער לופֿט. מענשען מוזען האָבען אַ אָנקעדרעניש צו דעם אָרט, וואו זיי וואָהנען. מענשען מוזען זיך אינטערעסירען מיט כּלל־אַרבייט פֿון לאַנד. מענשען מוזען האָבען געוויסע בעציהונגען אפילו צו דער נאַטור פֿון לאַנד... דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו אונזערע נאַציאָנאַלע אידעאַלען, אָדער צו אונזער גלײַכבערעכטיגונג. מיר ווילען אויך נישט לייקענען, — און עס וועט נישט העלפֿען, אויב מיר וועלען לייקענען, — אַז עס איז דאָ אין דער יודישער נאַציאָנאַליטעט קאַטעגאָריען, אונטער־אָבטיילונגען, ספּעציעלע גאַטונגען, ווי, צום בײַשפּיעל, פּוילישער יוד. מיר וועלען זיך זאָגאַר בעמיהען, אַרויסצוברענגען אין קונסט דעם כאַראַקטער, דעם תּוך, דעם ניואַנס... אָט אין דער הינזיכט האַלטען מיר שטאַרק פֿון לאָקאַל־קאָלאָריט. אָבער אין דעם אַלעם זענען מיר און בלײַבען נאַציאָנאַל־יודען, געגען אַסימילאַציע.

„...מיאוס און מאוס איז אונז געוואָרען דער שליאַכעצקע־אַסימילאַטאָרישער פּזמון, אַז „אונזערע טאַטעס, די שלעפּערס, די פּערוואָנעלטע, די אָבגעריסענע־אָבגע־שליסענע, וואָס מ'האָט זיי איבעראַל געבּרענט און געבּראָטען, זענען געקומען און האָבען זיך געוואַלגערט דאָ פֿאַר די שוועל". ווייטער: „דאָ האָט מען זיי מיט גרויס רחמנות געעפֿענט אַ טיר און אַרײַנגעלאָזט"... נאָר אינגאַנצען אומענשליך און אוניודיש ווערט דיזאָזיגע אַסימילאַציע, ווען זי בעווייזט, אַז מיר זענען מחויב, פּשוט, אַלס „אָרענטליכע מענשען", מכיר־טובה זײַן פֿאַר'ן „אַרײַנלאָזען" — צו אָבזאָגען זיך פֿון פֿאָלק־בעזונדערקייט, פֿון אַחדות מיט אַנדערע יודען, פֿון נאַציאָנאַלען פֿאַמיליען־געפֿיהל.

„...וואָס אַנבעלאַנגט פֿערגאַנגענהייט, היסטאָריע — איז פֿוילען פֿאַר אונז נישט קיין הקדש און אונזערע טאַטעס זענען נישט געווען לאַהם און קרום בײַם אַרײַנקומען. אונזער בעגריף פֿון אונזערע גרויסע עלטערן איז נישט, ווי פֿון אַ באַנדע ציגײַנערס אָדער טאַטערן, וואָס זענען געקומען אָהן שום קולטור, אָהן נאַציאָנאַליטעט... לויט אונזערע מענשליכע און נאַציאָנאַלע בעגריפֿען ברויכען מיר נישט—מיט אַ קבצנישען פּלעט אין דער האַנד צום אָפּיעקון, מיט ראיות, אַז מיר זענען איהם נוצליך — צו קומען בעטלען און צו זאָגען, אַז סוף־כּל־סוף, בהמשך הזמן, וועלען מיר זיך אַ ביסעלע אונטער־שמד'ן, רעליגיעז אָדער נאַציאָנאַל, נישט אַלע מיט־אַמאָל, נאָר פֿריהער די גאַנץ רייכע, דערנאָך א. אַז. וו. מיט צאָרן און מיט עקעל ווענדעט זיך דאָס יודישע פֿאָלק אָב פֿון די גענג".

סאָקאָלאָוו ענדיגט זײַן אַרטיקעל מיט די בעמערקונגען, אַז אייגענטליך איז קיין אונטערשיעד נישט, צי מיר זענען געקומען קיין פּוילען מיט טויזענד אָדער מיט הונדערט יאָהר צוריק, צי מ'האָט אונז דאָ אַמאָל גוט אויפֿגענומען אָדער נישט. מענשליכע רעכט שענקט נישט איין מענש דעם אַנדערען; דאָס מענשליכע רעכט

ליגט אין מענש אליין, ווי די נאציאנאלע רעכט ליגען שוין אין בעגריף פון נאציע אליין... די בעצידונג פון די פאליאקען דארף זיך שטיצען אויף רעכט און גערעכטיגקייט, און קודם־כל אויף דער גערעכטיגקייט, אז אויך מיר ווילען האבען דאס רעכט פון פרייער נאציאנאלער און קולטורעלער ענטוויקלונג. עס איז קאמיש צו בעהויפטען, אז ווייל די ציוניסטען שטרעבען צו אנ'אייגענער היים אין פאלעסטינא, דעריבער האבען זיי שוין קיין שייכות נישט צו קיין אנדער לאנד, זיין קולטור און פאליטישען לעבען! קולטורעלע מענשען, וואס וואוינען פיעל יאהר צוזאמען, טראץ דעם, וואס זיי געהערען צו פערשידענע נאציאנאליטעטען, מוזען האבען פיעל געמיינזאמעס צווישען זיך. די יודישע לאזונגען וועלען שטענדיג זיין: פרייהייט, בילדונג, גערעכטיגקייט, שוינונג און אונטערשטיצונג פון די פויליש־נאציאנאלע אינטערעסען, אויף־וויפיעל זיי וועלען נישט פערשמעלערן אונזערע נאציאנאלע רעכט. („טעלעגראף", 1905, 4–1).

ו.

אלס אילוסטראציע, ווי ווייט די אנטיסעמיטען זענען געווען גערעכט אין זייערע בעשולדיגונגען נעגען די „ליטוואקעס", קען דיענען פאלגענדע ידיעה, וועלכע איז געבראכט געווארען אין „טעלעגראף":

די רוסישע וועהלער אין ווארשא האבען זיך געוואלט בענוצען מיט אנ'אריגינעלען מיטעל, צוציהען פאר זיך די יודישע שטימען אין ווארשא, גלויבענדיג אין די פאלשע קלאנגען, וועלכע ווערען פערשפרייט אין פוילען, — מעדרסטענטיילס דורך די אזוי גערופענע „פאליאקען פון משה'ס גלויבען", וואס שטעלען זיך נישט אב פאר קיין זאך, אבי ארויסצווייזען זייער „עכטע פוילישקייט", — אז די „רוסישע" יודען, וועלכע זענען געקומען קיין פוילען פונ'ם אינערליכען רוסלאנד, זענען פיינדליך געשטימט צו די פאליאקען און גרייט צו בעקעמפען זייערע נאציאנאלע אינטערעסען, האט זיך דער „פעראיין פון 17־טען אקטאבער" אין ווארשא געווענדעט צו די רוסישע יודען מיט אזא פארשלאג: „ווייל מיר און איהר האבען א געמיינזאמען פיינד — די פאליאקען, לעגען מיר אייך דעריבער פאר, אז די רוסען זאלען זיך פעראייניגען מיט די יודען צו בעקעמפען אונזער געמיינזאמען פיינד". דער ענטפער פון די רוסישע יודען איז געווען קורץ און שארף: „מיר געהערען נישט צו די פיינד פון פוילישען פאלק", — און מיט פעראכטונג האבען זיי אבגעווארפען דעם פארשלאג פון די נישט־געבעטענע געסט.

דער אויפרוף, וואס מיר האבען אויבען דערמאהנט, און וועלכען די נ.־ד.'קעס האבען געשריבען וועגען דער כלומר'שטער פעראייניגונג פון די שערעשעווסקיס מיט די פראסקוריאטאוס, איז עס געווען דער דאנק פאר דעם ענטפער פון די „ליטוואקעס" די עכטע רוסען אין ווארשא.

יא.

נידעריגער פון יעדער קריטיק איז געוועזן דאס פערהאלטען זיך פון די אסימילאטארען. דיזאזיגע לייט, פערלירענדיג יעדע גייסטיגע בעריהרונג מיט די ברייטע יודישע מאסען, מיט דער יודישער גאס, און בעציהענדיג זיך פולשטענדיג גלייכגילטיג צו די יודישע אנגעלעגענהייטען, — אדער הייל זיי האבען ווירקליך נישט געקאנט בעגרייפען דעם נייעם צושטאנד פון די פויליש-יודישע בעציהונגען און ווייטער ארומגעשוועבט אין דער וועלט פון אלטע, אפגעלעבטע בעגריפען, אדער מיט'ן צוועק צו בעקומען די מאכט, — האבען פערראטען די יודישע אינטערעסען. ס'איז גענוג צו זאגען, אז דער אויבען-ציטירטער ארטיקעל פון איזא מאשצענסקא (וועלכע איז דערנאך אפען אריבער אין לאגער פון די אנטיסעמיטען) איז געוועזן געדרוקט אין „איזראעליטא". ווייטער, ביי די וואהלען צו דער צווייטער דומע האט א געוויסער קרייז אסימילאטארען געגרינדעט דעם אזוי-גערופענעם „מיטארבייטס-קאמיטעט", צו ווערבירען יודישע שטימען פאר דער נאראדאווא-דעמאקראטיע! די גרינגשעצענדיגע בעציהונג פון די פ. ד.'קעס צו דער יודען-פראגע האט מען אויך אין א געוויסער מאס צו פערדאנקען די אסימילאטארען, וואס האבען אין דער פארטיי געשפילט די הויפט-ראליע. „ווען ס'האט זיך אנגעהויבען די פרייהייטס-בעוועגונג — שרייבט די „זשיציע זשידאווסקיע" — און די רוסישע פרייהייטס-קעמפער זענען זיך צוזאמענגעקומען אין מאסקווע, איינלאדענדיג אויך פארשטעהער פון פוילען, איז צווישען די לעצטע אויך געוועזן איינער פון די פאליאקען פון משה'ס גלויבען. נאטירליך, האט דערדאזיגער „שטאאטסמאן", ביים ארומרעדען די בעדערפנישען פון דער בעפעלקערונג אין פוילען, נישט דערמאהנט מיט קיין ווארט וועגען די יודען. עס וואלט אבער געוועזן א טעות צו מיינען, אז ער האט זיך עטוואס צוריקגעהאלטען צוליעב דעם, וואס ער האט פון יודען קיין מאנדאט נישט געהאט: ווייל ווען דאס טויטע פערשווייגען די בעדערפנישען פון די פוילישע יודען האט ארויסגערופען ערשטוינונג ביי די רוסען און איינער פון זיי האט געפרעגט, ווי שטעהט עס מיט דער יודען-פראגע אין פוילען, האט דערזעלביגער הערר ערקלערט, אז די פוילישע יודען האבען נישט קיין שום וואונשען, חוץ, אז מען זאל אנערקענען אויטאנאמיע פאר פוילען".

אבער אנדערע ערקלערונגען מצד די אסימילאטארען בעווייזען, אז זיי האבען גאנץ גוט פערשטאנען די נייע שטרעמונגען צווישען די יודען. אין דערדאזיגער הינזיכט איז כאראקטעריסטיש אַנ'ארטיקעל פון סטאניסלאוו קעמפנער, דערזעלביגער, וואס האט זיך אין מאסקווע אין נאמען פון די יודען אין פוילען ענטזאגט פון יעדער נאציאנאלער פאדערונג:

„זי (די עוואלוציע פון די שטרעבונגען צווישען די יודען) — שרייבט ער — איז געגאנגען אויף א פולשטענדיג אנדער ליניע ווי די אידעאלען און שטרעבונגען פון די אזוי-גערופענע (?) אסימילאטארען... גענען דער ווירקליכקייט ווערט ענטשוויגען די טעאריע, אז די יודען זענען נישט קיין פאלק... ווען עס האנדעלט זיך וועגען די ברייטע מאסען, דארף מען זאגען, אז די עוואלוציע פאר דער לעצטער צייט האט זיי געגעבען א בולט-אייגענארטיגע פיזיאנאמיע אין דער סאמע־ פון זייער בעוואוסטזיניגער

אדער נישט-בעוואוסטזיניגער ענטוויקלונג. שוין אויסמיידענדיג דעם ציוניזם אין זיין יענער געשטאלט, אין וועלכער ער טרעט-ארויס אין אייניגע קרייזען, וואס שטרעבען צו דער מלוכה-אויטאָפּיע, נאר אפילו אין דעם ציוניזם, וואס ענטפּלעקט זיך אלס עלעמענטארע שטרעבונג, איז פאַרהאַן קראַפט, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען. די ברייטע מאסען פון דער יודישער בעפעלקערונג בעזיצען איצט א שטאַרקען אינסטינקט צו זעלבסט-פערטיידיגונג פון זייער אייגענאַרטיגקייט. קיינער וועט זיי פון דער נשמה דאסדאָזיגע געפיהל נישט ארויסרייסען. עס איז נישט גענוג צו בעזייטיגען אלע געזעצליכע בעגרענצונגען און געזעלשאַפטליכע פערפאָלגונגען. מען מוז נאך פון א צווייטער זייט צוגעבען צום פּראָגראַם א גרויסע מאָס פון אויפריכטיגער, מיטגעפיהלפולער טאָלעראַנץ, וואס בעציהט זיך מיט שוינונג צו יענע גרונד-שטרעבונגען, וועלכע ליגען אין אינערליכען וועזען פון די יודישע מאסען. מען דארף זיך ערנסט רעכענען מיט דער שטימונג פון די יודישע מאסען, וועלכע שטעלט מיט-זיך פאר א שטאַרקע שטימע פון דער געשיכטע". („נאָוואַ גאַזעטאַ", נומער 156, 1906).

אבער אזעלכע ווערטער, דורכגעדרונגען מיט ריינעם אמת, הגם ארויסגעזאָגט אין א זעהר געבילדעטער פאָרם, קאָנען בעטראַכט ווערען בלויז אלס צופאל, ווייל אין אלטעגליכען לעבען האט מען ווייטער געפּרעדיגט, אלס דעם איינציגען רעטונגס-אידעאל, די אסימילאציע, און, וואס עס איז נאך ערגער, אינ'ם דאָזיגען זין זענען אויך איינגעפאַרמירט און בעאיינפלוסט געוואָרען די „חברים", די פּוילישע פּראָגרעסיסטען. עס איז נאַטירליך, אז די לעצטע האָבען דעריבער נישט געקאָנט ארויסווייזען קיין זין און פערשטאַנד פאר די יודישע נאציאָנאַלע שטרעבונגען.

יב.

די פּוילישע פּראָגרעסיסטען האָבען נישט בלויז נישט אנערקענט פאר די יודען קיין זאך, וואס עס וואָלט געקאָנט גאַראַנטירען זייערע רעכט, נאר, פערקעהרט, ארויסגעלעגט אויף זיי פיעל שווערערע פליכטען ווי אויף די פּאָליאַקען גופא בנוגע צו דער פערטיידיגונג פון די פּוילישע רעכט. דאס האט זיך ארויסגעוויזען בעת'ן שול-שטרייק.

מיט'ן צוועק צו פּראָטעסטירען געגען נישט-דערלאָזען די פּוילישע שפּראך אין די שולען אין פּוילען, איז ערקלערט געוואָרען א לאַנגער שול-שטרייק, דאס הייסט, מ'איז ערקלערט געוואָרען א בּאָיקאָט אויף די רוסישע שולען, דערביי האט מען אין די ארויסגעשטעלטע פאָדערונגען איינגאַנצען אויסגעמיידט צו דערמאָהנען די יודישע פאָדערונגען וועגען דער יודישער שפּראך, און זאגאר די פאָדערונג וועגען גלייכבערעכטיגונג, נאר מ'האָט איינפאך פערלאנגט פון די יודען, אונטערצושטיצען אונבעדינגט דעם שטרייק.

ביי דער אנטיסעמיטישער שטימונג, וואס איז אזוי אויפגעבלאָזען געוואָרען אין לאנד דורך די נ.-ד.'קעס און זייערע חברים, האָבען די פּוילישע פאָדערונגען ביים גרעסטען טייל יודען געקאָנט זיין העכסטענפאלס בלויז סימפּאַטיש צוליעב זייער גערעכטיגקייט, אבער פונ'ם שטאַנדפּונקט פון זייערע אייגענע אינטערעסען האט די

טרויעריגע ווירקליכקייט נישט אָהן גרונד געקאָנט אַריינברענגען אין די יודישע הערצער די זאָרג, אַז אויך די פּוילישע שולע וועט דיענען אַלס אינסטרומענט פון אונטערדריקונג און פערפאָלגונג. חוץ־דעם וואָלטען די יודען צוליעב׳ן בּאָיקאָט פון די רוסישע שולען געמוזט ברענגען זעהר שווערע קרבנות: די רעגירונגס־שולע איז פאַר יודען געוועזען נישט בלויז אַ קוועלע פון בילדונג, נאָר אויך דאָס איינציגע מיטעל צו בעקומען די עלעמענטאַרע מענשליכע רעכט בנוגע צו וואוין־רעכט און הנחות ביי מיליטער־דיענסט. אַ פּוילישער שילער, בעזוכענדיג אַ פּריוואַטע שולע, האָט קיין סך נישט פערלאָרען, ווייל אַלס קריסט האָט ער אויך דערנאָך געקאָנט האַלטען עקזאַמען אויף מאַטורע אָהן שום שטערונגען; ער האָט געקאָנט — ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען העכערער בילדונג — אַריינטרעטען אין אַן אוניווערזיטעט אין רוסלאַנד, וואָס עס האָט זיך אויך בעת׳ן שטרייק גאַנץ אָפט פּראַקטיצירט: מען ווייס, אַז דיזעלביגע שילער, וואָס האָבען צוליעב פּאַטריאָטישע ציעלען באָיקאָטירט די אוניווערזיטעט און פּאָליטעכניקום אין וואַרשאַ, אַלס פּראָטעסט געגען זייער רוסיפיצירונגס־סיסטעם, האָבען דערנאָך בעזוכט די העכערע שולען אין׳ם אינערליכען רוסלאַנד. פאַר אַ יוד אָבער, וואָס האָט נישט קיין רעכט צו וואוינען אין רוסלאַנד, האָט דאָס באָיקאָטירען די רעגירונגס־שולען אין וואַרשאַ בעדייט נישט־מעהר נישט־ווענינער ווי פערורטיילען זיך אַליין אויף איביגער רעכטלאָזיגקייט און צעברעכען זיין לעבענס־קאַריערע. און דאָס אַלץ האָט מען פערלאַנגט פון יוד אין נאָמען פון — אמת, דורכאויס גערעכטע — פּוילישע פאָדערונגען, נישט־נעהמענדיג אין אכט אויך די נישט־ווייניגער גערעכטע יודישע פאָדערונגען. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס צווישען די שטרייק־ברעכער, וועלכע זענען הויפּטזעכליך בעשטאַנען פון דער אָרימער יוגענד, וואָס האָט נישט געהאַט די מעגליכקייט צו צאָהלען דעם הויכען שכר־למוד אין די פּוילישע פּריוואַטע שולען אָדער דעקען די קאָסטען פון רייזען און וואוינען אין אַ רוסישער אוניווערזיטעטס־שטאָדט, האָבען זיך אויך געפונען יודען. עס זענען אָבער אויך געוועזען פיעל יודען, וואָס האָבען דעם שול־באָיקאָט אונטערגעשטיצט. און די פּוילישע געזעלשאַפטליכע מיינונג, אַנשטאָט אויסצודריקען איהר אָנערקענונג די יודען בכלל פאַר דעם גרויסען טייל פון זייער יוגענד, וואָס האָבען געאָפּפערט מיט זיך און זייער צוקונפט פאַר די פּוילישע גערעכטע פאָדערונגען, האָט געשאָטען פעך און שוועבעל אויף אַלע יודען פאַר׳ן „פערברעכען" פון די שטרייק־ברעכער, צווישען וועלכע, ווי מיר האָבען בעמערקט, עס זענען געוועזען אויך נישט־ווייניג פּאָליאַקען, — הגם דערפאַר האָט מען נישט אַלע פּאָליאַקען געמאַכט פעראַנטוואָרטליך. ווייל אָבער די פּוילישע קאָנסערוואַטיווען, אַלס אַ פּאַרטיי, וואָס האָט אַלץ מעהר אַרויסגעוויזען איהר לאָיאַליטעט צו דער רעגירונג, האָבען דעם שטרייק נישט אונטערגעשטיצט, און מיט־דער־צייט זאָגאַר געאַרבייט ג ע ג ע ן איהם, זענען די יודען אָנגעריפען געוואָרען הויפּטזעכליך דורך די פּוילישע פּראָגרעסיסטען. די פּראָפעסיאָנעלע אַנטיסעמיטען זענען, נאַטירליך, שטאַרק צופריעדען געוועזען פון די נייע בעווייזען פון׳ם יודישען „פעראַט", וועלכע, לויט זייער ערקלערונג, עס האָבען קאָנסטאַטירט זאָגאַר די פּראָגרעסיסטען, וואָס זענען אַזוי שטאַרק פערטרעטען פון יודען.

יג.

עס איז כאראקטעריסטיש, אז די יודען-פראגע, פאר וועלכער די פוילישע פראגרעסיסטען האבען ארויסגעוויזען אזויפיעל אונפערשטענדניש, האט ווען-עס-איז געפונען א ריכטיגע בעלויכטונג גראד ביי געוויסע פארשטעהער פון פוילישען קאנסערוואטיזם. אין דער בראשור פון אדאם באריגא „אנטיסעמיטיזם און די יודען-פראגע” געפינען מיר, למשל, אזעלכע שטעלען: „וועלענדיג בעהאנדלען די יודען-פראגע אהן פארורטהיילען, ווי אויך אהן זעלבסט-נארריי, מוזען מיר קודם-כל זיך ענטזאגען פון וועלכע-עס-איז האפנונגען וועגען פערשפרייטען דעם קרייז פון אסימילאציע אין נאמען פון מאראלישען פרינציפ, וואס זאל כלומר'שט זיין א תוב פאר יודען. מען דארף זיך אבגעבען א קלארען חשבון, אז פון איין זייט זענען היסטארישע פראצעסען פון אזא ארט, ווי די אסימילאציע, מעגליך בלויז נור אלס אן עלעמענטארער, נאטירליכער רעזולטאט פון דער געזעלשאפטליכער קרעפטען-צוזאמענשטעלונג, אבער קיינמאל קאנען זיי נישט פארקומען אלס רעזולטאט פון א געוויסען מאראלישען געבאט, און פון דער צווייטער זייט געהערט דערדאזיגער געבאט אין אט-דער היינטיגער אלענפאלס נישט צו די אונשטרייטבארע און אונצווייפעלהאפטע, און עס וואלט דעריבער געווען זעהר שווער צו בעגרינדען די מאטיווען, פארוואס מען ענטזאגט די יודען זייער רעכט אבצוהיטען און צו ענטוויקלען זייער נאציאנאלע אייגענארט. ווייל וועלענדיג זיין קאנסעקווענט, וואלטען מיר אויף אזא אופן בעדארפט דיזעלביגע פאדערונג אנווענדען אויך בנוגע צו אונזערע אויסוואנדערער און בעהויפטען, אז זייער מאראלישע פליכט איז צו פערגעסען זייער פוילישקייט און צונויפשמעלצען זיך מיט די יענקים (אמעריקאנער) אדער בראזיליאנער”. ווייטער ווייזט-אויף דער אויטאר, אז עס וואלט געווען אן'אונרעכט צו פאדערן פון יודען אסימילירען זיך בלויז אויף דעם גרונד, וואס זיי האבען נישט קיין אייגענע טעריטאריע, קיין געמיינזאמע שפראך און קאנען נישט שאפען קיין בעזונדערען פאליטישען ארגאניזם; א טעות וואלט געווען צו מיינען, אז א נאציאנאליטעט שטיצט זיך בלויז אויף די אויבען-דערמאהנטע אדער בכלל אויף וועלכע-עס-איז קאנקרעטע פאקטארען. „דאס בעוואוסטזיין פון געהערען צו דער אדער אן'אנדער נאציאנאליטעט פליסט-ארויס פונ'ם גאנצען קאמפלעקס פון די היסטאריש-פאליטישע בעדינגונגען, אלס א פאקט אויפ'ן באדען פון געזעלשאפטליכער פסיכאלאגיע, אלס א גייסטיגע ערשיינונג, ביי וועלכער די אויבען-דערמאהנטע רעאלע פאקטארען שפיעלען טאקי א געוויסע אבער נישט קיין דעצידירענדע ראליע. וועגען דער עקזיסטענץ פון א בעזונדערען נאציאנאלען גאנצען וועזען דעצידירט אלזא דאס אינערליכע נאציאנאלע בעוואוסטזיין פון די איינצעלנע אינדיווידוען, וואס רעכענען זיך צו איהם צו, זייער סאלידאריזירען-זיך מיט דער געשיכטע, און די בעזונדערע שטרעבונגען פאר דער צוקונפט פון דעם פאלק... אויב נור דער נאציאנאלער גייסט ענטשטעהט און נעהמט-ארום ברייטע קרייזען, מעגען דערנאך פערשווינדען און צעפאלען-ווערען די אלע פאקטארען, וואס האבען פון-אנהויב געשאפען דאסדאזיגע היסטארישע לעבען, אבער דאס פאלק וועט טראצדעם נישט אויפהערען צו עקזיסטירען, כל-זמן עס לעבט דער גייסט, וואס שאפט זיין בעזונדערקייט, דאס הייסט, כל-זמן די איינצעלנע אינדי-

ווידזען, וואס געהען=אריין אין כלל פון פאלק, וועלען זיך מיט זייער אייגענעם נוטען ווילען נישט ענטזאגען פונ'ם דאזיגען גייסט... צי, למשל, קאנען מיר גלויבען, אז... אונזער נאציאנאליטעט (די פוילישע) זאל איינמאל אויף אייביג פערשוואונדען=ווערען פון ערד=קוגעל, ווען די עראבערונגס=רעגירונגען (וואס האבען פוילען צעטיילט) וואלט זיך איינגעגעבען ארויסצוזעצען אלע איינוואוינער פון די פוילישע קאנטען און פערביטען זיי מיט פרעמדע קאלאניסטען ?", (1907).

דער אנגעזעהענער פוילישער פאליטישער שריפטשטעלער וולאדיסלאוו סטודניצקי האט איינגעפונען, אז בנוגע צו ליטא ליעגט אין פוילישען אינטערעס אונטערצושטיצען די יודישע נאציאנאלע בעוועגונג אלס א שטערונג געגען דער רוסיפיצירונג פון די דארטיגע יודען, וואס עס איז שעדליך פאר די פוילישע אינטערעסען. סטודניצקי האט אויפגעוויזען, אז די יודען האבען צוויי אויסוועגען פון זייער לאגע: איינער איז די פולשטענדיג גערעכטע שטרעבונג צו נארמאלען, פולען נאציאנאל=יודישען לעבען, ד. ה., צו שאפען זעלבשטענדיגע יודישע לעבענס=פארמען, און דער צווייטער איז — אסימילאציע, פערשוואונדען=ווערען. פונ'ם שטאנדפונקט פון די פוילישע אינטערעסען געפינט ער ווייטער, אז פאר די יודען אין פוילען, וועלכע מען דארף ערוועקען פאר דער פוילישער צוקונפט, קאן זיין צוגעפאסט נור דער צווייטער אויסוועג, אבער ער איז, גלייכצייטיג, געגען דעם, אז מ'זאל ברענגען צום דאזיגען אויסוועג מיט דער הילף פון גוואלט=מיטלען. בנוגע דער יודישער שפראך („זשארגאן") האט ער נישט דאגעגען, אבער בלויז אין ליטא, וואו דידאזיגע שפראך וועט אבהיטען יודען פון דער רוסישער. („גלאס זשידאווסקי").

דער פוילישער שריפטשטעלער און טוער לודאמיר גרענדישינסקי האט זיך ארויסגעזאגט, אז בכלל דארף מען פאר יודען אנערקענען נאציאנאלע רעכט. אלס מיטגליעד פון דער פארטיי פון רעאלער פאליטיק האט גרענדישינסקי געפאדערט אויף דער קאנפערענץ פון דערדאזיגער פארטיי, אז מ'זאל אנערקענען די רעכט פון יודישען פאלק אלס איינע פון די נאציאנאלע מינדערהייטען; די יודען=פראגע האט ער אוועקגעשטעלט אויף איין מדרגה מיט די פראגען וועגען די רוטענער און ליטווינער. „מיר דא אין קעניגרייך — האט ער ערקלערט — מוזען מאכען גערעכטע און אויפריכטיגע הנחות פאר די מינדערהייטען אין אונזער לאנד, די ליטווינער, רוטענער און יודען. און דארט אבער, אין יענע פראווינצען, וואו מיר מאכען=אויס א מינדערהייט, מוזען מיר פערלאנגען אזעלכע עהנליכע הנחות פאר אונזער נאציאנאלען און קולטורעלען היסטאריש=געשאפענעם בעזיץ און קאלאניזאציע".

מיט בעדויערונג מוז מען אבער בעמערקען, אז דאס זענען בלויז געווען איינצעלנע שטימען, וואס האבען קיין איינפלוס נישט געהאט אויף דער אלגעמיינער לאגע פון די יודען. די בעציהונג פון דער מעהרהייט פאליאקען איז געבליבען דיזעלבע. אייניגע פון זיי, אנערקענענדיג יודען אלס א בעזונדערע נאציע, האבען אבער פאר זיי נישט געוואלט אנערקענען קיין נאציאנאלע און זאגאר בירגערליכע רעכט, ארויסשטעלענדיג דערביי די אלטע אנטיסעמיטישע מאטיווען וועגען די פערברעכערישע נייגונגען פון דער יודישער ראסע, דער שעדליכקייט פון דער ביי יודען פערהייליגטער תלמוד'ישער עטיק, דער פערשפרייטונג פון אפיקורסות און רעוואלוציאנערע אידעען דורך יודען.

אַנדערע האָבען אָנערקענט די גערעכטיגקייט פון די יודישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, אָבער בלויז פאַר רוסלאַנד, און נישט פאַר פוילען. די דריטע ווידער, וועלכע האָבען אָנערקענט די יודישע נאַציאָנאַלע רעכט אויך פאַר פוילען, האָבען קיין איינפלוס נישט געהאַט אויף דער פוילישער געזעלשאַפט. אָבער די פערפאָלגונגען פון די יודען האָבען אַלענפאַלס נישט געשטאַמט דערפון, צי די אַנטיסעמיטען האָבען געבראַכט ריכטיגע אָדער נישט-ריכטיגע אַרגומענטען; זיי האָבען ניכער געשטאַמט דערפון, וואָס געגען דעם „נאַציאָנאַלען עגאָאיזם" פון געוויסע אָנפיהרענדע פוילישע קרייזען זענען די יודען נישט געוועזען אימשטאַנד עפּיס געגענצושטעלען, ווי עס האָבען געטהאָן די ליטווינער אָדער רוטענער: אויסער זייער רעכטלאָזיגקייט, איז די שטעלונג פון די יודען אויך אָבגעשוואַכט געוואָרען דורך די אַסימילאַטאָרען, וואָס נישט-אונטערנעהמענדיג קיין זאַך צו פערבעסערן די יודישע לעבענס-בעדינגונגען, האָבען זיי נאָך אַריינגעבראַכט אין יודישען לעבען אַ דעזאָרגאַניזירונג און געשטערט די נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, יענע סאָלידאַריטעט, וואָס פאָדערט זיך פאַר יעדער מענשליכער געמיינשאַפט שוין צוליעב'ן געפיהל פון זעלבסט-ערהאַלטונג אַליין.

יד.

עס איז אָבער געוועזען אַ מאָמענט, ווען די פוילישע פּראָגרעסיסטען האָבען אויפגעפאַסט ווי געהעריג די יודען-פראַגע און זי ריכטיג אַוועקגעשטעלט. צום בעדויערן, האָבען זיי עס געטהון אין אַזאַ פאָרם, וואָס האָט געקאָנט ווענין איבערציינגען וועגען זייער אויפריכטיגקייט, און, געמליך — נישט אָפיציעל אין'ם נאָמען פון דער פּאַרטיי, נור דורכ'ן מויל און פעדער פון איינעם פון זייערע פיהרער און דערצו בעת די וואַהלען צו דער צווייטער דומע, ווען דאָס אָבטרעטען פון אָפיציעלען פּראָגראַם האָט געקאָנט בעטראַכט ווערען בלויז אַלס וואַהל-מאַנעוור. „דער שעף פונ'ם פ.-ד.'קישען שטאַב אָהן אַנ'אַרמעע — שרייבט וועגען דעם יערזשי הודאַרסקי, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן שטאַנדפונקט פון דער אַסימילאַציע — האָט ערקלערט אין זיינעם אַ רעפעראַט, וואָס איז דערנאָך אַרויס אין אַ בראָשור, קורץ און שאַרף, אַז פאַר די נישט-אַסימילירטע יודען דאַרף מען אין פוילען אָנערקענען דיזעלביגע רעכט, ווי די פּאָליאַקען פאָדערן פאַר זיך אין רוסלאַנד, דאָס הייסט אָבער: נישט אין טולאַ אָדער סאַמאַראַ, נאָר אין ליטאַ און ווייס-רוסלאַנד, וואו די פּאָליאַקען שטעלען-אַרויס די בעגרינדעטע פאָדערונג פון רעכט פאַר זייער שפּראַך, פאַר אַנ'אייגענעם שול-וועזען, אַנ'ענטשפּרעכענדע רעפּרעזענטאַנץ אין די זעלבסטפערוואַלטונג-אינסטיטוציעס א. אַ. וו." און ווירקליך איז אַלעקסאַנדער שוועַנטאָכאָווסקי אין זיין בראָשור „וועגען די בירגערליכע רעכט און די רעכט פון אַ מינדערהייט" געקומען צום בעשלוס, אַז ענטזאָגען די נישט-אַסימילירטע יודען אין פוילען דיזעלביגע רעכט, וועלכע די פּאָליאַקען פאָדערן פאַר זיך אין רוסלאַנד, ד. ה., רעכט אויף אַ געוויסער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָלט בעדייטען די אונטערדריקונג פון דער מינדערהייט דורך דער מעהרהייט. מען דאַרף אָנגעהמען, אַז שוועַנטאָכאָווסקי האָט געמאַכט זיין דאָזיגע ערקלערונג נישט אָהן דער איינשטימונג פון די אַסימילאַטאָרען, און דעריבער האָט מען זיך זעהר געוואונדערט,

וואָס די אַסימילאַטאָרען האָבען פּלוצלונג אײַנגעשטימט אויף אַ פּראָגראַם, וואָס שטעהט אין שאַרפסטען געגענזאַץ צו זייערע פּרינציפּען. אָבער דער פערראַט פון די אַסימילאַטאָרען בנוגע צו זייער אײגענער פאָהן, וואָס האָט בעוויזען זייער בעציהונג צו פּרינציפּען בכלל, איז פון פּראַקטישען שטאַנדפּונקט געווען פאַר זײ דורכאויס נויטיג, ווײַל צווישען די ברײטערע יודישע מאַסען איז דעמאָלט שוין אַלץ מעהר געווען שטאַרק דאָס בעוואוסטזײַן, אַז אָהן נאַציאָנאַלע רעכט קאָנען בכלל די יודישע אינטערעסען נישט פערטײדיגט ווערען ווי געהעריג. אין דעם פּאָרוואַהל-טומעל האָבען די יודען אָבער נישט בעמערקט, אַז דיזאָזיגע הבטחה איז געמאַכט געוואָרען אין כמעט נישט קײן פערפליכטענדיגער פאָרם און האָט געטראָגען אַלע סימנים פון אַ וואַהל-מאַנעווער, כדי צו בעקומען די יודישע שטימען פאַר דער פּאַרטײ. מ'האָט זיך אויך נישט אַרומגעזעהן, אַז די פּוילישע פּראָגרעסיסטען בעזיצען נישט קײן אונטערשטיצונג אין פּוילישען פאָלק אַלײן, און ווען זײ וואָלטען אויסגעוועהלט געוואָרען דורך די יודען, וואָלטען זײ פאַלש פיגורירט אַלס „פּוילישע" פאָרשטעהער, וואָס עס וואָלט די יודען מעהר געשאַדט, אײדער גענוצט.

מו.

די וואַהלען צו דער צווייטער דומע זענען אַריבער בײַ אַ קלענערער געזעלשאַפטליכער אויפרעגונג; די פּאַרטײ-לײדענשאַפטען האָבען זיך נישט ענטפלעקט אין אַזאַ שאַרפער פאָרם, ווי בײַ די וואַהלען צו דער ערשטער דומע. הגם די „פּראָגרעסיווע פעראײניגונג" האָט נישט אַרויסגעשטעלט קײן יודישע קאַנדידאַטורען, און אין וואַרשאַ האָבען די יודען געשטימט פאַר דעם פּראָגרעסיסט אַלעקסאַנדער שווענטאָכאָווסקי און דעם אונפּאַרטײאישען מאַרקסיסט לודוויג קשיוויצקי, האָבען פונדעסטוועגען די אײנפלוסרײַכע נ.-ד.'קישע פּרעסע און די רעדנער פון דעראָזיגער פּאַרטײ אויף די פאָרוואַהל-מיטינגען געפיהרט די וואַהל-קאַמפּאַניע אונטער'ן לאָזונג פון „קאַמף מיט יודען". דעם אינהאַלט פון דער אַגיטאַציע האָט מען געקאָנט הערען אין דער רעדע פון ראָמאַן דמאָווסקי, דעם פיהרער פון די נ.-ד.'קעס און פון דער פּוילישער קאָלאָ (פּוילישע פראַקציע) אין דומע ערב זײַן אויסגעוועהלט-ווערען אַלס דעפּוטאַט אין דער צווייטער דומע. „די יודען — האָט ער געזאָגט צווישען אַנדערען אין זײַן רעדע, — וואָס וואוינען פון דורות-לאַנג אויף אונזער ערד, האָבען זיך אונז נישט געגענגעשטעלט אין פּאָליטישער הינזיכט. מיר זענען געווען שטאַרק אַלס געשלאָסענע געזעלשאַפט, ווײַל מיר האָבען זיך געפיהלט אַלס בעלי-בתים אויף אונזער ערד. די רעגירונגס-פּאָליטיק, וואָס האָט אין פערלויף פון 40 יאָהר צעשטערט די יסודות פון אונזער עקזיסטענץ, האָט אָבגעשוואַכט דעם גלויבען אין פּוילישען גײַסט בײַ פיעל פּאָליאַקען, און די פּאָליטיק האָט נאָך אַ גרעסערען אײַנפלוס בעדאַרפט האָבען אויף יודען און לערנען זײ, צו בעהאַנדלען דאָס פּוילענטום מיט גרינגשעצונג. דער גרויסער צופלוס פון די רוסישע יודען, וועלכע זענען געוואָרען די פיהרער פון אונזערע יודען און גיבען-אַרויס צײַטונגען אויף זשאַרגאָן, האָט געמוזט דעמזאָזיגען אײַנפלוס נאָך שטאַרקער מאַכען. אונזערע יודען, אַלס מאַסע, קעהרען-זיך-אום מיט'ן רוקען צו דער

פּוילישער געזעלשאַפט און ווענדען זיך צו רוסלאַנד. זיי פערשטעהען אָבער נישט דאָס, וואָס פאַר אונז איז קלאָר, וואָס פאַר אונז איז אויסער יעדען צווייפעל, און נעמליך — אַז מיט דער ענדערונג אין די לעבענס-בעדינגונגען פון פּוילישען פאָלק וועט אידעם צוריקגעגעבען ווערען די ראָליע פון בעל-הבית אויף דער ערד, וועלכער וועט זיי צווינגען צו רעכענען זיך מיט זיין ווילען. און וואָס שפּעטער זיי וועלען דאָס פערשטעהן, אַלץ ערגער פאַר זיי; אויף די פריהערדיגע וואַהלען האָבען זיי שוין בעקומען אַ לעקציע; אויב זיי ווילען זי נאָכאַמאָל בעקומען, וועלען זיי זי בעקומען. מיר זענען קיינמאָל נישט געשטאַנען אויפ'ן באָדען פון אויסנאַהמס-געזעצען (?), מיר האָבען זיי אַליין געגעבען געזעלשאַפטליכע גלייכבערעכטיגונג (?) און איצט פאָדערן מיר פאַר זיי גלייכבערעכטיגונג אין דער אימפּעריע (?). און דעריבער האָבען מיר געוויס רעכט צו פאָדערן פון זיי, אַז זיי זאָלען זיך מיט אונז רעכענען".

טז.

אין די וואַהלען צו דער דריטער דומע, ווען דורכ'ן געזעץ פון 3/16 יוני איז די צאָהל דעפּוטאַטען פון פּוילען פערקלענערט געוואָרען פון 35 אויף 19 און צוויי רוסען, האָבען די יודען, צוליעב זייערע פריהערדיגע דורכפאַלען און ענטטוישונג בנוגע צום שנעלען דורכפיהרען די רעפאָרמען, כמעט קיין אַנטהייל נישט גענומען. די פּאַרטיי-ליידענשאַפטען און די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אויפ'ן באָדען פון פּאָליטישען קאַמף האָבען דאַן שוין נישט אַזוי בעשעפטיגט די ברייטע געזעלשאַפטליכע קרייזען. די אַנטי-סעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע ביי דער וואַהל-קאַמפּאַניע צו די ערשטע דומעס האָט גע-בראַכט דערצו, אַז די פּוילישע יודען האָבען נישט געהאַט קיין איינציגען פאָרשטעהער אין דומע. אָבער נישט אינטערעסירען זיך אַזוי מיט פּאָליטישע פראַגען הייסט נאָך נישט אויפהערען דעם קאַמף מיט יודען. דער שווערפּונקט פון דער אַנטיסעמיטישער אַרבייט האָט זיך איבערגעטראָגען פונ'ם געביעט פון פּאָליטיק אויפ'ן געביעט פונ'ם ווירטשאַפטליכען לעבען, אויפ'ן געביעט פון די טעגליכע געזעלשאַפטליך-קולטורעלע בעציהונגען. און מעהר ווי יענע אַגיטאַציע אויפ'ן פּאָליטישען באָדען האָט געדאַרפט צווישען די ברייטע פּוילישע מאַסען ערפאָלג די אַגיטאַציע אָבצוזונדערן זיך פון די יודען, פּאַיקאָטירען זיי אין געזעלשאַפטליכע, קולטורעלע און האַנדעלס-אינדוסטריעלע אינסטיטוציעס אין לאַנד. כמעט די גאַנצע פּוילישע פּרעסע, מיט אויסנאַהם פון איינציגע נישט-איינפלוסרייכע פּראָגרעסיווע אָרגאַנען, האָבען טאָג-איין טאָג-אויס אויפגעפאָדערט די פּוילישע געזעלשאַפט, אונטערצושטיצען דעם „נאַציאָנאַלען" („נאַראָדאָווע") האַנדעל און אינדוסטריע, וואָס עס האָט געהאַט די איינענע בעדייטונג, ווי די אויסרופען: „קויפט נור ביי קריסטען, קויפט נישט ביי יודען", וועלכע מיר האָבען בפירוש געהערט פון די עקסט-אַנטיסעמיטישע אָרגאַנען, ווי: „ראָליאַ", „פּאָליאַק קאַטאָליק", „פּאָסיעוו", „פּשעגלאָנד קאַטאָליצקי" און פיעל אַנדערע.

די פּאַזע אין די פּויליש-יודישע בעציהונגען האָט זעהר שוועריזיך אָבגערופען אויפ'ן יודישען לעבען. די קרעדיט-אינסטיטוציעס, בעזונדערע גרופּען פון די רייכע אַפּוטרופּסים איבער'ן „פּוילישען" האַנדעל פינאַנסירען די ספּעציעל-געגרינדעטע (בע-

ווענדערס אויף דער פּראָווינץ) פּוילישע קראָמען, וועלכע ווערען געעפענט מיט'ן צוועק צו קאָנקורירען און בעקעמפען די יודען, צו בעפרייען זיך דורכדעם פון דער יודישער „פערפלייצונג". אויך די קולטורעלע ארבייט אין לאַנד פערנעהמט זיך אָפט מיט אַנטיסעמיטישע אויפגאַבען, שטעלענדיג זיך אויפ'ן פּוילישען נאַציאָנאַל־רעליגיעזען באָדען. אויך די קאָאָפּעראַטיוו־בעוועגונג האָט זיך געשטעלט אויף דעם גרונד. די קאָאָפּעראַטיווען ענטשטעהען צוליעב צוויי סיבות, וואָס ווירקען דאָ צוזאַמען: די ערשטע סיבה — דאָס בעוואוסטזיין פון די עקאָנאָמישע נוצען, וועלכע עס ברענגט דער קאָאָפּעראַטיוו, און צווייטענס — דער לאָזונג צו „נאַציאָנאַליזירען" דעם האַנדעל און אינדוסטריע, שטרעבענדיג צו שאַפען „איינענע" האַנדעל און אינדוסטריע, זעלבשטענדיגע, וואָס זאָלען קאָנען קאָנקורירען מיט די יודישע. די קאָאָפּעראַטיוו־בעוועגונג אין פּוילען איז דעריבער געגאַנגען אין אַזאַ ריכטונג און אונטערגעשטיצט געוואָרען דורך אַזעלכע עלעמענטען, אַז די אידעע, בעצם אַ פּראָגרעסיווע, האָט בעקומען אַ שאָוויניסטישען און אַנטיסעמיטישען כאַראַקטער און פערדונקעלט דאָס בעוואוסטזיין פון פיעל, וואָס האָבען נישט פערשטאַנען אונטערצושיידען צווישען דער קאָאָפּעראַטיוו־בעוועגונג, אַלס אַ נויטווענדיגע ווירטשאַפטליכע איינריכטונג, און אַ קאָאָפּעראַטיוו־בעוועגונג אַלס אינסטרומענט אין די הענד פון שאָוויניסטען און יודען־פרעסער.

יז.

דער באָיקאָט אויף די דייטשע סחורות, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער אַנטי־פּוילישער פּאָליטיק אין פּרייסען, האָט פערשאַפט דער פּראָפּאַגאַנדע פון „נאַציאָנאַליזירען" דעם האַנדעל אַ ניי מאַטעריאַל צום עקאָנאָמישען קאַמף — מיט יודען. מ'האָט די יודען בעשולדיגט אין בעציהען־זיך גלייכגילטיג צו דעם באָיקאָט, און כדי צו פערזיכערן אויף ווייטער אַ גרעסערען ערפאָלג אַזעלכע קאַמפס־מיטלען פאַר די רעכט פון פּוילישען פאָלק, האָבען די נאַציאָנאַליסטען אין די פּוילישע אַנטיסעמיטען אָנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט, אַז דער גאַנצער עקספּאָרט און אימפּאָרט פון לאַנד זאָלען זיך געפינען אין פּוילישע הענד. דיזאָרטיגע פּראָפּאַגאַנדע האָט געפונען איהר אויסדרוק נישט נור אין דער טעגליכער פרעסע, אָבער אויך אין אַ ספּעציעלער אַרטיקעלן־זאַמלונג, געווידמעט דעם פּוילישען האַנדעל און אינדוסטריע און צוזאַמענגעשטעלט אַלס האַנד־בוך צום קאַמף געגען די דייטשע סחורות אויף די פּוילישע מערק; דאָ געפינען מיר אַ ספּעציעלען אַרטיקעל, געווידמעט דער געגענזייטיגער בעציהונג פונ'ם באָיקאָט פון די דייטשע סחורות און דעם איבער־געוויכט פון די יודישע אַנגראָ־סוחרים אינ'ם האַנדעל, און דער אַרטיקעל־שרייבער קומט צו זעהר נישט־גינסטיגע בעשלוסען פאַר'ן פּוילישען יודענטום. דער אַנטיסעמיטיזם אינ'ם קולטורעלען לעבען פון די פּאָליאַקען געפינט זיין אויסדרוק אויך אין דער גרינדונג פון אַ גאַנצער רייה בילדונגס־ און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וואָס טראָגען דעם ביינאָמען „קריסטליכע" אָדער „קאַטוילישע".

צו די פריהערדיגע בעשולדיגונגען, וועלכע די פּוילישע אַנטיסעמיטען האָבען אַרויפגעוואָרפען אויף יודען, אַז זיי זענען פערשפּרייטער פון סאָציאַליזם, אפיקורסות,

רוסיפיקאַציע (די „ליטוואַקעס“), איז איצט צוגעקומען אַ נייע: די יודען פערשפרייטען גערמאַניזם, זיי זענען געהיימע אַגענטען פון די „האַקאַטיסטען“ (פּרייסישע בעקעמפער פון די פּאָליאַקען). „דער דייטש געהט!“ — דאָס איז געוואָרען דער אויסגעשריי ביי יעדער ענטפּלעקונג פון צייכען פון׳ם יודישען נאַציאָנאַלען לעבען. די יודען אין פּוילען — האָבען די אַנטיסעמיטען ערקלערט — זענען דער אַוואַנגאַרד פון׳ם דייטשען „דראַנג נאַך אָסטען“. די יודען זענען בעהאַלטענע דייטשע קולטור־טרעגער, דייטשע שפּיאָנען, פערקליידעט... אַלס יאַפּאַנישע סוחרים, בעלי־מלאכות און אַרבייטער. עס דאַרף דעריבער אַרונטערגעריסען ווערען די מאַסקע, אונטער וועלכער זיי פערשפּרייטען אין פּוילען די דייטשע שפּראַך און די דייטשע ליטעראַטור. דער סאָציאַליזם — דאָס איז נאָר אַ פרעמדע, פיינדליכע ערפינדונג, וועלכע שטרעבט מיט דער הילף פון די יודען אָדער די פערפיהרטע פּוילישע אַגיטאַטאָרען פונאַנדערטיילען דאָס פּוילישע פאָלק אין קלאַסען, צו צערייסען זיין אַחדות, כדי עס זאָל לייכטער־זיין אונטער־צוואַרפען דאָס גאַנצע פאָלק אונטער דעם עקאָנאָמישען און קולטורעלען איינפלוס פון פרעמדע, פון די פיינד. אַזוי האָבען אָפען געשריבען די עקסט־פּראָגרעסיווע פּוילישע צייטונגען.

קיין וואַרשא זענען געקומען אַלס געסט פאָרשטעהער פון די טשעכען. דער פּוילישער אויפנאַהם־קאָמיטעט, וואָס האָט די טשעכישע געסט מיט אַלעם בעזאָרגט, האָט אויף דער אויפנאַהמע געזאַמעלט געלד ביי פּאָליאַקען ווי ביי יודען. יודישע יונגעליי מיט זייערע עכט־סעמיטישע נעזער האָבען געהאַלטען פאַר זייער פליכט אָבצו־וואַרטען אויף די גאַסען דעם דורכפאָהר פון די טשעכען און בעגריסען זיי מיט׳ן טשעכישען „נאַ זדאַר“; יודישע פאַמיליעס האָבען געהאַלטען פאַר זייער פליכט צו בעפּוצען די באַלקאָנען מיט טעפּיכער. נאָר די יודישע פרעסע האָט געשוויגען און נישט בעגריסט די טשעכען, אַלס פּראָטעסט געגען דעם, וואָס איהרע פאָרשטעהער זענען נישט, ווי די פאָרשטעהער פון דער גאַנצער פּרעסע, איינגעלאַדען געוואָרען צו דער אויפנאַהמע; אַ טייל פון דער יודישער פרעסע האָט נור אָבגעדרוקט איינע אָדער צוויי בעמערקונגען געגען דעם פּוילישען קאָמיטעט, וועלכער האָט אויסגעמיידט צו פיהרען די טשעכען בעזוכען די יודישע קוואַרטאַלען, און נאָך אַזעלכע בעמערקונגען,— און אָט האָט די פּוילישע פרעסע, וועלכע פערשווייגט געוועהנליך די עקזיסטענץ פון דער יודישער פרעסע, פלוצלונג געמאַכט אַ טומעל: וואָס פאַר אַ חרפה פאַר פּוילען, וואָס פאַר אַ מחוצפים די יודען זענען! זיי האָבען נישט אַרויסגעוויזען פאַר די טשעכען זייער סאָלידאַריטעט מיט די פּאָליאַקען, זיי האָבען זיך נישט געפרעהט פון דער אַחדות צווישען די פּאָליאַקען און טשעכען אין נאָמען פון די געמיינזאַמע אידעאַלען! (אַ. האַרטגלאַס, די „פּוילען־פראַגע“, 1909).

יח.

עס איז לייכט געווען פאָרויסצוזעהן, אַז די פערזיכערונגען פון די נ.־ד.׳קעס, אַז זיי זענען געגען אויסנאַהמס־געזעצען פאַר יודען, זענען בלויז געווען אַ שען־קלינגענדיגע פראַזע, וועלכער מ׳האָט געקאָנט צוגעבען עפּיס אַ בעדייטונג כל־זמן די מאַכט האָט

זיך נישט געפונען ביי זיי אין די הענד. ווי נור אבער עס האט זיך געמאכט די ערשטע געלעגענהייט, האבען זיי פערגעסען אן אלע זייערע הבטחות און גאנץ דרייסט גענומען געהן אויפ'ן וועג פון בעגרענצונגען. אט א ביישפיעל:

די ווארשאווער שטאדטישע קרעדיט-געזעלשאפט האט זיך געווענדעט צו דער רוסישער רעגירונג מיט א בקשה, צו בעגרענצען די יודישע וואהל-רעכט אין דער געזעלשאפט, און די פוילישע פרעסע, אפילו די מעסיגע, האט די פאדערונג אונטער-געשטיצט. די בקשה איז אבער נישט ערפילט געווארען, ווייל די רוסישע רעגירונג האט געפונען פאר אונמעגליך איינצופיהרען אין דער הינזיכט בעגרענצונגען לטובת פאליאקען און געגען יודען. די פוילישע שתדלנים האבען זיך אין זייער פאדערונג פערורופען אויפ'ן ביישפיעל פון די אדעסער שווארץ-מאה'ניקעס, וועלכע עס האט זיך איינגעגעבען דורכ-צופיהרען אזא בעגרענצונג. מען האט זיך נור פערגעסען, אז דארט האבען זיך בעמיהט די עכטע רוסען וועגען בעגרענצען די רעכט פון די „אינארודצעס", וועלכע זענען דאסמאל צופעליג געווען יודען, אבער זיי האבען דאך געקאנט זיין אויך פאליאקען, און דא האבען זיך ביי דער רוסישער רעגירונג משתדל געווען איינע „אינארודצעס" געגען די אנדערע. און כדי ביי קיינעם זאל קיין טעות נישט זיין צו מיינען, אז די בעגרענצונגען פאר יודען האבען געפאדערט בלויז צופעליגע פוילישע רייכע הויזער-אייגענטימער (הגם צו דער איבענדערמאהנטער אינסטיטוציע געהערען נישט בלויז די אייגענטימער פון ווארשא, נאר אויך פארשטעהער פון פוילישען ביר-גערטום, וואס בעזיצען אין ווארשא נישט קיין גרויסע נחלאות), האט ביי אן אנדער געלעגענהייט געפאדערט געזעצליכע בעגרענצונגען פאר יודען שוין נישט קיין צופעליגע, נאר די אנערקענטע פוילישע רעפרעזענטאנץ, די „קאלא פאלסקיע" אין פעטערבורגער נאסוד. דומע: דאס איז געווען דעמאלט, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען שטאדטישער זעלבסטפערוואלטונג אין פוילען.

אלס בעלוינונג פאר זייער רעאקציאנערער פאליטיק בעת דער רעוואלוציע און נאך איהר האבען די נ.-ד.'קעס ערווארט צו בעקומען פון דער רוסישער ביוראקראטיע שטאדטישע זעלבסטפערוואלטונג אין פוילען, און בעצייטענס, נאך איידער זיי האבען די זעלבסטפערוואלטונג בעקומען, האבען זיי דאס אויסגעפויקט איבער'ן גאנצען לאנד אלס א נצחון פון זייער רעאלער און קלוגער פאליטיק. און ווירקליך איז אין דער דריטער דומע אריינגעטראגען געווארען דער פראיעקט וועגען זעלבסטפערוואלטונג פאר די שטעדט אין פוילען און איבער דעם פראיעקט האט מען היים דעבאטירט. ווי עס פאסט פאר א פראיעקט פון דער רוסישער רעאקציאנערער ביוראקראטיע, איז די בעפעלקערונג אין פוילען איינגעטיילט געווארען אין דריי קוריעס: אין רוסישע, יודישע און די איבעריגע (פוילישע). די רוסישע קוריע האט בעקומען בעזונדערע פריווילעגיעס, די יודישע קוריע וואלט בעקומען דאס רעכט צו שיקען 1/10 ראטמענער דארט, וואו די יודישע בעפעלקערונג מאכט-אויס א מינדערהייט, 1/5 דארט, וואו זי מאכט-אויס א מעהרהייט, און די איבעריגע ראטמענער האט געזאלט אויסוועהלען די פוילישע קוריע. אין נאמען פון דער פוילישער קאלא איז ארויסגעטראטען מיט אן אפיציעלער דעקלאראציע דעפוטאט יאראנסקי, וועלכער האט בעגרינדעט די נויטווענדיגקייט איינצו-פיהרען בעגרענצונגען פאר יודען. די סיבה, פארוואס די פוילישע קאלא האט געפונען

פאר נויטיג ארויסצוטרעטען אין נאמען פון פוילישען פאלק מיט א פאדערונג פון
בעגרענצונגען פאר יודען, ווען די רעגירונג האט שוין סיי-ווי-סיי פארגעלעגט אין איהר
פראיעקט אזעלכע בעגרענצונגען, האט מען פערשיעדענארטיג ערקלערט. איינינע האבען
געמיינט, אז דאס איז געטהון געווארען צוליעב אגיטאציע-צוועקען: די קאלא האט פון
דער רוסישער פארלאמענטס-טריבונע געוואלט בעקאנט-מאכען דעם פוילישען פאלק,
אז זי פיהרט א קאמף מיט יודען; אנדערע ווידער — און דאס ווייזט-אויס צו זיין מעהר
וואהרשיינליך — האבען דערין געזעהן א פראקטישען שריט: פון א מאסגעבענדער
רוסישער זייט האט מען געגעבען דער קאלא צו פערשטעהן, אז אויב זיי וועלען זיך
אליין נישט בעמיהען פאר איינפיהרען בעגרענצונגען פאר יודען און עפענטליך דער-
פאר ארויסטרעטען, וועלען יודען בעקומען בנוגע צו דער זעלבסטפערוואלטונג גלייכבע-
רעכטיגונג. אזוי צי אזוי, דער גלייכבערעכטיגונגס-סטאטוס פינ'ם פאליאק וועלאפאלסקי
איז איצט גרינדליך אונטערגעגראבען געווארען דורך די פוילישע פארשטעהער אין
רוסישען פארלאמענט. קיין פראקטישע בעדייטונג פאר די פאליאקען האט דערדאזי-
גער ארויסטריט סיי-ווי-סיי נישט געהאט, ווייל די רוסישע רעאקציע איז דאך אין
דער ווירקליכקייט געווען אזוי שלעכט געשטימט פאר די פאליאקען, ווי פאר יודען,
ווי בכלל פאר אלע איננארודצעס, און דער פראיעקט איז דערנאך אבגעווארפען געווא-
רען דורך די אלטע רוסישע בוראקראטען פון דער „אייבערשטער פאלאטע", גאסוד.
סאוועט. דערפאר אבער האט דער פאקט אליין, וואס פארשטעהער פון פוילישען
פאלק, — הגם נישט פון גאנצען, — וועלכע בעקלאגען זיך שטענדיג אויף פערפאלגונגען
און אונטערדריקונגען, האבען געפאדערט אנצווענדען גוואלד-מיטלען בנוגע צו אנ'אנ-
דערען, נאכמעהר אונטערדריקטען פאלק, פיעל געשאדט די פוילישע אינטערעסען
גופא. ווי מיט א כיוון חוזק צו מאכען פון די פאליאקען, האט די רוסישע בורא-
קראטיע אזוי דורכגעפיהרט, אז גלייכצייטיג מיט'ן פראיעקט וועגען שטאדטישער
זעלבסטפערוואלטונג איז אויך ערוועקט געווארען די פראגע וועגען אבררייסען כעלמער
קאנט פון פוילען, און כמעט אין דערזעלבינער צייט, וואס דעפוטאט דימשא, רעדענדיג
וועגען דער כעלם-פראגע, האט אפעלירט צום פרינציפ פון גלייכקייט פון אלע בירגער
פאר'ן געזעץ, ווי עס איז פערזיכערט געווארען אין דער רוסישער קאנסטיטוציע, האט
זיין חבר, דעפוטאט יאראנסקי, רעדענדיג וועגען זעלבסטפערוואלטונג, געפאדערט צו
בעגרענעצען די יודען אין זייערע רעכט. דער פארשטעהער פון די כעלמער רוסען,
דער רעכטער דעפוטאט יעפיסקאפ יעוולאגי, האט זיך אויסגענוצט מיט דער איינע-
ארטיגער עטיק פון די פוילישע דעפוטאטען און טריאומפירענד אויסגערופען: „אט
דאס איהר פוילישע לאגיק. ווען עס האנדעלט זיך וועגען פאליאקען, פאדערט איהר
פאר זיי פולע רעכט, און ווען עס האנדעלט זיך וועגען אנדערע, קומט איהר מיט'ן
אלטען „וועטא" (איך ערלויב נישט). אנדערע זענען זיי גרייט איינצוצוינען און אונ-
טערדריקען, נישט בלויז די יודען, נאר אויך דעם פוילישען פויער". אין די פראגרע-
סיווע קרייזען פון דער דומע האט דער ארויסטריט פון די פאליאקען מיט דער פא-
דערונג איינצופיהרען בעגרענצונגען פאר יודען ארויסגערופען א שטורם פון אויפרעגונג.
„וואס איז דאס, — האט געפרעגט אין זיין רעדע דער פראגרעסיווער דעפוטאט
מאקלאקאוו, — זעלבסטפערוואלטונג אדער א שפאט איבער דער אידעע פון זעלבסט-

פערוואלטונג? אזא זעלבסטפערוואלטונג שטעהט נאך נידריגער, ווי א ביוראקראטישע פערוואלטונג, ווייל פון בעאמטע פאדערט מען לכל־הפחות בילדונג, זאך־קענטניש, און דערביי איז נאך פאראן, ווער עס זאל זיי קאנטראלירען. און דא וועט גענוג זיין, אז וועלכער־עס־איז פאליאק זאל וואוינען אין שטאדט, אום מ'זאל ארויסגעבען אין זיינע הענד אריין די מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג, צו טהון מיט איהר, וואס ער וויל".

כדי בעסער צו פערשטעהן די גאנצע אונגערעכטיגקייט און שווערע פאלגען פון אזא בעגרענצונג, דארף מען נעהמען אין בעטראכט, אז בכלל מאכט־אויס די צאהל יודען אין די שטעדט און שטעדטלעך אין פוילען 2/5 פון זייער גאנצער בעפעלקערונג; אין פיער גובערניעס (לויט דער פאלקס־צעהלונג פון 1897) איז זייער צאהל אין די שטעדט העכער פון 50 פראצ., און אין איינצעלנע שטעדטלעך — זאגאר העכער פון 80 פראצענט. לויט'ן פראיעקט וואלטען די יודען, וואס האבען א בעפעלקערונג פון 2/5 פון דער אלגעמיינער צאהל ארטיגע איינוואוינער, רעפרעזענטירט געווארען אין דער שטאדטישער זעלבסטפערוואלטונג, שוין אריינרעכענענדיג אויך די רוסישע פארשטעהער, מיט פיעל ווייניגער ווי 1/5 פון דער אלגעמיינער צאהל ראטמענער. אין די שטעדט, וואו די פוילישע בעפעלקערונג האט א מעהרהייט, וואלטען די יודען — מעג זייער צאהל אויסמאכען מעהר ווי 40% — געהאט נאר א קליינע פערטרעטונג און נישט געהאט קיין איינפלוס אויפ'ן גאנג פון די שטאדטישע אנגעלעגענהייטען. אבער אפילו דארט, וואו די פוילישע בעפעלקערונג געפינט זיך אין דער מינדערהייט, וואלט זי טראצדעם געהאט אין דער שטאדט־פערוואלטונג א מעהרהייט (אנ'ערך 4/5). אין די דעבאטען אין דומע האט איין רעדנער אנגעוויזען אויף דער מעגליכקייט לויט'ן פראיעקט פון אזא קאמישען צושטאנד, ווען ביי 92 יודישע וועהלער וועלען 15 נישט־יודישע דארפען אויסוועהלען פון זיך... 24 ראטמענער, אבער אויך פיעל אנדערע פאלען, נישט אזעלכע לעכערליכע, וואלטען לויט'ן דאזיגען פראיעקט קלאר־געמאכט, אז דא האט מען אלענפאלס נישט צו טהון מיט אנ'אויס־געוועהלטען ארגאן פון זעלבסטפערוואלטונג, נאר מיט א געזעצליך סאנקציאנירטער פוילישער אליגארכיע איבער דער יודישער בעפעלקערונג, א מין נאציאנאליסטישער ווילקיר, וואס וואלט זיך אין דער פראקטיק ארויסגעוויזען נאך פיעל ערגער, ווי די ביוראקראטישע ווירטשאפט.

און אזוי האט אויך די רוסישע פראגרעסיווע פרעסע אבגעשאצט די שטעלונג פון דער פוילישער קאלא אין דער פראגע פון זעלבסטפערוואלטונג. וואס בעדייט אייגענטליך א פוילישע זעלבסטפערוואלטונג אין אייראפעאישען זין פונ'ם ווארט? — האט די רוסישע פראגרעסיווע פרעסע געפרעגט. — דאס הייסט דאך, צו געבען די געביטען פון דער אמאליגער פוילישער מלוכה דאס רעכט, אז זיי זאלען ווערען פערוואלטעט נישט פון דרויסען, צענטראליסטיש (פון פעטערבורג) און ביוראקראטיש, נאר פון אינעווייניג, אויטאנאמיש, דורך אנ'אייגענער רעפרעזענטאנץ. אבער די פוילישע קאלא האט דעם גערעכטען לאזונג פון: „פוילען פאר דער פוילישער בעפעלקערונג, פאר די בירגער פון פוילען", אומגעביטען אויפ'ן נאציאנאליסטישען לאזונג: „פוילען פאר פאליאקען", און דערדאזיגער לאזונג האט באלד אנגענומען א „האלאנישען" כאראקטער: פוילען פאר גערעכטלאזיגקייט, פאר דער אונטערדריקונג

פון א נישט־פוילישער נאציאנאליטעט. דאס איז דער לאזונג פונ'ם אגרעסיווען, אונטערדריקענדען נאציאנאליזם, פון וועלכען עס שטאמען די פערפאלגונגען געגען די פאליאקען גופא אין רוסלאנד, דער לאזונג, געגען וועלכען די פאליאקען אליין פראטעסטירען אין פרייסען. דאס איז א לאזונג פון א נאציאנאליזם, וואס איז נישט בלויז אנטי־דעמאקראטיש, אנטי־הומאניטאריש, אבער אויך מלוכה־שעדליך, ווייל ער מאכט איין טייל ביטערער אלס געגענשטאנד פון אונטערדריקונגען מצד דעם אנדערען טייל; דאס איז זאגאר א לאזונג פון אן אנטי־אויטאנאמישען נאציאנאליזם, ווייל ביי א טייל בירגער (און אפטמאל מאכט ער דערצו נאך אויס א מעהרהייט) ווערט נישט בלויז בערויבט די מעגליכקייט צו פערוואלטען מיט זיך אליין, נאר ער ווערט ארויסגעליפערט אלס הפקר אין די הענד פון אנדערען שאוויניסטישען טייל, וואס פערוואלטעט נאך ריקזיכטלאזער, אייגנזיניגער, מיט מעהר פניות אפילו ווי די צענטראליסטישע ביוראקראטיע.

מיר האלטען עס פאר איבעריג אבצושטעלען זיך דא בעזונדער און אויפצוווייזען גענויער, אז דערצו וואלט עס געקומען ביי דער שטימונג, וועלכע עס האט דאן געהערשט אין די מאסגעבענדע פוילישע קרייזען: ערקלערען אן אונ'ברחמנות'דיגען קאמף מיט יודען. דאס איז געווען די איינציגע אידעע, וואס האט דעמאלט בעגייסטערט די איינפלוססרייכע אנפיהרענדיגע קרייזען אין פוילען, און מיט איהר פערווירקליכונג האט מען זיך טאקע פערנומען עמוזים שפעטער, אין דעם באיקאט־פעריאד.

יח.

מיט'ן צוועק צו פערדונקלען און אבצושוואכען דעם שווערען איינדרוק, וועלכען עס האט ארויסגערופען אין די פראגרעסיווע רוסישע קרייזען די דעקלאראציע פון דער קאלא, האט זי, די קאלא, ארייגעטראגען א פארשלאג, וואס אפיציעל איז זיין ציעל געווען צו פערלייכטערן די בעגרענצונג פון די יודען, אבער אין דער ווירקליכקייט וואלט ער איינגעצען צו־נישט־געמאכט דעם איינפלוס פון די יודען אין דער זעלבסטפערוואלטונג: נעמליך, דער דעמוטאט גראבסקי האט פארגעלעגט אין דומע אן אויסבעסערונג צום פראיעקט, אז יעדע קוריע שטאדט־וועהלער זאל האבען דאס רעכט צו וועהלען ראטמענער אויך פון א צווייטער קוריע, ד. ה. פאליאקען זאלען קאנען וועהלען יודען, און יודען — פאליאקען. עס וואלט געווען נאאיוו צו גלויבען, אז דיזעלביגע פוילישע קאלא האט עס פארגעלעגט צו בעגרענצען יודען געזעצליך, כדי די פוילישע וועהלער זאלען זיי פון זיך שיקען אין די שטאדט־ראטען. די אויסבעסערונג האט דא געהאט אן אנדער ציעל: אנשטאט אויסגעוועהלטע יודישע פארשטעהער, האט מען געוואלט בעקומען די מעגליכקייט צו שיקען אין די ארגאנען פון זעלבסטפערוואלטונג „פאליאקען פון משה'ס גלויבען", די עקסטע אסימילאטארען, און זיי דארט פארצושטעלען אלס די אמת'ע יודישע פארשטעהער. דער איינפלוס פון די יודען אויף דער שטאדט־ווירטשאפט וואלט דורכדעם נישט פערגרעסערט געווארען, ווייל די יודישע בעפעלקערונג וואלט דאך געבליבען ביי איהר פראצענט־נארמע, אבער אנשטאט דעם וואלטען די פאליאקען געקאנט דארט, וואו עס וואלט זיך ארויסגעוויזען פאר נויטיג, אויסוועהלען

אײנעם אדער אײנינע אסימילאטארען, װאס װאלטען, פערשטעהט זיך, אין אלץ נעפאלגט די פאליאקען און זיך בעמיהט אבצושװאכען די מאראלישע בעדײטונג פון די פאדערונגען פון די אמת'ע יודישע פארשטעהער. אזא „אויסבעסערונג" װאלט בעדײט אײנם און דאסזעלבע, װי װען מ'זאל די רוסען, דארט, װאו זײ האבען א מעהרהײט, ערלויבען צו שיקען אלס זײערע פערטרעטער געװיסע פערקויפטע פאליאקען, װאס זאלען אין די שטאדט-ראטען שפיעלען די ראליע פון פאליאקען און ארויסטרעטען געגען די פאדערונגען פון די אמת'ע פוילישע פארשטעהער.

נאר ערגער האט זיך פערהאלטען די קאלא אין דער 4-טער דומע בײם בעראטהען דעמזעלבען פראיעקט פון זעלבסטפערװאלטונג. װעלענדיג פטור-װערען פון קריטיק פון'ם דאזיגען פראיעקט, װעלכער איז נישט בלויז געגען די אינטערעסען פון די יודען, נאר אויך פון די פוילישע דעמאקראטישע עלעמענטען, צוליעב'ן הויכען װאהל-צענז, װאס איז אין איהם אײנגעפיהרט, האבען די פוילישע דעפוטאטען זיך בעמיהט מיט דער הילף פון די רעכטע, דורכצופיהרען א פארשלאג, נישט צו דערלאזען צו קײן דעבאטען, און דערבײ נאך, כדי נישט ארויסצוװײזען די אמת'ע כונות, האט נאר די מינדערהײט פון די פוילישע דעפוטאטען געשטימט דערפאר, און די מעהרהײט איז געװען געגען, אויסרעכענענדיג פריהער, אז דער פארשלאג װעט סײ-װי-סײ האבען א מעהרהײט און דורכגעהן. דאן האט דער רוסישער דעפוטאט ראדיטשעװ, דער בעקאנטער פערטײדיגער פון די פוילישע אינטערעסען, אויסגערופען: „פערמאכט אײך נישט דאס מויל!" — און דער דעפוטאט קערענסקי (טרודאװיק) האט די קאלא-מיטגלידער אפען אנגערופען מיט'ן נאמען „פעררעטער פון אײגענעם פאלק", פאר װאס אײנער פון די פוילישע דעפוטאטען האט איהם ארויסגערופען אויף א דועל; קערענסקי האט דאן פארגעלעגט צו בעטראכטען די גאנצע אנגעלעגענהײט און בעװײזען די הינטער-קוליסען-פאליטיק פון די פוילישע דעפוטאטען אויף אן עהרען-געריכט. די פוילישע דעפוטאטען האבען אבער דערויף נישט אײנגעשטימט, און דערנאך פערלאנגט א דועל, װעלכער איז ענדליך דאך אויסגעמיטען געװארען.

כ.

די לאגע, אין װעלכער עס האבען זיך געפונען די פוילישע פראגרעסיסטען, האט זײ נאר אײניגען געמוזט צװינגען איבערצוגעהן אפען אויף דער זײט פון די אנטיסעמיטען. שטעהענדיג אין דער יודען-פראגע אויף א נישט-אויפריכטיגער און װאקעלדיגער פאזיציע, האבען זײ סוף-כל-סוף זיך געמוזט אבװענדען פון די יודען אין דעם מאמענט, װען זײ האבען זיך אלײן מעהר איבערצײגט, אז דורך די יודישע שטימען װעלען זײ די מאכט אין האנד נישט בעקומען.

פון דער צװײטער זײט האט זײער „יודען-פרײנדשאפט" געמאכט זײ נישט-פאפולער אין דער פוילישער געזעלשאפט, װעלכע איז, צוליעב דער אגיטאציע פון די נ.-ד.-קעס, דורכגענומען געװארען נישט בלויז מיט שנאה צו יודען, נאר אויך צו די, װי זײ האבען עס גערופען, „יודישע פראגרעסיסטען". כדי צו ראטעװען דעם „פראגרעס", האט מען געפונען פאר נויטיג צו בעזײטיגען פון זיך אלץ, װאס עס איז

טער יודיש, וואס עס האט זיך אמבעסטען געלאזט אויספיהרען דורך שאפען דעם טער-נעהטעם „פראגרעסיווען אנטיסעמיטיזם". צום אנהויב האבען זיך געשטעלט אויף דעם וועג איניגע געצעהלטע פראגרעסיסטען פון אנדזשיי נעמאיעווסקי'ס שניט און הדר. נעמאיעווסקי, וואס איז פון-לאנג בעקאנט געוועזען אלס הייסער יודען-פריינד, האט אין אנהויב פון דער בעפרייאונגס-בעוועגונג אנגעהויבען ארויסצוגעבען א צייטשריפט אונטער'ן נאמען „מישל נעפאדלעגלא" (אונאבהענגיגער געדאנק), אין וועלכער ער האט דירעקט בעקעמפט דעם קלעריקאליזם אין נאמען פון פריידענקעריי. מען קאן פערשטעהן, אז צווישען אלמעכטיגען פוילישען קלעריקאליזם און דעם אהנמעכטיגען יודישען איז א גרויסער אונטערשיעד, אבער דאך איז קיין וואונדער נישט, וואס ארויסטרעטענדיג געגען איינעם, איז ער אויך ארויסגעטראטען געגען צווייטען. ערגער איז, וואס נעמאיעווסקי און זיינע מיטארבייטער האבען וועניג געקענט דעם יודישען קלעריקאליזם, און וועלענדיג ארויסטרעטען געגען תלמוד, זענען זיי געגאנגען זוכען בעשולדיגונגס-מאטעריאל ביי די בעקאנטע שווינדלער-פאלסיפיקאטארען, ווי איזענמענגער, ליטאסלאווסקי און זייער גלייכען, און לחלוטין ווייט פון פריידענקעריי איז נעמאיעווסקי'ס טוען, ווען די אויסגעטראכטע „חטאים" פון תלמוד, געפינט אויפ'ן גרונד פון פאלשע און פערדרעהטע ציטאטען, האט ער ארויפגעווארפען אויפ'ן גאנצען יודישען פאלק, און אמאל ערקלערט, אז דאס גאנצע יודישע פאלק איז לויט זיין עצם מהות קלעריקאל, און אנאנדערש מאל — אז ווייל די יודען זענען אנהענגער פון דער „תלמוד'ישער עטיק", דעריבער דארף מען ביי זיי אבנעהמען אלע מענשליכע רעכט. געהענדיג אויף דעמדאזיגען וועג, איז דער פריידענקער נעמאיעווסקי געקומען צום זעלבען פונקט, אויף וועלכען עס איז שוין לאנג פריהער געשטאנען דער קלעריקאל יעלענסקי. נאך נעמאיעווסקי'ן איז געגאנגען איזא מאשצינסקא, און ענדליך — אויך דער פיהרער פון פוילישען פראגרעס שווענטאכאווסקי.

כא.

טריי ביי זייערע פרינציפען זענען פערבליבען נור די פוילישע סאציאליסטען, וועלכע האבען לויט מעגליכקייט פערטיידיגט און בעשיצט די יודען פון אנטיסעמיטיזם, וואס האט שוין ערשט ארומגענומען דאס גאנצע פוילישע בירגערטום, מיט די פראגרעסיסטען אין כלל. חוץ די צייטונגען האט אלס קאמפס-פלאץ געדיענט די איינציגע אינסטיטוציע, וואס איז פערבליבען נאך דער קאנטר-רעוואלוציאנערער צעשטערונג: די געזעלשאפט „קולטורא פאלסקא". אין דעדאזיגער געזעלשאפט האבען די סאציאליסטען געהאט א ספעציעלע „5-טע סעקציע", וואס האט זיך פערנומען מיט פערשפרייטען בילדונג צווישען די ארבייטער אין מארקסיסטישען גייסט. אין דער געזעלשאפט בכלל זענען אפט פארגעקומען דעבאטען, צווישען אנדערע אויך אין דער ברענענדיגער יודען-פראגע, און די מיינונגס-פערשידענהייטען צווישען די סאציאליסטען און פראגרעסיסטען זענען געווארען אלץ גרעסערע. אבער ווי גרויס איז געווארען די פערוואונדערונג פון די ראדיקאלע מיטגלידער פון דער „קולטורא", ווען זיי האבען דערזעהן, אז אינ'ם ארגאן פון דער געזעלשאפט אונטער'ן זעלבען נאמען,

וואָס איז געוואָרען רעדאַגירט דורך שוועגטאָכאָווסקי׳ן, הויבען זיך אָן צו פּעוויזען אַרטיקלען מיט אַ בולט־אַנטיסעמיטישער טענדענץ. אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט האָט עס געבראַכט צו שטאַרקע סקאַנדאַלען, און דערמיט האָט זיך דערווייל אויסגענוצט די רוסישע מאַכט און די אינסטיטוציע איינגאַנצען געשלאָסען. די אַנטיסעמיטען פון די פערשיעדענע שאַטירונגען האָבען דורכדעם בעקומען אַ נייע טענה צו יודען: דורך זייער שולד איז געשלאָסען געוואָרען אַ פּוילישע אינסטיטוציע.

תוך דאָ האָבען די סאָציאַליסטען געפיהרט זייער קאַמף מיט די אַנטיסעמיטען אויף די שפּאַלטען פון זייער וואָכענשריפט „קוזשניאַ״, וואָס איז אָפיציעל ערשיענען אין ווילנאַ, אָבער רעדאַגירט און צונויפגעשטעלט געוואָרען אין וואַרשאַ און פונאַנדערגעשפּרייט געוואָרען הויפּטזעכליך אין פּוילען. צוזאַמען מיט די אַרטיקלען פון די פּוילישע מאַרקסיסטען, וואָס איינער פון זיי, דער אַלטער פּובליציסט לודוויג קשיוויצקי, איז אַרויסגעטראָטען צו פערטיידיגען זאָגאַר די „ליטוואַקעס״, האָט אין דער „קוזשניאַ״ דער בעקאַנטער בונדיסטישער טוער גראָסער אויך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל צו פערטיידיגען די פאָדערונג פון קולטורעל־נאַציאָנאַלע יודישע רעכט. דיזאָזיגע מיינונג איז אָבער געבליבען איינזאַם, די מיינונג פון אויטאָר אַליין, מיט וועלכער קיין פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך דעמאָלט נישט סאָלידאַריזירט, ווייל זיי אַלע זענען געשטאַנען אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון אַסימילאַציע. עס האָט זיך זאָגאַר געפונען אַ פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך אַמאָל ערלויבט צו מאַכען אַן אַנטיסעמיטישען אַרויסטריט — דאָס איז געווען די „רעכטע פּ. פּ. ס.״ (די אַזוי־גערופענע „פראַקציע״). איבעריגענס, נאָכ׳ן אונטערדריקען די פרייהייטס־בעוועגונג און שטאַרקען־זיך פון דער רעאַקציע מיט אַלע איהרע רעפּרעסיעס, האָט זיך דער איינפלוס פון די פּוילישע סאָציאַליסטען בעגרענעצט בלויז צווישען זייערע אָנהענגער אין די אינטעליגענטען־ און אַרבייטער־קרייזען, און אויף דער געזעלשאַפטליכער מיינונג אין לאַנד בכלל האָבען זיי קיין איינפלוס נישט געהאַט.

אין דער באיקאט-צייט.

א.

ענדע 1912, ערב די וואהלען אין דער 4-טער דומע, זענען די יודיש-פוילישע בעציהונגען געווען זעהר פערשארפט. אלע פוילישע בירגערליכע פארטייען זענען געשטאנען אויפ'ן שטאנדפונקט פון קאמפף מיט יודען, כאטש אין די מעטאדען פון קאמפף זענען זיי זיך פונאנדערגעגאנגען.

די פראגרעסיסטען און טיילווייז אויך די „רעאליסטען" (אמאליגע „אוגאדאווצעס" — א קאנסערוואטיווע פארטיי, וועלכע איז בעשטאנען פון די גרויסע דארפישע און שטאדטישע גרונד-בעזיצער) האבען נישט געגלויבט אין אסימילאציע און אנערקענט די נויטווענדיגקייט פון נאציאנאליזירען דעם האנדעל, ד. ה. ארויסשטויסען די יודען פון'ם איינציג צוטרעטליכען פאר זיי געביעט, און בעטאנט, אז די יודישע גלייכבערעכטיגונג אין די שטאדט-פערוואלטונגען ברענגט אין געפאהר די פוילישע נאציאנאלע אינטערעסען, טראצדעם, וואס זיי — בעזונדערס די פראגרעסיסטען — האבען זיך געהיט ארויסצולאזען פון מויל די פאדערונג פון בעגרענצונגען פאר יודען. גלייכצייטיג אבער האבען זיי אנערקענט, אז דורך בענוצען-זיך מיט שווארץ-מאה'שע קאמפפס-מעטאדען, ווי עס טהוען די נ.-ד.'קעס, וועקט מען אויף אין לאנד די ווילדע אינסטינקטען, דאס ברענגט איינפאך צו פערווילדקייט און גיט-איבער די פוילישע אינטערעסען צום וואוילגעפעלען פון דער רוסישער רעאקציע, מיט איין ווארט — עס ברענגט שאדען די פוילישע אינטערעסען, און די אונקולטורעלע פארם פון קאמפף שטויסט-אב די אינטעליגענטערע עלעמענטען פון אמת'ן, נוצליכען אנטיסעמיטיזם. דיזאזיגע מאטיווען, ווי אויך די אמביציע פון געוויסע איינצעלנע פערזאנען, האבען בעוואויגען די ניכטערן-דענקענדיגע פוילישע פאליטיקער פון פערשיעדענע פארטייען, פראגרעסיווע און קאנסערוואטיווע, ווי אויך אונפארטייאישע, הויפטזעכליך יענע, וואס שטעהען בראש פון די איינפלוסרייכערע צייטונגען, צו שליסען א וואהל-בלאק, אדער, ווי מען האט עס אנגערופען, א „נאציאנאלע קאנצענטראציע".

קיין פאליטיש פראגראם בכלל האט די קאנצענטראציע נישט געהאט, און נאך ווייניגער האט זי געהאט א פראגראם אין דער יודען-פראגע. ווען זי וואלט אפילו יא געהאט אזא פראגראם אין א מעהר-ווייניגער גינסטיגען זין פאר יודען, וואלט זי עס, צוליעב מורא פאר די קריסטליכע וועהלער, נישט געקאנט פערעפענטליכען און פערטיידיגען. די אגיטאציע פון די נ.-ד.'קעס, וועלכער עס האבען פאר די לעצטע יאהר מיטגעהאלפען נישט איינער פון די איצטיגע פיהרער פון דער קאנצענטראציע, האט געבראכט דערצו, אז דער דורכשניטליכער פוילישער וועהלער זאל זיין אנטיסעמיטיש

געשטימט, און די קלענסטע הנחה לטובת די יודען וואָלט קאָמפּראָמעטירט די קאָנצענטראַציע אין די אויגען פון פּוילישען המון אַלס אַ „יודישע קליקע". די פירער פון דער קאָנצענטראַציע האָבען לייכט געקאָנט בויטען זייערע איבערצייגונגען, אויף דער צייט פון די וואַהלען; אָבער עס איז שווער געווען צו געבען דאָס צו פערשטעהן דעם געוועהנליכען פּאָליאַק, וואָס קלייבט זיך נישט אַזוי געשווינד פונאַנדער אין אַזעלכע איידעלע פּאָליטיק־פראַגען, און פערשטעהט בלויז, אַז ווער עס איז נישט אויסדריקליך געגען יודען, דער איז פאַר זיי, דער איז אַ „יודישער קנעכט", אַ „שבת־גוי", — די נעמען, מיט וועלכע די נ.־ד.'קעס און זייערע חברים האָבען געקרוינט פאַר די לעצטע יאָהרען די אַלע, וואָס זענען נישט געווען אַזוי אויסגעשפּראָכען אַנטיסעמיטיש. און דערווייל איז פאָרגעקומען, אַז צוליעב געוויסע פאָרמעלע ערקלערונגען מצד דער רוסישער מאַכט צו דער וואַהל־אָרדינאַציע האָבען די יודישע שטימען געקאָנט האָבען אַ שטאַרקען איינפלוס אויפ'ן אויסגאַנג פון די וואַהלען; און די יודען, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָבען טאַקי בעקומען אַן אַבסאָלוטע מעהרהייט. און אויך מיט די יודישע וועהלער איז עס געווען נישט קיין לייכטע זאַך. די צייטען, ווען איין מעכטיגער קהל־פערוואַלטער האָט געקאָנט אָנפיהרען מיט דער גאַנצער יודישער געמיינדע, זענען שוין פון לאַנג אַריבער. די יודישע און העבּרעאישע פּרעסע אין פוילען האָט טאָג־טעגליך בעהאַנדעלט פערשיעדענע פּאָליטישע פראַגען, בעזונדערס האָט זי גרינדליך און אַלזייטיג בעלויכטען די פערשאַרפטע יודיש־פּוילישע בעציהונגען, און דער פּוילישער יוד האָט זיך אויסגעצייכענט געקאָנט אָריענטירען און איז געווען בעקאַנט מיט דער שטעלונג פון די פערשיעדענע פּוילישע פּאַרטייען צו דער יודען־פראַגע.

די קאָנצענטראַציע, געפינענדיג זיך אין אַזאַ שווערער לאַגע, האָט זיך אינגאַנצען פערלאָרען, און יעדען מאָמענט האָט זי אַמאָל געווענדעט איהרע בליקען אין דער זייט פון יודען, און אַמאָל — אין דער זייט פון די אַנטיסעמיטען. אום דורכצופיהרען איהר ליסטע, האָט די קאָנצענטראַציע דורכאויס געמוזט אָנקומען צו פרעמדער אונטערשטיצונג, זי האָט געמוזט זוכען פערבינדעטע צווישען די פּאָליאַקען אָדער צווישען די יודען, אָדער ביי ביידע צוזאַמען. און אַזוי האָבען זיך געפיהרט די ציימונגען, וואָס האָבען אונטערגעשטיצט די קאָנצענטראַציע — זיי האָבען פערפלייצט אַלץ מיט אַ מבול פון אונקלאָרע פראַזען און הייגט צוריקגעצויגען דאָס, אויף וואָס זיי האָבען נאָך נעכטען צוגעשטימט. עס קאָן זיין, אַז די טאַקטיק איז געווען אַ גאַנץ קלוגע און זי וואָלט אפשר געפיהרט צום ציעל, ווען אָן איהר וואָלט זיך געהאַלטען דער קאַנדידאַט פון דער קאָנצענטראַציע אַליין, יאַן קוכאַרזשעווסקי. אָבער ער, אַלס איפריכטיגער און אמת־זאָגענדיגער מענש, וואָס האָט זיך נאָך ביז־אַהער געהאַלטען ווייט פון פּאָליטיק און נישט גוט פערשטאַנען פערשיעדענע מאַכינאַציעס, איז בעגאַנגען איין „אונפאָרזיכטיגקייט" נאָך דער אַנדערער און אַרויסגעזאָגט דעם ביטערען אמת בנוגע צו יודען, כאָטש קיינער האָט עס פון איהם נישט אַזוי שטאַרק געפאָדערט. אַזעלכע אונפאָרזיכטיגקייטען זענען בעגאַנגען אויך איינינע אַנדערע פיהרער פון דער קאָנצענטראַציע.

אָנגעהויבען האָט זיך עס דערפון, וואָס די ערשטע פּראָוואָהל־פערזאַמלונג האָט די קאָנצענטראַציע אײַנגעאָרדענט פּונקט ערב יום־כפור, וואָס עס האָט אויסגעזעהן, אַז דאָס ווערט געמאַכט בכיוון יודען צו להכעיס. ווײַטער האָט קוכאַרזשעווסקי אין זײַן אָפיציעלער רעדע, בעריהרענדיג די יודען־פראַגע, זיך בענוצט מיט אַ נישט־געלונגענעם משל. וועלענדיג שילדערן בולט, אַז פוילען איז נישט דאָסזעלבע פאַר יודען, ווי פאַר פּאָליאַקען, האָט קוכאַרזשעווסקי דערצעהלט אין דער רעדע וועגען זײַנעם אַ שפּאַציר־גאַנג איבער וואַרשאַ צוזאַמען מיט אַ יודען און אָנגעוויזען אויף „די גרויסע ערינערונגען, וואָס דיזאָזיגע שטאָדט רופט־אַרויס אין׳ם בעוואוסטזײַן פון יעדען פּאָליאַק, וויפיעל טראַגישע זכרונות און גרויסע בעגײַסטערונגס־מאָמענטען עס דערוועקען זיך אין זײַן האַרצען בײַם הערען די פלעצער און פּאַלאַצען פון זיגמונט׳ס אַלטער רעזידענץ. און וועגען וואָס טראַכט מײַן בעגלײַטער בײַם זעהן דאָס אַלץ? — האָט ער געפרעגט, און זיך אַלײן געענטפערט: — ער טראַכט פיליײַכט אין דעם מאָמענט, וויפיעל עס קאָסט אַנ׳אײַל פון דעם פּלאַץ“... און ער האָט פאָרטגעזעצט: „אָבער ווען איך וועל גערן ווײַטער און בעמערקען אַ גרײַז־גרויען יוד, וואָס זיצט בײַ אַ געל ליכטעל איבער זײַן ביבעל און וויינט אויפ׳ן חורבן־ירושלים, איז אויב איך וועל נישט קאָנען מיטפיהלען דעם יוד, זאָל אויך ער מיר נישט מיטפיהלען“. דיזאָזיגע בעמערקונגען, וועלכע האָבען אין זיך ענטהאַלטען אַ שווערע בעליידיגונג פאַר יודען, זענען אין עצם געווען אַמשטאַרקסטען אַ קלאַפּ פאַר דער אַסימילאַציע, און דאָס דערמאָהנען ירושלים האָט מעזאָלט בעטראַכט ווערען אַלס אַ סימפּאַטיע־וואונק אין דער זײַט פון די נאַציאָנאַלע יודען; דאַגעגען די אַסימילאַטאָרען האָבען זיך אויך דערפון בעדאַרפט פיהלען שטאַרק בעליידיגט, ווײַל זיי האָבען אין דעם בעדאַרפט זעהן אַנ׳אָנערקענונג דורכ׳ן רעדנער פון דער יודישער אָבגעזונדערטער אײַגענאַרטיגקײַט, און וואָס זיי האָט נאָכמעהר געקאָנט איבערצײַגען זײַן ווײַטערע פערזיכערונג, אַז „אין דער אַסימילירונג מיט׳ן פּוילענטום אין׳ם גרעסטען טייל פון דער יודישער מאַסע, וועלכע פערפילט די שטעדטלעך פון קענינרײַך“, גלויבט ער נישט. אין דער אָנגעוועהטאָגסטער פראַגע פאַר יודען וועגען „נאַציאָנאַליזירען דעם האַנדעל“ האָט זיך קוכאַרזשעווסקי אַזוי אויסגעדריקט: „די פּאָליאַקען, בײַם פערטיידיגען זייער עקאָנאָמישען בעזיץ, דאַרפען שטעהן אויף דער וואַך“; אָבער דאָך, „קאָנקורירענדיג מיט די יודען, דאַרפען זיי זיך בענוצען בלויז מיט אָנשטענדיגע און קולטורעלע מיטלען; אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, אָבוואַרפענדיג די אַסימילאַציע, האָט ער אָנערקענט די יודען פאַר אַ בעזונדערע נאַציאָנאַליטעט, מיט וועלכער מען דאַרף פּרינציפּיעל פיהרען אַ קאַמף, כאָטש מיט קולטורעלע מיטלען.

אָבער אָנערקענענדיג די יודען אַלס בעזונדערע נאַציאָנאַליטעט, האָט קוכאַרזשעווסקי זיי נישט געוואָלט אָנערקענען נישט בלויז קײַן נאַציאָנאַלע, נאָר אפילו קײַן פולע בירגערליכע רעכט, ווײַל די יודישע גלײַכבערעכטיגונג וואָלט, לויט זײַן מיינונג, געשטעלט אין געפאַהר די פוילישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען. ער האָט עס אַרויס־געזאָגט אפילו פאָרזיכטיג, אָבער דאָך גאַנץ קלאָר, ווען ער האָט בעריהרט די פראַגע פון זעלבסטפערוואַלטונג: „איך בין נישט דערפאַר, — האָט ער ערקלערט, — אַז מ׳זאָל יודען געבען די איבערהאַנד אין דער שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג, ווײַל דאָס

וואָלט פאַר זיי געשאַפען אַ פּריווילעגיע (?)... איך מיין, אַז די פראַגע קאָן רעגולירט ווערען דורך פערגרעסערן די שטאָדט־ראַיאָנען... ווען עס וועלען זיך אומענדערן די איצטיגע אַנאָרמאַלע בעדינגונגען דורך עפּענען (פאַר יודען) די גרעניצען פונ'ם תחום (די רוסישע „טשערטאַ"), וועט דידאָזיגע פראַגע דאַרפען נאָכאַמאָל רעווידירט ווערען אינ'ם גייסט פון פולשטענדיגער גלייכבערעכטיגונג". אַלזאָ אין דער קאָנקרעטער פראַגע פון זעלבסטפערוואַלטונג, ווי זי איז דעמאָלט ווירקליך געשטאַנען, האָט ער זיך אַרויס־געזאָגט ג ע ג ע ן גלייכבערעכטיגונג, און דאָס מאַכען אָפּהענגיג די יודישע גלייכ־בערעכטיגונג פון אָבשאַפען דעם תחום אין רוסלאַנד, אַלס אַ זאַך, וואָס הענגט ניש אָב פון די פּאָליאַקען און וואָס מ'האָט אין יענעם מאָמענט אַלענפאַלס נישט געקאָנט ערוואַרטען אין דער נאָהענטער צוקונפט, האָט דאָ גאָר קיין בעדייטונג נישט געהאַט. זאָגאַר אין דער פראַגע וועגען דער אַלגעמיינער יודישער גלייכבערעכטיגונג, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַ מעהר טעאָרעטישען, ווי פּראַקטישען ווערט, האָט קוטשאַרזשעווסקי זיך אויסגעדריקט אַזוי: „ווי קאָן מען זיין אַ געגנער פון דער יודישער גלייכבערעכטיגונג, ווען גראָד זייער נ י ש ט ־ גלייכבערעכטיגונג אין רוסלאַנד, אָבשליסענדיג זיי אין תחום, קאָמפּליצירט און מאַכט שווערער ביי אונז די יודען־פראַגע". די ווערטער זענען פער־שטאַנען געוואָרען אין דעם זין, אַז ער איז פ אַ ר יודישער גלייכבערעכטיגונג אין דער אימפּעריע, ד. ה. אין רוסלאַנד, וואָס — הגם פון זיין אויבענדערמאָנטער בעמערקונג זעהט מען אַרויס נישט אַזוי קלאָר — עס האָט געשטימט מיט זיינע אַנזיכטען אין דער פראַגע וועגען זעלבסטפערוואַלטונג, וואו ער האָט פּאַקטיש געפאָדערט די בעגרענצונג פון יודישען רעכט.

וועגען קוטשאַרזשעווסקי'ס בעציהונג צו יודען און זיין שטעלונג צו דער יודען־פראַגע האָט מען געאורטיילט מעהר לויט דעם, וואָס ער האָט נ י ש ט געזאָגט און ווי ער האָט זיך פערהאַלטען, ווי לויט דעם, וואָס ער האָט זיך יאָ אַרויסגעזאָגט. ווערענד די נ.־ד'קעס האָבען געפיהרט די וואַהל־קאַמפּאַניע אונטער'ן לאָזונג פון פער־ביסענסטען קאַמף מיט יודען און פערוואָרפען מיט שמוץ אַלץ, וואָס פאַר יודען איז הייליג, האָט קוטשאַרזשעווסקי נישט נור נישט געפונען קיין גוט וואָרט פאַר יודען און נישט נור נישט געקעמפט מיט יענע, וועלכע ער האָט אָנגערופען אַלס זיינע „ביז־איצטיגע פריינד" (ער האָט אויך פריהער געהערט צו די נ.־ד.'קעס, נאָר צו דער צייט פון די וואַהלען איז ער געווען אַ מיטגליעד פון דער אַזוי־גערופענער „נ.־ד'קישער סעצעסיע"), נאָר ער האָט זיך זאָגאַר נישט אויסגעשטראָכען פון דער נ.־ד.'קישער ליסטע, וואו זיי האָבען איהם אויך אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט פאַר אַ וואַהל־מאַן. נאָך ערגער האָבען זיך אויפגעפיהרט זיינע אונטערשטיצער בנוגע צו די אַסימילאַטאָרען, ווי בנוגע צו די נאַציאָנאַלע יודען. צונויפשטעלענדיג די ליסטעס פון קאַנדידאַטען פאַר וואַהל־מענער אין די פערשיעדענע שטאָדט־בעצירקען, האָבען זיי אויסגעמיטען געמישטע ליסטעס; אין די פּוילישע בעצירקען האָבען זיי אַרויסגעשטעלט בלויז פּאָליאַקען, היינסענדיג שטעלען אין די יודישע בלויז יודען. די נאַציאָנאַלע יודען האָט די קאָנצענ־טראַציע־פּרעסע בעהאַנדעלט אפילו בעת די וואַהלען אַלס „פיינד פון פּוילישען פאָלק". בכלל איז „די גאַנצע וואַהל־קאַמפּאַניע געפיהרט געוואָרען אונטער'ן לאָזונג פון קאַמף

מיט'ן „יודישען פינד" (בעלמאנט און דוזארסקי, „דער נצחון פון ראמאן דמאווסקי", 1912). עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס די יודישע פרעסע האט אמאל בעצייכענט קוכארזשעווסקי'ן אלס „מארקאוו (א בעוואוסטער רוסישער יודען־פרעסער) אין ווייסע הענדשקעס". אויך די אסימילאטארען האבען זיך פערהאלטען קאלט צו קוכארזשעווסקי'ס קאנדידאטור, און נאך א קורצען וואקלען־זיך האבען זיי אויפגעטא־רערט זייערע אנהענגער צו אבסטיינען, נישט צו בעטייליגען זיך אין וואהל־קאמף.

די גאנצע אויפפיהרונג פון דער קאנצענטראציע אין איהר בעציהונג צו יודען האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי זי וואלט געזאגט צו דער יודישער בעפעלקערונג: אמת, מיר זענען ביז־איצט געווען אויסגעשפראכענע אנטיסעמיטען; אמת, אויך איצט בעטראכטען מיר אייך אלס פיינד פון פוילען; אמת, נישט קיין נאציאנאלע און אפילו קיין פולשטענדיגע בירגערליכע רעכט אנערקענען מיר אייך נישט; אבער דאך מוזט איהר שטימען פאר אונזער קאנדידאט, ווייל... ער איז א קלענערער אנטיסעמיט ווי דמאווסקי און ווייל דאס איז „דער ווילען פון פולישען פאלק".

ב.

נאכדעם, ווי די אסימילאטארען האבען זיך אבגערוקט פון'ם קאמפס־פלאץ, זענען אלס איינציגער וויכטיגער פאקטאר פערבליבען די נאציאנאלע יודען. דאס פראג־ראם און די גאנצע שטעלונג פון דער קאנצענטראציע, וואס האט זאגאר נישט צופרידענ־געשטעלט די אסימילאטארען, האט נאך וועניגער געקאנט צופרידענשטעלען דעם נאציאנאלען יודישען לאגער. און שטימען פאר דער קאנצענטראציע צוליעב מורא פאר איהרע דראהונגען האט אויך קיין זין נישט געהאט, ווייל אויב אפילו שוין נישט צעלען זיך רעכענען מיט דער יודישער נאציאנאלער עהרע און זינען האבען בלויז די דראהונגען, וואלט מען זיך אלענפאלס בעדארפט מעהר רעכענען מיט די נ־ד.'קעס, וועלכע האבען אין פערלויף פון די פריהערדיגע דריי וואהל־קאמפאניעס בעוויזען, אז זיי בעזיצען ווירקליך א מאכט. און נישט האבענדיג פארלויפיג קיין בעשטימטען פלאן אויף דער צוקונפט, האבען די אנפיהרער פון דער יודישער וואהל־קאמפאניע בע־שלאסען, צו פערנעהמען זיך דערווייל מיט די וואהלען אינ'ם ערשטען סטאדיום, רעכענענדיג, אז נאכ'ן דורכפיהרען די צאהל יודישע וואהל־מענער, ווי ס'איז געווען פארויסגעזעהן, וועט מען קאנען אננעהמען דעם ענדגילטיגען בעשלוס, ווען צו שיקען אלס דעפוטאט, א יוד אדער א פאליאק, וואס שטעהט אויפ'ן שטאנדפונקט פון פולשטענדיגער גלייכבערעכטיגונג פאר יודען. די וואהלען האבען ווירקליך געגעבען א מעהרהייט, און דער יודישער וואהל־קאמיטעט, נישט רעכענענדיג זיך מיט דער ביז־איצטיגער שטעלונג פון דער קאנצענטראציע, האט אנגעהויבען מיט איהר צו פיהרען נייע אונטערהאנדלונגען און זיך ערקלערט פאר גרייט צו שטימען פאר ווער־עס־איז פון דער קאנצענטראציע, אויב דער קאנדידאט וועט זיך נור ארויסזאגען פאר יודישער גלייכבערעכטיגונג.

„מיר — האָבען געשריבען די יודישע וואהל־מענער אין דער דעקלאַראַציע, וואָס זיי האָבען פערעפענטליכט — ווילען זיך האַלטען ביים ערשטען בעשלוס, מיט וועלכען די יודישע בעפעלקערונג פון אונזער שטאָדט איז געגאַנגען צו די וואהל־אורנעס. מיר שטרעבען נישט צו שפּיעלען אין'ם וואהל־קאָלעגיום די ראָליע פון א מעהרהייט, וואָס נוצט זיך אויס, נישט אכטענדיג אויף קיין זאַך, מיט איהר צאָהל־איבערגעוויכט. מיר האַלטען נישט וועלען אַליין צו דעצידירען אין דער פראַגע פון ווארשאָווער מאַנדאַט, — אונזער וואונש איז צו געהן אין קאָלעגיום האַנד־ביי־האַנד מיט דער מינדערהייט פון די קריסטליכע וואהל־מענער. אָבער מיר קאָנען נישט אַראָבגעהן פון דער שטעלונג, וועלכע עס האָבען פערנומען אונזערע וועהלער ווענען דער אוממעגליכקייט פאַר אונז אָנצונעהמען קוכאַרזשעווסקי'ס קאַנדידאַטור. מיר קאָנען אויך נישט מסכים־זיין אויף בעשטעטיגען דורך שוויגען א פּאָליטיש פּראָגראַם, וואָס איז פיינדליך פאַר דער יודישער בעפעלקערונג פון לאַנד און אין די פאָלגען איז עס שעדליך פאַר אַלעמען. דורכגעדרונגען מיט'ן בעוואוסטזיין ווענען דער נויטיגקייט פון סאָלידאַרער אַרבייט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, ווילען מיר גלויבען, אַז די „נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע" וועט זיך נישט ווילען האַלטען אָן דער שעדליכער מיינונג פון „אַלץ אָדער גאָרנישט". בלויז א פיינדליכע שטעלונג מצד דער קאָנצענטראַציע צו אַן'אויסגלייך קאָן פּאַראַליזירען אונזערע גוטע כוונות און דיקטירען אונז אויסצוועהלען א קאַנדידאַט לויט אונזער איינענער אָנערקענונג און אויף אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט".

ג.

די אַלע בעמיהונגען האָבען אָבער צו קיין גינסטיגען רעזולטאַט נישט געפיהרט: די קאָנצענטראַציע־פּרעסע האָט זיך ווייטער געהאַלטען ביי איהר שטאַנדפּונקט און עָנטזאַגט יודען גלייכבערעכטיגונג; איהר טאָן איז געוואָרען אַלץ שאַרפער. די „סלאָווא", דער אָרגאַן פון די רעאַליסטען, האָט בעהויפּטעט, אַז אַן'ערקלערונג פון'ם פּוילישען קאַנדידאַט ווענען דער נויטיגקייט פון גלייכבערעכטיגונג פאַר יודען, ווי די יודישע וואהל־מענער פאָדערן עס, וואָלט אין בעסטען פאַל געווען בלויז א „קאָנוועניעציאָנעלער ליגען". „וואו — פרעגט די צייטונג — איז עס ווירקליך דורכגעפיהרט געוואָרען די פאָלשטענדיגע גלייכבערעכטיגונג פון יודען נישט נור אויפ'ן פּאַפּיער, נאָר אויך אין לעבען? אומזיסט וואָלט מען געזוכט אזא עלדאָראַדאָ אויף דער געאָגראַפישער קאַרטע פון דער וועלט. אומעטום, אויב נישט דאָס רעכט, מאַכט די רעגירונג, אויב נישט די רעגירונג, מאַכט די געזעלשאַפט שטערונגען אויפ'ן וועג פון דער יודישער געזעלשאַפטליכער גלייכבערעכטיגונג". פּוילען, מיינט די צייטונג, קאָן אין דער הינזיכט נישט זיין קיין אויסנאַהם, און די יודען מוזען פאָרויס זיך בערוהיגען ביים געדאַנק, אַז דער דעפּוטאַט פון ווארשא וועט זיין פאַר דער בעגרענצונג פון זייערע רעכט. קאַטעגאָרישער האָט געשריבען דער „גאָניעץ", דער אָרגאַן פון דער „סעצעסיע", צו וועלכער עס האָט געהערט קוכאַרזשעווסקי נומא: „די יודען דאַרפען וויסען, אַז די פּאָליאַקען רעכענען גאָרנישט צו מאַכען זיי וועלכע־ס'איז הנחות. די פּאָליאַקען האָבען אויסגעוועהלט קוכאַר־

זשעווסקי'ן און הערמיט איז די זאַך פאַר אונז ערלעדיגט... די בעמיהונג צו געבען די יודען אַ קאַנדידאַט אַ פּראָגרעסיסט, פון צווישען די, וועלכע זענען אַריין אין דער קאָנצענטראַציע, וואָס האָט זיך פעראייניגט אַרום קוכאַרזשעווסקי'ס נאָמען, וואָלט געווען אַ שאַנטאַזש". אין אַן'עהנליכען טאָן האָט זיך אויסגעדריקט די איבריגע פּרעסע פון דער קאָנצענטראַציע.

עס איז געשאַפען געוואָרען אַ לאַגע כמעט אָהן אַן'אויסגאַנג. די קאָנצענטראַציע, וועלענדיג ריכטיג רעפּרעזענטירען די אַנשויאונגען פון די הערשענדע פוילישע קלאַסען, האָט נישט געוואָלט און אויך נישט געקאָנט אָנערקענען יודען גלייכבערעכטיגונג. און די יודען ווידער האָבען דאָך נישט געקאָנט אויסוועהלען אַזאַ קאַנדידאַט, וואָס שטעהט אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון געזעצליכע בעגרענצונגען פאַר יודען, ווייל דאָס וואָלט דאָך געהייסען, אַז זיי שרייבען זיך-אונטער מיט זייערע הענד פאַר יודישע בעגרענצונגען. פון דער צווייטער זייט האָבען די יודישע וואַהל-מענער אויך נישט געפונען פאַר מעגליך, צוליעב פערשיעדענע מאָטיווען, צו שיקען פון דער פוילישער רעזידענץ אַ יודישען דעפּוטאַט. און מען מוז מודה זיין, אַז ביי דער הערשענדער שטימונג איז אַזאַ אויסגאַנג, טראָץ אַלעם, געווען אויך נישט אונגעפעהרליך. עס איז דעריבער קיין אַנדער אויסוועג נישט פערבליבען, ווי אויסצוועהלען אַ פּאָליאַק, נישט פון דער קאָנצענטראַציע, וואָס ערפילט די יודישע פאָדערונגען. אַזאַ פּאָליאַק איז געווען דער קאַנדידאַט פון „לינקען בלאָק", וועלכער איז בעשטאַנען פון די פּ. פּ. ס. און „בונד", דער אַרבייטער אינזשעניער יאַגעללאָ, וואָס האָט, אין איינשטימונג מיט'ן סאָציאַליסטישען פּראָגראַם, ערקלערט, אַז ער איז אַן'אָנהענגער פון דער פולשטענדיגער גלייכבערעכטיגונג פון די נאַציאָנאַליטעטען און דערצו בעטראַכט ער אַלס נויטיג גאַראַנטיעס פאַר די רעכט פון דער יודישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט; בעת די אונטערהאַנדלונגען מיט איהם האָט ער געמעלדעט, אַז אויב ער וועט אויסגעוועהלט ווערען אין דומע מיט דער הילף פון די יודישע שטימען, וועט ער עס בעטראַכטען אַלס זיין חוב, צו פערטיידיגען די אינטערעסען נישט פון דער יודישער בורזשואַזיע, נאָר פון דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג, וואָס איז בערויבט פון איהרע רעכט. יאַגיעללאָ האָט דאַן בעקומען די יודישע שטימען און איז אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר אַ דעפּוטאַט. אַגב בעמערקט, האָבען די צוויי איבעריגע אַרבייטער-וואַהל-מענער, וואָס זענען אויך אויסגעוועהלט געוואָרען פון דער אַרבייטער-קוריע, פאַר איהם נישט געשטימט, און די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (ס. ד. ק. פּ. ל.) פערורטיילט דאָס אָנגעהמען דורך אַן'אַרבייטער אַ מאַנדאַט פון דער בורזשואַזיע. אויך אין דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אין דומע איז ענטשטאַנען אַ מיינונגס-פערשיעדענהייט אין דער פראַגע, צי מ'זאָל אַריינגעהמען יאַגיעללאָ'ן אין דער פראַקציע, און ענדליך איז בעשלאָסען געוואָרען אַריינצונעהמען איהם בלויז מיט אַ בעראָטונגס-שטים. בנוגע צו דער פּערזאָן פון'ם דאָזיגען דעפּוטאַט דאַרף בעמערקט ווערען, אַז פערשיעדענע סבות האָבען געבראַכט די פוילישע סאָציאַליסטען אַרויסצושטעלען די פּאַסענדע קאַנדידאַטען, און יאַגיעללאָ האָט זיך געקאָנט רעכענען ווייניגער ווי אַ דורכשניטליכער דעפּוטאַט; ער איז אין דומע זעלטען-ווען אַרויסגעטראָטען אפילו אין אַרבייטער-פראַגען, און נאָך ווייניגער האָט ער געקאָנט, אפילו ווען ער וואָלט וועלען

עפּיס טהון, צו פערטיידיגען די יודישע רעכט. דער אמת'ער פאָרשטעהער פון די פוילישע יודען איז געווען אין דער פיערטער דומע דער איינציגער יודישער דעפּוטאַט פון פוילען — ד"ר באָמאַש פון לאָדז.

ד.

יאַגיעלאָ'ס וואַהל דורך די יודען איז געווען דער טראָפּען, וואָס האָט פערפולט דעם בעכער... פון מעסיגען אַנטיסעמיטיזם, ווי מיר האָבען דערצעהלט, האָבען די יודען קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט, ווי צו וועהלען יאַגיעלאָ'ן, מיט וואָס זיי האָבען נאָכמעהר אונטערגעשטראָכען, אַז זיי איז נישט געגאַנגען וועגען דורכפיהרען אַ יודישען דעפּוטאַט. אַן'אונפּערטהייאישע זאַך איז, אַז ביי וואַהלען, וואָס דאַרפען זיין אַן אַקט פון פרייען ווילען, זאָלען זיך קולטורעלע מענשען ערלויבען דורך געוואַלט־מיטלען און דראָהונגען צו מאַכען אַ דרוק אויף די וועהלער; אין פּאַרלאַמענטאַרישע לענדער ווערען אַזעלכע מעשים בעטראַכט אַלס קרימינעלע פערברעכען. די יודען האָבען אויסגעוועהלט אַ פּאָליאַק, אַ פאָרשטעהער פון דער גרעסטער גרופּע פון דער פוילישער געזעלשאַפט, פון פוילישען פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אַלעמאָל געהאַט דאָס רעכט אויף איין דעפּוטאַט צו פערטיידיגען זיינע אינטערעסען, וואָס שטעהען אָפט אין געגענזאַץ צו די אינטערעסען פון די בורזשואַזע קרייזען. פאַר די לעצטע וואַהלען האָט זיך די רעדאַקציע פון דער יודישער צייטונג „היינט" געווענדעט דורך איהר פּעטערבורגער קאָרעספּאָנדענט צו די אָנגעזעהענע רוסישע פּאָליטיקער מיט דער ביטע אַרויסצוזאָגען זייער מיינונג וועגען די וואַהלען, און זיי אַלע האָבען זיך איינשטימיג אַרויסגעזאָגט, אַז צוליעב דער שטעלונג, וועלכע עס האָבען פערנומען אין דער יודען־פראַגע קוכאַרזשעווסקי און זיינע אָנהענגער, קאָן גאָר קיין צווייפעל נישט זיין, אַז די יודען האָבען דאָס רעכט אויסצוועהלען אַ דעפּוטאַט לויט זייער אייגענער אָנערקענונג.

אָבער די מיהרער פון דער פוילישער געזעלשאַפטליכער מיינונג זענען געווען אַזוי דורכגענומען מיט'ן אַנטיסעמיטיזם און אַלטע, אָנגעשטאָנענע בעגריפען אין פּאָליטישען לעבען, אַז דאָס, וואָס די יודען האָבען געהאַט די דרייסטקייט נישט איינצושטימען אויף אַ פּראָגראַם מיט רעכטליכע בעגרענצונגען פאַר זיך, האָבען זיי בעטראַכט אַלס אַן'אַרויסטריט פון יודען געגען זייערע, פוילישע, „העכסטע רעכט" אַלס בעלי־בתים פון לאַנד, און דעריבער בעשלאָסען אָפּצורעכענען זיך מיט יודען. צו דעם צוועק האָט זיך די קאָנצענטראַציע פעראייניגט מיט די נ"ד'קעס, וואָס זי האָט, איבעריגענס, שוין געטהון ביי די וואַהלען אין דער לעצטער סטאַדיע, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז די יודען וועלען פאַר זייער קאַנדידאַט נישט שטימען. אַלס נקמה־אינסטרומענט האָט מען אויסגעקליבען דעם באָיקאָט, וואָס געדאַרפט־אַרום אַלע קרייזען פון געזעלשאַפטליכען לעבען און וויסטשאַפטליכען לעבען און זאָל ווערען דורכגעפיהרט אָפען דורך אַלעמען, נישט־אָבשטעלענדיג זיך פאַר קיין מיטעל. די דורכפיהרונג פון'ם דאָזיגען פּלאַן האָט זיך געשטיצט אויף אַן'איינפאַכער אויסרעכענונג: דער רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם האָט געמאַכט די יודען פאַר רעכטלאָזע, און דעריבער האָט מען מיט

קיין שטערונגען מצד דער רעגירונגס-מאכט נעגען גוואלט-מיטלען בנוגע צו יודען זיך נישט געהאט צו רעכענען. פערקעהרט, די שטעלונג פון די אפיציעלע רוסישע קרייזען אין דער פראגע פון זעלבסטפערוואלטונג האט זיי איבערצייגט, אז די רוסישע רעגירונג איז גרייט אנטקעגענצוקומען די „לאיאל דענקענדע" פאליאקען אין דער היגזיכט פון יודישער רעכטליכער בעגרענצונג, אבי די פאליאקען זאלען נישט שטעלען קיין צו-גרויסע פאדערונגען און איינשטימען שוויינענדיג אויף אבצורייסען כעלמער קאנט און אויסקויפען פאר דער רעגירונג די ווארשא-וויענער אייזענבאהן-ליניע א. א. וו. וועגען די פאלגען האט מען נישט געטראכט: נישט וועגען די פאליטישע, ווי אויך נישט וועגען די עקאנאמישע. ווען צוליעב דער פאליטיק פון די דייטשע רעאקציאנערען אין פויזען (אבנעהמען די ערד ביי די פאליאקען) האט מען דא אין פוילען געוואלט ערקלערען א באיקאט אויף דייטשע סחורות, האט זיך דערין באלד אריינגעמישט די רוסישע רעגירונג, פערבאטען יעדע באיקאט-אגיטאציע און דורכדעם א סוף געמאכט צום גאנצען פלאן. אבער בנוגע צו איינענע בירגער, צו די יודען, האט די רעגירונג קיין מיטלען נישט אונטערגענומען צו שיצען זיי נעגען דער באיקאט-אגיטאציע, וואס איז נעפיהרט געווארען אין א פיעל ברייטערען מאסשטאב, ווי די אגיטאציע נעגען די דייטשען. נאטירליך, וועגען די פוילישע אנטיסעמיטען דערפון צופרידען געווען און מיט דער לאגע זיך אויסגענוצט.

ד.

דאן איז מען צוגעטראטען צו דער ארבייט. אנגעפיהרט האט מיט איהר די אונגעוועהנליך ביליגע פוילישע צייטונג „גאזעטא פאראנא, דווא גראשע" (געוועהנליך גערופען „דוואגראשובקא"), וואס די נ.-ד.'קעס האבען געגרינדעט נאך בעת די וואהלען, און די איבעריגע פוילישע פרעסע האט זי ענערגיש אונטערגעשטיצט. ווי מיר האבען אויבען געזעהן, האט דער באיקאט נעגען יודען פאקטיש עקזיסטירט שוין פון א לענגערער צייט, נאר איצט איז ער געווארען מעהר שרייענדיג און פערשפרייט. כדי נישט צוצולאזען קיין יוד אלס ארצט אדער זאגאר אלס פאציענט אין אן אלגעמיינע שטאדטישען שפיטאל, אלס מיטארבייטער אין א צייטונג, אלס אנגעשטעלטער אין א פאבריק אדער אין א ביורא און בכלל כדי נישט צוצולאזען קיין יודען צו וועלכער עס-איז ארבייט — דערצו דארף מען נישט קיין ספעציעלע אגיטאציע אין די צייטונגען, דערצו זענען גענוג שטילע אבמאכונגען צווישען זיך. אבער כדי צו מאכען א דירעקטען איינפלוס אויף יעדע איינצעלנע פערזאן בעזונדער, כדי צו מאכען א שטענדיגען דרוק אויף דער געזעלשאפט — דערצו איז שוין נויטיג די סאלידארישע טעטיגקייט פון דער גאנצער פרעסע און די געזעלשאפטליכע ארגאנען. פרינציפיעל האט מען אויסגערעכענט אויף דער פראטעזשירענדער גלייכגילטיגקייט פון דער רוסישער מאכט, אבער דאך האט מען פערשטאנען, אז אויך זי וועט נישט קאנען אפען אגיטירען פאר גוואלט-טהאטען, און דעריבער האט מען א טייל פון פראגראם איבערגעלאזט פאר מינדליכער אגיטאציע און אונלעגאלע בלעטלעך. אט זענען, למשל, איניגע שטעלען פון אנ-

אויפרוף, וואס איז פונאנדערגעווארפען געווארן איבער די וואוינונגען פון די פאליאקען:

„די ארבייט, וואס איז אונטערגענומען געווארן מיט'ן צוועק צו באפרייען דאס לאנד פון די יודישע איינפלוסען, פאדערט א סאלידארישע אונטערשטיצונג מצד דער גאנצער געזעלשאפט אהן אויסנאהם... יעדער מיטגליעד פון דער פוילישער געזעלשאפט, יעדערער, פאר וועמען די פוילישע שפראך איז זיין מוטער-שפראך, יעדערער, וואס דאס גליק פון פאלק איז איהם נאהענט צום הארץ, דארף זיך שטעלען אין די רייהען פון די, וואס קעמפען פאר דאס נאטירליכע עקזיסטענץ-רעכט אויף דער אייגענער ערד און ער דארף אנערקענען אין ווערטער און אין טהאטען דעם לאזונג „דער אייגענער צום אייגענעם" (דער פאפולערער באיקאט-לאזונג „סוואי דא סוועגא"). די אלע גרויסע קרייזען, וואס דורך גלייכגילטיגקייט, פוילקייט, שלעכט פערשטעהן דעם בעגריף פון ביליגקייט און, ענדליך, דורך נישט-אויפגעקלערט-ווערען האבען זיך נישט פעראייניגט צום שענעם, אויפלעבענדען קאמף אונטער'ן לאזונג: „סוואי דא סוועגא", ערפילען אויך אויף ווייטער, פיליכט אליין נישט-וויסענדיג וועגען דעם, זייער דיענסט ביי יודען... ווער עס איז נישט מיט אונז, דער איז געגען אונז. שטעלט זיך מיט אונז אין איין רייה צו דער פערניכטיגער און נויטיגער ארבייט, פראקלאמירט צוזאמען מיט אונז אין ווארט און טהאט די לאזונגען, וועלכע פערזיכערן אונז א וואוילשטאנד און א ליכטיגע צוקונפט. ברענגט נישט דערצו, אז צוליעב אייך זאל זיך די ארבייט פערשפעטיגען, אז אנשטאט אנצווענדען אלע קרעפטען צו בעקעמפען דעם אונז פיינדליכען יוד, וואס שטרעבט צו שאפען א יודעא-פאלען, זאלט איהר זיך שטעלען צום קאמף מיט א טייל פון אייער אייגענער געזעלשאפט. ווען א קינד, וואס פערשטעהט זיך נישט אויף קיין געפאהר, וויל אנגעהמען דאס פייער, איז אונזער חוב אבצוציהען עס דערפון, — אפילו מיט ג ו ו א ל ט. מיר קומען צו אייך אין נאמען פון ר ע כ ט, ווייל יעדערער האט דאס רעכט צו פערטיידיגען די אייגענע ערד, מיר קומען צו אייך אין נאמען פון ק ר א פ ט, וועלכע עס גיט אונז די ליעבע צו דערהאזיגער ערד... צוליעב דער ליעבע, צוליעב'ן גליק פון דער ערד, מיינען מיר, אז אלע אהן אויסנאהם, איינמאל אויף שטענדיג, דארפען אויפהערען קויפען ביי יודען, אז וועגען דער נויטיגקייט דארף מען הויך רעדען אומעטום, אז ביי יעדער געלעגענהייט דארף מען געבען שטיצע אין יעדער ארבייט, דורך וועלכער מען שטרעבט אויסצויודישען דאס לאנד!"

פון דער לעגאלער אגיטאציע אין די צייטונגען אונטערשיידעט זיך די דאזיגע פראקלאמאציע בלויז דערמיט, וואס זי רופט דירעקט צום באיקאט, רעדט וועגען ג ו ו א ל ט און ק ר א פ ט און גיט-צו דער גאנצער זאך א פוילישען כאראקטער, נישט-רעדענדיג נאר וועגען קאמף פון „קריסטען" געגען יודען, ווי עס פלעגט געוועהנליך געטהון ווערען אין דער פרעסע, כדי נושא-חן זיין ביי די רוסען אדער צוליעב צענזור-מאטיוון. איבעריגענס, האט מען זיך מיט דערדאזיגער פראקלאמאציע כלל נישט אזוי אויסבעהאלטען, מען האט זי פונאנדערגעשפרייט גאנץ אפען, זאגאר צוגעלעגט צו צייטונגען, — אזוי, אז מען האט זיך, ווייזט-אויס, פריהער בעווארענט, אז די רוסישע מאכט וועט דערפאר נישט אזוי שטרענג בעשטראפען. דערדאזיגער פאקט איז פאר דער רוסישער מאכט נאכמעהר כאראקטעריסטיש, וואס דאס איז גראה

געשעהן אין דעם מאָמענט, ווען דער לייכטסטער אויסדרוק פון וואָרט־פרייהייט איז דורך די רוסען אומ׳ברחמנות׳דיג, אונטערדריקט געוואָרען, און די סאָציאַליסטישע צייטונגען, וואָס זייער טאָן איז געווען גאַנץ רוהיג, האָט מען פערמאַכט באַלד נאָכ׳ן ערשיינען פון זייערע ערשטע נומערן, אָפטמאָל מיט די שווערסטע געריכטס־רעפרעסיעס און נאָך אָפטער מיט שווערע אַדמיניסטראַטיווע פאָלגען פאַר זייערע מיטאַרבייטער.

אין דער לעגאַלער פרעסע האָט מען אין א מעהר צענזוראַלער פאָרם אויפגעפאָדערט די „ברידער" צו קויפען אַל־דאָס נויטיגע אויסשליסליך ביי קריסטען און צו באָיקאָטירען די יודישע קראָמען. אויף די גאַסען האָט מען פונאַנדערגעטיילט אויפרופען אין׳ם זעלבינען גייסט. אַרום די יודישע קראָמען און פערקויפס־שטעלען אויף די מערק און אין די האַלעס איז אָרגאַניזירט געוואָרען א ספּעציעלע וואַך, וואָס האָט אַגיטירט די איינצעלנע קונים אויסצומיידען די יודען, אָנווייזענדיג זיי אויף די פוילישע געשעפטען. בנוגע צו די נישט־געדאָרכזאַמע זענען אָפט אָנגעווענדעט געוואָרען רעפרעסיעס: פלייש, געקויפטע ביי יודען, איז אָבגעגאָסען געוואָרען מיט נאַפט, די קריסטליכע קונים האָט מען אָנגעקלעבט אויף די פלייצעס צעטלעך מיט די געהעריגע אויפשריפטען. ביי אזא אַגיטאַציע האָט די פוילישע פרעסע, נאַטירליך, נאָר איינציגען געקאָנט מעלדען וועגען אָבגעזאָנדערטע נצחונות, ווי די „דוואַ גראָשע" האָט זיך אויסגעדריקט, מיטצוטיילען די לעזער „גוטע נייעס". „די יודישע פערקויפער און הענדלער שטעהען גאַנצע טעג אָהן אַרבייט, דער האַנדעל איז אַריבער צו די קריסטליכע הענדלער און הענדלערקעס". „אין די קריסטליכע געשעפטען איז לעבעדיג, פול בעוועגונג, אָבער אין די יודישע קראָמען הערשט א טויטע שטילקייט".

ו.

די אָנפיהרער פון דער בעוועגונג האָבען זיך נישט בעגנוגנט בלויז מיט׳ן באָיקאָטירען יענע יודען, וועלכע מען דערקענט לויט זייער אויסערליכען אויסזעהן אָדער פאַמיליע־נאָמען. די „דוואַ גראָשע" האָט איינגעפיהרט ביי זיך א ספּעציעלע רובריק, אונטער׳ן נאָמען „דער יודישער מאַסקאַראַד", אין וועלכער עס זענען אויסגערעכנט געוואָרען יענע יודען, וואָס פיהרען אינדוסטריעלע האַנדעלס־אונטערנעהמונגען אונטער א „האַנדעלס־פסעוודאָנים" אָדער וואָס מען קאָן זיי, לויט זייער פאַמיליע־נאָמען, רעכענען בטעות פאַר קריסטען. גלייכצייטיג זענען „דעמאַסקירט" געוואָרען די פוילישע אונטערנעהמונגען, אין וועלכע עס בעטייליגען זיך אויך יודען אַלס שותפים, רעפרעזענטאַנטען אָדער אפילו אַלס אָנגעשטעלטע, און מ׳האָט אַלעמען אויפגעפאָדערט צו בעזייטיגען זיי. די דאָזיגע אַגיטאַציע האָט געהאַט ערפאָלג. עס האָט זיך געגרינדעט, למשל, אַן אַפּטייקער־קאָסמעטיקער־פעראיין אין וואַרשא, אין וועלכען עס זענען אַריין אַלע גרעסערע און קלענערע פירמעס פון דער בראַנזשע, און דער פעראיין האָט באַלד פונאַנדערגעשיקט אַלע רוסישע און אויסלענדישע האַנדעלס־הייזער א מעלדונג, אז ער פערלאַנגט צו בעקומען זייערע סחורות נישט פון זייערע ביז־איצטיגע פאָרשטעהער,

וואס דער גרעסטער טייל צווישען זיי זענען יודען, נאר פון אייגענע, פון פאליאקען. א גרופע פוילישע מעדיצין-דאקטוירים האט זיך אגאר פערפליכטעט, נישט צו רעקאמענדירען זייערע פאציענטען קיין מעדיקאמענטען, וואס ווערען אויסגעארבייט אדער צוגעשטעלט דורך יודען, און דאס האט וועגען דעם געמעלדעט די ענטשפרעכענדע פראדוצענטען. דער פעראיין פון די פוילישע וואַזשאַרען האט דורך א ספעציעלער רעזאלוציע פערפליכטעט זיינע מיטגלידער, אז בעת זייער רייזע אין פערשידענע געגענדען זאלען זיי אומעטום מאכען פראפאגאנדע פאר א באיקאט געגען יודען און שטרעבען דערצו, אז די בעשטעלונגען פאר פוילישע פירמעס זאלען געגעבען ווערען, אויסמיידענדיג די יודישע פערמיטלער און וואַזשאַרען. גלייכצייטיג האט א גרופע פוילישע אגענטען, ארגאניזירט אין א „קאלא", פונאנדערגעשיקט צו רוסישע און אויסלענדישע פירמעס בריעף, אין וועלכע זיי פעררופען זיך אויף דער פיינדליכער שטימונג אין די פוילישע קרייזען צו יודען און פאדערן דעריבער, אז מ'זאל אבנעהמען די פערטרעטונגען פון דיזאזיגע פירמעס ביי יודען און אבגעבען פאליאקען, ד. ה., דער אדער יענער פערזאן, וואס האט דעם בריעף אונטערגעשריבען.

א גרופע פוילישע מעדיצין-דאקטוירים האט זיך געווענדעט צו דער יודישער געזעלשאפט „לינת-הצדק" מיט א בריעף און ערקלערט, אז „אויף-ווייטער ענטזאגען מיר זיך צו היילען די קראנקע, וואס ווערען געשיקט דורך דער פערמיטלונג פון דער געזעלשאפט, און דערביי בעמערקען מיר, אז ארימע קראנקע קאנען אויך אין דער צוקונפט רעכענען אויף אומזיסטע היילף פון אונזער זייט אין לויט אונזער אנערקענונג". „זעהר כאראקטעריסטיש איז, — האט געשריבען פראפ. באדוין-דע-קורטענע, — וואס אין סוף בריעף געפינט זיך די צושריפט: „לויט אונזער אנערקענונג". דיזאזיגע בעמערקונג גיט דאס רעכט צו ענטזאגען „אומזיסטע היילף" אלע ארימע קראנקע, און אלענפאלס אלע ארימע יודען". אזא שטראף האט מען ארויפגעלעגט אויף דער אויבענדערמאהנטער יודישער געזעלשאפט דערפאר, „וואס די יודישע ארגאניזאציעס, אפילו די, וואס האבען א פילאנטראפישען כאראקטער, האבען זיך בעת די דומע-וואהלען פערהאלטען פיינדליך בנוגע צום פאלק, בעארבייטענדיג די ברייטע מאסען אין א פיינדליכער ריכטונג צו דער איינגעבארענער בעפעלקערונג".

די „דוואַ גראָשע" איז ארויסגעטראטען אויך מיט אזא פארשלאג: אלע פאליאקען, וואס האבען אנטליהען יודען געלד אויף זייערע אונבעוועגליכע גיטער, אויף הייזער און נחלאות, זאלען זיך צוזאמענרעדען און פאדערן גלייכצייטיג פון זייערע יודישע געלד-שולדיגע אבצוגעבען זיי דאס געלד. אויף אזא אופן וועלען די יודישע הייזער איבערגעהן פאר א גאנץ קליינעם פרייז צו זייערע פוילישע בעלי-חובות, און ביי די יודען וועט כמעט אומזיסט צוגענומען ווערען איינע פון די וויכטיגסטע עקאנאמישע פאזיציעס. די צייטונג „דזיען" האט זיך פערנומען מיט דער פראגע, צי פוילישע ליטעראטען האבען דאס מאראלישע רעכט צו ארבייטען אין צייטונגען, וואס ווערען ארויסגעגעבען דורך יודען, אפילו אין דער פוילישער שפראך.

דער פרינציפ, ביי וועלכען עס האבען זיך פריהער געהאלטען די אנטיסעמיטען, נישט צו פאדערן פאר יודען קיין רעכטליכע בעגרענצונגען פון יענער רעגירונג, וועלכע

פֿערפֿאָלגט אויך די פּאָליאַקען, איז איצט אָנערקענט געוואָרען אַלס פֿערעלטערטער פֿאָראורטייל. דער דעפּוטאַט נאַקאָניעטשני, אַ מיטגליעד פֿונ׳ם „פּוילישען קאָלאָ״, פֿערבּרענענדיג די ווייהנאַכט-חנוכּות אין זיין געבּורטס-אָרט, נאַרבּאָוו, האָט עס דערווייל אויסגענוצט און זיך פֿערנומען מיט אָרגאַניזירען דעם בּאָיקאָט געגען יודען נאָר אויף אַנ׳אָריגינעלען שטייגער. ער האָט אַגיטירט צווישען די פּויערן פֿון זיין געגענד, אַז זיי זאָלען אָנגעהמען רעזאָלוציעס וועגען אַרויסטרייבען יודען פֿון די דערפֿער אויפ׳ן גרונד פֿון אַ געוויסער סענאַטס-ערקלערונג, פֿערזיכערענדיג דערביי משתדל צו זיין זיך אין פּעטערבּורג, אַז די רעזאָלוציעס זאָלען נישט בּלייבּען בּלויז אויפ׳ן פּאַפּיער, נאָר זיי זאָלען פֿערווירקליכט ווערען. די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ״, דער אָפיציעלער אָרגאַן פֿונ׳ם „קאָלאָ״, האָט זעהר געריהמט די פּאַטריאָטישע טהאַט פֿון דעם פּויער-דעפּוטאַט נאַקאָניעטשני, וועלכער האָט טאַקי בּאַלד געפֿונען פֿיעל נאָכאַהמער, און די געפּאַ-דערטע רעזאָלוציעס האָבּען זיך אָנגעהויבּען צו שיטען פֿון פֿערשיעדענע זייטען. הונדערטער יודישע פֿאַמיליעס מיט זייערע פֿרויען און קינדער, וואָס וואוינען אין די דערפֿער פֿון זייערע אור-אור-עלטערן, האָבּען געזאָלט אַרויסגעוואָרפֿען ווערען אין שטאָדט-אַריין, וואו זייערע בּרידער האָבּען גלייכצייטיג פֿערלאָרען זייער לעצטען בּיסען בּרויט מחמת דער אַגיטאַציע פֿון די בּאָיקאָט-פֿיהרער.

ז.

דאַן האָבּען זיך די בּאָיקאָט-פֿיהרער גענומען צו דער וואַרשאָווער שטאָדטישער קרעדיט-געזעלשאַפֿט.

לויט דער עקזיסטירענדער אָרדנונג אין דער געזעלשאַפֿט, וועהלען-אויס פֿון צווישען-זיך אַלע מיטגליעדער, אייגענטימער פֿון גרונד-בּעזיץ אין וואַרשאַ, פֿאָרשטעהער, רעפּרעזענטירען די אַלגעמיינע פֿערזאַמלונג. נישט-קוקענדיג דערויף, וואָס אין פֿיעל שטעדט אין פּוילען זענען די מעהרהייט הייזער-אייגענטימער יודען, געפֿינען זיך קרע-דיט-געזעלשאַפֿטען פֿולשטענדיג אין פּוילישע הענד, און יודען ווערען צו זייער פֿיהרונג כמעט גאָר נישט צוגעלאָזען. אַזוי איז געוועזען אויך אין וואַרשאַ, וואו נישט בּלויז אַלע בּעאַמטע פֿון דער געזעלשאַפֿט זענען פּאָליאַקען, נאָר אויך פֿון די 214 פֿאָר-שטעהער זענען בּסך-הכּל 59 יודען, הגם די יודען האָבּען געהאַט דאָס רעכט צו פֿאָדערן, זיי זאָלען זיין רעפּרעזענטירט פֿערהעלטניסמעסיג צו דער צאָהל פֿון זייערע מיטגליעדער. און, ווייזט-אויס, אַלס דאַנק פֿאַר אַזאַ אויפֿפֿיהרונג מצד די יודען, האָבּען די בּאָיקאָטיסטען בּעשלאָסען, זיי צו בּעשטראָפֿען: 1300 פּוילישע הייזער-אייגענטימער האָבּען פּלוצלונג דערשפּירט, אַז דער קרעדיט-געזעלשאַפֿט שטעהט-פֿאָר אַ „געפֿאַהר״ מצד די יודען, און זיי האָבּען זיך דעריבּער געווענדעט צו דער פֿערוואַלטונג מיט אַ פֿאָרשלאַג, אַז זי זאָל זיך משתדל-זיין און אויסווירקען בּיי דער מאַכט איינצופֿיהרען פֿאַר די יודישע רעפּרעזענטאַנטען אַ בּעגרענצטע 20-פּראָצענט-נאָרמע. מען האָט אָנגעהויבּען צו פֿיהרען אַ ליידענשאַפֿטליכע אַגיטאַציע, און איינינע פּוילישע צייטונגען האָבּען זאָגאַר געדראָהט אָבּצודרוקען די נעמען פֿון די אַלע פּוילישע רעפּרעזענטאַנטען,

האט וועלען נישט שטימען נעגען פֿאַרשלאַג, כדי „דאס פּוילישע פֿאָלק זאָל געוואָהר-ווערען, ווער עס זענען די פֿערטרעטער פֿון די פּוילישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען", — און דער פֿאַרשלאַג איז, זעלבסטפֿערשטענדליך, אָנגענומען געוואָרען אויף אַן אַלגעמיינער פֿערזאַמלונג מיט אַ מעהרהייט שטימען. דעם ביישפּיעל פֿון ווארשא האט נאָכגעטהון די פּראָווינץ, וואו איינינע קרעדיט-געזעלשאַפֿטען האָבען אָנגענומען עהנליכע רעזאָלוציעס, וואס די פּוילישע פּרעסע האט בעגריסט מיט בעגייסטערונג. „די יודען דאַרפֿען פֿערשטעהן, — האט איין צייטונג צוליעב דער געלעגענהייט געשריבען, — אַז דער קאַמף וועט זיין אַ לאַנגער און אַ פֿערביטערטער, כל-זמן ער וועט נישט ברענגען די פּאָליאַקען אַן'עקאָנאָמישען נצחון. ביליגער און נוצליכער וועט זיין פֿאַר יודען בעצייטענס אַ טראַכט צו טהון וועגען אויסוואַנדערן פֿונ'ם האָזיגען „אונדאַנקבאַרען" לאַנד".

אין דער ביטע, וועלכע עס איז דערלאַנגט געוואָרען דער רעגירונג וועגען בעשטעטיגען דעם בעשלוס פֿון דער אַלגעמיינער פֿערזאַמלונג, האָבען די באָיקאָטיסטען זיך געשטיצט אויפ'ן ביישפּיעל פֿון אַדעס, וואו די יודען זענען, ווי מיר האָבען פֿריהער דערמאָהנט, מחמת דער אַגיטאַציע פֿון די רוסישע שוואַרץ-מאַה'ניקעס, בעגרענעצט געוואָרען אין דער שטאָדטישער קרעדיט-געזעלשאַפֿט. די באָיקאָטיסטען האָבען אָבער אַ טעות געהאַט אין רעכענונג זייער, וועלכע האָבען זיך אין די אָפֿיציעלע דאָקומענטען פֿאַר דער רעגירונג אָנגערופֿען „קריסטען", האָבען „פֿערגעסען", אַז זיי זענען פּאָליאַקען, מיינענדיג, אַז אויך די רעגירונג וועט עס פֿערגעסען און וועט זיי אומעטום ערלויבען אַזעלכע מעשים, ווי די אָדעסער שוואַרץ-מאַה'ניקעס. די רוסישע רעגירונג האט אָבער, ווייזט-אויס, געדאַכטען, אַז זי האט שוין געמאַכט די פּוילישע באָיקאָטיסטען גענוג הנאות דערמיט, וואס זי לאָזט זיי כמעט אונגעשטערט פֿיהרען דעם באָיקאָט, אָבער סוף-כל-סוף האט זיך דאָך פֿאַר איהר געהאַנדעלט וועגען אַ קאַמף פֿון „אינאָראָדצעס" (פֿרעמדע פֿעלקער) נעגען „אינאָראָדצעס" — און צופֿיעל נאָכגעבען איינע נעגען די אַנדערע, מאַכען איינע אינגאַנצען שטאַרק אויפ'ן חשבון פֿון די אַנדערע האט זי אויך געפֿינען פֿאַר פּאָליטיש נישט-קלוג.

דעם 27-סטען דעצעמבער 1913 האָבען די וואַרשאָווער צייטונגען בעקומען פֿון דער אָפֿיציעלער פּעטערבורגער טעלעגראַף-אַגענטור אַ דעפּעשע, אין וועלכער עס ווערט דערצעהלט: „דער מיניסטאַריען-קאַבינעט האט אָבגעוואָרפֿען די ביטע פֿון דער וואַרשאַווער שטאָדטישער קרעדיט-געזעלשאַפֿט אין דער פֿראַגע צו ענדערן דעם אוסטאַוו פֿון דער געזעלשאַפֿט בנוגע צום וואַהל-סיסטעם פֿון די רעפּרעזענטאַנטען און האט אָנגעוויזען, אַז אַזאַ ביטע וואָלט געקאָנט ערפֿילט ווערען נור אויפ'ן געזעצגעבערישען וועג דורכ'ן אַריינטראָגען אין דומע אַן'ענטשפּרעכענדען פּראָיעקט". די רוסישע רעאַקציאָנערע רעגירונג האט נישט בלויז אָבגעוואָרפֿען די ביטע פֿון די באָיקאָטיסטען, נאָר זי האט זיך אויך ערלויבט אַ פּייניגענדע איראָניע אויפ'ן חשבון פֿון די שתדלנים. עס האט אויסגעזעהן, ווי זי זאָגט זיי: „איהר, וועלכע גיבען-זיך-אָן אַלס פֿאַרשטעהער פֿונ'ם קולטורעלען פּוילישען פֿאָלק, וואס פֿאָדערט כסדר צוריקצושטעלען די פּוילישע קאָנסטיטוציע, לויט'ן טראַקטאַט פֿונ'ם וויענער קאָנגרעס, פֿאָדערט איצט אַליין פֿון

דער רעגירונג צו בענעהן אַ פערברעכען געגען דער רוסישער קאָנסטיטוציע און איינצופיהרען בעגרענצונג פאַר יודען דורך אַ קאַבינעט־אָרדער, אויסמיידענדיג דעם פאַרלאַמענט". און פאַרינצוטראַגען אַזאַ בעגרענצונגס־פּראָיעקט אין דומע וועגען די פּוילישע פאַרשטעהער נישט געוועהן געטויג דרייסט. אַ קלאַפּ האָבען די באָיקאָטיסטען בעקומען אויך פון'ם וואַרשאַווער דעמאָלטיגען גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן, וואָס האָט אין זיין „מיינונגס־ערקלערונג" צו דער בקשה פון די פּאָליאַקען בעמערקט, אַז „ווירקליך האָבען די פּאָליאַקען נישט קיין גאַראַנטיע צו בעזיצען שטענדיג אַ מעהרהייט; אָבער צוליעב דעם, וואָס די ביטע וועגען בעגרענצען די רעכט פון די יודישע רעפּרעזענטאַנטען אין דער געזעלשאַפט שטאַמט פון די עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישע פּוילישע גרופּען און שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע פון באָיקאָטירען יודען, דאַרף דעריבער די רעגירונג די ביטע אָנטזאָגען". און דער רוסישער פּרעמיער־מיניסטער קאָקאָווצעוו האָט געגעבען די פּאָליאַקען צו פערשטעהן דעם אונטערשייד צווישען וואַרשאַ און אָדעס: „בנוגע דעם ביישפּיעל פון דער שטאָדטישער קרעדיט־געזעלשאַפט אין אָדעס — איז אָפיציעל ערקלערט געוואָרען — האָט זיך קאָקאָווצעוו געווענדעט נאָך ערקלערונגען צום איננערן־מיניסטער מאַקלאַקאָוו (אַ בעוואוסטער רעאַקציאָנער), וועלכער האָט געפונען, אַז דער ביישפּיעל פון דער אָדעסער געזעלשאַפט קאָן אין אינזער פאַל נישט זיין מאַסגעבענד. די יודען אין די גובערניעס פון קעניגרייך פּוילען וועגען שטענדיג בעהאַנדעלט געוואָרען פון אַנאַנדער שטאַנדפּונקט, ווי אין די איבעריגע ערטער פון רוסלאַנד, און אַלגעמיינע בעגרענצונגען האָט מען נישט־שטענדיג אָנגעווענדעט בנוגע צו זיי".

די באָיקאָטיסטען האָבען אָבער אויך דעמאָלט ווייטער שפּיעל נישט געוואָלטען פאַרלאָרען. פערקעהרט, זיי האָבען נעפּרובט מאַכען דעם אָנשטעל, אַז זיי וועגען מיט אַזאַ אויסגאַנג צופרידען, ווייל איצט — האָבען זיי ערקלערט — וועלען זיי זיך נעהמען נאָך מיט מעהר ענערגיע צו דער אַרבייט און ברענגען דערצו, אַז אפילו די 20 פּראָצענט, וואָס זיי האָבען געוואָלט געבען, זאָלען די יודען אויך נישט האָבען אין דער געזעלשאַפט. זיי האָבען אָבער פערגעסען, אַז אַ פּריוואַטע געזעלשאַפט הערט אויף צו עקזיסטירען פון דעם מאָמענט אָן, וואָס די פּעראינטערעסירטע פּערזאָנען קאָנען מעהר נישט פערוואַלטען מיט זייער פערמעגען. און ווירקליך האָבען זיך באַלד פון רוסלאַנד און אויסלאַנד אָנגעהויבען שיטען פּראָיעקטען וועגען אָרגאַניזירען קרעדיט אויף פיעל גינסטיגערע בעדינגונגען. די וואַרשאַווער קרעדיט־געזעלשאַפט, וואו יודען האָבען ביז־אַהער פריינוויליג נעלאָזט געוועלטיגען די פּאָליאַקען, איז געשטעלט געוואָרען אין געפאַהר צו מוזען אָבטרעטען איהר אָרט פאַר אַ מאָסקווער אָדער בערלינער באַנק־הויז....

ח.

פון'ם עקאָנאָמישען געביעט האָט זיך דער באָיקאָט איבערגעטראָגען אין דעם ספערע פון'ם קולטורעלען לעבען.

אין דער געזעלשאפט „קולטורא פאלסקא" איז, ווי מיר האבען שוין דערציילט, פארגעקומען אן ענדגילטיגע שפאלטונג, וועלכע האט געבראכט צו שליסען די אינסטיטוציע. עס זענען הערוועקט געווארען פראיעקטען צו שאפען א בעזונדערע ארגאניזאציע פאר פוילישע ארטיסטען, וואס זאל זיי אבשיידען פון די פוילישע ארטיסטען־יודען; אין דער פרעסע האט מען אנגעהויבען בעפאלען די פוילישע געלעהרטע פון יודישער אבשטאמונג, צוליעב וועלכע די פוילישע וויסענשאפט איז „פעריודישט" געווארען. פערגעסענדיג זיך, וואו מען האלט אין דער וועלט, זענען די באיקאטיסטישע צייטונגען און שריפטשטעלער דערגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האבען זיך גענומען אויסווייזען, אז די פוילישע אויפשטאנדען — בעזונדערס דער אויפשטאנד פון 1863 — זענען אויסגעבראכען אדאנק דער יודישער אגיטאציע, ווייל די יודען האבען געוואלט ברענגען צו דער אונטערדריקונג פון די פאליאקען, וועלכע האבען געשאפען פאר יודען א קאנקורענץ דורך גרינדען „האנדעלס־הייזער". מען האט אויך נישט דורכגעלאזען די שולע, נישט בלויז די העכערע, נאר אויך די מיטעלע און נידריגע, וואס זייערע שילער זענען אויפגעפאדערט געווארען צו נעהמען אן אקטיווען אנטייל אין'ם באיקאט, און די שול־יוגענד האט זיך געלאזט אנרעדען און געפאלגט. די שול־קינדער האבען אליין אויפגעהערט צו קויפען לעדער־ביכער און העפטען אין יודישע קראמען, זיי האבען אין דער ריכטונג געפיהרט אן אגיטאציע צווישען זייערע חברים, און זאגאר אפט ערפילט אויף די מערק און אין די האלעס די פונקציעס פון דער בעריהמטער „עדרען־וואך", וואס האט נישט דערלאזט די קריסטליכע קונים צו געהן צו א יודישען הענדלער, אבדאנקענדיג אפשר די יודען דערפאר, וואס זיי האבען זיך אין'ם יאהר 1831 אויך בעטייליגט אין אן עדרען־וואך, אבער מיט'ן צוועק צו פערטיידיגען דאס געמיינזאמע פוילישע פאטערלאנד. דאס אריינציהען די שול־יוגענד צו אזא ארבייט, וועלכע האט געפאדערט אנצווענדען אויך געוואלט־מיטלען און געבראכט די יונגע פוילישע קינדער צו א פולשטענדיגער דעמאראליזאציע, האט געצוואונגען דעם פוילישען לעהרער־פעראיין ארויסצוטרעטען געגען דעם מיט א פראטעסט, כאטש פון'ם ריין־פעדאגאגישען שטאנדפונקט. אבער נישט אלע פוילישע לעהרער זענען געווען אזוי פראגרעסיוו. אין פיעל פוילישע שולען האט מען נישט אנגענומען קיין יודישע שילער, און כדי צו מאכען גרעסער דעם איינדרוק און ארויסרופען אויך ביי אנדערע נאכאהמונג, איז וועגען דעם עפענטליך געמעלדעט געווארען אין די צייטונגען. די באיקאטיסטישע פרעסע האט בכלל אויפגעפאדערט, צו פערמאכען פאר יודען יעדען צוטריט צו די פוילישע שולען, און דערביי האט מען אויסגעמישט אלע יודען צוזאמען, נאציאנאליסטען, אסימילאטארען, דעם יודישען הענדלער און דעם געלעהרטען פוילישען היסטאריקער פון דער יודישער אבשטאמונג, מען האט אפילו נישט געשוינט די געטויפטע יודען. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז איינער פון די געטויפטע, נישט פראטעסטירענדיג געגען ווילדען באיקאט פרינציפיעל, האט מיט טרעהרען עפענטליך געבעטען, אז מ'זאל מאכען אן אויסנאהם לפחות פאר משומדים, וועלכע, ווי ער האט פערזיכערט, זענען נישט קיין ערגערע אנטיסעמיטען, ווי די אמת'ע, געבארענע פאליאקען.

עס האבען אויך נישט געפעהלט קיין קאמישע עפיזאדען. די באיקאטיסטען

האָבען זיך ביזלעכווייז אויפגעהערט צו בענוגענען מיט'ן לאָזונג: „קויפט נישט ביי יודען", נאָר אויך צוגעגעבען: „פערקויפט נישט קיין יודען!", וואָס עס איז שוין גאָר געווען אַ שגעון אין עקאָנאָמישער הינזיכט. מען האָט געמאַכט פּאָרוואורפען די פּוילישע הייזער-איינענטימער דערפאַר, וואָס זיי פערדינגען דירות פאַר יודען, און איין הויז-איינענטימער האָט זיך זאָגאַר געמוזט עפענטליך פערענטפערן, אַז ער האָט פערדונגען אַ יודען זיין קראָם אויף אַ וועשעריי נור דערפאַר, וואָס דער לאָקאַל איז געשטאַנען לאַנג פוסט. מען האָט אפילו דערציילט טריאומפירענד וועגען אַ פּאַטריאָטישען פּוילישען פויער, וואָס האָט זיך ענטזאָגט צו פערקויפען אַ יודען אַ גאַנז אויף שבת, הגם ער איז געבעך געווען אין געפאַהר, נאָר נישט צו קריגען קיין קונה אויף זיין סחורה. אין סאָסנאָוויץ האָט דער רעדאַקטאָר פון דער אָרטיגער צייטונג (אויך אַן אַנטיסעמיט) געמוזט עפענטליך אָבגעבען אַן ערקלערונג, אויף וועלכען גרונד האָט ער גערזאָט די רעזה צו פאָטאָגראַפירען זיך ביי אַ יוד. דער אונגליקליכער האָט זיך געמוזט אין צייטונג פערענטפערן, אַז ער האָט ווירקליך בעשטעלט זיין פאָטאָגראַפיע ביי אַ יוד, אָבער דאָס איז געווען נאָך פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון'ם באָיקאָט, און אַלס בעווייז קאָן דיענען דער פאַקט, וואָס אויף דער אינקרימינירטער פאָטאָגראַפיע זענען ביי איהם די האָר געשאָרען האַרט צום קאָפּ, אָבער איצט טראָגט ער נאָך לאַנגע האָר.

עס זענען אָבער אויך געווען צו פערצייכענען נישט ווייניג הערכסט-טראַגישע פאַרפאַלען, וואָס דערמאָהנען נאָר אָן אַנדערע לענדער, וואו מ'האָט וועגען קולטור נאָר קיין אַהנונג נישט. די אָהן-אויפהער-אויפגעוועקטע נידריגע חיות-אינסטינקטען האָבען פערלאָרען יעדע מאָס און גרעניץ, נישט-ווילענדיג, וואו זיך אָבצושטעלען, און בעזונדערס נאָך צווישען די פינסטערע עלעמענטען, וואָס אין געוועהנליכע צייטען שטעהען זיי אויך נישט אויף אַזאַ הויכער מאָראַלישער שטופע, האָט עס געפיהרט צו איינפאַך פערברעכערישע מעשים. פון דער סעריע געשיכטעס זענען פערעפענטליכט געוואָרען די פאַרפאַלען אין ווען אין מאָדזשעיעוו, וואו די פויערן האָבען אונטערגעצונדען די יודישע הייזער, און צוזאַמען מיט'ן פערמעגען זענען געפאַלען אַלס קרבנות אויך זייערע יודישע איינענטימער. אין איין אָרט זאָל די סיבה פון דער אונטערצינדונג זיין אַ פערזענליכע נקמה, אין צווייטען — די אויפגעהעצטע ווילדע שנאה צו יודען; אָבער כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין ביידע פאַלען האָבען זיך די פרוכטען פון דער פערברעכערישער פּאָיקאָטיסטישער אַגיטאַציע אַרויסגעוויזען דערין, וואָס די פּוילישע בעפעלקערונג, צוזעהענדיג שוין די געפאַהר, האָט ענטזאָגט די ביטע פון די יודען וועגען הילף און רעטונג. מען האָט זאָגאַר דערציילט, אַז די טהירען און פענסטער אין די אונטערגעצונדענע הייזער זענען פריהער פערקלאַפּט געוואָרען מיט ברעטער, כדי די מענשען זאָלען זיך פון דאָרט נישט קאָנען אַרויסראַטעווען, אָבער דאָס איז גענוי נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז מיט לעשען די שרפה אין מאָדזשעיעוו האָבען זיך געמוזט פערנעהמען די רוסישע גרעניץ-וואַך און די פייער-לעשער-אָבטיילונגען פון די נאָהענטע פּריסישע שטעדט, וועלכע זענען צו דעם צוועק אַריבער די גרעניץ....

ט.

אויך אייניגע פון די קאַטוילישע גייסטליכע האָבען זיך בעטייליגט אין דער [illegible]צער בעוועגונג לויט זייער בערוף און אמט. זיי האָבען זיך פערנומען מיט בערעכטיגען דעם באָיקאָט פון׳ם רעליגיעזען שטאַנדפּונקט, אויפווייזענדיג, אַז דער קאַמף געגען יודען איז נישט בלויז נישט קיין סתירה צו דער קריסטליכער לעהרע, נאָר, פערקעהרט, שטאַמט פון איהר און ענטשפּרעכט איהרע פאָרשריפטען. דער בעקאַנטער פּוילישער פּרעדיגער און געזעלשאַפטליכער עסקן קסיאָנדז גאָדלעווסקי, דער פיהרער פון׳ם „קריסטליכען אַרבייטער-פערבאַנד“, האָט געשריבען: „די פערטיידיגער פון די יודען פערופען זיך אויפ׳ן געבאָט פון ליעבע צום נאָהענטען, און פערגעסען, אַז קריסטוס הייסט קודם-כל ליעבען די אייגענע, וואָס ער האָט בעשטעטיגט מיט אַ טהאַט, ווען ער האָט געענטפערט דער יונגפרוי פון כנען און געזאָגט: „ס׳איז נישט גוט צוצונעהמען דעם זוהנס ברויט און וואַרפען עס פאַר הינט“. („זעלבסטפערטיידיגונג אָדער שנאה?“, „דוואַ גראָשע“, נומער 96, 1912).

צו דער פּראָפּאַגאַנדע פון די באָיקאָט-אידעען האָבען זיך אויך פעראייניגט פרויען, דוקא אַזעלכע, וואָס קעמפפען פאַר זייער גלייכבערעכטיגונג — דער „פעראיין פון פרויען-גלייכבערעכטיגונג“ האָט אַרויסגעגעבען אַן אויפרוף אין׳ם באָיקאָטיסטישען גייסט, אויפפאָדערנדיג די פרויען, אַז „זיי זאָלען זיך נישט פערנעהמען מיט קיין אַבסטראַקטע אידעען אָדער קרענקליכע עמפּפינדונגען, פערטיידיגענדיג פרעמדע און בעגעהענדיג אַן עולה געגען אייגענע“.

קינדער-ערציהער האָבען אַריינגעפיהרט אַנטי-יודישע אַגיטאַציע אין די שולען, און אין די קינדער-זשורנאַלען געפינט זי אַן אָנקלאַנג אין בעזונדערע אַרטיקלען: „זאָל פון אונזערע הענד — האָט געשריבען אין „וועטשאָרי ראָדזינע“ אין דער רובריק „בריעף-קאַסטען“ איינע מיט׳ן פּסייוודאָנים „אַ פריינדין“ — קיין איין-איינציגער גראָשען נישט איבערגעהן אין יודישע הענד, זאָל קיין איינציג הויזליך געברויך-אַרטיקעל אונז נישט בעשמוצען דאָס הויז מיט זיין יודישער אָבשטאַמונג“. (1912, נומער 47, זייט 564).

אַ טעות וועט זיין צו מיינען, אַז דערדאָזיגער באָיקאָט-אַנטיסעמיטיזם האָט געוואָלט פיהרען זיין קאַמף געגען אַ געוויסער יודישער ריכטונג אָדער יודישען טייל, אַזעלכען מ׳האָט חושד געווען אין רוסיפיצירונג. און דער קאַמף זאָל אייגענטליך זיין געווענדעט געגען דער רוסישער רעגירונג. „אייניגע פון די קעמפער בעהויפּטען, — ערקלערט פּראָפ. באָדוען דע-קורטענע, — אַז דערדאָזיגער קאַמף געגען יודען איז געווענדעט נישט געגען די יודען אַליין, נאָר געגען דער דענאַציאָנאַליזירונג, וועלכע קומט פון מזרח און געפינט איהר אונטערשטיצונג אין די „ליטוואַקעס“, ד. ה. איינפאַך, געגען דער רוסיפיצירונג. עס איז אָבער שווער צו גלויבען דערין, ווען אין דער מחנה פון די קעמפער געפינען מיר די (רוסישע) פירמע „נ. ל. שוסטאָוו און זוהן“, וועלכע מעלדעט אין די צייטונגען: „די ביוראָ-אַרבייטער פון אונזער וואַרשאָווער אָבטיילונג און אויך די אַרבייטער בעשטעהען אויסשליסליך פון קריסטען, און ביי אונז

אַרבייט אַלזאָ נישט בלויז קיין אין ליטוואַק, נאָר אפילו נישט קיין איין ייד — פון היגער אַבשטאַמונג". „אינ'ם פערסאָנאַל מיטאַרבייטער פון דער פירמע געפינען זיך 23 פערזאָן פון פוילישער נאַציאָנאַליטעט".

איבעריגענס האָבען די טעאָרעטיקער פון כאָיקאָט, אפילו פונ'ם פראָגרעסיווען לאַגער, זייער „אידעע" בעגרינדעט גאַנץ אָפען. דער מיטאַרבייטער פון „פראַוודאַ" סט. פיענקאָווסקי האָט אין זיינעם אַנ'אַרטיקעל אָנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט פון דער אַנגעבעדיגטער „ראַסען-אָבזונדערונג", ווייל „פוילען איז פאַר די יודען אַ הויקער-דיגע" און „די יודען זענען פאַר פוילען די פיערטע צעטיילונגס-מלוכה". אַלעקסאַנדער שווענטאָכאָווסקי האָט אין זיין זשורנאַל „קולטורא פאָלסקאַ" אויסגעפיהרט, אַז די יודען זענען „וואַנצען", „וואַנדערנדע שצורעס", און האָט זיי פערגלייכט מיט „טער-קישע היגט", וועלכע וועלען אפשר זיין געצוואונגען איבערצוואַנדערן צו אונז נאָך דער ערבאָבערונג פון קאָנסטאַנטינאָפאָל".

ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס עס האָט געהערשט אינ'ם לאַנד אַנ'אמת'ע פאָגראָם-שטימונג, וועלכע באָרוען דיע-קורטענע כאַראַקטעריזירט אַזוי: „די געזעלשאַפט געפינט זיך אויף אַ קרומער ליניע, וועלכע דערפיהרט אומבעדינגט און אונפערמיידליך צו בלוטיגע צוזאַמענשטויסען. אמת, די איצטיגע פיהרער פונ'ם באָיקאָט טרייסלען זיך אָב אָפען פון פאָגראָמען און אַנדערע גרויזאַמקייטען, אָבער זיי קאָנען דאָך נישט אָבלייקענען, אַז זיי אַליין פאָדערן-אויף צו גרויזאַמקייטען, ווייל זיי פאָדערן דאָך אויס-צוהונגערן און צוצונעהמען פרנסה (ביי יודען); זיי קאָנען נישט אָבלייקענען, אַז אַלס אַ רעזולטאַט פון זייער אַגיטאַציע, וואָס מוז נאַטירליך אַרויסרופען אַ קאָנטר-אַגיטאַציע אינ'ם יודישען לאַגער, זאַמעלט-זיך-צונויף אַ בעדייטענדער זאַפאַס פון פערביטענקייט און נקמה-שטרעבונג, און דאָס פערשטאַרקט די פאָגראָם-שטימונג... עס וועט גענוג זיין דער קלענסטער פונק, אַז עס זאָל געשעהן אַ ווילדער אויסברוך".

און צי זענען נישט געווען מעהר ווי „קלענסטע פונקען" אַזעלכע שטעלען, געדרוקט אין אַ טעגליכער צייטונג:

„די הייליגע מאַרציאַנאַ האָט געשטאַמט פון אַ בערימטער פאַמיליע, וואָס האָט געוואוינט אין צעסאַריען, אין אַפריקאַ. בשעת די גרויסע קריסטען-פערפאָלגונגען פאַר די צייטען פונ'ם קיסר דיאָקלעציאַן, אין 4-טען יאָהרהונדערט, איז זי פעראורטיילט געוואָרען צו ווערען אויפגעפרעסען דורך חיות. בעזונדערס האָבען זי פערהאַסט די יודען און זיי האָבען גענומען אַ שטאַרקען אָנטייל אין פייניגען די הייליגע. ווען אויף דער צירק-אַרענע האָט דער לייב זיך נישט געוואָלט וואַרפען אויף מאַרציאַנאַ'ן, און דאָס פאָלק, דערזעהענדיג דעם נס, האָט געפאָדערט, מ'זאָל איהר שענקען דאָס לעבען, האָבען זיך די יודען געגענגעשטעלט געגען דעם און געפאָדערט, אַרויסצולאָזען אַנדערע ווילדע חיות, און בעשימפפט די מערטירערין מיט די לעצטע ווערטער. זי איז צעריסען געוואָרען דורך אַ לעמפערט

אין האָט אָבגעגעבען איהר נשמה גאָט דעם 2־טען יאַנואַר" („גאַזעטאַ פּאָראַננאַ, 2 גראָשע", 1913, נומער 9, „כראָניק, קאַלענדאַר").

י.

סוף 1913 איז אין קיעוו פאָרגעקומען דער בעוואוסטער ריטואַל־מאָרד־פּראָצעס פון מענדיל בײליס, וואָס איז שוין פאַר דעם געזעסען עטליכע יאָהר אין תפיסה. נעגען אוים'ס'ניי בעלעבען די פינסטערסטע צייטען פון מיטעל־אַלטער האָבען אין רוסלאַנד זעהר שאַרף פּראָטעסטירט נישט בלויז די אַלע, וואָס שטרעבען צו ליכט און פרייהייט, נישט־אויסשליסענדיג אפילו די מעסיגע פּראָגרעסיסטען און אַ טייל אויפריכטיגע קאָנסערוואַטיווען, נאָר אפילו אַזאַ אָנפיהרער פון די רעכטע און אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט, ווי שולגין, דער רעדאַקטאָר פון „קיעווליאַנין", איז אַרויסגעטראָטען געגען דעמדאָזיגען שענדליכען, גרונדלאָזען פּראָצעס, און איינער פון זיינע מאָטיווען איז געווען, אַז אַזאַ פּראָצעס קאָמפּראָמעטירט דעם אַנטיסעמיטיזם אַליין, ווייל ער בעווייזט זיין כוליגאַנישען כאַראַקטער און גרונדלאָזיגקייט. נאָך שאַרפער איז מען געגען דעם בײליס־פּראָצעס אַרויסגעטראָטען אין אויסלאַנד; די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, וועלכע, נישט ווייעגדיג געשטערט דורך דער צענזור, ווי די פּרעסע אין רוסלאַנד, האָט אויפגעדעקט די גאַנצע הינטער־קוליסען־פּאָליטיק פון דעם פּראָצעס.

פאַר די פּוילישע אַנטיסעמיטען אָבער איז אויך דער פּראָצעס געווען אַ גוטע געלעגענהייט, צו פידרען זייערע חשבונות מיט די יודען. עס פערשטעהט זיך, אַז מ'האָט זיך נישט געקאָנט ערלויבען אָפען צו רעדען וועגען דער בעגרינדונג פון די בעשולדיגונגען און ריכטיגקייט פונ'ם פּראָצעס, אָבער מ'האָט עס געטהון אינדירעקט. וועגען פּראָטעסטירען געגען אויפוועקען די ווילדע בלוט־בלבולים, ווי ס'איז געשעהן איבעראַל, האָט דאָ גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אַם קאָרעקטסטען האָבען זיך שוין געהאַלטען יענע צייטונגען, וועלכע האָבען בלויז געדרוקט די טענדענציעזע אַנטי־יודישע בעריכטען פון דער אָפיציעזער פּעטערבורגער טעלעגראַף־אַגענטור. אָבער אין דער פּוילישער פּרעסע זענען אויך געווען „ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענציעס" און „קאָמענטאַרען". דער „קוריער איליוסטראָוואַני" (אַ צייטונג, וועלכע מ'האָט אַלענפאַלס נישט געקאָנט רעכענען פאַר אַנ'אויסגעשפּראָכען אַנטיסעמיטישע) האָט געדרוקט זיינע בעריכטען אונטער דעם צווייד[ייטיגען] נאָמען „איז דאָס אַ ריטואַל־מאָרד?" — און אויך די בעריכטען האָבען צום אָנהייב געטראָגען אַזאַ צווייד[ייטיגען] כאַראַקטער. דער פּראָגרעסיווער „קוריער פּאָראַני" האָט פון געריכטס־אורטייל, וואָס בעפרייט בײליס'ן, נור ערקלערט, אַז דער מאָרד איז פאָרגעקומען אויפ'ן הויף, וואו עס געפינט זיך זייצעוו'ס ציגעל־פאַבריק (דאָרט, וואו בײליס האָט געוואוינט); אויסגעדרונגען, אַז די בעפרייאונג פונ'ם אָנגעקלאָגטען דורכ'ן געשוואָרענע־געריכט (דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווען איינפאַכע אוקראַינישע פּויערן) איז געווען אַ נויטיגער אַקט געגענאיבער אויסלאַנד, דאָס הייסט די אויסלענדישע יודישע באַנקירען, און דער צווייטער טייל

פונ'ם פסק־דין, וואָס לאָזט דאָך איבער אַ געוויסען חשד אויף יודען, אין גרויס פאַר דער געזעלשאַפטליכער מיינונג אין רוסלאַנד גופא.

פיעל ערגער איז געוועז די פערהאַלטונג פון דער פוילישער פרעסע, וואָס איז נישט אָנגעוויזען אויפ'ן יודישען לעזער און אַנאָנסען־געבער. און די צייטונגען פונ'ם דאָזיגען מין האָבען זיך פון צייט צו צייט בעוויזען אויפקלערונגען פון אָנגעזעהענע פאַרשטעהער פון דער קאַטוילישער גייסטליכקייט, וועלכע האָבען בעוויזען די נישט־ריכטיגקייט פון דער מיינונג, אַז קאַטאָליקען טאָרען נישט גלויבען אין יודישע ריטואַל־מאָרדען בלויז צוליעב דעם, וואָס דער אָדער יענער פּויפסט איז אַרויסגעטראָטען געגען אַזעלכע בעשולדיגונגען אַלס פאַלשע בלבולים און נאַרישקייטען.

גלייכצייטיג איז אינ'ם זעלביגען גייסט, נאָר פון אַן אַנדער שטאַנדפונקט, אַרויסגעטראָטען דער געוועזענער פרייזינקער אַנדזשיי נעמאָיעווסקי אין זיין צייטשריפט „מישל ניעפּאָדלעגלאַ" און אַ בעזונדער בראָשור אונטער'ן נאָמען „די יודישע נשמה"; אין דער ערשטער האָט ער בעריהרט די פראַגע וועגען די ריטואַל־מאָרדען, און אין דער בראָשור האָט ער גערעדט וועגען יודען בכלל און וועגען יודען לויט'ן תלמוד בפרט — פערשטעהט זיך, אַלץ אין העכסט אַנטיסעמיטישען גייסט, אונטערשטיצענדיג די מיינונגען פון די בעקאַנטע תלמוד־פעלשער און בעליידיגער. דער קאַטוילישער קסיאָנדז פּראַנאַיטיס, וועלכער איז אַרויסגעטראָטען אין געריכט אַלס טעאָלאָגישער עקספּערט מצד דער בעשולדיגונג, וואָס זיין עם־הארצות און פעלשונגען זענען אין געריכט דעמאַסקירט געוואָרען נישט בלויז דורך יודישע געלעהרטע, נאָר אויך דורך פּראַוואָסלאַווע רוסען, איז דאָ, דורך די פּוילישע אַנטיסעמיטען, כמעט געקרוינט געוואָרען פאַר אַ העלד. דער קיצור פון אַלץ, וואָס איז געשריבען און גערעדט געוואָרען וועגען ביילים־פּראָצעס, איז אין וואַרשאָ אָבגעדרוקט געוואָרען אין אַ בראָשור פאַר דריי קאָפּיקעס אונטער'ן נאָמען „צוליעב'ן ביילים־פּראָצעס — די יודען, די ריטועלע מאָרדען און דער קאַטוילישער קאָשציאָל", אויסגאַבע פון פעליקס וואָיצעכאָווסקי (1914). דידאָזיגע בראָשור איז אויסגערעכענט געוואָרען אויף אַ שטאַרקער פערשפּרייטונג; אָבער צוליעב דעם, וואָס איהר אויסדריקליך־אויפרייצענדער אינהאַלט האָט געקאָנט ביי אַ נאַאיווען פאַרשטעהער פון דער מאַכט אַרויסרופען אַ חשד, אַז דאָס איז אַן אַנטיאָנלעגאַלע אויסגאַבע, איז די בראָשור געוועזען בעהאַנגט מיט דער פאָלגענדער אויפשריפט אין דער רוסישער שפּראַך: „פון וואַרשאַווער קאָמיטעט פאַר פּרעסע־ענינים. די געזעצליך־געפאָדערטע צאָהל עקזעמפּלאַרען פונ'ם ווערק... איז אָנגענומען געוואָרען דעם 7־טען פעברואַר 1914 אונטער'ן נומער 313", — וואָס מ'איז אַזוי געוועזען גאַנץ איבעריג, ווייל קיין פאַר־צענזור האָט שוין פון־לאַנג נישט עקזיסטירט און קיין פּויליש ווערק האָט נישט געטראָגען אויף זיך קיין אויפשריפט וועגען אַ צענזור־ערלויבניש, הויפּטזעכליך נאָך אין דער רוסישער שפּראַך.

חוץ דעם יודען־פרעסערישען אינהאַלט און שמאַרץ־מאַה'שען טאָן, וואָס עס ערלויבט זיך דער מחבר אַליין, וועלכער שוינט נישט אַפילו קיין געטויפטע יודען, ווייל — שרייבט ער — „דער קרייץ מאַכט נאָך נישט פאַר פּאָליאַקען אונזערע שונאים", זענען וועהר אינטערעסאַנט זיינע ציטאַטען פון די פּוילישע צייטונגען, אַז, למשל,

ווי אזוי, לויט דער דאזיגער בראשור, עס האט זיך אויסגעדריקט דער אפיציעלער ארגאן פון די פוילישע גייסטליכע, דער „פשעגלאנד קאטאליצקי", וועגען יודען אין צוזאמענהאנג מיט'ן ביילים=פראצעס:

„דער קראנקהייטס=פאליפ פון גאוה און שנאה צו אלץ, וואס עס איז קריסטליך, האט ארומגענומען מיט זיינע צוואנגען די אונגליקליכע חת'יש=סעמיטישע ראסע, דאס פאר איהם געשאפען מעטער פון=צווישען איהם אליין, און אין דער בעציהונג צו פרעמדע פעלקער האט ער איהם פונאנדערגעפונדען די הענד און צוגענומען די פערבאטען אפילו פון נאטירליכען רעכט... ווער נאכמעהר ווי מיר האט געקאנט שפירען אויף דער אייגענער הויט די ווירקונג פון יודישער מאראל? לאמיר זיך נישט נארען מיט דער האפנונג, אז מיר וועלען זיין אימשטאנד איבערצומאכען די יודען. מיר וואלטען זיך דערצו קיין עצה נישט געקאנט געבען... ווייל אפילו ווען דער יוד וואלט אויסערליך אויפגעהערט צו זיין א יוד, אפילו ווען ער וואלט זיך צוגערעכענט צום אזוי=גערופענעם „פאסטעמפ" (פראגרעס), וועלען אין זיין נשמה איבערבלייבען די פרינציפען פון תלמוד, ווייל זיי זענען דער אינהאלט פון דער יודישער נשמה, פון די יודישע מנהגים, פון דער יודישער עקזיסטענץ. דער איינציגער געבאט פאר אונז איז אבצוזונדערן זיך גייסטיג פון די יודען: אין=דערהיים, אין שול, אין געזעלשאפטליכען, עקאנאמישען און פאליטישען לעבען. דאס איז איבעריגענס אן'אלטער געבאט, אן'אלטער, ווייל ער האט שוין דורות הינטער זיך, אן'ערנסטער, ווייל דאס איז די שטים פון קאשציאל".

ווייטער ווערען געבראכט קירכליכע פעראָרדנונגען, וואס פערבאטען צו וואוינען אין איינעם מיט יודען, אנצונעהמען פון זיי נאהרונג, היילען זיך ביי זיי, צולאזען יודען צו דער געזעלשאפט, זיין ביי יודען א דינער, אם און דינסט, בעזונדערס דאס לעצטע, ווייל „א יוד זאגט=צו א פערפירטען מיידעל גאלדענע בערג, און ווען ער זויגט=אויס פון איהר אלץ, וואס עס לאזט זיך נור, ווארפט ער עס ארויס ווי א שמאטע, וועלכע טויג נישט צו קיין זאך און קאן מעהר נישט געברויכט ווערען, און נישט איינמאל לייענען מיר וועגען פיעל פאלען, ווי אזוי די יודישע ברויט=געבער בעליידיגען און פייניגען זייערע קריסטליכע דינסטען". וועגען דעם אקטועלען ביילים=פראצעס ברענגט דער מחבר צום אנהויב ארגומענטען געגען די בעהויפטונגען פון די יודען, אז דער קאטוילישער קאשציאל לייקענט=אב די עקזיסטירונג פון ריטועלע מארדען צווישען יודען. „מיר האבען אלזא דא די מיינונג פונ'ם קאטוילישען קאשציאל אין דער פראגע פון די ריטועלע מארדען, — רופט=אויס טריאומפירענד דער מחבר, — אבער פון אן'אנדער שטאנדפונקט בעטראכט די פראגע ה' אנדזשיי נעמאיעווסקי. ער זוכט אוש ביז טיעף אין דער ביבעל און דורך א געלונגענער געגענשטעלונג פון פערשיעדענע מיינונגען און ציטאטען קומט ער צום בעשלוס, אז ריטועלע מארדען עקזיסטירען צווישען יודען". „און ווייל פאר יודען איז א ראסען=פליכט צו האלטען עס בסוד, — שרייבט ווייטער דער מחבר, — איז וויפיעל קינדער=מארדען קאנען אויסגעפירט ווערען אין די לענדער פונ'ם יודישען גהעמא!" די בראשור ענדיגט זיך מיט דעם פיעל=זאגענדען זאץ: „ארויסצוטראגען די געהעריגע בעשלוסען לאזען מיר איבער פאר אונזערע לעזער אליין".

אזא מין „ליטעראטור“ האט זיך בעוויזען אויפ'ן מארק אין ווארשא אין א גרויסער צאהל. חוץ ערנסטע „ווערק“, האבען זיך אויך בעוויזען ליטעראַרישע שאפֿונגען פֿון הומאָריסטישען כאראקטער, נאכמעהר חוצפה'דיגע און אויפֿרייצענדע. עס איז גענוג צו זאגען, אז דער נאמען פֿונ'ם יודישען מערטירער, דעם אונשולדיג-געפּייניגטען מ ע נ ד י ל ב י י ל י ס, איז בלויז אין פּוילען געוואָרען א סינאָנים פֿון א פֿערברעכער און בלוט-זויגער. דער פּוילישער המון האט יעדען יוד אָנגעשריען: „ביילים!“, און גאנץ אָפֿט איז דא פֿאָלשטענדיג מטושטש געוואָרען די גרענץ צווישען המון און דער אינטעליגענץ...

יא.

און מיט טיעפֿען שמערץ דארף דערמאָהנט ווערען, אז אין דאזיגען ווילדען גערייץ אויף יודען האט זיך כמעט נישט געפֿונען קיין איינציגער איינפֿלוסרייכער פּאָליאק, וואס זאל זיך ענערגיש ווענדען צו זיינע ברידער מיט א געשריי: גענוג! אלע האבען געטריי געדיענט דעם זאָאָלאָגישען אנטיסעמיטיזם: דער רבי און פֿיהרער פֿון פּוילישען פּראָגרעס („פּאָסטעמפּ“) אלעקסאנדער שוויענטאָכאָווסקי, דער „קעניג“ פֿונ'ם פּוילישען פּרייען געדאנק אנדזשיי ניעמאָיעווסקי, דער אָנגעזעהענער פּובליציסט קאַזימיערזש עהרענבערג, דער בערימטער דראמאטורג אדאָלף נייוועָרט-נאָוואטשינסקי, שוין נישט-רעדענדיג פֿון די מדרגה אין פּובליציסטען פֿון נ-ד.'קישען לאגער — אלע זענען געוואָרען פּאָרקעמפּער פֿון אנטיסעמיטיזם, בעזיצענדיג אין זייער האנד און צו זייערע ציעלען אלע פּוילישע צייטונגען. צו פֿערטיידיגען די יודען זענען ארויסגעטראָטען נור געצעהלטע לייט, ווייניג פּעדיגע און נאך ווייניגער איינפֿלוסרייכע. לודאָמיר גרענדיישינסקי, טערעזא לוביענסקא און סטעפֿאניא סעמפּאָלאָווסקא האבען זייער, מעהר אָדער ווייניגער געלונגענע פֿערטיידיגונג פֿון יודען געמוזט פֿערעפֿענטליכען אין בראָשורען, ווייל אין דער פּרעסע איז פֿאר זיי נישט געווען קיין אָרט, חוץ אין קעמפֿנער'ס אסימילאטאָרישער „נאָווא גאזעטא“, וואו ס'איז ארויסגעטראָטען מיט ארטיקלען לודוויק קולטשיצקי, וואַרשיינליך, כדי יודען אליין זאָלען אידם לייענען (ווייל קריסטליכע לעזער האט די „נאָווא גאזעטא“ נישט געהאט). עטליכע ווערטער לטובת יודען האט אויך געשריבען דער אלטער לודוויק סטראשעוויטש, אָבער בכלל איז די שטעלונג פֿון זיין צייטונג „סלאָוואָ“ געווען אנ'אנטיסעמיטישע. ענערגיש און שארף געגען באָיקאָט איז ארויסגעטראָטען פּראָפֿ. באָדוען-דע-קורטענע אין זיין בראָשור „צו דער יודען-פֿראגע“; אָבער ער, אלס אנ'אויסגעשפּראָכענער קאָסמאָפּאָליט, וועלכער האט נאך פֿריהער שטענדיג געוואוינט אין פּעטערבורג, קאָן צו די פּוילישע שריפֿטשטעלער נישט פֿערעכענט ווערען. די ארבייטער-פּרעסע האט געפֿיהרט אנ'ענערגישען קאמף געגען באָיקאָט און בעלויכטען די מעשים פֿון די העצע-פֿיהרער; אָבער, צום בעדויערן, איז זי געווען געצוואונגען צו פֿיהרען א טרויעריגע עקזיסטענץ און איז קיינמאל נישט געווען זיכער מיט'ן מאָרגענדיגען טאָג. ענערגיש פֿערטיידיגט די יודען און דעמאסקירט דעם „בורזשואזען“ אנטיסעמיטיזם האט די ארבייטער-וואָכענשריפֿט „ושיציע ווא=

שאַווסקיע״, אַרויסגעגעבּען דורך וויטאָלד קאַשוטסקי. די״דאָזיגע צייטונג איז אין פֿערלויף פֿון אַ קורצער צייט געוואָרען אַזוי פּאָפּולער צווישען יודען, אַז זי האָט דערגרייכט צו אַן׳אומגעוועהנליך־גרויסען טיראַזש אין אינזערע פּערהעלטניסען. צווישען די אַרבּייטער איז זי ווייניגער געלייענט געוואָרען, אָבּער אַ געוויסען איינפֿלוס האָט זי דאָך געהאַט אויף זיי. אָבּגערופֿען מיט אַן׳אַרטיקעל פֿון צייט צו צייט פֿאַר יודען האָט זיך אויך די סאָציאַליסטישע „קורשגאַ״. אָנפֿאַנג 1913 האָבּען די נאַציאָנאַלע יודען אָנגעהויבּען אַרויסצוגעבּען אַן׳איינענע טעגליכע צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פֿונ׳ם בּעקאַנטען יודישען פּובּליציסט און אַמאָליגען פֿירער פֿון די סאָציאַליסטען אין פּוילען סטאַניסלאַוו מענדעלזאָן. די״דאָזיגע צייטונג — „פּשעגלאָנד צאָדזיעננ״״ — האָט אפֿילו נישט געהאַט קיין אויסגעשפּראָכענע יודיש־נאַציאָנאַלע ריכטונג, אָבּער מיט׳ן בּאָיקאָט האָט זי געקעמפֿט ענערגיש. ווי מ׳דאָט געקאָנט פֿאָרויסזעהן, האָט די צייטונג אין די פּוילישע קרייזען קיין איינפֿלוס נישט געהאַט און איז אָפֿט בּאָיקאָטירט געוואָרען דורך דער פּוילישער פּרעסע.

יב.

אָבּער וואָס לענגער דער בּאָיקאָט האָט געדויערט און וואָס מעהר אַ גרעסערען מאַסשטאַבּ ער האָט אָנגענומען, אַלץ דייטליכער איז געוואָרען זיין אומזיניגקייט פֿאַר די פּאָליאַקען אַליין נישט נור אין פּאָליטישער, נאָר אויך אין עקאָנאָמישער הינזיכט. עס זענען געשאַפֿען געוואָרען לחלוטין נישט־נוצליכע קראָמען און אַנדערע האַנדעלס־אינדוסטריע אונטערנעהמונגען, וועלכע האָבּען נאָך אַ קורצער עקזיסטענץ געפּלאַצט. צוליעבּ דער שנאה צו יודען האָבּען די ניי־געבּאַקענע פּוילישע סוחרים נישט געקאָנט ווערען פֿעהיג צום האַנדעל; ס׳זענען נאָך אָבּער דערבּיי אַרויפֿגעשוואומען גאַנץ בּעוואוסטזיניגע שווינדלער, וועלכע האָבּען אויסגענוצט דעם אַנטיסעמיטיזם פֿון די מאַסען, כּדי אַרויסצושלעפּען בּיי זיי פֿון קעשענע דעם בּיטער פֿערדאָרוועטען גראָשען. דער קאָנסומענט, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר אָנגעהויבּען איבּערצייגען, אַז צוליעבּ׳ן כּלומר׳שטען פּאַטריאָטיזם מוז ער פֿאַר זיינע נויטיגסטע געבּרויך־אַרטיקלען צאָהלען טייערער, האָט בּיסלעכווייז פֿערנאַכלעסיגט די בּאָיקאָט־געבּאָטען, און אויבּ נישט אָפֿען, האָט ער זיך געהיים אַריינגעכאַפּט צו אַ יוד עפּעס קויפֿען, בּעזונדערס נאָך, ווען עס איז בּעוואוסט געוואָרען, אַז די פּוילישע קראָמען אַליין, די, וואָס זענען געשאַפֿען געוואָרען מיט׳ן צוועק אונטערצובּרענגען דעם יודישען האַנדעל, קויפֿען זייערע סחורות בּיי הורט־סוחרים יודען, אפֿילו „ליטוואַקעס״, און פֿאַר זייער „פּוילישקייט״ הייסען זיי זיך נור בּעצאָהלען טייערער. ס׳האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען, אַז פֿיעל געשעפֿטען, וואָס אָפֿיציעל ווערען זיי גערעכענט אַלס פּוילישע און זייער ציעל איז צו בּעזייטיגען יודען פֿון האַנדעל, האָבּען נאָר שותפֿים יודען, און זאָגאַר רוסישע יודען. שטילערהייד האָבּען זיך אָנגעהויבּען צו בּעווייזען בּיי יודישע פֿינאַנסיסטען די מעקלערס פֿון „אמת׳ע אַנטיסעמיטען״ מיט פֿאָרשלאַגען, צו פֿינאַנסירען געוויסע אונטערנעהמונגען, וועלכע ווערען געשאַפֿען אין נאָמען פֿון בּאָיקאָט און קאָנען דאַריבּער רעכענען אויף ערפֿאָלג...

עס איז צונויפגעמישט געווארען די „אידעע" מיט געשעפטמאכעריי, און דאס שרייען וועגען יודישען אדער פוילישען האנדעל איז געווארען אַן עסק פאר שפעקולאנטען, עס איז ארויסגעקומען לטובת די יעניגע, וועלכע האבען עס ארויסגעגעבען די פאטענטען אויף פוילישקייט. נאך מעהר: דער פוילישער האנדעל אליין האט זיך געמוזט נעהמען צום קאמף געגען די קאאפעראטיווען, וועלכע האבען פריהער ווירקליך בעקעמפט מיט ערפאלג דעם יודישען האנדעל, און עס איז באמת געווען אַן איראניע פון גורל, אז דער אנטיסעמיטיזם, אונטערגראבענדיג די קאאפעראטיוו-בעוועגונג, איז נאר דערמיט געקומען צו הילף די יודישע סוחרים, וועלכע האבען פיעל ווייניגער מורא געהאט פאר דער קאנקורענץ מצד דעם נישט פעהיגען פוילישען סוחר, ווי מצד דער געזעלשאפטליכער אונטערנעהמונג, ווי עס איז געווען דער קאאפעראטיוו.

צוליעב דער פערשטארקטער אנטיסעמיטישער בעוועגונג איז אומעהייער גרויס געווען דער פאליטישער שאדען פאר די פאליאקען אליין. די פוילישע פיהרער זענען ארונטערגעפאלען אונטער דער פאלשטענדיגער אבהענגיגקייט פון דער רוסישער רעאקציע, וועלכע, מיטהעלפענדיג זיי אין בעקעמפען די יודען, האט מיט זיי, מיט די פאליאקען אליין, געטהון אלץ, וואס זי האט געוואלט. אין דער רעדאקציע פון דער באיקאטיסטישער „דווא גראשע" איז געקומען א פערטרעטער פון סובארין'ס פעטערבורגער „נאוואיע ווראמיא" כלומר'שט צו נעהמען א לעקציע אין הלכות יודען-פרעסעריי, און ער איז דארט גאנץ פריינדליך אויפגענומען געווארען. דאס איז געווען דער שטארקסטער בעוויז פון דער מאראלישער ירידה, צו וועלכער עס האבען געוואלט ברענגען דאס פוילישע פאלק זיינע איצטיגע פיהרער. צייטונגען, וועגען וועלכע מ'האט אין פוילען פריהער געזאגט, אז (צוליעב זייער מאראלישען שמוץ) קאן מען זיי נישט ליינען אהן הענדשקעס, זענען איצט געווארען די פערבינדעטע פון פוילענטום. און גלייכצייטיג האט מען אין פוילען איבערגעריסען מיט אלץ און אלעם, וואס האט אין רוסלאנד געשטרעבט צו פרייהייט און גערעכטיגקייט.

וואס אנבעלאנגט דעם מאטעריעלען שאדען, וואס די יודען האבען געליטען צוליעב'ן באיקאט, פעהלען גענויע סטאטיסטישע ידיעות וועגען דעם, און א פארשטעלונג דערפון קאן מען האבען נור לויט השערה: די יודישע גרויס-בורזשואזיע, וואס איז מיט איהרע פאבריקען און האנדעלס-הייזער געווען איבערהויפט אנגעוויזען אויף די רוסישע אבזאץ-מערק און איז געווען אונאבהענגיג פון די פאליאקען, זי האט זיך פון באיקאט נישט וויסענדיג געמאכט, פערקעהרט, די שנעלע און בעדייטענדע פערמעהרונג פון די דעטייל קראמען האט פערשאפט דער יודישער בורזשואזיע נייע קונדען, און די פערגרעסערטע נאכפראגע האט ארויסגערופען א העכערונג פון די פרייזען אויף די סחורות און דאס צאהלען במזומנים. פון באיקאט האט עטוואס געליטען דער יודישער דעטייל-האנדעל, בעזונדערס יענע הענדלער, וואס זענען נישט געווען ביכולת צו דערהאלטען זייער עקזיסטענץ ביז די באיקאט-בעוועגונג איז שוואכער געווארען און וואס האבען נישט געפונען קיין געניגענדע אונטערשטיצונג ביי א יודישער קליענטעלע, וואס זאל פיהלען דעם חוב פון זעלבסטשוץ. ס'רוב אבער האבען געליטען די קליינע קרעמער, די איבערקויפער און האנדלארושעס, וועלכע זענען אמ-

תעניגסטענס ווערט געווען דיזאָזיגע נקמה, ווייל פאַר יאַגעללאָ'ן האָבען זיי נישט געשטימט און זאָגאַר נישט געוואוסט פון זיין עקזיסטענץ; זייער נויט און דחקות איז געפאַלען צו לאַסט אויף דאָס גאַנצע לאַנד. זיין דירעקטען ציעל — צווינגען פוילישע יודען צו עמיגראַציע — האָט דער באָיקאָט נישט נור נישט דערגרייכט, נאָר, פערקעהרט, ער האָט נאָך די עמיגראַציע אונמעגליך געמאַכט דורכ'ן בערויבען אַלע עקזיסטענץ-מיטעל ביי אַלע יענע יודען, וואָס האָלטען דורך אַ סיסטעמאַטישער קאָנקורענץ מצד די קאָאָפּעראַטיווען ווירקליך געווען געצוואונגען צו פערלאָזען דאָס לאַנד. מ'דאַרף נאָך צוגעבען, אַז פיעל פוילישע אַרבייטער האָבען זיך געפיהלט אַזוי באַליידיגט דורכ'ן טאָג-טעגליכען בעוואַרפען מיט שמוץ זייער דעפּוטאַט אין דער באָיקאָטיסטישער פּרעסע, אַז אויף צו להכעיס די „פּאַטריאָטען" זענען זיי מיט אַ כיוון געגאַנגען קויפען צו יודען, כאָטש זיי פלעגען דאָס פריהער נישט טהון.

נערגסטער צום אמת וועלען מיר זיין, אויב מיר וועלען זאָגען, אַז צווישען די קליינע קרעמער האָבען צוזאַמען מיט די יודען געליטען אויך די פּאָליאַקען, ווייל אויסער די שוין פון פריהער גענוג גרויסע צאָהל קראָמען, איז איצט נאָכמעהר אונגעהייער פערגרעסערט געוואָרען; אַ גאַנץ געוועהנליך ערשיינונג איז געווען, אַז אין איינעם און דעמזעלבען הויז האָבען זיך געפונען צוויי קראָמען פון איינע און דיזעלבע אַרטיקלען — איינע אַ יודישע און די צווייטע אַ פוילישע. אַ קראַך איז געווען אונפערמיידליך, און דער רעזולטאַט דערפון וואָלט געווען די אויסוואַנדערונג נישט נור פון יודען, וועלכע האָבען נישט געהאַט וואוהין און טיילווייז אויך מיט וואָס אויסצוואַנדערן, נאָר בעזונדערס פון די פּאָליאַקען, פאַר וועלכע עס איז געווען אָפען רוסלאַנד.

די אונפערמיידליכקייט פון אַ ווירטשאַפטליכען קריזיס האָט פאָראויסגעזאָגט דער באַקאַנטער פוילישער פּובליציסט (פון יודישער אָבשטאַמונג) י ו ז ע ף ל אַ נ ג ע, וועלכער, שטעהענדיג אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון די פוילישע אינטערעסען, איז אַרויסגעטראָטען געגען באָיקאָט אין זיין בראָשור „די יודען-פראַגע אַלס עקאָנאָמישעס פּראָבלעם" (וואַרשאַ, 1914). נאָך פאַר'ן סוף 1912, ד. ה., באַלד נאָך דער וואַהל פון יאַגעללאָ'ן, האָבען אַרומגערעדט דעם יודיש-פוילישען קאָנפליקט ל ע אָ ב ע ל מ אָ נ ט און י ע ר ז י ה ו ז אַ ר ס ק י אין דער בראָשור „דער נצחון פון ראָמאַן דמאָווסקי". אָבער דאָס איז געווען ווי אַ קול קורא במדבר.

פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט האָט די פראַגע פעראינטערעסירט די פּאָליאַקען פון גאַליציע, וועלכע, זינט עס איז פערטמורעט געוואָרען דער אייראָפּעאישער הימעל פון נאָך דעם באַלקאַנישען קריעג אָן, האָבען זיך געגרייט צו די גרויסע וועלט-געשעהענישען. און אָט זענען די דאָרטיגע שטאַאַטס-מענער געווען בעאונרוהיגט דערפון, וואָס דורך דעם אַנטיסעמיטיזם און באָיקאָט זענען די איינפלוסרייכע פוילישע קרייזען אין לאַנד אינגאַנצען אַריינגעצויגען געוואָרען צו דער „מאָסקאָוויטישער אָריענטאַציע", און דאָס וואָלט זיך אין פאַל פון אַ מלחמה, לויט זייער מיינונג, געענדיגט פאַר די פוילישע אינטערעסען מיט אַן אומגליק. נאָך געוויסע בעמיהונגען האָבען זיי אין וואַרשאַ אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען די וואָכענשריפט „סטראַזשניצא", אין וועלכער זיי האָבען דורך רמזים און אָנדייטונגען געוואָלט צואָבפיהרען די פּאָליאַקען פון דעם איצטיגען וועג

און אזוי אויך אָנגעוויזען אויף די געפאַהר, וועלכע עס קאָן ברענגען פאַר די פּאָליאַקען אין קעניגרייך זייער שטעלונג אין דער יודען-פראַגע. זיי האָבען אָבער נישט געפינען קיינעם, וואָס זאָל זיי וועלען הערען, און אַנדזשיי ניעמאָיעווסקי האָט געפונען פאַר נויטיג זיי צו דעמאַסקירען. נאָך צוויי נומערען איז די וואָכענשריפט פערמאַכט געוואָרען, און די אַרויסגעבער האָבען בעקומען אַ האַרבע אַדמיניסטראַטיווע שטראָף.

וואַרשיינליך אויך אונטער'ן איינפלוס פון פערכמאַרעטען איראָפּעאישען הימעל און די אָנקומענדע גרויסע וועלט-געשעהענישען האָט דער אָנגעזעהענער פּוילישער פּובליציסט ק. עדרענבערג פערעפענטליכט אין זיין צייטונג „קוריער פּאָראַנני" די פראַגע וועגען שאַפען אַ „איינהייטליכען פראָנט", ד. ה. פעראייניגען אַלע פּוילישע פּאַרטייען אויפ'ן גרונד פון איין פּראָגראַם געגענאיבער רוסלאַנד כדי צו פערטיידיגען די פּוילישע אינטערעסען, פאָרלעגענדיג דערביי צוציציהען צום פּראָיעקטירטען צענטראַל-קאָמיטעט אויך פאָרשטעהער פון גאַליציען און פּוזען. דער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופען אָפּקלאַנגען אין פערשיעדענע שטימען, און צווישען זיי אויך די שטימע פון אַ יוד, וועלכער האָט זיך בעזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דער יודען-פראַגע. ער האָט אָנגעוויזען, אַז די שטעלונג וואָס די פּוילישע געזעלשאַפטליכע מיינונג האָט פערנומען בנוגע צו יודען מוז אונבעדינגט שטויסען די פּאָליאַקען אין די אָרעמס פון דער רוסישער רעאַקציע. ז. ה. די רוסישע רעאַקציע, געפינט זיך איצט אין דער גוטער לאַגע פון דריטען, וועלכער נוצט זיך שטענדיג אויס מיט די סכסוכים צווישען די צוויי, און אויב די פּאָליאַקען וועלען ווירקליך פירען אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטיק, אַזעלכע, וועלכע, ענטשפּרעכט די פּוילישע אינטערעסען, מוזען זיי קומען צו אַ פערשטענדיגונג מיט די יודען, מעג זיין אפילו אויפ'ן באָדען פון דער אַסימילאַציע. דער קוריער האָט אויף דעם אַרטיקעל געענטפערט מיט פוסטע פראַזען, און אין דער נ.-ד.'קישער פרעסע האָט ער אַרויסגערופען אַ שטורם פון אויפרעגונג. דער געדאַנק אַליין פון שאַפען אַ „איינהייטליכען פראָנט" האָט ביי די נ.-ד.'קעס אַרויסגערופען בלויז שפּאָט און חוזק. און, ווירקליך, צו וואָס האָט ראָמאַן דמאָווסקי און זיין פּאַרטיי בעדאַרפט זיך טיילען מיט נאָך עמיצען מיט דער מאַכט, ווען זיי האָבען געקאָנט גאַנץ דרייסט זאָגען: „פּוילען — דאָס בין איך"? אפילו די יעניגע, וועלכע האָבען די דאָזיגע פּאַרטיי פריהער בעקעמפט, האָבען ערשט מיטגעהאָלפען פערשטאַרקען איהר מאַכט דורכ'ן אונטערשטיצען דעם אַנטיסעמיטיזם, און ס'איז נור געווען נאַטירליך, וואָס זי האָט נישט געוואָלט לאָזען אָברייסען פון זיך אַ טייל פון איהר איינפלוס און מאַכט.

אָבער דאָ איז אויסגעבראָכען דער איראָפּעאישער קריג.

דאָס אינערליכע יודישע לעבען.

א.

די אינערליכע בעציהונגען צווישען יודען אין דער תקופה נאָכ'ן אויפשטאַנד זענען געבילדעט געוואָרען אָבהענגיג פון די דריי טיפּען, וועלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט דאָס פּוילישע יודענטום: די אַסימילאַטאָרען, קאָנסערוואַטיווען, און „נאַציאָנאַליסטען". דער וועג פון דער פּויליש-יודישער אינטעליגענץ איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער, ווי דער וועג פון אונזערע ברידער אין דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד.

אין דייטשלאַנד האָט צום אָנהויב געהערשט דער גייסט פון דער פאָלשטענדיגער אַסימילאַציע, אָבער מיט דער צייט לאָזט זיך בעמערקען אַ געוויסע אויסניכטערונג און אַ נייע ווענדונג; די סבה דערפון דאַרף מען זוכען אין דער פערשפּרייטונג פון דער יודישער געשיכטע און יודישער וויסענשאַפט — כאָטש אין דער דייטשער שפּראַך — צו וואָס עס האָט מיטגעהאָלפען אַ גאַנצע רייהע בערימטע יודישע געלעהרטע און פאָרשער. אין עסטרייך האָט זיך די יודישע וויסענשאַפט מעהר פערשפּרייט אין דער העבּרעאישער שפּראַך, אַדאַנק די ברייטע יודישע מאַסען, וואָס וואוינען אין גאַליציען, אויף וועלכע די יודישע אינטעליגענץ האָט געוואָלט האָבען אַ השפּעה און מיט וועלכע זי האָט זיך געפונען אין שטענדיגער בעריהרונג; מיט דער צייט איז דאָרט ענטשטאַנען אַ יודישע ליטעראַטור און פאָלקס-פּובליציסטיק אויך אין דער יודישער שפּראַך.

אין רוסלאַנד, וועגען וועלכען מיר מוזען דאָ רעדען אויספיהרליכער, איז די ענטוויקלונג געגאַנגען אַזוי: צווישען דער עכטער, איינגעבוירענער רוסישער בעפעלקערונג האָבען יודען געוואוינט אין זעהר אַנ'אונבעדייטענדער צאָהל, הויפּטזעכליך האָבען זיי געוואוינט אין קאָמפּאַקטע מאַסען אויף דער ערד פון אַמאָליגען פּוילען (ליטא, וואָהלין, פּאָדאָל א. א. וו.), צווישען אַ געמישטער פּויליש-רוסישער בעפעלקערונג, וועלכע האָט דערביי געקאָנט האָבען אויף זיי אַ קליינעם איינפלוס. די „השכלה" האָט לכתחלה אָנגעהויבען פערשפּרייט צו ווערען צווישען זיי אין דער העברעאישער שפּראַך. אויך דאָ איז צו פערצייכענען אַנ'אַסימילאַציע-תקופה, אָבער זעהר אַ קורצע, און דאָס אויך נור ביי יענע יודען, וואָס האָבען געוואוינט אין רוסלאַנד אַליין; אין דעם יודישען „תחום" האָט מען מעהר דערפון גערעדט און געשריבען, איידער געפּרובט צו פערוואַנדלען די אַסימילאַציע-שטרעבונגען אין אַ רעאַלע געשטאַלט. איבעריגענס, איז די דאָזיגע אַסימילאַציע געווען פון אַ בעזונדער אַרט, און זי איז געווען צו בעמערקען אין יענער צייט, ווען מען האָט צווישען דער אינטעליגענץ געמיינט, אַז יעדער געבילדעטער מענש מוז זיין אַ קאָסמאָפּאָליט. אָבער אפילו מיט'ן דאָזיגען „רוסישען

קאָסמאָפּאָליטיזם" האָט מען נאָר איז גיכען איבערגעריסען, ווען ס'האָט זיך צווישענווייזען, אז די רוסען אליין טרייסלען זיך אָב פון קאָסמאָפּאָליטיזם און הויבען זיך אָן ארומצוטראָגען מיט נאַציאָנאַלע אידעאַלען. פּרץ סמאָלענסקי'ן, אונטער'ן איינדרוק פון דער מערב־איראָפּעאישער אַסימילאַציע, וואָס רייסט אָב די יודישע אינטעליגענץ פון פאָלק, איז דער ערשטער צווישענגעטראָטען צו אגיטירען פאַר'ן פּראָגרעס גלייכצייטיג מיט'ן יודישען נאַציאָנאַליזם.

„אין דער צייט — האָט ער געשריבען — ווען בליגדע עפּענען ביסלעכווייז אויף די אויגען, וועקען זיך אויף פון לעטאַרגישען שלאָף, און וועלכען זיי זענען געוועזען פערזונקען פיעל יאָהר, פערמאַכט נאָר די אויגען דער, וואָס האָט שוין פערזוכט די פרוכטען פון עץ־הדעת, און וויל נישט קענען אפילו זיין אייגענע שפראַך... זאָל מען דעריבער וויסען, אז פּונקט אזוי ווי מיין פעדער וועט שטראָפען די חנפים און צבוע'יאַקעס, וועלכע הילען זיך איין אין מאַנטעל פון נאַטספּאָרכטיגקייט, שטרעבענדיג אויסצוראָטען יעדעס וויסען פון יעקב'ס הויז, אזוי וועט זי אויך נישט שוינען די השכלה־צבוע'יאַקעס, וועלכע בעמיהען זיך מיט דער הילף פון זיסע ווערטער צו דערווייטערן די קינדער ישראל'ס פון דער ירושה פון זייערע עלטערן"...

די איינציגע פערשפּרייטערן פון דער רוסיפיצירונג איז נאָך געוועזען די רעגירונג, וואָס האָט דערפאַר צוגעזאָגט צו בעצאָהלען מיט רעכט, אָבער פון דעם מאָמענט אָן, וואָס די רעגירונג האָט אָבגעשטעלט די פּראָגרעסיווע רעפאָרמען און איז אַרויף אויפ'ן וועג פון רעאַקציע, איז די אידעע פון אַסימילאַציע כמעט פאָלשטענדיג אַראָב פון טאָגסאָרדנונג און האָט אָבגעטראָטען איהר פּלאַץ פאַר די יודיש־נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. דיזאָזיגע ווענדונג איז אינגאַנצען געוואָרען בולט און ענדגילטיג נאָך די פּאָגראָמען פון 1881.

ב.

אַנדערש איז געוועזען אין פּוילען.

די אַסימילאַציע, — און נישט מיט קיין קאָסמאָפּאָליטישער בעפאַרבונג, נאָר מיט אַן אויסגעשפּראָכען פּויליש־נאַציאָנאַלען כאַראַקטער — האָט שוין דאָ געהאַט אידרע טראַדיציעס. אמת, דאָס איז געוועזען אַן אַסימילאַציע פון מעהר אָדער ווייניגער אָנגעזעהענער צאָהל פון איינצעלנע פערזענליכקייטען, מיט וועלכע די ברייטע מאַסען פון פּוילישען יודענטום האָבען נישט געהאַט פיעל געמיינזאַמעס, אָבער זי איז פערפעסטיגט און פערהייליגט געוואָרען דורך דאָס פערגאָסענע בלוט אין די אויפשטאַנדס־קאַמפען. בעזונדערס איז פערבליבען שטאַרק אין זכרון פון די יודען די ערא־ינערונג פון יאַנואַר אויפשטאַנד, אין וועלכען עס האָט אויסערליך גענומען אַן אַנטייל דער גאַנצער יודישער כלל און וועלכער האָט געבראַכט, — נישט צו קיין דויערהאַפטער, אָבער דאָך צו אַ פעסטער און הערצליכער פערברידערונג פון „אַלע איינוואוינער פון דעם איינעם לאַנד". ביים ברייטען עולם, וואָס איז ווייניג געוועזען בעקאַנט מיט די איינצעלהייטען און הינטער־קוליסען־זייט פון וועלאָפּאָלסקי'ס עמאַנציפּאַציאָנס־אַקט, איז דערהאַלטען

געווארען דער גלויבען, אז די גלייכבערעכטיגונג האבען די יודען בעקומען פון די פאליאקען אליין, און אז דערמיט שיידט זיך אונטער פוילען פון רוסלאנד, וואס דא זענען יודען גלייכבערעכטיגט און דארט נישט, וואס עס האט זיך ארויסגעוויזען נאך מלחמ'ער, ווען אין רוסלאנד האט מען אנגעהויבען צוריקציהען זאגאר די נישט גרויסע הגהות, וועלכע מ'האט געהאט געגעבען די יודען, ווען אין פוילען זענען פערבליבען אין זייער קראפט דער גרעסטער טייל פון די יודישע רעכט. אין דער אמת'ן אבער, זענען די יודען אין פוילען בעהאנדעלט געווארען אנדערש ווי אין רוסלאנד צוליעב גאר אנדערע סבות. „פאליטישע מאטיווען — האט מען געטראכט אין פעטערבורג — צווינגען דערצו, אז אין לאנד, וואו עס זענען פאראן פיעל פאליאקען, וואס מען קאן נישט בויען אויף זייער טריי־הייט, דארף מען נישט דערצערנען די יודען דורך בעגרענצען זייערע רעכט" — אבער דער דורכשניטליכער מענש האט זיך אין דער „טיעפער פאליטיק" נישט ארייגעלאזט, ער איז דאס פיליכט נארנישט געווען ביכולת צו בעגרייפען, נאר גענומען גאר טמימות'דיג געטראכט: אפילו די רוסישע יודען, וועלכע די רוסישע רעגירונג אליין טרייבט ארויס פון זייערע אלטע וואוין־ערטער נעהמט אויף נור דאס גאסטפריינדליכע פוילען. די דאזיגע מיינונג איז אויך פערשטארקט געווארען דורכדעם, וואס וועהרענד דער רוסישער אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אנגעפיהרט געווארען דורך די מאכט האבער, דורך דער רעגירונג, האט באלד געבראכט גרוים שאדען די יודען, איז דער פוילישער אנטיסעמיטיזם געווען לכתחילה אונשעדליך, ווייל א חוץ שרייבען גיפטיגע ארטיקלען און זיידען מאכטלאזע שנאה האט ער מעהר נישט געקאנט טהון. דאס האט געשאפען א פאלשען בעגריף וועגען רוסישען און פוילישען אנטיסעמיטיזם: די רוסען — דאס זענען עכטע אנטיסעמיטען, פאגראמשציקעס, פויסט־מענשען, אבער אין פוילען איז פאראן בלויז א קליינע כנופיה אויסוואורפען און פערדארבענע שרייבער, וואס פאר א פרוטה זענען זיי גרייט צו פערקויפען דעם טייוועל די נשמה; אנדערע ווידער האבען בעטראכט דעם פוילישען אנטיסעמיטיזם נישט מעהר ווי אלס המשך פונ'ם שלאכטישען „נטמטיגען אין לייכטען הומאר", לויט וועלכען מ'קאן א יוד אויסזידלען אדער אויסלאכען, אבער דאך נישט טהון איהם קיין שלעכטס. בעהאנדלענדיג אזוי נאאיוו און לייכט די אנטיסעמיטישע בעוועגונג אין פוילען, האבען די אסימילאטארען נישט געוואלט פערשטעהן, אז גראדע אין פוילען האט דער אנטיסעמיטיזם געלאזט טיעפערע ווארצלען, ווייל ער שטאמט נישט פון דער רעגירונג, נאר איז געווארען א געזעלשאפטליכע בעוועגונג, ווייל די ציעלען זיינע זענען נישט קיין קאנמר־רעוואלוציאנערע, נאר ווירטשאפטליכע און נאציאנאלע; דער אנטיסעמיטיזם איז דא געווען נישט אזוי שעדליך, ווייל ער איז געווען אדומעכטיג, אבער ווען ער וועט בעקומען א'אונטערשטיצונג פון וועלכען צד עס איז — מעג עס זיין אפילו פון א פיינדליכען פאר דאס איינענע פאטערלאנד — וועט ער אויסברעכען מיט זיין גאנצער קראפט.

עס קאן זאגאר זיין, אז די אסימילאטארען האבען נישט אזוי פיעל נישט געקאנט, וויפיעל זיי האבען דאס נישט געוואלט פערשטעהן, ווייל פאר די איינצעלנע, פאראנדערם פאר די רייכערע, איז די אסימילאציע שטענדיג געווען מעגליך און אויספיהרבאר. רייכע יודען האבען שטענדיג געפונען זייער פוילישען קרייז און געזעלשאפט, זיי האבען

שטענדיג געקאָנט דורך אַן אונטערשטיצונג ערווערבען פאַר זיך די סימפּאַטיע — כאָטש אַ מעהר צווייפעלהאַפטע — פון דער אָדער יענער ציימונג, פון דעם אָדער יענעם שריפטשטעלער. מעהר האָבען זיי נישט בעדאַרפט: וואָס מעהר זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צו דער פּוילישער געזעלשאַפט, אַלץ גלייכגילטיגער זענען פאַר זיי געוואָרען די יודישע מאַסען. אין געוויסע אומשטענדען קאָן מען פיליייכט געפינען אַ געוויסע בערעכטיגונג פאַר דערהאָזיער גלייכגילטיגקייט: אויף „אייראָפּעאיזירען" די יודישע מאַסען איז געווען צו שוואַך די איניציאַטיווע פון פּריוואַטע פּערזאָנען, דאָ איז נויטיג געווען די טעטיגקייט מצד דער מלוכה, אָבער אין די בעדינגונגען, אין וועלכע פּוילען האָט זיך געפונען, האָט די רעגירונגס־מאַכט נישט נור נישט מיטגעהאָלפען דער פערשפּרייטונג פון בילדונג צווישען יודען, נאָר, פערקעהרט, מיט אַלע מעגליכקייטען דערצו געשטערט, בעזונדערס נאָך צו בילדונג אין פּוילישען גייסט. אויף צוויי וועגען איז מעגליך געווען אונטערצונעהמען אַ ברייטערע בילדונגס־טעטיגקייט צווישען יודען מיט אויסזיכטען אויף ערפאָלג: אָדער בענוצען זיך מיט קאָנספּיראַציע, ווי עס האָבען טיילווייז געטהון די פּאָליאַקען, אָבער די דאַמאַלדיגע אַסימילאַטאָרען האָבען נישט געהאַט די דרייסטקייט דערצו; אָדער אָנהויבען צו געהן אויפ'ן וועג פון אָפּאָרטוניזם און קאָמפּראָמיס מיט דער רעגירונג און גלייכצייטיג אויסנוצען די טראַדיציאָנעלע יודישע אָרגאַניזאַציעס (חדרים, שוהלען, ראַבינאַט), אָבער שוין נישט אין דער ריכטונג פון פּאָלאָניזירונג, נאָר פון בילדונג בכלל. די פּוילישע עסקנים, לויט די פּאַרטייען און ריכטונגען, צו וועלכע זיי האָבען געהערט, האָבען אויסגענוצט ביידע וועגען, די אַסימילאַטאָרען — קיין איינעם נישט. און די אוממעגליכקייט, אונטערצונעהמען אַ ברייטע פּאָלאָניזירונגס־אַקציע, וואָס האָט צום אָנהויב געדיענט אַלס סבה צו פּאַראַליזירען אַ ברייטע טעטיגקייט מצד די אַסימילאַטאָרען, — דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זיי, די אַסימילאַטאָרען, האָבען דערנאָך פערנאַכלעסיגט יעדע טעטיגקייט און די מאַסען זענען פאַר זיי געוואָרען גלייכגילטיג. ס'איז אַזוי־אַרום געשאַפען געוואָרען אַ פערכישוף'טער קרייז: די יודישע מאַסען זענען פינסטער און אונגעבילדעט, ווייל די אינטעליגענץ פערנעהמט זיך נישט מיט זיי, — און די אינטעליגענץ וויל נישט האָבען צו טהון מיט די יודישע מאַסען, ווייל זיי זענען פינסטער.

איבריגענס — וואָס עס איז פיליייכט אַמוויכטיגסטען — איז אַן'ענערגישע, ריהרעוודיגע טעטיגקייט געגען דעם עצם מהות פון דער אַסימילאַציע. איינער, וואָס אַנטלויפט פון אַ געוויסען לאַגער און געהט איבער צו אַ צווייטען, וויל זיך ווי אַמשנעלסטען בעפרייען פון אַלע צייכענס און אַרגומענטען פון זיינע פריהערדיגע חברים און דערנעהנטערן זיך צו די נייע. די אַסימילאַציע פערלאַנגט דעריבער די אַטאָמיזירונג, צערשפּליטערונג פון יודען, וועהרענד די בילדונגס־פערשפּרייטונג פערלאַנגט זייער אָרגאַניזירונג. אין מערב־אייראָפּאַ, צוליעב דער קליינער צאָהל פון די יודען, איז די אַסימילאַציע (און דערביי דורכאויס נישט קיין פאָלשטענדיגע) פאָרגעקומען אויטאָמאַטיש, בעזונדערס נאָך אַדאַנק דער אונטערשטיצונג מצד דער רעגירונג. אין פּוילען, ביי די איבען־געשילדערטע פערהעלטנישען, איז די פּאָלאָניזירונג פון אַ גרעסערען טייל יודען געווען אַן'אויסנאַהמספיהרליכע זאַך, זי איז געוואָרען מעגליך בלויז אַלס פּריווילעגיע פאַר

איינצעלנע, און מיט פריווילעגיעס, ווי בעקאנט, האט מען קיין חשק נישט צו טיילען זיך. די פוילישע פובליציסטען, וועלכע זענען געווען פרינציפיעל נישט אנטיסעמיטיש געשטימט, האבען פערשטאנען, א טייל פון זיי האט בכלל געצווייפעלט אין דער מעגליכקייט פון דער אסימילאציע, און אנדערע האבען געמאכט די אסימילאטארען פארוואורפען, פארוואס זיי פערנעהמען זיך בלויז מיט זעלבסט-אסימילאציע, נישט אונטערנעהמענדיג קיינע שריט צו פאלאניזירען די ברייטע יודישע מאסען, וואס אהן זיי איז די אסימילאציע נישט בלויז אנ'אונוצליכע, נאר אויך א שעדליכע ערשיינונג פאר די פאליאקען, ווייל זי פערטונקעלט די בעגריפען און לאזט זיי נישט אנצונעהמען א פעסטע שטעלונג אין דער יודען-פראגע.

ג.

וועגען די ארטאדאקסען איז נישטא פיעל מאריך צו זיין. זיי האבען זיך געהאלטען ביי זייערע אלטע טראדיציעס און נישט ארויסגעוויזען קיין נייגונג צו וועלכע-עס-איז רעפארמען. אבער איין מעלה האבען זיי דאך געהאט: געבענדיג די קינדער א וועלכע-עס-איז יודיש-רעליגיעזע בילדונג, האבען זיי ממילא געבראכט דערצו, אז צווישען גאנצען יודענטום אין פוילען זענען כמעט קיין אנ'אלפאבעטען נישט געווען. נאטירליך, וואלט דאס, ביי א גוטען ווילען און קאנען אויסנוצען די לאגע, פיעל פערלייכטערט די פערשפרייטונג פון בילדונג צווישען יודען אין אלגעמיין. אויף די יודישע מאסען האט אין דער צייט געהאט כמעט א גלייכע השפעה דער חסידיזם און מתנגדיזם, וואס האבען זיך דעמאלט שוין נישט אזוי בעקעמפט און זענען ארויסגעטראטען אין פראקטישען לעבען מ'רוב אלס א פעראייניגטע ארטאדאקסיע. א חוץ דעם האט דאס לערנען אין חדר און בית-מדרש, דאס שטודירען תנ"ך, תלמוד און פוסקים געשארפט דעם שכל פון דער יודישער יוגענד און, כאטש נישט געגעבען איהר קיין בילדונג אין מאדערנעם זין, דאך געמאכט פעהיג אויפצונעהמען קולטור-ווערטען ואנאר אין דער העכסטער מדרגה. אמת, דער אבערגלויבען איז געווען שטארק צווישען יודען, די חדרים זענען אין פעדאגאגישער הינזיכט געשטאנען אויף א נידריגער מדרגה, דער מוח פון קינד איז שטארק בעלאסטעט געווארען, אבער אלענפאלס איז דער „יודישער אבסקוראנטיזם" נישט געווען ענהליך צו יענער גרענצלאזער פינסטערניש פון פויער, נאר א קאנסערוואטיווע קולטור, מילייכט א פאנאטישע, אבער דאך א קולטור. אין א געוויסער ארט איז זי ענהליך געווען צו יענער קולטור, וואס איז פערשפרייט געווארען דורך די אמאליגע גייסטליכקייטס-שולען, פון וועלכע עס האט זיך, ווי בעקאנט, איבעראל ענטוויקעלט די וועלטליכע שול. אדאנק דעם, האבען די איינצעלנע פערזאנען, וועלכע האבען זיך דערנאך ארויסגעריסען פון חדר אדער ישיבה, באלד דערגרייכט א הויכע מדרגה אין דער אייראפעאישער קולטור. דאס האבען נישט פערשטאנען די פוילישע אסימילאטארען, און נישט נור וואס זיי האבען אליין נישט אויסגענוצט די טראדיציאנעלע יודישע אינסטיטוציעס צו פערשפרייטען דורך זייער הילף געלאסען און פארזיכטיג, אבער דאך סיסטעמאטיש און קאנסעקווענט מאדערנע ביל-

רונג, נאר זיי האבען נאך פערשטארקט די פאליאקען אין זייער פאלשע מיינונג, אז אין די יודישע מאסען אריין קאן מען טראגען בילדונג נאר דורך פערשפרייטען צווישען זיי פוילישע קולטור. מיט וואס פאר א פאנאטישער עקשנות די פוילישע אסימילאטארען האבען פערהאסט און פערפאלגט די יודישע שפראך, וואס וואלט געווען דאס בעסטע מיטעל צו פערשפרייטען בילדונג צווישען יודען! נאכטהועדיג די דייטשע אסימילאטארען אין זייער פעראכטונג צום „זשארגאן", האבען זיי פערזעהן, אז פון זשארגאן פון די דייטשע יודען ביז דער דייטשער שפראך איז געווען איין שריט און די דייטשע יודען איז דעריבער לייכט געווען איבערצוגעהן צו דער דייטשער שפראך (שוין נישט רעדענדיג פון אנדערע מאטיוען, ווי די שטיצע פון דער מלוכה א. א. וו.), אין דער צייט, וואס אין פוילען האט דאס פערפאלגען די יודישע שפראך דורכאויס נישט פערלייכטערט די יודישע מאסען איבערצוגעהן צו אנ׳אנדער שפראך.

ביי די רוסישע אסימילאטארישע יודען האט דאס פאראורטייל נעגען דער יודישער שפראך, וואס איז איבעריגענס נישט געווען אלגעמיין, געדויערט גאנץ קורץ, און איז שנעל פערשוואונדען געווארען צוזאמען מיט דער אידעע פון אסימילאציע.

ד.

צוליעב דעם אלעמען האבען אין דער געשיכטע פון דער בילדונגס-פערשפרייטונג צווישען די יודישע מאסען אין פוילען געשפיעלט א גרויסע ראליע די יודען, וואס זענען געקומען פון רוסלאנד, אדער, ריכטיגער געזאגט, פון „תחום". עס וואלט אבער געווען איבערגעטריבען צוצושרייבען דעם גאנצען פערדינסט אין דער הינזיכט די ליטוואקעס אליין: צוזאמען מיט זיי זענען אלץ אפטער און מעהר ארויסגעטראטען אויף דער סצענע די פויליש-יודישע אינטעליגענטען, יענע געמליך, וועלכע זענען געבליבען אין שטענדיגער בערירונג מיט די יודישע מאסען. די אלע פערשפרייטער פון בילדונג צווישען יודען האט מען געוועהנליך אנגערופען „ליטוואקעס" בלויז דעריבער, וואס זיי זענען געגאנגען אין דער ריכטונג פון די רוסיש-יודישע „משכילים", ווי, איבעריגענס, אויך אין דער ריכטונג פון די עסטרייכיש-גאליצישע, און דידאזיגע ריכטונג, צום אנהויב בלויז א יודיש-שפראכליכע, איז מיט דער צייט פערוואנדעלט געווארען אין א יודיש-נאציאנאלע. מיר וועלען זיי ווייטער, צוליעב קורצקייט וועגען, אנרופען — נאציאנאליסטען.

די ליטוואקעס, ווי מיר האבען שוין אויבען דערמאהנט, האבען אנגעהויבען צו קומען קיין פוילען נאך אין ניקאלאי׳ס צייטען, זייער איינוואנדערונג איז פערשטארקט געווארען נאך וועלאפאלסקי׳ס עמאנציפאציע-אקט און נאכ׳ן מבטל מאכען דעם „טאגצעטעל" (צוליעב וואס די יודישע מאסע האט אנגערופען די ליטוואקעס „וועלאפאלסקי׳ס אייניקלעך"), אבער דידאזיגע איינוואנדערונג האט אנגענומען א מאסען-כאראקטער ערשט נאך די רוסישע אויסנאהמס-געזעצען פון 3-טען מאי 1882, וועלכע האבען געטראגען דעם נאמען פון „צייטווייליגע", טעארעטיש נישט ערלויבט צו בעזעצען זיך אין די דערפער בלויז נור יודען, פון ערשט אן און ווייטער, אבער אין דער

פראקטיק האבען זיי ארויסגעטריבען פון די דערפער אפילו יענע יודען, וועלכע האבען דארט שוין פון לאנג געוואוינט, און, טראץ זייער „ציטוויליטעט", זענען זיי פערבליבען אין זייער קראפט ביז גאר דער לעצטער צייט. די לאגע פון די יודישע נאציאנאליסטען איז נישט געווען קיין איבעריג אנגענעהמע. אלס „ליטוואקעס", וואס מאכען קאנקורענץ די פוילישע יודען, אלס א „פרעמדער" עלעמענט און „מאסקאלעס" האט זיי קיינער נישט ליעב געהאט, נישט די פאליאקען און נישט די יודען אין פוילען, און די חסידים האבען זיך נאך בענוגענט מיט א בעזונדערע אנטיפאטיע צו זיי אויך דערפאר, וואס זיי, די „אפיקורסים", רייסען זיך אריין אומגעבעטען צווישען די פרומע פוילישע יודען און פערשפרייטען דא „אפיקורסישע" אידעען, אונטערגראבענדיג, לויט זייער מיינונג, די יסודות פון אונזער הייליגען גלויבען.

אונטער דעם צייכען פון דיזאזיגע מיינונגס-פערשידענהייטען און רייבונגען האבען זיך ענטוויקעלט די אינערליכע בעציהונגען צווישען די יודען, וועלכע זענען געווען פונאנדערגעטיילט אין דריי מחנות, וואס יעדע פון זיי האט דאס פערמאטערטע און פערפייניגטע יודיש פאלק געצויגען אין אן אנדערע זייט.

ס'איז געשאפען געווארען א לאגע, וועלכע האט דערמאהנט אן דער בעקאנטער פאבולע וועגען שוואן, העכט און קרעבס: די עקסטע און פערלעגנסטע ארטאדאקסיע האט געצויגען דאס יודענטום אויף צוריק, דער אסימילאציע-העכט האט עס געצויגען צום וואסער — — — פון קאשציאל און נור דער נאציאנאלער שוואן האט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און געטרוימט וועגען א בעסערער צוקונפט.

ה.

די אסימילאציע, נישט-האבענדיג קיין אונטערשטיצונג מצד דער עכט-פוילישער געזעלשאפט, וואס נור דאס אליין אייגענטליך האט איהר געקאנט פערזיכערן א וועלכען-ס'איז ערפאלג, איז פערארטיילט געווארען צו אהנמעכטיגקייט, ווען נאך די דרייזיג-יאהריגען פון אויפשטאנד און נאך א פאר יאהר שפעטער האט די פוילישע געזעלשאפט נישט נור נישט מיטגעהאלפען דער אסימילאציע, נאר נאך אין איהר גרעסערער מעהרהייט אנגעהויבען צו פיהרען א אליין בולט'ערע אנטיסעמיטישע פאליטיק. דאס אליין האט פונדעסטוועגען נישט אפגעהאלטען איינצעלנע פערזאנען, בעזונדערס ווארשאווער, פרובען זייער גליק אין דער אידעע, וואס איז אליין נעהנטער געגאנגען צום באנקראט. די פראבע איז געווען לייכטער צו מאכען צוליעב דעם, וואס אדאנק פערשידענע צופאלען האט זיך די רייכע אידעאלאגען פון דער אסימילאציע איינגעגעבען צו פערכאפען אין זייערע הענד די מאכט אין די גמינעס, בעזונדערס אין דער ווארשאווער.

לכתחילה איז עס אזוי געשעהן דערפאר, וואס, ווי מיר האבען שוין אויבען בעמערקט, די חסידים און אסימילאטארען — דיזאזיגע ביידע געגענזעצליכע ריכטונגען — האט אין דער ווירקליכקייט פעראייניגט איין געמיינזאמע שטרעבונג: אויסצומיידען גרינדליכע רעפארמען, וואס ריהרען אן די עקזיסטענץ-בעדינגונגען פון יודישען פאלק;

די ערשטע האָבען בכלל נישט געוואוסט פון קיינע רפאָרמען, און די צווייטע איז געגאַנגען נור אין אויסערליכען גלאַנץ, פאַר „לייטענס וועגען". בעקוממענדיג, אדאנק זייערע איינפלוסען פון דרויסען, די מאַכט אין די גמינעס, האָבען די אַסימילאַטאָרען דורכגעפיהרט אַ מין „מלוכה־איבערקעהרעניש", וואָס האָט לכתחילה ווירקליך געקאָנט בעטראַכט ווערען אַלס נצחון פון „פּראָגרעס", אָבער אין גרונד גענומען איז עס געווען דער היפך פון פּראָגרעס און דעמאָקראַטיזם, און ענדליך האָט עס זעהר שלעכט געווירקט אויף די אינטערעסען פון די ברייטע יודישע מאַסען.

דורך דאָס אַלט־אויסגעפּרובירטע מיטעל פון זיכען פּראָטעקציע ביי דער רעגירונג, האָט זיך די אַסימילאַטאָרען איינגעגעבען אַרויסצובעקומען אַ פּעראָרדנונג פון נאַמיעסטניק פון 6/18־טען מערץ 1871 וועגען אַ נייער וואהל־אָרדינאַציע פון די ראָזאָרעס צו דער יודישער געמיינדע־פערוואַלטונג אין וואַרשא. ביז איצט האָט דאָס וואהל־רעכט געהערט צו די שוהלען און סינאַגאָגען, וועלכע האָבען פון יעדע הונדערט מתפללים פון איינער אָדער עטליכע שוהלען אויסגעוועהלט דריי וואהל־מענער, און זיי ערשט האָבען מיט אַ מעהרהייט שטימען אויסגעוועהלט פון צווישען זיך אַ דרייפאַכע צאָהל קאַנדידאַטען, פון וועלכע די מאַכט האָט נאָמינירט 7 גמינע־מיטגליעדער און אַזוי פיעל פערטרעטער זייערע. דאָס איז, ווי מיר זעהען, נישט געווען קיין איבעריג דעמאָקראַטישעס וואהל־סיסטעם, אָבער מינדעסטוועגען דאָך נישט פון די ערגסטע פאַר יענע צייטען. דידאָזיגע וואהל־אָרדינאַציע איז אָבער נישט געווען ניצליך פאַר די אַסימילאַטאָרען, און דעריבער האָבען זיי אויסגעווירקט ביי דער מאַכט אַ פיעל ערגערע. אַנשטאָט צו ווירקען ביסלעכווייז אויף די יודישע מאַסען און פערשפּרייטען צווישען זיי בילדונג, האָבען די אַסימילאַטאָרען איינפאַך בעזייטיגט זיי פון יעדער השפעה. ביז איצט, ווי מיר האָבען געזאָגט, זענען די ראָזאָרעס אויסגעוועהלט געוואָרען דורך די שוהלען און ווייל — אַ חוץ דעם קליינעם הייפעל פּראָגרעסיסטען פון די צוויי סינאַגאָגעס אויף דאַנילאָוויטשעווסקע און אויף נאַלעווקיס, וואָס האָבען זיך דערנאָך פעראייניגט אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע — האָט די גאַנצע וואַרשאָווער יודישע קהלה, חסידים ווי מתנגדים, אַלס אָרטאָדאָקסיש געשטימט, געדאַוועט אין שוהלען, איז דער אויסגאַנג פון די וואַהלען געווען אינגאַנצען אָבהענגיג פון די אָרטאָדאָקסען. פון 1871 איז די וואהל־אָרדינאַציע אַזוי געענדערט געוואָרען, אַז נישט די שוהלען, נאָר יעדער עטאַט־צאָהלער, וואָס צאָהלט אָבער נישט ווייניגער פון... 15 רובל יעהרליך, האָט וואַהלרעכט. „דאָסדאָזיגע נייע וואהל־סיסטעם — שרייבט גאַנץ אָפען ה' נוססבוים — האָט פערקלענערט די צאָהל וועהלער, בעזייטיגענדיג פון זיי אַ בעדייטענדען טייל אָרימעלייט און קאָנסערוואַטיווען און איבערגעבענדיג דעם אויסגאַנג פון די וואַהלען אין די הענד פון פערמעגליכע לייט, וועלכע געהערען טאַקי מעהרסטענטיילס צו דעם אָרטאָדאָקסישען קלאַס, אָבער צוליעב זייערע האַנדעלס־בעציהונגען קומען זיי אָפטער אין בעריהרונג מיט די פּראָגרעסיסטען און זיי קאָנען דעריבער בעסער אָבשאַצען די נוצען פאַר דער גמינע, ווען מ'וועט צולאָזען צו פערוואַלטען מיט אידרע אינטערעסען געבילדעטע לייט. און פון יענער צייט אָן בעשטעהט די פערוואַלטונג פון דער גמינע פון אַ מעהרהייט „פּראָגרעסיווע עלעמענטען". קלאָרער גערעדט הייסט עס, אַז די מאַכט

אין גמינע האָט פֿערנומען אין זייערע הענד אַ קליין הייפֿעל גבירים, אָרטאָדאָקסען און פּראָגרעסיסטען, בעדריבענדיג דאָס וואָהלרעכט ביי דער גרויסער מעהרהייט פֿון דער ווארשאָווער יודישער בעפֿעלקערונג. און כדי נאָכמעהר אונטערצודריקען די אָרימע בעפֿעלקערונג, איז איינגעפֿיהרט געוואָרען אַ צוואַנגס־עטאַט, וואָס איז אַרויפֿגעלעגט געוואָרען אויף דער יודישער בעפֿעלקערונג „לויט דער פֿערמעגליכקייט", און דערביי אָבער האָט מען זיך נישט בעמיהט אָבצושאַצען אָביעקטיוו יעגעמס פֿערמעגען, נאָר די מיטגלידער פֿון דער גמינע האָבען אַרויפֿגעלעגט עטאַט, ווי זיי אַליין האָט זיך געוואָלט. אין דעם נייעם גמינע־סטאַטוט האָט זיך אפילו געפֿונען אַ בעמערקונג, אַז די „אונפֿערמעגליכע און אָרימע" דאַרפֿען בעפֿרייט ווערען פֿון אָבצאָהל, אָבער דאָס איז פֿערבליבען נאָר אַ טויטער בוכשטאַב, און די יודישע בעפֿעלקערונג איז איבערגעגעבען געוואָרען אויף'ן גנאָד און אונגנאָד פֿון דער אַזוי־גערופֿענער „אָבשאַצונגס־קאָמיסיע". די זעלבסטהערשאַפֿט פֿון דער גמינע, וועלכע האָט זיך געפֿונען אין די הענד פֿון די פֿינאַנץ־פֿאַרשטעהער, איז קורצליך אויסגענוצט געוואָרען אַלס פּאָליטישער אינסטרומענט. פֿון דעם מאָמענט אָן, וואָס אויף'ן האָריזאָנט פֿון פּוילען האָבען זיך בעוויזען נייע דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע עלעמענטען, איז דער „פּראָגרעס" פֿון די אַסימילאַטאָרען געוואָרען אַ לאָזונג אָהן קיין אינהאַלט. די אַסימילאַטאָרען האָבען זיך אַליץ מעהר און ענגער פֿערבונדען מיט די חסידים און קאָנסערוואַטיווען, ווייל אויסער די געמיינזאַמע שנאה צו די דעמאָקראַטיש־נאַציאָנאַלע יודישע עלעמענטען, האָט זיי פֿעראייניגט אויך די געמיינזאַמע קלאַסען־אינטערעסען, דער קלאַסען־עגאָאיזם. די אַסימילאַטאָריש־חסידישע אָליגאַרכיע האָט זיך בעציגען צו דער יודישער בעפֿעלקערונג נישט פֿיעל בעסער ווי דער אַמאָליגער „קהל" אין דער צייט פֿון זיין ערגסטער ירידה. אַגב בעמערקט, האָט די נייע גמינע־איינריכטונג גאַנץ בולט אונטערגעגראָבען וועליאָפּאָלסקי'ס עמאַנציפּאַציאָנס־אַקט: ווייל וואָס אייגענטליך איז דאָס געוועזען פֿאַר אַ גלייכבערעכטיגונג, ווען די יודען, אויסער די אַלגעמיינע אָבצאָהלען, זענען בעלאַסטעט געוואָרען נאָך מיט בעזונדערע אָבצאָהלען פֿאַר דער גמינע, כדי צו בעפֿרידיגען די אַלגעמיין־בירגערליכע בעדערפֿנישען, ווי רעליגיעזע, שול־וועזען, קראַנקע א. ז. וו., דיזעלבע אויסגאַבען, וואָס די נישט־יודען האָבען בעקומען דערויף געלד פֿון די אַלגעמיינע פֿאָנדען. און צו דעם אַלעמען האָבען די פֿיהרער פֿון דער גמינע, פֿערבונדען דורך פּערזענליכע אָדער כלומר'שט „פּאַטריאָטישע" אינטערעסען מיט די הערשענדע פּוילישע קרייזען, האָבען נישט פֿערטיידיגט ווי געהעריג די יודישע אינטערעסען אפילו דאָרט, וואו מ'האָט שוין יאָ עפּעס געקאָנט אויפֿטאָן, מיט'ן צוועק צו פֿערלייכטערן אויף וויפֿיעל עס איז די לאַסט פֿון די אָרימע יודישע קלאַסען אָדער צו פֿערזיכערן זיי חאָטש דעם מינימום פֿון די עלעמענטאַרע בירגערליכע רעכט. נישט איינמאָל איז פֿאָרגעקומען, אַז טראָץ די דאָפּעלטע אָבצאָהלען פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג, אין מאַגיסטראַט און גמינע, זענען גראָדע די יודישע גאַסען נישט געוועזען ברוקירט, גראָדע די יודען זענען נישט אויפֿגענומען געוואָרען אין די אַלגעמיינע שפּיטאָלען, אַנשטאָט דעם האָט מען די פּאָליאַקען געשיקט אין יודישען שפּיטאָל, אויף וועלכען, אַגב בעמערקט, יודען האָבען געגעבען בעזונדערע נדבות, אָדער, ריכטיגער

בעמערקט, געצאָהלט אַ דריטען אָבצאָהל; אַ יודישער דאָקטאָר האָט כמעט נישט בע־קומען קיין אַרבייט אין אַ נישט־יודישען שפּיטאָל (אויב ס'האָט זיך נאָר נישט דער־באַרעמט אויף איהם אַ פּראָפעסאָר (ס'רוב נישט קיין פּאָליאַק), אַנשטאָט דעם האָט מען, געוויס צוליעב אַסימיליאַציע־צוועקען, אין פּריוואַטען יודישען שפּיטאָל, כמעט די פעראַנטוואָרטליכסטע און וויכטיגסטע שטעלעס אָפטמאָל איבערגעגעבען די פּאָליאַ־קען. ביישפּיעלען זענען איבעריג, ווייל דאָס איז געווען כמעט אַ אַלטעגליכע ערשיינונג.

ו.

די פּויליש־יודישע בעציהונגען האָבען זיך בעדייטענד און מיטאָמאָל פערשאַרפט נאָכ'ן פּאָגראָם פון 1881. שוין דער פאַקט אַליין, אַז און פאַר זיך, איז ערשיטערנד געווען: אין דער לאַנדס־רעזידענץ, וועלכע איז פול מיט אינטעליגענץ, האָט מען געקאָנט אונבעשטראָפט אין פערלויף פון צוויי מעת־לעת שלאָגען יודען, ראַבירען זיי און פער־ניכטען זייער פערמעגען, און פון פרייהייטס־ליעבענדען און ריטערליכען פּוילישען פאָלק, וואָס האָט געמאַכט אויפשטאַנדען און איז געגאַנגען אויפ'ן זיכערען טויט מיט קאָסעס געגען האַרמאַטען, האָט זיך נישט געפונען קיין גרופּע מענשען, וועלכע זאָלען געהן פערטיידיגען די יודען, דיזעלבע יודען, וואָס האָבען נישט איינמאָל זייער בלוט פערגאָסען פאַר דאָס פּוילישע לאַנד און די פּוילישע אינטערעסען. אמת, מ'דערצעהלט, אַז די פּאָליציי אַליין האָט געפיהרט אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע, אָבער אָהן דער פריהערדיגער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע צווישען דער פּוילישער געזעלשאַפט וואָלט די פּאָגראָם־אַגיטאַציע פון דער פּאָליציי נישט געהאַט קיין ערפאָלג. אַמשענדליכסטען איז געווען די בעציהונג פון דער פּוילישער פּרעסע אָהן אונטערשיעד פון ריכטונגען; עס זענען נאָך נישט פערהיילט געוואָרען די וואונדען, וועלכע די יודען האָבען בעקומען פון די פּאָגראָמשטשיקעס, מ'האָט נאָך נישט אויסגערוימט פון די גאַסען די פעדערן פון די צוריסענע קישענס און פּערענעס, ווי די ווארשאַווער פּאָליטיקער האָבען אין דער פּרעסע אָנגעהויבען צו זאָגען יודען מוסר פאַר זייער „עקספּלואַטאַציע", „סעפּאַראַ־טיזם", ווי די יודישע עקספּלואַטאַציע זאָל האָבען אַרויסגערופען אַ נקמה־געפיהל פון די פּאָגראָמשציקעס אָדער די יודישע לאַנגע קאַפּאָטע זאָל האָבען פערלעצט דאָס עסטעטישע געפיהל פון פּוילישען גאַסען־יונג.

ז.

דאָס האָט נישט געקאָנט פאָראיבערגעהן אָהן השפּעה אויף דער נאַציאָנאַל־געשטימטער יודישער אינטעליגענץ, בעזונדערס אויף דער שטודירענדער יוגענד. דעם ווערהטאָג און שמערץ האָט אויך דערפיהלט דער דורכשניטליכער פּוילישער יוד, דער אַזוי פעראַכטעטער „פינסטערער קאַפּאָטשיאַרזש". געפיהלט האָבען דאָס נישט בלויז די אַסימיליאַטאָרען, וועלכע, האָבענדיג די דרייסטקייט צו געבען אין דעם „איזראַ־

עליטא" א גאנץ שארפען ענטפער דער פוילישער פרעסע, האבען באלד געפרובט נישט נאר די גאנצע זאך צו דערשטיקען, נאר האבען אנגעהויבען נאכמעהר ווי פריהער צו'חנפ'נען און צוקריכען צו די פאליאקען.

צווישען דער יודישער שטודירענדער יוגענד האט זיך אנגעהויבען א בעוועגונג, צווישען זיי איז שוין געווען פיעל „ליטוואקעס", וועלכע, בעאבאכטענדיג דעם גאנג פון די פאגראמען אין רוסלאנד, זענען געקומען צום בעשלוס, אז דא דארפען אנגענומען ווערען דיזעלבע רעטונגס=מיטעל, ווי דארט, ד. ה. מען דארף פערשפרייטען דעם געדאנק, אז די כלומר'שטע „אחדות", די אסימילאציע, איז א זייפען=בלאז, און אנשטאט דעם דארף מען צוריק אנקניפען דעם איבערגעריסענעם פאדעם מיט'ן איינענעם פאלק, קרעפטיגען און אויפמונטערן די בע'עול'טע דורך מעשים, דורך אפפער, אדער האטש מיט א גוט ווארט און אנ'עצה, און נישט בעזיצענדיג פארלויפיג קיין אנדער מיטעל, מעגליך מאכען און פערלייכטערן די וואיניגסטע אויסצעוואנדערן און פעראבשיידען זיך מיט זייערע נישט=נאסטפריינדליכע שכנים. און אזוי האבען טאקי געטהון איינינע נאציאנאל=געשטימטע יודען. און אדאנק דעם, וואס די רוסישע רעגירונג האט נאך די פאגראמען אונטערגעשטיצט די יודישע עמיגראציע, האט א גרופע סטודענטען און אנדערע יודישע יונגע לייט איינגעארדענט אין ווארשא אויף פאווא=נאס אנ'עמיגראציע=ביורא. דאס ביורא איז אפילו געווען נישט לעגאל, אבער פונדעסט=וועגען האט זי געפיהרט איהר טעטיגקייט גאנץ אפען, און די פאליציי אליין האט אנגעוויזען די אויסווייזענדע יודען, וועלכע זענען זיך געקומען פרעגען דעם אדרעס פון דער „יודישער קאנצעלאריע". און מ'דארף בעמערקען, אז דיזאזיגע ביורא האט נישט ארויסגערופען קיין עמיגראציע, נאר, פערקעהרט, זי האט זיך בעמיהט אריינצוברענגען ארדנונג און צו רעגולירען די סטיכיש=וואקסענדע אויסוואנדערונגס=בעוועגונג, ווייל באלד נאכ'ן פאגראם האבען זיך גרויסע טיילען פון דער יודישער בעפעלקערונג געריסען מאסענווייז אויסצוואנדערן פון לאנד. נאטירליך, האבען די יונגע לייט ארויסגעוויזען מעהר ענטוזיאזם און גוטען ווילען, ווי רעאלע, נוצליכע ארבייט, ווארום וואס האבען זיי געקאנט אויפטהון אהן געלד=מיטעל און אהן געזיכערטע ערטער פאר די אויס=וואנדערער אין אימיגראציאנס=לאנד. אבער ווי עס זאל נישט זיין, האבען דאך די יונגע עסקנים געדאט אלץ מעהר ערפאהרונג און קענטניש פון דער לאגע, ווי אונווי=סענדע און אנגעשראקענע אויסוואנדערונגס=קאנדידאטען, און ביי דער טרויעריגער לאגע, אין וועלכער די לעצטע האבען זיך געפונען, האט אויך א גוט=בעדאכט ווארט פון א יודישען אינטעליגענט געדאט א געוויסע בעדייטונג; קיין שעדליכעס האבען די פיהרער פון דער ביורא אלענפאלס נישט געטהון, ווייל זיי האבען פארלויפיג נאר פערשריבען קאנדידאטען און פערצייכענט פרטים וועגען זייערע פעהיגקייטען און בעשעפטיגונג, גלויבענדיג, אז נאכ'ן פעסטשטעלען א גענויע סטאטיסטיק וועט מען עפיס קאנען אונטערנעהמען. די „אימיגראציאן עליטא" איז אבער באלד בעפאלען דיזאזיגע יונגע יודישע ענטוזיאסטישע טהוער אויפ'ן ברוטאלסטען אופן. זי האט זיי פארגע=שטעלט אלס עמיגראציאנס=אגענטען, שווינדלער און געלד=אויסנארער, וואס רייסען ארויס פון ארימע יודען צו 50 רובל איינשרייב=געלד און נעהמט=צו דאס געלד פאר

זיך, פון וואָס דער אַסימילאַטאָרישער אָרגאַן האָט געוואָרנט די יידישע געזעלשאַפט־ליכע מיינונג. דאָס איז געווען אַן אָפענער שקר אָדער אַ פערברעכערישע לייכט־זיניגקייט, וואָס די „איזראַעליטאַ" אַליין האָט געמוזט אין זיין נעכסטען נומער אָבלייקענען.

גלייכצייטיג איז די „איזראַעליטאַ" אַרויסגעטראָטען פּרינציפּיעל געגען דער יידישער עמיגראַציע אַלס אַ נישט־פּאַטריאָטישע זאַך. פון שטאַנדפּונקט פון דער אַסימילאַציע האָט ער געוויס געהאַט רעכט, אָבער רעדען בלויז אין נאָמען פון פּרינציפּען אין דער צייט, ווען די טויזענדער צוראַבירטע יידען האָבען מיט זיך בעוויזען דעם פילשטענדיגען חורבן פון דערהאַיגער אידעע, איז געווען איינפאַך קאָמיש און פילייכט אויך פערברעכעריש; עס איז דאָך געווען נאַאיוו צו גלויבען, אַז דער טרויעריגער צושטאַנד קאָן רעגולירט ווערען דורכ'ן פונאַנדערטיילען צווישען די געליטענע שנעלע הילף אפילו מיט די בעדייטענדע נדבות, וואָס זענען ערהאַלטען געוואָרען, בעזונדערס נאָך, ווען מ'נעהמט אין בעטראַכט, אַז נאָכן פּאָגראָם אין וואַרשא האָט די פּאָגראָם־שטימונג געהערשט אין גאַנץ פוילען און פון אומעטום זענען אָנגעקומען בעאונרוהיגענדע ידיעות.

בעת'ן קאַמף פאַר און געגען עמיגראַציע איז פּאַסירט (פאָרגעקומען) אַ געוויסער אינצידענט. דער אָנפירער פון די אַנטיסעמיטען יאַן יעלענסקי האָט אַריינגעשיקט אין רעדאַקציע פון „איזראַעליטאַ" 1 רובל מיט דער ביטע אָנצונעהמען עס אַלס נדבה לטובת דער יידישער עמיגראַציע, וועלכע ער בעטראַכט אַלס די איינציגע רעטונג פאַר'ן פאַטערלאַנד. די „איזראַעליטאַ" האָט זיך אָבגעזאָגט אָנצונעהמען די נדבה, ערקלערענדיג, אַז זי איז אַ געגנער פון עמיגראַציע. יעלענסקי איז דאַן געווען געצוואונגען אָבצונעהמען דעם רובל און מודה־זיין, אַז ער האָט דאָס געטהון נאָר צוליעב אַ דעמאָנסטראַציאָנס־צוועק.

ערשט אין אַ געוויסער צייט אַרום איז די „איזראַעליטאַ" געגאַנגען אויף געוויסע פּשרות אין דער עמיגראַציע־פראַגע און איינגעשטימט אויף דער אויסוואַנדערונג פון אַזעלכע יידען, וועלכע קאָנען דאָ בשום אופן נישט געפינען פאַר זיך קיין בעשעפטיגונג, און דעריבער האָט דער אַסימילאַטאָרישער אָרגאַן אויסגענומען אַ תנאי מיט די יידישע אויסוואַנדערער, אַז אפילו אין אימיגראַציאָנס־לאַנד זאָלען זיי זיך פיהלען אַלס פּאָליאַקען. די אַסימילאַציע איז דערמיט ווירקליך געבראַכט געוואָרען ביז אַן אַבסורד: די געגנער פון יידישען נאַציאָנאַליזם האָבען געפאָדערט פון יידען אַ פּוילישען נאַציאָנאַליזם אין אַמעריקאַ און זאָגאַר אין פּאַלעסטינאַ!

ח.

נישט קוקענדיג אויף הידאָזיגע שטרויס־פּאָליטיק, האָט די עמיגראַציע נישט בלויז זיך געשטאַרקט, נאָר איז אויך געוואָרען אַ געגענשטאַנד פון אַ לעבהאַפטער דיסקוסיע אין דער געזעלשאַפט, בפרט צווישען דער יוגענד. אַ טייל איז געווען, אונטער'ן איינפלוס פון דער פּאַלעסטינאָפילישער אידעע, פאַר אַן עמיגראַציע קיין

פּאַלעסטינא, אַנדערע האָבען געהאַלטען פאַר פּראַקטישער אָבצווענדען דעם עמי־גראַציע־שטראָם קיין אַמעריקא. וועגען איינער פון אַזעלכע סטודענטען־קאָנפערענצען דערצעהלט די „איזראַעליטא", בעמיהענדיג זיך פאַרצושטעלען די זאַך אַזוי, אַז ווי נור ס'איז בערירט געוואָרען די אידעע וועגען דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די יודען מצד „גישט־היגע יודען", האָבען די פּוילישע יודען פערלאָזט די פערזאַמלונג, האַלטענדיג, אַז בלויז דאָס אָנטיילנעהמען אין אַזאַ פערזאַמלונג הייסט שוין האַנדלען געגען דער בירגערליכער לאָיאַליטעט. פונדעסטוועגען בעווייזט זיך אינ'ם ווייטערדיגען נומער אַ בעריכטיגונג, וועלכע שטעלט פעסט, אַז, אמת, עטליכע אַסימילאַטאָרען האָבען פּראָטעסטירט, די דיסקוסיע האָט אָבער געדויערט עטליכע שעה ביים אָנטייל פון אַלע פערזאַמעלטע.

דער עמיגראַציע־פּאַטאָס האָט פערכאַפּט אויך די ספערע פון די רייכע אָרטאָדאָקסען. אין דערזאָגער קלאַס הויבען זיך אָן צו בילדען „קריזלעך" מיט'ן צוועק צו פאָרען קיין פּאַלעסטינא, און דאָס נישט אויף אַ צייטווייליגע, טראַדיציאָנעלע לוסט־רייזע, נאָר בכדי צו בעזעצען זיך אויף שטענדיג. דערביי האָט איינער פון די בעזונדערס רייכע קאָנסערוואַטיווע סוחרים געזאָלט האָבען אויספערקויפט זאָגאַר זיין גאַנץ פערמעגענס, און אַ געוויסער רב פון דער פּראָווינץ איז געקומען ספּעציעל קיין וואַרשא, כדי צו פּראָפּאַגאַנדירען דיזאָזיגע אידעע.

אויך די „איזראַעליטא" האָט געמוזט בעשמיצען איהר בירגערליך מויל מיט דערזאָזיגער פראַגע. אין אַ לאַנגען אַרטיקעל אין צוויי נומערן אויפ'ן טעמאַ: „קיין פּאַלעסטינא" האָט גענומען דאָס וואָרט איהר שטענדיגער מיטאַרבייטער א. י. קאָן און האָט זעהר אויספיהרליך און אָביעקטיוו איבערגעגעבען די אַגשויאונגען אי פון די אַנהענגער אי פון די געגנער פון דער עמיגראַציע; ער אַליין האָט זיך דערביי געשטעלט אויף דער זייט פון די לעצטע.

מ.

מיט אַנ'אַרבייט, וואָס איז געווען שטאַרק נישט אין דער צייט, האָבען זיך דערמאָלט פערנומען די אַסימילאַטאָרען, בעזונדערס אַ טייל פון זיי. יוזעף קירשראָט־פּראַוניצקי, לא די, וואָס ער האָט זיך אַליין צוגעגעבען צו זיין נאָמען דעם ביינאָמען אויף „צקי", האָט ער אויך געהאַלטען פאַר צייטמעסיג צו בעוועגען זיינע גלויבענס־חברים צוצוגעבען זיך צום נאָמען די דאָזיגע סלאַווישע צושטעפּעניש, — וואָס, ווי ער האָט גע'טענה'ט, כאָטש עס האָט נישט קיין יורידישע בעדייטונג, איז עס אָבער נאָך אַ שריט ווייטער צו דער דערנעהנטערונג. די „איזראַעליטא" ווידמעט דערמאָזיגען ענין אַ גאַנצען לייט־אַרטיקעל, דערביי, כאָטש זי האָט אין פּרינציפּ געפּאַטשט בראַוואָ דערזאָזיגער בירגערליכער אידעע, האָט זי אָבער געזעהען געוויסע יורידישע סקרופּולען ביים בענוצען אַזאַ מין בירגערליכען פּסעוודאָנים.

אויך די פערוואַלטונג פון דער יודישער גמינע, וועלכע האָט דערמאָלט געהאַט ד"ר לודוויג נאַטאַנזאָנ'ען פאַר פּרעזעס, האָט געהאַלטען פאַר נויטיג צו בעשעפטיגען

זיך מיט דער „רעפאָרם". צוגעפּרופענדיג אַ פאָרשטעהער פון די חסידים, האָט זי זיי גענומען געבען צו פערשטעהן, אַז ס'איז איצט כדאי איבערצוטהון זיך אויף קורץ; זי האָט אָבער געכאַפּט אַ האַרבען פּסק, וועלכער איז בעשטאַנען אין דער קורצער ערקלערונג, אַז די פּאָגראָמען האָבען נישט קיין שום שייכות מיט דער קאַפּאָטע, נאָר שפּראָצען־אַרויס אויף אַ גאַנץ אַנדערען באָדען.

דעמאָלט איז אויך פאָרגעקומען אַ צעהלונג פון דער בעפעלקערונג, דערביי האָט זיך די „איזראַעליטאַ" שטאַרק געפרעהט דערמיט, וואָס אין דער רובריק וועגען דער נאַציאָנאַליטעט, האָבען זיך די אָרטיגע יודען פערשריבען אַלס „קראַקאָווצעס" (לייען: פּאָליאַקען), פאַר יודען אָבער האָבען זיך בלויז אָנגעגעבען די נישט־אָרטיגע. די צייטונג דערצעהלט דערביי, אַז איינער אַ יוד האָט אויפגעשריבען: „ביז'ן יאָהר 1881 (ד. ה. ביז'ן פּאָגראָם) — אַ פּאָליאַק, פון דעמאָלט אָן — אַ יוד". אַן'אַנדערער האָט אויפגעשריבען אויפ'ן בלאַנקעט אַ גאַנצע ערקלערונג, פאַרוואָס אַ יוד קאָן שוין איצט נישט זיין קיין פּאָליאַק.

די דריי גרופּען, אויף וועלכע עס האָט זיך פונאַנדערגעטיילט דאָס פּוילישע יודענטום, לעבען זיך אויף אַ בעזונדער אופן און געהען אַוועק איטליכע אויף אַ בעזונדערן וועג. די אַסימילאַטאָרען פערקעהרען אין אַן'ענגען קרייז פון מעהר טאָלעראַנטע פּאָליאַקען, אָדער זיי פערקעהרען ס'רוב צווישען זיך אַליין און קומען אין בעציהונגען מיט'ן יודישען כלל בלויז אויף אַזויפיעל, אויף וויפיעל דאָס פאָדערט זייער אַמט אַלס „פאָרשטעהער" אין דער גמינה. די חסידים שליסען זיך איין אין זייערע דורך זיי ספּעציפיש פערשטאַנענע רעליגיעזע ענינים, וועלכע נאָרמירען גלייכצייטיג אויך זייער איינגעאָרטיג געזעלשאַפטליך לעבען. סיי די ערשטע סיי די צווייטע פערנעהמען זיך אויך מיט פילאַנטראָפּיע: די ערשטע אין די סעקציעס פון דער גמינה, די אַנדערע — אין זייערע חברות. אַלס אַ בילדונגס־אַנשטאַלט איז'ם גייסט פון פּאָלאָניזאַציע האָבען די אַסימילאַטאָרען סאַמועל דיקשטיינ'ס רעאַל־שולע, וועלכע זיי סובסידירען כסדר, דערביי אָבער וואָס אַמאָל קנאַפּער, אַזוי אַז נאָך עטליכע יאָהר געפינט זיך די אַנשטאַלט אויפ'ן וועג פון אונטערגאַנג און נאָר אַ גרעסערע אונטערשטיצונג דערהאַלט נאָך ווי־עס־איז איהר עקזיסטענץ. די חסידים האָבען זייערע חדרים, וועלכע זיי פיהרען אויף אַ פּרימיטיווען אופן.

מיט יודישע געזעלשאַפטליכע פראַגען אין ברייטערען זין פון וואָרט פערנעהמען זיך בלויז די נאַציאָנאַליסטען, וועלכע ערווערבען זיך וואָס אַמאָל מעהר אָנהענגער סיי צווישען דער אינטעליגענץ, סיי צווישען די האַלב־אינטעליגענטע מאַסען. אין רוסלאַנד זיהט שוין די נאַציאָנאַלע בעוועגונג אין אַ פולער מאָס, האָבענדיג צו איהר הילף אַ ליטעראַטור אין אַ פרעסע אויף העבּרעאיש, רוסיש און יודיש. די העבּרעאישיודישע ליטעראַטור האָט זיך אין אָנהויב אַריבערגעקריגען קיין קרוין־פּוילען פון רוסלאַנד, דערנאָך הויבען אָן אין וואַרשא אַליין אַרויסצוגעהן צייטונגען און ביכער, ענדליך

װערט װאַרשאַ אַנ׳ערשט־קלאַסיגער פּערלאַגס־צענטער, קאָנצענטרירענדיג אויך די שרײַבער. דערדאָזיגער פֿאַקט מוז האָבען אַ װירקונג אויפ׳ן פּױלישען יודענטום, זאָגאַר אויף די אַסימילאַטאָרען; װאָרום די לעצטע, נישט־קוקענדיג אויף זײערע אַסימילאַציאָנס־אידעען, װאָס ד[illegible]לאָזען נישט קײן שום אָבגעזונדערטקײט, האָבען אָבער גאָרנישט געגען דער העברעאישער שפּראַך און זײער גאַנצען כעס לאָזען זײ בלויז אויס אויפ׳ן „זשאַרגאָן“.

די יודישע שפּראַך האָט געמוזט קעמפּען אין פּױלען געגען די פֿאָראורטײלען, װאָס מען האָט געהאַט געגען אידה, אַסך לענגער װי אין רוסלאַנד און זאָגאַר אין דײַטשלאַנד. נאָך אין יאָהר 1862 איז אין יאָהאַניסבורג, אין פּרײַסען, אַרויסגעגאַנגען אַ „װעכענטליכע צײַטונג פֿאַר׳ן יודישען המון אינ׳ם יודיש־דײַטשען דיאַלעקט, מיט העברעאישע אותיות“, דערבײַ איז זיך משער די װאַרשעװער „יוטרזשענקאַ“, װעלכע ברענגט דידאָזיגע ידיעה, אַז דידאָזיגע צײַטונג איז געגרינדעט בלויז פֿאַר די פּױלישע יודען און װעט עקזיסטירען אויף די כחות פֿון קרוין־פּױלען; דורך דער אַרבײַט פֿון די קאָרעספּאָנדענטען און פֿאַר׳ן געלד פֿון די אַבאָנענטען. די „יוטרזשענקאַ“ װידמעט דערדאָזיגער צײַטונג אַ גאַנצען לײַט־אַרטיקעל, אין װעלכען זי פֿעראורטײלט דידאָזיגע אונטערנעהמונג אַלס אַ „שפּעקולאַציע“, בעטאָנענדיג, אַז אויב עס האַנדעלט זיך װעגען אַ צײַטונג פֿאַר׳ן פֿאָלק, האָבען מיר אין לאַנד גענוג אַזעלכע צײַטונגען אין דער... פּױלישער שפּראַך, „יענער אָבער יודיש־דײַטשער דיאַלעקט ברענגט אונז אַלעמען אַרײַן אין פֿערצװײפֿלונג און מיר װאָלטען װעלען פּטור װערען פֿון איהם װאָס גיכער, נישט פֿערשפּרײַטען איהם, שאַפֿען פֿאַר איהם אַ בעזונדערע ליטעראַטור און פֿער־אײביגען איהם דורכ׳ן אויפֿהײבען צו דער מדרגה פֿון די שפּראַכען, װאָס האָבען אַ ליטעראַטור און אַ פּרעסע“.

„ה׳ רוזהעמאַן רופֿט אַלע װיסענשאַפֿטס־מענער צו בעטײליגען זיך אין דערדאָזיגער שפּעקולאַציע“, שרײַבט װײַטער די „יוטרזשענקאַ“ און פֿאַלט־אָן „אין נאָמען פֿון דער אונז טײַערער נאַציאָנאַלער אויפֿקלערונג“ נישט בלויז אויפ׳ן אַרויסגעבער, נאָר זי טענה׳ט װײַטער: „מיר בעשװערען אונזער געעהרטען פֿרײַנד, ל... שאַפּירא אין ס ע ר ע י ע, ער זאָל נישט פֿטר׳ן זײַן טאַלענט אין דערדאָזיגער אונטערנעהמונג“. גלײַכצײַטיג „בעשװערט“ דער אָרגאַן פֿון דער װאַרשעװער אַסימילאַציע אויך די „געעהרטע רעדאַקטאָרען פֿונ׳ם „המליץ“, װאָס געהט־אַרויס אין אָדעס, זײ זאָלען נישט פֿערשװעכען דעם כבוד פֿון זײער צײַטונג דורכ׳ן צוגעבען צו איהר די צוגעזאָגטע בײַלאַגע: „קול המבשר“ אין דער יודישער שפּראַך. „מיר בעשװערען אַלע פֿרײַנד פֿון פּראָגרעס און שלום, זײ זאָלען רוזהעמאַנ׳ס צײַטונג נישט שטיצען, נאָר פֿערקעהרט, זײ זאָלען אָנװענדען אַלע זײערע כחות, אַרויסצוטרײַבען פֿון אונזער לאַנד אַלע אַזעלכע מינים איבערבלײַבענישען פֿון מיטעלאַלטער...“ „אויב מיר װעלען נישט מיט אַלע אונזערע קרעפֿטען װירקען געגען דעמדאָזיגען פֿײַז, קאָנען מיר האָפֿען, אַז אינגיכען װעט אַרויסגעגעבען װערען אַ גראַמאַטיק פֿונ׳ם דאָזיגען דיאַלעקט, איבער װעלכער עטליכע לצים אַרבײַטען שוין, נישט װיסענדיג, מיט װאָס פֿאַר אַ נעפֿעהרליך געװעהר זײ שפּיעלען זיך, װאָרום נאָך אַ גראַמאַטיק װעט קומען אַ װערטער־בוך, ס׳װעלען

פערעפענטליכט ווערען פאעטישע, דראמאטישע און היסטארישע ווערק, אלץ מכלומר'שט צוליב דער אויפקלערונג פונ'ם פאלק, און דער אמת'ן אבער צוליב א שמוציגער שפעקולאציע — און דאן וועלען אנדערע קריסטליכע לאנדברידער זיין געצוואונגען צו לערנען זיך דאס דאזיגע פלאפלעניש, ווארום דאס וועט דאך זיין די שפראך פון א עטליכע־הונדערט־טויזענד־קעפיגער בעפעלקערונג".

דערדאזיגער ארטיקעל האט ארויסגערופען אנ'ענטפער מצד ה' ל. י. שאפירא, וועלכער פערטיידיגט זיך אויף פאלגענדען אופן: „ווייענדיג דעם פאריגען ווינטער אין יאהאניסבורג, וואו איך האב פערברענגט עטליכע חדשים, האב איך בעשלאסען ארויסצוגעבען א וואכענבלאט אינ'ם יודיש־דייטשען דיאלעקט, בלויז לטובת דער ארעמערער קלאס יודישע בעלי־מלאכות און אויך לטובת דעם פרויען־געשלעכט, וועלכע פערשטעהען נאר צו לייענען אין דעמדאזיגען דיאלעקט און קיין שום איירארפעאישע שפראך בעזיצען זיי נישט". „איך האב גערעכענט, אז דערדאזיגער שריט קען נאר צואיילען דאס ווערק פון ציוויליזירען אונזערע פאלקס־מאסען, וואס וואוינען אויף דער פראווינץ, איך האב גערעכענט, אז רעדענדיג צום פאלק אין א דיאלעקט, וואס איז פאר איהם פערשטענדליך, קען מען איהם אויפקלערען און איבערצייגען איהם וועגען דער גרויסער נויטווענדיגקייט פון בילדונג, וועגען דער נויטווענדיגקייט פון א נוטער ערציהונג פאר אונזער יוגענד אינ'ם גייסט פון דער צייט, וועגען דער נויטווענדיגקייט צו קאנען גרינדליך די לאנדעס־שפראך, ענדליך אפילו אויך וועגען דער ברענענדיגער נויטווענדיגקייט אבצוזאגען זיך איינמאל פאר אלע מאל פון דעמדאזיגען יודישען זשארגאן און צו רעדען מיט דער ריינער שפראך פונ'ם לאנד". צום סוף קומט שאפירא פונדעסטוועגען צום בעשלוס, אז צוריקקומענדיג קיין פוילען האט ער... זיך איבערצייגט, אז ס'איז איצט נישט קיין צייט אויף א לאנגזאמער ארבייט, וועלכע קאן ארויסגעבען די אויסגעבענקטע פרוכט אפשר ערשט אין א האלבען יאהרהונדערט ארום — „נאר מען דארף זיך בענוצען מיט זיכערע מיטלען: מ'דארף גרינדען צוואנגס־שולען און לערנען אין זיי פויליש". צוליב דעם זאגט ער זיך אב פון זיין פלאן ארויסצוגעבען א פאלקס־צייטונג אין דער יודישער שפראך און לעגט־פאר דער רעדאקציע פון „יוטרזשענקא", זי זאל ארויסגעבען אזא מין צייטונג אין דער פוילישער פאלקס־שפראך.

דיזעלבע „יוטרזשענקא" פאלט־אן אויף א פשוט נישט פארלאמענטארישען אופן אויפ'ן „המליץ" דערפאר, וואס „ער האט די העזה צו פערארטיילען דאס גזעץ, לויט וועלכען עס ווערען נישט־גילטיג שריפטען און אקטען, וואס זענען געשריבען אינ'ם דאזיגען דיאלעקט" (אין „זשארגאן"). „דאס זענען טעמפע מוחות, וואס זייער מיסט האלטען זיי העכער פאר פרעמדע טעפיכער, זייערע בלאטעס שעצען זיי מעהר ווי פרעמדע איידעלגעשטיינען. ס'איז צייט אויסצוטריקענען די זומפען, ווען אפילו די זשאבעס זאלען קוויטשען ביז אונטער'ן הימעל, ס'איז צייט שוין אבצורוימען דאס מיסט פונ'ם יודיש־דייטשען דיאלעקט".

נישט־קוקענדיג אויף דעם אלעם, איז א צייטונג אין דער יודישער שפראך, ווייזט־אויס, יא געווען נויטיג, ווי באלד אין יאהר 1867 הויבט־אן אין ווארשא אליין ארויסצוגעהן א וואכענבלאט א. נ. „ווארשעווער יודישע צייטונג", וועלכע ערשיינט

אָבער אין דעם יאָהר בלויז אין 46 גומערן און אין יאָהר 1868 בלויז אין 4 גומערן, ביי 150 אַבאָנענטען אין װאַרשאַ און 30 אויף דער פּראָווינץ, דערנאָך װערט זי אין גאַנצען פערמאַכט.

די שנאה צו דער יודישער שפּראַך האַלט נאָך אָן זעהר לאַנג ביי די פּוילישע אַסימיליאַטאָרען, אויף אַזױפיעל, אַז די „איזראַעליטאַ" איז נישט צופריעדען אפילו דערמיט, װאָס קלעמענס יונאָשאַ איבערזעצט די „קליאַטשע" און בעקענט אויף אַזאַ אופן דאָס פּוילישע פּובליקום מיט'ן שעדעװר פון דער יודישער ליטעראַטור.

דער קאַמף מיט רודעמאַנ'ס אָרגאַן שטעהט אויך אין אַ געװיסען צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעקעמפען די גערמאַניזאַציע דורך יענעם טייל װאַרשעװער אַסימיליאַטאָרען, װאָס האָבען אין דער צייט פון'ם אויפשטאַנד אין 1863 אָנגעהויבען צו שטרעבען אַליין מעהר צו פּױלישקייט. רודעמאַן לאָזט װיסען אין זיין פּראָספּעקט, אַז „דער דיאַלעקט װעט שטופענװייז איבערגעהן אין ריינעם דייטש", אויף װאָס די „יוטרזשענקאַ" ענטפערט, אַז דאָס דאַרף מעהר קיין שום ריין נישט". מיר פּראָפּאַגאַנדירען נישט פאַר פּױלישקייט אויף יענער זייט גרענעצען פון אונזער לאַנד, זאָל מען אַלזאָ אויך אין אויסלאַנד אויפהערען צו שטרעבען מיט אַלע מיטלען צו ענטנאַציאָנאַליזירען אונזער פאָלק. צי איז נאָך װעניג פאַרהאַן גערמאַניזירטע יודען אין פּױזען, גאַליציען און די באַלטישע פּראָװינצען, װאָס מען װיל נאָך אַריינציהען אויך די פּױלישע און ליטװישע יודען?"

דער קאַמף מיט דער גערמאַניזאַציע צװישען די פּױלישע יודען האָט דעמאָלט געמוזט זיין אַן אַקטועלע אויפגאַבע, װאָרום די „יוטרזשענקאַ" װענדעט זיך צו די יודען מיט פאָלגענדע װערטער: „לאָמיר בעזייטיגען אפילו די ריין-דייטשע שפּראַך פון צו זיין אַן אונטערריכטס-שפּראַך אין אונזערע שולען", דערװייל אָבער געפינען מיר אין דער „יוטרזשענקאַ" אַליין אַנאָנסען אין אַ „ריין" דייטשער שפּראַך.

ערשט אין דער עפּאָכע פון'ם באָיקאָט, װען די יודישע פּרעסע האָט שוין דערגרייכט צו אַ גרויסער מאַכט, פאָדערט-אויף דער שפּעטערדיגער רעדאַקטאָר פון דער „איזראַעליטאַ", יוזעף װאַסערצוג, די אַסימיליאַטאָרען, זיי זאָלען אַרויסגעבען אַ צייטונג האַלב אין דער פּױלישער און האַלב אין דער יודישער שפּראַך, פון װאָס עס קומט אָבער גאָרנישט אַרויס; נאָר מיט אַ קורצער צייט שפּעטער הויבען-אָן די אַסימיליאַטאָרען אַרויסצוגעבען אַ צייטונג אין „זשאַרגאָן", א. נ. „נייעס". די דאָזיגע צייטונג האָט צוליב דער שלים-מזל'דיגער רעדאַקציע געפיהרט אַ נעבעכדיגע עקזיסטענץ, געשלעפּט זיך בלויז עטליכע חדשים און איינגעשלונגען דערביי אַ בעדייטענדען קאַפּיטאַל.

דעריבער אויך, װער פון די אַסימיליאַטאָרען עס קאָן העברעאיש, לייענט גערן די װערק, װאָס געהען-אַרויס אין דערדאָזיגער שפּראַך, און די, װאָס קאָנען נישט, בעקענט זיי די „איזראַעליטאַ" צוביסלעך מיט דער העברעאישער ליטעראַטור, ציטירט פאַר אײראָפּאַ דעם „המליץ" און ד „הצפירה" און בלויז צו דער יודישער שפּראַך בעציהט זי זיך אַלץ כסדר מיט גרינגשעצונג. װאָס אָנבעלאַנגט די דייטשע שפּראַך, איז אפילו אמת, אַז די „איזראַעליטאַ", װי אויך הילאַרי נוסבוים מאַכען פון צייט צו צייט

לייכטע פארוואורפען אויפ'ן אדרעס פון די פוילישע אינטעליגענטען פאר זייער בענוצען זיך צו־אפט מיט דייטש צום שאדען פון דער „לאנדעס־שפראך“, רעדזועלבער חילארי נוסבוים אבער האט אין זיינע „סקיצען פון לעבען פון די ווארשעווער יודען“ נישט בלויז אויסגעדעכענט מיט שטאלץ די ווערק, וואס זענען אנגעשריבען געווארען דורך פוילישע יודען אויף דייטש, נאר ער ברענגט אויך די־דאזיגע ווערק אין דער רובריק פון ביכער, וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען אין דער... לאנדעס־שפראך.

א חוץ די יודישע שריפטשטעלער, קומען אויך לעדרער און פילען־אויס די רייהען פון דער נאציאנאלער אינטעליגענץ. די פאדערונג אויף לעדרער, וואס זאלען בעזיצען די רוסישע שפראך און עגטשפרעכענדע שול־דיפלאמען און זאלען אויך זיין צוגעפאסט צו די נייע פאדערונגען פון דער רוסישער מאכט, האט ארויפגעבראכט קיין קרוין־פוילען א גרויסע צאהל יודישע אינטעליגענץ פון רוסלאנד, וואו זי איז אדורכגענומען מיט'ן יודישען גייסט און אין דעמדאזיגען גייסט ערציהט זי אויך די יוגענד, וואס איז איהר אנפערטרויט געווארען. די שולע און די יודישע ליטעראטור בעקומען איינע נאך דער אנדערער אנ'איינפלוס אויף די וועלט־אנשויאונג פון דער יוגענד און שאפען נייע רייהען נאציאנאלע אינטעליגענץ שוין צווישען דער איינגעבוירענער יודישער יוגענד. ווארשא ווערט אויך א וויכטיגער צענטער פאר דער „חבת־ציון“; איהרע אנהענגער בילדען דעם איינעם פון די צוויי קאמיטעטען, וואס פיהרען־אן מיט דער בעוועגונג אין דער גאנצער מלוכה. נישט ווערענדיג צוגעלאזט צו דער אפיציעלער פילאנטראפיע אין דער גמינע, גריגדען די נאציאנאלע יודען א גאנצע רייה וואהלטעטיגע קרייזלעך, וועלכע ווערען, ווי נאר עס מאכט זיך דערצו א מעגליכקייט, לעגאליזירט אלס עפענטליכע געזעלשאפטען אונטער פערשידענע נעמען.

יא.

א גרויסע איבערקערעניש אין די מוחות פונ'ם פוילישען יודענטום ברענגט־אריין דער פאליטישער ציוניזם. די אינטעליגענטען, וואס אינטערעסירען זיך מיט דער יודישער פראגע, ווערען אויך פריהער שוין ווער גוט און אביעקטיוו אינפארמירט דורך דער „איזראעליטא“ וועגען דער יודיש־נאציאנאלער בעוועגונג.

נאך אין יאהר 1883 ווערט די „אויטא־עמאנסיפאציע“ פון ד"ר פינסקער כמעט אינגאנצען אבגעדרוקט אין דער „איזראעליטא“, הגם מיט דער בעווארעניש, אז די רעדאקציע איז נישט מסכים מיט דער קאנצעפציע פונ'ם מחבר; עס דערהערען זיך אפילו אין דער דאזיגער צייטונג שטימען געגען דער אסימילאציע און פאר'ן דערוויז פון זעלבסטהילף אינ'ם גייסט פון ד"ר פינסקער. דעריבער, נאכדעם ווי ד"ר הערצל האט פערעפענטליכט זיין „יודענשטאאט“, און גאר בעזונדערס נאכדעם ווי ס'איז פארגעקומען דער ערשטער קאנגרעס (1897), הויבט־אן די־דאזיגע בעוועגונג שטארק צו אינטערעסירען דאס פוילישע יודענטום, די פעראינטערעסירונג ווידער ברענגט דערצו, אז ס'קומט־צו א גרויסע צאהל אנהענגער און זאגאר ענטוזיאסטען. וואס אנ'אמת, דער ציוניזם האט אין פוילען געהאט ווייניגער ערפאלג ווי אין רוסלאנד, דאך איז

איהם געלונגען צו מאַכען אַנ׳איינבּרוך, און דוקא אַ בּעדייטענדען איינבּרוך אין דער פעסטונג פון דער אַסימילאַציע. עס פערשטעהט זיך, אַז דער ציוניזם האָט קודם־כל אָנגעצייגען צו זיך די נאַציאָנאַלע יודען, וועמעס צאָהל ס׳איז שוין דעמאָלט געוועזען נישט קליין, ער האָט זיך אָבער ערוואָרבּען נאָך מעהר נייע אָנהענגער, בּפרט צווישען דער יודישער מאַסע. נישט אָבהענגיג דערפון, וואָס דער ציוניזם האָט געגעבען אַנ׳ענטפער אויף פראַגען, וואָס זענען נוגע איטליכען יודען, און האָט אָנגעקליידט אין אַ מאָדערנע פאָרם די לאַנג־פערבּאָרגענע געפיהלען, האָט דער ציוניזם אין פּוילען צו פערדאַנקען זיין ערפאָלג אויך דעם פאַקט, וואָס אין די ערשטע צייטען פון זיין עקזיסטענץ האָט ער בּעקומען די מעגליכקייט פון אַ לעגאַלער, אָדער — ריכטיגער געזאָגט — האַלב־לעגאַלער אַגיטאַציע. אין וואַרשא זענען פאָרגעקומען פיעל ציוניסטישע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע די אָרטיגע און צוגערייזטע רעדנער האָבען מיט לעבּעדיגע ווערטער בּעקענט דעם צאָהלרייך־פערזאַמעלטען עולם מיט דער ציוניסטישער אידעע, וואָס עס איז בּיי די היגע בּעדינגונגען געוועזען אַ נייעס, צו וועלכען מ׳איז שוין לאַנג נישט געוועזען געוועהנט. דיזאָזיגע לעגאַליטעט האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, וואָרום די רעגירונג, ווייזט אויס, האָט זיך אָבגענאַרט אין אירע האָפנונגען, אַז דער ציוניזם וועט זיין אַ געגען־ווירקונג געגען די דעמאָקראַטישע ריכטונגען. נישט בּלויז וואָס דער ציוניזם האָט נישט ערפילט דיזאָזיגע מיסיע, נאָר וואָס בּרייטערע קרייזען ער האָט אַרומגעכאַפּט, האָבען זיך אין איהם אַליין אויסגעבּילדעט דעמאָקראַטישע און זאָגאָר סאָציאַליסטישע גרופען (פּועלי־ציון, ציוניסטען־סאָציאַליסטען). נאָך אַ קורצער צייט פון טאָלעראַנץ, נעהמט־צו די רעגירונג בּיים ציוניזם אַלע זיינע פּריווילעגיעס און נאָך מעהר, זי הויבּט איהם אָן זאָגאָר צו רודפ׳ן, פערוועהרט דאָס פערקויפען פון אַקציעס, און פאַר געהערען צו דער ציוניסטישער פּאַרטיי פערפיהרט זי פּראָצעסען און לעגט־אַרויף שטראָפען; דאָך, טעאָרעטיש פּראָפּאַגאַנדירען דיזאָזיגע אידעע, בּעזונדערס אין דער פּרעסע, ווערט אויך ווייטער ערלויבּט.

אַ דאַנק דעם, וואָס פון איין זייט האָבען זיך ענטוויקעלט די נאַציאָנאַלע ריכטונגען און פון דער צווייטער זייט האָט זיך געשטאַרקט דער אַנטיסעמיטיזם, לעבּט־איבּער די אַסימילאַציע איהר ענדגילטיגע ירידה. איהר איינציגער אָרגאַן „איזראַעליטאַ“, עקזיסטירט שוין בּלויז אַ דאַנק די פעטע נדבות פון אַנ׳ענגען קרייזעל גבירים, וועלכע האַלטען־אויס דיזאָזיגע צייטונג נישט אַזוי צוליבּ גלויבּען אין איהר נויטווענדיגקייט, ווי צוליבּ „טראַדיציע“, אָדער — ווי בּייזע צינגער האָבען געזאָגט — כּדי זי זאָל נישט אַריינפאַלען אין די הענד פונ׳ם צד שכנגד. וואָרום די אָנהענגער פון דער אַסימילאַציע האָבען שוין בּכלל געהאַלטען, אַז ס׳איז נישט נויטיג קיין בּעזונדערע צייטונג פאַר יודען, — ווייל, ווי זיי האָבען געזאָגט, אַנ׳ „אמת׳ער פּאָסטעמפּאָריעץ“ לייענט נישט די „איזראַעליטאַ“ און נישט די „ראַליאַ“, פאַר די נאַציאָנאַלע יודען ווידער איז נישט צוגעפּאַסט אַ צייטונג, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט אַסימילאַציע. כּדי אַריינצובּרענגען אַ לעבּענס־אָטעם אין דיזאָזיגע צייטונג און צופּאַסען זי צו דער אויפפאַסונג פון דעם רוב יודען, וואָס דאַרפען האָבען אַ צייטונג פאַר יודאַאיסטישע פראַגען אין דער פּוילישער שפּראַך, טרעט־אַרויס נחום סאָקאָלאָוו, דער רעדאַקטאָר

פון „הצפירה“, אַלס אָנפירער פון רעדאַקציאָנער ציַיטונג און אין פערלויף פון עטליכע יאָהר (1903/1904) דרוקט ער אין איהר אַרטיקלען אין יודיש־נאַציאָנאַלען גייסט, וואָס עס רופט־אַרויס אַן אַלגעמיינע צופרידענהייט ביי די לעזער.

נאָכדעם אָבער ווי אין דער פּוילישער געזעלשאַפטליכער מיינונג איז אויסגעבראָכען אַ שטורם געגען דעם „יודישען נאַציאָנאַליזם“ (כאַראַקטעריסטיש אין דער היגזיכט איז געוועזען דער אַרטיקעל אין „גלאָס“ אויף דאָס טעמאַ: „אַ רעדאַקטאָר אויף צוויי בענקלעך“, אין וועלכען ס'ווערט סאָקאָלאָוו'ן געמאַכט דער פאָרוואורף, אַז ער פירט גלייכצייטיג צוויי ציַיטונגען: די „קאָנסערוואַטיווע“ „הצפירה“ און די פּראָגרעסיווע „איזראַעליטאַ“) — האָבען זיך ערשט די אונטערשטיצער פון דער „איזראַעליטאַ“ אַרומגעזעהען און בעפוילען ווייטער צו פירען די ציַיטונג אין דעם פריהערדיגען אַסימילאַטאָרישען גייסט.

צו בעקומען אַ קאָנצעסיע אויף אַ פּוילישע ציַיטונג, וואָס זאָל דערצו נאָך זיין געווידמעט יודאַאיסטישע פראַגען, איז אין יענע ציַיטען געוועזען אויסערגעוועהנליך שווער. די נאַציאָנאַלע יודען האָבען אַלזאָ געמוזט בלייבען צופרידען מיט די העברעאישע און רוסישע ציַיטונגען, אין דער פּוילישער שפּראַך אָבער האָבען זיי נאָך געקאָנט פערעפענטליכען בראָשורען.

אין אָנהויב פון 20־טען יאָהרהונדערט הויבען־אָן צו ערשיינען די וואָכענבלעטער: „דער יוד“, „יודישע פאָלקסציַיטונג“, וואָס ווערען אָפיציעל אַרויסגעגעבען אין גאַליציען, רעדאַגירט ווערען זיי אָבער אין וואַרשאַ און זענען בעשטימט פאַר פּוילען און רוסלאַנד; אין 1903 ווידער הויבט־אָן אַרויסצוגעהן אין פעטערבורג די ערשטע ציַיטונג אין דער יודישער שפּראַך, „דער פריינד“, וועלכער בעקומט אַ גרויס אָנזעהען אויך אין פּוילען. ווייטער האָבען די וואַרשעווער ציוניסטען אויסגע'פועל'ט, מ'זאָל אַריינלאָזען אין לאַנד די גאַליציאַניש־יודישע ציַיטונג אין דער פּוילישער שפּראַך, „וואסחאָד“, וועלכע ווערט אויך צום גרעסטען טייל רעדאַגירט אין וואַרשאַ און איז געווידמעט די ענינים פון קרוין־פּוילען און וועלכע איז געוואָרען אויף אַזאַ אופן דער אָרגאַן פון די נאַציאָנאַלע יודען פונ'ם דאָזיגען לאַנד.

גלייכצייטיג ווערט די יודישע נאַציאָנאַלע אויפלעבונגס־אַרבייט געפירט אין קרייזלעך, וואו מען לייענט רעפעראַטען און מען רעדט בכלל אַרום די יודישע פראַגען; דאָ און דאָרט ווערען אויך איינגעאָרדענט קורסען פון דער העברעאישער שפּראַך, פון יודישע געשיכטע און יודאַאיסטישע למודים. אַ גרעסערע געזעלשאַפטליכע בעדייטונג בעקומט דאָס קרייזעל, וואָס קומט זיך צונויף ביים רעדאַקטאָר סאָקאָלאָוו און איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „די סאָקאָלאָווער מאָנטאַג'ען“: דאָרט קומען זיך צוזאַמען די מעהר אָנגעזעהענע יודישע כלל־טוער, סיי די נאַציאָנאַלע, סיי די אַסימילאַטאָרען, און פירען צווישען זיך לעבהאַפטע דיסקוסיעס. אַ רעזולטאַט פון דערמאָזיגען מיינונגס־אויסטויש איז געוועזען דאָס, וואָס דער ציוניזם האָט בעקומען אָנהענגער צווישען די אַסימילאַטאָרישע קרייזען, בעזונדערס צווישען דער יוגענד. ס'האָבען אויך עקזיסטירט ספּעציעלע יוגענד־קרייזען, בפרט צווישען די סטודענטען; בעזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט דער קרייז „ספרות“, וועלכער האָט אין יאָהר 1905 אַרויס־

געגעבען אין ווארשא א גרעסטער זאמעלבוך אין דער פוילישער שפראך, געווידמעט פערשידענע יודישע פראגען, וועלכע זענען בעהאנדעלט געווארען פון ציוניסטישען שטאנדפונקט. דאמדאזיגע ביכעל האט געהאט א גרויסע בעדייטונג פאר'ן בעקענען זיך פון די אינטעליגענטען, וואס לייענען פויליש, און אפילו פון עכטע פאליאקען, מיט דער יודיש-נאציאנאלער אידעע; דערביי האבען די פוילישע צייטונגען געבראכט רעצענזיעס וועגען דעם ביכעל, טיילמאל זאגאר גינסטיגע.

יב.

נישט-קוקענדיג אויס'ן ערפאלג אין דער מיינונג פונ'ם פוילישען יודענטום, זענען די נאציאנאלע יודען נישט געוועזען אימשטאנד צו פערוואנדלען זייערע פלענער אין מעשים, ווארום צוליב דער רעאקציאנערער וואהל-ארדינאציע, פירען דאס רעדעל אין די גמינעס, בעזונדערס אין דער ווארשעווער, די אסימילאטארען, וועלכע שטויסען ארויס זאגאר די ארטאדאקסען, איבערלאזענדיג פאר זיי אין דער לעצטער צייט אויף 14 פלעצער בלויז 2 מאנדאטען. די נאציאנאלע יודען דריבען דאן אן צו פיהרען א הייסען קאמף אויף ארייגצוקריגען זיך אין גמינע. נאך אין יאהר 1888 האט איינער א חסיד, א געוויסער קראקויער, איבערגעגעבען דעם ווארשעווער שטאדט-פרעזידענט אנ'אנקלאגע געגען די אונגעזעצליכקייטען, וואס ווערען בעגאנגען ביי די וואהלען. צו די וואהלען — האט ער זיך, למשל, בעקלאגט, — מעלדען זיך מענשען, וואס האבען 100 וואהל-צעטלען און וואס גיבען-אב דידאזיגע אלע שטימען פאר זייערע קאנדידאטען. דער פרעזידענט האט געלאזט רופען צו זיך דעם פרעזעס פון דער גמינע, ד"ר לודוויק נאטאנזאנ'ען, און געבעטען ביי איהם אנ'ערקלערונג; דער לעצטער האט זיך מודה-געווען, אז אזוי פראקטיצירט עס זיך באמת, ער האט אבער אנגעוויזען, אז דאס, וואס איינער וועהלט פאר פיעל פערזאנען, שטערט נישט אין ווידערשפרוך מיט'ן געזעץ, דערביי האט ער פארגעלעגט, עס זאל איינגעפיהרט ווערען א פונקט, דאס יעדער וועהלער קאן שטימען פאר פינף. דער פרעזידענט סטארינקעוויטש האט דערויף מסכים געווען און אויף אזא אופן איז איינגעפיהרט געווארען א משונה'דיגער סיסטעם פון בעפולמעכטיגונגען, וואס האט גענעמט די פרייהייט פון די וואהלען. א דאנק דידאזיגע בעפולמעכטיגונגען האבען די יודישע פינאנסיסטען בעקומען אנ'אבסאלוטע מאכט איבער דעם כלל וועהלער, וועלכער איז געוועזען אבהענגיג פון זיי עקאנאמיש. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז פיעל יודען, וואס האבען נישט געוואלט אבגעבען זייערע שטימען פאר די אסימיליאטארישע קאנדידאטען, האט מען דערפיהרט צו א באנקראט, פאר די וואהלען האבען די באנקירען נישט געוואלט פריהער געבען קיין קרעדיט די וועהלער, ביז זיי האבען בעקומען פון זיי די וואהל-צעטלען. די מאראליטעט פון די גמינע-רעדעל-פיהרער איז געפאלען אזוי נידריג, אז א געוויסער באנק-דירעקטאר, א פאליאק א קריסט, האט פאר די גמינע-וואהלען צוזאמענגענומען די צעטלען און דורך אבשרעקען און פערשידענע אנדערע מיטלען האט ער געצוואונגען די יודען צו געהן האנד-ביי-האנד מיט די אסימיליאטארישע „אפוטרופסים".

אחוץ דעם האָט מען אויך רעמאָראַליזירט די וועהלער אויף אַן אַנדערן אופן: מ׳האָט אָפּגעקויפט בײַ זײ די וואַהל-צעטלען.

נאָכדעם ווי די נאַציאָנאַלע יודען האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַ קאָמפּאַקטע ציוניסטישע פּאַרטײ, האָבען זײ זיך צום ערשטען מאָל געווענדעט צו די וואַרשעווער יודען מיט אַן אויפרוף, אַז ס׳איז שוין געקומען די צײַט אָנצוהויבען אַן ערנסטען קאַמף מיט די אַסימיליאַטאָרען, אַז ס׳איז שוין צײַט, דאָס אין דער גרעסטער יודישער געמינע זאָלען זײַן די פירער אמת׳ע יודען און נישט בלויז נאָמינעלע. בײַ די דעמאָלטיגע וואַהלען האָט דער איינציגער ציוניסטישער קאַנדידאַט, רעדאַקטאָר נחום סאָקאָלאָוו, בעקומען פונדעסטוועגען קוים 119 שטימען. מיט 3 יאָהר שפּעטער, ווען עס זענען ווידער פאָרגעקומען וואַהלען צו דער וואַרשעווער געמינע, האָבען שוין די ציוניסטישע קאַנדידאַטען בעקומען 420 שטימען פון דער אַלגעמײנער צאָהל 1200, זײ זענען אָבער אַדורכגעפאַלען, ווײַל די חסידים זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט די אַסימיליאַטאָרען און אויף אַרײַנצוקומען אין די געמינע-פערוואַלטונג האָט מען געדאַרפט האָבען 600 שטימען. אין דער צײַט פון די פרײַהײטס-יאָהרען, ווען די נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע עלעמענטען האָבען געהאַט גרויסע שאַנסען, האָבען די געמינע-פערוואַלטער פאָרגעלעגט דער רעגירונג צו פערווערען די וואַהלען און אויף אַזאַ אופן האָבען זײ אָנגעטאָן 3 יאָהר אײַנגעהאַלטען די מאַנדאַטען אין פערלויף פון גאַנצע 6 יאָהר. אין יאָהר 1908 האָבען זיך די נאַציאָנאַליסטען געווענדעט צום שטאָדט-פּרעזידענט מיט אַ ביטע מבטל צו מאַכען די בעפולמעכטיגונגען און מיט דערזעלבער ביטע האָבען זײ זיך אויך געווענדעט צו דער געמינע-פערוואַלטונג. די לעצטע איז מכלומר׳שט אינגאַנצען מסכים מיט דער נויטווענדיגקײַט אָבצושאַפען דעמדאָזיגען שענדליכען סיסטעם, הינטער די קוליסען אָבער בענוצט זי אַלערלײ מאַכינאַציעס, אַז די ביטע זאָל אָבגעוואָרפען ווערען, און דאָס געלינגט איהר טאַקי. דאָך, דאָס מאָל האַלטען-אָב די נאַציאָנאַליסטען אַ טײלווײַזען וואַהל-נצחון און צוליעב׳ן בלאָק מיט די חסידים געלינגט עס זײ אַרײַנצופיהרען צווײ קאַנדידאַטען: לעווינזאָ און ד״ר ביכאָווסקי. נאָר אָט ווערען נישט בעשטעטיגט דורך דער מאַכט נישט ד״ר ביכאָווסקי און נישט דער חסידישער קאַנדידאַט, ביאַלער. אין יאָהר 1911 קומען ווידער פאָר וואַהלען, דערבײַ זענען זיך די נאַציאָנאַליסטען ווײַטער משתדל, אַז די בעפולמעכטיגונגען זאָלען אָבגעשאַפט ווערען, צוליעב וואָס דער שטאָדט-פּרעזידענט לאָזט רופען צו זיך די מיטגליעדער פון דער געמינע-פערוואַלטונג: בערגסאָן און קירשראָט; די לעצטע ערקלערען אָבער, אַז ס׳איז נישט נויטיג מבטל-צו-מאַכען די בעפולמעכטיגונגען, וואָרום אין פערלויף פון 37 יאָהר האָבען זיך יודען „צוגעוועהנט” צום דאָזיגען סיסטעם, אויף אַזאַ פולשטענדיג-אָפענע האַנדלונג ערלויבט זײ דאָס, וואָס די רעאַקציע האָט זיך דעמאָלט בעזונדערס געשטאַרקט און עס איז שוין נישט נויטיג געווען צו בעהאַלטען זיך הינטער די קוליסען מיט די רעאַקציאָנערע טענדענצען. די דערמאָהנטע ערקלערונג האָבען בערגסאָן און קירשראָט אָבגעגעבען דעם שטאָדט-פּרעזידענט אין נאָמען פון דער גאַנצער געמינע-פערוואַלטונג. פונדעסטוועגען, ווען זײ האָבען וועגען דעם אָבגעגעבען אַ בעריכט אויף אַ זיצונג, האָבען די

מיטגלידער-נאציאנאליסטען, דאווידזאן און לעווינא, פראטעסטירט געגען דעם און אבגעגעבען זייער „וואטום סעפאראטום“ געגען די בעשלוסענונגען.

נישט קוקענדיג אויף די מיספאלגען, איז ווייטער נעפירט געווארען די שתדלנות אויף מבטל-צו-מאכען די וואהל-ארדנונג, דערביי זענען געשטעלט געווארען פאדערונגען נישט בלויז אבצושאפען די בעשלוסענונגען, נאר בכלל צו דעמאקראטיזירען די וואהלען. אבער אויף אלע ביטעס האט די מאכט געדאט איין-איינציגען ענטפער, אז ביז-איצט איז די גמינע „לאזאל“, ביי וועלכע-עס-איז רעפארמען אבער קאנען זיך אריינקריגען אין גמינע „נישט-געוואונשענע עלעמענטען“, אויף וואס די אסימילאטארען ווייזען-אן. די ענדערונג פונ'ם וואהל-צענז האט אלזא בעגעגענט אנ'אבזאג מצד דער מאכט, די בעשלוסענונגען דאגעגען ווערען סוף-כל-סוף סקאסירט.

ד׳

נאכ'ן אויסברוך פון דער רעוואלוציע צעוואקסט זיך די יודיש-נאציאנאלע אידעע, וועלכע האט אויך פריהער שוין געדאט א בעדייטענדען איינפלוס, אל'ץ מעהר און מעהר. די טרעט-ארוים נישט נאר אלס לאזונג פון דער דעמאקראטישער בירגערשאפט און פון א טייל אינטעליגענץ, נאר כאפט אויך ארום די ארבייטער-ספערען. אין ווארשא בעווייזען זיך צאהלרייכע טאג- און וואכען-שריפטען אין דער יודישער שפראך, דערביי אויך א גרויסע בראשור- און ביכער-ליטעראטור, עס גרינדען זיך פיעל עקאנאמישע, געזעלשאפטליכע און בילדונגס-פעראיינען. דאס אל'ץ האט אנ'השפעה אויפ'ן בעוואוסטזיין פונ'ם יודישען כלל אין פאליטישער און נאציאנאלער הינזיכט. עס שפיעלט זיך אב א פערביסענער קאמף צווישען די גמינע-מאטאדארען, וואס בעשיצען (אונטער דער פאלשער מאסקע פון „פראגרעס“) די אסימילאציע און רעאקציע, און צווישען די ווירקליכע פארשטעהער פונ'ם יודישען כלל, וואס קעמפען פאר נאציאנאליזם און דעמאקראטיזם. אין דעמדאזיגען קאמף זענען די אסימילאטארען טיילמאל געצוואונגען צו קאמפראמיסען, טיילמאל צו בעגעהן פער-שיעדענע פאלשקייטען, כדי „איינצושלעפערן די הידרע“.

אין יאהר 1905 האט יעדע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע בעקומען דאס רעכט זיך צו ווענדען צו דער מאכט מיט פעטיציעס און אינטערפעלאציעס. דאסדאזיגע רעכט האבען אויסגענוצט די יודישע גמינעס אין דער גאנצער רוסישער מלוכה און האבען אבגעגעבען פעטיציעס וועגען דער גלייכבערעכטיגונג פון די יודען. בלויז די ווארשעווער יודישע גמינע האט דאס נישט געטהון, מורא-האבענדיג, אז די פולישע שאוויניסטען וועלען זי בערעדען און בעשולדיגען אין געהן האנד-ביי-האנד מיט די „רוסישע יודען“. דאס האט ארויסגערופען אנ'אויסערגעוועהנליכע אויפרעגונג צווישען יודישען כלל, הערנאך איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון יודישע געזעל-שאפטליכע טוער, אויף וועלכע עס זענען אויך געקומען עטליכע מיטגלידער פון דער גמינע-פערוואלטונג, עס איז רעדאגירט געווארען א פעטיציע, וועלכע האט

בעקומען דרײַ טויזענד אונטערשריפֿטען; די פּעטיציע האָט זיך אָבער שטאַרק פֿאַרשפּעטיגט און איז אָבגעדרוקט געוואָרען בלויז אין דער רוסישער צײַטונג „נאָוואָסטי“.

אין׳ם זעלבען יאָהר האָט דער וואַרשעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר צונויפֿגערופֿען אַ קאָמיסיע, כדי אַרומצורעדען די פֿראַגע וועגען זעלבסט-פֿערוואַלטונג פֿאַר קרוין-פּוילען. אַלס פֿאָרשטעהער פֿון דער יודישער גמינה איז אײַנגעלאַדען געוואָרען מאַכוועל דיקשטײַן. באַלד אויף דער ערשטער זיצונג זענען אָנגענומען געוואָרען צוויי בעשלוסען, וואָס האָבען פֿאַר יודען אַ גרויסע בעדײַטונג. ערשטענס, איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז שטים-רעכט צו דער צוקונפֿטיגער זעלבסט-פֿערוואַלטונג זאָלען נור האָבען אַזעלכע יודען, וואָס קענען לעזען און שרײַבען פּויליש, צווייטענס, אַז די וועהלער דאַרפֿען אײַנגעטײַלט ווערען אין צוויי קוריעס, לויט דער הויך פֿון זייער פֿערמעגען; דערבײַ איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, אַז די פּוילישע גײַסטליכקײַט זאָל געהערען צו דער ערשטער קוריע און די יודישע — צו דער צווייטער, געגען וואָס דיקשטײַן האָט אפילו נישט פּראָטעסטירט. ערשט ווען אין די יודישע קרײַזען האָבען זיך געלאָזט הערען הייסע פּראָטעסטען און דיקשטײַנ׳ס אַ שילער, זעליג ווייצמאַן, האָט זיך אין דער צײַטונג „טעלעגראַף“ געווענדעט צו זײַן „פּראָפֿעסאָר“ מיט פֿאָרוואורפֿען, האָט די גמינה-פֿערוואַלטונג אַרויסגעזאָגט זיך געגען דעם בעשלוס פֿון דער קאָמיסיע, וועלכע פֿאָדערט פֿאַר יודען דעם פּוילישען אַלפֿאַבעטיזם, דערבײַ האָט מען אַרויסגעשטעלט אַ כאַראַקטעריסטישען מאָטיוו: אַז פֿיעל פֿון די ברייטע מאַסען קענען נישט לעזען און שרײַבען פּויליש, וועגען יודען אָבער האָט מען נישט געלאָזט פֿאַלען אפילו אַ וואָרט.

אין די וואַהלען צו דער צווייטער און דריטער דומע האָט זיך די וואַרשעווער גמינה נישט בעטײליגט, דאַגעגען זענען אידרע צוויי מיטגליעדער, נאַטאַנזאָן און קערנבוים, אַרײַנגעגאַנגען אין קאָמיטעט פֿון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע“, וואָס האָט געשטיצט די קאַנדידאַטור פֿון דער עקסט-יודענפֿרעסערישער נאַראָדאָווער דעמאָקראַטיע. גלײַכצײַטיג האָט דער פּרעזעס פֿון דער גמינה, מיכאַל בערגסאָן, פֿונאַנדערגעשיקט אַ צירקוליאַר צו אַלע יודישע גמינעס אין קרוין-פּוילען מיט דער אָנווייזונג, אַז מ׳דאַרף נאָר שטיצען אַזעלכע קאַנדידאַטען, וואָס שטעהען אויפ׳ן יסוד פֿון אַלגעמײַנע רעכט פֿאַר פּוילען.

די גמינה-פֿערוואַלטונג האָט אויך גאָרנישט געטהון, ווען אין דומע איז אַרײַנגעטראָגען געוואָרען אַ פּראָיעקט וועגען אַלגעמײַנער זונטאָג-רוה, וואָס עס וואָלט דעם גרעסטען טײל יודען, וואָס האַלטען שבת, פֿער׳משפּט צו פֿײַערן צוויי טעג אין וואָך. דאַגעגען האָבען די נאַציאָנאַלע יודען דאָן רעדאַגירט אַ פּעטיציע, פֿאַר וועלכע זיי האָבען צונויפֿגעזאַמעלט 20 טויזענד אונטערשריפֿטען, און זי פֿונאַנדערגעטײלט צווישען די דעפּוטאַטען. מיט׳ן צוזאַמענשטעלען אַ׳ענטשפּרעכענדען מעמאָריאַל, וואָס האָט ענטהאַלטען ועהר אינטערעסאַנטע פּרטים, האָט זיך פֿערנומען דער „יודישער נאַציאָנאַלער קלוב“, וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט.

ענדליך זענען די אַסימילאַטאָרען בעגאַנגען אַ שריט, וואָס האָט נישט צו זיך קײן גלײַכען אין דער געשיכטע פֿון די יודען אין דער גאַנצער וועלט: זיי האָבען

זיך פשוט אַרויסגעזאָגט פאַר בעגרעניצען די יודישע רעכט. געווען איז עס אַזוי.
אין פעטערבורג האָט אָבגעהאַלטען בעראַטונגען אַ קאָמיסיע פאַר די ענינים פון
זעלבסטפערוואַלטונג פאַר קרוין-פוילען. דערביי האָט דער רעגירונגס-פראָיעקט ענט-
האַלטען אַ פונקט, אַז די יודען וועלען בעגרעניצט אין זייערע וואַהל-רעכט ביז 10—20
פראָצ. די יודישע דעפוטאַטען האָבען נאַטירליך זיך משתדל-געווען, ניט צו
דערלאָזען צו קיין בעגרענצונגען, דערביי האָבען דעמאָלט די פוילישע דעפוטאַטען
זיך נאָך ניט אַרויסגעזאָגט פאַר בעגרענצען די יודען און האָבען זיך כלומר'שט
געהאַלטען נייטראַל. כדי צו בעשיצען די יודישע רעכט, האָבען די פעטערבורגער
יודישע טוער געפאָדערט פון די פוילישע יודען אַ'ענטשפרעכענדען סטאַטיסטישען
מאַטעריאַל און אויך, אַז ס'זאָלען דעלעגירט ווערען פאָרשטעהער אויף צו סידרען
אַ געמיינזאַמע אַקציע, און האָבען זיך געווענדעט וועגען דעם ענין צום גמינע-פרעזעס,
בערגסאָן. דער לעצטער האָט געענטפערט מיט אַ דעפעשע: „נאַטאַנזאָן וועט איינ
טעלעגראַפירען, ווער עס זענען אונזערע פאָרשטעהער". דערנאָך האָט נאַטאַנזאָן
טעלעגראַפירט: „אַלס פאָרשטעהער פון אונז פאָדערען-אַרויס סאַמועל דיקשטיין און
יוזעף נאַטאַנזאָן". נאָך זייער אָנקומען קיין פעטערבורג, איז פאָרגעקומען אַ פער-
זאַמלונג אין דער וואָהנונג פון'ם יודישען דעפוטאַט, ניסעלאָוויטש; אויף דערדאָזיגער
פערזאַמלונג זענען געווען: אויך דער צווייטער יודישער דעפוטאַט, פרידמאַן, דאַן
דיקשטיין, נאַטאַנזאָן און די פוילישע דעפוטאַטען, גראַבסקי און האַרושעוויטש.
צווישען די יודישע און-פוילישע דעפוטאַטען איז ענטשטאַנען אַ מיינונגס-פערשיע-
דענהייט בנוגע דער גלייכבערעכטיגונג פון די יודען אין דער זעלבסטפערוואַלטונג,
דערביי האָט דיקשטיין ניט געשטיצט די יודישע דעפוטאַטען, און נאַטאַנזאָן האָט
בפירוש געזאָגט, אַז די פוילישע יודען זענען צו-ווייניג קולטורעל, און דעריבער זענען
בעגרענצונגען פאַר זיי פולשטענדיג בערעכטיגט.

ווייטער, ווען דעפוטאַט גראַבסקי האָט, כדי נאָך מעדר צו פערערגערן די
לאַגע פון די יודען, אַריינגעטראָגען די בעקאַנטע „אויסבעסערונג", לויט וועלכער די
מיטגליעדער פון איין קוריע האָבען דאָס רעכט צו וועהלען ראַטמענער פאַר דער
צווייטער קוריע, איז די אַסימילאַטאָרישע „נאָוואַ גאַזעטאַ" געווען שטאַרק צופרידען
פון דערדאָזיגער אויסבעסערונג, וועלכע גיט איבער דאָס שוין אַזוי אויך בעגרענצטע
הייפעל יודישע ראַטמענער אין די הענד פון די פאָליאַקען, און די יודישע גמינע
האָט ווידער ניט אָנגענומען קיין שום שריט געגען דעם. דאָס איז אָבער נאָך ווענינ.
די דערמאָהנטע „אויסבעסערונג" איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אין דעם פוילישען
„פעראיין פאַר געזעלשאַפטליכער הילף", ביי דער אָנוועזענהייט פון פיעל אַסימילאַ-
טאָרען, וועלכע האָבען זיך אָפען אַרויסגעזאָגט פאַר דער „אויסבעסערונג", איבעריגענס,
דער בעקאַנטער אַסימילאַטאָר, הענריק נוסבוים, האָט זיך אַרויסגעזאָגט אפילו
עפענטליך פאַר בעגרענצען די יודישע וואַהל-רעכט. די יודישע נאַציאָנאַליסטען האָבען
אָבער ניט בעהאַלטען די הענד אין די קעשענעס: זיי האָבען צונויפגערופען פער-
זאַמלונגען אין וואַרשא, לאָדז, טשענסטאָכאָוו און אַנדערע שטעדט, זיי האָבען רעדא-
גירט פעטיציעס, האָבען געדריקט אויף די דעפוטאַטען, און צום סוף איז זיי געלונגען

די „אויסבעסערונג“ מבטל צו מאכען, ליידער (און אפשר צום גליק) האט די ראוויגע גאנצע ארבייט צו גארנישט געבראכט, ווארום די זעלבסטפערוואלטונג איז ביז צו דער סאמע מלחמה נישט איינגעפירט געווארען.

יד.

נאכ'ן טריאומף פון דער רוסישער רעאקציע, ווערט דאס יודישע לעבען ווידער דערשטיקט און צוריקגעפירט צו דעם שטאנד פון פאר דער רעוואלוציע. דאך, נישט־קוקענדיג אויף די גאנצע ארבייט פון דער רעאקציע, איז שוין דאס אומקערען זיך צו די „אלטע גוטע צייטען“ אן אוממעגליכע זאך. צוליעב דעם, וואס ס'איז אבגעשאפט געווארען די פארצענזור, קאן מען שוין נישט דערשטיקען דאס פרייע ווארט אזוי ווי פריהער; די יודישע פרעסע האלט זיך אלזא ווייטער אן, נישט־קוקענדיג אויף די שטראפען און פערבאלגונגען, פערשפרייט זיך ווייטער ליכט און בעוואוסטזיין, דערביי פערנעהמט ווארשא דאס ערשטע ארט אויפ'ן פערלעגער־מארק, ארויסגעבענדיג א רייהע צייטונגען, וואס צוגעהן זיך נישט נור אין קרוין־פוילען, נאר אויך אין רוסלאנד. דאס ווי־נישט־איז קאנסטיטוציאנעלע לעבען רוקט־ארויס אויף דער טאג־ארדנונג א רייהע פראגען, וואס אינטערעסירען שטארק דעם יודישען כלל, וועלכער זוכט אויף זיי אן ענטפער אין דער פרעסע און אין די פאליטישע פארטייען. אין קאווא ענטשטעהט אן אלגעמיין־רוסישער „יודישער קאמיטעט“, וואס, כאטש ער איז נישט ענטשטאנען אויפ'ן וועג פון דעמאקראטישע וואהלען — אויף וואס עס ערלויבט נישט די פרייהייטס־בעגרענצונג — פונדעסטוועגען רעפרעזענטירט ער אין א געוויסער מאס די עפענטליכע מיינונג פון די נאציאנאלע יודען. אין ווארשא עקזיסטירט א יודיש טעאטער, וואס האט טויזענדער בעזוכער, עס ענטוויקעלט זיך די יודישע ליטעראטור און קונסט, ס'איז פארהאן א קלוב פאר דער יודישער אינטעליגענץ („הזמיר“) — מיט איין ווארט — נעבען פוילישען לעבען האט זיך אויסגעבילדעט א גאנץ אבגעזונדערט יודיש לעבען, שוין נישט קיין טראדיציאנעל־רעליגיעז, נישט קיין „גדעטא“־לעבען, נאר א לעבען פון א קולטורעל פאלק, וועמען עס פעהלען בלויז רעכט אויף פונאנדער־צוויקלען זיך אין זיין פולער רייכקייט.

ביי אזא אינטענסיווען געזעלשאפטליכען לעבען ווערט שוין די פונאנדער־טיילונג פון די יודען אויף שטרענג־אבגעגרעניצטע גרופירונגען אן אוממעגליכע זאך. ס'מוזען זיך אויסבילדען געוויסע אידעען־קאמפראמיסען, אויף וועלכע ס'זאלען מסכים זיין יודען פון פערשידענע אנשויאונגען, אחוץ די, וואס געהערען צום יודענטום שוין בלויז לויט'ן נאמען. קודם־כל בעגעגענען זיך אין די וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס, וואס קאנצענטרירען אין זיך דעם סאמע גרעסטען טייל פון געזעלשאפטליכען לעבען פון די פוילישע יודען, פערזאנען פון פערשידענע אנשויאונגען: אסימיליאטארען, ארטאדאקסען, נאציאנאליסטען. פון געמיינזאמע בעראטונגען וועגען נייטראלע פראגען ביז צו א פערשטענדיגונג אויפ'ן געביט פון אידעען — איז שוין נישט ווייט. א סך ארטאדאקסען געהען־איבער אין נאציאנאלען לאגער, א טייל אסימיליאטארען הויבען

זיך אויך אן צו בעפרייען פון זייער נוזמאדינען שטאנדפונקט — און די פערשטענדיגונג ווערט מעגליך.

צווישען די אסימילאטארען בילדעט זיך א בעוועגונג, וואס איז בעקאנט אונטער'ן נאמען: נעא-אסימילאציע. דאס איז א ריכטונג נאך נישט קיין קריסטאליזירטע, און די צאהל פון אירע אנהענגער איז נאך נישט בעשטימט, זי פערדיענט אבער אויפמערקזאמקייט צוליעב דעם, וואס זי איז דער אויסדרוק פון א פראטעסט געגען דער אפיציעלער אסימילאציע. די נעא-אסימילאטארען פערשטעהען, אז מיט דער מעטאדע, וואס ווערט אנגעווענדעט דורך די עכטע אסימילאטארען, וועלען זיי גארנישט דערגרייכען, ווארום פון איין זייט רייסען זיי איבער מיט דער מאסע, פון דער אנדערער זייט אבער ציהען זיי די פאליאקען נישט צו. זיי קומען צום אויספיהר, אז דאס, וואס א קליין הייפעל יודישע אינטעליגענטען ווערען געוואונען פאר די פאליאקען, האט נישט קיין שום בעדייטונג נישט פאר די יודען און נישט פאר די פאליאקען. כדי אלזא צו געווינען די מאסען, דארף מען, נישט מורא-האבענדיג, אז מ'וועט בעשולדיגט ווערען אין סעפאראטיזם, „געהן צום פאלק, גרינדען פאר'ן פאלק בעזונדערע אינסטיטוציעס, א יודישע ליטעראטור און פרעסע; נאכמעהר, כדי צו נייגען די יודען צו דער אסימילאציע, דארף מען אפען און ענערגיש קעמפען פאר זייערע רעכט, נישט-שרעקענדיג זיך פאר'ן פארוואורף מצד די פוילישע שאוויניסטען, אז דורכ'ן בעשיצען די יודישע רעכט ברענגט מען שאדען די פוילישע אינטערעסען. די נעא-אסימילאטארען אונטערשיידען זיך פון די נאציאנאליסטען דערמיט, וואס זיי ווילען פלאנצען צווישען די יודען נישט די יודישע, נאר די פוילישע קולטור.“ דאס זענען אלזא אייגענטליך נישט אזוי גיי- ווי אלט-אסימילאטארען, וועלכע האבען זיך אויך אמאל ארומגעטראגען מיט אזעלכע אידעאלען, נאר האבען זיך צום סוף פון דעם אבגעזאגט, ערשטענס, אונטער'ן איינפלוס פון דער אויטא-אסימילאציע, וועלכע ברענגט דערצו, אז דער מענש ווערט מיט דער צייט גלייכגילטיג צו די עניינים פון די „פריהערדיגע פאלקס-ברידער“, צווייטענס, אונטער'ן איינפלוס פון דער פוילישער עפענטליכער מיינונג, וועלכע האט כלל נישט געוואלט, אז די יודען זאלען זיך אסימילירען, און האט געהאט דיזעלבע פעראכטונג פאר דעם אסימילירטען יודען, ווי פאר דעם נאציאנאלען.

טו.

די ציוניסטען, פונאנדערוואקסענדיג זיך אלס א פארטיי און בעקומענדיג א בעדייטענדען איינפלוס אויפ'ן יודישען לעבען אין דער גאנצער מלוכה, אלזא אויך אין קרוין-פוילען, האבען א חוץ זייער ארבייט פאר פאלעסטינא געמוזט זיך אויך בעשעפטיגען מיט ארבייט אויפ'ן ארט. צוליעב דעם האט זיך ארויסגעוויזען די נויטווענדיגקייט אויסצוארבייטען א „געגענווארטס-פראגראם“, וואס זאל געבען אנ'ענטפער אויף אלע אקטועלע פראגען פונ'ם יודישען לעבען אין „גלות“.

דאָס איז ניִשט געווען קיין לייכטע זאַך, וואָרום אין ציוניזם האָט געהערשט די אָנשויאונג — און אָנהויב ביי אַלע ציוניסטען, דערנאָך בלויז ביי אַ טייל — אַז אין „גלות" דאַרף מען צו קיין נאַציאָנאַלע רעכט ניִשט שטרעבען; פון ציִיט־צו־צייט האָבען זיך אפילו געלאָזט הערען שטימען, אַז מען דאַרף אויך ניִשט קעמפען פאַר פּאָליטישע רעכט, וואָרום זיי בלייבען סיי־ווי־סיי פאַר יודען בלויז טויטע אותיות און פידען דערצו, אַז דורך זייער אויסערליכען שיין שוואַכען זיי אָב די אַרבייט פון די יודען אויף צודערגרייכען דעם ציוניסטישען אידעאַל, וועלכער קאָן נאָר איינציג אַליין פערענטפערן די יודען־פראַגע.

נאָך מעהר, נעבען ציוניזם האָבען עקזיסטירט אין יודענטום נאַציאָנאַלע ריכטונגען, וואָס האָבען אָנגעוויזען אויף דער מעגליכקייט צו פערענטפערן די יודען־פראַגע אין רוסלאַנד גופא, בפרט אין „תחום", סיי דורך אַ קולטורעלער, סיי דורך אַ פּאָליטישער אויטאָנאָמיע. דיזאָזיגע ריכטונג, וואָס האָט אין אָנהויב אַרומגענומען בלויז דעם פּראָלעטאַריאַט, האָט איינציגווייז אָנגעהויבען אַריינצודרינגען אויך אין די מאַסען פון דער יודישער בירגערשאַפט און האָט עקזיסטירט אונטער פערשיידענע נעמען. פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך איז אָנערקענט געוואָרען יודיש, דערדאָזיגער אַזוי־לאַנג פעראַכטעטער „זשאַרגאָן", וועלכער האָט מיט רעכט געקאָנט פּרעטענדירען אויף אַזאַ ראָליע, האָבענדיג איצט אַסך צייטשריפטען מיט הונדערטער טויזענדער לעזער און אַ רייכע בעלעטריסטישע, פּובליציסטישע און פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור.

אַזוי ווי די פערווירקליכונג פון'ם ענדגילטיגען ציוניסטישען אידעאַל איז ניִשט צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, ווי מ'האָט אין אָנהויב געהאָפט, איז עס אַלזאָ פאַר'ן ציוניזם געווען וואָס אַמאָל נויטיגער צוצופּאַסען זיך צו די בעדערפנישען פון טאָג און צו רעאַגירען אויף די אַקטועלע פאָדערונגען פון דער יודישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט בעקומען די מעגליכקייט צו נעהמען אַן אָנטייל אין'ם קאָנסטיטוציאָנעלען לעבען פון דער מלוכה.

דיזאָזיגע נויטווענדיגקייט האָט בעקומען איהר אויסדרוק אויפ'ן 3־טען אַלגעמיין־רוסישען ציוניסטישען צוזאַמענפאָהר, וואָס איז פאָרגעקומען אין העלזינגפאָרס אין אָנהויב דעצעמבער 1906 און אויף וועלכען עס איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע פּלאַטפאָרם פון אַ „געגענוואַרטס־פּראָגראַם".

1. דעמאָקראַטיזירונג פון'ם מלוכה־רעזשים אויף די יסודות פון אַ קאָנסעקווענטען פּאַרלאַמענטאַריזם, פון פולער פּאָליטישער פרייהייט, פון אויטאָנאָמיע פאַר די געביטען, וואו ס'וואוינען בעזונדערע נאַציאָנאַליטעטען, און פון גאַראַנטירטע רעכט פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען.

2. פולשטענדיגע און אונבעדינגטע גלייכבערעכטיגונג פון דער יודישער נאַציאָנאַליטעט.

3. גאַראַנטיע, אַז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען וועלען האָבען זייער פאָרשטעהערשאַפט ביי אַלערליי מלוכה'שע, קרייז־ און לאָקאַלע וואַהלען, אויפ'ן גרונד פון

אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַהל־רעכט אָהן אונטערשיעד פון געשלעכט.

4. אָנערקענונג פון דער יודישער נאַציאָנאַליטעט, אַלס איין אָרגאַניזם, וואָס האָט דאָס רעכט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפערוואַלטונג אין אַלע ענינים פון זיין נאַציאָנאַלען קיום.

5. צונויפרופען אַן־אַלרוסישע יודישע נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג, כדי אויסצואַרבייטען די יסודות פון דער אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנאַליטעטען.

6. דאָס רעכט פון דער יודישער נאַציאָנאַלער און פאָלקס־שפּראַך (העברעאיש און „זשאַרגאָן") אין די שולען, געריכטען און אין'ם עפענטליכען לעבען.

7. דאָס רעכט פאַר יודען צו ענדערן די זונטאָג־רוה אויף שבת־רוה.

מיט דער דאָזיגער פּלאַטפאָרם זענען אַרויסגעטראָטען ביי די דומע־וואַהלען אויך די פּוילישע יודען.

מו.

אינגיכען האָט זיך געמאַכט אַ פּאַסיגע געלעגענהייט פאַר אַלע פּוילישע יודען, וואָס זענען נישט גלייכגילטיג צום גורל פון זייערע פאָלקס־ברידער, אַנצוהויבען אַ געמיינזאַמע אַקציע. ווען די „נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע" האָט געוואָלט מיט גוואַלד אָנוואַרפען די יודען אַ קאַנדידאַט, וואָס האָט זיך אָקעגענגעשטעלט דער יודישער גלייכבערעכטיגונג, און ווען דערדאָזיגער קאַנדידאַט האָט אין אַ רעדע אויף אַ פאַר־וואַהל־פערזאַמלונג זיך ערלויבט צו בעליידיגען די יודען, האָבען דידאָזיגע בעליידיגונג אַלע יודען דערפיהלט. פיגדעסטוועגען האָבען די אַסימיליאַטאָרען פון אַלטען שניט אינטאַנצען זיך געהאַלטען אָן אַ זייט, די נעאָ־אַסימיליאַטאָרען אָבער (לכל־הפחות דער גרעסטער טייל פון די, וואָס האָבען זיך אָנגעגעבען אַלס אַזעלכע) האָבען זיך פעראייניגט מיט די, וואָס האָבען געוועהלט יאַגעללאָ'ן. צוזאַמען מיט דער יודישער בירגערשאַפט איז אויך געגאַנגען די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, סיי פון'ם פּויליש־נאַציאָנאַלען לאַגער (פּ. פּ. ס.), סיי פון'ם יודיש־נאַציאָנאַלען לאַגער (בונד, ס. ס., פּוע"צ), דער פּראָלעטאַריאַט אַליין האָט זיך אָבער נישט געקאָנט בעטייליגען אין די וואַהלען, ווייל ס'האָט איהם געפעהלט דער ענטשפּרעכענדער צענז.

נאָך די וואַהלען, ווען די אַנטיסעמיטען האָבען ערקלערט אַ בּאָיקאָט אויף יודען, איז בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ טעגליכען אָרגאַן אויף צו פערטיידיגען די גערעכטע יודישע אינטערעסען. די בעדערפניש אין אַזאַ אָרגאַן האָט זיך געלאָזט פיהלען שוין פון לאַנג. אין יאָהר 1905 איז אַזאַ געגרינדעט געוואָרען די „נאָווא גאַזעטאַ", פאַר געלדער, וואָס זענען געזאַמעלט געוואָרען סיי צווישען די אַסימיליאַטאָרען, סיי צווישען די נאַציאָנאַלע יודען, דערביי האָבען די נאַציאָנאַלע יודען געשטיצט די צייטונג דורך אַבּאָנעמענט, אַנאָנסען א. אַז. וו. אפשר מעהר, ווי די אַסימיליאַטאָרען. ווירקליך, אין אָנהויב האָט די „נאָווא גאַזעטאַ", וואָס איז רעדאַגירט געוואָרען דורך סטאַניסלאַוו קעמפּנער'ן, נישט נור פערטיידיגט די יודען, נאָר דאָס

נאָר אַקצענטירט די גרויסע באַדייטונג פון׳ם ציוניזם, און דאָס וואָרט „ושיד" האָט
זי געשריבען אין פּויליש מיט אַ גרויסען „וש", כּדי אונטערצושטרייכען, אַז יודען
זיינען אַ נאַציאָן. ה׳ קעמפּנער האָט אָבער ניט געביטען זיינע איבערציינונגען, אָדער,
ריכטיגער, ער האָט זיך אומגעקעהרט צו זיינע אַמאָליגע עקסט־אַסימיליאַטאָרישע
אָנשויאונגען, וועלכע ער האָט געדאַט נאָך איידער די „נאָווא גאַזעטאַ" איז געוואָרען
פינאַנסירט, אַלס רעדאַקטאָר פון „גאַזעטאַ האַנדלאָוואַ", אַלס אויטאָר פון דער
בראָשור „ציוניזם" א. אַ. וו. נאָך מעהר, די „נאָווא גאַזעטאַ" האָט זיך אָנגעהויבען
צו ערלויבען אָנפאַלען און בלבולים אויפ׳ן אַדרעס פון די נאַציאָנאַלע יודען און האָט
זיך בעטייליגט אין דער העצע, וואָס די פּוילישע פּרעסע האָט געפיהרט געגען די
„ליטוואַקעס" מיט אָפען־יודענפרעסערישע כּוונות. אַזאַ מין „עוואָלוציע" האָט אויך
אַדורכגעמאַכט די „איזראַעליטאַ", וועלכע איז דערגאַנגען צו אַ פולשטענדיגער מאָראַ=
לישער און ליטעראַרישער ירידה, אונטער דער פיהרונג פון יוזעף וואַסערצוג, וועלכער
איז געווען אַן אַבסאָלוטער עם־הארץ אין די ענינים פון יודאַאיזם. וואַסערצוג האָט אין
אָנהויב געגעבען זיך צו דערקענען אַלס „פריידענקער" פון אַ וואולגאַרען סאָרט,
וואָרום ער איז אַרויסגעטראָטען געגען יודאַאיזם, געגען די חדרים א. ד. גל. נישט
האָבענדיג קיין שום בעגריף וועגען דעם געגענשטאַנד און טראַכטענדיג נור וועגען דער
צושטימונג פון אַזעלכע עמי־הארצים, ווי ער אַליין. און אַט אַזאַ פּערזאָן, וואָס
האַלט זיך אָפיציעל פאַר אַ רעליגיאָנסלאָזען, האָט מען איבערגעגעבען די פיהרונג
פון אַ... רעליגיעזען אָרגאַן.*) עס האָט זיך טאַקי אָבגעטהון אין דער „איזראַעליטאַ"
שרעקליכע זאַכען. עס איז גענוג צו דערמאָהנען, אַז ס׳איז צוגעלאָזט געוואָרען אַלס
מיטאַרבייטער דער בעקאַנטער רענעגאַט סטעפאַן אַנסעבאַך, וואָס האָט שוין דעמאָלט
געלאָזט זיך דערקענען אַלס אַנטיסעמיט. ס׳האָבען זיך טאַקי גענומען בעווייזען אַרטיק=
לען, כּלומר׳שט געגען די ליטוואַקעס, אין דער אמת׳ן אָבער פּשוט יודען־פרעסערישע.
ס׳זיינען אויך געדרוקט געוואָרען ווערק, וואָס האָבען נישט קיין שום שייכות מיט׳ן
יודענטום, אַט אַזוי זיך האָט מען געדרוקט אַ חבור, וואָס איינער אַ „ראַדאַק" האָט
געהאַט אין׳ם פאַרטפעל און נישט געוואוסט, וואו עס אַהינצוטהון. ס׳פערשטעהט זיך,
אַז נישט־קוקענדיג אויף די פעטע סובסידיעם מצד די רייכע אָנפיהרער פון דער אַסי=
מיליאַציע, האָט די צייטשריפט אין אַ פּאָר יאָהר אַרום אויפגעהערט ערשיינען.

און אַט איז אין דער צייט פון פּאָיקאָט געגרינדעט געוואָרען אַ צייטונג א. נ.
פרזשעגלאָנד צאָדזיענני", אונטער דער רעדאַקציע פון סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן,
וועלכער איז פריהער געווען אַן אָנגעזעהענער סאָציאַליסטישער טוער און דערנאָך
אַ פּוילישער פּאָליציסט פאַר אַלגעמיינע ענינים. דער „פרזשעגלאָנד" האָט געהאַט
אַ נישט־קלאָרען פּראָגראַם און איז נוטה־געווען אַמאָל צו דער אַסימיליאַציע, אַמאָל
ווידער צום נאַציאָנאַליזם. זיין ריכטונג איז געווען ענליך צו דער ריכטונג פון די
נעאָ־אַסימיליאַטאָרען, וועלכע זיינען אויך געווען וואַקעלדיג. פונדעסטוועגען האָט איהם
די פּוילישע פּרעסע געהאַלטען פאַר אַן „עקסט־נאַציאָנאַליסטישען" אָרגאַן און האָט

---

*) אין אַ פּאָר יאָהר אַרום האָט זיך וואַסערצוג געשמד׳ט.

אידם בכלל באַיקאָטירט. נאָך אָנדערטהאַלבען יאָהר רעדאַגירען די צייטונג איז מענ=דעלזאָן אװעקגעשטאָרבען, און נאָך זיין טויט האָט זיך די צייטונג אביסעל מעהר צוגעװיינט צו די אַנשויאונגען פון די נאַציאָנאַלע יודען. דערפאַר אָבער האָט זי זיך מעהר געװאַקעלט אין אַלגעמיינער הינזיכט. נישט־קוקענדיג אויף דיזאָזיגע חסרונות, האָט די צייטונג געהאַט גרויסע פערדיענסטען ביים ענטװיקלען דעם יודישען בעװאוסט=זיין אין דער שװערער צייט פון אַנטיסעמיטיזם און באַיקאָט. זי האָט אויפגעהערט צו ערשיינען צוליעב'ן אויסברוך פון דער מלחמה.

יודען אין דער אַרבייטער-בעוועגונג.

א.

דער אַנטייל פון די יודען אין דער אַרבייטער-בעוועגונג איז געווען אַ דאָפּעלטער: די יודישע אינטעליגענטען האָבען זיך בעטייליגט אין דער פּוילישער בעוועגונג, די מאַסען אָבער האָבען זיך געבילדעט זייער בעזונדערע בעוועגונג, סיי אַלס אַ טייל פון אַ וועלכער-עס-איז פּוילישער פּאַרטיי, סיי אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע.

יודען זענען נויט-געווען צו בעטייליגען זיך אין דער פרייהייטס-בעוועגונג צוליעב צוויי מאָטיוען. ערשטענס, אַלס מענשען, וואָס זענען מעהר פון אַלעמען אונטערדריקט, האָבען זיי פריהער פון אַנדערע פערשטאַנען, ווי נויטיג עס איז צו קעמפען פאַר פרייהייט; צווייטענס, האָבען זיי געדאַכט, אַז מיט'ן טריאומף פון די פרייהייטס-לאָזונגען וועט אויך די יודישע פראַגע פערענטפערט ווערען אויף אַ גינסטיגען אופן.

אין יאָהר 1881, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבען אין פּוילען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער-בעוועגונג, האָט זיך שוין בכלל די עפענטליכע בירגערליכע מיינונג פיינדליך בעצויגען צו די יודען, עס איז אַלזאָ קיין וואונדער נישט, וואָס אַ טייל פון דער יודישער אינטעליגענץ איז צוגעשטאַנען צו דער ערשטער פּוילישער אַרבייטער-פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט". וואָרום נישט נאָר וואָס דיזאָזיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אין פּרינציפּ אָנערקענט די גלייכבערעכטיגונג פון די יודען, נישט נאָר, וואָס פּאַקטיש האָבען זיך יודען געפיהלט אַלס גלייכע צווישען גלייכע נאָר צווישען פּראָלעטאַריאַט און זיינע פיהרער, — נאָר, דער עיקר, די יודען האָבען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר איבערצייגט, אַז אויף גלייכבערעכטיגונג קאָן מען האָפען אפשר טאַקי ערשט נאָכ'ן זיעג פונ'ם סאָציאַליסטישען אידעאַל. דאָס גלויבען, אַז יודען וועלען בעקומען גלייכע רעכט ערשט נאָכ'ן טריאומף פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, איז ביי די יודישע אינטעליגענטען פונ'ם נייעם שניט געווען אַזוי שטאַרק, ווי ס'איז געווען דערזעלבער גלויבען ביי זייערע פאָרגענגער, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז די ישועה וועט קומען דורך דעם, וואָס ס'וועט זיעגען די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע פונ'ם „ליבעראַליזם". דעריבער האָבען אויך די נייע אינטעליגענטען נישט אַרויסגעשטעלט קיין פאָדערונג פון בעזונדערע רעכט פאַר יודען אַ חוץ די אַלגעמיינע גלייכבערעכטיגונג, זיי זענען געווען אָנהענגער פון דער אַסימילאַציע-אידעע, און האָבען זאָגאַר געהאַלטען, אַז דאָס אַרויסרוקען בעזונדער די יודישע פראַגע קאָן ברענגען שאַדען, וואָרום זיי האָבען געגלויבט, אַז זי וועט אַ סך גינסטיגער פערענטפערט ווערען פון זיך אַליין, אַלס אַ טייל פונ'ם דעמאָקראַטישען פּראָגראַם.

ב.

נישט-אָבהענגיג פון דער פּױלישער בעוועגונג — און דערנאָך פּאַראַלעל אָדער אינאײנעם מיט איהר — האָט זיך ענטוויקעלט די יודישע אַרבייטער-בעוועגונג. שוין זינט זעהר א לאַנגער צייט האָבען זיך די אָרטיגע יודישע מאַסען אָרגאַניזירט, כדי זיך צו שיצען פאַר די רייכע, וואָס האָבען זיך געשטעלט געגען זיי.

די טראַדיציאָנעלע פאָרם פון דערדאָזיגער אָרגאַניזאַציע איז געווען דאָס גרינדען דורך די יודישע בעלי-מלאכות בעזונדערע שוהלען, וואו דער אָרימער מתפלל האָט זיך געפיהלט אַלס א פול-בערעכטיגטער בעל-הבית, און האָט געקאָנט בעקומען אַלע רעליגיעזע כבודים, וועלכע ער וואָלט נישט דערגרייכט אין די אַלגעמיינע שוהלען, וואו די כבודים זענען געווען א פּריוויליגיע פון די עשירים און לומדים. אין אַזעלכע שוהלען האָבען די בעלי-מלאכות געשטיצט דעם פּאָפּולערען למוד פון חומש און גמרא — אויף אַזא אופן בילדעט זיך אויס אין אָנהויב די יודישע דעמאָקראַטישע בעוועגונג אויף אַנ'עקאָנאָמישען יסוד אין די „חברות”, וואָס ענטשטעהען ביי די שוהלען. דידאָזיגע בעוועגונג האָט אין אָנהויב נישט געהאַט נאָך קיין קלאַסען-כאַראַקטער; צו די חברות, וואָס די הילפס-אויפגאַבע זייערע איז געגענזייטיגע הילף, האָבען געהערט סיי די מייסטערס סיי די געזעלען. אָנהויבענדיג פון די זיבעציגער יאָהרען גרינדען זיך דאָ-און-דאָרט בעאָנדערע חברות פון געזעלען, כדי אויסצוקעמפען ביים מייסטער ס'זאָל איינגעפיהרט ווערען א געלד-בעלוינונג אַנשטאָט עסען, דער טאָג-לוין זאָל פערביטען ווערען אויף שטיק-אַרבייט, ס'זאָל בעגרעניצט ווערען די צאָהל לעהרלינגען און די בעהאַנדלונג זאָל זיין א בעסערע. אין דער שפּיץ פון יעדער חברה שטעהען די „גבאים”, און אין יעדער ווערשטאַט איז פאַראַן א מענש, וואָס קלייבט-צונויף די אָבצאָהלונגען און וואָס גיט אויך אַכטונג, אַז מ'זאָל אָפּהיטען ווערען די אַרבייטס-בעדינגונגען. אויב די אַרבייטער האָבען געליטען עפּיס אַנ'עולה, האָט מען דאָס צו-וויסען געטהאָן די גבאים, וועלכע האָבען זיך שוין בעמיהט, אַז די סכסוכים זאָלען אויסגעגלייכט ווערען. די חברות זענען געווען אַדורכגעדרונגען מיט אַנ'ענגען קאָרפּאָראַציע-גייסט און האָבען, למשל, נישט געוואָלט דערלאָזען צו דער אַרבייט בעלי-מלאכות פון אַנדערע שטעדט. זיי זענען געווען א מין צעך-אָרגאַניזאַציע, צוגעפּאַסט צו די יודישע בעדינגונגען.

ג.

אין די 90-ער יאָהרען הויבען-אָן די חברות צו פערשווינדען, און זייער אָרט פערנעהמען די קאַסעס, וואָס זענען שוין צוזאַמענגעשטעלט אויף אַנדערע יסודות. די קאַסעס האָבען שוין נישט קיין רעליגיעזען כאַראַקטער און זענען ענטשטאַנען צוליעב דעם, וואָס ס'האָבען זיך פערשאַרפט די בעציהונגען צווישען די אונטערנעהמער און די אַרבייטער; דער צוועק פון די קאַסעס איז טאַקי צו אָרגאַניזירען דעם עקאָנאָמישען קאַמף און צו פערשפּרייטען די קלאַסען-אידעען. די קלאַסען-אָרגאַניזאַציע ענטוויקעלט זיך

שנעל זינט דעם יאָהר 1893, ווען די מכבוּכים צווישען אַרבּייט און קאַפּיטאַל דערפיהרען צו אַ סך שטרייקען. די אָרגאַניזירטע יודישע אַרבּייטער שטעלען פאָדערונגען: צו פערקירצען דעם אַרבּייטס-טאָג, העכערן דעם לוין, אָבּשאַפען די שטיק-אַרבּייט, בעסערע בעהאַנדלונג, מעדיצינישע הילף, פערקלענערן אָדער אָבּשאַפען די שטראָפען, אָבּשאַפען די נאַכט-אַרבּייט און די אַרבּייט פון פייער-אָווענד, איינפיהרען לוין-ביכלעך, פּינקטליכע אויסצאָהלונג, בעזייטיגען די מעהר פערהאַסטע מייסטערס, איינפיהרען אַ הפסקה אויף פריהשטיק, אויסצאָהלען דעם גאַנצען פערדינסט א. אַ. וו. טיילמאָל ווערען אויך אַרויסגעשטעלט פּאָליטישע פּאָסטולאַטען. און אָנהויב אָבער פון 20-טען יאָהרהונדערט ווערט שוין אין אַלע אַרבּייטער-אָרגאַניזאַציעס געפיהרט אַ פּאָליטישע טעטיגקייט.

אין דער צייט פון דער קאָנסטיטוציע ענטשטעהען לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פערבּאַנדען, וועלכע ציהען צו, אַדאַנק זייער עפענטליכקייט און נישט-געשטערטער אָרגאַניזאַציע, זעהר אַ גרויסע צאָהל מיטגליעדער און נעהמען אַרום כמעט אַלע פאַכען. אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די יודישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען איז דאָס, וואָס זיי טיילען זיך איין אין פּאַרטייען; זיי זענען אין דערדאָזיגער הינזיכט ענליך צו די פּוילישע פעראיינען, בלויז מיט דעם איינעם אונטערשיעד, וואָס ביי די יודען איז די צובּרעקלונג נאָך אַ גרעסערע, וואָרום יודישע אַרבּייטער געהערען גלייכצייטיג כמעט צו אַלע פּוילישע אָרגאַניזאַציעס, דער גרעסטער טייל אָבער פון די יודען שטעהט-צו צו די יודישע פעראיינען. די יודישע אַרבּייטער אונטערשיידען זיך פון די פּוילישע נאָך דערמיט, וואָס זיי האָבּען נישט צווישען זיך קיין אַנטי-קלאַסישע, „שטרייק-בּרעכערישע" אינסטיטוציעס, ווי, למשל, די „קריסטליכע", „אַנטיסעמיטישע", „נאַציאָנאַלע" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

ד.

די יודישע פּאָליטישע פּאַרטייען אין פּוילען זענען געווען אַ סעקציע אָדער פון אַלגעמיין-מלוכה'שע פּאַרטייען (רוסישע און יודישע) אָדער פון פּוילישע. דעם 15-טען יולי 1880 איז ערשינען אין זשענעווע אַ פּראָקלאַמאַציע „פון אַ גרופּע סאָציאַליסטען-יודען", וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צוצוציהען די יודישע אַרבּייטער-בעפעלקערונג צו דער רוסישער בעוועגונג. אין זשענעווע איז צו דעמזעלבּען צוועק געגרינדעט געוואָרען די „פרייע יודישע דרוקעריי". מיט אַ קורצער צייט שפּעטער ווערען אין די רייהען פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" געמאַכט פּרובען צו בעשאַפען צווישען יודען עטוואָס אַזעלכעס ווי אַ יודישע פאָלקס-בעוועגונג.

אין יאָהר 1887 ענטשטעהט אין וואַרשא די „חברה יודישע אַרבּייטער". אין יאָהר 1888 ענטשטעהט פון צווישען דעם אַרבּייטער-קרייז „פּראָלעטאַריאַט" די „געזעלשאַפט פאַר די וויסענשאַפט און קונסט פון יודישען פאָלק". די דאָזיגע אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבּען אָבער אַסימילאַטאָרישע טענדענצען.

די אידעע צו גרינדען אַ נאַציאָנאַלע יודישע אָרגאַניזאַציע אויפ'ן יסוד פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג שפּראָצט-אויף אין די יאָהרען 1886–7 אין ליטא, נאָך די

נאציאנאלע מאטיווען טרעטען אויך דאמאלס נאך נישט ארויס דייטליך. די נויטווענדיגקייט פון אזא ארגאניזאציע בעגרינדעט מען מיט דער אבגעזונדערטקייט פון דער יודישער שפראך און מיט די בעזונדערע לעבענס־בעדינגונגען. עס ענטשטעהען דאן אינ'ם תחום־המושב ספעציעל־יודישע פראפאגאנדע־קרייזלעך, און אין יאהר 1896, אויפ'ן אינטערנאציאנאלען סאציאליסטישען צוזאמענפאהר אין לאנדאן, זענען די יודישע ארבייטער־ארגאניזאציעס רעפרעזענטירט דורך 4 דעלעגאטען, פון וועלכע איינער איז פון ווארשא. אין יאהר 1895 בעשליסט די קאנפערענץ פון די ווילנער און מינסקער טהוער צו בעשאפען שוין א מעהר בולט אבגעזונדערטע יודישע ארגאניזאציע, וואס פאדערט פלייכבערעכטיגונג פאר יודען און ווערט אנגערופען „אלגעמיינער יודישער ארבייטער־בונד" („בונד"). נאר אויך דער „בונד" מאטיווירט רעוואיל זיין עקזיסטענץ־בערעכטיגונג בלויז דערמיט, וואס ס'זענען פאראן בעזונדערע יודישע אינטערעסען, דהיינו: דערמיט, וואס ס'איז נויטיג צו פיהרען א קאמף נעגען דער יודישער רעכטלאזיגקייט און צו בעשאפען א סאציאליסטישע ליטעראטור אין דער יודישער שפראך. ערשט נאך עטליכע יאהר ענטוויקלונג שטעלט זיך דייטליך ארויס דער נאציאנאלער כאראקטער פונ'ם „בונד". אויף זיין 6־טען צוזאמענפאהר אין 1905 זאגט זיך ארויס דער „בונד", אז נאר דאס שאפען מלוכה־רעכטליכע אינסטיטוציעס אין דער פארם פון א נישט־טעריטאריאלער נאציאנאל־קולטורעלער אויטאנאמיע קאנען פערזיכערן פון רייבונגען צווישען די נאציאנאליטעטען; צו דעם צוועק דארף מען ארויסנעהמען פון דער קאמפעטענץ פון דער מלוכה און פון די לאקאלע זעלבסטפערוואלטונגס־ארגאנען פון די בעזונדערע געביטען די פונקציעס, וואס האבען א שייכות מיט קולטור־ענינים (פאלקס־בילדונג א. אז. וו.) און איבערגעבען עס דער נאציאנאליטעט אין דער פערזאן פון בעזונדערע ארטיגע און צענטראלע אינסטיטוציעס, וואס ווערען געוועהלט דורך אלע אירע מיטגליעדער. גלייכצייטיג האט זיך דער צוזאמענפאהר ארויסגעזאגט אויך געגען אריינגעהמען אין דעם סאציאליסטישען פראגראם דעם פונקט וועגען דער אונאבהענגיגקייט פון פוילען און האט בעשלאסען צו קעמפען מיט'ן ציוניזם אין אלע זיינע וואריאציעס, דאס הייסט, אויך געגען זיינע סאציאליסטישע פראקציעס.

ה.

אין יאהר 1900 איז אויך אינ'ם ציוניזם ענטשטאנען א סאציאליסטישע פראקציע, וואס האט זיך א נאמען געגעבען „פועלי־ציון"; אין 1901 האט זיך געבילדעט אין ווארשא אן ארגאניזאציע פון דערדאזיגער פארטיי. די „פועלי־ציון", הגם זיי שטעהען אויפ'ן קלאסען־שטאנדפונקט, שטרעבען זיי פונדעסטוועגען צו פערענטפערן די יודען־פראגע דורכ'ן שאפען א דעמאקראטישען יודישען צענטר אין פאלעסטינא. איהר אנשויאונג בעגרינדעט די פארטיי דערמיט, וואס ביי די יודישע מאסען ווערען, צוליעב דער ענטוויקלונג פונ'ם קאפיטאליזם און צוליעב דעם עקאנאמישען אנטיסעמיטיזם, צוועקגענומען זייערע פרנסות, זיי האבען נישט קיין צוטריט צו דער גרויס־אינדוסטריע, און דעריבער ענטשטעהט א שטארקע יודישע עמיגראציע; עס שטעלט זיך אלזא ארויס די נויטווענדיגקייט צו קאנצענטרירען די יודען אויף א בעזונדער טעריטאריע.

אונטער'ן איינפלוס פונ'ם אוגאַנדאַ-פּראָיעקט גיהען אַ טייל „פועלי-ציון" איבער צום טעריטאָריאַליזם און בילדען אַ בעזונדערע פּאַרטיי פון ציוניסטען-סאָציאַליסטען (ס. ס.). מיט אַ קורצער צייט שפּעטער אָנערקענט אַ טייל פון די „פועלי-ציון", אַז ווייטער דאַרפט-אויפגאַבע איז דער קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין גלות, ציליען וואָס זיי זאָגען זיך אינגאַנצען אָב פון דער טעריטאָריאַליסטישער און אויך ציוניסטישער טעטיגקייט (סיימאָוויצעס). אַ צ'אַנדערער טייל — די „אָרטאָדאָקסאַלע" — זעהען אידער דעם שווער-פּונקט פון דער אַרבייט אינ'ם ציוניזם, בנוגע דעם גלות, האַלטען זיי שוין די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר נישט גענוג אויף צו בעשיצען די יודישע אינטערעסען און פאָדערן ברייטערע גאַראַנטיעס פאַר דער נאַציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג. די ענדגילטיגע שפּאַלטונג צווישען די סאָציאַליסטישע פראַקציעס אינ'ם ציוניזם קומט פאָר אין יאָהר 1905.

ו.

אַ גרויסע פּאָליטישע בעדייטונג האָבען די יודישע סאָציאַליסטישע גרופּען און די דאַניג-חדשים פון דער רוסישער קאָנסטיטוציע, ווען זיי קאָנען אַרבייטען עפענטליך און אינטענסיוו, דערנאָך אָבער, דערשלאָגען דורך דער רעאַקציע, וועלכע האָט אויפגענומען ביי זיי די פעהיגסטע פיהרער, נעהמען זיי ווידער פיהרען אַ צ'אונטערערדיש לעבען, זייערע צאָהלרייכע פּראָפעסיאָנעלע פערבאַנדען און בילדונגס-אינסטיטוציעס געהען צו-גרונד, און די גאַנצע טעטיגקייט פון די פּאַרטייען בעגרענעצט זיך בלויז מיט אַרויסגעבען אַ ביסעל ליטעראַטור און אָנפיהרען דעם עקאָנאָמישען קאַמף.

דער איינפלוס פון די יודישע סאָציאַליסטען אויף די אָנשויאונגען פון די פּוילישע סאָציאַליסטען איז געווען, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, נישט קיין גרויסער. סיי די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון קרוין-פּוילען און ליטא, סיי די פּ. פּ. ס. שטעהען אייגענטליך אויפ'ן יסוד פון אַסימילאַציע. איבעריגענס, די פּ. פּ. ס. מאַכט טיילמאָל אַ קאָמפּראָמיס און אָנערקענט קולטורעלע רעכט פאַר די יודען, אָבער קיין פעסטע מיינונג, חיוב-אויס, האָט זי נישט אין דער פראַגע. צום סוף פון יאָהר 1912 האָט דער אָנגעזעהענער כתבֿ-ריעך, בראָניסלאַוו גראָסער, געפּרובט אויף די פערזאַמלונגען פון „קולטוראַ פּאָלסקאַ" און אין אַ וואָכענבלאַט, וואָס איז געשטאַנען נאָהענט צו דער אידעאָלאָגיע פון פּ. פּ. ס., צו אַגיטירען אין גייסט פון זיין פּאַרטיי, נאָר די רעדאַקציע האָט נישט מסכים געווען מיט זיין מיינונג. דאַגעגען, פאַר די וואַהלען צו דער פיערטער דומע האָט די פּ. פּ. ס. געשלאָסען מיט'ן „בונד" אַ בלאָק, לויט וועלכען דער פּ. פּ. ס.'ישער קאַנדידאַט, איינגעניר יאַגיעלאָ — וואָס איז אַדורכגעגאַנגען מיט די שטימען פון די נאַציאָנאַלע יודישע בירגער — האָט זיך מתחייב-געווען צו פערטיידיגען אין דומע אויך די קולטורעלע רעכט פון די יודען.

עס פערשטעהט זיך, דאָס אַליין האָט נאָר געהאַט אַ טעאָרעטישע בעדייטונג, וואָרום אין דער עפּאָכע פון דער רעאַקציע האָבען די פּוילישע סאָציאַליסטען קיין בעדייטענדען איינפלוס נישט געקאָנט האָבען.

קוועלען.

ש. מ. דובנאָוו — די נייעסטע געשיכטע פון יודישען פאָלק (1789–1881) פעטערבורג 1914.

יולי העססען — די געשיכטע פון די יודען אין רוסלאַנד, פעטערבורג 1914.

הילאַרי נוסבוים — די געשיכטע פון די יודען, באַנד 5, (די יודען אין פּוילען), וואַרשא 1890.

יולי העססען — די יודען אין וואַרשעווער פירשטענטום, פעטערבורג 1910.

הילאַרי נוסבוים — סקיצען פון יודישען לעבען אין וואַרשא, וואַרשא 1884.

עַרנעסט לונינסקי — בערעק יאָסעלאָוויטש און זיין זוהן, וואַרשא 1909.

מ. מסטיסלאַווסקאַיאַ — יודען אין פוילישען אויפשטאַנד פון 1831.

ג. לאַנדאַו — די פויליש-יודישע ביציהונגען, פעטערבורג 1915.

ו. מיאַקאָטין — א נייע פּאַזע אין דער יודישער פראַגע אין פוילען, פעטערבורג 1913.

קאָראָבקאָוו — דער אַנטייל פון יודען אין'ם אויסערליכען פוילישען האַנדעל, פעטערבורג 1911.

שמעון אַשכנזי — פון דער יודישער געשיכטע אין דער עפּאָכע פון וואַרשעווער פירשטענטום, וואַרשא 1912.

רפאל קעמפּנער — די גסיסה פונ'ם „קהל", 1912.

דוד קאַנדעל — די יודען בשעת'ן בילדען דאָס קאָנגרעס-קעניגרייך, 1912.

דוד קאַנדעל — פון הרב מייזעל'ס קאָרעספּאָנדענץ, 1912.

נאַטאַליאַ גאָנשאָראָווסקאַ — די יודישע צענזור אין קאָנגרעס-פוילען, 1912.

דוד קאַנדעל — דער „יודישער קאָמיטעט", 1912.

שמעון אַשכנזי — פון די יודישע ענינים אין דער צייט פון קאָנגרעס-פוילען, 1912.

דוד קאַנדעל — די פּעטיציע פון די יודען אין 1857, וואַרשא 1912.

מט. סעמפּאָלאָווסקאַ — די יודען אין פוילען, וואַרשא 1906.

קאַזימיערז באַרטאָשעוויטש — די יודישע מלחמה.

וואַלערי פּרזשיבאָראָווסקי — די געשיכטע פון 6 חדשים.

י. אַ. קליינמאַן — דער אַנטיסעמיטיזם אין קרוין־פוילען.

בערטאָלד מערווין — די יודען אינ'ם אויפשטאַנד פון 1863, וואַרשאַ 1913.

ליאָ בעלמאָנט און יערושי הוזאַרסקי — דער נצחון פון ראָמאַן דמאָווסקי, וואַרשאַ 1912.

אַלעקסאַנדער טשאַרנאָווסקי — אַ סטודיע וועגען יודען, וואַרשאַ 1880.

מ. חישניצער — אַן אַלגעמיינע איבערזיכט איבער דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער געשיכטע פון די יודען אין פוילען און ליטא, מאָסקווע 1914.

באָדועין־דע־קורטענע — צו דער יודישער פראַגע, וואַרשאַ 1913.

שמעון אַשכנזי — דער ערשטער פוילישער „ציוניסט“.

יוזעף לאַנגע — די יודען־פראַגע אַלס עקאָנאָמישע פּראָבלעם, וואַרשאַ 1914.

נ. דאַווידזאָן — די יודישע גמינע אין וואַרשאַ (יודיש), 1912.

תושב — די וואַהלען צו דער פערוואַלטונג פון דער וואַרשעווער יודישער גמינע. (יודיש)

פּ. מאַרעק — איינלייטונג צו דער געשיכטע פון די יודען אין רוסלאַנד, מאָסקווע 1914.